STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02345

ALE VERK

Samuel Leib Zitron

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. ציטראָן.

דריי ליטעראַרישע דורות

זכרונות

וועגן יידישע שריפטשטעלער.

ערשטער באַנד.

פאַרלאַג ש. שרעבערק

געזעלשאפט „צענטראַל" ווארשע

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט.

צו די לעזער . . . . I — II

I. אײזיק מאיר דיק . . . . 3 — 27

II. אליקום צונזער . . . . 28 — 54

III. יעקב דינעזאָן . . . . 55 — 104

IV. שלום יעקב אַבראַמאָװיטש (מענדעלי מו״ס) . 105 — 126

V. יצחק ליבוש פּרץ . . . . 127 — 147

VI. שלום ראַבינוביץ (שלום-עליכם) . . . . . 148 — 175

צו די לעזער.

ס'איז דאָ ערגיץ געטעס אַ ווערטל: „ווער דען דיכטער וויל פערשטעהען, מוס אינ'ס דיכטערס לאַנד געהען". די כונה דערפון איז, אַז כדי אַריינצודרינגען ווי געהעריג אין דעם קינסטלערישן מהות פון דעם דיכטער, כדי תופס צו זיין די פולע באַדייטונג פון זיין שעפערישער קראַפט, כדי צו האָבן אַ ריכטיגן באַגריף פון די אינעווייניגסטע כחות, וועלכע האָבן אים געטריבן צו זיין דיכטערישן באַרוף,—אויף דעם איז ניט גענוג צו האָבן בלויז געלייענט, דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און צו זיין באַהאַוונט אין זיינע ווערק. דערצו מוז מען נאָך אויך גענוי קענען לערנען די סביבה, אין וועלכער דער דיכטער האָט געלעבט און געשאַפן; דערצו מוז מען נאָך אויך גענוי קענען לערנען דעם מענשנ=קרייז, אין וועלכן דער דיכטער האָט זיך באַוועגט, און וועלכער האָט אויף אים אין אַ געוויסער מאָס, באַוואוסטזיניג צי אומבאַוואוסטזיניג, אין דער דער צי אין יענער הינזיכט, געווירקט.

ביי די אומות העולם, וועלכע אינטערעסירן זיך ניט בלויז מיט דער ליטעראַטור, נאָר אויך מיט אירע שעפער, ווערט שוין פון גאַנץ לאַנג באַטראַכט די פון מיר אויבנציטירטע געטעס מימרה אַלס אַקסיאָמע, אַלס גרויסער אמת. ביי זיי ווערן געשריבן איינצעלנע מאָנאָגראַפיעס און גאַנצע ביכער ניט אַליין וועגן ספרים נאָר אויך וועגן זייערע מחברים. דערצו ווערן ביי זיי אויסגענוצט פאַרשיידענע ביאָגראַפישע און מעמאָאַריסטישע מאַטעריאַלן, דורך וועלכע עס ווערט אַלזייטיג באַלויכטן די פערזענליכקייט פונ'ם מחבר, און צוגלייך מיט דעם אויך אויסגעפאָרשט די גייסטיגע דינאַמישע קרעפטן, די טרייב=פעדערן פון זיינע קינסטלערישע שאַפונגען. די דאָזיגע מאַטעריאַלן ווערן זאָרגזאַם געקליבן און צוגעגרייט אַפריהער פאַר'ן ביאָגראַף, און שוין דערנאָך פאַר דעם ליטעראַטור=היסטאָריקער.

ביי אונז שטייט נאָך לעת עתה די זאַך גאַנץ אַנדערש. מיר באַזיצן וועלכע ס'איז ביכער וועגן דער ליטעראַטור, מיר האָבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען, אויך גאַנצע ווערק, וועגן ספרים פון די און פון יענע חשוב'ע שריפטשטעלער; עס זיינען אָבער ביי אונז ניטאָ קיין ווערק, און אפילו קיין גרעסערע מאָנאָגראַפיעס, וועגן די עצם שרייבער, די באַשעפער פון אונזער ליטעראַטור. נאָך מער: מיר האָבן אפילו ניט קיין אויספירליכע, אויסשעפענדיגע ביאָגראַפיעס פון אונזערע גרעסטע און באַדייטענדסטע פאָלקס=שרייבער ווי אַבראַמאָוויטש, פּרץ, שלום עליכם א. א. דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן ביי היינטיגן טאָג אויף דעם געביט, איז נאָך זעהער אָרים און מיזערנע, און קען אין קיין הינזיכט ניט דינען אַלס וועלכער ניט איז שטיצ=פונקט פאַר דעם קומעדיגן ליטעראַטור=פאָרשער.

צו די לעזער

און ווען דער דאָזיגער געביט פון היסטאָרישער ליטעראַטור=פאָרשונג איז נאָך ביי אונז אַ קרקע בתולה, אַן אומבאַארבעטעס פעלד, איז עס נאָר מער ניט ווי צוליב מאַנגל אין מאַטעריאַל, צוליב אָרימקייט אין ידיעות און פּרטים וועגן דאָס לעבן פון אונזערע שרייבער, וועגן זייערע פאַרשיידענע איבערלעבענישן, מאַטעריעלע און גייסטיגע. עס פעלט ביי אונז יענער אינטערעס, וועלכן מיר זעהן ביי לייטן, צו קלייבן און צו זאַמלען זכרונות וועגן גרויסע שרייבער, און צו פאַרצייכענען די געשפּרעכן, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען מיט זיי צו האָבן איבער פאַרשיידענע ענינים און פאַרשיידענע אומשטאַנדן. עס ווערט ביי אונז ניט גענומען אין אַכט, אַז די זכרונות מיט די שמועסן קענען אמאָל זיין די איינציגע שליסלען צו דער קריטיש=פּסיכאָלאָגישער ערפאָרשונג פון דעם צו פון יענעם באַדייטנדן און עפּאָכעמאַכנדן שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיט דער איצטיגער פאַרעפענטליכונג פון מיינע עראינערונגען מאַך איך· אויב כ׳האָב קיין טעות ניט, דעם ערשטן פּרוב אויף דעם מעמאָאַריסטישן געביט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיינע עראינערונגען נעמען אַרום אַן ערך צוואַנציג פון די גרעסטע און וויכטיגסטע יידישע שריפטשטעלער, וואָס דאָס רוב פון זיי האָבן געהאַט אַ באַדייטונג ניט בלויז פאַר זייער צייט. דער גרעסטער טייל פון די געשעהענישן, וועלכע איך גיב דאָ איבער, האָב איך אַליין בייגעוואוינט, און די איבעריגע זיינען מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון די ריכטיגסטע מקורים, אויף וועלכע כ׳האָב מיך גאַנץ זיכער געקאָנט פאַרלאָזן. דאָס רוב פון מיינע זכרונות, באַזונדערס די דאַטן פון די פאַקטן און די שמועסן, זיינען ביי מיר פון תמיד אָן געווען פאַרצייכנט אין מיינע נאָטיץ=ביכלאַך; דאָס איבעריגע האָט מיר משלים געווען מיין זכּרון, וועלכער האָט מיר נאָך ביז אַהער קיינמאָל ניט פאַרפירט...

ווען ס׳איז פון די לעזער קען זיך, אפשר, דאַכטן, אַז דער צי יענער פּרט פון מיינע זכרונות איז פאַר דער ברייטער עפענטליכקייט ניט אַזוי אינטערעסאַנט. לויט מיין מיינונג אָבער קען אַמאָל אויך דער קלענסטער, און אין פלוג אומבאַדייטנדער פאַקט, מוסיף זיין דעם ביאָגראַף אָדער דעם ליטעראַטור=קריטיקער אַ גאַנץ נייעם און שאַרף בולט׳ן שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק און דער מענשליך=מאָראַלישער פיזיגאָמיע פון׳ם באַטרעפנדן שריפטשטעלער.

דאָס איז ביי מיר געווען דער איינציגער קריטעריום ביי׳ם צוזאַמענשטעלן און פאַרעפנטליכן פון די דאָזיגע זכרונות.

דער מחבר.

ווילנע, סוף מערץ, 1920.

אַייזיק מאיר דיק.

(געבאָרן—1807; געשטאָרבן—1893).

זעהר פרי בין איך אַ לעזער געוואָרן. נאָך קיין גאַנצע פינף יאָר ניט אַלט
געווען, ערשט אָקאָרשט=וואָס אָנגעהויבן צו לערנען חומש, האָב איך שוין מיט
גרויס חשק געלייענט יידישע מעשה=ביכלאַך. דעם דאָזיגן חשק האָב איך אי=
בערגענומען פון מיין מוטער, וועלכע איז געווען אַ גרויסע ליבהאָבערין פון
געדרוקטע מעשיות'לאַך, און תמיד, ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט,
פלעגט זי ניט אַרויסלאָזן פון האַנט דאָס יידיש ביכל. אין די לאַנגע ווינטער=
נעכט, און באַזונדערס פרייטאָג נאָך וועטשערע, פלעגן זיך ביי אונז אין שטוב
צונויפקלייבן די שכנות פון הויף, און די מאַמע פלעגט פאַר זיי פאָרלייענען
פאַרשיידענע מעשיות. פון מיין פריסטער יוגנד געדענק איך מיך אַלס איינער
פון אירע שטענדיגע און אויפמערקזאַמסטע צוהערערס. די מעשיות האָבן אויף
מיר געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, דאָס פון איינמאָל הערן האָב איך זיי שוין
געקענט כמעט אויף אויסווייניג, און אויף מאָרגן, ביים דאַוונען אין בית=המדרש,
האָב איך זיי איבערדערציילט מיינע חברים. אַז איך בין אַ ביסל עלטער גע=
וואָרן, געווען שוין אַ יינגל פון אַ יאָר 8—7, זיינען אָפט פאָרגעקומען אַזעלכע
פאַלן, ווען מיין מוטער האָט צוליב אַ וועלכע ס'איז סבה ניט געקענט פאָרליי=
ענען, און איך האָב פאַרטראָטן איר שטעל. איך דערמאָן מיך, אַז די ווייבער=
שע אוידיטאָריע פלעגט זיך מיר צורייסן לויבענדיג, און ניט איינמאָל זיך
משתדל געווען ביי מיין מוטער, דאָס זי זאָל מיר לאָזן פאָרלייענען. ס'איז גע=
קומען אַזוי ווייט, דאָס כ'בין געוואָרן מיין מאַמעס אַ רעכטער קאָנקורענט. מיט
וואָס האָט דאָס מיין לייענען אַזוי נושא חן געווען ביי אונזערע שכנות,—דאָס
האָב איך שוין היינט פאַרגעסן, מעגליך איז, אַז כ'האָב אויסגענומען ביי די
ווייבער מיט דעם, וואָס בעת מיין מוטערס שטייגער איז געווען פאַרצולייענען
פאַר זיי וואָס פאַר אַ ביכל ס'האָט זיך איר נאָר געמאַכט, האָב איך פאַר זיי

כסדר פאָרגעלייענט נאָר די וויציגע מעשה׳לאַך פון אייזיק מאיר דיק, וועלכער איז אין יענער צייט זייער פּאָפּולער געוועז צווישן די ברייטסטע יידישע שיכטן אין דער ליטע. ביי מיר איז שוין געוועזן ווי אַ חוק: יעדן פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג, צוריקגייענדיג פון חדר, אַריינצוגיין צו יודל דעם פּאַקנטרעגער און נעמען ביי אים פאַר אַ קאָפּיקע ניץ־געלט דיקס אַ מעשהלע, וועלכע איך פלעג אים היטן אָפּטראָגן בחזרה זונטאָג גאַנץ פרי גייענדיג אין חדר. אַז עס פלעגט זיך טרעפן אַמאָל אַ פרייטאָג, ווען דיקס מעשה׳לאַך זיינען אויסגעכאַפּט געוואָרן פון אַנדערע, פריערדיגע בעלנים־לעזער, און איך האָב עס שוין ניט געקענט מער קריגן, איז ביי אונזערע שכנות יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט פאַרשטערט געוואָרן זייער גאַנצער „עונג־שבת“. אַזוי, געדענק איך, פלעגן זיי זאָגן.

אַ הייסער חסיד פון דיקס מעשה־ביכלאַך בין איך פאַרבליבן אויך נאָכדעם, ווי כ׳בין שוין אַרויס פון די קינדערשע יאָרן; איך האָב זיי ניט אויפגעהערט צו לייענען אפילו אין דער צייט, ווען איך בין געוואָרן אַ ה ע ב ר ע א י ש ע ר לעזער. צווישן אַ ווערק פון מאַפּו׳ן און אַ ווערק פון סמאָלענסקינען, פלעג איך גאַנץ אָפט כאַפּן איבערלייענען אַ נייע ערציילונג פון דיק׳ן און כ׳מוז מודה זיין, אַז כאָטש כ׳האָב מיך דענסטמאָל, אונטער דעם אייַנפלוס פון די דאַמאָלסטדיגע משכיל׳שע טעאָריעס, באַצויגן צו דער יידישער שפּראַך מיט אַ גאַנץ קנאַפּער סימפּאַטיע, האָב איך דאָך דיקס ווערק געלייענט מיט דעם גרעסטן אינטערעס, און ווי נאָר כ׳פלעג זיך דערוויסן, אַז ער האָט אָפּגעדרוקט עפּעס וואָס נייעס, האָב איך עס באַלד געזוכט צו באַקומען און איבערצולייענען.

און אין אַ געוויסער צייט אַרום, בעת כ׳האָב מיר שוין געהאַט מיינע עטליכע געציילטע ליבלינגס־שריפטשטעלער, וואָס מיר האָט זיך זייער געלוסט צו קענען זיי פּערזענליך,—און אַלע ה ע ב ר ע א י ש ע, געוויינליך,—איז צווישן זיי געוועזן אויך אַ י י ז י ק מ א י ר ד י ק.

און אויב בנוגע מיינע „אויסדערוויילטע“ ה ע ב ר ע א י ש ע שרייבער האָב איך מיך אין יעדערן פון זיי געוואָלט באַקאָנען מיט דעם גרויסן מליץ, מיט דעם וואָרטקינסטלער, מיט דעם סטיל־ווירטואָז, פאַר וועלכע איך האָב זיי געהאַלטן לויט מיינע דאַמאָלסדיגע באַגריפן,—האָב איך אין דיקן געגאַרט צו זעהן דעם יידישן וועלטחכם מיט דעם פּערלדיגן מויל, וואָס אַלץ באַגרייפט ער און אַלץ נעמט ער דורך מיט אַזאַ מין וואונדערבאַרער פקחות, מיט אַזאַ אייזערנער לאָגיק.

אין מיין טאָג־ביכל האָב איך געהאַט אַריינגעטראָגן וועגן דיקן די פאָלגנדע מיינונג:

„עס טרעפט, אַז איך פרעג זיך: אין וואָס, אייגענטליך, באַשטייט דיקס טאַלאַנט? צו וועלכער קאַטעגאָריע נאָוועליסטן קענען מיר אים צורעכענען לויט די הייַנטיגע, מאָדערנע באַגריפן?—איז מיר אויף דעם שווערליך צו געפינען אַן ענטפער. פון קונסט שטייט דיק גאַנץ ווייט, קיין פּסיכאָלאָג איז ער בוודאי ובוודאי ניט; פאַר דאָס אַלגעמיין־מענשליכע האָט ער ניט קיין זין, אין די

טיפּעניש פונ׳ם יחיד׳ס נשמה מיט אירע אינעווייניגסטע איבערלעבענישן דרינגט ער ניט אַרײַן; פאַר׳ן יחיד׳ס פאַרבאָרגענע יסורים האָט ער ניט קיין אויג, און פאַר זײַן שטילן קרעכץ, האָט ער ניט קיין געהער; די געהיימניספולע שפּראַך פון דער נאַטור הייבט ער לגמרי ניט אָן צו פאַרשטיין, און דעם סוד=לשון פונ׳ם וועלט=אַל קען ער לחלוטין ניט. אין זײַנע ערציילונגען איז דיק העכט טענדענציעזער די הויפּט=ראָל שפּילט ביי אים די אידייע; דער קינסטלערישער אמת איז ביי אים נאָר אַ טפל; דעם דינעם, עדעלן שטריך קען זײַן פּענזל ניט, די פאַרבן גייען ביי אים תמיד אַרויס מגושמ׳דיג גראָב.

„איז דיק אַ פאָטאָגראַף? יאָ, אַ שטיקל. צײַטנווייס ווייזט ער זיך אַרויס פאַר אַ גאַנץ פײַנעם באַאָבאַכטער; אָפט דוכט זיך אָפּ, אַז דאָס און יענץ בילד איז ביי אים גענומען פון דער נאַטור, אַז דאָס און יענץ בילד אָטעמט מיט אמת, מיט לעבן. אָבער, בכלל, איז זײַן קאַמעראַ=אָבסקורא שוין צו פינסטערלאַך, און דעריבער קומט ביי אים אַלץ אַרויס אַביסל צו שוואַרצליך. ביי אים איז דער עיקר ניט די ערציילונג גופא, נאָר דער מוסר, וואָס עס דאַרף פון איר אַרויסגיין, און וועלכן ער לייגט אַרײַן דעם לעזער אין מויל אַרײַן.

„גיכער פאַר אַלץ לאָזן זיך דיקס ערציילונגען באַצייכענען אַלס אַ מין פובליציסטיק אין בילדער. דער פובליציסטישע עלעמענט וועגט אין זיי אַריבער דעם מאָלעריש=קינסטלערישן. זײַן פובליציסטיק איז אָבער ניט קיין טרוקענע. פון דער נאַטור איז דיק מער רעדנער ווי פובליציסט. אַ באַזונדער טאַלאַנט האָט דיק צו דעם, וואָס די פראַנצויזן רופן עס אָן „קויזעריע" — פּלוידעריי. אין זײַנע דערציילונגען ווייזט זיך דיק אַרויס אַלס זעהר אינטערעסאַנטער און אָנגענעמער פּלוידערער. ער פאַרשטייט צו פּלוידערן וועגן די פאַרשיידנסטע ענינים אינהאַלטספול, באַלערנדיג און מיט געשמאַק. זײַנע פּלוידערייען זײַנען אָפט פאַרווירצט, פאַרבשמים׳ט מיט אַ גאַנץ פײַנעם הומאָר, און אָפט מיט אַ זעהר בייסענדיגער סאַטירע. ביי דיקן זײַנען דאָ ערציילונגען, וואָס זײַנען אינגאַנצן געבויט אויף אַנעקדאָטן און אויף פאָלקסטימליכע וויצן. ביי דיקן זײַנען דאָ ערציילונגען, וואָס זייער גאַנצער צוועק איז רעכט מאַכן שווערע שטעלן אין מדרש און אין תלמוד. אויף וועלכע די גרעסטע וועלט=לומדים האָבן זיך צומאַטערט און צובראָכן די מחות יאָרן=לאַנג. און ס׳איז צו באַוואונדערן צוקוקענדיג זיך ווי אַ לעבענס=בילד, און ניט דווקא קיין גאַנצעס בילד, נאָר אַ שטיקל פון אים, אַ שטריך, טײַטשט אַיין גאַנץ לײַכט און זעהר צוטרעפנדיג די פאַרפלאָנטערסטע קאַזואיסטישע ווערטלאַך פון אונזערע תלמודיסטן. דיק איז אַ גרויסער בעל=הסבר, אַן אויסגעצייכנטער פאָפולאַריזאַטאָר, וועגן דעם טיפסטן ענין פאַרשטייט ער צו ריידן אין דער גרינגסטער, פאַרשטענדליכסטער פאָרם, און לײַכט צופּאַסנדיג זיך צו די באַגריפן פון זײַן זעהר אומאַנטוויקעלטער לעזער=פובליק. אין דיקס דערציילונגען געפינען מיר אײַנגעפלאָכטן שיינע באַטראַכטונגען וועגן ענינים פון נאַטור=וויסנשאַפט, געאָגראַפיע און געשיכטע, און וועגן

אַלץ רעדט ער זיך גאַנץ רוהיג, געלאַסן, און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוטן, אַלטן פריינד, וועלכער דערציילט ייִנגערע מענשן דאָס, וואָס ער ווייס, וואָס ער האָט געזעהן אָדער געהערט, און אַמאָל אויך געלייענט אין אַן אַנדער שפּראַך.

„באַזונדערע פּאַרדינסטן האָט דיק אויפן געביט פון דער פאָלקס-רעטעניש און פונם פאָלקס-וויץ. אין דעם פּרט איז ביי אונז דיק אַן אוניקום, אַ חד בדרא. מיט די רעטענישן און מיט די וויצן באַנוצט זיך דיק צו פאַרשיידענע צוועקן. אַמאָל דינען זיי אים אַלס כּלי-זין קעגן נאַרישע פאַרשימלטע מנהגים, וועגן וועלכע ער געפינט פאַר זיך געפערליך צו ריידן מיטן פולן מויל און באריכות; אַמאָל קעמפט ער דורך זיי מיט פאַרשיידענע זיטנפעלערן, אָדער קעגן דעם געשמאַקלאָזן אומגאַנג מיט מענשן. ביי דיקן זיינען דאָ אויך אַזעלכע וויצן, אין וועלכע עס גיסט זיך אויס די גאַנצע ערביטערונג און גאַל, וואָס ער, דער יידישער משכּיל, טראָגט אין זיין צעפּלאָגט און פאַרוואונדט יידיש האַרץ אויף זיין צייט און אויף זיין סביבה".

און ווי איך האָב שוין געזאָגט האָט זיך מיר פון מיין פריסטער יוגנט אָן זעהר און זעהר געוואָלט באַקאָנען מיט דעם דאָזיגן יידישן שרייבער—דער ערשטער, דורך וועלכן איך בין אַ לעזער געוואָרן—וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן אוצר פון פקחות, און מיט וועלכן עס דאַרף זיין אַזוי שיין און אַזוי אינטערעסאַנט זיך דורכצושמועסן...

די ערשטע געלעגנהייט דערצו האָב איך געהאַט אָנהייב ווינטער אין יאָר 1879. דאָס איז נעווען קורץ נאָכדעם, ווי כ'האָב מיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין די העברעאישע בלעטער, און האָב מיך מכין געווען אַליין אַריינצוגיין אין דער ליטעראַטור.

II.

אַריינגעפירט דעם ערשטן מאָל צו אייזיק מאיר דיקן האָט מיך דער באַוואוסטער בדחן אליקום צונזער, וועלכער האָט דאַמאָלס געוואוינט אין מינסק, און איז געווען מיינער אַ בן-עיר און אַ גוטער באַקאַנטער. טרעפנדיג זיך מיט צונזערן אין ווילנע, האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר באַקאַנט מאַכן מיט דיקן, און ער האָט מיין בקשה באַלד ממלא געווען.

דיק האָט דאַמאָלס באַוואוינט אין גרויס-סטעפּאַן-גאַס צוויי ניט קיין גרויסע צימערן מיט אַ קיך, אַפילו אָרעמליך מעבלירט, אָבער ציכטיג און זויבער אין אַלע ווינקעלאַך. מ'האָט גלייך דערקאָנט, אַז ס'איז דאָ פאַראַן אַ בעל-הבית'טע, וואָס קוקט אויף דער ריינקייט פון שטוב מיט אַ באַזונדער אויג.

בשעת מיר זיינען אַריין אין שטוב, האָבן מיר געפונען דיקן זיצנדיג אין

דיק האָט דאַמאָלס באַוואוינט אין גרויס=סטעפּאַן=גאַס צוויי ניט קיין גרויסע צימערן מיט אַ קיך, אַפילו אָרעמליך מעבלירט, אָבער ציכטיג און זויבער אין אַלע ווינקעלאַך. מ'האָט גלײַך דערקאָנט, אַז ס'איז דאָ פאַראַן אַ בעל=הבית'טע, וואָס קוקט אויף דער ריינקייט פון שטוב מיט אַ באַזונדער אויג.

בשעת מיר זײַנען אַרײַן אין שטוב, האָבן מיר געפונען דיקן זיצנדיג אין אַ סאַמעטענע יאַרמלקע איבער אַ גרויסן „מדרש=תנחומא". דיק איז שוין דאַן געווען העכער פון אַ בן=שבעים, אינגאַנצן גראָ, כאָטש מיט די פולע האָר אויפן קאָפּ. אויף זײַן פנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ מין נעימותדיקייט, וואָס פאַנגט דאָס האַרץ פונם ערשטן אויגנבליק. איך געדענק, אַז איך האָב מיך בשעת מעשה דערמאָנט אָן מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט אַ צווייטן גרויסן ווילנער זקן, מיט דעם העבראַישן דיכטער א ד ם ה כ ה ן ל ע ב נ ס אָ ן, וועלכער האָט אויף מיר דורך זײַן אויסזעהן געמאַכט זעהר אַ שווערן, און מ'קען זאָגן, אַן אָפּשטויסנדיגן אײַנדרוק.

צונזער, וועלכער איז ביזן יאָר 1870 געווען אַ ווילנער תושב, האָט זיך מיט דיקן גוט געקענט פון לאַנג אָן. מיך האָט ער פאָרגעשטעלט דיקן מיט די פאָלגנדע ווערטער:

— אַ מינסקער יונגערמאַן, וואָס הויבט ערשט אָן צו ווערן אַ שרײַבער.

— אַ לשון=קודשדיגער, געוויינליך—האָט דיק געזאָגט מיט אַ שמייכל— י י ד י ש לאָזט מען שוין פאַר מיר מיט אײַך, ר' אליקום.

— איר האָט דאָך עפּעס אַמאָל אויך אָנגעשריבן עטליכע לשון=קודשדיגע ספרים, האָב איך מיך אָנגערופן.

אויף דעם האָט דיק געענטפערט:

— ניט קיין ספרים האָב איך אָנגעשריבן, נאָר ע ק ס ע ל אַ ך, קליינינקע ע ק ס ע ל אַ ך. ספרים הייסן: אַ „כוזרי", אַן „עקידה", אַ „מאור=עינים" וכדומה; מ י י נ ע לשון=קודשדיגע חבורים זײַנען בלויז „שְׁוָרִים"=ל אַ ך...

דאָ האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט מיט זײַנע „עקסעלאַך".

דאָס געשפּרעך איז דערפון אַריבער וועגן דרוקן און אַרויסגעבן העבראַישע ווערק. דיק האָט דערציילט זעהר אינטערעסאַנטע פאַקטן מכח די געברענטע ליידן, וואָס די ליטווישע מחברים פון די העבראַישע השכלה=ביכלאַך פלעגן אין די פערציגער און פופציגער יאָרן האָבן אויסצושטיין פון די צוויי דרוקן, דער ווילנער און דער זשיטאָמירער, וואָס זייערע בעלי=בתים, העכסט פאַנאַטישע לייט, האָבן באַטראַכט אַלע לשון=קודשדיגע ווערק פאַר אפּיקורסישע זאַכן, און האָבן זיי בשום אופן ניט געוואָלט דרוקן. ס'איז אַמאָל געווען אַ מעשה, אַז איינער אַ מחבר האָט געסטראַשעט דעם זשיטאָמירער דרוקער, דאָס ער וועט אים צווינגען דורך דער מאַכט צו דרוקן זײַן ספר, און דער דערשראָקענער מדפיס האָט געכאַפּט און אויסגעקויפט זיך בײַ אים פאַר אַ שיינער מטבע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָר רוב מחברים פלעגן מוזן

דרוקן זייערע ספרים אין וואַרשע אָדער אין קעניגסבערג און ווערן דערפון בדיל־הדל.

— כ׳האָב שוין אַמאָל אָנגעמערקט — האָט דיק פאַרענדיגט זיין ערציי־לונג — אַז אַלץ אונזערע יידעלאַך זאָלן לעבן. טאָמער ווערט טייערער אַקציז פון בראַנפן, זיינען זיי באַלד אויף דעם מרעיש עולם און צוקערן, ממש, וועלטן און לויפן זיך קלאָגן פאַר דער רעגירונג, און טאָמער האָבן מיר אַזעלכע מדפיסים, וואָס ווילן ניט וויסן פון השכלה און דרוקן קיין זאַך ניט אויסער סדורים מיט שס׳ן, איז וועגן דעם קלאָגט זיך גאָר קיינער ניט; עס זאָל דאָס גאָר זיין זייער לעצטע באָבעס דאגה. אַ שיין פאָלק זיינען מיר געוואָרן! בראַנפן יאָ, און קיין השכלה־ספרל ני ט...

נאָך אַ קליינער פויזע האָט דיק אַ זאָג געטאָן:

— מחשבותן, ר׳ אליקום, מיר זיינען דאָך שכנים...

— איך מיט אייך שכנים? ווי אַזוי? — האָט אים צונזער געפרעגט — אפשר אַמאָל?

— שכנים היינט, היינט; אין — בית־מדרש...

— אין בית־מדרש? איר אין ווילנער און איך אין מינסקער?

— כ׳האָב אַ קליינעם טעות געהאַט; כ׳האָב געוואָלט זאָגן: שכנים אין פאַ־ליש...

ניט צונזער און ניט איך האָבן פאַרשטאַנען וואָס דיק וויל דאָ דערמיט זאָגן, און האָבן אים אָנגעקוקט העכסט פאַרוואונדערט.

— וואָס איז אַקאָרשט אַ פאָליש? — האָט דיק געזאָגט און האָט זיך דערביי זיס צושמייכלט — אַ פאָליש איז אַן אָרט האַלב גאַס און האַלב שטוב, און אין דעם אָרט שטייען מענטשן און טוען, דאַכט זיך, אַיין זאַך: שאָקלען זיך. אָבער דערביי טוט איינער אַ געשריי „הודו" און דער צווייטער ענטפערט אים „יהי כבוד", און דער דריטער קנאַקט „אָז ישיר" און דער פערטער פאָרט גאָר אַרויס מיטן לאַנגן „והוא רחום", און אַזוי טומלט זיך און רעש׳ט זיך און איינער הערט ניט דעם אַנדערן, און איך, אייזיק מאיר דיק, טאַקע ווי איך זאָג אייך: א—י—י—ז—י—ק מ—א—י—ר ד—י—ק און ניט אמ״ד, מיט אייך, ר׳ אליקום צונזער, שטייען אינמיטן און שאָקלען זיך אויך בצבור...

מיר האָבן נאָך אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דיק איז דאָ אויסן. אליקום האָט אין אים אויסגעגלאָצט אַ פאָר גרויסע אויגן, און איך אויך דאָס גלייכן.

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ אליקום! — האָט דיק אויסגערופן — וואָס פאַר־שטייט איר דאָ ניט? מיר שאָקלען זיך, אפשר, ניטביידע עם כל הנערים אין ראַדקינזאָנס „קול־לעם"?

דאָ האָט זיך אונז ערשט אויפגעקלערט די רעטעניש.

„קול־לעם" — דאָס איז דער נאָמען פון אַ יידישעס וואָכנבלאַט, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין די מיטעלע 70־ער יאָרן אין קעניגסבערג אונטער דער

רעדאַקציע פון מיכאל לוי ראַדקינזאָן, אַ מענש, וועלכער האָט געשמ׳ט אין זיין צייט ניט פאַר קיין גאַנץ ליכטיגע פּערזענליכקייט. דאָס איז געווען אַ מאַן, אמת אַן ענערגישער, אָבער מיט ווייניג וויסן און מיט קרעמערשע אידעאַלן, און דאָך האָט ער פאַרשטאַנען צוצוציהען צו זיינע ביידע בלעטער (ער האָט אַרויסגעגעבן צוויי מאָל אין דער וואָך אויך דעם העברעאישן בלאַט „הקול״) אייניגע פון די בעסטע העברעאישע און יידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט, און צווישן זיי אויך דיק און אליקום צונזער.

— ווי עס ווייזט אויס — האָט צונזער געזאָגט — זייט איר, ר׳ אייזיק מאיר, ניט אַזוי שטאַרק צופרידן מיט דעם „קול לעם״?

— עס הייסט ניט צופרידן? — האָט דיק געענטפערט אין אַן ערנסטן טאָן — איך וואָלט עוקר מן השרש געווען דאָס בלאַט מיט זיין רעדאַקטאָר צוזאַמען!

— וואָס האָט איר צו זיי? — האָט אים אליקום געפרעגט.

— סטייטש, וואָס האָב איך צו זיי? — האָט דיק אויסגעשריען — קודם כל האָב איך צו אים, צום רעדאַקטאָר. אַ מענש פאָרט אַראָפּ אין ווילנע, טוט מיר אָן כבוד און גייט צו מיר אַריין און בעט מיר, כ׳זאָל אים געבן אַ זאַך פאַר זיין צייטונג; וואָס — מאַכט אים ניט אויס, אַבי געבן; און שכר — וויפל אירווילט אַליין, ער דינגט זיך גאָר ניט. האָב איך גראָד אין מיין שופלאָדל געהאַט אַ פאַרטיגע געשיכטע באַאַרבעט נאָך דעם פראַנצויזישן אָריגינאַל, „די שטאָט-מיידל העלענקע״ האָט זי געהייסן, און האָב זי אים דערלאַנגט באַלד אויפן אָרט מיט די דאָזיגע ווערטער: פאַניע רעדאַקטאָר! מילא, שכר ווי שכר, דאָס איז שוין אייער זאַך; אין ערגסטן פאַל בין איך מרוצה, אַז איר זאָלט מיר געבן דאָס, וואָס אייער בעל-דבר, צעדערבוים, האָט מיר געגעבן פאַר אַלע מיינע זאַכן אין זיין „קול מבשר״: אַ צעטל אויף „לכשירחיב״. איך גיב אייך אָבער אָפּ אין אייערע הענט מיין „העלענקען״, נאָר „ברחל בתך הקטנה״, לאָה די גרויסע״, אַז מיין נאָמען זאָל אויף איר ניט געדאַכט ווערן, נאָר פּראָסט „א מ ״ד״. האָט מיר ראַדקינזאָן בשעת מעשה אַ פרעג געטאָן: „איר שעמט זיך דאָס אַזוי מיט מיין „קול לעם״? אין מיינע בלעטער אַרבעטן דאָך די גדולי סופרי-הדור! וועמען געפינט איר ביי מיר ניט? אַ „ליליענבלום, אַ יהלל, אַ ד״ר קאַמינער, אַ איו״ב ממינסק און נאָך און נאָך אַזעלכע גרויסע״. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט: יאָ, גאַנץ ריכטיג; איך זע טאַקי אין אייערע בלעטער אַ סך פון אונזערע „חכמים ונבונים״, און וואָס זאָל איך מיך דאָ לייקענען? אַזאַ איינער ווי איך, אייזיק מאיר דיק, איז אפשר, באמת, געגן יעדערן פון אייערע מיטאַרבעטער כקליפת-השום. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, און וואָס קען איך כאָן, אַז אַזוי איז שוין מיין שטייגער פון צענדליגער יאָרן. נעמט, אַדרבה, זוכט אין מיינע צוויי הונדערט ביכלאַך, וואָס איך האָב ביז היינטיגן טאָג אַרויסגעגעבן, אויב איר וועט כאָטש אויף איינעם פון זיי געפינען מיין נאָמען, באַר אַלין: אמ״ד און אמ״ד. ס׳איז שוין אַזוי מיין מנהג מקדמת דנא, און איצ-

טער אויף דער עלטער וויל איך אים ניט ברעכן.—אָט אַזוי האָב איך מיט ראַדקינזאָנען אַריינגעטענהט, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיר מבטיח געווען אָנצורופן מיך אונטער מיין ערציילונג: „א מ ״ ד״ לויט מיין פאַרלאַנג.

— היינט שטעלט אייך פאָר מיין פאַרדרוס—האָט אונז דיק ווייטער דערציילט, און אין זיין קול האָט אָפּגעקלונגען אַ באַזונדער נערוועזישקייט— אַז איך גיי אין אַ פּאָר וואָכן אַרום צופעליג אַריין צו ר׳ מתתיהו שטראַשון און געפין ליגנדיג ביי אים אויפן טיש דעם לעצטן נומער „קול לעם״ מיט דעם ערשטן קאַפּיטל פון מיין „העלענקען״, און אונטן איז געחתמעט מיט גרויסע אותיות: א. מ. ד י ק! אַ צוקאָכטער בין איך געוואָרן. סטייטש, אַזאַ נבלה, אַזאַ נבלה! כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן דעם ר׳ מיכאל לוין אַ בריוול און האָב אים, ווי מ׳זאָגט, גוט אויסגעשייגעצט פאַר ניט האַלטן קיין וואָרט און האָב אים באַפוילן תיכף אויפצוהערן דרוקן מיין ערציילונג. ער האָט מיר אָבער געהערט ווי דעם קאָטער, און האָט זיך ווייטער געדרוקט די ערציילונג כסדר וואָך פאַר וואָך און אַלץ מיט דער גרויסער חתימה: „א. מ. ד י ק״. איך האָב אים געגומען פאַרוואַרפן מיט בריוו, און אין איטליכן פון זיי בין איך געוואָרן אַלץ מער דרייסטער און מער אָפּגעשעמטער און האָב אים אַרויסגעזאָגט אָט דאָס, וואָס ביי מיר האָט אויפגעקאָכט אויפן האַרצן. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. ר׳ מיכאל לוי, ווי ניט אים מיינט מען דאָס, האָט זיך געטאָן זיין זאַך און ווייטער געדרוקט מיין ערציילונג. אָט בין איך זיך אַמאָל מישב און פרוב אַריינגיין צו זיין שווער. בוודאי האָט איר פון אים געהערט—ווי הערט מען דאָס ניט פון אַ רעדאַקטאָרס אַ שווער?—מ י כ ל צ י פ ק י ן האָט ער געהייסן, געווען כל ימיו אַ חלפן און געהאַלטן אַ געלט-קאַנטאָר אויף דייטשע גאַס. צו ד ע ם מיכל ציפּקין בין איך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריין, און האָב אים דערציילט דעם גאַנצן ספור-המעשה און אויסגעלאָזן פאַר אים כל חמתו אויף זיין איידים דעם רעדאַקטאָר און געבעטן, אַז ער זאָל אויף אים גוזר זיין מיט דער גזירה פון כיבוד שווער און שוויגער, ער זאָל תיכף-ומיד אויפהערן צו דרוקן די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך פון „העלענקען״. מיכל ציפקין האָט מיר אויסגעהערט גאַנץ רוהיג און האָט מיר דערנאָך אָפּגעענטפערט: „ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, אַז מיינע גזירות וועלן אויף אים ווירקן, וואָלט איך אויף אים דאַן גוזר געווען פיל אַנדערע זאַכן, און, האָט מיר קיין פאַראיבל ניט, נאָך אפשר פיל בילכערע פון אייער אינטערעס״. האָב איך ציפקינען געפרעגט: וואָס קען שוין זיין בילכער ווי אויסמוסרן אַן איידים, אַז ער זאָל ניט זיין קיין יונגאַטש? דאָ האָט מיך ציפקין אָפּגעפירט אָן אַ זייט און אַיינגעראָמט מיר אין אויער: „נאָר אייך, ר׳ אַייזיק-מאיר, פאַרטרוי איך דעם סוד; וואָלט איך נאָר געקענט גוזר זיין אויף מיין איידים, וואָלט איך אויף אים די ערשטע זאַך גוזר געווען וואָס ווייניגער צו שלאָגן מיין טאָכטער, און וואָס מער צו געבן איר אויף ברויט״... הערנדיג, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ רעדאַקטאָר בישראל, וואָס גיט דער ווייב דעם קלאַפּ, האָב איך שוין מער וועגן מיין ענין ניט גע-

פּרובט ריידן, און האָב מיך מכין געווען אַוועקצוגיין. שטייענדיג שוין ביים טיר, גיט צו מיר מיכל ציפּקין אַ זאָג: „פּרובט, זייט מוחל, גייט אַריין אין צווייטן צימער; דאָרטן זיצט אַ יונגערמאַן, זיין פאַמיליע איז קאַפּלאַן*), און איז דער הויפּט=אַגענט פאַר גאַנץ רוסלאַנד פון „הקול" מיטן „קול לעם". דער קאַפּלאַן האָט גראָד אַ שטיקל ווירקונג אויף מיין איידים; דערציילט אים די מעשה, אפשר וועט ער אייך אין דעם עפּעס קענען העלפן". כ׳בין תיכף אַריין צום יונגנמאַן אין צימער, האָב אים איבערגעגעבן מהחל ועד כלה דעם גאַנצן ענין, און געבעטן אים זעהן פועלן ביי ראַדקינזאָנען, אַז ער זאָל אויפהערן צו דרוקן מיין „העלענקען". און אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע געדיכטע פון דער געשיכטע. וואָס אַ יידישער רעדאַקטאָר, וועלכער שלאָגט אַ ווייב, ניט קען?!...

דיק איז אויף איין אויגנבליק אַנטשוויגן געוואָרן, און זיך תיכף צוריק=געקערט צו זיין ערציילונג:

— נאָכדעם ווי דער יונגערמענש, דער קאַפּלאַן, האָט געהערט פון וואָס דאָ האַנדלט זיך, איז ער עפּעס, ווי ס׳האָט מיר דאַן אויסגעוויזן, אַ ביסל צו=מישט געוואָרן. אויף אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרקלערט—האָט זיך, אַפּנים, מישב געווען וואָס צו זאָגן—און צום סוף געענטפערט: „קודם כל דאַרף איך אייך בעטן טויזנטער מאָל מחילה". איר מיר?—האָב איך אים איבערגעשלאָגן די רייד שטאַרק ערשטוינט—ווי אַזוי און פאַרוואָס?—„ווייל אין אייער סכסוך מיט ראַד=קינזאָנען טראָג איך אויך אַ שטיקל שולד",—איז געווען דעם יונגנמאַנס תשובה. פרעג איך אים: איר? ווי קומט דאָס?—האָט ער מיר געגומען דערציילן אַזאַ ספור=המעשה: „ס׳איז שוין אָנדערטהאַלבן יאָר אַן ערך ווי ראַדקינזאָנס געשעפטן זיינען זעהר שלעכט. ביידע בלעטער האָבן אַ קליינע צאָל אַבאָנענטן, וועלכע דעקן ניט אפילו אַ העלפט פון די הוצאות, דער דעפיציט וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און אַזוי אַרום וועלן זיך די צייטונגען מוזן פאַרמאַכן. אָט איז ראַדקינזאָן געפאַלן אויף אַ פאַל צוצוציען דעם באַוואוסטן מענדעלי מוכר ספרים אַלס צווייטן רעדאַקטאָר פון זיינע ביידע בלעטער, כדי צו הויבן דורך דעם זייער טיראַזש. דער ענין האָט זיך אים איינגעגעבן. אַבראַמאָוויץ, וועלכער האָט זיך געפונען אין זעהר אַ טרויעריגן מאַטעריעלן מצב, האָט אויף דעם מסכים געווען. ער איז זיך שוין מיט ראַדקינזאָנען צונויפגעפאָרן קיין קיעוו, וואו זיי האָבן זיך געדאַרפט אָפּשרייבן, און מ׳האָט שוין וועגן דעם מודיע געווען אין די צייטונגען. מיט אַמאָל האָט אָבער אַבראַמאָוויץ חרטה געקראָגן אויפן שידוך. מ׳זאָגט, אַז לייט האָבן פאַר אים אָנגערעדט אויף ראַדקינזאָנען. וואָס טוט ראַד=קינזאָן? ער האָט גענומען אָנוואַרפן אַ פחד אויף אַבראַמאָוויצן, אַז טאָמער גייט

---

*) דער דאָזיגער יונגערמאַן איז דאָס אליעזר קאַפּלאַן, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין די ציוניסטיש-נאַציאָנאַליסטישע קרייזן אַלס הויפּט-גרינדער און פירער פונם העברעאישן ביכער-פאַרלאַג „אחיאסף" און אַלס באַדייטנדער עסקן אויפן געביט פון דעם יידישן איבערזעצונגס געדאַנק.

ער מיט אים ניט אַריין אין געשעפט, האָט ער שוין אַנדערע שריפטשטעלער, און אויך גרויסע מפורסמים, וועלכע זיינען קאַפּאַבל אַ ליאַדע טאָג אַריינצו־טרעטן אַלס צווייטע רעדאַקטאָרן אין זיינע צייטונגען. ווי מיר שיינט, זייט איר אויך איינער פון יענע מפורסמים, מיט וועלכע ראַדקינזאָן האָט דאָס גע־סטראַשעט אַבראַמאָוויצן. אַ ראיה דערצו האָב איך פון דעם, וואָס ראַדקינזאָן האָט מיר די לעצטע צייט שוין עטליכע מאָל געבעטן צו באַזוכן אייך און אי־בערצורעדן מיט אייך וועגן דעם דאָזיגן ענין. עס קען גרייליך זיין, אַז דאָס איז אויך געווען די סבה פון דעם, וואָס ראַדקינזאָן האָט עובר געווען אויף זיין וואָרט און האָט אונטערגעשריבן אונטער אייער ערציילונג אין „קול־לעם" אייער גאַנצן נאָמען, כדי די וועלט זאָל זעהן, און דער עיקר אַבראַמאָוויץ, אַז איר זייט זיינער אַ מיטאַרבעטער. איך בין אָבער צו אייך ניט געגאַנגען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ס'וועט דערפון גאָרנישט גיט אַרויסקומען, און האָב אייך אומזיסט ניט געוואָלט דרייען דעם קאָפּ". אַזוי האָט מיר דערציילט דער יונגערמאַן. וואָס זאָגט איר פאָרט, ר' אליקום, צו דעם איינפאַל פון אונזער רעדאַקטאָר צו באַנוצן זיך מיט מיין נאָמען, כדי צו כאַפּן אַבראַמאָוויצן אויף דער וועגטקע?

איך געדענק, אַז אליקום האָט געפּרובט פאַרטיידיגן ראַדקינזאָנען און האָט געזאָגט:

— אַלץ צוליב דער ביטערער פרנסה; אַ רעדאַקטאָר, און אפילו פון צווי צייטונגען, דאַרף אויך עסן.

דאָ האָט זיך דיק אַ כאַפּ געטאָן מיט אַן אויסגעשריי:

— פרנסה, זאָגט איר? לאָז ער גיין האַקן האָלץ, לאָז ער גיין טראָגן וואַסער, לאָז ער זיך ערגעץ שטעלן פאַר אַ משרת? בישקשה, ער האָט נאָך גע־נוג כח, איז אַ יוד אַ גבר... ווי קומט אַזעלכער צו זיין אַ רעדאַקטאָר? אַ מענש אַ רוצח, וואָס ממית'ט דער ווייב און גיט איר ניט עסן, ווי קומט ער צו זיין אַ מורה־דרך? ווי קומט אַזויגער אונז צו לערנען שטאַט, מענשליכקייט? ביי וועלכער אומה ולשון קען דאָס גאָר זיין געמאָלט?

— דאָס איז נאָך אָבער ניט גאָר—האָט דיק פאַרענדיגט—דער סוף איז געווען, אַז קומענדיג אַהיים האָב איך מיך תיכף אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן צווי בריוו: איינער צו ר' מיכאל לוי'ן און דעם צווייטן צו אַבראַמאָוויצן. ר' מיכאל לוי'ן האָב איך געשריבן, אַז ראשית דאַנק איך אים אָפּ פאַרן גרויסן כבוד, וואָס ער וויל מיר אָנטאָן; והשנית בין איך אים מודיע, אַז מיר איז גאַנץ גענוג מיין פּופּציגיאָריגע קרוין פון אַ „סופר סתם", און צו טיילן זיך מיט אים זיין רעדאַקטאָרן־קרוין האָב איך קיין שום תשוקה ניט; והשלישית, ערלויב איך ניט אויף קיין פאַל צו מאַכן מיין נאָמען פאַר אַ האַנט־טוך, מיט וועלכן ידים טמאות—אַזוי האָב איך אים געשריבן מפורש: ידים טמאות!—זאָלן זיך אָפּווישן; און והרביעית, פאָדער איך פון אים, אַז ער זאָל מיר מער אין דעם רייסטער פון זיינע מיטאַרבעטער ניט אַריינשטעלן. און אַבראַמאָוויצן האָב

איך געשריבן, אַז אַ ייד אַ זקן פון אַ בן=שבעים ווי איך בין, וואָס שטייט שוין מיט אײן פוס פון יענער זייט, קען מיט דער אַנדער פוס קיינעם ניט שטיין אין וועג, און בכן האָט ער פאַר מיין קאָנקורענץ גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. נאָר בדרך חברשער פריינדשאַפט גיב איך אים אַן עצה, ער זאָל זיך למען=השם ולמען=השם מיטן שאַרלאַטאַן ניט פאַרדרייען, וואָרום סוף כל סוף וועט ער פון אים גוט ניט אָפשניידן. אינטערעסאַנט איז אַבראַמאָוויצעס תשובה. „דער מזל פון אַ יידישן שרייבער—אַזוי האָט מיר אַבראַמאָוויץ געענטפערט—איז פאָרט ניט קיין קליינינקייט. ניט באַשערט געווען מיר צו דאַרפן איבערחזרן יעדן טאָג דעם ביטערן אויסגעשריי: „אוי לי, שנתתי מפתי לעם הארץ!”...*)

אַבראַמאָוויצעס לעצטע פראַזע האָט געגעבן אונזער געשפּרעך אַ נייע ווענדונג. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט וועגן דעם, צי איז ראַדקינזאָן באמת אַן עם=הארץ. צונזער האָט געטענהט, אַז דער מחבר פון אַזוינע ספרים ווי: „ספורי=צדיקים”, „תולדות בעלי=שם=טוב” און „תולדות עמודי=חב״ד” קען בשום אופן ניט זיין קיין עם=הארץ. איך האָב אונטערגעהאַלטן צונזערס מיינונג, און וועלנדיג דערביי אַרויסווייזן מיין בקיאות האָב איך דערמאָנט, אַז ראַדקינזאָן האָט פאַרפאַסט אויך אַזעלכע ספרים ווי „שו״ת אבן מיגאַש” און „פרדס הגדול וספר האורה לרש״י”. דיק האָט דאָ אַרויסגעזאָגט גאָר אַן אַנדער מיינונג:

—פון ראַדקינזאָנס ספרים—אַזוי האָט דיק געזאָגט—איז נאָך אַלץ גאָר קיין ראיה ניט, אַז ער איז ניט קיין עם=הארץ. ביי אונז יידן קען מען אָנשרייבן כאָטש טויזנט ספרים, און זיין פונדעסטוועגן אַן עם=האָרץ שבעמי=ארצים. און פאַרוואָס זאָל דאָס, אייגענטליך, אַ מחבר ניט קענען זיין קיין עם=הארץ? ווער לאָזט עס אים ניט? דאָס פּאַפּיר? דער טינט=און=פעדער? דער דרוק? איר וועט, אפשר וועלן אָפּלייקענען, אַז ביי אונז זיינען דאָ מחברים, וואָס הינקען אויף עברי? און, בכלל, דאַרפט איר וויסן, אַז אַזאַ אַבראַמאָוויץ זאָגט „עם=הארץ” איז—„עם=הארץ”, כאָטש גיי און שריי: חי וקים! כ׳וויל מיר דאָ אָבער ניט אַריינ=לאָזן אין חקירות וועגן ראַדקינזאָנס עם=הארצות׳קייט. זאָגן וועל איך אייך נאָר אײן זאַך: אין געשמאַקלאָזיגקייט, אין אומעסטעטישקייט, איז ראַדקינזאָן ממש אַ פענאָמען. אָט וועל איך אייך ווייטער דערציילן אַ מעשה, וואָס עס האָט פּאַסירט מיר אַליין מיט דעמזעלביגן ראַדקינזאָנען, און אַלץ צוליב דעמזעלביגן „קול=לעם”.

— די מעשה איז אַזוי געווען—האָט דיק אָנגעהויבן—: איר ווייסט דאָך, מן הסתם, אַז איך האָב אַמאָל האַלט צו זאָגן אַ וויץ, אַן אַנעקדאָט, אַ גלייכווערטל. עס איז דאָך קיין תכלית ניט תמיד צו זיין נאָר אַ מאָראַליסט, אַ מוסר=זאָגער, אַ מגיד מישרים. גענוג זיינען אונזערע יידן פאַרצאָגט, פאַרכמאַרעט אין גאַס, פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דאָס אַמאָל ניט פאַרגינען קיין שמייכל, קיין

*) אַ באַקאַנטער ווערטל פון אַ געוויסן תלמודיסטן, און באַטייט אין יידיש: „ווי איז מיר, וואָס כ׳האָב געגעבן פון מיין ברויט צו אַן עם-הארץ”.

געזונטן געלעכטער? איר ווייסט, אַז מ׳האָט שוין ביי אונז כמעט ווי פאַרגעסן לאַכן? לאַכן דאַרף בלויז איוואַן, אָדער סטאַש, און ר׳ ישראל דאַרף נאָר טאָן איין זאַך און קרעכצען. איך וויל אָבער, אַז אונזער ר׳ ישראל זאָל זיך אויך אויסלערנען לאַכן, אָט טראָג איך אים אָפּט אונטער אַ מאָל אַ בינטל וויצן, אַ מאָל אַ פעקל אַנעקדאָטן און אַלערליי מילתא דבדיחותא בכלל, און — יידן לאַכן, און אַז אַ יידלאַכט, דאַרפט איר וויסן איז דאָס ניט אַ געלעכטער גלאַט אין דער וועלט אַריין, איז דאָס ניט קיין חוצפה׳דיגער גוי׳אישער געלעכטער: חאַ! חאַ! חאַ! און יוצא, נאָר אַ געלעכטער מיט אַ פּשט׳ל, מיט אַ שטיק תורה. איך זאָג דאָס אייך אַנטקעגן דעם, וואָס תמיד בין איך געווען אָפּגעלייגט אויף קלייבן וויצן. אָט האָב איך צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציג, און אפשר מיט די גאַנצע דרייסיג, פאַרפאַסט אַ קליין וויצן־ביכעלע, וועלכן כ׳האָב געגעבן אַ נאָמען: „דער דריילינג“. דאָס ביכל איז אַ מין רשימה פון ווערטלאַך, וועלכע הויבן זיך אַלע אָן מיטן ציפער „דריי“, למשל: „דריי רייסן פון זיך די הויט: א) ווער עס האָט פאַרגעסן אַן עירוב־תבשילין צו מאַכן; ב) ווער עס האָט פאַרגעסן ביי׳ם פריץ אַ גרעסערן מקח צו בעטן; ג) אַ קרעציגער קלויזניק“. אָדער אַ צווייטן משל: דריי זאַכן בעט אַ ייד מיט מיט העזה: א) אַ שמעק טאַבאַק; ב) אַ שטיקל זייף אין מרחץ; ג) דעם לולב צום אתרוג־בענטשן“. און נאָט אייך שוין אַ דריטןביישפּיל: „צו דריי שדים העלפט ניט קיין מזוזה: א) צו אַ ווייב אַ מרשעת; ב) צו אַ בעל־דרשן מיט אַ כתב; ג) צו אַ שלעכטן מלוה מיט אַ וועקסל“ א. אַ. וו. א. אַ. וו.

— מיר דאַכט — האָט זיך צונזער אָפּגערופן — אַז כ׳האָב דאָס דאָ ניט לאַנג ערגיץ געזעהן געדרוקט.

— וואָס הייסט אייך דאַכט? — האָב איך אַ זאָג געטאָן — דאָס איז דאָך געווען ערשט מיט עטליכע וואָכן צוריק אין קול־לעם“?

— איילט זיך נאָר ניט; וואָס האָבן דאָס יידן אַזוי קיין צייט ניט? — האָט אויף דעם דיק געענטפערט — מיר וועלן נאָך צו דעם אויך קומען. כ׳האָב אָנגעשריבן מיין „דריילינג“, בין ניט איבעריג־וואָס געווען פון אים קאָנטעט, און האָב אים אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט, אָט לאָז זיך וואַלגערן; ס׳וועט קומען זיין „יבוא יומו“, און האָב אַזוי אָן דעם דאָזיגן כתב־יד מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרגעסן. דאַרף זיך טרעפן, אַז מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ נומער „קול לעם“, און איך געפין אין אים מיין פאַרלעגענע סחורה מיט אַ שנוי השם; ניט קיין „דריילינג“ הייסט עס שוין, נאָר „די דריי זאַכן“, און געחתמעט אויף דעם איז עפּיס איינער מיט אַ ראשי־תיבות יו״נ. כ׳האָב מיר געגומען ברעכן דעם מח, ווער קען דאָס זיין דער דאָזיגער יו״נ, און ווי אַזוי קומט אַזוינער צו מיין מיט אַ סך יאָר צוריק אָנגעשריבענעם כתב־יד? און האָב דאָס בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין. נעם איך און שרייב אָוועק אַ בריוול צו ר׳ מיכאל לוי, און פאָדער פון אים אַן ערקלערונג. ענטפערט ער מיר ניט, ווי זיין שטייגער איז. די זאַך איז מיר ערשט אויפגעקלערט

) נפך געוואָרן אין אַ וואָכן דרײַ אַרום דורך אַ הודעה, וואָס אייער מינסקער נפך — דער איז דאָס דער יז״ב — האָט אָפּגעדרוקט אין „קול לעם". אין דער הודעה זאָגט ער, אַז דער מחבר פון "די דרײַ זאַכן" איז ניט ע ר, יז״ב, ווי ס׳איז געוועזן בטעות געדרוקט אין „קול לעם", נאָר אַן אַנדערער, אײַנער אַ „D. L." און דווקא אין לאַטײַנישע אותיות, און אַז דער דאָזיגער D. L. איז ניט קיין פּשוטער בשר־ודם, ווי איך מיט אײַך, נאָר אַ מענש מיט אַ גרויסן פּעקל אויסערגעוויינליכע מעלות: ערשטנס, האָט ער מיט סך יאָר צוריק געשטריטן מיט דער פינסטערניש, צווייטנס, איז ער געווען אַ פּאָרשטייער פון ראַבינער־שול, דריטנס, האָט ער געדרוקט אַ העברעאישעס ווערק, און פערטענס, וועט אינגיכן אין „קול לעם" זײַן געדרוקט זײַנער אַ זשאַרגאָנישער חבור. לויט ד י סימנים, און באַזונדערס די ערשטע דרײַ, האָב איך תיכף פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיגער לאַטײַנישער D. L. איז דער באַוואוסטער, מיט זיבן יאָר צוריק פאַרשטאָרבענער מינסקער משכיל ר׳ ד ו ד ל ו ר י א, דער מחבר פון „עומר בשדה". מיט דעם דאָזיגן דוד לוריא האָב איך מיך גוט געקאָנט פון כמה יאָרן, און תמיד ווען ער פלעגט נאָר קומען קיין ווילנע, פלעגט ער מיך באַזוכן. מײַן מח האָט אָבער ניט געקענט תופס זײַן, ווי אַזוי איז ער געקומען צו מײַן „דריילינג", אדער, ווי אַזוי איז מײַן „דריילינג" געקומען צו אים? סײַדן, אַז איך האָב אים אַמאָל געגעבן מײַן ווערקל אויף דורכצולייענען, און ער האָט גענומען און האָט עס איבערגעשריבן בײַ זיך לזכרון ניט פאַרצייכענענדיג דערבײַ מ י י ן נאָמען, און אַ גוטער פרײַנד ווי אייער יז״ב, האָט עס איצטער געפונען צווישן זײַנע כתבים, און האָט מיט דעם מזכה את הרבים געווען. איך געדענק דאָס אבער ניט. נאָר ניט דאָס איז דאָ נאָך דער עיקר. דער עיקר איז, אַז אין מײַן „דריילינג", ווי ער איז געדרוקט אין „קול לעם", האָב איך געפונען פיל פ ר ע מ ד ע טפּשות און נבול־פּה, באופן, אַז מ׳דאַרף רויט ווערן פאַר בושה, און ס׳איז, ממש, אַ חרפה דאָס בלאַט אין האַנט צו נעמען. ווּעמעס האַנט עס שטעקט אין דעם, — ווייס איך ניט. דוד לוריא׳ס — געוויס ניט; דאָס איז געווען אַ מענש מיט זייער אַ הויך אַנטוויקלטן עסטעטישן געשמאַק, און דערצו נאָך אַ גרויסער ערליכער מאַן. זאָל דאָס זײַן אַ „נ׳פ׳ך" פון אייער מינסקער נ׳פ׳ך,) דער מביא לבית הדפוס? — גלויבט זיך מיר עפּיס אויך ניט; גיכער איז דאָס אַ שטיקל אַרבעט פון דעם אָדון הרעדאַקטאָר בכבודו ובעצמו. אַזוי האָב איך דאַמאָלס געטראַכט, און ס׳איז בײַ מיר געבליבן צו מאַכן אַ גרויסן שווײַג, כדי ניט פונאַנדערצורירן די בלאָטע. איך האָב זיך נאָר געקליבן אויסצובטל׳ען אַלע מײַנע חלומות צו ר׳ מיכאל לוי׳ס קאָפּ פאַר זײַנע ציניש הוספות. ווייסט איר דאָך אָבער, מסתמא,

---

*) דאָס איז דער באַקאַנטער כלל־טוער י ה ו ד ה ז א ב נ׳פ ך, דער דאַמאָלסדיקער מינסקער קאָרעספּאָנדענט פון „קול לעם".

*) אַ קאַלאַמבור אויפן סמך פון דעם באַוואוסטן תלמודישן אויסדרוק „הוסיף נופך משלו", וואָס עס הייסט אין ידיש: צולייגן אַן אייגענעם פּערל"...

די מימרא פון אונזערע חז״ל: ״זכה—מלאכתי נעשית ע״י אחרים״. אַזאַ זכות, אַז אַנדערע זאָלן פאַר מיר אַרבעטן, האָב איך אויך געהאַט. איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַריינצושרייבן מיין בריוו צום רעדאַקטאָר, ערשט אין ״קול לעם״ גופא האָט זיך אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענציע פון פּאַריז, עפּיס פון איינעם אַ בן־נץ*), און דער דאָזיגער פּאַריזער יונגער שפּאַרבערל**) שטעקט אַריין זיינע שפּיציגע נעגל אין ר׳ מיכאל לווין, סטייטש, ווי קומט ער דאָס צו באַשמוצן זיין בלאַט מיט אַזעלכע גראָבע וויצען? דערביי פאַרגעסט אויך ניט דערזעלביגער בן־נץ צו זאָגן תהלות ותשבחות בנוגע דעם עֶצם ווערקל פון׳ם לאַטיינישן D. L. בקיצור כל הקיצורים: ביי מיר קומט אויס, אַז אַ רעדאַקטאָר מיט אַזאַ געשמאַק ווי ראַדקינזאָנס, איז נאָך טויזנט מאָל ערגער פון אַ רעדאַקטאָר אַן עם־הארץ.

פון דעם איז אונזער שמועס אַריבער צו יידישע רעדאַקטאָרן און יידישע צייטונגען בכלל.

— אַז ס׳וואָלט זיך נאָר געווענדט אָן מיר—האָט דיק געזאָגט—וואָלט איך מבטל געמאַכט אַ ל ע אונזערע צייטונגען. צו וואָס דאַרף מען דאָס? צו וואָס די איבעריג הוצאות מיט דעם גאַנצן טומל? יידן האָבן שוין א י י ן צייטונג, און אַ ג ר ו י ס ע צייטונג, און מער דאַרפן זיי ניט.

— וועלכע צייטונג מיינט איר דאָס?—האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— דעם שול־הויף!—האָט דיק געענטפערט—דאָ קענט איר קריגן צו יעדער צייט צייטונגס־מאַטעריאַל מכל המינים: ווילט איר פּאָליטיקע—איז פּאָליטיקע, ווילט איר נייס—איז נייס, ווילט איר קריטיק—האָט איר קריטיק, און גאַנץ שאַרף געפעפערטע, אַז מ׳קען, פּשוט, ניט איינשטיין פאַר ביטערקייט... ווילט איר אַ מעשהלע, אַ מימרה׳צקע—אַלץ, אַלץ געפינט איר דאָ, און ניט אַלט־געבאַקן און פאַרשימלט, נאָר ממקור ראשון, אָט ערשט פון אויוון...

מיר האָבן זיך צולאַכט.

אין אַ ווײַלע אַרום רופט זיך אָפּ אליקום:

— זאָגט מיר נאָר, כ׳בעט אייך, ר׳ אייזיק־מאיר, איר ווייסט דאָך, געוויס, אַז איטליכע צייטונג האָט אַ בריוו־קאַסטן, דורך וועלכע זי ענטפערט אירע לעזער, און אויך אַנדערע פערזאָנען אויף זייערע פאַרשיידענע אָנפראַגעס. און בוודאי איז אייך באַקאַנט אויך דאָס, אַז יעטווידער צייטונג רופט אָן איר בריוו־קאַסטן מיט אַן אַנדער נאָמען. דער ״מגיד״, למשל, רופט עס: ״תשובה כללית״, אין ״הצפירה״ הייסט עס ״שאלות ותשובות״, אין ״מליץ״—״תבת־נח״ א. אַז. וו. ווי קען הייסן אָט דער דאָזיגער בריוו־קאַסטן אין אייער צייטונג ״שול־הויף״?

---

*) דער דאַמאָלסדיגער פּסעוודאָנים פון דעם היינטיגן באַוואוסטן יידיש־סאָציאַליסטישן דיכטער און שריפטשטעלער מ אָ ר י ץ ו ו י נ ט ש ע ו ס ק י, וועלכן די פּרייסישע רעגירונג האָט אין יענעם יאָר אַרויסגעטריבן פון קעניגסבערג. אין פּאַריז האָט ער זיך דאַן געפונען אויף זיין רייזע קיין ענגלאַנד.

**) נץ הייסט אין העבּרעאיש אַ שפּאַרבער (אַ באַוואוסטער מין רויב־פויגל).

— זעליג־בער! — האָט דיק תיכף אויסגעשאָסן.

מיר האָבן אים אָנגעקוקט העכסט פאַרוואונדערט.

וואָס קוקט איר מיר אַזוי אָן? — האָט אונז דיק געפרעגט גאַנץ אויפגעלייגט — וואָס, אייגנטליך, ענטפערט מען אין די דאָזיגע בריוו־קאַסטנס? מען ענטפערט: אייך ווילט זיך, קינדערלאַך, זיין שרייבער, — גייט און לערנט זיך פריער אויס! און זעליג־בער דער שמש שרייט ער דען ניט, ווען ער דערזעהט אַ ייִנגל אַ פּוסט־שאַק איבערן שול־הויף: „שקצים, אין חדר אַריין!?...

אַ פּאָר שעה אַן ערך האָב איך דאַן מיט צונזערן פאַרבראַכט ביי דיקן. די גאַנצע צייט האָט דיק ניט אויפגעהערט צו רעדן, איז אַריבערגעפלויגן פון ענין צו ענין, און רעדענדיג האָבן זיך אין זיין מויל צוזאַמענגעפלאָכטן טיפער ערנסט מיט לייכטן וויץ, גאַנץ אָריגינעלע געדאַנקען מיט איראָנישע באַמער־קונגען, וועלכע זיינען פון אים אַרויסגעזאָגט געוואָרן דאָ מיט געלאַסנהייט און דאָ מיט פּאַטאָס.

בשעת מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט זיך דיק אָפּגערופן צו צונזערן:

— היות ווי איר זייט ביי אונז אין ווילנע אַ גאַנץ זעלטענער גאַסט, און ניט יעדעס מאָל גייט איר אַריין צו מיר, בכן וואָלט איך אייך פאָרגעלייגט, מיר זאָלן זיך מכבד זיין איינער דעם אַנדערן מיט כבוד: איך אייך מיט מיינע אַ פּאָר פּירושים אויף שווערע שטיקלאַך מדרש, און איר — פון די נייס, מיט וועלכע גאָט האָט אייך פאַר דער לעצטער צייט געלייטזעליגט אין אַייער פּאַך.

און כך הוה.

דיק האָט אונז דערקלערט עטליכע פון זיינע „שפּאָגל־נייע איינפאַלן" — אַזוי האָט ער זיך דאַמאָלס אויסגעדריקט — אין מדרש, און אליקום האָט געזונ־גען זיין נייע ליד, וועלכע ער האָט אָקאָרשט־וואָס פאַרפאַסט. דאָ איז געווען: „דער איזבאָרשטשיק".

II.

איך אַלס מגיה פון מיין ערשטן ספר. — מיין פּחד פאַר די גרויזן. — די שנעפּסעלאַך. — דיקס אַן ערקלערונג וועגן דעם ענין גרויזן. — לוזטישע מסירת־נפש פאַר אַ דגש. — אדם הכהן לעבנזאָן עסט שיר ניט אויף דעם בעל־מגיה פאַר זיין זונס שירים־ביכל. — אַ פּאַרלשון־קודשדיגטעם גויאיש וואָרט. — ווי דער משורר שלמה זלמן זאַלקינד פלעגט רעדן מיט זיין שטוב־שיקסע.

אַ צווייטן מאָל האָב איך מיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דיקן אינמיטן ווינטער 1884, ווען כ׳בין געקומען פון מינסק קיין ווילנע דרוקן מיין העברעאישע אי־בערזעצונג פון ד״ר פּינסקערס „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן": „אם אין אני לי, מי לי".

מיין איבערזעצונג, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די ווילנער חובבי־ציון, האָט זיך געדרוקט ביי ראָמען (דאַמאָלס האָט זיך ראָמס דרוק געפונען אויף זשמודסקע געסל). איך האָב אַליין געהאַלטן די הגהה פון מיין ספר, און צוליב דעם פלעג איך אַלע טאָג קומען אויף אַ פּאָר שעה אין דרוק אַריין. דאָרטן פלעג איך מיר זיצן און טאָן מיין אַרבעט אויף אַן אויבערשטיבל, וועלכע איז פון לכתחלה אָן געווען אָפּגעגעבן פאַר די עטליכע מגיהים, וואָס האָבן געהאַט באַשעפטיגונג אין ראָמס דרוקעריי.

דאָס איז געווען די ערשטע הגהה, וואָס איך האָב געמאַכט אין מיין לעבן, און האָב, ממש, ניט געוואוסט מיט וואָס מ׳עסט דאָס. בעת דער זעצער האָט מיר דערלאַנגט די ערשטע זייטל פון מיין ספר, און זי איז געווען דורכאויס אָנגעשאָטן מיט גרייזן, איז מיר, ממש, פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז ווי איך זאָל מיך ניט קליגן, מוז שוין אַזוי די זייטל פאַרבלייבן מיט אַלע פעלער לעולם ועד. בעת איך האַלט אַזוי דאָס בלעטל און בין שטאַרק צומישט און צוטומלט און ווייס ניט, וואָס מ׳הויבט דאָ אָן צו טאָן, שטייט זיך לעבן מיר דער זעצער, אַ קורצער און אַ בייכיגער יידל פון אַ יאָר פופציג אָן ערך, און ברומט זיך אונטער דער נאָז: „נעמט זיך אָקאָרשט פאַר דער פען; איר וועט געבן אויף אַ שנעפּסל, וועט שוין אַלץ רעכט ווערן".

דערהערנדיג די ווערטער בין איך ווי ביי געבאָרן געוואָרן. זאָל נאָר אויסגיין צו די עטליכע קאָפּיקעס, אַרט מיר שוין ניט, און טראַכטנדיג אַזוי נעם איך און כאַפּ אַרויס פון קעשענע אַ זילבערנע מטבע, שפּאַר עס אים אין האַנט אַריין און זאָג דערביי: אָט האָט איר אייך אויף עטליכע שנעפּסלאַך, אָבער זעהט, כ׳בעט אייך, לאָזט ניט איבער קיין גרייזן.

דער יידל האָט, אַפּנים, געמיינט, אַז ער האָט אין מיר דערטאַפּט אַן עושר, און האָט מיר כסדר געגומען מעלקן. ביי יעדער זייטל, וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט, האָט ער ביי מיר ניט אויפגעהערט צו בעטן אויף שנעפּסלאַך. מילא, כל־זמן איך האָב געקענט, האָב איך געגעבן; ס׳האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין סוף: וואו אַ זייטל איז זי אויסגעטונקט, עפּעס ווי אויף צו להכעיס, אין לויטער גרייזן, און דער זעצער שרייט אַלץ: הב! הב!

איינמאָל זיץ איך מיר אַזוי אויפן שאַלקע און גריבל זיך אין די קאָרעקטן און קלער ווי ווערט מען שוין ערלייזט פון די גרייזן מיטן זעצער, ערשט עס עפנט זיך אויף די טיר, און עס גייט אַריין דער אַלטער אייזיק־מאיר דיק, וועלכער איז פאַר די לעצטע 5 יאָר פיל גראָער געוואָרן. דערזעענדיג מיך פון ווייטן האָט ער מיך תיכף דערקענט, איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן „שלום עליכם", און געפרעגט:

— וואָס מאַכט אַ ייד אַ שרייבער?

מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט. די ערשטע זאַך האָב איך פאַר אים אויסגעגאָסן מיין שווער ביטער האַרץ אויפן זעצער.

— רעכט אויף אייך! זייט ניט קיין פּריץ! — האָט דיק אויסגערופן —; קוטט

אַ באַקאַנטער ייִד קיין ווילנע דרוקן אַ ספר, דאַרף ער קודם כּל אַרײַן צו אמ״ד׳ן מישב זײַן זיך מיט אים ווי און וואָס. כ׳וואָלט אײַך שוין אויסגעלערנט ווי ניט צו זײַן קיין „פרײַער“. מיר אַליין האָט דאָס אָפּגעקאָסטגענוג רבי־געלט. איך אין אײַערע יאָרן האָב אויך געמיינט, אַז ווען עס בלײַבט אַ גרײַז, און ווער רעט נאָך צוויי, אין אַ בלעטל, איז שוין גאָר געעקט די וועלט, און מיר האָט זיך אויך אַמאָל געדוכט, אַזוי ווי אײַך הײַנט, אַז שומר ומציל זײַן פון גרײַזן קען נאָר די אייגענע אויג, און אויף פרעמדע קען מען זיך ניט פאַרלאָזן. אָט האָב איך אַ שטיק יוגנט פאַרבראַכט אויף הגהה, מגיה געווען אַליין מײַנע ביכלאַך, און געגעבן לאַפּקע הײַנט דעם זעצער, און מאָרגן יענעם זעצער. זיי האָבן מיר, פּראָסט, די בלוט אויסגעזויגן, און ווייסט איר וואָס כ׳וועל אײַך זאָגן? צו גרײַזן דאַרף מען אויך האָבן מזל. וועלכע מיני גרײַזן, למשל, קען דאָס אַ זעצער מאַכן אין אַזאַ ספר׳ל ווי אײַערן? אָדער פאַרבײַטן אַן „עיין“ אויף אַן „אלף“ צי פאַרקערט, אָדער אַ „קוף“ אויף אַ „כּף“ צי פאַרקערט. טאָ וואָס איז דאָ פאַר אַזאַ בײַז? אײַך צום שידוך וועט דאָס געוויס ניט שאַטן, טאָמער וואָס ווען, וואָלט איך פאַר אײַך קאַווירן, אַז איר קענט גוט אויסלייגן לשון־קדש, און פאַר דעם עולם־גולם זאָל אײַך ניט אַרן; ער וועט דאָס אויך אַראָפּשלינגען, און קיינעם וועט דערפון ניט געקרימט ווערן קיין האָר. גלייבט מיר, אַז איך האָב אַמאָל אַליין געזעהן מיט מײַנע אויגן אין אַ ראש השנה׳דיגן מחזור געדרוקט מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות „הַלֶּמֶך“ אָנשטאָט „הַמֶּלֶך“, און איך בין אײַך עָרֵב, אַז דעם חזן האָט זיך דערפון ניט געשטעלט אין האַלז. און „יַבְּבָה“ אָנשטאָט „יַבְּקָה“ האָט איר קיינמאָל אין אַ סידור ניט געזעהן? איך האָב דאָס יע געזעהן, און ניט איינמאָל. בכן האָט איר זיך ניט וואָס אָפּצועסן דאָס האַרץ, און דאַרפט זיך צו פיל אויף שנעפּסלאַך ניט לאָזן קאָסטן. מיט מיר האָט עפּעס גאָר וואָס אַנדערס פּאַסירט. בײַ מיר האָט מען געמאַכט די גרײַזן גראָד אין די ענגע ערטער; איר ווייסט דאָך ווי דער גוי זאָגט: „דאָרטן וואו ס׳איז שמאָל — דאָרט רײַסט זיך“. בײַ מיר זײַנען געווען די גרײַזן דווקא אויפן ערשטן שער־בלאַט, און דווקא אין מײַן נאָמען: ניט „אמ״ד“, ווי עס בעדאַרף צו זײַן, נאָר „אַמאַד“ און „אַמאַד“, און גיי טו זיי עפּעס. איך, אײַזיק מאיר דיק, דער מאַנסביל בין גאָר מיט אַמאָל פון העלער הויט געוואָרן אַמאַד! ווי געפעלט דאָס אײַך? טאָמער האָב איך אַ נאָמען געגעבן אַן ערציילונג „חייצ׳יקל אַליין“, קום איך און געפין אָפּגעדרוקט אויפן שער: „חייצ׳יקל אַ ביין“, צי אַ שטיין, איך געדיינק שוין ניט, און נאָך און נאָך אַזעלכע מאוים׳דיגע פעלער, און אַלץ דווקא אין סאַמע אויבנאָן, אין רעכטן שפּיץ. איך האָב געמיינט כ׳עס מיך אויף אַ לעבעדיגן. כ׳בין דענסמאָל אויך געווען אַזאַ רויער מחבר ווי איר זײַט הײַנט, און דערצו נאָך אַ גרויסער תּמים. אָט האָט זיך בײַ מיר אויך אָנגעפאַנגען אַ סדרה מיט שנעפּסלאַך; מיט אַ יאָר דרײַסיג־פערציג צוריק האָט דער הבחור הזעצער אויך ניט פײַנט געהאַט קיין ביסל בראַנפן. איצט באַרעכנט: פאַר אַ וערקל פלעג איך בסך־הכּל קריגן געצאָלט פון צוויי ביז דרײַ רובל, הײַנט גיי

נעם און גיב נאָך דערפון אויס אויף שנעפּסלאַך! כ'האָב געזעהן, אַז ס'איז שלעכט, בין איך אַמאָל אַרויסגעלאָפן צו דער דרוקערקע, צו דבורה'ן, און האָב גענומען ליאַרעמען און מאַכן קולות: סטייטש, וואָס האָט מען צו מיר? כ'וועל דאָך אַזוי בלייבן אָן אַ העמד! האָט מיר די „אשת-לפידות"*) געענט-פערט: „ווער איז אייך שולדיג, אַז איר זייט אַ ייד אַ פּחדן און נאָך אַ נדיב-לב דערצו? ווי פאַלט דאָס גאָר אייך איין צו מיינען, אַז אָן אייערע ביר-געלט וואָלטן מיר אַרויסגעלאָזן אייערע ווערק מיט גרייזן? דאָס איז דאָך עפּיס אונזער סחורה! הערט זיי אויף צו געבן, און — אַ סוף, און זייט זיכער, אַז זיי אַליין וועלן שוין ביי אייך אויך מער ניט בעטן". און אַז דבורה האָט געזאָגט — איז געווען געזאָגט. ווייסט איר? די קרענק פון די שנעפּסלאַך האָט עפּיס אָפּגענומען ווי מיט די הענט. אָט פאָלגט מיר, יונגער מחבר, טוט אַזוי ווי איך: קומט דער בחור-הזעצער און הויבט אייך אָן צו דרייען אַ מוח מיט די שנעפּסלאַך, זאָגט אים, אַז איר לויפט שוין צו דבורה'ן, און לויפט טאַקע באמת, און טאָמער שייט איר זיך צו ריידן מיט אַן אשה, נעם איך דאָס אויף מיר.

— אַז איך האַלט שוין ביי דער סדרה „גרייזן" — האָט זיך דיק אין אַ קליינער ווײלע אַרום צוריקגעקערט צו דערזעלביגער טעמע — מוז איך אייך טרייסטן און זאָגן, אַז אין דעם פּרט האָבן לייט, און גרעסערע פאַר אונז ביידן, איבערגעליטן פיל מער פון מיר מיט אייך. בשעת דער אַלטער משורר בעריל מיכאַלישקער**) האָט געדרוקט, און אויך דאָ ביי ראָמען, זיין „שירי שפת קדש", האָט אים וויפיל מאָל שיר די פּאָפּלעקסיע ניט אָנגע-כאַפּט פון גרויס עגמת-נפש איבער די גרייזן, וועלכע ער פלעגט געפינען אין די הגהה-בלעטער. און, איר דאַרפט וויסן, אַז ביי אים האָט געהייסן אַ גרייז „פֶּרֶק" אָנשטאָט „פֶּרֶק", „הֶבֶל" אָנשטאָט „הֶבֶל", „פְּרוּ" אָנשטאָט „פְּרוּ". דאָס איז דאָך געווען אויסער וואָס אַ ייד אַ משורר, אויך אַ ייד אַ גרויסער בעל-מדקדק, וואָס פלעגט זיך פאַר אַ דגש ממש מוסר נפש זיין. פלעגט זיך אים אַמאָל חלומ'ען, אַז מ'האָט אין זיינעם אַ שיר אין דעם צי אין יענעם וואָרט ניט אַריינגעשטעלט קיין דגש, האָט ער שוין אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג און פלעגט אויף מאָרגן, קוים טאָג דערלעבט, קומען צו לויפן אין דרוק ניט טויט ניט לעבעדיג. אָט דאָ, אויף דער שאַלקע, וואו מיר געפינען זיך איצטער, האָב איך אַמאָל — אָ, דאָס איז שוין געווען גאַנץ לאַנג — בייגעוואוינט אַזאַ מין סצענע: איך שטיי מיר אַזוי און שמועס מיט די מגיהים, ערשט מיט אַמאָל רייסט זיך אויף די טיר און עס לויפט אַריין אַ פאַרסאָפּעטער און מיט אַ פּנים אָנגעצונדן ווי אַ פייער בעריל מיכאַלישקער, און ניט זאָגנדיג קיין „גוט-מאָרגן" און ניט באַערנדיג קיינעם פון אונז מיט אַ בליק, וואַרפט ער זיך גלייך אַרויף אויף איינעם פון די מגיהים מיט אַ ליאַרים און אַ געפילדער: „וואָס האָט איר דאָס

---

*) אַ געוויסער תנ"ך-עפּיטעט בנוגע דער נביאה'טע דבורה.

**) דער באַוואוסטער העברעאישער דיכטער אד"ם הכהן לעבענזאָן.

געהאַט צו מיין מיכינקען? וואָס לאָזט איר אים ניט איינליגן רוהיג אין קבר? ווי אַזוי טוט מען דאָס אָפּ אַזאַ אַקט? ווי גיט מען דאָס ניט אַכטונג? וואו זיינען דאָס אייערע אויגן?״ און ווייטער אַזוי אין דעמזעלביגן נוסח. דער בעל־מגיה, וואָס אַזעלכע אָנפאַלענישן מצד לעבענזאָנען זיינען שוין פאַר אים ניט געווען קיין נייס און האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן אַ וועלכן ס׳איז גרייז, האָט זיך אים געלאָזן גוט אויסשרייען, און נאָכדעם אים גאַנץ געלאַסן געפרעגט: „זאָגט שוין, ר׳ בער, וואָס האָט איר דאָ ווייטער אַזוינס געפונען?״ אויף דעם האָט אים לעבענזאָן געענטפערט גאָר אַלץ מיט אַ שטאַרקן בייזער: „וואָס האָב איך געפונען, פרעגט איר? כ׳האָב געפונען אַ ווילדע עם־הארצות; אַט נעמט און זעהט! און רעדענדיג האָט ער אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ הגהה־בלעטל און האָט עס אונטערגעטראָגן ניט דעם מגיה, נאָר מיר, און האָט געזאָגט: „אָט פסקינט איר אדרבה, ר׳ אַייזיק־מאיר, אַז מיין מיכינקע ליגט אַ יונגער אין דער ערד, דאַרף מען זיך שוין דעריבער אַזוי באַרבאַריש באַציען צו זיין פאָעטישער ירושה?״ איך האָב אַריינגעקוקט אין בלעטל און האָב דערזעהן, אַז דער גאַנצער שטורים האָט זיך דאָ אַרויסגערופן צוליב דעם, וואָס אין אַ געוויסן אות איז ניט געווען קיין דגש, און מיינט איר זשע, אפשר, אַז דאָס אומגליקליכע וואָרט, אין וועלכן עס האָט געפעלט דער דגש, איז געווען אַ לשון־קודשדיגעס, אַ תנ״ך־וואָרט? אָדער, אפשר, פון תלמוד צי פון מדרש? האָט איר אַ טעות; דאָס איז געווען אַ ריין גוי׳איש וואָרט. וואונדערט איר זיך דאָך: ערשטנס, ווי קומט אַ גוי׳איש וואָרט אין אַ לשון־קודשדיגן שיר, און צווייטנס, ווי שטעלט מען אַריין אַ דגש אין אַזאַ מין וואָרט? טאָ הערט זשע. פריער מוזט איר אָבער וויסן, אַז דאָ האָט זיך גערעדט ניט וועגן אַ ספר פון בערלען אַליין, נאָר וועגן דאָס ווערק „כנור בת ציון״ פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון מיכה יוסף. אין דעם דאָזיגן ספר געפינט זיך אַ שיר, וועלכער הייסט „חג האביב״, און אין דאָזיגן „חג האביב״ איז דאָ אַ ווערטל „הַגֵז״,*) און מיינען מיינט דערמיט דער מחבר, פשוט, אָט דעם געוויינליכן גאַז, וואָס ברענט, וואָס לייכט. ווי איר זעט: אַ וואָרט ניט ישעיה׳ס און ניט ירמיה׳ס, נאָר עפּיס פון אַ דייטש. האָט אָבער דער משורר דאָס ווערטל פאַרלשון־קדש׳ט און אַריינגעשטעלט אין גימל אַ דגש ווי דער דין איז: נאָך אַ הא־הידיעה. דאַרף זיך פאַסירן, אַז אי דער זעצער אי דער מגיה האָבן גראָד אָט דעם דגש פאַרזעהן, און דער אַלטער בערל האָט אין דעם באַטראַכט ניט בלויז אַ פאַרברעך קעגן חכמת־הדקדוק, נאָר אויך אַ גרויסע באַליידיגונג בכבוד־המת. אָט איז ער געקומען און געמאַכט דעם גרויסן „ויצעקו״, און וואָלט איך אים דאַמאָלסט ניט באַרוהיגט, וואָלט ער, אפשר, דעם מגיה אויפגעגעסן אויף אָן אָרט. אַזוי צוקאָכט איז ער געווען.

— און אַז ס׳איז שוין איינמאָל געקומען צו רעד וועגן דעם ענין

---

*) דער פערז הייסט: „וכבר אור הַגֵז ברחובות זרות״.

דגושים — האָט דיק פאַרענדיגט — מה איך אייך אויך דערציילן וועגן נאָך איינעם אַ ווילנער לשון-קדשדיגן משורר, שלמה זלמן זאַלקינד האָט ער געהייסן, אפשר האָט איר פון אים געהערט, דער מחבר פון „קול שלמה". דער דאָזיגער משורר איז אַזוי כל ימיו פעדאַנטיש-פּאָרזיכטיג געווען ניט צו געברויכן דעם דגש נאָך די אותיות אהו"י, אַז ער האָט דאָס אָפּגעהיט אפילו בעתן רעדן מיט זיין שטוב-שיקסע. אַזוי, למשל, פלעגט ער איר זאָגן: „קופּי פּאַפּיראָסי!" אָדער: „דאַי בוטילקו" וכדומה.

מיך האָט דאַמאָלסט אַ ביסל שאָקירט דער האַלב-איראָנישער טאָן, מיט וועלכן דיק האָט גערעדט וועגן גרייזן בכלל און וועגן דגושים בפרט, און האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— האַלט איר, הייסט עס, אַז ס'איז רעכט אַ ספר מיט גרייזן, און אַז אָן דגושים וואו מ'דאַרף זיי, און וואו מ'מוז זיי האָבן, מאַכט אויך ניט אויס?

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט:

— גאָט באַהיט! גאָט באַהיט! ווער זאָגט? ווער זאָגט? אַ ספר טאָר ניט זיין מיט גרייזן, און אַ דגש מוז קומען, וואו די חכמי-הדקדוק הייסן, אָבער — אַ מענש דאַרף מען דאָך זיין!...

III

לעוואַנדע וועגן דיקן. — דיק איז ניט צופרידן מיט דעם שער-בלעטל פון מיין ספר. — דיק אַ קעגנער פונם חבת-ציון-געדאַנק. — זיינע טעמים. — דיק איז פאַר דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. — דיקס ברכה. — מיין לעצטער באַגע-געניש מיט דיקן. — דיק אַן עובר בטל.

זייענדיק יענעם מאָל אין ווילנע פלעג איך כמעט טעגליך באַזוכן דעם באַוואוסטן רוסיש-יידישן שריפטשטעלער ל. לעוואַנדע, וועלכער איז דאַמאָלס געשטאַנען בראש דער גאַנצער אַרבעט פון די חובבי-ציון אין ליטע. איינמאָל אין אַ געשפרעך מיט לעוואַנדען וועגן דער שריפטליכער אַגיטאַציע, וועלכע דאַרף געפירט ווערן לטובת דעם געדאַנק פון ישוב ארץ ישראל, האָט ער מיט אַרויס-געזאָגט זיין מיינונג, אַז די עיקר אַגיטאַציע מוז געמאַכט ווערן ניט אַזוי צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס אין איר אידעאַליזם איז ער תמיד געווען אַ קנאַפּער מאמין,*) נאָר אונטער דעם פאָלק, און, געוויינליך, אויף יידיש. צעדערבוימס אָרגאַן, דאָס „פאָלקס-בלאַט", שטייט אַפילו פאַרן חבת-ציון; אָבער דאָס איז נאָך צו קנאַפּ; מ'דאַרף באַלייכטן דעם רעיון אויך דורך אַלערליי באַזונדערע ביכלאַך און בראָשורן, און פאַרשפּרייטן זיי וואָס מער, ווי אומזיסט, אָדער

---

*) זעה לעוואַנדעס „בריוו צו מיר אין 10-טען באַנד פון לאַנדויס „יעווריעסקאַיאַ ביב-ליאָטעקאַ".

פאַר דעם וואָלוועלסטן מְקח, צווישן המון. דערבײַ האָט דאַן לעוואַנדע באַדוי־
ערט, וואָס צווישן די גוטע יידישע שריפשטעלער זיינען דאָ גאַנץ ווייניג
אָנהייגער פונ׳ם ישוב־ארץ־ישראל־געדאַנק. די עטליכע יידישע ביכלאַך וועגן
דעם דאָזיגן ענין, וואָס זיינען ביז אַהער אַרויס, הייבן אים גאָר ניט אָן צו
באַפרידיגן. „אונזער ווילנער שטאָט־מגיד*) רעדט שוין וועגן חבת־ציון אַ סך
שענער און אַ סך אינטערעסאַנטער”. אַזוי האָט דאַמאָלס לעוואַנדע מוסיף געווען.
אויף דעם האָב איך באַמערקט:

— פאַרוואָס זאָל מען צו דעם צוועק ניט זעהן אויסניצן אייער אייזיק
מאיר דיקן? ווער ווי ער קען נאָך אַזוי גוט רעדען צום פאָלק?

— דיק איז אונזערער אַ געגנער; — האָט מיר לעוואַנדע געענטפערט — ער
גייט ניט מיט אונז. ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן זאָל ער שטיין פאַר דער עמי־
גראַציע קיין אַמעריקע. אגב, דאַכט מיר, איז שוין דיק צו אַלט פאַר אַזאַ מין
אַרבעט, צו וועלכער עס פאָדערט זיך טעמפעראַמענט און אַ געוויסע באַגייסטערונג.

נאָכדעם ווי מיין איבערזעצונג איז שוין אַרויס פאַרטיג פון דרוק, און
איך האָב געהאַלטןביים אָפפאָרן צוריק קיין מינסק, בין איך אַריין צו דיקן
זעגענען זיך מיט אים, און האָב אים, אגב, דערלאַנגט אַן עקזעמפלאַר פון מיין
ספר מיט אַן אויפשריפט צום אַנדענקען. דיק האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם
שער פונ׳ם ווערקל, און האָט זיך מיט אַ בנעימות׳דיגן שמייכל אָפּגערופן:

— הערט וואָס כ׳וויל אייך פרעגן, אַן אַלטן ווי איך וואָלט זיך וועלן
אַריינכאַפּן, כל זמן עס כאַפּט זיך, אַלץ וויסן. זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט
וואָס דערקלערט זיך דאָס, וואָס אויסער ווי מ׳רופט אייך אַליין האָט איר נאָך
אָנגעשריבן אויפן שער־בלעטל אויך פון וואָסער שטאָט איר זייט. מילא אייער
נאָמען — דאָס פאַרשטיי איך נאָך. אַ מחבר מוז אַוועקשטעלן זיין נאָמען, למען
ידעו, די וועלט זאָל וויסן. וואָרום וואָס טוט מען, באמתן, אַז היינט אָדער
מאָרגן קומט יאָקל צו טאָדרעס און זאָגט, אַז ער איז דאָס דער מחבר, און
ניט איר? אָבער ווער איז דאָס מחויב צו וויסן פון וואַנען איר זייט? למאי נפקה
מינה? אַי טאָמער, אַ קשיא אויף אַ יידישן לעזער? וועט עס אייגער יאָ וועלן וויסן
האָט ער דאָך שוואַרץ אויף ווייס אייער רוסישן אַדרעס צום סוף ביכל. און הערט
איר וואָס כ׳וועל אייך זאָגן? וואָלט איר כאָטש געווען פון אַ וועלכער ס׳איז אַנדער
שטאָט, וואָלט דאָס נאָך אפשר ניט אויסגעמאַכט. ווי שרייבט מען דאָס אָבער
„ממינסק”? ווי נעמט איר דאָס און קלינגט אַליין אויס פאַר דער גאַנצער וועלט,
אַז איר זייט אַ מינסקער? אַ גרויסער כבוד איז דאָס עפּיס צו זיין אַ מינסקער?...

אין אַ מינוט אַרום האָט דיק אַזאָג געטאָן:

— נעמט אַקאָרשט ניט פאַר אומגוט; כ׳מיין דאָס ניט ערנסט. און בפרט,
אַז איר קענט מיר ענטפערן: „מום שבך” און ווי ווייטער שטייט. איך אַליין האָב

---

*) געמיינט דעם דאַמאָלסדיגן ווילנער שטאָט־מגיד ר׳ יעקב יוסף, וועלכער האָט
נאָכהער עמיגרירט קיין אַמעריקע און איז דאָרטן רב הכולל געוואָרן.

אויך אויפן שער פון מיינע ערשטע עטליכע ביכלאַך אָנגעשריבן „אַמ״ד איש ווילנאָ״. אָט מ׳איז געווען יונג האָט זיך געמיינט, אַז אַזוי איז שענער פאַר זיך און פאַר לייטן. און טאָמער ווילט איר—בין איך ניט קיין גרעסערער יחסן פון אייך. אונזער ווילנע האָט זיך אויך איר צונעמעניש; איר ווייסט דאָך, מן הסתם, אַז מיר שמ׳ען אויף דער וועלט פאַר זולל וסובא׳ניקעס. ווייסט איר זשע אויך פון וואַנען דאָס וואַקסט? דאָס וואַקסט פון דעם, וואָס איינער אַ בטלן פון חסיד׳ס קלויז האָט זיך אַמאָל פאַרגונען אויפצועסן צו פרישטיק פאַר אַ גאַנצן פייעם באָבעס! כ׳האַלט אָבער, אַז מיט אַ שטאָט דאַרף מען זיך ניט שעמען. מילא, לאָמיר דאָס אָפּלייגן אָן אַ זייט. זאָגט מיר בעסער וואָסערע געדאַנקען פאַרלשון=קדש׳ט איר דאָ. ביז איך וועל מיך צוקלייבן לייענען אייער ספר קען נאָך אַוועק ווער ווייסט וויפיל צייט. אויף דער עלטער ווערט מען פויל.

כ׳האָב אים איבערגעגעבן בקיצור פינסקערס גרונד=געדאַנק וועגן דעם, אַז יידן קענען אַנדערש ניט אויפגעריכט ווערן ווי נאָר אויף אַן אייגענער טעריטאָריע.

דיק האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט אין דער לופט ווי פאַרצווייפלט, און האָט דערביי אַ זאָג געטאָן:

— עט, פוסטע חלומות!

— פאַרוואָס האַלט איר דאָס עפּעס אַזוי?—האָב איך אים געפרעגט.

— שוין צו שפּעט. אַמאָל, אפשר, פון שפּאַניע... בעת דער פון בוים אָפּגעריסענער עפּל האָט נאָך ניט פאַרלאָרן די לעצטע סימנים פון זיין פרישקייט, בעת עס איז נאָך ניט אויסגעטריקנט געוואָרן דער לעצטער שפור יניקה, וואָס יידן האָבן געצויגן פון זייער ערשטן מקור. איצטער איז שוין דער עפּל אינגאַנצן דורכגעפוילט, אינגאַנצן צו געסן פון ווערים... פון פרעמדע און פון אייגענע... ווי קומען מ י ר צו לייטן? מ י ר מיט זיך אַליין בעל=הבית׳תעווען און אָן אַ קאַנטשיק?... מ י ר אָן דעם קאָזאַקס נאַגייקע?... ניין, איך גלויב דאָס ניט!

איך, אַ הייסער חובב=ציון, האָב מיט אים גענומען דיספּוטירן און אויפווייזן, אַז ער האָט אַ טעות, אַז דאָס יידישער פאָלק פאַרמאָגט נאָך עד היום פיל כחות און זאַפטן צו זיין צוריקאויפבליהונג. דיק האָט מיר צוגעהערט שווייגענדיג און דערביי געשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין הסכם=שאָקל, נאָר, פאַרקערט, אַן אויסדרוק פון ספק, און גיכער, פון יאוש. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָפּגערופן:

— צוויי חורבונות האָבן מיר שוין געהאַט; איז אייך, הייסט עס, צו ווייניג, און אייך ווילט זיך האָבן דוקא נאָך אַ דריטן חורבן, און דעריבער ציט אייך קיין ארץ=ישראל. איר וועט דאָך מסתמא אַליין ניט גיין; געוויס וועט איר דאָך וועלן מיטנעמען אין דער געבענטשטער לאַנד אונזער קהלה=קדישא מיט די זעקסטלאַך *), די יקירי=קרתא, און מיט דער גאַנצער כאָפּטע כלי=קדש און

*) אַ פאַרצייטיגע יידישע אינסטיטוציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון ז ע ק ס אויסגעקליבענע פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט אַלע אינטערעסן פון קהל.

מיט די אַלע ראשי־גלות׳עס מיט די מלחכי־פנכאָ׳ס למיניהם, און דאָרטן זײ געבן די פרײע האַנט: טוט זיך אַײך, יידעלאַך, כטוב וכישר בעיניכם! און איר װעט זעהן, אַז ס׳װעט לאַנג ניט געדױערן און זײ װעלן אַײך אין אַײער ארץ־ישראל אָנמאַכן אַזאַ מין חורבן אשר לא חורבן אבותינו. און דאַמאָלסט װעט שױן דאָס זײן ניט קײן „בכיה לדורות״, נאָר אַ יללה עד סוף כל הדורות.

— זעהט־זשע—האָט דיק פאַרענדיגט זײן געדאַנק—אױב שױן יאָ גײן, הגם איך האַלט, אַז דאָ קען נאָך אױך װערן בעסער, איז שױן, נאָך מײן מײנונג, פיל גלײכער קײן אַמעריקע. אַמעריקע פאַרמאָגט עפּעס אַזאַ גרױסע זון, װעלכע צובאַקט און צושרפּ׳עט אױף אַן אָרט אַלע מיני יתושי־מלאַך...

איך האָב מיך מער מיט דיקן אין ויכוחים װעגן דעם דאָזיגן ענין ניט געװאָלט אַרײנלאָזן. כ׳האָב געזעהן, אַז דאָס װעט ניט העלפן. אַגב איז דאָס דאַמאָלסט געװען ניט דיקס מײנונג אַלײן, נאָר די אַלגעמײן־משכיל׳שע. מיט עטליכע חדשים שפּעטער האָט זיך אין דעמזעלביגן זין עפנטליך אַרױס־געזאָגט אױך דער גרעסטער העברעאישער דיכטער פון יענער צײט יהודה ליב גאָרדאָן (יל״ג).

בשעת כ׳האָב מיך מיט אים צוזעגנט און האָב שױן געהאַלטן בײם אַװעק־גײן, האָט ער מיך נאָכגערופן:

— נו, טאָמער גײט איר פאָרט קײן ארץ־ישראל, גיב איך אַײך מײן ברכה אױפן װעג: יהי רצון, ס׳זאָל זײן געפעלן פאַר ווילן, אַז סאָנקע*) מיט איר חבריא זאָלן צו אַײך קײן שליטה ניט האָבן, און איר זאָלט פון זײ־ערע הענט אַרױס בשלום!...

* * *

אין יאָר 1889 איז מיר װידער אױסגעקומען צו זײן אין װילנע. נאָכ־פרעגנדיג זיך בײ באַקאַנטע אױף דיקן, האָט מען מיר דערצײלט, אַז ער איז שױן עובר בטל, אַז ער דערװײטערט זיך פון מענשן און רעדט מיט קײנעם ניט. דאָך האָט מיך פאַראינטערעסירט צו זעהן דיקן, און בין צו אים אַריבער־געגאַנגען. דאָס איז געװען אַ זומערדיגער טאָג זײגער 10 אַן ערך אינדערפרי. אַרײנגײענדיג צו דיקן בין איך גראָד אָנגעקומען אױף אַזאַ מין סצענע: די שטוב־מענשן גײען אַרום אַלע זעהר צוטראָגן: פאַרטאָג איז דיק אַרױס פון שטוב, און ער איז נאָך ניטאָ; שױן עטליכע שעה װי מ׳זוכט אים און מ׳קען אים ערגיץ ניט געפינען. די הױזיגע שרעקן זיך אפשר האָט עפּעס װאָס מיט דעם

* דער נאָמען פון אַ פריערדיגער בריסקער רביצין, אַ װי־ד־פאַנאַטישע פרוי, װעלכע האָט אױסגעװאָנדערט מיטן מאַן קײן ירושלים, און איז דאָרטן געװאָרן די גאַנצע טאָגי־אָנגעבערקע פון די שװאַרצע כחות.

אַכציג־יאָריגן זקן פאַסירט, און די שרעק שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. מ׳קלערט שוין וועגן לויפן אָנזאָגן אין פּאָליציע. ווי איך זיך דאָ אַזוי טרויעריג און פיל מיטלייד צו די שטוביגע, ערשט אַ ווייבל איז אַריינגעלאָפן פון גאַס מיט אַ געשריי:

— אָט פירט מען אים!

אין דער מינוט זיינען אַריין אין הויף אַ פּאָר יידן, וועלכע האָבן געפירט דעם אַלטן דיקן אונטער די הענט. דיק איז שוין געווען אינגאַנצן גראָ ווי אַ טויב, און זיין פיגור ווי געבויגן אין דרייען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן זומער־כאַלאַטל און אין אַ הוט אויפן קאָפּ; געגאַנגען איז ער די גאַנצע וועג און געשוויגן, די אויגן זיינען געווען ברייט פונאַנדערגעעפנט, נאָר דער בליק פינסטער. זיין אַמאָליגער שמייכל איז שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אַריינגייענדיק אין שטוב האָט ער אויך מיט קיינעם אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, און וואָס מ׳האָט זיך ניט צומאַטערט דערגיין ביי אים וואו ער איז געווען, האָט מען פון אים קיין זאַך ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען. כ׳בין צוגעגאַנגען נאָענט צו אים, נאָר ווי עס ווייזט אויס האָט ער מיר ניט דערקאָנט:

די יידן, בעלי־מלאכות, וואָס האָבן אים געבראַכט, האָבן דערציילט, אַז ער האָט זיך אַרומגעבלאָקעניעט הינטערן שטאָט, אַ שטיק ווייט פון סקאַפּלערנע (אַ ווילנער פאָרשטעטל). גייענדיק צו דער אַרבעט האָבן זיי אים דערזעהן פון דערווייטן און באַלד פאַרשטאַנען אַז ער בלאָנדזעט, אַז ער זוכט די וועג און געפינט ניט. אינטערעסאַנט איז דער דיאַלאָג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די דאָזיגע צוויי יידן מיט דיקן, איידער ער האָט מסכים געווען צו גיין מיט זיי אין שטאָט אַריין. איינער פון זיי איז צוגעגאַנגען צו דיקן און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טוט איר דאָ?

— וואָס איך טו.

— פון וואַנען גייט איר דאָס?

— פון וואַנען איך גיי.

— וואוהין גייט איר?

— וואוהין איך גיי.

— ווי גייט איר דאָס אין אַזאַ אָרט אַליין?

— ווי איך גיי.

— ווי הייסט איר?

— ווי איך הייס.

— וואו וואוינט איר?

— וואו איך וואוין.

— איר וועט גיין מיט אונז אין שטאָט?

— אין וואָסער שטאָט?

— אין ווילנע.

— איז דאָ ניט ווילנע?
— דאָ איז אונטער ווילנע.
— אין ד׳רערד?...

אַז די יידן האָבן דערזעהן, דאָס זיי וועלן זיך מיט אים בשום אופן ניט צוזיפריידן, האָבן זיי אים גענומען אונטערן אָרעם, און געלאָזן זיך מיט אים גיין אין שטאָט אַריין. ער האָט זיך זיי ניט געשטעלט אַנטקעגן. אָנקומענדיק ביי׳ם וואַקזאַל האָבן זיי אָנגעטראָפן שטייענדיק אַ קומפּאַניע יידן. איינער פון דער דאָזיגער קומפּאַניע האָט דערזעהן דיקן אין אַזאַ אומגעוויינליכער פּאָזע און האָט אַגעשריי געטאָן ווי ניט מיט זיינע כחות: ר׳ אייזיק מאיר, ווי קומט איר עפּעס אַהער און אין אַזאַ הילוך? דאָ האָבן זיך ערשט די צוויי יידן דערוואוסט, אַז זיי פירן דאָס דעם באַרימטן מעשיות־שרייבער אַ מ״ד׳ן.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָב איך אַ וואָרף געטאָן דעם לעצטן בליק אויף דיקן און בין אַרויס פון שטוב.

* * *

נאָך דעם האָט נאָך דיק געלעבט אַ יאָר פיר אַן ערך. דאָס איז שוין אָבער ניט געווען קיין לעבן, נאָר אַ לאַנג דויערנדיג יציאת־נשמה. דאָס תלמודיש ווערטל: „תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם” איז אויף אייזיק מאיר דיקן ליידער ניט מקוים געוואָרן. פון טאָג צו טאָג איז ער אַלץ מער גייסטיג אָפּגעשטאָרבן, און דאָס איז די סבה וואָס נאָך ביי׳ם לעבן איז ער אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן ניט בלויז פון דער וועלט, נאָר אויך פון ווילנע.

אינגאַנצן אומבאַמערקט פאַר דער יידישער ווילנע איז פאַרבייגעגאַנגען דער טויט פון אייזיק מאיר דיק, וועלכער האָט פאַרן יידישן פאָלק אַזוי פיל געאַרבעט און אַזוי פיל געשאַפן. זיין טויט האָט ניט אַרויסגערופן דעם מינדסטן טרויער, און נאָך זיין לויה זיינען נאָכגעגאַנגען קוים אַ מנין מענשן.

אַן עכט יידישער לוין פאַר אַ זעכציג־יאָריגער פרוכטבאַרער ליטעראַריש־קולטורעלער אַרבעט.

אליקום צונזער.

(געבאָרן—1840; געשטאָרבן—1914).

פּאָפּולער ביים פּאָלק איז ער געווען אונטערן נאָמען **אליקום בדחן**. זיין פאַמיליען=נאָמען „**צונזער**" האָבן געוואוסט גאַנץ ווייניגע. ער אַליין האָט זיך, און באַזונדערס די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געוואוינט אין ווילנע, מיט זיין פּראָפעסיע קיינמאָל ניט געשעמט; אז מ'האָט גערעדט וועגן אים אַלס בדחן, האָט ער זיך דערפון ניט באַליידיגט. נאָך מער: אויף זיינע ערשטע לידער=ביכלאַך האָט ער אַליין אַוועקגעשטעלט: „אליקום בדחן מווילנא". צו קיין גרעסערעס האָט ער ניט געשטרעבט. דער אַריבערגאַנג פון שמוקלעריי צו בדחנות איז ביי אים געווען פאַררעכנט ווי אַ שפּרונג מיט וויפיל מדרגות העכער אויפן לייטער פון דער געזעלשאַפטליכקייט.

אַלע זיינע ביאָגראַפען, און ער אַליין אויך אין זיין אַוטאָביאָגראַפיע, דערציילן, אַז די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווילנע, האָט ער זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון די דאָרטיגע גרויסע משכּילים. דאָס איז אָבער ניט גאַנץ ריכטיג. אין אַלע זיינע לידער, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אין'ם ווילנער פּעריאָד, געפינט מען ניט אַפילו די קלענסטע שפּור פון דער דאַמאָלסדיגער משכּיל'שער אידעאָלאָגיע. זיינע טעמעס זיינען געווען קינדיש=פּרימיטיוו, ווי, למשל: „דער ווינטער מיטן זומער", „ר' תחנון", „די אַייזנבאַן", „זאָגט קדיש נאָך דער וועלט" א. אַז. וו. דער דענסטמאָלדיגער משכּיל'שער לייטמאָטיוו פון „שטיי אויף מיין פאָלק, ס'איז שוין טאָג!" איז אליקומען געבליבן פרעמד. ביי אים איז ניטאָ קיין איין=איינציגע ליד, וואָס זאָל וועקן די יוגנט צום קאַמף קעגן דער אַזויגערופענער „פינסטערניש", וואָס זאָל רופן צו איבעראַנדערשן די אָפּגעשטאַנענע, פאַרגליווערטע לעבענס=אָרדענונג, וואָס זאָל אַגיטירן פאַר בילדונג, פאַר וויסן, פאַר מלאכה. גיכער דאַרף מען משער זיין, אַז וואוינענדיג אין די זעכציגסטע יאָרן אין ווילנע, האָט אליקום לכתחלה אויסגעמיטן די משכּיל'שע קרייזן, כדי ניט אַרויפצוציהען אויף זיך קיין חשד מצד דעם בעל=הבתיש=אָרטאָדאָקסישן קלאַס, פון וועלכן ער האָט הויפּטזעכליך געשעפט זיין

חיונה, ווייל די אינטעליגענץ האָט דאַמאָלס פיינט געהאַט „זשאַרגאָן" תכלית שנאה, און אין אַ בדחן האָט זי זיך קיינמאָל ניט באַנוציגט. אַפילו שפּעטער, אין די זיבעציגער יאָרן, וואוינענדיג אין מינסק, ווען ער איז שוין געוואָרן גאַנץ פאַרמעגליך און דעריבער וויניגער אָפּהייענגיג פון וועמען עס איז אין זיין פרנסה, האָט ער אויך תמיד געשטרעבט ניט פאַררעכנט צו ווערן ביים ברייטן עולם פאַר אַ פריי=דענקער, און צוליב דעם האָט ער שטענדיג געזוכט צו דרייען זיך אין די פרימערע קרייזן, האָט גאַנץ אָפט געדאַוונט ימים נוראים מוספים—בתורת נדבה, נעווייגליך,—אין פאַרשיידענע מינסקער קלויזן און בתי=מדרשים, און בכלל געפירט פאַר דער ג אַ ס אַ יידיש=אָרטאָדאָקסישן שטאַט.

וואָלט זיך אליקום באמת געפונען אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן אונטער דער השפעה פון די ווילנער משכילים, וואָלטן דאַן זיינע ווילנער לידער לגמרי גאָר אַן אַנדער פנים און אַן אַנדער טעם געהאַט. ס׳איז זעלטן צו געפינען נאָך איינעם אַזעלכן, וואָס זאָל זיין אַזוי עלול באַאיינפלוסט צו ווערן אין זיין שאַפן פון אַנדערע, ווי אליקום. זייענדיג אַליין אַ גאַנץ שוואַכער דענקער, קינסטלעריש כמעט גאָרנישט באַגאַבט, ווייניג אַנטוויקלט, און דערצו אויך קנאַפּ=וואָס באַלעזען (אויסער אַביסל אין דער אַלטער און אין דער ניי=העברעאישער ליטעראַטור), האָט ער אָבער באַזעסן אַ באַזונדער פעהיגקייט גיך, ווען אַפילו דאָס רוב אויבערפלעכליך, אויפצונעמען דעם אַנדערענס געדאַנקען, איבערצואַרבעטן זיי אינערליך אויף זיין שטייגער און אויסדריקן עס אין וואָרט און געזאַנג. אין דעם פרט האָט צונזער געהאַט פיל ענליכקייט מיט אַ פאַנאָגראַף, וועלכער גיט איבער די אין אים אַריינגערעדטע ווערטער, אַמאָל קלאָר און דייטליך, און אַמאָל הייזעריגלאַך. כמעט אַלע זיינע לידער, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אין דעם מ י נ ס ק ע ר פעריאָד (פון די ערשטע 70=ער ביז די לעצטע 80=ער יאָרן) געהערן אָט צו ד ע ם סוג: אָנגעהערטע און איבערגעכאַפּטע געדאַנקען פון אַנדערע, אַנגעטאָן אין אייגענע צוגעפּאַסטע פערזן און אין אַן אייגענער צוגעפּאַסטער מעלאָדיע. אויפן עולם, און דער עיקר אויף די מיטעלע שיכטן, פלעגן צונזערס לידער מאַכן תמיד אַ גרויסן רושם, הגם ס׳איז שטענדיג שווער געווען ריכטיג צו באַשטימען, וואָס דאָ האָט מער געווירקט: דער אינהאַלט צי דער מאָטיוו. און אין מינסק האָבן זיך געפונען מענשן פון דער יונגער אינטעליגענץ, וואָס האָבן די ווירקונג פון אליקומס לידער אויף דער מאַסע געזוכט אויסצוניצן פאַר זייערע אידייאישע צוועקן, און די דאָזיגע יונגע לייט האָבן אים תמיד אויפגעזוכט, זיך אונטערהאַלטן מיט אים און „אַריינגערעדט" אין אים וואָס מ׳האָט באַדאַרפט... פון דעם וואַקסט די פאַרשיידנאַרטיגקייט פון זיינע טעמעס, די שאַרפע איבערגאַנגען פון זיינע שטימונגען און די גרויסע, אַמאָל צו גרויסע, שפּרונגען פון זיינע וועלט=אָנשויאונגען.

קיין מינסק איז צונזער געקומען אָנהייב ווינטער פון יאָר 1872, נאָכדעם ווי אין ווילנע זיינען ביי אים געשטאָרבן פון כאָלערע זיינע פיר קינדער, און דער באַוואוסטער גאון ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט אים געראַטן משנה מקום

צו זיין. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ביי אים אין מינסק אָפּגעשטאָרבן אויך זיין פרוי. ס׳איז צו באַמערקן, אַז זיין גרויסער פּערזענליכער אומגליק האָט אין זיינע לידער דעם שוואַכסטן אויסדרוק ניט געפונען, אויסער אַ קליינע העברעאישע באַמערקונג צו אַ טרוקענעם פּערז,—אויך אַ סימן פון ניט קיין באַזונדערס גרויסן דיכטער... אין מינסק איז צונזער די ערשטע צייט געווען אַ נחבא אל הכלים, האָט מיט קיינעם ניט פאַרקערט, חוץ מיט דער חברה קלעז־מער, און האָט זיך ווייטער פאַרגעזעצט צו שרייבן זיינע לידער פון ווילנער זשאַנר: „צום נייעם יאָר״, „די וועלט איז אַ טעאַטער״, שאָך־שפּיל״ א. אַ. וו.

אין אַ יאָר אַרום האָט צונזער אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט. ער האָט גענומען אַ גאַנץ פּראָסטע, אומגעבילדעטע מיידל, אָבער אַ שיינע און פון אַן אָנשטענדיגער פאַמיליע, אַ עלנדע יתומה אָן אַ פאָטער און אָן אַ מוטער, וועלכע האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ זיידן אין אַ פּאָלוואַריק לעבן מינסק. וועגן דעם דאָזיגן, אַביסל נחות־דרגא׳דיגן, שידוך פלעגט זיך צונזער אָפּט אויסדריקן פּאַר באַקאַנטע: „איך האָב געהייראַט פּאָטיש; כ׳האָב מיין פרוי אַראָפּגענומען פון אַ גאָרטן״... די דאָזיגע פרוי האָט אים אָבער באַפרייט פון זיין קלעזמערישער סביבה, האָט אים פאַרשאַפט אַ שטילן אינטימען ווינקל, וואו ער פלעגט זיך אָפּרוען נאָך וואָכן־לאַנגע אַרומפאָרענישן איבער שטעט און שטעטלאַך און די טומלענישן פון די חתונות, און וואוהין עס פלעגן זיך צייטנווייז צונויפקומען פאַרשיידענע פאַרערער פון זיין טאַלאַנט און חסידים פון זיינע שאַפונגען, דאָס רוב: בעלי־הבתישע יונגע־לייטלאַך, מלמדים פון יינגערן דור און לערער, פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער געבילדעט אַ באַזונדער קרייזל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אליקום׳ס קרייזל״.

צו דעם דאָזיגן קרייזל האָבן געהערט די העברעאישע שריפטשטעלער־לערער: יוסף בריל (וועלכער איז מער באַקאַנט געווען אונטער זיין פּסעוודאָנים „איוב ממינסק״), ישראל מאיר וואָלמאַן (דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון זאַמלבוך „הכּכבים״), יהודה זאב נפך (דער דאַמאָלסדיגער פּאַרוואַלטער פון דער מינסקער יידישער האַנטווערקער־שול), יעקב זעליגמאַן (אַ שוואָגער פונם העברעאישן דיכטער יהל״ל און דער פאָטער פון דעם באַוואוסטן יידיש־דייטשן פּובליציסט און קריטיקער רפאל זעליגמאַן), און אַנדערע. צונויפקומען פלעגט מען זיך צו אים איינמאָל אין דער וואָך אין יענע טעג, ווען ער האָט ניט געהאַט קיין חתונות און האָט פאַרבראַכט אין דערהיים. דאַן פלעגט ער שוין אַלעמען שיקן אָנזאָגן, אַז ער איז דאָ און אַז מ׳קען זיך צונויפקלייבן. דער עולם פלעגט קומען מיטברענגענדיג מיט זיך פּאַרטיינע פראַגן וועגן ליטעראַטור און געזעלשאַפטליכן לעבן. עס פלעגן זיך אָנהויבן דעבאַטן, און אַמאָל גאַנץ שאַרפע, וועגן דאָס און וועגן יענץ. צונזער אַליין פלעגט זיך כמעט קיינמאָל אין די ויכוחים ניט באַטייליגן. ער פלעגט גאָר זיצן און אויפמערקזאַם זיך צוהערן ווי די אַנדערע דיספּוטירן. עס פלעגט אָבער אַוועקגיין אַ קורצע צייט, און דאָס געהערטע פלעגט ביי אים איבערגעקאָכט

און איבערגעאַרבעט ווערן און זיך אויספורימען אין אַ געוויסע ליד, וועלכע ער פלעגט תיכף אײַנפאַסן אין מוזיק, און פאָרטראָגן עס צום ערשטן מאָל אין קרייזל, און דערנאָך זינגען איר כסדר אויף חתונות, און אַזוי פלעגט די ליד אַרומוואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, ביז זי פלעגט אויף דעם אופן פאַרשפרייט ווערן פון מויל צו מויל אין גאַנץ ליטע, און אָפט האָט עס פאַרבליאָנדזשעט פון דאָרטן אויך קיין פוילן.

אַ יאָר דריי נאָכדעם, ווי דאָס קרייזל האָט שוין עקסיסטירט, האָט מיך דער אויבנדערמאָנטער יעקב זעליגמאַן, מיינער אַ געוועזענער לערער, באַקאַנט געמאַכט מיט אליקום׳ען. כ׳בין נאָך דאַן געווען אַ גאַנץ יונגער בחור׳ל, בין שוין אָבער געווען אַ „קורא מובהק" פון העבראעישע ספרים און צייטונגען, האָב מיך האָלט געהאַט צו רייבן אַרום חכמים וסופרים, און פלעג שוין אליין אויך נעמען אַ ביסל אונטערשרייבן — שרייבן און לייגן דערווײַלע ביז וואָס=ווען אין טיש=קעסטל; כ׳פלעג אָפט אַרײַנגיין צו איוב׳ן, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען דער סוכן כמעט פון אַלע העבראעישע בלעטער, האָט אין אַלע געשריבן „בריוו פון מינסק", און געהאַט ביי די רעדאַקטאָרן גרויס חן. אַ גרויסער תקיף איז ער געווען באַזונדערס ביי ראַדקינזאָנען, דעם רעדאַקטאָר פון „הקול", וועלכער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט דרוקן עמיצנס אַ קאָרעספאָנדענציע פון מינסק, וואו איו״ב האָט איר פריער ניט דורכגעלייענט און האָט אויף איר ניט געגעבן זיין הסכמה. דעריבער פלעג איך מיך תמיד חנפענען צו איוב׳ן. מיט נפכ׳ן האָב איך זיך שוין אויך געקאָנט פון גאַנץ לאַנג: ער איז מיין ערשטער רוסישער לערער געווען, און אַזוי אויך כמעט מיט די אַלע איבעריגע מיטגלידער פון קרייזל, באופן, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן האָב איך מיך געפילט צווישן דער חברה ווי אַן אייגענער מענש, און צוגלייך מיט אַלעמען האָב איך כמעט איטליכס מאָל אָנטייל גענומען אין די צוזאַמענקומענישן ביי אליקום׳ען. דעם ערשטן באַזוך ביי צונזערן האָב איך געמאַכט אַ געוויסן ווינטערדיגן פרייטאָג=צו=נאַכט אין יאָר 1878.

I.

„אליקום׳ס קרייזל". — די מינסקער יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט. — כלומרשט סאָציאַלע מאָטיוון אין צונזערס לידער. — צונזערס מיינונג וועגן די העבראעישע משוררים. — זיין כח אין אימפּראָוויזאַציע. — מערקע אַלטשולערס פעלעטאָנען אין „הקול". — דעם מינסקער שטאָט=מגידם הספד. — דער עפל און דער מענש. — דער קיסר.

אין יענער צייט איז אַ טייל פון דער מינסקער יידישער יוגנט, און באַזונדערס די לערערשאַפט, געווען געשטימט סאָציאַליסטיש=מאַרקסיסטיש. אונטער דעם איינפלוס פון עטליכע ווילנער „נאַראָדאָוואָלצעס" איז דאַן אין מינסק

אָנגעפירט געוואָרן אַ גרויסע געהיימע אַגיטאַציע פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק.
אַ סך חסידים האָט געהאַט אין מינסק דער באַרימטער סאָציאַליסטישער אַגיטאַ=
טאָר און געוועזענער רעדאַקטאָר פונם העבּרעאישן סאָציאַליסטישן חדש=זשור=
נאַל „האמת", ליבּערמאַן. בשעת די רוסישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן דעם
„אמת" אַריינצוגיין אין רוסלאַנד, צוליב וואָס ער האָט זיך געמוזט אינגאַנצן
פאַרמאַכן, און זיין אָרט האָט געירשנט אָדער, ריכטיגער געזאָגט, געוואָלט
ירשענען, ראַדקינזאָנס העבּרעאישער חודשניק „אספת=חכמים", וועלכער איז
אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון „בּן=נץ*), האָבּן די דאָזיגע חסידים
געלייגט פיל האָפענונגען אויף דעם אויבּנדערמאָנטן צייטונגס=קרעמער
ראַדקינזאָן, אַז ער וועט זיינע פעריאָדישע אויסגאַבּן, דעם העבּרעאישן „הקול"
און דעם יידישן „קול לעם", מאַכן דורך אַ וועלכן ס'איז אופן פאַר אַ ווערק=
צייג לטובת דער פאַרשפּרייטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. און
ס'איז טאַקע געוועסט אַזוי געוועזן. פון פאַרשיידענע ערטער האָט מען אָנגעה=
הויבּן אַריינצושמוגלען אין „הקול", און באַזונדערס אין „קול לעם", סאָציאַלי=
סטישע סחורה**). דער מינסקער צושטעלער פון דער דאָזיגער סחורה פאַר
דעם „קול=לעם, איז געווען—נ פ ך. מיט סאָציאַליזם איז געווען אַ ביסל אָנגע=
שמעקט אויך דער אליקום=קרייזל. גאַנץ אָפט פלעגט דאָס אין קרייזל דינען
אַלס טעמע פאַר לאַנגע ויכוחים. אייניגע באַגריפן וועגן דעם דאָזיגן ענין, גע=
כאַפּט פון דער לופט, זיינען פאַרבּליבּן אין אליקומ'ס אויערן, און באַאַרבּעט
געוואָרן דורך אים אין אַ ליד=פאָרם אויף זיין פּרימיטיוון, שאַבּלאָנעם שטיי=
גער. אין זיינע לידער האָט אליקום אָנגעהויבּן צו באַדויערן די געדריקטע
עקאָנאָמישע לאַגע פון דער מאַסע, ספּעציעל פון דער יידישער, און צו פּראָ=
טעסטירן קעגן די עקספּלאָאַטאַציע פון די רייכע, אויך ספּעציעל פון די יידישע.
צו דעם זשאַנר געהערן זיינע לידער „ר' יעקב משלם", „דער אומגעני=
טער מלוה" א. אַ. ניט אַריינדריגנדיג טיף אין דעם מהות פון דער סאָציאַ=
ליסטישער טעאָריע און ניט באַגרייפנדיג ווי געהעריג אירע גרונד=פּרינציפּן,
נאָר שווימענדיג איבּער זיי פון אויבּן, האָט ער געגלויבּט, אַז די מלחמה מיט
דער קאָראָבקע און מיט די אַנדערע קהל'שע אָפּצאָלן און מיט די מלוים=
פּראָצענטניקעס, גייט אויך אַריין אין גדר פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָ=
לאָגיע וועגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם...

אין יענעם פרייטאָג=צונאַכט, בעת כ'האָבּ געמאַכט ביי צונזערן מיין ערשטן
באַזוך, האָט זיך געפונען איינער פון קרייזל—אויבּ איך האָבּ קיין טעות ניט
איז דאָס געווען נפך,—וועלכער האָט אים געזוכט צו דערקלערן, אַז אום אַריינ=
צוטראָגן אין זיינע לידער דעם סאָציאַליסטישן עלעמענט, דאַרפן זיי באַזירן

---

*) זעה די צווייטע הערה אויף דער זייטל 16.

**) ברייטער און אויספירליכער האָבּ איך אַרומגערעדט דעם דאָזיגן ענין אין מיין „געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע".

אויפ׳ן קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, דאַרף אין זײ אָפּקלינגען דאָס ווײגעשרײ פון דעם אָרימען אַרבעטער, וועלכער ווערט באַרויבט פונ׳ם גביר דעם בעל־הבית, און באַזונדערס דאַרפן זײ זײן דורכגעדרונגען מיט גרויס ערביטערונג געגן דער הערשענדער פעאָדאַלער וועלט־אָרדענונג. געוויינליך איז דאָס אוממעגליך אַרויסצוזאָגן מפורש; מ׳קען עס אָבער אַריינגאַנב׳ענען צווישן די שורות און די טענער... אליקום האָט דאַמאָלס מבטיח געווען צו זעהען באַוואָרענען דאָס אין זיינע נייע לידער. ער האָט אָבער זיין הבטחה ניט מקיים געווען, פּשוט ווייל דאָס איז געווען העכער פון זיין שאַפונג־קראַפט. אַגב איז ער ביי זיך געווען פעסט איבערצייגט, אַז ער האָט שוין דעם סאָציאַליזם אָפּגעגעבן דעם געהעריגן צינז דורך זיין שוין אויבנדערמאָנטן „ר׳ יעקב משלם“, דורך זיין „ר׳ יידל גיבעלט“ וכדומה.

פון דעמזעלביגן אָוונט איז נאָך פאַרבליבן אין מיין זכרון דער פאָלגענדער זעהר אינטערעסאַנטער עפּיזאָד: מ׳האָט געשמועסט וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן ביי יידן. צונזער, וועלכער איז גאַנץ ווייט געווען פון דער אמתער פּאָעזיע און האָט איר אויך ניט פאַרשטאַנען, האָט שאַרף קריטיקירט די העברעאישע משוררים, און האָט ניט געשאַנעוועט אפילו דעם גרעסטן פון זיי — יהודה ליב גאָרדאָן. צונזערס הויפּט־טענה איז געווען, אַז אַ שיר, וועלכן מ׳קען ניט איינפּאַסן אין אַ מעלאָדיע און זינגען, איז קיין שיר ניט. דיזעלביגע מיינונג האָט ער שפּעטער אַרויסגעזאָגט אויך וועגן פרוגס יידישע שירים. דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז אמתע שירים הייסן נאָר אַזעלכע ווי זיינע, וועלכע קענען געזונגען ווערן מיט דער באַגלייטונג פון מוזיק. דערביי האָט אליקום דערציילט וועגן זיך אַ גדלות, אַז ווען עמיצער זאָל אים געבן אַ טעמע, וועלכע ס׳זאָל נאָר ניט זיין, כאָטש „על העצים ועל האבנים“, נעמט ער זיך אָן מער ניט ווי אין אַ משך פון צוויי מינוט צו פאַרפאַסן וועגן דעם אַ ליד פון איינעם צי פון צוויי פערזן, און צוגלייך אויך דעם מאָטיוו דערצו. חברה האָט זיך גלייך אָן דעם אָנגעכאַפּט, און כמעט אַלע האָבן אויסגעשריען מיט איין קול:

— מ׳דאַרף פּרובן!

— נו, אַרויס מיט די טעמעס! — האָט אויף דעם צונזער געענטפערט.

— אָט איך האָב שוין אַ טעמע, און זעהר אַ גוטע — האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן יוסף בריל —; איר האָט דאָך געהערט, מסתמא, אַז אין ווילנער גובערניע איז דאָ אַ קליינשטעטל, איוויע הייסט עס. אין דער דאָזיגער שטעטל וואוינט אַ העברעאישער לערער, וועלכער שרייבט אַמאָל קאָרעספּאָדענציעס אין די בלעטער און חתמ׳עט זיך אונטער „עוזיאל איש איוויע“. אָט דער עוזיאל האָט אַ קליין טעכטערל, מערקע הייסט זי, און די מערקע איז זעהר אַ געראָטן קינד, איז אַ שטאַרקער למדן אין העברעאיש און שרייבט פעלעטאָנען אין „הקול“. צו יעדער פעלעטאָן קומט אַן אָנמערקונג פון רעדאַקטאָר, אַז די שרייבערקע, „וועלכע פאַרדינט צו ווערן אַ מוסטער פאַר אַלע יידישע טעכטער“, איז ערשט דרייצן יאָר אַלט. און אָט דאָס מיידל האָט דאָ ניט לאַנג באַגרי־

דעט איינעם פון אירע פעלעטאָנען אין „הקול" אויף דער באַוואוסטער מעשה פון חומש ווי נח האָט זיך איינגעשכור׳ט און ווי די קינדער האָבן אים געפונען אָן אָפּגעדעקטן און וואָס זיי האָבן מיט איס געטאָן. אמת, גאַנץ אינטערעסאַנט? נעמט, ר׳ אליקום, און זייט עפּיס מחבר וועגן דעם ענין.

אליקום האָט אַ קלער געטאָן, און ס׳האָט נאָך ניט געדויערט אַפילו קיין צוויי מינוט האָט ער שוין אַרויסגעזאָגט דעם פאָלגנדן פערז צוזאַמען מיט אַ מעלאָדיע:

„ווער נאָר עטוואָס איידל,
דאַרף זיך שעמען
צו קלערן גאָר אין מח;
ווי קומט אַ מיידל
פאַר אַ טעמע צו נעמען
די ע—ה פון נח.
צו ברייגגען די ווערטער פאַר׳ן מויל,
איז פאַר אַ מיידל ניט קיין שטאַט,
און דער רעדאַקטאָר פון „הקול"
באַפּוצט דערמיט זיין בלאַט"...

— און ווייל דאָס האָט צו טאָן מיט לשון־קדש—האָט צונזער אַ זאָג געטאָן—זינג איך אייך שוין דעמזעלביגן פערז אויך אין לשון־קודש.

דער אָנהייב, די ערשטע דריי שורות, פונ׳ם העבראישן פערז זיינען מיר פאַרלאָרן געגאַנגען. פאַרבליבן זיינען ביי מיר נאָר די פאָלגנדע לעצטע זיבן שורות:

„נַעֲרָה קְטַנָּה
לִיסוֹד לָקְחָה
עֶרְוַת נֹחַ אֲבִי־חָם;
אִם בְּפִנַּת בֵּיתָהּ הִיא נִסְתָּרָה
תֵּבוֹשׁ בְּהֶגְיוֹן,
וְעוֹרֵךְ הַקּוֹל בְּמַאֲמָרָה
יַעֲדֶה אֶת הַגִּלָּיוֹן"...

— און איך האָב אויך פאַר אייך אַן אינטערעסאַנטע טעמע:—האָט זיך אָפּגערופן זעליגמאַן—דעם לעצטן הספד פון האַראָדנער מגיד (געמיינט דעם מינסקער שטאָט־מגיד, וועלכער האָט זיך גערופן „דער האַראָדנער" נאָך זיין געבורט־אָרט גראָדנע).

מיט דעם לעצטן הספד פונ׳ם שטאָט־מגיד האָט דאַמאָלס געקאָכט גאַנץ מינסק. דאָס איז געווען אַ הספד נאָך איינעם אַן אויפגעקומענעם גביר, וועלכער איז רייך געוואָרן דורך פאַרשיידענע ניט קיין ערליכע ספּעקולאַציעס. זייענדיג אַ מלוה האָט ער געריסן ביי אָרימע לווים אומגעהייער גרויסע פּראָצענטן, האָט זיך באַנוצט מיט זייער דחקות און אַרויסגעטריבן זיי פון זייערע הייזער אָדער אָפּגעשריבן און

צוגענומען פאַר זיך זייערע זאַכן. דערצו איז ער נאָך געווען כל ימיו אַ גרויסער קמצן, האָט אָרימע לײַט געטריבן פון שטוב און האָט קײנמאָל אויף קײן שום קהל׳שע זאַך קײן גראָשן געלט ניט געגעבן, באופן, אַז רעכטע, אָרנטליכע מענטשן האָבן פון אים געווײַכט. האָט זיך געמאַכט, אַז דער דאָזיגער עושר איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און זײַנע יורשים האָט זיך פאַרוואָלט, אַז דער האָראָדנער מגיד זאָל אים מספיד זײַן. האָבן אַלע אין שטאָט געקוועטשט מיט די פּלײצעס און אײנער דעם צווייטן האָט זיך געפרעגט: ווי וועט דאָס גאָר דער שטאָט־מגיד קענען אַזעלכן מספיד זײַן? וואָס פאַר אַ שבח וועט ער אים קענען נאָכזאָגן? דער האָראָדנער מגיד, וועלכער האָט ניט פײַנט געהאַט די מטבע און איז געווען דערצו אַ גאַנץ כיטרער יידל, האָט אים פאָרט מספיד געווען, און געפונען אויף אים אַ שבח: ער איז געווען אַ בעל־קורא אין ליבאַ־וויטשער שטיבל, און האָט פאַר זײַן טרחה קײן קאָפּיקע ניט גענומען. וועגן דעם דאָזיגן וויץ האָט מען דאַמאָלס אין מינסק פיל גערעדט.

ווי נאָר צונזער האָט דערהערט די טעמע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און מער ניט ווי אַ מינוט צײַט, און תיכף אָנגעהויבן צו זינגען:

„ערד, עפן זיך, נעם אויף דעם גאַסט
מיט גרויס כבוד און פאַראַד.
געווען אפילו ניט געליבט, פאַרהאַסט
ניט געהאַט פאַר זיך קײן צד.
זײַן יחוס: דער טאַטע אַ שמײסער
די מאַמע — אַ יידענע פון גאַס...
ער אַלײן אַ פּראָצענטניק, אַ באַרײסער
געשניטן פון אַלעמען אַ פּאַס.
מאַכט אָבער ניט קײן גוואַלדן, קײן יעלות,
דאָס זאָגן אַלץ בײזע צינגער.
דאָס איז געווען אַ מאַן עם כל המעלות
ניט קײן בעל־גאוה׳ניק, קײן שפּרינגער,
מיט עניוות געדינט דעם בורא;
דרײ מאָל אַ טאָג געגאַנגען טבילה
אין קלויז געווען אַ בעל־קורא,
ניט צוליב פּרנסה, חלילה,
נאָר לשם מצוה, צוליב דעם אַלײן.
לאָזט זשע אַרויס, אַ טרער, הײבט אויף אַ געווײן!“

אין דער מינוט האָט צונזערס יונגע פרוי דערלאַנגט צום טיש עפּל. האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אײנער פון די געסט און געפרעגט:

— וואָס וואָלט איר, ר׳ אליקום, געקענט זאָגן, למשל, אויפן ענין פון עפּל:

— אָט הערט!—האָט צונזער געענטפערט, און אין דער מינוט שוין פאָרגעטראָגן:

רויט איז דער עפּל, שיין אין דער פאָרם
אינווייניג ווי איז ער? ווער קען עס וויסן?
אפשר גריזשעט, אפשר עגבערט אים אַ וואָרם,
מ׳קען עס ניט עסן, ניט געניסן?
מענשן זיינען אויך דאָ אַזוינע;
פון דרויסן אַ פּראַכט, אַן אַנטיק,
פרישע, געזונטע און שיינע,
אַ מחיה צו וואַרפן אַ בליק.
קוקט אָבער אינווייניג, וואָס טוט זיך דאָרטן?
איר זעהט אַ בריה עם כל הפסלנות
מיט מדות רעות פון אַלע סאָרטן
אָן הארץ, אָן געפיל, אָן ישרנות;
איר האָט פאַר זיך אַ שד, אַ חיה
מיט אַ געמאַכטער מענשעסער העויה..."

— אָט איך האָב פאַר אייך אַ טעמע, איז שוין דאָס איינמאָל אַ טעמע!— האָט זיך אָפּגערופן איינער אַ יונגער לערער—אָט זאָגט עפּעס וועגן קיסר.

אליקום האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן עפּעס ווי וועלנדיג זיך איבערצייגן, אַז ס׳זיינען ניטאָ אין שטוב קיין זייטיגע מענשן, און האָט תיכף אָנגעפאַנגען:

אויפן שטול זיצט אַ קייזער,
אַ שלעכטער איז ער און אַ בייזער;
וואָס ער וויל—מוז מען טאָן
וואָס ער זאָגט—איז אַ זאַקאָן;
ווען ניט—שמידט מען אין קייטן,
מ׳טוט אָן אַ כאַלאַטקעלע מיט געלע קווייטן,
און אין דער כאַלאַטקע
שיקט מען אַוועק קיין קאַמטשאַטקע...
און פרעגט מיך בחרם
אויב איך ווייס, וואָס ס׳איז גורם
ער זאָל זיין דער גאַנצער לייט.
איז ער דען אַזוי געשייט,
קליגער, געראָטענער פאַר מיר און פאַר אייך?
וואָרום זאָל ער מיט אונז ניט זיין גלייך?
אויך זיין ווי מיר געבונדן
און אויך ליגן אין געהאַקטע וואונדן?...
איך גיב אָבער אַ קלער,

אַז שולדיג איז נאָר ד ע ר,
וואָס מאַכט שלום מיטן דריק, מיטן שטיק
און גיט ניט צוריק קיין בריק...

די דאָזיגע פיר אליקומס אימפּראָוויזאַציעס האָבן אַרויסגערופן ביים גאַנצן קרייזל אַ שטורים פון באַגייסטערונג. כ'געדענק, אַז איך בין אויך פון זיי שטאַרק נתפּעל געוואָרן. די אַלגעמיינע התפּעלות איז געווען ניט פון די עצם לידער, אין וועלכע ס'האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן קיין מינדסטן סימן פון אַ וואָסער ס'איז „שאַפונג", נאָר פון דער בליץ־שנעלער פערזן־און־נגונים־מאַכעריי. אַ געוויסע צייט נאָכדעם האָב איך צופעליג דערגאַנגען דעם סוד פון דער דאָזיגער געשווינטער „פערזן־מאַכעריי", און פון דאַמאָלסט אָן איז שוין דאָס מער ביי מיר קיין חדוש ניט געווען. דעם לעזער וועט דאָס דערקלערט ווערן אין איינעם פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

II.

די ווירקונג פון די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד אויף אונזער קרייזל.—דער קרייזל ווערט אויס סאָציאַליסטיש און חבת־ציונדיג געשטימט.—די ערשטע חברה „חובבי־ציון" אין מינסק.—אליקום'ס לידער וועגן חבת־ציון.—דער שאַפונגס פּראָצעס פון די דאָזיגע לידער.—פּרעמדע ווערטער מיט אייגענע הרוזים.—די חובבי־ציון דאַרפן האָבן אַ הימען.—אליקומס פּאַלעסטינע־מאַרש.—אליקום'ס לידער אַלס גרויסע אַגיטאַציע פאַר חבת־ציון.—דער גרויסער ערפאָלג פון די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען מיט אליקום'ס אָנטייל.—לעוואַנדע וועגן אליקום'ן.

עס זיינען אַוועק אַ יאָר דריי. אין דרום־רוסלאַנד האָבן אויסגעבראָכן די ערשטע יידישע פּאָגראָמען. די דאָזיגע טרויעריגע געשעהענישן, צוזאַמען מיטן גרויסן אויסוואַקס פונם געזעלשאַפטליכן און פּאָליטישן אַנטיסעמיטיזם, האָבן צווישן אַ גרויסן טייל פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ געבראַכט צום קראַך די אַסימילאַטאָרישע טענדענציעס. אין פיל דענקנדיגע מחות איז פּאָרגעקומען אַן איבערקערעניש, פון וועלכער ס'האָט זיך געשטאַרקט און געפּאַנצערט דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק. אין דער יידישער גאַס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ נייער לאָזונג: „אַ ה י י ם!" און ס'איז אַרויסגעשוואומען די אידייע פון חבת־ציון. מינסק איז געווען איינע פון די שטעט, אין וועלכע די באַוועגונג פאַר ישוב ארץ־ישראל האָט אַ גוטן באָדן געפונען. אַ סך פון דער מינסקער יידישער אינטעליגענטער יוגנט האָבן זיך אַנטזאָגט פון זייער ביזאהעריגער קאָסמאָפּאָליטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און זיינען געוואָרן הייסע נאַציאָנאַליסטן און חובבי־ציון. באַלד איז צו זיי צוגעשטאַנען דער גאַנצער אליקומ'ס־קרייזל. די סאָציאַליסטישע דעבאַטן זיינען אַראָפּ פון סדר־היום, און אָנשטאָט זיי זיינען

אַרויף נייע שטרעבונגען און האָפֿענונגען, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם אויפלעבונגס־אידעאַל.

נייע טענער האָבן פון דאַמאָלסט אָן גענומען אָפּקלינגען אויך אין צונזערס לידער. דעם ענין פון חבת־ציון האָט ער לייכטער און טיפער תופס געווען. פאַר קיין טעמע האָט ער נאָך ניט געהאַט אַזאַ רייכן מאַטעריאַל, ווי פאַר דער טעמע פון ישוב ארץ־ישראל. אויסער זיינע מונדליכע שמועסן מיט די קרייזל־חברים און פאַרשיידענע צייטונגס־אַרטיקלען, פון וועלכע ער האָט געשעפּט שטאָף צו זיינע לידער, האָט ער נאָך דערצו אויסגעניצט זיינע קענטעניש אין תנ"ך און אין תלמוד. דעריבער זיינען זיינע פּאַלעסטינע־לידער אַרויס אַסך שטאַרקער און איינדרוקס־פולער פון אַלע זיינע פריערדיגע לידער. אמת, קיין קונסט אין מאָדערנעם זין פון וואָרט איז אין זיי אויך ניט געווען, און הערנדיג זיי אָן דער מעלאָדיע האָבן זיי קיין שום רושם ניט געמאַכט, ווייל בכלל האָט צונזערס יידישן סטיל תמיד געפעלט זאַפטיקייט און האַרמאָניע. אָבער בעת ער אַליין האָט זיי התלהבות'דיג אויף זיין שטייגער געזונגען, און דערצו נאָך מיט מוזיק, האָבן זיי דעם ברייטן עולם ממש באַצויבערט.

זעהר אינטערעסאַנט איז געווען דער שאַפונגס־פּראָצעס פון צונזערס חבת־ציון־לידער. כמעט איטליכע ליד האָט זיך איר געשיכטע, און כמעט אַלע זיינען זיי „חברים־שמועסן איבערגעגעבן אין חרוזים". איך געדיינק אַמאָל אַן אָוונט — דאָס איז געווען אָקאָרשט־וואָס ס'האָט זיך אין מינסק געגרינדעט די ערשטע חברה פון חובבי־ציון — זיינען מיר געזעסן ביי צונזערן, און האָבן אַרומגערעדט פאַרשיידענע ענינים, וועלכע זיינען נוגע אונזער פּאַראיין. צווישן אַנדערע פראַגן האָט מען גערעדט אויך וועגן דער נויטיגקייט אויפצורופן עפּטערס חברים־פאַרזאַמלונגען. דאָ האָט איינער באַמערקט, אַז מיט אַסיפות און מיט טרוקענע דרשות אַליין וועט מען נאָך ניט קענען באַגייסטערן און צוציהען דעם עולם; דערצו זיינען אויך נויטיג גוטע נאַציאָנאַלע חבת־ציונ'דיגע לידער, וועלכע זאָלן קענען דערוואַרימען די הערצער. אַ צווייטער חבר האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז עס דאַרף פאַרפאַסט ווערן אַ מין ארץ־ישראל־הימען, וועלכן מ'זאָל זינגען אויף אַלע גרעסערע אסיפות פון חובבי־ציון. דער דאָזיגער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן אַ ויכוח וועגן דעם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס דאַרף טראָגן דער אינהאַלט פון אַזאַ הימען. איינער האָט געזאָגט, אַז די ליד דאַרף פאָרשטעלן אַ בילד פונ'ם קומענדיגן יידישן אידילישן לעבן אין ארץ־ישראל, וואו זיי וועלן אַליין האָבן אייגענע — פּרוכט און וויין פון אייגענע סעדער, שיך פון אייגענע פעל און קליידער פון אייגענע פאַבריקן, און דערביי גאַנץ זיכער זיין, אַז קיינער וועט דאָס ביי זיי ניט אַוועקנעמען. אַ צווייטער האָט איינגעפונען, אַז דאָ דאַרף באַזונדערס באַטאָנט ווערן ווי שלעכט און ווי ביטער עס איז צו וואוינען ביי יענעם אין שכנות און ווי וואויל עס איז צו האָבן אַן אייגענעם ווינקל; אַ דריטער האָט אויפגעוויזן, דאָס דער עיקר דאַרף דאָ שאַרף פּראָטעסטירט ווערן קעגן דעם יידישן נע־ונד זיין און אַרומ־

וואָגלענישן אין גלות, און אַ פּערטער האָט אויף דעם מוסיף געווען, אַז דערצו מוז נאָך אויך דערקלערט ווערן ווי נויטיק ס׳איז אין דעם איצטיקן מאָמענט אחדות און צוזאַמענבינדונג צווישן אַלע יידישע פּאַרטייען און כּתּות. צונזער האָט זיך, ווי זיין שטייגער, ניט באַטייליגט אין די ויכּוחים; ער איז נאָר געזעסן און גוט איינגעהערט זיך, און בשעת מעשה אונטערגעברומט אונטערן נאָז עפּיס אַ נגונ׳דל. נאָר אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול, איז צוגעגאַנגען צום שרייב טיש, האָט עפּעס מיט אַ בליי-פעדער אָנגעצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין אָרט און פאַרגעזעצט אין דער שטיל זיין איבערגעריסענעם נגונ׳דל, אַריינקוקנדיק מינוטנווייז אינס פּאַפּירל. זיצנדיק ניט ווייט פון אים האָב איך באַמערקט, אַז דאָס האַלט ער אין האַנט אין דער גיך אָנגעוואָרפענע נאָטנ-שטריכן. בעת מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין און זיינען שוין געשטאַנען אָנגעטאָנענע אין פאָדער-צימער, רופט זיך אָפּ צונזער.

— רבותי, מחר יהיה האות הזה! מאָרגן האָט איר אַ פאַרטיקן הימן.

ווי געזאָגט איז דאָס פאָרגעקומען אין אָוונט. אויף מאָרגן אינדערפרי גייענדיק אין גאַס באַגעגנט מיר איינער פון די חברים און דערציילט מיר, אַז אָט ערשט גייט ער פון אליקום׳ן, וועלכער האָט שוין באַוויזן אויפצושרייבן דעם הימן, וועגן וועלכן מ׳האָט נעכטן אָוונט גערעדט, צוזאַמען מיט מוזיק, און אַז דאָס איז גאָר אַ בחיר, אַ צאַצקע, ממש „לא באָ כבשם הזה". דעם קומענדיגן פרייטאָג צו נאַכט האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן ביי צונזערן, און ער האָט פאַר אונז געזונגען זיין „פּאַליסטינע-מאַרש", ווי ער האָט דאָס דאַמאָלס אָנגערופן. דאָס איז געווען אַ מין „כּורך" צוזאַמענגעשטעלט בוכשטעבליך פון די איינצעלנע פראַזן און ווערטער, וועלכע זיינען אין דעם אויבנדערמאָנטן אָוונט אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון די חברים, וואָס האָבן זיך מתווכח געווען וועגן דעם תוכן פונ׳ם חבת-ציונ׳דיגן הימן. אינ׳ם „פּאַלעסטינאַ-מאַרש" געפינען זיך, למשל, אַזוינע פערזן:

„פון אייגענעם סאָד די פּרוכט,
פון אייגענעם אָקס די יוכט,
פון אייגענעם פאַבריק וועסטו טראָגן דראַפּ;
פון אייגענעם סאָד די וויין,
און ביי זיך רוהיג זיין,
אַז דאָס וועט ניט ראַבירן קיין קאַצאַפּ".

(וועגן דעם געהאָפּטן אידילישן לעבן אין ארץ-ישראל):

אָדער די פאָלגנדע פערזן:

„גענוג שוין צו וואוינען אין אַ אונטער-אויון-קוואַרטיר
דירה-געלט צאָלסטו און מ׳שלאָגט נאָך דיר;

דיין אייגענע הויז
שטייט ליידיג און לויז".

(די שלעכטסקייט פון שכנות מיט די מעלות פון אַן אייגן ווינקל).

און ווייטער:

"געננוג שוין צו זיין נע־ונד
ווי די אָפּפאַל־בלעטלאַך אין ליסטאָפּאַד".

(אַ פּראָטעסט קעגן די אַר־מוואָגלעניש אין גלות).

און צום סוף:

"מתנגדים, חסידים און משכילים גענוג שוין זיין צוטיילט,
דער שטאַרקער גוואַלד־ריס אין אונזער קערפּער שוין צייט
ער זאָל זיין געהיילט,
נעמט אייך צונויף אַלע צוזאַמען גבירים און אָרימע־לייט".

(די נויטיגקייט פון אחדות).

מ'געפינט ניט אין דעם דאָזיגן צונזערס פּאַלעסטינע־הימען ניט בלויז קיין איין אייגן, אָריגינעלן געדאַנק, נאָר אויך קיין איין אייגענע פראַזע, קיין איין אייגן וואָרט. אויב דאָ איז דאָ עפּעס ספּעציעל זיינס, איז דאָס נאָר דער צו־געפּאַסטער גראַם מיט דער צוגעפּאַסטער מעלאָדיע.

אַ צווייטן מאָל איז געווען אַ מעשה, אַז איינער אַ מלמד פון אונזער קרייזל, זעהר אַ הייסער חובב־ציון און אַ גרויסער בעל־התפעלות, האָט זיך פו־נאַנדערגערעדט מיט אַ ברענענדיגן ענטוזיאַזם וועגן דעם יידישן צוריקקערן פון גלות־בבל קיין ארץ־ישראל אין דער צייט פון עזרא און זרובבל, און וועגן דעם, ווי די מוטער ציון האָט דאַמאָלסט באַגעגנט און אויפגענומען אין איר שויס אירע קינדער, פון וועלכע זי האָט זיך שוין מיאש געווען. אויף מאָרגן האָט שוין אליקום פּאַרפאַסט אַ נייע ליד מיטן נאָמען "שיבת־ציון", אין וועל־כער ער זאָגט:

"וואָס זעה איך דורך די שויבן?
זיי פליהען ווי די טויבן,
מיין יוסף, מיין בנימין קלאַפּן מיר אין טיר".
הימל, גאָט, אָ וואונדער!
אָט זעה איך מיינע קינדער
קומען ווידער צו מיר" וו. א. וו.

אין אַ געוויסן טאָג, בשעת מיר זיינען ערגעץ געזעסן אין אַ מסיבה צו־זאַמען מיט צונזערן, האָט איינער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז ס'איז ניט ריכטיג דאָס, וואָס מ'שטרייכט ביי אונז תמיד אונטער, אַז ארץ־ישראל וועט יידן באַפרייען פון דעם אַנטיסעמיטיזם און אויסלייזן זיי פון זייערע צרות. מ'דאַרף נאָך דערצו אויך דערקלערן, אַז פּאַלעסטינע וועט דעם יידישן פּאָלק אָפּרייסן פון זיינע גלות'דיגע שפּל'ע פּרנסות ווי: שענקעריי, מעקלעריי, לופט־און שווינדל־

געשעפטן, און וועט אים געבן די מעגליכקייט צו נעמען זיך פאַר דער כשר׳סטער, רייגסטער פראַפעסיע, פאַר ערד־אַרבעט.

דעם אַנדער טאָג האָט שוין אליקום געזונגען:

„אין סאָכע
ליגט די מזל ברכה" א. אַ. וו.

ידיעות וועגן וועלט־פּאָליטיק האָט צונזער תמיד געשעפּט נאָר פון העב־רעאישן וואָכנבלאַט „המגיד". ער איז געווען איינער פון די פילע לעזער אין יענער צייט, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז וויל מען נאָר האָבן אַ ריכטיגע און אַ פּאָפּולער אָנגעשריבענע פּאָליטישע איבערזיכט, דאַרף מען נאָר היטן לייענען בקביעות די וועכנטליכע רובריק אינ׳ם „המגיד" אונטער׳ן נאָמען „על המדינות בו יאָמר". די פּאָליטישע מיינונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער דאָזיגער רובריק, זיינען געווען ביי אליקומ׳ן קדש־קדשים, אַן אייזערנע אַקסיאָמע, ניט נעמענדיג אין אַכט דאָס, וואָס דער „מגיד" איז שטענדיג געווען אין זיינע אָנשויאונגען העכסט קאָנסערוואַטיוו. בכלל האָט זיך צונזער קיינמאָל ניט פונאַנדערגעקליבן אין מיינונגען. דאָס, וואָס ער האָט גיכער באַנומען מיט זיין הבנה, און דאָס, וואָס עס איז אים לייכטער געווען מקרב אל השכל צו זיין, — דאָס איז ביי אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ הלכה פסוקה, פאַר דעם איינציגן אמת.

איינמאָל האָט צונזער געפונען אין דער פּאָליטישער רובריק פון „המגיד" אַרויסגעזאָגט אַזאַ מין אידייע: דורך דעם, וואָס דער באַרימטער יידישער ליבע־ראַלער דעפּוטאַט אינ׳ם דייטשן פּאַרלאַמענט, עדוואַרד לאַסקער, האָט אין זייגער אַ רעדע צו שאַרף קריטיקירט דעם דייטשן רייכס־קאַנצלער גראַף ביס־מאַרק, האָט ער זעהר אַ גרויסע רעה געטאָן דעם גאַנצן יידישן פאָלק, ווייל פון יענעם טאָג אָן איז ביסמאַרק געוואָרן אַ שונא־ישראל און האָט אָנגעהויבן אונטערצושטיצן דעם אַנטיסעמיטיזם. צונזער האָט די דאָזיגע מיינונג גלייך אויפגעכאַפּט, און בו ביום האָט ער שוין געזונגען אין אַ ליד:

„לאַסקער וויל זיך דאָרט אויספּייניגען
ווערט זיין פאָלק ניט גוט;
די ליבעראַלן נאָר זיי זיינען
שולדיג אין דיין בלוט".

און אַזוי זיינען אַלע זיינע לידער געווען נאָר פרעמדע איבערגעניצעוועטע געדאַנקען אין חרוזים, און פונדעסטוועגן האָבן זיי, ווי איך האָב שוין דאָ אויבן אָנגעמערקט, אויפן פאָלק תמיד אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. זיינע לידער וועגן חבת־ציון האָבן געבראַכט גאַנץ בולט׳ע ממשות׳דיגע פּרוכט. אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, וואו ער איז נאָר געווען אויף חתונות און האָט פאַרגע־טראָגן זיינע לידער, האָט זיין אַגיטאַציע פאַר ישוב ארץ־ישראל אַזוי פיל גע־ווירקט, דאָס כמעט אומעטום פלעגן זיך באַלד גרינדן חברות פון חובבי־ציון. פון אַ סך ערטער פלעגט ער מיטברענגען גרויסע געלט־סומעס, וועלכע עד

פלעגט אָפּשיקן קיין וואַרשע אין דעם דאַמאָלסדיגן צענטראַל=ביוראָ פון דער חובבי=ציונ׳דיגער הנהגה. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין מינסק גופא האָבן די חובבי=ציון געפונען פאַר צוועקמעסיג איינצואָרדענען פון צייט צו צייט פאָלקס=פאַרזאַמלונגען מיט דעם אָנטייל פון אליקום צונזער. יעדעס מאָל ווען מ׳האָט זיך נאָר דערוואוסט אין שטאָט, אַז אליקום וועט זאָגן—קיין אַפּישן זיינען ניט געווען געקלעפּט, ווייל די פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען אין בתי=מדרשים און אויף אַן אומלעגאַלן אופן—פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן אַ טויזנט=קעפּיגער עולם, און פילע פלעגן נאָך מוזן אַוועקגיין ניט געפינענדיג פאַר זיך קיין אָרט. די דאָזיגע פאַרזאַמלונגען האָבן געהאַט, אויסער אַ גרויסע אַגיטאַטאָרישע באַדייטונג, אויך אַ גרויסן מאַטעריעלן ערפאָלג. דערוויסענדיג זיך פון דעם דורך די צייטונגען אין אַנדערע שטעט, האָט מען פון דאָרטן אויך גאַנץ אָפט אָנגעהויבן אַיינצולאַדן צונזערן אויף עפּענטליכע אָוועטן, און אַלע זיינע אַרוסטרעטונגען מיט די חבת=ציון=לידער זיינען אַריבער אונטער רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן און שטורמישע אָוואַציעס מצד דעם פובליקום.

אין ווינטער 1883 איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן מיט צונזערן קיין ווילנע. ער האָט מיר דאַמאָלסט געבעטן, אַז איך זאָל אים אַריינפירן צו לעוואַנדען, כ׳האָב דאָס געטאָן. ביי לעוואַנדען האָבן מיר דאַן געפונען דעם באַוואוסטן ציוניסטישן עסקן ה׳ י. ל. גאָלדבערג, דעם ד״ר בנימין פין, דער זון פון באַקאַנטן געלערנטן ר׳ שמואל יוסף פין און דעם ווילנער שטאָט=מגיד, ר׳ יעקב=יוסף. מ׳האָט זיך פונאַנדערגערעדט וועגן חבת=ציון, און איך געדענק שוין היינט ניט ווער פון די אָנוועזנדע האָט פאָרגעלייגט, אַז אליקום זאָל עפּעס זינגען. אליקום, וועלכער האָט אַ טבע געהאַט תמיד צו לאָזן זיך בעטן, האָט דאָס יענעם מאָל ניט געטאָן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו זינגען, פריהער דעם „פּאַלעסטינע=מאַרש“ און דערנאָך דאָס ליד „שיבת=ציון“. איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז ניט לעוואַנדע און ניט ד״ר פין,ביידע מענשן מיט אַן עסטעטישן געשמאַק, וועלן פון זיינע לידער בלייבן צופרידן (גאָלדבערג האָט שוין פריער אליקום׳ען געהערט ניט איינמאָל). האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, דאָס כ׳האָב אַ טעות געהאַט. אַז אליקום האָט פאַרענדיגט זינגען, האָט אים לעוואַנדע געדריקט די האַנט, און ד״ר פין האָט אויסגעשריען: „בראַוואָ“! דער שטאָט=מגיד, געדענק איך, האָט אויך שטאַרק הנאה געהאַט פון די לידער.

ווי ווייט לעוואַנדע האָט געהאַלטן פון אליקום׳ען אַלס פאָלקס=דיכטער, ווייזט אויך דער פאָלגנדער פאַקט: בשעת איך בין שפּעטער אין אַ געוויסער צייט אַרום צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ יידישן זאַמל=בוך געווידמעט דעם חבת=ציון=געדאַנק אונטערן נאָמען „דער בעל=יועץ“, און האָב אָנגעפרעגט לעוואַנדען אין אַ בריוו וועמען אַיינצולאַדן אַלס מיטאַרבעטער, האָט ער מיר דאַן דעם ערשטן רעקאָמענדירט צונזערן*).

*) זעה לעוואַנדעס בריוו צו מיר אין שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק“, I באַנד, ז. 448.

I[illegible].

צונזער אויף אַ התונה אין וואַרשע.—די וואַרשעווער חובבי-ציון אָרדענען אײַן אַן אָוונט מיט צונזערס אָנטייל.—צונזערס גרויסער ערפאָלג.—גאָלדפאַדנס קאָמפּלימענטן.—דער באַזוך בײַ גאָלדפאַדענען.—גאָלדפאַדנס הומאָריסטישע ערציילונגען, ווי אַזוי ער האָט באַשאַפן דעם ערשטן יידישן טעאַטער.—מאַנסביל אין דער ראָלע פון פרויען.—יעקב דינעזאָן וויל ווערן אַ דראַמאַטורג און האָט חרטה.—צונזער לייענט פאָר זײַן טראַגעדיע.—צונזער אַלס אויסגעצייכנטער דעקלאַמאַטאָר.—אַ שניידער אַ מעלאָמאַן, וואָס וויל אָנקוקן גאָלדפאַדענען.—ווי גאָלדפאַדן האָט זיך דערפאַר געלאָזט באַצאָלן.—דינעזאָן קעגן גאָלדפאַדענען.—צונזער פאַרטיידיגט גאָלדפאַדענען.

אין יאָר 1886 האָב איך געוואוינט אין וואַרשע, וואו כ׳האָב מיטגעאַרבעט אין שפּר׳ס (שאול פנחס ראַבינאָוויטש) העברעאישן זאַמל-בוך „כנסת ישראל”. האָט זיך געמאַכט, דאָס צונזער איז יעמאָלט געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע אויף אַ גביר׳ישער חתונה. מיט דעם פאַל האָבן זיך באַנוצט די וואַרשעווער חובבי-ציון און האָבן אין אַ גרויסן זאַל אויף גזשיבאָוו אײַנגעאָרדענט אַן אָוונט, אויף וועלכע צונזער האָט געזונגען זײַנע „ציונאַדן”,—אַזוי האָט ער אָנגערופן זײַנע חבת-ציונ׳דיגע לידער. צום אָוונט זײַנען געקומען די דאַמאָלסדיגע אָנגעזעהענסטע וואַרשעווער עסקנים פון חבת-ציון מיט דעם געשוואָרענעם אַדוואָקאַט יאַסינאָווסקי אָן דער שפּיץ, אויך אײַניגע חשובע שריפטשטעלער ווי: שפ״ר, א״ש פרידבערג (הר-שלום), יעקב דינעזאָן, וועלכער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם באַוואוסטן יידישן דראַמאַטורג אברהם גאָלדפאַדן. צונזער האָט דאַן בײַ דעם גרויסן עולם זעהר אויסגענומען, יעדעס ליד האָט אַרויסגערופן אין זאַל שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, און אַז ער איז אַראָפּ פון דער בינע האָט מען אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, געדריקט אים די האַנט און באַשאָנקען מיט קאָמפּלימענטן. צוגעגאַנגען צו אים איז אויך גאָלדפאַדן און זיך אָפּגערופן: „אײַער נאָמען איז מיר שוין באַקאַנט פון לאַנג, נאָר הערן האָב איך אײַך הײַנט געהערט דעם ערשטן מאָל, און כ׳זאָג אײַך בפני כל עם ועדה, אַז איר האָט מיר פאַרשאַפט אַן אמתן פאַרגעניגן”. דערבײַ האָט ער געבעטן צונזערן אים צו באַזוכן.

צוריקגייענדיג פון אָוונט האָב איך צונזערן באַלייט צו זײַן האָטעל. אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך שוין געוווּנט קאָמפּלימענטן אָנגעהערט אויף זײַן לעבן און הערט זיך זיי אָן טאָג-טעגליך, אָבער פון גאָלדפאַדנס הײַנטיגע רייד שעצט ער זיך איבערגליקליך.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז גאָלדפאַדן איז געווען כמעט דער איינציגער יידישער דיכטער, פון וועלכן צונזער האָט געהאַלטן און האָט אים ניט מבטל געווען, און אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס זײַנע לידער האָבן זיך געלאָזן אײַנפּאַסן

אין מעלאָדיעס און מ׳האָט זיי געקענט זינגען. כ׳האָב שוין דאָ פריהער דערציילט, אַז דאָס איז געווען ביי צונזערן דער איינציגער קריטעריום פאַר פּאָעזיע.

גייענדיג האָבן מיר אָפּגערעדט מאָרגן ביידע צו מאַכן אַ וויזיט גאָלדפאַדענען. דערביי האָט מיר צונזער געזאָגט, אַז זייענדיג שוין אין וואַרשע האָט ער בדעה אָפּגעבן דאָ צום דרוק זיינע אַ טראַגעדיע, וועלכע ער האָט די לעצטע צייט אָנגעשריבן, און וויבאַלד, אַז אים האָט דאָ דער צופאַל צונויפגעפירט מיט גאָלדפאַדענען, וויל ער אים פריער ווייזן זיין ווערק, הערן זיינע מביגות און מישב זיין זיך מיט אים, אפשר קען מען איר שטעלן אויף דער בינע.

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג בין איך מיט צונזערן אַוועק צו גאָלדפאַדענען אין זיין האָטעל. ביי אים אין נומער האָבן מיר דערוויסט דינעזאָנען מיט עטליכע אַקטיאָרן פון דער יידישער טרופּע, וועלכע האָט דאַמאָלסט געשפּילט אין וואַרשעווער זומער־גאָרטן „עלדאָראַדאָ“ אַלס דייטשע טרופּע, ווייל אין יידיש איז דאַן געווען פאַרבאָטן צו שפּילן.

גאָלדפאַדן האָט דאַן געהאַלטן אינמיטן אַ שמועס מיט זיינע געסט וועגן דעם ווי אַזוי ער האָט אַמאָל, אין דער צייט פונ׳ם רוסיש־טערקישן קריג, באַשאַפן אין דער רומענישער שטאָט יאַסי דעם יידישן טעאַטער און וועגן די צרות, וועלכע ער איז אויסגעשטאַנען ביז אים האָט זיך איינגעגעבן צונויפצושטעלן די ערשטע טרופּע. באַזונדערס האָט ער געליטן דורך דעם, וואָס דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז געווען אַ מאַנסבילשער, אָן איין פרוי, ווייל אַן אַנשטענדיגע מיידל האָט דאַמאָלס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע חרפּה צו ווערן אַן אַקטריסע. בלויז איין מיידל האָט מסכים געווען אַריינצוטרעטן אין דער טרופּע, אָבער נאָר מיט דעם תנאי, אַז זי זאָל שפּילן שטומע ראָליען, דאָס הייסט, אַז שטייענדיג אויף דער סצענע זאָל זי די גאַנצע צייט שווייגן. צוליב דער דאָזיגער מיידל האָט גאָלדפאַדן דאַמאָלס אָנגעשריבן אַ באַזונדער פּיעסע אונטערן נאָמען „די שטומע כלה“. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מאַנסביל האָבן געדאַרפט אַרויסטרעטן אויך אין די ראָליען פון פרויען, צו וואָס ס׳האָט זיך פון זיי געפאָדערט גאָר אַ באַזונדער טאַלענט. דאָ האָט מען געדאַרפט קענען נאָכמאַכן ריכטיג און, ווי מ׳זאָגט, מיט אַלע פּיטשעווקעס ניט בלויז דאָס גאַנצע האַלטן זיך פון אַ פרוי אין די פאַרשיידנסטע מאָמענטן, נאָר אויך איר שטים אין אַלע מעגליכע וואַריאַציעס. און די קונסט האָט גוט פאַרשטאַנען נאָר איינער פון גאָלדפאַדנס טרופּע. דאָס איז געווען דער אַרטיסט וויינשטיין, וועלכער האָט פריער געדינט עטליכע יאָר אַלס באַס ביי דעם מינסקער שטאָט־חזן ישראל׳קע שאַוולזאָן. אָט דער דאָזיגער ווײַנשטיין האָט תמיד מייסטערהאַפט געשפּילט די שווערשטע פרויען־ראָליען אין די פאַרשיידנסטע פּאָזעס, פון אַ יונגער פאַרליבטער ביז אַ זקנה פון אַ יאָר אַכציג. די איבעריגע אַקטיאָרן, וועלכע פלעגן אַמאָל דאַרפן פאַרבייטן פרויען אויף דער סצענע,

זיינען כמעט שטענדיג נכשל געוואָרן, וואָס עס פלעגט אַרויסרופן די שרעקליכסטע געלעכטערס מצד דעם פובליקום. גאָלדפאַדן, וועלכער איז געוועזן פון דער נאַטור זעהר אַן אינטערעסאַנטער שמועסער, און האָט תמיד רעדענדיג געשפּראָדלט מיט וויץ און הומאָר, האָט דערביי אילוסטרירט דורך מימיק די פאַרשיידנאַרטיגע שטרויכלונגען פון די אַקטיאָרן-ווייבער, און מיר האָבן זיך אַלע בשעת מעשה געהאַלטן פאַר די זייטן לאַכנדיג.

פון דעם איז מען אַריבער צו אַן ערנסטן געשפּרעך וועגן דעם זעהר אָרימען רעפּערטואַר פונ׳ם יידישן טעאַטר. דערביי האָט דינעזאָן דערציילט, דאָס אין דער יוגנט, נאָך איידער ער האָט אָנגעשריבן זיין ערשטן ראָמאַן „הנאהבים והנעימים", האָט ער זיך אויך געפּרובט נעמען צו דראַמעס; ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז ער טויג דערצו ניט, און האָט עס אַוועקגעוואָרפן. אַז ער איז ניט פייהיג צו שרייבן פּיעסן,—דאָס האָט אים אַמאָל געזאָגט אויך מיכל גאָרדאָן*), פאַר וועלכן ער האָט איבערגעלייגט זיין ערשטע פּיעסע מיטן נאָמען „די פרוכט פון פאַנאַטיזם". „פאַר מיכלן אין די אויגן—אַזוי האָט דינעזאָן דאַן פאַרענדיגט—האָב איך גענומען מיין פּיעסע, און האָב זי צוריסן אויף שטיקלאַך".

מיט דער געלעגנהייט האָט זיך צונזער באַנוצט און האָט דערציילט, אַז ער האָט דאָ ניט לאַנג פאַרענדיגט שרייבן אַ טראַגעדיע אין דריי אַקטן מיטן נאָמען „אַ קרבן פאַר יחוס". ווי אים דאַכט וואָלט מען איר געקענט שטעלן אויף דער בינע, נאָר ער איז אין דעם ניט גאַנץ זיכער; בכן וואָלט ער געוואָלט בעטן גאָלדפאַדענען, אַז ער זאָל זיך באַקאָנען מיט זיין טראַגעדיע און אַרויסזאָגן אים זיין מיינונג. אָבער היות ווי ער דאַרף נאָך דעם זעלביגן טאָג אָפּפאָרן צוריק קיין מינסק, וואָלט אפשר געוועזן מעגליך, אַז גאָלדפאַדן זאָל מרוצה ווערן טאַקי נאָך היינט איבערלייענען זיין כתב-יד, וועלכן ער האָט דאָ ביי זיך. אויף דעם האָט אים גאָלדפאַדן פאָרגעלייגט, אַז די בעסטע זאַך איז, דאָס ער, צונזער, אַליין זאָל אָט איצט פאָרלייענען איין אַקט צי צוויי פון זיין טראַגעדיע, און דאַן וועט ער אים קענען זאָגן גלייך אויפ׳ן אָרט, צי איז די פּיעסע פאָרשטעלונגס-פייהיג, אָדער ניט. צו דעם האָט דאַן גאָלדפאַדן מוסיף געווען: „כדי אייך זאָל, חלילה, ניט טריקענען אין האַלז, הייס איך שוין אַרויפטראָגן אַ סאַמאָוואַר. ביי אַ גלעזל טיי לייענט זיך גאָר אַנדערס; דאָס ווייס איך פון מיין אייגענער ערפאַרונג".

אליקום האָט אַרויסגענומען פון בוזים-קעשענע דעם כתב-יד און האָט אָנגעהויבן צו לייענען. זיין לייען-מאַניר איז געוועזן שיין און עפעקט-פול. דורך דער בדחנות האָט זיך ביי אים מיט דער צייט אַנטוויקלט אַ באַזונדער פייהיגקייט צו דעקלאַמאַציע. די דיאַלאָגן זיינען ביי אים אַרויסגעקומען ווי פון דער נאַטור, זיינע העלדן און העלדינען האָבן אין זיין מויל געלעבט; קינסטלעריש ריכטיג האָט ער איבערגעגעבן די אינטאָנאַציע פון די

*) אַ באַקאַנטער יודישער דיכטער פון יענער צייט.

פאַרשיידענע שטימען. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם האָט געמאַכט דער מאָנאָ־לאָג פון דער הויפּט־העלדין, אַ מיידל, וואָס איז פאַרליבט אין איר לערער, און אירע פאַנאַטישע עלטערן ווילן זי צווינגען חתונה צו האָבן מיט אַ חסידישן בחורל, אַ האַלבער אידיאָט, נאָר אַ זון פון רייכע עלטערן. דעם דאָזיגן העכסט דראַמאַטיש־רירנדיגן מאָנאָלאָג האָט אליקום פאָרגעטראָגן מיט אַזוי פיל טאַ־לענט, דאָס הערנדיג אים האָט זיך געגלויבט צו זעהן פאַר זיך די אומגליקליכע העלדין. גאָלדפאַדן האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אים אינמיטן לייענען איבערגעריסן מיט דער באַמערקונג: מ׳קען דאָך מיט אייך פאַרבייטן די בעסטע דראַמאַטישע אַרטיסטין; וואָלט איך אַזעלכן ווי איר געהאַט אַ מאָל! בנוגע דער עצם פּיעסע האָט דאַן גאָלדפאַדן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז בכלל געפעלט זי אים, נאָר ער געפינט אין איר פאַרשיידענע דעפעקטן, וואָס מוזן אויסגעבעסערט ווערן. דער עיקר דעפעקט איז, וואָס זי איז צו לאַנגלאַך, און מ׳מוז איר אַ ביסל פאַרקירצן; באריכות וועגן די חסרונות פון דער פּיעסע און וועגן דעם ווי אַזוי מ׳וועט איר קענען שטעלן אויף דער בינע, וועט ער אים שרייבן אין אַ בריוו. דערביי האָט גאָלדפאַדן פאַרגעלייגט אליקום׳ען, ער זאָל אים געבן די פּיעסע מיט זיך. כ׳געדענק, אַז אליקום האָט אים דאַמאָלסט די פּיעסע געגעבן; איך ווייס אָבער ניט מיט וואָס די זאַך האָט זיך צווישן זיי פאַרענדיגט. איך ווייס נאָר דאָס, אַז אויפן סצענע איז די פּיעסע קיינמאָל ער־געץ ניט אויפגעפירט געוואָרן.

פון דעם דאָזיגן באַזוך איז ביי מיר פאַרבליבן אין ערינערונג אַן עפּי־זאָד, וועלכער איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פערזענליכקייט פונם ערשטן יידישן דראַמאַטורג.

ווי מיר זיצן אַזוי און טרינקען טיי האָט זיך געעפנט די טיר, און אין נומער איז אַריין אַ פוילישער ייד פון אַ יאָר עטליכע און פערציג און, לויט זיין קליין היטעלע מיט דער שמאָלער דענקע, קענטיג אַ חסיד. ווי גאָלדפאַדן האָט אים דערזעהן, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און געפרעגט אין אַ ברוגז׳דיגן טאָן:

— וואָס, שוין ווייטער?

— ניין, ניין, פאַניע גאָלדפאַדן—האָט אים אויף דעם דער יידל געענט־פערט—ניט אומזיסט, ניט אומזיסט, כ׳האָב אייך געבראַכט.

דערביי האָט דער יידל אַרויסגענומען פון אונטערן מאַנטל אַ שטיקל סאַמעט, פון אַ צוויי אַרשין אַן ערך, מיט רויט געשפּריצטע פּינטלאַך, האָט דאָס דערלאַנגט גאָלדפאַדענען און געזאָגט:

— אָט האָט איר אויף אַ זשילעט; פאַרניצט עס געזונטערהייד!

— אָט אַזוי פאַרשטיי איך!—האָט גאָלדפאַדן אויסגערופן מיט גרויס צו־פרידנהייט;—זעצט זיך אַקאָרשט אַוועק, גיסט אייך אָן אַ גלאָז טיי און טרינקט; איר וועט דאָך, מסתמא, פאַר איין גאַנג נעמען אַ מאָס אויך?

— פאַרוואָס ניט? מהיכא תיתי!—האָט דער יידל געזאָגט—אַבי נאָר האָבן די זכיה.

ניט איך און ניט צונזער האָבן דאַן געוואוסט, ווער דער יידל איז און אום וואָס דאָ האַנדלט זיך. פון אָנפאַנג האָט אונז געוועסט אויסגעוויזן, אַז דאָס זאָל זיין אַ מאַנופאַקטור־קרעמער; דערנאָך האָבן מיר אָבער געזעהן, אַז דאָס איז אַ ייד אַ שניידער. קיין באַזונדערן אינטערעס האָבן מיר אָבער ביידע אין דעם דאָזיגן שמועס ניט געהאַט, און ווי מ׳זאָגט: ס׳איז אונז אין איין אויער אַריין און פון דעם אַנדערן אַרויס.

טרעפנדיג זיך אין עטליכע טעג ארום מיט דינעזאָנען רופט ער זיך צו מיר אָפּ:

— ווי איז אייך געפעלן געוועזן די סצענע צווישן גאָלדפאַדענען מיטן שניידער?

כ׳האָב מיך שוין פאַרגעסן וועגן דער גאַנצער זאַך, און האָב דעריבער דינעזאָנען ניט גלייך געענטפערט.

— איר געדענקט שוין ניט דעם יידל, וואָס האָט געבראַכט גאָלדפאַדע־נען דעם שטיקל סאַמעט? — האָט מיך דינעזאָן געפרעגט.

— יאָ, יאָ, כ׳געדענק — האָב איך מיר דערמאָנט — נו, מילא, איז וואָס איז דאָ דער מער?

— די מעשה איז ניט אַזוי גלאַט און ניט אַזוי געוויינליך ווי איר מיינט — האָט דינעזאָן געזאָגט — ; דאָס איז אַ מעשה, וואָס האָט אויף מיר גע־מאַכט דעם ערגסטן רושם, וואָס איר קענט זיך נאָר פאָרשטעלן.

— מיט וואָס? וואָס איז דאָ אַזוי געשעהן? — האָב איך מיך געוואונדערט.

דאָ האָט מיר דינעזאָן דערציילט פאָלגנדעס:

— דער דאָזיגער שניידער, איז, ווי איר זעט אים אָן, אַ גרויסער מעלאָ־מאַן; פאַר דעם יידישן טעאַטער וואָלט ער אייך אַוועקגעגעבן דאָס לעבן. זינט עס שפּילט דאָ אין וואַרשע די יידישע טרופּע, איז ניטאָ אַ נאַכט, וואָס ער זאָל דורכלאָזן און ניט זיין אין עלדאָראַדאָ. בשעת יעדער ספּעקטאַקל ציט זיך עפּעס אויף אים אָן ווי אַ נייע הויט, בעת מ׳שפּילט איז ער תמיד מלא התפעלות; אַפּלאָדירט ביז עס ווערן אים געשוואָלן די הענט און שרייט „ביס!" ביז צום הייזעריג ווערן, איז אויפגעקנעפּלט מיט די אַקטיאָרן און מיט די אַקטריסעס; צווישן איין אַקט מיט דעם צווייטן לויפט ער אַרויף הינטער די קוליסן, און ברענגט זיי יעדעס מאָל אָן פון כל־טוב. פון דעם אָוונט אָן, וואָס ער האָט דערזעהן אין טעאַטער דעם מחבר פון די ספּעקטאַקלען, גאָלדפאַדענען, האָט ער ניט געקענט רוהען ביז אַנדערש, אַז ער מוז זיך מיט אים באַקאָנען; אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ מין ייד, וואָס קען מאַכן אַלעמען לאַכנדיג אָדער וויינענדיג. איינמאָל, בעת כ׳בין מיר אַזוי געזעסן און געשמועסט מיט גאָלדפאַדענען ביי אים אין האָטעל, ערשט דער יידל גייט אַריין און ניט אויסריידנדיג אַ וואָרט שטעלט ער זיך אַוועק ביים טיר. אַז גאָלדפאַדן האָט אים אַ פרעג געטאָן: וואָס פאַרלאַנגט איר, ר׳ ייד? האָט ער אים געענטפערט: כ׳בין אַהער געקומען, ווייל כ׳וויל האָבן די זכיה

אייך אָנצוקוקן. ווי גאָלדפאַדן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל פון אָרט און אויסגעשריען מיט כעס: אַזוי, אָנקוקן מיר זייט איר אַהער געקומען? אַ וואונדער בין איך ביי אייך? מיך קוקט מען ניט אָן אומזיסט!... דער יידל איז ווי צומישט געוואָרן און באַלד געכאַפּט און געמאַכט פּליטה. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטן און איז דאָך געקומען אָנקוקן גאָלדפאַדענען, און אַנשטאָט אָנקוק־געלט האָט ער אים געבראַכט די שטיקל סאַמעט, און דאָס האָט איר דאָך שוין געזעהן, אַז לא די, וואָס גאָלדפאַדן האָט זיך בייס שניידער גאַנץ קאַלט צוגענומען די סאַמעט, האָט ער נאָך אים פאַרגעלייגט, ער זאָל אים נעמען אַ מאָס, דאָס הייסט, אַז ער זאָל אים נאָך אַליין אויפנייען די זשילעט אָן געלט, און אַלץ נאָר פאַר דער איין זכיה אָנצוקוקן אים...

בעת דינעזאָן האָט מיר איבערגעגעבן דעם פאַקט, איז ער געווען זעהר אויפגערעגט. „דוקא ווייל איך בין גאָלדפאַדנס אַ גרויסער חסיד, קען איך אים דעריבער אַזאַ זאַך ניט מוחל זיין". אַזוי האָט מיר דינעזאָן דאַמאָלסט געזאָגט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום, אַז כ'בין געקומען קיין מינסק, און האָב דאָס ביי אַ געלעגנהייט דערציילט אליקום'ען, האָט ער זיך אָפּגערופן קאַלט:

— איך האַלט דאָס גאָר ניט פאַר אַזאַ עולה; איך בין אַ פּאָעט, און דו קומסט און ווילסט הנאה האָבן פון מיין פּנים, טאָ—ר' יעקב משלם! מיט געלט צי מיט שוה־כסף,—דאָ איז שוין ניט קיין נפקה־מינה...

IV.

דער וואוקס פון צונזערס פּאָפּולאַריטעט.—דאָס מאַכט אים ביי זיך גרויס.—ער הויבט אָן אויסצוווייכן דעם קרעזל.—ער וויל מ'זאָל פייערן זיין 25־יעריגן יובילעי.—ווי איך מיטן נפכ'ן אָרדענען אים איין אַ יובילעי.—עס פעלט מיר אַריין אין האַנט זיין גראַמען־ביכל.—דער שלעכטער איינדרוק, וואָס דאָס מאַכט אויף מיר.—די פייערונג פון אליקומס יובילעי.—אליקום וויל מיר ניט מוחל זיין.—אַ קאַמף צווישן העברעאיזם און יידישיזם מיט עטליכע און דרייסיג יאָר צוריק.—דער נצחון פון יידישיזם.—אליקום פאַרלאָזט רוסלאַנד.—פאַרוואָס ער טוט דאָס.—זיינע ערשטע לידער אין אַמעריקע.—נייע מענשן—נייע שמועסן, נייע שמועסן—נייע לידער...

פון צייט צו צייט איז געוואָרן צונזער אַלץ מער פּאָפּולערער. ניט בלויז חובבי־ציון, נאָר אויך פאַרשיידענע וואוילטעטיגע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס פון אַזעלכע גרויסע שטעט ווי קאָוונע, ריגע, ליבאַווע און אַנדערע האָבן אים אָנגעהויבן איינצולאַדן צו זיך אויף געזאַנג־אָוועמטן. אין יעדער אָרט איז ער אַרויסגעטראָטן מיט זיינע ציונאַדן, און אומעטום האָט ער געהאַט גרויס ערפאָלג. אין איינציגע שטעט האָט מען אים אויסער זיין גרויסן האָנאָראַר אויך

אויך אונטערגעטראָגן באַגריסונגס־אַדרעסן, אין וועלכע ער איז געוואָרן גע־קרוינט פון אַנדערע אַלס „פאָלקס־דיכטער" און פון אַנדערע אַלס „נאַציאָנאַלער משורר", און אויך מתנות פון פאַרשיידענע ווערט־זאַכן צום אָנדענקען פון זײַנע פאַרערער.

דער דאָזיגער וואוקס פון זײַן פּאָפּולאַריטעט האָט תּיכּף אָנגעהויבן צו ווירקן אויף זײַן באַציהונג צו זיך אַליין. די תּהלות ותשבחות, וואָס דער עולם האָט אויף אים געשאָטן, האָבן אים אַביסל פאַרדרייט דעם מח, פאַרשכּור׳ט. ער איז געוואָרן בײַ זיך האָפערדיג, שטאָלץ און גרויס אין זײַנע אויגן. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער אויף פיל פאַרגרעסערט זײַן בדחנות־האָנאָראַר. אויף חתונות פון פאַרמעגליכע בעלי־בתּים האָט ער שוין אויפגעהערט לגמרי צו פאָרן; אָן אויסנאַם האָט ער געמאַכט נאָר פאַר גאַנץ רײַכע. צופֿרידן־קומענדיג זיך אין קרייזל איז שוין ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען צו פּועל׳ן בײַ אים ער זאָל עפּעס זינגען; ער האָט זיך שוין אויך אָנגעפאַנגען אַרויסצומאַכן פון אָנטייל צו נעמען אין די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, וועלכע זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן דורך די מינסקער חובבי־ציון. תּמיד פלעגט ער שוין אויף דעם אויסגעפינען פאַרשיידענע תּירוצים און אויסריידענישן.

מיר האָבן באַמערקט, אַז דער עיקר גייט דאָ בײַ אים נאָר אום כּבוד, און אַז זײַן אייגן־ליבע געפינט זיך עפּעס אַביסל אומבאַפרידיגט פון אונזערע קרייזל־לײַט. קלאָר געוואָרן איז דאָס אונז דורך אַ פּראַזע, וועלכע ער האָט אגב־אורחא דורכגעוואָרפן צווישן די צײַנער אין אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט אײנעם פון קרייזל. די פּראַזע איז באַשטאַנען אין די פאָלגנדע ווערטער: „היינטיגן פאַר פּסח (דאָס איז געווען אין 1886־טן יאָר) ווערט 25 יאָר זינט כ׳האָב אָנגעהויבן צו שרײַבן מײַנע לידער". מיר האָבן תּיכּף פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז פון זײַן זייט אַן אָנצוהערעניש, דאָס ער פאַרלאַנגט מיר זאָלן פײַערן זײַן יובילײַ. מיר האָבן זיך וועגן דעם מישב געווען און ס׳איז בײַ אונז געבליבן ניט אײַנצורייסן מיט אים און ממלא צו זײַן זײַן רצון.

איך מיט נפֿכּ׳ן האָבן זיך תּיכּף אָוועקגעזעצט און פֿונאַנדערגעשיקט פּאָסט־קאַרטלאַך אין די גרעסטע צענטערס פון דער חבֿת־ציון־באַוועגונג, אין וועלכע מיר האָבן מודיע געווען, אַז אָנגערקענענדיג די זעהר גרויסע פאַרדינסטן, וואָס צונזער האָט פאַר אונזער געדאַנק, האָבן מיר באַשלאָסן צו פײַערן דעם קומענ־דיגן חול־המועד פּסח זײַן פינף־און־צוואַנציג־יאָריגן ליטעראַרישן יובילײַ, און בכן לייגן מיר זיי פאָר אָפּצורופן זיך אויף דער דאָזיגער געשעהעניש מיט באַגרי־סונגען דורך טעלעגראַמעס אָדער בריוו.

דערווײַל האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט מיר געוועסט אינגאַנצן קאַלט געמאַכט צום ענין פון אַליקומס יובילײַ. אין אַ געוויסן טאָג בין איך אַרויפגע־בעגאַנגען צו אַליקום׳ען אויפן קוואַרטיר דורכצורעדן זיך מיט אים טאַקע וועגן זײַן יובילײַ. כ׳האָב אים דאָן ניט געפונען אין דער היים, און בין געבליבן וואַרטן. זײַנער אַ קליין ייִנגל, וועלכער האָט מיך גוט געקענט, איז צו מיר

צוגעגאַנגען און האָט מיר געגעבן די האַנט, האַלטנדיג בשעת=מעשה אין דער צווייטער האַנט אַ קליין געשריבן ביכעלע. צופעליג האָב איך ביי אים גענומען דאָס ביכעלע און האָב אין אים אַריינגעקוקט. ערשט כ'האָב דערזעהן, דאָס עס אַנטהאַלט לאַנגע רשימות פון ווערטער, וועלכע עס גראַמען זיך איינער מיט דעם אַנדערן, ווי, למשל: בטחון—צוקראַכ'ן—צובראָכן—,אַנדערוואָכן, אָדער: גאָרטן—סאָרטן—דאָרטן א. א. וו. אין יענער מינוט איז אליקום אַראָפּגעפאַלן אין מיינע אויגן מיט צעהן שטאַפּלען טיפער ווי געווען. כ'האָב תמיד געצווייפלט אין זיין „קונסט" און געהאַלטן אים מער ניט ווי פאַר אַ גראַמען=מאַכער; אָבער איך האָב ניט דערוואַרט, אַז די גראַמען זיינען ביי אים פאַרצייכנטע און איינ=געחזר'טע. דאַמאָלסט איז מיר אויך אַנטפּלעקט געוואָרן דער סוד פון זיין פליג=קער פערזן=מאַכעריי, וועלכע כ'האָב דערמאָנט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך. און אַזעלכן קלייבן מיר זיך דאָס צו צו פייערן אַלס דיכטער? וועט דאָס ניט זיין קיין חלול=הקודש, קיין פּראָפאַנאַציע קעגן דער ווירקליכער, אמת'ער קונסט?—אַזאַ געדאַנקען איז מיר דענסטמאָל אַרויף אויפן זין. כ'האָב איבערגעגעבן דעם פאַקט איינינע פון אונזערע באַקאַנטע, און האָב דערביי געפּרובט זאָגן, פיליכט איז אַ סברה, אַז מיר זאָלן זיך גאָר אָפּזאָגן פון יובילייי. יענע זיינען אָבער מיט מיר ניט איינשטימיג געווען און האָבן איינגעפונען, אַז צום יובילייי האָט דאָס ניט, ווייל סוף=סוף זעט מען דאָך באַשיינפערליך דעם גרויסן נוצן, וואָס ער ברענגט אונזער אידייע מיט זיינע לידער. כ'האָב מיך דאַן געמוזט אונטערגעבן דעם רוב.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך ביי אַ געוויסער געלעגנהייט אַ פרעג געטאָן אליקום'ען, צי ס'איז אמת וואָס מ'זאָגט, אַז עס זיינען דאָ אַזוינע משוררים, וועלכע האָבן ביי זיך פאַרטיגע, פאַרנאָטירטע רייסטערס מיט אַלערליי גראַמען?

אויף דעם האָט מיר אליקום געענטפערט:

— גאַנץ געוויס, אַ משורר קען גאָר אָן אַזאַ רייסטער ניט אויסקומען.

כ'האָב מיט אים ניט געוואָלט אַריינגיין אין דיספּוטן און אויפווייזן אים ווי ניט ריכטיג און ווי לעכערליך דאָס איז. איך האָב אים נאָר געפרעגט:

— קענט איר מיר, אויף טשיקאַוועס, אָנווייזן כאָטש אויף איינעם פון אונזערע משוררים, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט אַזאַ רייסטער?

— אָך, איך ווייז אייך שוין אָן, אָט נעמט, למשל, דעם העברעאישן משורר ד"ר יצחק קאַמינער. כ'האָב ביי אים אַליין געזעהן אַ גאַנצע העפט פאַרשריבן מיט העברעאישע גראַמען ווי: שָׂם, עָם, כָּם, רָם און אַזוי ווייטער און ווייטער.

איך קער מיך אום צו אליקום'ס יובילייי.

אונזער פאָרשלאָג איז אומעטום אָנגענומען געוואָרן. אין דעם טאָג פון יובילייי זיינען אָנגעקומען באַגריסונגס=טעלעגראַמעס פון ווילנע (מיט די אונ=טערשריפטן פון שמואל יוסף פין, לעוואַנדע און י"ל גאָלדבערג), פון וואַרשע

(שפ״ר, יאַסינאָווסקי, פרידבערג, דינעזאָן, אליעזר קאַפּלאַן און אַ.), פון מאָסקווע (ק. ז. וויסאָצקי, ד״ר טשלענאָוו, מאיר פינעס א. אַ.), פון אָדעס (ליליענבלום, פראַנקפעלד א. א.), און אויך פון קאָוונע און פון ריגע און פון נאָך אַנדערע שטעט. אַ באַגריסונגס־בריוו איז געווען נאָר איינער: פון דוד גאָרדאָן, דער רעדאַקטאָר פון „המגיד". אַ באַזונדער איינדרוק האָט געמאַכט די ווילנער דעפּעשע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיגט אין העברעאיש פּערעפראַזירנדיג די באַקאַנטע פראַזע פון ר׳ יהודה הלוי: „עת נחלום שיבת שבותנו, כנור אתה לשירינו"*).

די פייערונג איז פאָרגעקומען ביי אליקום׳ען גופא. געעפנט דעם אָוונט האָט דער פאָרזיצער פון די מינסקער חובבי־ציון, דער ראַבינער אברהם חנה׳ליש, וועלכער האָט באַגריסט דעם יובילאַר מיט זעהר וואַרימע ווערטער. דערנאָך האָבן גערעדט נאָך דער ריי כמעט אַלע חברים פון קרייזל. אליקום איז געווען גערירט ביז טרערן. זיין שעה׳איגע תשובה־רעדע האָט ער געהאַלטן אין לייכטע, געלויפיגע גראַמען, און גאַנץ עפעקט־פול האָט ער פאַרענדיגט מיט דער שבועה: „אם אשכחך ירושלים" א. אַ. וו.

אויף מאָרגן באַגעגנט ער מיך אין גאַס און פרעגט מיר:

— נו, איר האָט שוין אָנגעשריבן?

— וואָס אָנגעשריבן?

— די קאָרעספּאָנדענציע אין „מליץ".

— וועלכע קאָרעספּאָנדענציע מיינט איר? און וועגן וואָס?

— וועגן מיין נעכטיגן יובילײ.

— כ׳האָב נ י ט געשריבן.

— מסתמא וועט איר נאָך שרייבן, ווי עפּעס אַנדערש?

איך האָב וועגן זיין יובילײ ערגעץ נ י ט געשריבן, און ער האָט מיר ד אָ ס קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין.

פון יעמאָלט אָן איז ביי מיר דער עצם ענין פד יובילייען פיל וואָכעדיגער געוואָרן, און צו די צייטונגס־ידיעות וועגן געוויסע יובילאַרן האָב איך מיך אָנגעהויבן צו באַציהען מיט אַ געוויסן חשד...

און נאָך אַ לעצטן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון מיינע זכרונות וועגן אליקום צונזער וויל איך דאָ איבערגעבן.

עמיצער (איך געדענק שוין היינט ניט ווער) פון די חברים האָט אין אַ געוויסן טאָג אַריינגעפירט אין אונזער קרייזל איינעם זעהר אַן אינטעליגענטן יונגענמאַן, וועלכער האָט פריער אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין טיף־רוסלאַנד און איז אָקאָרשט־וואָס געקומען קיין מינסק, וואו ער האָט באַקומען אַ שטעל אויף דער ליבאַווע־ראָמנער אייזנבאַן. דער דאָזיגער יונגערמאַן, אַ פאַרקאָכטער

*) „בעת מיר חלום׳ען דעם חלום פון אונזער ערלויזונג, זײט איר די פידל פאַר אונזערע לידער".

אַסימילאַטאָר לויט זיינע אידייען, איז געווען ווייט פון יידן און פון יידישקייט; האָט גערעדט נאָר רוסיש, און יידיש האָט ער כמעט ווי ניט פאַרשטאַנען. אונזער קרייזל האָט אָבער אויף אים געהאַט אַזאַ השפּעה, דאָס אין אַ קורצער צייט, בערך, איז ער געוואָרן אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייד און אַן איבערגעבע־נער חובב־ציון; ער האָט זיך געמאַטערט און אָנגעהויבן צו רעדן יידיש, און איז געוואָרן אַ חסיד פון אליקומס לידער. האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז דעם יונגענמאַנס פרוי, וועלכע איז געווען אַן אויסטערלישע שיינהייט און הויך גע־בילדעט, דערצו נאָך אַ גרויסע כלל־טוערקע, איז קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס און איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזן דריי קליינע עלנדע יתומים. אין שטאָט האָט איר טויט געמאַכט אַ געוואַלדיגן רושם, און כמעט אין יעדער הויז האָט מען וועגן דעם גערעדט מיט גרויס מיטלייד און באַדויערן. דער מאַן, וועלכער האָט דער פרוי הייס געליבט, איז שיר פון גרויס עגמת־נפש ניט אַראָפּ פון זינען. ער האָט זיך דערווייטערט פון לייטן, און ניט אָנגענומען קיין שום טרייסט. אַ גאַנץ היבשע צייט האָט אים קיינער פון אונז אין די אויגן ניט אָנ־געזעהן. מיר האָבן נאָר געהערט, אַז ער האָט געבעטן פון דער באַן־פאַרוואַלטונג אַן אורלויב, און איז ערגעץ־וואו אָפּגעפאָרן מיט די קינדער; וואוהין—האָבן מיר ניט געוואוסט. אין דריי חדשים אַרום, בערך, האָט זיך דער יונגערמאַן צוריק־געקערט קיין מינסק. אויפן צווייטן טאָג איז ער אַריין צו אליקומען און האָט אים געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן שוין זיין פאַרשטאָרבע־נער פרוי אַ מצבה, וואָלט ער פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל אים אויפשרייבן דעם נוסח; קיין אַנדערן וויל ער דאָס ניט איבערגעבן, ווייל ער האַלט, אַז אויסער אים, אליקומען, וועט גאָר קיינער ניט זיין ביכלת אָפּצושילדערן אין ווערטער דעם גרויסן בראָך. „כ'וואָלט זעהר געוואָלט—אַזוי האָט פאַרענדיגט דער יונגערמאַן—אַז די מצבה זאָל מאַכן דעם אַיינדרוק ווי אי ך שטיי און רייד דאָס מיט מיין פרוי און גיס פאַר איר אויס מיין ביטער האַרץ. יעדער טאָג וויל איך צו איר אויפן קבר גיין, אָנשפּאַרן זיך אויפן שטיין און איבער־חזר'ן פאַר איר אייערע הייסע ווערטער"...

אליקום האָט אָן דעם פאַרשטאַנען, אַז דער יונגערמאַן מיינט, דאָס מ'שרייבט נוסחאות פון מצבות אין יידיש, און ער האָט צו אים געזאָגט:

— מצבות שרייבט מען ביי אונז נאָר אין ה ע ב ר ע א י ש, און די שפּראַך איז דאָך אייך פרעמד.

— איז דען אויף דעם דאָ אַ געזעץ, אַז מצבות מוז מען שרייבן נאָר אין העברעאיש?—האָט דער יונגערמאַן געפרעגט פאַרוואונדערט—און פאַרוואָס זאָל מען דאָס עפּעס ניט טאָרן אין יידיש? ווי איז, אַז אי ך פאַרשטיי ניט קיין העברעאיש, צי דעריבער דאַרף איך שוין ניט האָבן די מעגליכקייט איבערצו־לייענען קיין מצבה?

— אייגנטליך זייט איר אפילו גערעכט—האָט אים אליקום געענט־פערט;—ווי איך ווייס איז אויף דעם קיין דין ניטאָ, גאָר ס'איז שוין אַזאַ אייב־

געפירטער מנהג פון אַלטע צייטן. איך האָב נאָך אויף מיין לעבן קיין מצבה געשריבן אין יידיש אויף קיין בית=עלמין ניט געזעהן.

דער יונגער אלמן האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן אליקומען און האָט זיך, ממש, אויף אים אָנגעזעצט ניט אַנדערש, אַז ער מוז פאַר אים אָנשרייבן אַ יידישן נוסח. געמענדיג אין אַכט זיין גרויסן אומגעוויינליכן אומגליק מעג מען פאַר אים מאַכן אַן אויסנאַם, און ברעכן דעם מנהג.

— ווייסט איר וואָס כ׳וועל אייך זאָגן — האָט זיך אָפּגערופן אליקום —; מיר האָבן דאָ ביי אונז אין מינסק אַ יידן, וואָס שרייבט די העברעאישע נוסחאות כמעט צו אַלע מצבות; דאָס איז אַ ייד אַן אָרטאָדאָקס, אָבער אויך אַ גרויסער משכיל און אַ העברעאישער משורר, און דערצו נאָך אונזערער אַ חובב=ציון. ער הייסט ר׳ נפתלי משכיל=לאיתן. אָט מיט אים וועל איך מיך וועגן אייער ענין מישב זיין, און עס קען זיין, אַז מיר וועלן געפינען אַ וועג ווי דורכצושמוגלען די יידישע מצבה.

אויף מאָרגן האָט זיך אליקום געזעהן מיט נפתלי משכיל=לאיתן, וועלכער האָט אויך אַיינגעפונען, אַז ס׳איז עפּעס ניט אַזוי פּאַסיג משנה צו זיין אַן אַלטן מנהג. דערביי האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אויף זיין לעבן אָנגעזעהן בית=עלמינ׳ס אין פאַרשיידענע שטעט, און ערגעץ האָט ער ניט באַגעגנט קיין מצבה מיט אַ יידישן נוסח. צום סוף האָט משכיל=לאיתן געגעבן אַן עצה איבערצורעדן וועגן דעם מיט די גבאים פון חברה=קדישא, ווייל דאָס ווענדט זיך נאָר אָן זיי; זיי דאַרפן נאָר געבן זייער הסכמה אַוועקצושטעלן די יידישע מצבה אויפן בית=עולם.

די גבאים פון חברה=קדישא האָבן פריהער וועגן דעם ניט געוואָלט זעהן און הערן. זיי האָבן געטענה׳ט מיט איין קול, אַז אַ יידישער נוסח אויף אַ מצבה איז אַ זאַך, פון וועלכער אונזערע אבות=אבותינו האָבן ניט געוואוסט, און דאָס וועט ממש זיין אַ חלול=הכבוד פאַר די מתים. איינער פון די גבאים האָט געטענה׳ט, אַז אַ בית=עלמין רופט מען ביי יידן „הייליגער אָרט“, און דעריבער מוז מען זיך דאָרטן באַנוצן נאָר מיט „לשון הקודש“. ס׳איז אויך געוועזן אַזעלכער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די העברעאישע מצבות וועלן אַמאָל קענען דינען דעם היסטאָריקער אַלס באַדייטנדער מאַטעריאַל; יידיש וועט שוין אָבער לאַנג ניט עקסעסטירן, וואָרים זי וועט געוויס פאַרשלונגען ווערן פון דער רוסישער שפּראַך. בקיצור: גאַנץ חברה=קדישא האָט זיך איינגעעקש׳נט און האָט בשום אופן ניט מסכים געווען לאָזן אַוועקשטעלן אויפן בית=עלמין אַ מצבה מיט אַ יידישן טעקסט. דער יונגערמאַן האָט אָבער אַריינגענומען די זאַך אין מח אַלס אַ מין „אידייע פיקס“, און האָט זיך אויף קיין פאַל פון איר ניט געוואָלט מיאש זיין. ער האָט ניט גערוט און האָט אויסגעזוכט אַלערליי מיטלען און וועגן און פּראָטעקציעס ביז אים האָט זיך איינגעגעבן צו פועל׳ן, אַז זיין וואונש זאָל דערפילט ווערן אַלס יוצא מן הכלל און מ׳זאָל אים ערלויבן אַוועקשטעלן אויף זיין פרוי׳ס קבר אַ מצבה מיט אַ יידישן נוסח.

דער יונגערמאַן האָט תיכף אָנגעזאָגט די בשורה אליקום׳ען, וועלכער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן דעם פאַרלאַנגטן יידישן נוסח, און, געוויינליך, מיט דעם נאָמען פון דער פאַרשטאָרבענער בראשי החרוזים. אין צוואַנציג, אַן ערך, טיפדורכגעפילטע שורות האָט אליקום אָפּגע־שילדערט אין זעהר בולטע שטריכן די פיזישע און גייסטיגע גרעאָטנקייט פון דער יונג פאַרשטאָרבענער פרוי, די גרויס פונם פאַמיליען־אומגליק, דאָס עלנד פון די דריי קליינע יתומים׳לאַך און דאָס אויף אייביג צורואינירטע, צובראָ־כענע לעבן פון איר מאַן. זיינענדיג בכלל אַ מייסטער אויף צוצוקלייבן די געדיכט־סטע פאַרבן — וואָס ס׳האָט תמיד נאָר קאַליע געמאַכט דעם עפעקט פון זיינע ביל־דער — האָט דאָס אים דעם מאָל געהאָלפן, פאַרקערט, פיל שטאַרקער צו מאַכן דעם איינדרוק. בעת מ׳האָט אַוועקגעשטעלט די מצבה מיט אליקום׳ס טעקסט אויפן בית־עולם, איז גאַנץ מינסק געלאָפן אויף חדושים אָנקוקן די דאָזיגע נאָך קיינמאָל ניט געזעהענע נייס, און לייענענדיג די ווערטער האָט דער עולם, און באַזונדערס די פרויען, פאַרגאָסן לעבן איר ים׳ען ביטערע טרערן. נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט ניט געטראָפן אַ פאַל, אַז עמיצער זאָל באַ־זוכן דעם בית־עלמין און זאָל זיך ניט אָפּשטעלן לעבן יענער מצבה, און ניט אַוועקגיין פון איר מיט אַ צובראָכן האַרץ. אָט אַזוי האָט דער יידישיזם מיט עטליכע און דרייסיג יאָר צוריק אָפּגעהאַלטן זיין ערשטן נצחון אויפן מינסקער בית־עלמין...

* * *

ביסלאַכווייז האָט אליקום׳ען אָנגעהויבן צו דערעסן די בדחנות, און צום סוף איז זי אים אינגאַנצן מיאוס געוואָרן, און ער האָט באַשלאָסן אַוועקצו־וואַרפן זיין פּראָפעסיע. ער האָט זיך געוועסט גענומען צו מסחר. האָבנדיג אַ קליינעם קאַפּיטאַל האָט ער זיך צוגעקליבן אַ שותף, און ביידע האָבן זיי גע־עפנט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. ווייל אליקומען אַליין איז דער דאָזיגער פאַך געווען פרעמד, און ער האָט זיך אין אַלץ געדאַרפט פאַרלאָזן אויפן שותף, וועלכער איז גראָד געווען אַ מענש ניט קיין ראַיעלער, איז דאָס געשעפט פון דער ערשטער מינוט אָן אַוועק ניט גוט, און וואָס ווייטער אַלץ ערגער און ערגער, ביז ער האָט פון עסק לגמרי אָפּגעשניטן פאַרלירנדיג דערביי כמעט זיין גאַנצן קאַפּיטאַל. נעמען זיך צוריק צו בדחנות, — האָט ער שוין ניט געוואָלט, און האָט אָנגעהויבן אַרומצופאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און אַיינצואָרדע־נען דאָרטן פאַר זיך קאָנצערטן מיט דער הילף פון געוויסע אַנטרעפּרעניאָרן. ער איז אָבער לאַנג ניט אַרומגעפאָרן. סוף ווינטער 1889 האָט ער מודיע גע־ווען זיינע פריינד און באַקאַנטע, אַז ער האָט ביי זיך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע, און אויף מאָרגן נאָך פסח האָט ער דאָס אויך מקיים געווען בפועל.

וועגן די סבות, וועלכע האָבן גורם געווען צו זיין אַרויסוואַנדערונג, כמעט שוין אויף דער עלטער, קיין אַמעריקע, זיינען דאַמאָלס אומגעגאַנגען אין מינסק פאַרשיידענע ווערסיעס. ער, אליקום אַליין, האָט איטליכן אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז די רוסישע מאַכט האָט זיך דערוואוסט דורך אירע שפּיאָנעס, אַז אין זיינע ציונאַזן, מיט וועלכע ער טרעט אַרויס פאַרן עולם, באַשולדיגט ער דער רעגירונג אין די יידישע פּאָגראָמען, און דער מינסקער גובערנאַטאָר, פירשט טרובעצקאָי, האָט באַקומען אַן אויפטראָג פון פעטערבורג, אַז ער זאָל אים שיקן רופן צו זיך און הייסן אים תיכף פאַרלאָזן רוסלאַנד. אַלע אליקומס ביאָגראַפן האָבן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און איבערגעגעבן עס דער עפּענטליכקייט אַלס אַ געוויסן פאַקט. אין מינסק האָט דאָס אָבער קיינער ניט געגלויבט. ס׳איז נאָך אַ סברה, אַז ס׳האָט זיך עמיצער אָפּגעפונען, וועלכער האָט וועגן דעם געמאַכט אַ חקירה ודרישה וואו מען באַדאַרף, און ער האָט דערגאַנגען, אַז די גאַנצע מעשה מיטן גובערנאַטאָר איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן... זייטיקע מענשן האָבן געזאָגט, אַז זיינע קאָנצערטן האָבן אים אָנגעהויבן אַריינצוטראָגן ווייניג הכנסה, און ס׳האָט שוין געהאַלטן נאָהענט דערביי, אַז ער זאָל בלייבן אָן חיונה, האָט ער זיך דעריבער אַוועקגעלאָזן קיין אַמעריקע צו זוכן דאָרטן פּרנסה; נאָך אַנדערע האָבן דאָס דערקלערט מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרזאָרגן קינדער (ער האָט זיי געהאַט אַ גאַנצן צענדליג). דעם אמתין, ריכטיגן טעם האָט אָבער קיינער ניט געוואוסט.

אין אַמעריקע האָט צונזער די ערשטע פאָר יאָר גאָרנישט געשאַפן, און ער איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט מיט זיין פעקל ציונאַדן, וועלכע האָבן ביי׳ם דאָרטיגן עולם אויך שטאַרק אויסגענומען. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אויף טעמעס גענומען פונ׳ם אַמעריקאַנער לעבן. קודם=כל האָט ער באַזונגען קאָלומבוסן און וואַשינגטאָנען; דערנאָך האָט ער שוין באַדויערט און באַוויינט די אַרבעטער אין די שוויץ=הייזער, און איז שוין אויף דעם געבליבן שטיין. און ווי אַמאָל אַזוי איז אויך איצטער גאַנץ לייכט געווען צו דערקענען, אַז דאָס זיינען נאָר געווען: „אין אויער אַריינגעטרומייטערטע פרעמדע שמועסן מיט אייגענע גראַמען“...

יעקב דינעזאָן.

(געבאָרן—1856; געשטאָרבן—1919).

אין די מיטעלע 70=ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט איז יעקב דינעזאָן געווען דער פּאָפּולערסטער יידישער שריפטשטעלער. זיין ערשטער ראָמאַן „הנאהבים והנעימים“, אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק, איז געוואָרן אַ טיש=בוך כמעט אין יעדער יידיש הויז. אָבער אין אַ יאָר דריי, פיר אַרום, בשעת שמ״ר, בוכבינדער און אַנדערע זייער גלייכן האָבן זיך גענומען פאַר=פלייצן די יידישע גאַס מיט זייערע שונד=ראָמאַנען, האָט דינעזאָן אָנגעהויבן צו פאַרלירן ביסלאַכווייס זיין פּאָפּולאַריטעט, ביז ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, דאָס זיין נאָמען זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן.

אָנפאַנג די 90=ער יאָרן איז דינעזאָנס נאָמען ווידער אַרויפגעשוואומען אין דער יידישער עפנטליכקייט, אָבער ד ע ם מאָל שוין ניט אַזוי צוליב זיך אַליין, ווי צוליב פּ ר צ ׳ ן, זיין אינטימסטן פריינד. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען שוין ניט גערעדט וועגן דינעזאָנען אַן און פאַר זיך, נאָר וועגן דינעזאָנען דעם נאָהענסטן פריינד פון פרצ׳ן. פרץ איז געוואָרן די זון, און דינעזאָן זיין באַגלייט=שטערן...

אויך איצטער, נאָך דינעזאָנס טויט האָט מען אין דעם צענטער פון אַלע ביז אַהער פאַרעפנטליכטע נעקראָלאָגן און עראינערונגס=אַרטיקלען אַוועקגע=שטעלט פרצ׳ן. איטליכער, וואָס האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן און צו דערציילן וועגן דינעזאָנען, האָט קאָנצענטרירט זיינע ערציילונגען אַרום דער פּערזאָן פון פרצ׳ן. עס געווינט זיך עפּעס דער איינדרוק, אַזוי ווי דער דינעזאָן, וואָס פ אַ ר די 90=ער יאָרן, וואָס פ אַ ר פרצ׳ן, וואָלט געווען אַן אומבאַשריבענעס בלאַט פּאַפּיר, אַ מין „טאַבולאַ ראַזאַ“...

אין אמתן איז אָבער די זאַך ניט אַזוי. דינעזאָן דער מענש, ניט געמענ=דיג אים אין חשבון אַלס ערשטן ראָמאַניסט אין דער יידישער ליטעראַטור, איז

פון תמיד אָן געווען אַן אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט פאַר די, וואָס האָבן אים געקאָנט פון נאָהענט. איך, למשל, וואָס האָב מיך באַקאָנט מיט דינעזאָנען, פריהער דורך בריוו און נאָכדעם פערזענליך, און די לעצטע 70-ער יאָרן, געפין, פאַרקערט, אַז די צייט פאַר וואַרשע, און אויך די ערשטע דריי, פיר יאָר נאָך זיין קומען קיין וואַרשע, איז ער געווען אין כמה פּרטים פיל אינטערעסאַנטער, פיל אָריגינעלער און אַ סך אינדיווידועל-בולט׳ער. אַ באַזונדער רושם האָט ער דאַמאָלס געמאַכט מיט דער קאָנטראַסטישקייט פון זיין וועזן. פון איין זייט: ווייכקייט און באַהאַרציגקייט אַלס די הויפּט-שטריכן פון זיין כאַראַקטער מיט דעם שטענדיגן האָניג-זיסן שמייכל אויף די ליפּן, און פון דער אַנדער זייט—עפּעס אַן עקשנות׳דיגע איינגעשלאָסנקייט, קאָנצענטרירטקייט אין זיך, און ווי מעלאַנכאָליש געשטימט.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז ערשט אונטער פּרץ׳עס השפּעה איז דינעזאָן געוואָרן רעדעוודיג און לעבהאַפט און אָפנהערציג. איך געדענק גאַנץ גוט דינעזאָנען בשעת ער איז איז נאָך געווען זעהר קאַרג אויף ווערטער, און האָט מער געהערט ווי גערעדט, אַמאָל זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווייל, און פּלוצלונג אויפגעכאַפּט זיך ווי פון אַ חלום... איך ערמאַנער מיך נאָך אַ פּרט: האָט דינעזאָן אַריבערגעכאַפּט ווען עס איז זיין געוויינליכע מאָס רעד, איז דאָס געווען נאָר בעת ער האָט מיט עמיצן פאַרפירט אַ שמועס וועגן מאָהילעוו און מאָהילעווער. מאָהילעוו איז געווען די איינציג טעמע, צו וועלכער דינעזאָן האָט זיך ליב געהאַט אומצוקערן ביי יעדער געלעגנהייט, און וועגן וועלכער ער האָט גערעדט מיט אַ באַזונדער אינטערעס און מיט גרויס חשק. ס׳איז אָן אים געווען גאַנץ לייכט צו באַמערקן, אַז ניט ער וויל און ניט ער קען פאַרגעסן מאָהילעוו, ווי אַ זאַך, וואָס איז אים אַנגעבאַקן טיף אין האַרצן... און דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען פאַר די, וואָס האָבן געוואוסט—און איך בין איינער פון יענע—אַז מאָהילעוו איז די וויגעלע און דער קבר פון דינעזאָנס צורונענע יוגנט-חלומות און פון זיינע אין רויך אַוועקגעגאַנגענע יוגנט-האָפענונגען. אין מאָהילעוו האָט דינעזאָן זעליש פיל איבערגעטראָגן און איבערגעלעבט, און זיינע איבערלעבענישן האָבן אין אים איבערגעלאָזן טיפע שפּורן, וועלכע האָבן זיך ערשט גאַנץ שפּעט, און כמעט אומבאַמערקט פאַר אים אַליין, אָנגעהויבן צו פאַרגלעטן. ס׳איז אָנגעשטאַנען אַ צייט, וואָס זעהר זעלטן, ווען ניט ווען, האָט מען שוין געהערט דינעזאָנען רעדענדיג וועגן מאָהילעוו. איר אָרט, ווען אַפילו אין אַ פיל קלענערן מאַשטאַב, האָט ביי אים פון דאַמאָלס אָן פאַרנומען אַ צווייטע שטאָט, וועגן וועלכער ער האָט אויך גאַנץ אָפט ליב געהאַט צו רעדן. דאָס איז געווען—קיעוו. אויך קיעוו האָט דינעזאָן פאַרלאָזן רייך מיט איבערלעבענישן, אָבער די קיעווער איבערלעבענישן זיינען שוין געווען גאָר פון אַן אַנדער מין, און ניט אַזוי טראַגיש ווי די מאָהילעווער. די דאָזיגע פאַרשיידענהייט פון די איבערלעבענישן האָט זיך ביי אים גאַנץ לייכט געלאָזט דערקענען אָן דעם טאָן, אין וועלכן ער האָט

וועגן זיי גערעדט; בעת אַז רעדענדיג וועגן מאַהילעווו האָט ער אַרויסגעוויזן אַן
עפּישע רוהיגקייט, וועלכע איז צייטנווייס איבערגעגאַנגען אין אַ שטימונג פון
פּאַטאָס, האָבן ביי אים די קיעווער איינדרוקן אַרויסגערופן אַ נערוועזע אויפגע-
רייצטקייט און אַ שטאַרקע ערביטערונג.

איך ווייס ניט צי דינעזאָן האָט זיינע פּערזענליכע איבערלעבענישן
ערגעץ-וואו ביי זיך פאַרצייכנט. זאָגן האָט ער אפילו געזאָגט, דאָס ער שרייבט
זכרונות. ווי מיר דאַכט אָבער האָט ער עס ניט געטאָן, און מער ווי די ביסל
עראינערונגען פון זיינע קינדערשע יאָרן, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט אין
„פּנקס" און אין „יוד" האָט ער ניט אויפגעשריבן. ווי איך האָב געקענט דינע-
זאָנען, איז ער געווען פון יענעם סוג מענשן, וואָס געוויסע, באַזונדער אָפּגע-
צוימטע ווינקעלאַך פון זייער עבר, ווערט פון זיי באַטראַכט אַלס קדש-קדשים,
וואוהין זיי האָבן ניט גערן אַריינצולאָזן אַ פרעמדן בליק. כ'בין נאָך ניט בטוח,
צי האָט ער אין דעם פּרט געמאַכט אַן אויסנאַם אפילו פאַר פּרצ'ן. איך רעכן
אָבער, אַז איצטער, נאָך דינעזאָנס טויט, בעת ער ווערט שוין אויס יחיד און
גייט אַריין אין דער געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור און קולטור, קען מען
שוין, און ניט בלויז מ'קען, נאָר מ'דאַרף אויך אויפהויבן דעם פאָרהאַנג,
וועלכער האָט ביז אַהער פאַרשטעלט פון דער וועלט דאָס, וואָס אונזער פאָלקס-
שרייבער און פאָלקס-ליבלינג האָט פאַר זיין גאַנצן לעבן געטראָגן איינגעטוליעט
אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. מ'דאַרף דאָס טאָן, כדי צו געבן דעם קומע-
דיגן קריטיק-פּסיכאָלאָג דעם שליסל צו דער פאַרשטענדניש פון דינעזאָנען אַלס
גרויסע און שטאַרקע מאָראַלישע פּערזענליכקייט, וועלכע האָט געוויס געהאַט
אַ השפּעה אויף דעם גאַנצן מהות און אַנטוויקלונג פון זיין ליטעראַרישער טע-
טיגקייט.

אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך וועל איך איבערגעבן איניגע מער כאַ-
ראַקטעריסטישערע עפּיזאָדן פון דינעזאָנס פּערזענליכע איבערלעבענישן. דאָס זיי-
נען פאַקטן, וועלכע כ'האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געהערט פון פּערזאָ-
נען, וואָס האָבן גוט געקענט דינעזאָנען פון דער יוגנט, אָדער בייגעוואוינט
זיי אַליין. דערצו געפין איך אָבער פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ פריהער עט-
ליכע קורצע נאָטיצן פון דינעזאָנס ביאָגראַפיע.

צו צוועלף יאָר איז דינעזאָנען אָפּגעשטאָרבן זיין פאָטער, וועלכער איז
געווען אַ ייד אַ למדן, און אין די לעצטע יאָרן אַ געפאַלענער בעל-הבית. גע-
וואוינט האָבן דאַמאָלסט זיינע עלטערן אין ניי-זאַגער (קאָוונער גובערניע),
וועלכע האָט געשמ'ט פאַר אַ שטאָט פון חכמים וסופרים. דינעזאָן האָט באַקו-
מען אַן עכט אָרטאָדאָקסישע ערציהונג. צו צוועלף יאָר איז ער שוין דורכגע-
וועגן ביי עטליכע מלמדים און האָט געקענט גוט אָפּלייענען אַ בלעטל גמרא מיט
תוספות'ן. ווי דינעזאָן אַליין דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט זיך שוין ביי
אים אין יענער צייט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ חשק צום שרייבן. נאָך זיין
פאָטערס טויט האָט אים גענומען צו זיך זיינער אַ פעטער פון דער מוטערס

צד,—אײזיק עליאַשאָוו האָט ער געהײסן—װעלכער האָט געװאױנט אין מאָהילעװ אױפֿן דניעפּער. דער דאָזיגער עליאַשאָוו איז געװען אַ ייד אַ ירא, דאָך ניט פֿרעמד פֿון די חכמות חיצוניות, און באַזונדערס פֿון חשבון, און האָט געהאַט אין שטאָט אַ שם פֿאַר אַן אױסגעצײכנטן מאַטעמאַטיק. די ערשטע צײט האָט ער זײן קלײנעם זעהר באַגאַבטן פּלימעניקל אָפּגעגעבן אין אַ חדר צו אַ מלמד אַ חריף, און דערנאָך האָט ער אים אַרײנגעבראַכט אין דער ישיבה פֿון אײנעם אַ געװיסן ר׳ אבא, אַ גרױסער מפולפל און אַ שאַרפֿער מח, װאָס װאו נאָר ס׳איז געװען אין שטאָט אַ גוטער בחור, אַן עילוי, האָט בײ אים געלערנט. דינעזאָן האָט זיך גערעכנט פֿון דעם ר׳ אבא׳ס בעסטע תלמידים, און פֿון די װאױלע מאָהילעװער בחורים בכלל, און האָט געהאַט אַ נאָמען אין די לומדישע ספֿערן. אַז אים האָט אָנגעהױבן צו גײן דאָס זיבעצענטע יאָר, האָט ער שױן געלערנט אַלײן אין שמעריל צוקערמאַנס בית־מדרש. אָט דער שמעריל צוקערמאַן, אַ ייד אַן אָרטאָדאָקס, אַ למדן און פֿון העכסטן יחוס, איז געװען אַ גרױסער גביר, װעלכער האָט געשמ׳ט אין דער גאַנצער געגנט פֿאַר אַ מענש אַ בעל־צדקה מיט אַ ברײטער אָפֿענער האַנט. באַזונדערס האָט ער צו זיך מקרב געװען פֿאַראָרימטע לומדים און װױללערנער. זײן הױז האָט געדינט אַלס זאַמלפּונקט פֿאַר רבנים און שײנע יידן מכל המינים בכלל. באַרימט איז אױך געװען אין גאַנץ ליטע זײן גרױסע ביבליאָטעק פֿון אַלערלײ יידישע ספֿרים, װעלכע האָבן אַנטהאַלטן אױך פֿיל זעלטענע אַנטיקן. ער האָט געהאַט די ערשטע דעה בײ קהל, איז געװען גבאי ראשון כמעט אין אַלע חברות און געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציעס, באופֿן, אַז מ׳האָט אָן אים אין שטאָט גאָרנישט געטאָן. באַרימט אַלס מוסטערהאַפֿטע יידינע איז געװען אױך זײן פֿרוי מירל כאַטײװיטשער (אַזוי האָט זי בײם פֿאָלק געהײסן נאָך דער שטעטל כאַטײװיטש אין מינסקער גוּבערניע, פֿון װאַנען זי האָט געשטאַמט), אָדער: מירל שאַרלאַטאָװע, לױט איר מײדלשער פֿאַמיליע. אָט דער שמעריל צוקערמאַן האָט אױסגעבױט אױף זײנע הוצאות אַ שײנעם בית־המדרש, אין װעלכן עס זײנען יום ולילה געזעסן און געלערנט די שענסטע יונגע־לײט פֿון שטאָט. די דאָזיגע יונגע־לײט זײנען שױן געװען ממילא פֿון זײנע מקורבים, פֿון זײנע הױז־אַײנגײער, און האָבן תמיד געהאַט דעם פֿרײסטן צוטרעט צו זײן ביבליאָטעק.

װי געזאָגט, איז דינעזאָן אױך דערלאָזן געװאָרן צו לערנען אין צוקערמאַנס בית־מדרש. צו דער דאָזיגער זכיה האָט אים פֿאַרהאָלפֿן דער נאָמען, װאָס ער האָט געהאַט צװישן די שטאָט־לומדים. ער איז באַלד געװאָרן אַן אָפֿטער באַזוכער פֿון צוקערמאַנס הױז, און באַזונדערס פֿון זײן ביבליאָטעק, אױף װעלכער ער האָט זיך, זײענדיג אַ גרױסער ליבהאָבער פֿון ספֿרים, ממש אַרױפֿגעװאָרפֿן מיט גרױס לוסט. נאָך ניט גאַנצע זיבעצן יאָר אַלט האָט שױן דינעזאָן דורכגעלײענט דעם „כוזרי“, דעם „מורה נבוכי הזמן“ און נאָך אײניגע פֿילאָסאָפֿישע ספֿרים, װעלכע האָבן אױף אים געהאַט אַ װירקונג אין דעם זין, דאָס ער האָט אָנגעהױבן אַרײנצוטראַכטן זיך אין די פֿאַרשײדענע לעבנס־ער־

שיינונגען פון היינס און פון פאַרצייטן, צו גריבלען זיך אין די אַלטע און די נייע געשיכטליכע פּראָבלעמעס, אויף וויפיל ער האָט דאָס פאַרמאָגט צו טאָן לויט זיין דאַמאָלסטדיגער נאָך גאַנץ אָרימער גייסטיגער אַנטוויקלונג און דענ־קונגס־קראַפט.

אין יענער צייט האָט זיך דינעזאָן גאַנץ צופעליג צונויפגערעדט מיט איינעם אַ יונגען מאַן פון די לערנער אין צוקערמאַנס בית־מדרש, וועלכער האָט אים דעם ערשטן מאָל געגעבן צו לייענען, אין דער שטילן געווייבליך, פון די נייע העברעאישע השכלה־ביכלאַך: די ווערק פון מרדכי אהרן גינזבורג, אברהם מאפו, קלמן שולמאַן, און אויך סמאָלענסקינס „השחר". די דאָזיגע ווערק, און מער פון אַלץ די ביכלאַך פון „שחר", האָבן אויף אים געמאַכט אַן אומגע־הייער גרויסן אַנדרוק. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען — אַן איבערקערעניש־פּראָצעס פון אַלע זיינע ביזאהעריגע טראַדיציאָנעלע אָנשויונגען און „אמוני־מאמינ׳ס". ער האָט אָנגעהויבן נאָכצודענקען וועגן זיין צוקונפט, וועגן דעם לעבנס־ציל, צו וועלכן ער דאַרף זיך צוגרייטן, און האָט באַשלאָסן די ערשטע זאַך אַוועקצוגיין פון צוקערמאַנס בית־מדרש און פון צוקערמאַנס סביבה בכלל, און צו נעמען זיך פאַר דער וועלטליכער בילדונג.

אָבער ניט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך האָט דינעזאָן געקענט פאַרווירק־ליכן זיין באַשלוס. פון זיין פעטער עליאשאָוו איז ער שוין לאַנג אַוועק, ווייל ער האָט אים ניט געוואָלט פאַלן צו לאַסט, און האָט זיך מפרנס געווען פון דעם, וואָס ער האָט אונטערריכט בעלי־בתי׳שע בחורים אין תלמוד, און צוליב דעם האָט ער נאָך געמוזט פאַרבלייבן לערנען אין צוקערמאַנס בית־מדרש, כדי ניט צו פאַרלירן דעם רענאָמע פון אַ וואויללערנער. ער האָט אָבער אויס־גענוצט די צייט אויף צו פאַרפולקומען זיך אין דער העברעאישער און רוסישער שפּראַך און אין אַנדערע למודים. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט, און דינעזאָן האָט אָנגעהויבן צו שיקן קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד" וועגן מאָהילעווער קליינליכע געשעהענישן, און אַ פּאָר מאָל האָט ער געפּרובט שרייבן וועגן אַזעלכע זאַכן אויך אין „המליץ". דורך דעם האָט ער זיך דערוואָרבן אין מאָ־הילעוו אַ נאָמען פון אַ גרויסן קענער אין העברעאיש. דאָס האָט אים געגעבן די מעגליכקייט צו באַקומען תלמידים אויף צו לערנען זיי די העברעאישע שפּראַך. ערשט דאַמאָלסט האָט ער געוואָרפן צוקערמאַנס בית־המדרש. ער האָט נאָך אָבער ניט איבערגעריסן זיינע באַציהונגען צו צוקערמאַנס הויז, אַביסל צוליב דער ביבליאָטעק, און אַביסל אויך צוליב דעם, וואָס אפילו ווערנדיג שוין אַ „משכיל" מיט משכיל׳שע" אידייען האָט ער ניט געוואָלט, אָדער ס׳איז אים געווען שווער, אַרויסווייזן דאָס עפנטליך פאַר דער גאַס. אין דעם פּרט איז ער געווען אַ קאָנטראַסט כמעט צו אַלע איבעריגע יונגע משכילים פון יענעם דור, וואָס איידער זייער „משכיליזם" האָט נאָך באַוויזן זיך אויסצוקריסטאַליזירן און אויסגעפורימט צו ווערן אין אַ בולט׳ן, ממשות׳דיגן פּנים, האָבן זיי אים שוין

אַ רויען, אַ ניט-דערבאַקענעם אַרויסגעשטעלט לייטן, ווי דער רוס זאָגט, „נאַ פּאָקאַזי“, מ׳זאָל וויסן...

כדי נאָכצוגיין נאָך דינעזאָנען טריט ביי טריט פון דאַמאלסט אָן — דאָס איז געווען אָנהייב 1874-טן יאָר — דאַרף מען דערצו גוט קענען דעם גייסטיגן מצב פון מאָהילעוו אין יענער צייט.

כ׳האָב מיר שוין אַמאָל*) אָפּגעשטעלט אויף דעם זעהר מערקווירדיגן פּאַקט, אַז אין אַזאַ עקסט פּאַנאַטישע און אין קולטורעלן זין זעהר אָפּגעשטאַנענע שטאָט ווי מאָהילעוו, וועלכע איז נאָך דערצו ביז דאָ גאָר ניט לאַנג געווען אָפּגעריסן פון אַ באַן און אַזוי אַרום אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, איז נאָך כמעט פריהער ווי אומעטום אַריינגעדרונגען ביי יידן ניט בלויז די אַזוי-גערופענע „קאַזשאָנע“ השכלה, נאָר אפילו דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם אין זיינע פאַרשיידענאַרטיגע שטרעמונגען. די ערשטע יידישע חברים פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי „נאַראָדאָוואָלצעס“ זיינען געווען געבאָרענע מאָהילעווער, אָדער זיי האָבן געענדיגט די מאָהילעווער גימנאַזיע, ווי, למשל: אלעזר צוקערמאַן, אַקסלראָד און די ברידער לעווענטאַל. צווישן דער יידישער יוגנט אין מאָהילעוו האָט יעמאָלט אויסגעבראָכן אַ מין עפּידעמיע פון אַנטלויפעניש. יונגע בחורים און מיידלאַך פלעגן נעמען זעקל און פּעקל, אַמאָל אויך ווי מ׳שטייט און גייט, און אַנטלויפן פון די עלטערן אין אַנדערע שטעט צו לערנען זיך דאָרטן, כדי צו קענען ווערן זעלבסטשטענדיג און איבעראַנדערשן דאָס לעבן לויט די נייע, מאָדערנע אידייען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט פאַרבאָרגענערהייד פון די רוסישע סאָציאַליסטישע ביכלאַך, וואָס זיינען אויף פאַרשיידענע וועגן אַריבערגעשמוגלט געוואָרן קיין מאָהילעוו, דאָס רוב פון קיעוו. אַנדערע עלטערן האָבן זיך געפּרובט נאָכיאָגן נאָך זייערע קינדער, און אַמאָל האָט זיך זיי אויך איינגעגעבן צוריקצוקערן זיי אַהיים, ווי ס׳האָט פּאַסירט, למשל, מיט דעם אויבנדערמאָנטן אלעזר צוקערמאַן, וואָס זיין פּאָטער האָט אים געכאַפּט אין האָמעל און געבראַכט צוריק קיין מאָהילעוו (פון וואַנען ער איז אין אַ קורצער צייט ווייטער אַנטלאָפן). און אַנדערע, האַרטהערציגערע, האָבן זיך תיכף די ערשטע מינוט מיאש געווען פון די „איבערגעפּירטע“ זין צי טעכטער און זיינען געבליבן זיצן אויף אַן אָרט. און צווישן דער מאָהילעווער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך דאַן געפונען אַ דריי, פיר גביר׳ישע אינטעליגענטע הייזער, וואו מ׳האָט די דאָזיגע אַנטלויפעניש פון דער יוגנט אונטערשטיצט מיט אַלע קרעפטן. אין די דאָזיגע הייזער האָט מען די בחורים און די מיידלעך, די קאַנדידאַטן צום אַנטלויפן, באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס זיי איז נויטיג געווען אויפן וועג: מיט וועש, מיט דאָקומענטן וכדומה. אונטערשטיצט די דאָזיגע לויפעניש פון די יידישע יונגע לייט האָט אויך דער געביל-

---

*) זעה מיין אַרטיקל „די ערשטען סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור“ אין מאַרטין בובערס מאָנאַט-זשורנאַל „Der Jude“ (העפט נאָוועמבער-דעצעמבער 1918).

דעטער טייל פון דער מאָהילעווער קריסטליכער באַפעלקערונג, און אפילו די
אָרטיגע אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט פון דער באַוועגונג געוואוסט און איר
שטאַרק סימפּאַטיזירט.

צו יענער צייט זיינען געווען אין מאָהילעוו אויך אַזעלכע יידישע יונגע
לייט, וואָס זיינענדיג שוין אַפילו אָנגעשמעקט מיט די נייע סאָציאַליסטיש=מאַ=
טעריאַליסטישע אידייען פון פּיסאַרעוון און טשערנישעווסקי׳ן, זיינען זיי פונ=
דעסטוועגן געבליבן זיצן אויף די ערטער, און אויך ניט צוגעשטאַנען צום סאָ=
ציאַליזם. די נייע אידייען האָבן אויף זיי, אמת, געווירקט, אָבער די ווירקונג
איז געווען פונקט אין פאַרקערטן זין. זיי זיינען אויך „אַוועק אין פאָלק", וואָס
דאָס איז געווען די לעצטע מסקנה פונם דאַמאָלסדיגן סאָציאַליזם, אָבער ניט
אין רוסישן, ווי ס׳האָבן זיך נוהג געווען די יידישע סאָציאַליסטן פון יענער
צייט, נאָר אין יידישן פאָלק. זיי זיינען אַוועק אין די יידישע מאַסן צו פאַר=
שפרייטן צווישן זיי בילדונג און וויסן און מאַכן זיי פאַר נוצליכע מיטגלידער
פון דער געזעלשאַפט. צוליב דעם צוועק זיינען זיי געוואָרן פרייוויליגע און אומ=
זיסטע לערער אין דער שטאָטישער תלמוד=תורה, וואו ס׳האָבן זיך געלערנט
הונדערטער קינדער פון די אָרימסטע פאָלקס=שיכטן. אין דעם דאָזיגן פינסטערן
נעסט האָבן זיי אַריינגעבראַכט ליכט. און ניט בלויז לערער זיינען זיי געווען
פאַר די קינדער, נאָר אויך טרייע פאָטערס, וועלכע האָבן זיך באַזאָרגט אויך
אום זייער פיזישן צושטאַנד, אום זייער מאַטעריעלן מצב, אום זייער עסן און
טרינקען און געהעריגן נאַכט=לעגער. און ניט אַזוי גרינג איז זיי דאָס אָנגע=
קומען. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין זעהר אַ ביטערן קאַמף מיט
די שוואַרץ=מאה׳דיגע פּרנסים פון דער מאָהילעווער קהלה, יענע אַזוי טרויעריג
באַרימט=געוואָרענע העלדן פון דער אַזויגערופענער „מאפליה" אין סמאָלענ=
סקינס ערציילונגען, וועלכע האָבן בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזן אייַנצו=
פירן אין תלמוד=תורה וואָסערע ס׳איז נייע אָרדענונגען. אַרויסגעטראָגן דעם
נצחון האָבן דענסטמאָל ניט די פינסטערע כחות, ניט די פלעדערמייז, נאָר די
ענערגישע יונגע לייט, וועלכע האָבן ריטערליך געקעמפט אונטער דער פאָן פון
דער השכלה און דעם צייט=גייסט.

צו די דאָזיגע יונגע קעמפער האָט דאַמאָלסט געהערט אויך יעקב די־
זאָן. דער לערער פון תנ״ך און העברעאיש איז דינעזאָן געווען אין דער מאָ=
הילעווער תלמוד=תורה. ווייך און צאַרט פון דער נאַטור, האָט ער די דאָזיגע
ווייכקייט און די דאָזיגע צאַרטקייט אריבערגעטראָגן אויף די קינדער. לויט זיין
איניציאַטיווע איז ביי דער תלמוד=תורה אייַנגעאָרדנט געוואָרן אַ קיך, פון וועל=
כער מ׳האָט די תלמידים טעגליך מיטאָגן געגעבן, אָנשטאָט וואָס ביז דעם האָבן
זיי געדאַרפט אומגיין איבער די הייזער עסן „טעג". מאָהילעווער קהל האָט גע=
האַלטן די דאָזיגע קיך פאַר אַן איבעריגן לוקסוס און האָט אויף איר אפילו קיין צו=
בראָכענעם פעניג ניט געגעבן. אַן אָפּגעשפּאָרטן הונדערטער האָט דינעזאָן דאַ=
מאָלסט געהאַט פון זיינע „שטונדן", האָט ער דערפון געמאַכט די התחלה, און

דאָס איבעריגע האָט ער און זײנע חברים און חבר׳טעס צונויפגעקליבן בײ פאַרשיידענע מנדבים. צווישן דינעזאָנס חברים, וועלכע האָבן מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אַלס לערער אין מאָהילעווער תּלמוד־תּורה, זײנען געווען אויך דער שפּעטער געוואָרענער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, דער אויבנדערמאָנטער אלעזר צוקערמאַן, און דער איצט באַקאַנטער העברעאישער שריפטשטע־לער מרדכי בן הלל הכּהן*).

פון דאַנען גײ איך איבער צו מײנע זכרונות.

I.

באַדאַנע הורעוויטשעס הויז אַלס צענטער פון דער בילדונגס־דורשטיגער ײדי־שער יוגנט אין מאָהילעוו.—די אַנטלויפונגס־באַוועגונג איז אַריבער אין די רײכע הײזער.—דער אײנדרוק אויף די עלטערן.—באַדאַנעס קינדער.—דינעזאָן װערט בײ באַדאַנען אַ הויז־לערער.—דער גרויסער צוטרוי פון די הורעוויטשעס צו דינעזאָנען.—דינעזאָנס נסיעה קײן ווילנע.—זײן באַגעגעניש מיט די ווילנער חשוב׳סטע שריפטשטעלער.—אין דינעזאָנען דערוועקט זיך דער חשק צו ווערן אַ שרײבער.—זײן באַשלוס צו שרײבן זײנע ווערק אין ײדיש.—זײן ערקלע־רונג צוליב וואָס ער טוט דאָס.—זײן ערשטע ערצײלונג „בעון אבות".—איר אינהאַלט.—די ערצײלונג ווערט פאַרבאָטן פון דער צענזור.—זײן טעמע ווערט אויסגענוצט פון אלעזר צוקערמאַן און פאַרעפנטליכט אין סמאָלענסקינס „השחר".—דינעזאָן שרײבט אָן דעם „הנאהבים והנעימים".—אײזיק מאיר דיקס מײנונג וועגן דעם דאָזיגן ראָמאַן.

צו די פון מיר אויבנדערמאָנטע געצײלטע מאָהילעווער גבירי׳שע, אינ־טעליגענטע הײזער, וועלכע האָבן אונטערשטיצט די דאַמאָלסדיגע אַנטלויפונגס־באַוועגונג פון דער יוגנט, האָט געהערט אויך דאָס הויז פון דעם אין יענער צײט אין גאַנץ ווײס־רוסלאַנד באַקאַנטן עושר יהושע מנחם הורעוויטש. דאָס איז געווען אַ ייד אַ סוחר, וואָס האָט כּל ימיו אָנגעפירט מיט קאָלאָסאַלע געשעפטן, צוליב וועלכע ער פלעגט דאָס רוב מוזן זײן אין וועג, און האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר זעהר אַ ראַיעלן אונגעוויסנהאַפטן, און דערצו אויך אַ קלוגן און אַ פּראַקטישן מענשן, פאַר אַ גוטן און אַ געפּילפּולן פון דער נאַטור, מיט אַ שטאַרקער נײגונג צו טאָן לײטן טובות און צו העלפן נויטבאַדערפטיגע און געדריקטע. אַ באַזונדערס גרויסע ראָל האָט געשפּילט אין מאָהילעוו זײן פרוי באַדאַנע, וועלכע איז געווען אַ טאָכטער פון׳ם באַוואוסטן ווילנער גביר

---

*) די דאָזיגע פּרטים האָט מיר אַמאָל דערצײלט דינעזאָן אַלײן. אײניגע פון זײ זײנען אויך איבערגעגעבן געוואָרן, ווען אפילו אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, דורך זײן דאַמאָלדיגן חבר אלעזר צוקערמאַן אין זײן ערצײלונג „עולם הפוך". זעה „השחר", 6־טער יאָרגאַנג, זײטל 85.

און משכּיל, אַן איידים פון וועלט־באַרימטן גאון ר׳ שמואל שטראַשון, ר׳ יוסף בצלאל האַרקאַווי, און די עלטערע שוועסטער פון דער באַקאַנטער ווילנער דרוקערין דבורה ראָם. די דאָזיגע באַדאַנע, וועלכע איז אַליין געווען געבילדעט און וואוילערצויגן, האָט געפירט אַ יידישלאַך, און צוגלייך מיט דעם אויך אַן אמת אַריסטאָקראַטיש הויז. זי האָט געגעבן אירע קינדער (פינף זין מיט אַ טאָכטער אַ בת־יחידה) אַ פילזייטיגע מאָדערנע ערציהונג. אַלע האָבן זיי באַזוכט די מאָהילעווער גימנאַזיע, און פאָרגעזעצט צו דערזעלבער צייט זייער בילדונג אויך אין דער היים. צוליב באַדאַנען אַליין, און אויך צוליב אירע העכסט אַנטוויקלטע קינדער, איז געוואָרן איר הויז אַ צענטער פאַר אַלע מאָהילעווער בילדונגס דורשטיגע יידישע יונגע לייט. די יידישע אינטעליגענטע יונגוואַרג פלעגט זיך גאַנץ אָפט צונויפקלייבן ביי די הורעוויטשעס, פירן דאָרטן צוזאַמען הייסע ויכוחים און דיספוטן וועגן פאַרשיידענע פראַגן פון ליטעראַטור און לעבן, אויסגיסן איינער פאַר דעם אַנדערן די הערצער, בויען פלענער וועגן דער צוקונפט, און אויך אַמוזירן זיך, מאַכן זיך לוסטיג דורך שפילן, זינגען און טאַנצן. בעת צווישן דער מאָהילעווער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלגעמיינער „שטורם און דראַנג“ נאָך בילדונג, און מאַנכע געוועזענע קלויזניקעס און ישיבה־לייט זיינען געוואָרן „עקסטערנעס“, האָט מען זיי פון באַדאַנעס הויז באַזאָרגט מיט אומזיסטע לערערס און מיט לערנביכער. שפעטער אַביסל, בעת ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען די אַנטלויפעניש פון די פאַנאַטישע עלטערן, איז באַדאַנעס הויז געוואָרן איינער פון די זאַמל־פונקטן, וואו די אָנגעגרייטע צום אַנטלויפן פלעגן זיך באַראַטן וועגן די אָנגעלעגנהייטן פון זייער נסיעה, און זעגענען זיך מיט פריינד און באַקאַנטע. ביי באַדאַנען אין הויז האָט מען געקענט קריגן אומלעגאַלע ליטעראַטור, פאַרשיידענע פאַרבאָטענע סאָציאַליסטישע ביכלאַך און בראָשורן, ווי דער דאַמאָלסט צווישן דער יוגנט זעהר פאָפולערער געוועזענער טשערנישעווסקי׳ס ראָמאַן „Что дѣлать?“ וכדומה.

ביסלאַכווייז האָט זיך דער סאָציאַליזם אַלץ מערער איינגעוואָרצלט צווישן דער מאָהילעווער יידישער אינטעליגענץ. ס׳איז געקומען דערצו, אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן צוצושטיין צו די סאָציאַליסטן־נאַראָדאָוואָלצעס און אַוועקצוגיין אין רוסישן פאָלק אַריין ניט בלויז קינדער פון די מיטעלע בעל־הבתישע שיכטן, נאָר אויך בחורים און מיידלאַך פון די „אויבערשטע צעהן טויזנט“. קודם־כל זיינען אַוועק די קינדער — דאָס רוב זיינען עס געווען פריילינס — פון יענע עטליכע רייכע, אינטעליגענטע הייזער, וואו מ׳האָט פריהער שטאַרק סימפּאַטיזירט און פיל אונטערשטיצט די אַנטלויפונגס־באַוועגונג פון די מיטעלערע קלאַסן. און אַוועק זיינען זיי ניט אַליין, נאָר מיט באַגלייטערס־געליבטע, מייסטנס קריסטן, און פאַרכאַפּנדיג מיט זיך דעם גאַנצן אויסשטייער, און אַמאָל אויך מיט די צירונג. מ׳האָט דאַמאָלס דערציילט, אַז אַ פּאָר פון די פאָטערס האָט דאָס אַנטלויפן פון זייערע דערוואַקסענע, און שוין אין שידוכים שטייענדיגע טעכטער געקאָסט זייער לעבן...

באַדאַנעס הורעוויטשעס הויז איז פונם דאָזיגן טרויעריגן שיקזאַל געבליבן פאַרשוינט. איר פקחותדיגע וואַכזאַמקייט און מוטערליכע השגחה האָט געבראַכט דערצו, אַז אירע קינדער זיינען ניט אַוועק מיטן שטראָם און זיינען פאַרבליבן זיצן אין דער היים... פון אירע פינף זין האָבן זיך פיר פאַרנומען אויפן פאָטערס שטייגער, און זיינען געוואָרן מיט דעם צייט גרויסע סוחרים־קאַפּיטאַליסטן. נאָר איינער איז צוגעשטאַנען צום סאָציאַליזם. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט אין רוסלאַנד און איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד*). איר איינציגע טאָכטער, וועלכע האָט באַזעסן גרויסע פייהיגקייטן צו מוזיק, האָט זי אַוועקגעשיקט קיין ווין, וואו זי איז אַריין אין קאָנסערוואַטאָריום.

אָט די דאָזיגע באַדאַנע הורעוויטש האָט אַריינגענומען צו זיך אין שטוב יעקב דינעזאָנען אַלס העברעאישן לערער פאַר אירע קינדער. פון פאַרשיידענע מענשן האָט זי זיך אָנגעהערט וועגן דינעזאָנס גרויסע קענטענישן אין דער העברעאישער שפּראַך, וועגן זיין פּעדאַגאָגישער טעטיגקייט און מסירת־נפש׳דיגער אַרבעט אין תלמוד־תורה, און וועגן דער אַכטונג און ליבע, וועלכע ער געניסט אומעטום, וואוהין ער גייט נאָר אַריין, און זוכנדיג אַ העברעאישן לערער פאַר אירע קינדער, האָט זי זיך תיכף אָפּגעשטעלט אויף אים. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָט ער אויף איר געמאַכט מיט זיינע מיינונגען וועגן ערציהונג, וועלכע ער האָט איר אַרויסגעזאָגט בשעת דעם ערשטן געשפּרעך, וואָס זי האָט מיט אים געהאַט, בעת זי האָט אים פאַרלאַדן צו זיך. דינעזאָן האָט דאָס דאַן באַטראַכט פאַר אַ גאַנץ בכבוד׳יגע שטעל, און האָט איר אָנגענומען זעהר גערן.

מיט זיין איידעלן באַנעמען און באַשיידענעם כאַראַקטער האָט דינעזאָן תיכף אָפּגעקויפט פאַר זיך אַלע שטוביגע. ביי זיינע יונגע אינטעליגענטע תלמידים האָט ער שטאַרק נושא חן געווען מיט די אינטערעסאַנטע און באַלערנדיגע שמועסן, וועלכע ער האָט געפירט מיט זיי, און אַמאָל אויך מיט זייער גאַנצן קרייזל אויף פאַרשיידענע טעמעס. זיי האָבן געזעהן, אַז דער געוועזענער „באַנקקוועטשער" פון שמעריל צוקערמאַנס בית־מדרש, איז פיל באַלעזן און אַנטוויקלט, און אורטיילט וועגן אַלץ אַזוי שאַרף־שכל׳דיג און אַזוי לאָגיש ווי עפּעס אַן אַנדער „געענדיגטער",—דער דאַמאָלסדיגער אידעאַל פון דער מאָהילעווער יידישער געבילדעטער יוגנט. אַזוי איז דינעזאָן פון דער ערשטער מינוט אָן

---

*) דער דאָזיגער באַדאַנעס זון, גרשון הורעוויטש, וועלכער איז געווען זעהר אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער—ער האָט געשריבן אונטערן פסעוודאָנים „גרשון באַדאַנעס"—האָט זיך דאַן באַזעצט אין בערלין, וואו ער איז אַריין אין דעם דאָרטיגן קרייזל פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן־עמיגראַנטן, צו וועלכן ס׳האָט דאַמאָלס געהערט אויך דער באַרימטער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר און עסקן, דער רעדאַקטאָר פון „האמת", ליבערמאַן. דאָרטן האָט ער מיטגעאַרבעט אין דייטשע סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן, ביז ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ חשד מצד דער בערלינער פּאָליציי, און זי האָט אים אַרעסטירט. אין בערלינער געפענגעניש איז ער אַ געוויסע צייט געזעסן צוזאַמען מיט ליבערמאַנען.

געוואָרן ביי באַדאַנע הורעוויטש אַן אייגענער מענש אין שטוב. אי די עלטערן אי די קינדער זיינען אין אים געווען שטאַרק אָנפאַרטרויט, קיין זאַך, אפילו די געהיימסטע שטויביגע אָנגעלעגנהייטן, האָט מען פון אים ניט געהאַלטן פאַר־באָרגן, גאַנץ אָפט פלעגט מען זיך מיט אים מישב זיין וועגן מאַנכע ענינים. באַדאַנעס מאַן האָט געהאַלטן דינעזאָנען פאַר אַ „טיפן קאָפּ“, און פלעגט מיט אים האַלט האָבן אַרומרעדן פראַגן פון מסחר, וועלכע האָבן אים באַזונדערס אינטערעסירט. ניט איינמאָל איז דינעזאָן געשיקט געוואָרן פון די הורעווויטשעס אין פאַרשיידענע שטעט אלס זייער פאַרטרעטער אין געוויסע פאַמיליע־אינטערעסן און געשעפטס־זאַכן.

דורך איינער פון די דאָזיגע נסיעות איז דינעזאָן אַ יידישער מחבר גע־וואָרן. דאָס איז געווען סוף 1874־טן יאָר. יעמאָלט איז דינעזאָן מיט דער פּול־מאַכט פון דער פּרוי באַדאַנע הורעוויטש געפאָרן וועגן אַ געוויסע פאַמיליען־אָנגעלעגנהייט קיין ווילנע צו איר שוועסטער דבורה ראָם. אין ווילנע איז דאַן דינעזאָן אָפּגעזעסן צוויי וואָכן, און די גאַנצע צייט האָט ער קוואַרטירט ביי די ראָמס. דאָרטן האָט ער געהאַט די געלעגנהייט באַקאַנט צו ווערן מיט עט־ליכע פון די דאַמאָלסטיגע אָנגעזעהענסטע יידישע שריפטשטעלער ווי אדם הכהן לעבענזאָן, קלמן שולמאַן, אייזיק מאיר דיק און אַנדערע, וועלכע זיינען געווען ביי דבורה ראָם שטענדיגע איינגייער. באַזונדערס האָט זיך דאַן דינעזאָן באַ־פריינדעט מיט דיקן, מיט וועלכן ער האָט געפירט שעהן־לאַנגע שמועסן וועגן שרייבער און ספרים. דיק האָט דערציילט דינעזאָנען וועגן דער גרויסער פאַר־שפּרייטקייט פון זיינע ביכלאַך, וועגן דעם ערפאָלג, וואָס זיי האָבן ביים פאָלק און דעם גרויסן נוצן, וועלכן זיי ברענגען אים. דערביי האָט זיך דיק שטאַרק באַקלאָגט פאַר דינעזאָנען אויף דבורה ראָם, אַז זי צאָלט אים פאַר זיינע ווערק לויטער גראָשנס, און ווען ניט זיין ווייבס פאַרדינסטן מן הצד, וואָלט ער ניט געהאַט פון וואַנען צו לעבן. דינעזאָן, וועלכער איז פון תמיד אָן געווען אַ ליב־האָבער פון ליטעראַטור, און זינט ס׳האָבן זיך אָפּגעדרוקט זיינע מאָהילעווער בריוו אין „מגיד“ און „מליץ“ האָט ער ניט אויפגעהערט צו חלומ׳ען וועגן דערגרייכן אַ העכערע מדרגה אין שרייבעריי, האָט די גאַנצע צייט צוריקפאַרנדיג אַהיים קיין מאָהילעוו אָפּגעטראַכט כסדר ווי אַזוי צו פאַרפאַסן עפּעס אַ באַזונדער ווערק. און הגם ער האָט דאַן גוט באַהערשט דעם ליטעראַרישן העברעאישן סטיל און האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער דאָזיגער שפּראַך מיט אַ באַזונדער ליבע, האָט ער דאָך פון דער ערשטער מינוט אָן באַשלאָסן, אַז וואָס ער זאָל ניט שרייבן זאָל ער דאָס אַלץ שרייבן נאָר אין י י ד י ש. ווי דינעזאָן האָט מיר אַמאָל אין אַ געשפּרעך ערקלערט, האָט ער זיך דאַמאָלסט אָפּגעשטעלט אויף יידיש צוליב די פאָלגנדע טעמים: ערשטנס, האָבן אויף אים אין דעם געווירקט זיינע שמועסן מיט דיקן, וועלכער האָט אים וויפיל מאָל באַטאָנט, אַז נויטיגער פון אַלץ איז צו שרייבן נאָר פאַרן המון; צווייטנס, האָט אים די ספּערע פון הורעוויטשעס הויז, וואו די ספּעציעלע דאגות לטובת דעם פאָלק זיינען קיינמאָל ניט אַראָפּ

פון דער טאָג=אָרדענונג, פיל נעהענטער געמאַכט צום האַרצן די פאָלקס=אינטערעסן; דריטנס, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זינט אים איז אויסגעקומען צו האָבן עפּעס צו טאָן מיט די הונדערטער עלטערן פון די תּלמוד=תּורה=קינדער, האָט ער אין זיך דערפילט אַ באַזונדער פייהיגקייט צונויפצורעדן זיך מיט די מאַסן און באַאיינפלוסן זיי, און פערטנס האָט ער שוין פריהער געפּרובט אָנשרייבן אַלס קאָנספּעקטן פאַר זיינע תּלמוד=תּורה=תּלמידים צוויי נאַטור=וויסנשאַפטליכע ביכלאַך וועגן „דונער און בליץ", „שניי און רעגן" און אַנדערע, און מבינים האָבן אים דאַן געזאָגט, אַז זיי זיינען אַרויס ליטעראַריש=סטיליסטיש גאַנץ געלונגען, באופן, דאָס מ'וואָלט זיי געקאָנט דרוקן. איבערלייגנדיג זיך די זאַך אין וועג איז ער געקומען קיין מאָהילעוו מיט אַ פאַרטיגן באַשלוס, צו פאַרווענדן זיינע פרייע שעה'ן אויף אָנצושרייבן אַ יידיש ווערק און אַ — בעלעטריסטישע.

דינעזאָן האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ פּאַסיגע טעמע פאַר אַ ערציילונג. איינגיכן איז אים אַזאַ טעמע געקומען צו דער האַנט. אין מאָהילעוו האָט דאַן פּאַסירט די דאָזיגע זעהר טראַגישע געשיכטע: איינער פון די שטאָטישע גבירים, אַן אולטראַ פאַנאַטיק, האָט מיט געוואַלט פאַרקנס'ט זיין טאָכטער פאַר אַ בחור'ל אַ פינסטערן, אַן אומוויסנדיגן און אַ גרויסער גראָבער יונג מיט אַ סך יחוס אויפן בית=עלמין. דאָס מיידל אָבער האָט געשטרעבט צו בילדונג און געהאַט פאַר זיך גאָר גאַנץ אַנדערע אידעאַלן; זי איז געווען אַן אָפטע באַזוכערן פון באַדאַנע הורעוויטשעס קרייזל, האָט זיך דאָרטן גערעכנט פון די מער אינטעליגענטערע מיטגלידער; מ'האָט אין איר אויך אויסגעפונען, אַז זי האָט אַ באַזונדער פייהיגקייט צו פּאָעזיע, און מ'האָט איר געראַטן ניט צו פאַרלאָזן איר טאַלענט... אין קרייזל האָט מען אויך געוואוסט, אַז זי ליבט אירן אַ שוועסטערקינד, אַ גימנאַזיסט. וואָס די מיידל האָט ניט צוקלאָגט און וואָס זי האָט זיך ניט צובעטן ביים פאָטער, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף אירע יונגע יאָרן און זאָל איר ניט נויטן צום געוואַלט=שידוך, האָט ניט געהאָלפן. די זאַך איז דערגאַנגען צו גורעוויטשעס קרייזל, און אַלע האָבן גענומען איינרעדן דער מיידל, אַז זי זאָל טאָן דאָס, וואָס עס טוען פיל פון איר גלייכן און אַנטלויפן. איז זי אָבער אויף דעם געווען צו שוואַך; זי האָט זעהר ליב געהאַט די מוטער, און האָט ביי זיך ניט געקענט פּועל'ן פון איר צו אַנטלויפן; דערצו איז איר אויך שווער געווען צו שיידן זיך פון איר געליבטן... דער פאָטער האָט איר גענומען טרייבן אומברחמנות'דיג צו דער חתונה, און אירע אינערליכע יסורים זיינען געוואָרן, ממש, גיהנום'שע. אַלע האָבן געזעהן ווי די מיידל גייט אויס פון טאָג צו טאָג ווי אַ ליכט. איר שווער געמיט פלעגט זי אויסגיסן אין רוסישע לידער, און פונאַנדערטיילן זיי צווישן אירע חברים און חברטעס פון קרייזל. קיינער האָט איר אָבער ניט געקאָנט העלפן. איר פאָטער איז געווען פון די האַרטע יידן, און דערצו נאָך אַ תּקיף ביי „נאַטשאַלסטוואָ", און מ'האָט קעגן אים ניט געקענט אָנגעמען קיין שום מיטלען. אַ ליאַדע טאָג האָט מען דערוואַרט, אַז די מיידל זאָל זיך אַליין נעמען דאָס לעבן... אין אַ געוויסן טאָג איז זי אָבער

אַריין צו באַדאַנען כּלומר׳שט באַרוהיגט און עפּעס זיי פֿריילעך און האָט דערציילט, אַז אַזוי ווי זי באַזיצט ניט די נויטיגע קראַפט צו שטרייטן מיט איר פֿאָטער, האָט זי זיך באַשלאָסן אונטערצוגעבן זיין פֿאַרלאַנג און חתונה צו האָבן מיט זיין „אויסדערוויילטן”. זי האָפט אָבער, אַז נאָך דער חתונה וועט זי אויף אים האָבן אַ גרויסע השפּעה און וועט אים איינגאַנצן איבעראַנדערשן, באופן, דאָס ער וועט ווערן אין אירע הענט גאָר אַן אַנדער מענש. און אַ קורצער צייט אַרום איז די מיידל געשטאַנען אונטער דער חופּה מיט איר פֿאָטערס קאַנדידאַט, און כּמעט ווי אויף מאָרגן נאָך דעם האָט זי זיך שוין גענומען — ווי זי האָט זיך דאַן אויסגעדריקט — „איבערצושאַפֿן” איר באַשערטן אויף דאָס ניי. זי אַליין האָט אים אָנגעהויבן צו אונטעררייכטן פֿאַרשיידענע למודים, האָט אים געלערנט שטאַט און ווי אומצוגיין מיט מענשן. זי האָט אים אויך אַריינגעפֿירט צו באַדאַנען און פֿאָרגעשטעלט אים פֿאַר די מיטגלידער פֿון קרייזל. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז איר מיה איז געווען גאָר אומזיסט, אַז איר השפּעה איז אַוועק אין רויך, און אַז דער גראָבער שורש איז פֿאַרבליבן ביי זיין גראָבקייט. איינמאָל, בשעת זי האָט מיט אים צוזאַמען געמאַכט אַ באַזוך ביי אירע אַ באַקאַנטע פֿאַר־פֿאָלק, האָט ער איר דאָרטן געמאַכט אַן אומדערהערטן סקאַנדאַל, מיט וועלכן ס׳האָט דערנאָך געקלונגען די שטאָט, און פֿון גרויס צער איז זי קומענדיג אַ היים אַריין אין שטאַל, און האָט זיך דאָרטן אויפֿגעהאַנגען.

אָט די דאָזיגע מאָהילעווער שטיק טרויעריגע ווירקליכקייט האָט דינעזאָן אויסגענוצט אַלס טעמע צו אַן ערציילונג אין צוויי טייל אונטערן נאָמען „בעון־אבות” (צוליב די זינד פֿון עלטערן). אַז די ערציילונג איז ביי אים פֿאַרטיג געוואָרן, האָט ער זי פֿאָרגעלייענט פֿאַר באַדאַנעס קרייזל, וואו זי האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן רושם. די אַלגעמיינע מיינונג איז דאַן געווען, אַז אין דינעזאָנען איז דאָ אַ סך פֿונקען פֿון קינסטלערישן טאַלענט; ער דאַרף נאָר ניט בלייבן שטיין אינמיטן. דינעזאָן האָט גלייך זיין ערציילונג אָפּגעשיקט קיין ווילנע צו דבורה ראָם, וועלכע האָט איר איבערגעגעבן אין צענזור. אין יענער צייט איז אין ווילנע געווען אַ צענזאָר פֿאַר יידישע ספרים איינער אַ וואָהל, אַ געוועזענער לערער פֿון ראַבינער־שול, און גראָד האָט געדאַרפט פּאַסירן, אַז צופֿעליג איז אָט דעם וואָהלס פֿרוי געווען אַ נאָהענטע קרובה פֿון דעם מאָהילעווער אכזריות׳דיגן פֿאָטער, און אי זי אי איר מאַן האָבן געוואוסט פֿון דער גאַנצער געשיכטע, און דאָס איז געווען די אמת׳ע סבה פֿון דעם, וואָס וואָהל האָט דינעזאָנס „בעון־אבות” פֿאַרבאָטן, כאָטש ער האָט אויסגעקראַצט, און האָט אויף דעם געפֿונען גאָר אַן אַנדער תירוץ...

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז דיזעלביגע ערציילונג, און כּמעט מיט אַלע אירע פּרטים, איז אין אָנדערטהאַלבן יאָר אַרום באַאַרבעט געוואָרן אין העברעאיש דורך דינעזאָנס געוועזענעם חבר, דער שפּעטערדיגער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאַנער אלעזר צוקערמאַן, וועלכער האָט שוין דאַמאָלסט געוואוינט אין

ווין, זאָל זײַן געדרוקט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־ביכל אונטערן נאָ־ מען „ע ו ל ם ה פ ו ך" (אַ פאַרקערטע וועלט) אין סמאָלענסקינס חודש־זשורנאַל „השחר").

דינעזאָן האָט זיך שטאַרק צער געהאַט אויפן פאַרבאָט פון זײַן ערש־ טער ערציילונג. רעדנדיק מיט אים אַמאָל אין וואַרשע וועגן דער דאָזיגער ניט פאַרעפנטלעכטער ערציילונג, האָב איך פון אים געהערט די פאָלגנדע אינ־ טערעסאַנטע באַמערקונג:

— לויט ווי מען מיך הייסט „דער באַשאַפער פונם יידישן סענטימענטאַלן ראָמאַן", וואָלטן זיי אָבער געלייענט מײַן „בעון־אבות", וואָלטן זיי צו דער דאָ־ זיקער מיינונג ניט געקומען. מײַן „בעון־אבות" איז געווען העכסט רעאַליסטיש, און, אפשר, שוין צו פיל רעאַליסטיש; דאָס איז געווען אַ ריכטיגע קאָפּיע פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע כ'האָב אַליין באַגעגנט און אין וועלכער כ'האָב מיך אין אַ געוויסער מאָס באַטייליקט. סענטימענטאַל בין איך ערשט געוואָרן נאָך דעם. אַ שפּעטערדיגע פּרשה פון מײַן לעבן האָט מיך געמאַכט סענטי־ מענטאַל...

כ'האָב שוין דעמאָלסט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען דעם פשט פון די דאָזיגע ווערטער. דעם לעזער וועט דאָס דערקלערט ווערן אין איינעם פון די ווײַטער־ דיגע קאַפּיטלען.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און דינעזאָן האָט זיך גענומען שרײַבן אַ צווייטע ערציילונג. דאָס איז געווען זײַן גרויסער ראָמאַן „הנאהבים והנעימים", וועלכער איז בײַ אים פאַרטיג געוואָרן נאָך ווייניגער ווי אין אַ חודש צײַט; מיט אַזאַ ענערגיע און מיט אַזאַ אימפּעט האָט ער אים געשריבן. ד ע ם מאָל איז ער שוין לכתחילה צוליב זײַן ראָמאַן אַליין געפאָרן קיין ווילנע. ער האָט געוואָלט אַליין זײַן דערבײַ און זען, צי וועט זײַן נײַער חבור אַרויס אַ גאַנ־ צער פון צענזאָרס הענט. דער „הנאהבים והנעימים" האָט געפונען לייטזעליג־ קייט אין די אויגן פון צענזאָר, און ער האָט אים דורכגעלאָזן בשלום**) און דבורה ראָם האָט אים תיכף איבערגעגעבן צום דרוק.

ווי דינעזאָן האָט מיר אַמאָל דערציילט האָט ער, באַקומענדיג צוריק דעם ראָמאַן פון צענזור, אים פאַרגעלייענט צוויי אָוונטן נאָך דער ריי בײַ דבורה ראָם אין שטוב פאַר אַ קליינער געזעלשאַפט פון אירע באַקאַנטע, אַלע פון דער ווילנער יידישער אַריסטאָקראַטיע, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך אײַ־ זיק מאיר דיק. אַז ער האָט געענדיגט לייענען, האָט אים איטליכער פון די אַנוועזנדע אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן דער ערציילונג. דער אַלגעמיינער

*) זעה די הערה אויף זײַט 63.

**) נאָר אין איין פּרק, וואו עס ווערט דערמאָנט די פּעטערבורגער תפיסה, האָט דער צענזאָר אויסגעמעקט בערך אַ האַלבער זײַט.

אײַנדרוק איז געווען זעהר אַ גוטער. אויך דיק איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

— איך וואָלט דאָס ניט געקענט; אַזאַ גרויסער ספר מיט אַזוי פיל העלדן! וואו נעמט מען דאָס אַזאַ כוח צו טראָגן דאָס אַלץ אויפן קאָפּ? איך בין מיך נוהג האָבן צו טאָן נאָר מיט איין פּאַרשוין, צוויי טרעפט איר ביי מיר נאָר איינמאָל אין אַ שמיטה. ווייטער געפין איך, אַז אייער ספר איז עפּעס אַ ביסל צו אומעטיגלאַך; ס׳פעלט אין אים אָט יענער תבלין, וואָס קיצלט דעם מילץ..

II.

דינעזאָן וויל מפצה זיין די משכילים מיט אַן העברעאישן אַרטיקל.—די אומערוואַרטע רעזולטאַטן פון זיין אַרטיקל.—סמאָלענסקינס באַמערקונג וועגן יידיש.—דער שלעכטער איינדרוק פון דער דאָזיגער באַמערקונג אויף דינעזאָנען.—דינעזאָן אַנטפלעקט אין זיך, אַז ער איז פאַרליבט.—זיין באַזונדער באַמיהען זיך צו האַלטן זיין ליבע פאַרבאָרגן.—זיינע געפילן ווערן באַמערקט פון זייטיגע.—דינעזאָנס לײדן.—זיין באַשלוס אויפצודעקן פאַר איר זיין האַרץ.—זיין שוואַכקייט דאָס צו פאַרווירקליכן.—זי פאָרט אָפּ קיין ווין, און דינעזאָן פאַרבלייבט מיט זיין סוד.—עטליכע פאַקטן פון מיין פּערזענליכן לעבן.—דער מאָהילעווער קרייזל אין ווין.—סמאָלענסקין אַלס מיטגליד פון דעם קרייזל.—דער קרייזל וועגן דינעזאָנס ליבע.—דינעזאָן וויל קומען קיין ווין, און פאַרבלייבט אין מאָהילעוו.—מיט וואָס דינעזאָנס ליבע האָט זיך פאַרענדיגט.—דינעזאָנס טרויעריגע שליחות קיין ווילנע.—דינעזאָן קומט צוריק קיין מאָהילעוו און ווערט קראַנק.

נאָכדעם ווי דינעזאָן האָט אָפּגעדרוקט זיין „הנאהבים והנעימים״, וועלכער האָט ביים גרויסן עולם שטאַרק נושא חן געווען, האָט זיך אים גאָרניט געקאָנט לייגן אויפן שכל, אַז ס׳וועט נאָך אַוועקגיין אַ משך פון אַ יאָר פּופּצעהן איידער ער וועט פאַרעפנטליכן אין דרוק אַ צווייטע זאַך. אים האָט זיך, פאַרקערט, געדאַכט, אַז פון איצטער אָן וועט ער נאָכאַנאַנד נעמען שרייבן און דרוקן, דרוקן און שרייבן, און ער האָט שוין אפילו וועגן דעם, זייענדיג דעם לעצטן מאָל אין ווילנע, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דבורה ראָם. און ווירקליך: ס׳איז אַריבער נאָר אַ קורצע צייט, בערך, זינט ס׳איז אַרויס זיין „הנאהבים והנעימים״, און ער איז שוין צוגעטראָטן צו שרייבן אַ נייע ערציילונג,— „אביגדור ל״ האָט זי געהייסן. דינעזאָן איז נאָך אָבער דאַן געווען, ווי אַלע משכילים פון יענער צייט, אַ שטאַרקער אָנהענגער פון העברעאיש, אַ הייסער חסיד פון דער העברעאישער ליטעראַטור מיט אירע שרייבער, באַזונדערס פון סמאָלענסקינען, וועמען ער האָט, ממש, פאַרגעטערט, און דעריבער האָט ער

געוואָלט ווייזן פאַר דער משכיל׳שער וועלט, אַז זיין פאַרנעמען זיך מיט שרייבן יידיש, הייסט ניט, דאָס ער האָט שוין אָפּגעשניטן אינגאַנצן פון דער השכלה שפּראַך, פון לשון=קודש. און געמיינט האָט ער עס צו דערווייזן דורך דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל אין „שחר"*), אין וועלכן ער האָט פאַרבייגייענדיג אויפגעהויבן אין הימל אַריין סמאָלענסקינען און ליליענבלומען, דעם רעדאַקטאָר פונם העברעאישן בלאַט „הצפירה", חיים=זעליג סלאָנימסקין און אַנדערע. ער האָט גערעכנט, אַז נאָך דעם דאָזיגן אַרטיקל, וואו ער דערקענט זיך פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם פריינד און ליבהאָבער פון העברעאיש, איז ער שוין דערמיט יוצא פאַר זיין משכיליזם, און קען זיך שוין רוהיג און זיכער פאָרזעצן זיינע יידישע ווערק, ניט אַיינרייסנדיג דערביי מיט די משכילי=הדור. אָבער גאָר אומגעריכטער־הייד פאַר אים האָט געבראַכט זיין אַרטיקל פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. נאָך מער: זיין אַרטיקל האָט אים ניט בלויז ניט אויסגעגליכן מיט זיינע חברים, די משכילים, און האָט אים ניט מקרב געווען צו זיי, נאָר אויך דערווייטערט און אָפּגעשטויסן האָט ער אים פון זיי. אָפּגעשטויסן האָט ער אים אָבער, אויף אַ געוויסער צייט צום וועניגסטן, אויך פון י י ד י ש...

צו דינעזאָנס דערמאָנטן מאמר אין „השחר", אָט דאָ וואו ער רעדט וועגן אַ געוויסן יידיש בלאַט, האָט סמאָלענסקין אין אַ באַמערקונג אַרויסגעוואָרפן אַ זאַ פראַזע: „אַ משכיל וועלכער שרייבט י י ד י ש, איז דאָס ווי צוויי קאָנטראַסטן אין א י י ן מענשן. אַ טעות האָבן די, וואָס מיינען, אַז כּדי צו שרייבן אין דער דאָזיגער פאַרדאָרבענער שפּראַך, דאַרף מען האָבן אַ וועלכע עס איז פייהיגקייט".

וועגן דעם דאָזיגן איינדרוק, וואָס די דאָזיגע סמאָלענסקיס באַמערקונג האָט אויף דינעזאָנען אין איר צייט געמאַכט, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט פאָלגענדעס:

— כ׳בין דאַמאָלסט געווען אַ קינד פון מיין דור, אַ משכיל מיט משכילשע השגות. צוגעטראָטן צו שרייבן יידיש בין איך ניט אָן אַ געוויסן געפיל פון פּחד, אַז דאָס וואָס איך טו איז אַ פּגימה אינם כּבוד פון דער השכלה, וועלכע האָט געקוקט, ווי ס׳איז באַוואוסט, פון תמיד אָן אויפן „זשאַרגאָן" מיט קרומע אויגן. אין מיר האָט אפילו גובר געווען דער פאָלקס=אינסטינקט, יענער אינסטינקט, וועלכער איז צוזאַמענגעבונדן און צונויפגעוועבט מיט דער מוטערשפּראַך. דאָך האָב איך מיך ניט געקענט לויז מאַכן פון געדאַנק, אַז מיטן אויפשרייבן און אָפּדרוקן פון מיין „הנאהבים והנעימים" איז עפּעס מיין השכלה ווי וואַכעדיג געוואָרן, און זי וועט שוין ניט ווערן יענע „בת=השמים", פאַר וועלכער איך האָב געקעמפט מיט אַזאַ פייער קעגן די פינסטערע כּחות זייענדיג

*) דער אַרטיקל הייסט „ה ה ר ג ל ו ה ב ק ר ת" (די געוואוינהייט און די קריטיק). און איז געדרוקט אין „ש ח ר" 6-טער יאָרגאַנג, העפטן 6—5.

לערער אין דער מאָהילעווער תלמוד־תורה. האָב איך עס יעמאָלט געזוכט און געגלויבט צו פאַרגלעטן אין אַן אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן אין „השחר" און אָנגענומען זיך אין אים פאַר דער קריוודע פון אונזערע בעסטע העברעאישע שרייבער. ערשט מיט אַמאָל קומט צו גיין, און ניט קיין אַנדערער ווי סמאָלענסקין אליין, אָט דער מאַן, וועלכער איז ביי מיר תמיד געווען אַן אָפּגאָט, און וואָס זיינעם אַ וואָרט האָב איך שטענדיג געהאַלטן פאַר אַן אַקסיאָמע, פאַר אַ הלכה למשה מסיני, און ער פּסקנט אָפּ, אַז שרייבן יידיש איז פאַר אַ משכיל אַ חרפּה, און אַז פאַרפאַסן ווערק אין יידיש קאָן יעדערער, און מ'דאַרף גאָר דערצו קיין שום כשרון ניט האָבן. אמת, מיט דער באַמערקונג האָט ער מיר אפילו אַביסל אָפּגעשלאָגן מיין חשק צו שרייבן יידיש, אָבער פון דער אַנדער זייט האָב איך מיך נוקם געווען אין סמאָלענסקינען און האָב מיין העברעאישע פען אינגאַנצן און לצמיתות אַוועקגעוואָרפן!...*)

— בכלל—אַזוי האָט דינעזאָן דאַן פאַרענדיגט—איז מיר סמאָלענסקינס באַמערקונג, און דוקא צו מיין אַרטיקל, געווען ווי אַ באָמבע. מיר האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז פון לכתחלה אָן איז געווען זיין כוונה נאָר מיך אַליין צוטרעפן פאַר מיין „הנאהבים והנעימים". זייענדיג דאַמאָלסט בלאו הכי ניט ביים מוט, האָט דאָס מיר נאָך מער דענערווירט, און בין אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען דערפון ווי אַ צעמישטער.

אין יענער צייט איז דינעזאָן געווען שווערמיטיג און גייסטיג זעהר ניעדערגעשלאָגן. ער איז נאָך דאַמאָלסט ניט געקומען צו זיך פון דעם העכסט אָנגעשטרענגטן און געדריקטן זעלישן צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען די לעצטע דריי פערטל יאָר. שרייבנדיג זיין ערשטן ראמאַן „בעון־אבות", טיף־דורכפילנדיג בשעת מעשה די דראַמע פון דער מיידל, וועלכע מ'וויל דערוויטערן מיט גוואַלד פון איר געליבטן, האָט ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין זיך אַנטפּלעקט, אַז ער, דער שילדערער פונם צווייטנס ליבע, איז אַליין פאַרליבט... ער האָט אַנטדעקט, אַז ער איז ניט גלייכגילטיג צו זיין תּלמידה— די איינציגע טאָכטער פון באַדאַנע הורעוויטש... די שעה'ן, וואָס ער לערנט מיט איר פילט ער זיך איבער גליקליך; ער וואָלט וועלן, אַז די דאָזיגע שעה'ן זאָלן זיך אַזוי ציהען און ציהען... שפּילט זי פאַר אים אויפן קלאַוויר דעם מאָטיוו פון מיכל גאָרדאָנס אַ ליד, וועלכען ער האָט איר אויסגעלערנט, מיינט ער, אַז ער איז אויפן זיבעטן הימל... און תמיד וואָלט זיך אים וועלן זיין נאָר לעבן איר, נאָר לעבן איר. ניט מיט איין פריילן באַגעגנט ער זיך כמעט טעגליך ביי די הורעוויטשעס, און אַנדערע פון זיי זייגען

*) „לצמיתות",—אַזוי האָט מיר דאַמאָלס דינעזאָן בוכשטעבליך געזאָגט. מיט דער צייט האָט ער דאָס אָבער, אַפּנים, פאַרגעסן. אין 25 יאָר אַרום נאָך דעם אינצידענט מיטן „השחר" האָט דינעזאָן פאַרעפנטליכט אַ העברעאישע ערציהלונג אונטערן נאָמען „מפני מה מאריכין מים" אין נחום סאָקאָלאָווס זאַמלבוך „ספר השנה", דריטער יאָרגאַנג.

אפשר, שענער, קליגער און אויך געבילדעטער, אָבער צו קיינער פון זיי ציט אים ניט זיין האַרץ ווי נאָר צו איר...

מיט זיין גאַנצן יוגנטליכן פייער האָט דינעזאָן געליבט; ער האָט אָבער געטראָגן זיין ליבע אין האַרצן פאַרבאָרגן פון אַ מענטשנס אויג. קיינער האָט עס ניט געזעהן און קיינער האָט עס ניט געמערקט. זיין ליבע איז ביי אים געווען טייער און הייליג, און ער האָט זיך געשטאַרעט ניט וואָכעדיג צו מאַכן איר דורך אַ וועלכער ס'איז זייטיגע מחשבה. די סענטימענטאַלסטע ליבעספּראַזן פון זיין „הנאהבים והנעימים" זיינען געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינדרוק פון זיין דאַמאָלסטיגער אינערליכער פערזענליכער איבערלעבעניש. צווישן די שורות פונ'ם דאָזיגן ראָמאַן האָבן זיך דאָ און דאָרטן אָפּגעשפּיגלט די נערוועזישע צאַפּלעניש פון זיין טיף־ליבנדער נשמה, האָט דאָ און דאָרטן אָפּגעקלונגען די וויברירנדיגע ציטערניש פון אירע געהיימסטע סטרונעס. אָבער קיין ווידער־קלאַנג האָט זיך ביי אים ניט אַראָפּגעריסן פון די ליפּן, אפילו ניט דעם שוואַכסטן עכאָ פון זיינע געפילן; אַזוי האָט ער זיי אָפּגעהיט, און אַזוי האָט ער אויף זיי געוואַכט...

לאַנג האָט עס אָבער ניט געקאָנט דויערן. ווי דער צייטיגער עפּל, וואָס רייסט זיך פון בוים, איז געקומען אַ צייט, ווען דינעזאָן האָט שוין מער ניט געקענט באַהערשן זיינע געפילן, און האַלטן זיי כסדר איינגעשפּאַרט בחדרי־חדרים... אויף זיין פנים האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ מסור... ט'האָט זיך אָנגעפאַנגען צו וואַרפן אין די אויגן, אַז אין זיין תלמידה'ס געגנוואַרט קוקט ער עפּעס אויס גאָר אַנדערש, און אַז זיין באַציהונג צו איר טראָגט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, אַ פיל פריינדליכערן, אינטימערן. באַמערקט האָבן דאָס צוערשט די פרעמדע, די זייטיגע, און באַזונדערס די מיטגלידער פון באַדאַנע הורעוויטשעס קרייזל. פון די שטוביגע גופא, האָט דאָס קיינער ניט באַמערקט, און ווייניגער פאַר אַלעמען די געליבטע אַליין...

די דאָזיגע לאַגע האָט זיך געצויגן אַ האַלב יאָר אַן ערך. דינעזאָן האָט אָנגעהויבן צו ליידן... געליטן האָט ער דערפון, וואָס ד י, צו וועלכער עס געהערן אַלע זיינע טייערסטע און הייליגסטע געפילן און חלומות, און וועגן וועלכער ער הערט ניט אויף צו טראַכטן טאָג און נאַכט, הויבט אים גאָר ניט אָן צו פאַרשטיין, און האָט קיין שום אַנונג ניט פון דעם, וואָס עס קומט אין אים פאָר. נאָך פילע איבערלעבענישן און אינווייניגסטע מלחמות האָט ער באַשלאָסן אויפצודעקן פאַר איר זיין האַרץ. הגם לויט ווי ער האָט געקענט די הורעוויטשעס און זייערע אָנשויאונגען, האָט ער אפילו גאַנץ גוט געוואוסט, אַז צו רעאַלישע רעזולטאַטן קען דאָס בשום אופן ניט ברענגען, האָט זיך אים פונדעסטוועגן געוואָלט, אַז זיין ליבע זאָל ניט פאַרבלייבן קיין סוד פאַר דער, צו וועמען זי געהערט. עס זיינען אָבער אַוועק טעג און וואָכן, און ער האָט זיין באַשלוס ניט געקענט פאַרווירקליכן. צו שוואַך איז ער אויף דעם געווען, און צו באַשיידן. דערווייליע האָט מען אין שטוב אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער טאָכטערס אָפּ־

פאָרן קיין ווין. דערוועקט האָט זיך דער געדאַנק צוליב די פאָלגנדע טעמים:
ערשטנס, האָט באַדאַנע געקראָגן מורא, אַז מיט דעם וואוקס פון דער נאַראָ=
וואָליער באַוועגונג אין מאָהילעוו זאָל אויך איר טאָכטער סוף=סוף ניט פאַלן
פאַר אַ קרבן דער אַנטלויפונגס=עפּידעמיע, און צווייטנס, כדי זי זאָל דאָרטן
פאַרפולקומען איר מוזיקאַלישע אויסבילדונג. צוליב דעם ענין, איז אָפּגעהאַלטן
געוואָרן אַ באַזונדער פאַמיליען=באַראַטונג, צו וועלכער מ׳האָט, ווי שטענדיג, צו=
געצויגן אויך דינעזאָנען. מ׳קען זיך לייכט פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ האַרץ
דינעזאָן האָט אָנטייל גענומען אין דער דאָזיגער באַראַטונג. ער איז אָבער גע=
ווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געפונען פאַר נויטיג און פאַר דרינגענדיג, אַז
זי זאָל פאָרן קיין ווין...

די לעצטע טעג פאַר איר אָפּפאָרן פון מאָהילעוו זיינען געווען פאַר
דינעזאָנען טעג פון טאַנטאַלוס=יסורים. וויפיל מאָל האָט ער זיך שוין געטאַכט
אַ האַרץ אַרויסצוזאָגן איר זיינע געפילן, איינמאָל האָט זיך שוין געוועסט אַרויס=
געריסן ביי אים פון מויל: איך האָב אייך עפּעס צו פאַרטרויען וואָס
וויכטיגעס", און זי האָט זיך דאַן גראָד פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס ער
וויל איר זאָגן. ער איז אָבער געבליבן שטיל, און האָט ניט אויסגערעדט קיין
וואָרט.

און אַזוי איז זיין תלמידה אין אַ געווויסן טאָג אַוועקגעפאָרן קיין ווין,
און דינעזאָן איז פאַרבליבן מיט זיין סוד...

כדי פאָרצוזעצן מיינע נאָטיצן וועגן דינעזאָנען געפין איך פאַר נויטיג
איבערצוגעבן דאָ עטליכע פאַקטן פון מיין אייגענעם פערזענליכן לעבן.

אין חדש מאַי 1876, נאָך אָקאָרשט=וואָס אַוועקגעלאָזן די באַנק פון דער
וואָלאָזשינער ישיבה, בין איך געקומען קיין ווין. געקומען בין איך אַהין
לערנען זיך, אָדער, ווי ס׳האָט דאַן געהייסן: שטודירן, לויט דער עצה פון
סמאָלענסקינען, דער דאַמאָלסטדיגער לייכט=שטערן און וועג=ווייזער פון פיל
תלמודיש=אויסגעבילדעטע יונגע לייט אין מיין עלטער. איינער פון די מינסקער
אינטעליגענטע גבירים, וואָלף ראַפּאָפּאָרט (אַ זון פונם ווייט און
ברייט באַרימטן ר׳ זיסעלע ראַפּאָפּאָרט), וועלכער האָט מיר גוט געקאָנט און
האָט זיך זעהר אינטערעסירט מיט מיין וועלטליכער אויסבילדונג, האָט מיר
דאַן געגעבן קיין ווין אַ שריפטליכע רעקאָמענדאַציע צו איינעם זיינעם אַ באַ=
קאַנטן, אַ געוויסער ראָזנשטיין. דער דאָזיגער ראָזנשטיין האָט מיט אַ יאָר
פריצער פאַר דעם געוואוינט אין מאָהילעוו, און איז דאָרטן געווען אַ גרוי=
סער עושר. מיט דער צייט האָט זיך אָבער אַ דריי געטאָן די רעדל, און ער
האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ יורד. דאַן איז ער מיט דער פאַמיליע אַרויסגעפאָרן
קיין ווין, און האָבנדיג אַ שם פון דערהיים פאַר זעהר אַן ערליכן מאַן, איז ער
דאָרטן געוואָרן אַ קאָמיסיאָנער=פאַרמיטלער צווישן עסטרייכישע געשעפטס=פיר=
מעס מיט גרויסע יידישע האַנדעלס=הייזער אין רוסלאַנד. ראָזנשטיינס פאַמיליע
(אַ פרוי מיט צוויי שוין דערוואַקסענע טעכטער און איינגערער זון, אַ שילער)

װעלכע איז געװען אַ גאַנץ אינטעליגענטע, האָט געדינט פֿאַר אַ צענטער פֿון די מאָהילעװער, װאָס האָבן זיך יעמאָלט אױפֿגעהאַלטן אין װין, און באַזונדערס פֿון דער שטודירנדער יוגנט. זעהר אַן אָפֿטער אײַנגײער איז דאָרטן געװען אױך סמאָלענסקין, װעלכן ס׳האָבן פֿאַרבונדן מיט די ראָזנשטײנס אַלטע בשותּפֿות׳דיגע זכרונות פֿון דער צײַט, װאָס זײ האָבן נאָך געװױנט אין מאָהילעװ. בעת סמאָלענסקין איז געװען אַ זינגערל בײַם מאָהילעװער שטאָט־חזן, פֿלעגט ער אַמאָל אַ שבת, אָדער אַ יום־טוב, קומען מיטן חזן און מיט די אַלע איבעריגע משוררים צו דעם ראָזענשטײנען, װעלכער איז דאַמאָלס געװען אײנער פֿון די שול־גבאים, און אױפֿזינגען לכּבֿוד אים פֿאַרשײדענע נגונים. איך געדענק, אַז סמאָלענסקין פֿלעגט דאָס האַלט האָבן צו דערמאָנען, און אַז ראָזנשטײן פֿלעגט דערמיט זעהר שטאָלצירן.

דעם גאַנצן ערשטן חדש נאָך מײַן קומען קײן װין האָב איך מיך אױפֿגעהאַלטן בײַ דער דאָזיגער פֿאַמיליע ראָזנשטײן. פֿאַר דער צײַט האָב איך באַװיזן באַקאַנט צו װערן מיט אַלע מאָהילעװער, די שטענדיגע באַזוכער פֿון ראָזנשטײנס הױז. צװישן זײ איז אױך געװען דער הײַנטיגער העברעאישער שריפֿטשטעלער און פּאָפּולערער קיעװער נאַציאָנאַליסטישער עסקן משה קאַמיאָנסקי, דער שױן דאַמאָלס געװעזענער סאָציאַליסט־רעװאָלוציאָנער אלעזר צוקערמאַן*), און באַזונדערס הורװיטשעס טאָכטער—דינעזאָנס אידעאַל, װעלכע פֿלעגט אַהין אױך אַרײַנקומען, אמת זעלטענער פֿאַר אַלעמען. װעגן דער דאָזיגער יעמאָלטדיגער פֿרײַלין הורװיטש איז מיר הײַנט פֿאַרבליבן אין זכּרון די פֿאָלגנדע קלײנליכע פּרטים: אַז זי איז געװען פֿון מיטעלן װאוקס. אַ ברונעטין, און אַז צוקערמאַן פֿלעגט זיך אױף איר תּמיד בלאָזן, און כּמעט מיט איר קײנמאָל ניט רעדן. איצטער נעם איך ערשט פֿאַרשטײן, אַז ער האָט דאָס דאַמאָלס געטאָן איבער זײַן אָרגאַנישער שׂנאה צו די רײַכע. כ׳דערמאָן מיך װעגן איר נאָך אַ פּרט: מ׳האָט דערצײלט, אַז אױף סמאָלענסקינס חתונה, װעלכע איז געװען מיט אַ האַלב יאָר צוריק, זײַנען פֿאָרגעקומען די טענץ אונטער איר קלאַװיר־באַגלײטונג, און אַז דער עולם איז צװעק פֿון איר שפּילן ממש אַנטציקט, פֿאַראױס זאָגנדיג איר אַ גלענצענדע מוזיקאַלישע צוקונפֿט. קלאָרער פֿון אַלץ געדענק איך אָבער דעם פֿאַקט, אַז בעת ס׳פֿלעגט אַמאָל אײנעם מאָהילעװער קרײַזל אױסקומען צו רעדן װעגן איר אונטער די אױגן, פֿלעגט מען כּמעט תּמיד דערבײַ דערמאָנען דינעזאָנס נאָמען. דאַן האָב איך ניט געװוסט, און האָב מיך אױך ניט אינטערעסירט צו װיסן, װעגן װאָס עס גײט דאָ דאָס געשפּרעך. אין אַ געװיסער צײַט אַרום, נאָכדעם װי כ׳האָב דערגאַנגען די פּרטים װעגן דינעזאָנס ליבעס־עפּאָפּײע, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר ראָזנשטײנס טעכטער, װעלכע האָבן כּסדר קאָרעספּאָנדירט מיט זײערע מאָהילעװער חבֿר׳טעס, איז דינעזאָנס ראָמאַן קײן סוד ניט געװען, און ממילא האָט

*) צוקערמאַן האָט זיך דאַמאָלס געלערנט זעצערײַ אין סמאָלענסקינס דרוק.

שוין דערפון געוואוסט דער גאַנצער קרייזל, און וועגן דעם האָט מען דאָס דאַן געשמועסט. ניט פאַרגעסן האָב איך אויך, דאָס איינמאָל האָט עמיצער פון די מאָהילעווער דערציילט ביי ראָזנשטיינען, אַז דינעזאָן האָט אנגעפרעגט אין אַ בריוו ביי סמאָלענסקינען, צי ער זאָל קומען קיין ווין, און אויב ער קען האָבן אויסזיכטן זיך איינצואָרדענען זיך דאָרטן.

צוויי יאָר איז דאָס פריילין הורעוויטש אָפּגעווען אין ווין; דערנאָך איז זי פון דאָרטן אָפּגעפאָרן צו פאַרענדיגן איר מוזיקאַלישע בילדונג אין פּאַריז. אינ׳ם משך פון דער צייט האָט איר דינעזאָן פיל מאָל געשריבן; אָבער אַלע זיינע בריוו זיינען געווען געווידמעט נאָר דעם איין ענין, וועלכער האָט איר מער פון אַלץ אינטערעסירט—דער מוזיק, אויף וויפיל ער האָט עס פאַר־שטאַנען אַלס דילעטאַנט. וועגן זיינע געפילן האָט זיך ניט געפונען אין די בריוו אפילו דער קלענסטער וואונק. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ פריהערדיגן שטאַרקן אינווייניגסטן גערא‍נגל...

ערשט אין דריי יאָר אַרום איז זי צוריקגעקומען קיין מאָהילעוו. פאַר דער צייט האָט דינעזאָן געוועסט פיל מאָל ביי זיך באַשלאָסן צו לאָזן זיין לערער־שטעל ביי די הורעוויטשעס, און אוועקפאָרן פון מאָהילעוו. אויף דעם איז ער אָבער אויך צו שוואַך געווען. ער האָט זעהר ליב באַקומען באַדאַנע הורעוויטשעס הויז מיט דער גאַנצער פאַמיליע, און האָט זיך צו זיי געפילט שטאַרק צוגעבונדן, און דעם געדאַנק וועגן צו שיידן זיך מיט זיי האָט ער פון זיך יעדעס מאָל אָפּגעטריבן מיט אַלע כחות.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט נאָכדעם ווי הורעוויטשעס טאָכטער האָט זיך צוריקגעקערט פון אויסלאַנד, און מ׳האָט איר אָנגעהויבן צו רעדן שידוכים. יעדער פאָרשלאָג פון אַ שדכן איז אַרומגערעדט געוואָרן אין אַ פאַמיליען־ראַט, און צו יעדער פאַמיליען־ראַט איז איינגעלאַדן געוואָרן אויך דינעזאָן... דאָס פריילין האָט דערפון געוואוסט, און פלעגט אָפט זאָגן דינעזאָנען אין שפּאַס: זעט, הער לערער, פאַרנאַרט מיר אָקאָרשט ניט... דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דינעזאָן האָט איר נאָך ניט אויפגעהערט צו ליבן מיט דער גאַנצער גלות פון זיין נשמה.

דינעזאָנען איז אָבער באַשערט געווען אַריבערצוטראָגן נאָך אַ פיל שווע־רערן נסיון. אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צופאָרן צו באַדאַנע הורעוויטש צו גאַסט אירער אַ פלימעניק, אַ יונגער נאָר וואָס געענדיגטער דאָקטאָרל, דבורה ראָמס אַ זון. דער גאַסט האָט זיך באַלד פאַרליבט אין זיין שוועסטער קינד, און גאָר אינגיכן איז שוין דינעזאָן געפאָרן קיין ווילנע אַלס באַפולמעכ־טיגטער פון די הורעוויטשעס אָפּצורעדן וועגן דער חתונה...

קומענדיג צוריק פון ווילנע איז דינעזאָן קראַנק געוואָרן, און איז אַ וואָכן דריי ניט אַראָפּ פון בעט.

III.

דינעזאָן װיל קומען קײן ברעסלױ אום אַרײנצוטרעטן אין ראַבינער־סעמינאַר.— זײן קאָרעספּאָנדענץ מיט פּסח רודערמאַן.—דינעזאָן גיט איבער רודערמאַנען זײן גאַנצע ליבעס־געשיכטע.—רודערמאַנס טרײסט־בריװ.—מײן ערשטער בריװ צו דינעזאָנען.—דינעזאָן פאַרבלײבט אױף אַן אָרט.—דינעזאָן פאָרט אַרױס מיט הורװיטשעס פאַמיליע קײן קיעװ.—דינעזאָן קערט זיך אום צו דער ליטעראַרישער טעטיגקײט.—קיעװער „ליטעראַרישער זומפּ״.—זײן שלעכטער אײנדרוק אױף דינעזאָנען.—דינעזאָן קומט קײן װאַרשע.—מײן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים.—איך מאַך מיט אים װיזיטן בײַ װאַרשעװער ליטעראַטן.

אין 1877־טן יאָר בין איך פון װין אָפּגעפאָרן קײן ברעסלױ מיט דער רעדע אַרײנצוטרעטן אין דעם דאָרטיגן ראַבינער־סעמינאַר. דאָרטן האָב איך מיך באַקאַנט מיט אַ תּלמיד פון סעמינאַר, אַ באָריסעװער יונגערמאַן מיטן נאָמען פּסח רודערמאַן. דער דאָזיגער רודערמאַן איז דאַן געװען אַ שטענדיגער מיטאַרבעטער פון „שחר״, און האָט בײם העברעאישן לעזע־פּובליקום געהאַט אַ נאָמען פון אַ פיל פאַרשפּרעכעדיגן פּובליציסטישן טאַלענט. אײנמאָל דערצײלט מיר רודערמאַן אַ מעשה, אַז ער האָט דערהאַלטן אַ בריװ פונם מחבר פון „הנאהבים והנעימים״, װעלכער פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אים צושיקן דאָס פּראָגראַם פון סעמינאַר, װײל ער װיל קומען קײן ברעסלױ אום צו שטודירן דאָרטן אַלס דאָקטאָר־ראַבינער. רודערמאַן האָט ממלא געװען דינעזאָנס בקשה, און האָט אים אַרױסגעשיקט דאָס פּראָגראַם. פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך רודערמאַן אָנגעהױבן אױפצושרײבן מיט דינעזאָנען. זײערע ערשטע בריװ האָבן געטראָגן אַ אידײאישן כאַראַקטער. זײ האָבן זיך בײדע מתװכח געװען װעגן חסידיזם. רודערמאַן, אַ געבאָרענער חסיד, אַ חבד׳ניק, האָט הײס פאַרטײדיגט דעם לאַדיער רבי׳ן ר׳ שניאור זלמן געגן דעם װילנער גאון, און דינעזאָן, אַ פאַרברענטער מתנגד, האָט געהאַלטן סטאָל און אײזן פאַרן גאון. אַרױפגעבראַכט רודערמאַנען אױף דער טעמע האָט דינעזאָנס אַרטיקל אין „שחר״, װעלכן כ׳האָב דערמאָנט אין פאָריגן קאַפּיטל. אין דעם דאָזיגן אַרטיקל, אין װעלכן דינעזאָן האָט אין עטליכע שורות אָנגערירט דעם חסידיזם, האָט ער דערמאָנט, אַגב אורחא, רודערמאַנען און אַרױסגעזאָגט אַ מײנונג געגן אים. דערהאַלטנדיג דעם ערשטן בריװ פון דינעזאָנען װעגן דאָס פּראָגראַם פונ׳ם ברעסלױער ראַבינער־סעמינאַר, האָט זיך רודערמאַן באַנוצט מיט דער געלעגנהײט אױפצוקלערן דינעזאָנען זײן שטאַנד־פּונקט בנוגע דעם חסידיזם, און פון דאַמאָלסט אָן איז בײ זײ װעגן דעם ענין אָנגעגאַנגען אַ גרױסע און אַ ברײטע קאָרעספּאָנדענץ. מיט דער צײט זײנען זײערע בריװ געװאָרן אַלץ מער פרײנדליכער, אַלץ מער אינטימער. פון טעאָרעטישע טעמעס זײנען זײ שױן אַריבער צו פּערזענליכע. דינעזאָן האָט אין דעם געמאַכט דעם אָנהױב. ער האָט זיך גענומען קלאָגן פאַר

רודערמאַנען אויף זיין אומצופרידענקייט מיט זיך אַליין, אויף זיין שווערמיטיגן לעבן... רודערמאַן האָט אים אויף דעם געענטפערט, אַז קיין סתם לשון פאַר־שטייט ער ניט, און אַז ער וויל פון אים הערן קלאָרע דבורים. אין אַ געוויסן טאָג איז רודערמאַן געקומען צוגיין פון סעמינאַר אויפן קוואַרטיר (מיר האָבן דאַמאָלס געוואוינט ביידע צוזאַמען), און זאָגט, אַז ער האָט דערהאַלטן פון דינע־זאָנען אַ בריוו ווי אַ מגלה די גרויס, אין וועלכן ער גיסט אויס פאַר אים דאָס האַרץ. אינ׳ם דאָזיגן בריוו האָט דינעזאָן איבערגעגעבן רודערמאַנען די גאַנצע געשיכטע פון זיין ליבע מהחל ועד כּלה. אין אונזערע אויערן האָט דאָס דאַן געקלונגען ניט ווי אַ געוויינליכע געפיל־אויסגיסונג פון אַ געליבטן, נאָר ווי אַ מין לעצטער וואָרט, ווי אַ ווידוי... רודערמאַן האָט מיט זיין עכט חסידישן אָפּ־טימיזם תּיכף אָפּגעענטפערט דינעזאָנען אַ לאַנגן טרייסט־בריוו, וועלכער איז געווען געשריבן האַלב פילאָסאָפיש האַלב הומאָריסטיש, און מיט אַ גרויסן, שוין צופיל אומצערעמאָנישן, בטול בנוגע צום ענין פון ליבע בכלל. פאַרענ־דיגט האָט רודערמאַן דעם בריוו מיט אַן עצה טובה צו דינעזאָנען, ער זאָל זיך די נאַרישקייטן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, און זאָל וואָס גיכער קומען קיין בּרעסלוי און נעמען זיך צום שטודירן. צו דעם בריוו האָב איך יעמאָלט אויך צוגעשריבן עטליכע שורות. דאָס איז געווען פון מיין זייט אַ תשובה אויף דעם גערים, וואָס דינעזאָן האָט מיר געשיקט אין אַ בריוו צו רודערמאַנען נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט אין „המגיד"*) מיין קאָרעספּאָנדענציע פון ברע־סלוי וועגן דעם דאָרטיגן ראַבּינער־סעמינאַר. כ׳געדענק, אַז אין מיינע דענסט־מאָלדיגע עטליכע שורות האָב איך אים אויך שטאַרק צוגערעדט צו וואַרפן וואָס שנעלער מאָהילעוו און צו קומען אַהער. מיר האָבן פון אים אויך געהאַט אַ תשובה, אַז ער האָט באַשלאָסן אונז צו פאָלגן און צו קומען קיין ברעסלוי. פון טאָג צו טאָג האָבן מיר אים ערוואַרט; ער איז אָבער ניט געקומען...

שווער איז נאָך אַלץ געווען דינעזאָנען צו שיידן זיך פון באַדאַנע הורע־וויטשעס פאַמיליע, און, אפשר גיכער, פון דער הויז, אין וועלכער ס׳האָבן זיך פונאַנדערגעבליט די קנאָספּן פון זיין ערשטער און אויך לעצטער ליבע, און אין די אָנפאַנג 80־ער יאָרן, אַז די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעקליבן וואוי־נען אין קיעוו, איז דינעזאָן מיט איר אויך אַהין אַריבער, אָבער שוין ניט אַלס הויז־לערער, נאָר אַלס בוכהאַלטער און קאַסיר אין הורעוויטשעס קאַנטאָר.

אין קיעוו האָט דינעזאָן, קענטיג, אָנגעהויבן צו זיך צו קומען און אָפּ־כאַפּן זיך ביסלאַכוויז פון זיינע מאָהילעווער שווערע איבערלעבענישן. ער האָט פיל געשריבן, און אַלץ אין יידיש; ער האָט אָבער דאַן קיין זאַך ניט גע־דרוקט. ער האָט דאַמאָלס ווי פאַרלאָרן יעדער לוסט צום דרוק. אין יאָר 1884, אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי איך האָב אַרויסגעגעבן מיין איבערזעצונג פון פינס־

*) „המגיד", 21־טער יאָר נומער 7.

קערס „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן", האָב איך אַמאָל גאַנץ אומגעריכטערהייד דער־האַלטן פון דינעזאָנען אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז דערוויסנדיג זיך מיין אַדרעס באַנוצט ער זיך מיט דער געלעגנהייט מיר מודיע צו זיין, אַז ער וואוינט שוין דריי יאָר אין קיעוו און איז ביי די הורעוויטשעס אויף אַ שטעל, און אגב פרעגט ער זיך נאָך וואָס איך מאַך און וואָס עס הערט זיך פון רודערמאַנען. וועגן רודערמאַנען האָב איך דאַמאָלסט דינעזאָנען גאָרנישט געקאָנט שרייבן, ווייל זינט מיר זיינען ביידע אויס מאַנגל אין מיטלען אַוועק פון ברעסלוי, האָט אונז דאָס לעבן צושיידט און פאַרוואָרפן אין פאַרשיידענע ערטער יעדערן פון אונז מיט זיינע באַזונדערע אינטערעסן און מיט זיינע באַ־זונדערע דאגות, און מיר האָבן אייגער פון צווייטן גאָרנישט געהערט. אין דעם דערמאָנטן בריוו האָט מיר דאַן דינעזאָן פאַרבייגייענדיג געשריבן, אַז ער האָט זיך באַקאַנט מיט די קיעווער שריפטשטעלער, און אַז ער „פאַרשילט דעם טאָג, וואָס ער איז אַריינגעקומען אין זייערע ד' אמות"...

מיט וואָס די קיעווער ליטעראַטן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך יעמאָלט געפינען אַזעלכע פּערזאָנען ווי יהל"ל, שאַצקעס, וויסבערג, דאָליצקי, און אַנדערע האָבן דאָס אַזוי ניט נושא־חן געווען ביי דינעזאָנען,—דאָס האָב איך דאַן ניט פאַרשטאַנען. די זאַך איז מיר ערשט אויפגעקלערט געוואָרן אַ היבשע צייט שפּעטער, בעת דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", א. צעדערבוים, האָט אין אַ באַ־זונדערע הוספה צו זיין בלאַט אַנטדעקט פאַר דעם יידישן פּובליקום דעם גאַנצן קיעווער ליטעראַרישן זומפּ. דורך דער דאָזיגער הוספה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קיעווער זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער זיינען פאַרפלאָכטן אין גאַנצע בעצן פון כל־ערליי אינטריגעס אייגער קעגן דעם צווייטן, און די שנאה צווישן זיי איז אַזוי גרויס, אַז מ'וואָלט געגרן אייגער דעם אַנדערן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם, וואָס אייגער אַ בטלנישער טינטלער, אַ מחבר פון עטליכע קאָרעספּאָנדענציעס, האָט מקנא געווען איינעם אַן אמת'ן טאַלענט, און אַרום דעם דאָזיגן קליינעם בעל־מקנא האָבן זיך געגרו־פּירט נאָך אַזעלכע ניט־פאַרגינערס, און ס'איז אַוועק אַ סדרה פון כל מיני אינטריגעס און רכילות־אַכצן. גאַנצענע טעג איז מען געזעסן בחברותא און מ'האָט אַלץ אויסגעקלערט וועגן דעם טאַלענט כל המינים ליגנס און בלבולים, וועלכע מ'האָט אַפריהער איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, און דערנאָך האָט מען זיך צו דעם צוועק געגומען באַנוצן מיט אַ קליינעם אינהאַלטס־אָרימען און מסופק'דיג־ריינליכן העברעאישן גאַליציאַנער בלעטל. דורך דעם דאָזיגן פּאַמפלעטנ־בלעטל האָט די קיעווער באַנדע פאַרשפּרייט געגן אַ געוויסן פּאָפּו־לערן דיכטער און אויך געגן דעם רעדאַקטאָר פון „מליץ", וועלכער האָט פאַר־טיידיגט זיין כבוד, פאַרשיידענע נידעריגע אויסגעטראַכטע מעשיות, וואָס ניט געשטויגן ניט געפלויגן. דורך אַלערליי מאַכינאַציעס האָבן זיי צו זיך צוגעצויגן, בידועים ובלא יודעים, אויך אַזעלכע שריפטשטעלער, וואָס זיינען געשטאַנען וויט פון דער בלאָטע, גאָר ניט אָנפרעגנדיג זיי און ניט געמענדיג ביי זיי קיין

ערלויבניש, האָט מען זייערע חתימות אונטער די שענדליכסטע פּאַסקווילן אַוועקגעשטעלט. איינער, וועלכן די „ליטעראַרישע" באַנדע האָט אַריינגעשלעפּט אין דער וואַקכאַנאַליע אָן זיין ידיעה, איז געווען אויך יעקב דינעזאָן, וועמענס נאָמען מ'האָט ניט פרעגנדיג ביי אים אונטערגעשריבן אויף די פּאַמפלעטן. מ'קען זיך גאַנץ לייכט משער זיין וויפיל אַזאַ ערליכע נשמה און אַזאַ מאָראַליש-זויבערע פערזענליכקייט ווי דינעזאָן האָט פון אַזאַ מעשה איבערגעליטן. אין אַ געשפרעך, וואָס כ'האָב אַמאָל געהאַט מיט דינעזאָנען וועגן דעם ענין, האָט ער מיר געזאָגט:

— אַ לאַנגע צייט נאָך דעם ווי צעדערבוים האָט אַנטפּלעקט עפנטליך דעם דאָזיגן ליטעראַרישן סקאַנדאַל מיט זיינע אָנטיילנעמער, און איך האָב אין רייסטער געפונען אויך מיין נאָמען, האָב איך פאַר קיינעם די אויגן ניט געקענט ווייזן. כ'בין ביי זיך אַליין אויסגעקומען עפּעס ווי איך וואָלט געהרג'ט אַ נפש... עטליכע וואָכן נאָכאַנאַנד בין איך געזעסן איינזאַם פאַרשפּאַרט אין מיין קוואַרטיר, און האָב מיך ניט געוואַגט אַרויסצוגיין אויפן גאַס. כ'האָב מורא געהאַט מ'זאָל נאָך מיר ניט נאָכלויפן און טייטלען מיט די פינגער. און ניט אַזוי לייכט איז מיר נאָך דעם אָנגעקומען צו נעמען די פען אין האַנט. די לייט האָבן מחלל געווען ברבים מיין בית-המקדש, און טמא געמאַכט מיין מזבח... אַ דם שונא בין איך זיי פון יעמאָלט אָן געוואָרן, איך האָב מער קיינעם פון זיי די האַנט ניט געגעבן, מיט קיינעם פון זיי זיך ניט באַגריסט. דאָס, וואָס זיי האָבן מיר אָפּגעקאָסט, וועל איך זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן! — די לעצטע ווערטער האָט דינעזאָן אַרויסגעזאָגט אין זעהר אַ נערוועאישער אויפרעגונג.

ענדע יאָר 1885 איז דינעזאָן געקומען פון קיעוו קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך באַזעצט ביי זיין שוועסטער, וועלכע האָט דאָרטן געהאַט אַ געשעפט פון קינסטליכע פעדערן. האַרט פאַר פסח 1886 בין איך געקומען קיין וואַרשע. דערוויסנדיג זיך, אַז דינענזאָן געפינט זיך דאָרטן, בין איך אים באַלד געגאַנגען באַזוכן. דעם ערשטן טאָג פסח איז פאָרגעקומען אונזער ערשטע באַקאַנטשאַפט. איך געדענק, אַז אויף מיין פראַגע, צי האָט ער זיך שוין באַקענט מיט די וואַרשעווער ליטעראַטן, האָט ער מיר דאַמאָלס געענטפערט, אַז ווייל ער געפינט זיך נאָך אונטער דעם איינדרוק פון די קיעווער געשעהעניש, טרויט ער זיך נאָך ניט אַריינצוגיין אין באַציהונגען מיט די וואַרשעווער שריפטשטעלער. כ'האָב אים דערקלערט, אַז וואַרשע איז ניט קיעוו, און האָב אים פאָרגעלייגט צו באַזוכן מיט אים צוזאַמען די וואַרשעווער ליטעראַטן פון מיינע באַקאַנטע. דעם ערשטן טאָג פסח האָבן מיר ביידע געמאַכט אַ וויזיט ביי חיים-זעליג סלאָנימסקין, און אויף מאָרגן האָבן מיר באַזוכט שפּ"ר'ן, און אַזוי כסדר; ביי אַנדערע שריפטשטעלער איז שוין דינעזאָן נאָכדעם אַליין געווען.

IV.

פסח רודערמאַן קומט קיין וואַרשע.—זיין קריטישע לאַגע.—דינעזאָנס באַציהונג צו רודערמאַנס מצב.—איך מיט דינעזאָנען זוכן פאַר אים ליטעראַרישע אַרבעט.—די האָפענונגען אויף סלאָנימסקי'ן און אויף שפר'ן.—רודערמאַן האָט פאַרלאָרן יעדע פעהיגקייט צום שרייבן.—רודערמאַן ווערט מעלאַנכאָליש און ביסלאַכווייז פסיכיש געשטערט.—זיין פלוצלונגער טויט.—דער איינדרוק פון זיין טויט אויף דינעזאָנען.—די וואַרשעווער גמינע וויל מקבר זיין רודערמאַנען אויף פראַגע.—סלאָנימסקי זאָגט זיך אָפּ צו טאָן עפּעס ג ע ג ן דעם.—רודערמאַנס לויה.—אַ ל ע ז ר אַ ט ל אַ ס וועגן רודערמאַנען.

איין טאָג, ווי כ'בין מיר אַזוי געזעסן אין מיין צימער, האָט זיך געעפנט די טיר, און גאַנץ אומגעריכטערהייד איז אַריינגעגאַנגען—פ ס ח ר ו ד ע ר מ אַ ן. כ'האָב אים ניט גלייך דערקענט. אין די צעהן יאָר, וואָס כ'האָב אים ניט געזעהן, האָט ער זיך אויסערליך פיל אומגעענדערט. דאַן נאָך אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער שוין פונדעסטוועגן אָנגעהויבן גראָה צו ווערן. אויף זיין געזיכט איז געלעגן אַ געוויסע מידיגקייט, אַ מין רעזיגנירונג, און מיט דער נערוועזישקייט פון זיינע באַוועגונגען און זיין גאַנצן זעהר אָרימען הילוך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענשן, וואָס ווערט גערודפ'ט פון זיין שיקזאַל און טראָגט פיל אויפן האַרצן.

וועגן זיינע איבערלעבענישן אינם משך פון די לעצטע צעהן יאָר, האָט ער מיר דערציילט אין קורצן, אַז אַלע זיינע חלומות וועגן ענדיגן אַ וועלכע ס'איז הויכשול, זיינען אַוועק אין רויך. אַפריער אין ברעסלוי, און דערנאָך אין בערלין, האָט ער זיך פיל געראַנגלט מיט זיין גורל, האָט פיל געליטן און אַריבערגעטראָגן, און צום סוף האָט אים די נויט גובר געווען און איינגעבראָכן. ער איז דאַן אַוועק קיין לאָדז, און איז דאָרטן געוואָרן אַ שטונדן-לערער. די ערשטע צייט האָט ער זיך נאָך געטרייסט, אַז ער וועט פון דער לערעריי אָפּשפּאָרן אַ געוויסן קאַפּיטאַל, און וועט דאַן אַוועקפאָרן צוריק קיין אויסלאַנד צו פאַרענדיגן דאָרטן זיין שטודיום. ער איז אָבער פאַרזונקען געוואָרן אין דער לערעריי, און האָט זיך שוין פון איר מער ניט געקענט אַרויסכאַפּן. דערווייל האָט ער חתונה געהאַט, און ביי היינטיגן טאָג האָט ער שוין אַ פרוי מיט דריי קינדער. זיין פּראָפעסיע האָט אים אָבער קיינמאָל ניט באַפרידיגט, מיט דער צייט האָט זי אים אַלץ וואָס מער דערעסן, ביז ער האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן, און האָט געוואָרפן זיינע שטונדן. איצטער איז ער געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָפט צו געפינען פאַר זיך ליטעראַרישע אַרבעט.

כ'בין מיט אים תיכף אַוועק צו דינעזאָנען. דינעזאָן, וועלכע האָט נאָך ביז יענער מינוט רודערמאַנען פערזענליך ניט געקענט, האָט זיך אים תמיד פאָרגעשטעלט אונטער די אויגן, לויט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אַמאָל

אַרויסגעטראָגן פון זיינע בריוו, אַלס זעהר אַ לעבעדיגער יונגערמאַן, וועלכער איז שטענדיג אויפגעלייגט און מונטער, און טראָגט אונטערן בוזים אַ פּאַק „שפּיצן און וויצן" מהנה צו זיין מיט זיי צובראָכענע הערצער און נידערגע־שלאָגענע גייסטער. דערזעהענדיג פאַר זיך רודערמאַנען אין דער איצטיגער פּאָזע, האָט ער זיך דערפילט אַזוי אַנטוישט, דאָס ער האָט די ערשטע מינוטן ניט געגלויבט זיינע אויגן. ערשט אין עטליכע מינוטן אַרום, נאָכדעם ווי איך האָב אים אין אַ פּאָר ווערטער דערקלערט דעם מצב, האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן צו רודערמאַנען:

— נו, און אַ סטאַנציע האָט איר שוין?

— כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ לעבן וואָקזאַל,—האָט געענטפערט רודערמאַן.

— ניין, אַזוי טויג ניט! האָט דינעזאָן געזאָגט—; דאָרטן איז פאַר אייך צו ווייט; איר דאַרפט זיצן אין שטאָט. קודם־כל דאַרף מען פאַר אייך קריגן אַ קוואַרטיר.

כ'האָב דאַן קיין צייט ניט געהאַט מיט זיי לענגער צו פאַרברענגען, און בין אַוועקגעגאַנגען. אויף מאָרגן אינדערפרי איז צו מיר אַריין רודערמאַן, און דעם מאָל אין אַ שפּאָגל נייעם אַנצוג מיט אַ נייעם הוט. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז נעכטן איז ער אַרומגעגאַנגען מיט דינעזאָנען אַ לאַנגע צייט זוכן אַ קוואַרטיר, און אַז ער האָט געפונען אַ צימער אויף מוראַנאָוו. כ'האָב דאַן פאַרשטאַנען—און אַזוי איז דאָס טאַקע ווירקליך געווען—אַז מיטן נייעם קאָסט־יום האָט אים דאָס אויך נאָר דינעזאָן באַזאָרגט.

אינם זעלבן טאָג אין אָוונט זיינען מיר געזעסן ביי דינעזאָנען און זיך מישב געווען, ווי אַזוי מ'באַקומט פאַר רודערמאַנען ליטעראַרישע אַרבעט. מיר האָבן זיך דאַמאָלסט אָפּגעשטעלט אויף צוויי מעגליכקייטן: צו קריגן פאַר אים באַשעפטיגונג אין דער רעדאַקציע פון „ה צ פ י ר ה", אָדער ביי שפּר'ן, וועל־כער האָט דאַמאָלסט אַרויסגעגעבן זיין זאַמלבוך „כנסת ישראל". די ערשטע מעגליכקייט איז ביי אונז דאַמאָלסט אויסגעקומען פאַר זיכערער צוליב די פאָלגנדע טעמים: ערשטנס, איז אין אַ צייטונג דאָ מער וואָס צו טאָן און דערצו איז די אַרבעט אַ שטענדיגערע, און צווייטנס, האָבן מיר געבויט אויף דעם, וואָס רודערמאַן האָט אַ יאָר דריי פאַר ברעסלוי געלערנט אין זשיטאָמי־רער ראַבינער־שול, בעת סלאָנימסקי איז דאָרטן געווען דער אינספּעקטאָר, און ער דאַרף אים דעריבער גוט קענען.

נאָכדעם ווי רודערמאַן האָט אונז ערקלערט, אַז אים אַליין איז שווער צו גיין זוכן פאַר זיך אַרבעט, איז ביי אונז פאַרבליבן, אַז דינעזאָן זאָל זיך זעהן וועגן דעם מיט סלאָנימסקי'ן און איך—מיט שפ"ר'ן.

אין איין טאָג האָבן מיר ביידע, איך און דינעזאָן דערפילט אונזערע מיסיעס. דינעזאָן איז געקומען פון סלאָנימסקי'ן כמעט ווי מיט ליידיגן; איך ביי שפר"ן האָב עפּעס יאַ געפּועלט. סלאָנימסקי'ס תשובה איז געווען, אַז קיין

שטענדיגע שטעל אין רעדאַקציע האָט ער פאַר אים ניט; אַלע ערטער זיינען באַזעצט. נאָר טאָמער וויל ער עפּעס שרייבן און אַריינטראָגן אים, וועט ער דאָס גערן אָננעמען. שפּ״ר האָט געזאָגט, אַז דערווײַלע האָט ער שוין פאַר אים צו איבערזעצן פאַרן „כנסת־ישראל" אַ צוויי—דריי זאַכן פון דייטש און פון רוסיש, און שפּעטער וועט ער זעהן.

מיר האָבן געזעהן, אַז אויף גרויסע גליקן איז שוין ניטאָ וואָס צו האָפן; נאָר דערווײַלע, אויף חיי־שעה, ווי מ׳זאָגט, איז דאָס אויך גוט. מיר האָבן איבער־גערעדט מיט רודערמאַנען און האָבן אים געראַטן, אַז טאַקע שוין מאָרגן זאָל ער צוטרעטן צו דער אַרבעט. ביז וואָס־ווען האָט אים דינעזאָן „אויסגעליען" ניט בלויז אויף זיין הוצאה, נאָר ער האָט אים אויך געגעבן עטליכע צענד־ליג רובל אַוועקצושיקן קיין לאָדז דער ווייב מיט די קינדער.

ס׳זיינען אַריבער אַ טאָג צעהן, און צו אונזער באַדויערן האָט זיך אַרויס־געוויזן אַט וואָס: פאַר דער „הצפירה" האָט רודערמאַן קיין איין־איינ־ציגע שורה ניט אָנגעשריבן. ער האָט געזאָגט, אַז וויפיל ער האָט זיך ניט צובראָכן דעם מוח, האָבן זיך זיינע געדאַנקען ניט געקלייעט און אויפן פּאַפּיר איז ביי אים גאָרנישט אַרויסגעקומען. ער רעכנט אָבער, אַז דאָס איז ביי אים אַזוי נאָר צייטווייליג; ער האָט שוין לאַנג ניט געשריבן, האָט ער זיך, פּשוט, אָפּגעווינט; ער האָט שוין אויך לאַנג ניט געטראַכט, ניט געדענקט, לאַנג קיין ספר אין האַנט ניט געהאַלטן... ס׳מאַכט אָבער ניט אויס; איינגיכן וועט דאָס ביי אים איבערגיין; אַ טעמע פאַר אַ אַרטיקל האָט ער שוין: דורך אַ שוי־פענ־סטער פון אַ בוכהאַנדלונג האָט ער נעכטן דערזעהן צום ערשטן מאָל ראַדקינ־זאָנס ספר „תולדות עמודי חבד״; וועט ער עס זעהן קריגן און שרייבן וועגן אים אַ קריטיק... פאַר שפּ״רן די איבערזעצונגען האָט ער שוין געמאַכט פאַר־טיג, און האָט זיי אים שוין אויך אָפּגעגעבן.

אַז כ׳בין אַריינגעגאַנגען אויף מאָרגן צו שפּ״רן, האָט ער מיך משונה אָנגעקוקט, און ציהענדיג די ווערטער ווי פון פעך מיט זיין געוויינליכער קוועטשעניש, האָט ער געזאָגט:

— ❧י ס׳ווייזט מיר אויס, איז אייער רודערמאַן גאָר ניט רודערמאַן...

— וואָס הייסט?—האָב איך אים פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איז דאָ ס רודערמאַן דער ספרא רבא פון „השחר", דער גרויסער העברעאיסט, דער אַמאָליגער אַפּאָלאָגעט פון חסידיזם? — האָט שפּ״ר אויס־געשריען.

— געוויס!—האָב איך אים געענטפערט—וואָס איז דאָ די פראַגע? דאָס איז יענער רודערמאַן, דער מפורסם...

— אויב איר זייט אַזאַ אַן איינגעשפּאַרטער—האָט שפּ״ר געזאָגט—טאָ קומט, איך וועל אייך עפּעס ווייזן.

ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּקע אַ כתב־יד און האָט עס מיר דערלאַנגט מיטן אויסרוף:

— אַט גאָמס, אויף טשיקאַוועס, לייענט!...

איינקוקנדיג זיך אין כּתב־יד בין איך שיר ניט מבולבל געוואָרן פון גרויס איבערראַשונג. אויסער וואָס דאָס איז שוין ניט געווען די אַמאָליגע מיר גאַנץ גוט באַקאַנטע רודערמאַנס פערלדיגע האַנטשריפט, האָט דאָס נאָך געהאַט אַ צורה פון אַ מין היראָגליפן־כּתב, עפּעס אַלץ שטריכן און פינטלאַך. דאָס איז נאָך אָבער ניט גאַר. בעת מ׳האָט שוין, נאָך גרויס מאַטערניש, דערקענט די אותיות, און גענומען צוזאַמענשטעלן פון זיי ווערטער, האָט זיך, ממש, ניט גע־קלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. ס׳איז נאָך גאַנץ ווייניג צו זאָגן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין העברעאיש; דאָס איז אפילו ניט געווען קיין קוידערוועלש. כ׳געדענק, אַז כ׳בין עטליכע מינוט געשטאַנען אַ צומישטער, ניט ווויסנדיג וואָס מ׳זאָגט אויף דעם, און וואָס מ׳הויבט אָן צו רעדן. שפּ״ר האָט מיך אָבער מקדים געווען, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב דאָס איז באמת יענער רודערמאַן, האַלט איך, אַז ער איז עפּעס איצטער ניט נאָרמאַל... און ווייסט איר, וואָס כ׳וועל אייך זאָגן? נעכטן בעת ער האָט מיר געבראַכט דעם כּתב־יד, און כ׳האָב מיט אים אַ קליינע ווײַלע געשמועסט, האָט זיך מיר שוין אויך אויסגעוויזן, אַז מיט אים איז עפּעס ניט גלאַטלאַך.

— אָט, וואָס איר קענט זאָגן! האָב איך אָפּגעשלאָגן שפּ״ר׳ן—איך מיט דינעזאָנען זעהען זיך מיט אים אַלע טאָג און פאַרברענגען מיט אים, און הויבן דאָס גאָר אפילו ניט אָן צו מערקן. ער איז שטיל און אומעטיגלאַך, פּשוט, ווייל אים איז ניט גוט אויפן האַרצן.

כ׳האָב גענומען ביי שפּ״ר׳ן רודערמאַנס כּתב־יד, און האָב אים אַוועק־געטראָגן דינעזאָנען. אויף דינעזאָנען האָט דאָס געמאַכט נאָך אַ פיל ערגערן איינדרוק ווי אויף מיר. אים האָט דאָס, ממש, אויפגעטרייסלט. אַ לאַנגע ווײַלע איז ער געבליבן זיצן שטיל. איך האָב אים איבערגעגעבן שפּ״ר׳ס מיינונג, און האָב דערביי צוגעלייגט:

— אַ קלייניגקייט, וואָס צרות קענען מאַכן פון אַ מענשן?!

אויף דעם האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן:

— מ׳דאַרף אים אַריינפירן צו אַ נערוון־דאָקטאָר.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם איז דינעזאָן אַריין צו רודערמאַנען, און האָט אים גענומען מיט זיך שפּאַצירן. אונטערוועגס האָט ער אים אַרויפגע־פירט צו זיינעם אַ באַקאַנטן יונגן דאָקטאָר, מיט וועלכן ער האָט שוין וועגן דעם אָפּגערעדט פריהער. דורך פאַרשיידענע פּאָרטלען האָט דער דאָקטאָר גע־פועל׳ט ביי רודערמאַנען, אַז ער זאָל זיך לאָזן אונטערזוכן.

נאָך דער אונטערזוכונג האָט דער דאָקטאָר געזאָגט רודערמאַנען, אַז ער געפינט אים ביים בעסטן געזונט; דערביי האָט ער דינעזאָנען געבעטן, אַז ער זאָל נאָך צו אים אַרויפקומען. אַז דינעזאָן איז אין דעמועלביגן אָוונט געקומען צום דאָקטאָר, האָט ער צו אים געזאָגט:

— כ׳האָב געפונען ביי אַייער פרייַנד היבשע סימנים פון נעווראַסטעניע און פסיכישער צושטערונג; ער באַנויטיגט זיך אין אַ גרויסער און אַ זאָרגזאַמער קוראַציע. קודם־כל טאָר ער קיין זאַך ניט טאָן, און מוז אָפּהיטן די שטרענגסטע רוה.

אויף מאָרגן בין איך מיט דינעזאָנען אַרייַנגעגאַנגען צו שפּ״ר׳ן מישב צו זיין זיך מיט אים וואָס צו טאָן. וועגן ליטעראַרישער אַרבעט, און אַ וועלכע ס׳איז באַשעפטיגונג בכלל, קען שוין איצט גאָר קיין רייד ניט זיין. איצטער דאַרף מען אים זעהן קורירן. אָבער וואו נעמט מען אויף דעם די נויטיגע מיטלען? און זיין ווייַב מיט די קינדער אין לאָדז קען מען דאָך עפּעס אויך ניט לאָזן אויף הפקר.

דאַן האָט שפּ״ר געגעבן אַן עצה, אַז מיר זאָלן וועגן דעם ענין פאַרעפנטליכן אין די צייטונגען אַ וואַרימען אויפרוף צו די ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. ער האָט אויך אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז דער אויפרוף וועט אויפן יידישן פובליקום האָבן אַ ווירקונג, און דער עולם וועט אָנהויבן צו שיקן נדבות אין די רעדאַקציעס, און דאַן וועט מעגליך זיין אַוועקצושיקן רודערמאַנען אין אַ וואָסער עס איז סאַנאַטאָריע, און געבן דערווייַלע דער ווייַב מיט די קינדער אויף חיונה.

לויט דינעזאָנס בקשה האָט שפּ״ר דאַן גענומען אויף זיך אויפצושרייַבן דעם אויפרוף. דערביי האָט דינעזאָן באַמערקט, אַז אין אויפרוף דאַרף ניט דערמאָנט ווערן רודערמאַנס נאָמען; עס דאַרף נאָר גערעדט ווערן וועגן אַ באַוואוסטן העברעאישן שריפטשטעלער סתם.

אין אָוונט האָב איך מיט דינעזאָנען באַזוכט רודערמאַנען, און האָבן ביי אים פאַרבראַכט עטליכע שעה. דעם מאָל האָבן מיר אים שוין ביידע באַטראַכט נעהענטער און האָבן באַמערקט, אַז ער איז ווירקליך גייסטיג ניט ביי זיין גאַנצן געזונט. כמעט די גאַנצע צייט איז ער געווען פאַרטראַכט און זעהר טרויעריג געשטימט; ווען עס איז האָט ער אונז געענטפערט אַ צעהנטן וואָרט; זיינע אויגן זייַנען ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויף איין פונקט, און ער איז געזעסן ווי אומבאַוועגליך.

מיט גרויס מיטלייד האָט אים דינעזאָן געפרעגט:

— וואָס איז דאָס היינט מיט אַייך, הער רודערמאַן? וואָס האָט איר זיך דאָס מיט אַמאָל אַזוי אָפּגעלאָזן? איר זייט דאָך עפּעס אַ חבד׳ניק, ווי קומט דאָס צו אייך? איר געדענקט ווי איר האָט מיר אַמאָל געטרייסט אין אַייערע בריוו פון ברעסלוי? אָט האָב איך אַייך געבראַכט דעם האָנאָראַר פאַר אַייערע איבערזעצונגען.

און רעדענדיג האָט דינעזאָן אַרויסגענומען פון טאַש, און האָט אים דערלאַנגט צוויי פינפאונצוואַנציגערס.

רודערמאַן האָט צוגענומען דאָס געלט, און האָט דערביי אויסגערעדט מעלאַנכאָליש־שטיל, קוים וואָס מיר האָבן געהערט:

— וואָס, איך טויג נאָך עפּעס? כ'האָב נאָך ניט פאַרגעסן? מיר דאַכט, אַז ס'איז געווען אַ רודערמאַן און — ניטאָ... אַ צובראָכענע כלי איז דאָ, אַ שטיקל פון שברי־לוחות...

מיט אַ צובראָכענער האַרץ האָבן מיר זיך יענעם אָוונט צושיידט פון רודערמאַנען. מיר האָבן אָבער דאַן ביידע ניט געאַנט, אַז דאָס זעהן מיר זיך שוין היינט מיט אים דעם לעצטן מאָל...

אויף מאָרגן אַ זייגער זיבן אינדערפרי — כ'בין נאָך געלעגן אין בעט — ערשט דינעזאָן האָט אָנגעקלאַפּט צו מיר. אַרייַז איז ער בלאַס ווי אַ טוך, און האָט קוים אַרויסגערעדט:

— רודערמאַן איז אינמיטן נאַכט פּלוצלונג געשטאָרבן! מ'האָט דאָס מיר פאַרטאָג אָנגעזאָגט פון זיין קוואַרטיר.

באַלד בין איך מיט דינעזאָנען אַהין אַריבער. קומענדיג האָבן מיר שוין געפונען רודערמאַנען ליגנדיג אָפּגעהויבן אויף דער ערד, און ביי אים צוקאָפּנס ברענען עטליכע ליכט אין מעשענע לייכטערס. קיינער איז אין שטוב ניטאָ, נאָר דער בעל־הבית פון זיין קוואַרטיר מיט דער בעל־הבית'טע שטייען ביידע ווי צודולטע, שטייען און קלערן וואָס טוט מען דאָ? אַ מענש איז עלנד ווי אַ שטיין, האָט ניט קיין קרוב, קיין גואל, ווער זשע וועט זיך דאָ מתעסק זיין מיט זיין קבורה?

איך מיט דינעזאָנען האָבן דאָס גענומען ביידע אויף זיך. דינעזאָן איז גלייך אַוועקגעלאָפן אין דער גמינע, און איך — צו שפּ״ר.

מיר האָט שפּ״ר גלייך געזאָגט, אַז מיט רודערמאַנס קבורה וועלן מיר דאָ, קען זיין, האָבן אַ גרויסן עגמת־נפש. דערביי האָט ער מיר דערקלערט אַ זאַך, וואָס כ'האָב ביז דאַן ניט געוואוסט. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין וואַרשע זייַנען דאָ צוויי בית־עלמינ'ס: איינער אין שטאָט, אויף פּאָוואָנזעק, און דער צווייטער אין דער פאָרשטאָט פּראַגע. אויפ'ן ערשטן בית־עלמין איז מען מקבר וואַרשעווער איינגעבאָרענע און סתם פּוילישע שיינע יידן און מיוחסים, און אויפן צווייטן לייגט מען אַלע ניט היגע און פּראָסטע מענשן. באַזונדערס פירט מען אויף פּראַגע ליטוואַקעס.

— ס'איז ביי מיר גאָר קיין ספק ניט — האָט מיר שפּ״ר געזאָגט — אַז אין דער גמינע וועט מען געוויס וועלן מקבר זיין דעם אָרימען, און פאַר זיי גאַנץ אומבאַוואוסטן ליטוואַק, אויפן פּראַגער בית־עלמין. מיר טאָרן דאָס אָבער ניט דערלאָזן. דאָס וועט זיין אַ פּחיתת הכבוד פאַר אונז לעבעדיגע העברעאישע שריפטשטעלער.

איך האָב שפּ״ר געזאָגט, אַז דינעזאָן איז צוקאָרשט־וואָס אַוועק אין גמינע.

— דינעזאָן איז ווייניג — האָט זיך שפּ״ר אָפּגערופן — דינעזאָן אַליין וועט וואַרטן גאָרניט פועל'ן; מ'קען אים אויך ניט. אָט איך וועל אַהין .פּרובן צו גיין; זומט באַגלייט מיר.

מיטן טראַם זיינען מיר אַוועקגעפאָרן צום גזשיבאָוו. ביים טויער פון דער גמינע האָבן מיר באַגעגנט דינעזאָנען. ער איז שוין געגאַנגען פון דאָרטן מיט אַ צעטל.

— וואו וועט מען אים מקבר זיין? — האָט שפּ״ר אַ פרעג געטאָן די־נעזאָנען.

וואָס הייסט וואו? — האָט אים דינעזאָן געענטפערט —; מ׳וועט אים מקבר זיין אויפן בית־עלמין.

— אויף וועלכן?

— וואָס הייסט אויף וועלכן?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דינעזאָן האָט, אַזוי ווי איך, אויך ניט אָנגעהויבן צו וויסן די מעשה מיט די צוויי בית־עלמינס און ווען מ׳איז אויף יעדערן פון זיי מקבר. אַריינקוקנדיג זיך אין צעטל, האָט שפּ״ר דערזעהן, אַז ער באַציט זיך טאַקי נאָר אויף פּראַגע.

דינעזאָן האָט אויך מסכים געווען, אַז מ׳טאָר אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן, און אַז מ׳מוז זעהן אָנווענדן אַלע מיטלען, דאָס מ׳זאָל רודערמאַנען מקבר זיין אויף פּאָוואָנזעק.

דאַן האָט שפּ״ר אונז ביידן געלאָזן שטיין, און איז אַליין אַריין אין דער גמינע. דאָרטן האָט ער זיך דורכגעשמועסט מיטן פּאַרוואַלטער פון טויטנ־טיש, האָט אים דערציילט ווער דער נפטר איז, און האָט געבעטן מ׳זאָל אים מקבר זיין אין שטאָט. ס׳האָט ניט געדויערט קיין מינוט צוואַנציג, און שפּ״ר איז אַרויס, און האָט אונז איבערגעגעבן, אַז ער האָט גאָרניט אויסגעפּירט, און אַז לויט זיין מיינונג קען אין דעם העלפן נאָר דער אַלטער סלאָנימסקי אַליין.

די מינוט, זיינען מיר ביידע, איך מיט דינעזאָנען, אַריבערגעגאַנגען צו סלאָנימסקי׳ן. נאָך עד היום איז ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון, און כמעט וואָרט ביי וואָרט, דעם זעהר כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך, וועלכן מיר האָבן דאַמאָלס געהאַט מיט סלאָנימסקי׳ן.

— מיר זיינען אייך געקומען אָנזאָגן ניט קיין גוטע בשורה — האָט די־נעזאָן אַרויסגערעדט — אייער אַן אַמאָליגער תלמיד איז געשטאָרבן.

— מיינער אַ תלמיד? — האָט דער אַלטער געפרעגט — לאָמיך שוין וויסן ווער?

— פּסח רודערמאַן!

— פּסח רודערמאַן? — האָט זיך סלאָנימסקי אָפּגערופן אָן דעם קלענסטן סימן פון איבעראַשונג — אָט ערשט געקומען און שוין געשטאָרבן? ברוך דין האמת!

— און די גמינע וויל אים מקבר זיין אויף פּראַגע! — האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט.

— מילא בכן? — האָט געפרעגט סלאָנימסקי קאַלט ווי אַ ליאָד.

— אונז דאַכט—האָט אויף דעם געענטפערט דינעזאָן—אַז דאָס וועט זיין אַ גרויסער חלול-הכבוד ניט בלויז פאַר דעם נפטר, נאָר פאַר אונז אַלע יידישע שרייבער.

— אָט הויבט זיך שוין אָן אַ מעשה מיט די יונגע שרייבער!—האָט סלאָנימסקי אַ זאָג געטאָן אַביסל ברוגז'לאַך—; איר מיינט, אפנים, אין אמת'ן, אַז אויף פּאָוואָנזעק עסן קיין ווערים ניט? כ'ווייס ניט, וואָס פאַר אַ חלול-הכבוד איז דאָ פאַראַן? וואָס מאַכט עס טאַקע אויס, צי דאָ באַגראָבן, צי דאָרטן באַגראָבן? צוויי מאָל באַגראָבט מען ניט.

— ס'וואָלט טאַקע ניט אויסגעמאַכט—האָב איך געזאָגט;—אָבער אַז אייער גמינע נעמט לכתחלה און באַשטימט איין בית-עלמין פאַר מיוחסים, דאָס הייסט פאַר פּויליש ע יידן, און דעם צווייטן פאַרן נידעריגן סאָרט נפטרים, צו וועלכע ס'פאַררעכנט באַזונדערס ליטוואַקעס, ווערט שוין דאָס דורכדעם אַ גרויסער אומ'כבוד, און בפרט ווען דאָ רעדט זיך ניט וועגן סתּם אַ ליטוואַק, נאָר וועגן אַ העברעאישן שריפטשטעלער מיט אַ נאָמען.

— בכן איז וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?—האָט געפרעגט סלאָנימסקי.

— מיר פאַרלאַנגען פון אייך—האָט דינעזאָן געענטפערט—דאָס איר וואָלט זיין אַזוי גוט און זיך משתדל זיין פאַר דער גמינע, אַז מ'זאָל רודערמאַבען לייגן אויף פּאָוואָנזעק.

— ווי? איך זאָל גיין אין דער גמינע מיך משתדל זיין?—האָט סלאָנימסקי אויסגעשריען שוין מיט כעס—; איר מיינט עפּעס, אַז איך בין אַ מענש אַ ליידיגגייער? איר פאַרגעסט, אַז איך האָב אויף זיך אַ צייטונג? ווי באַט איר דאָס גאָר מיר אָן?

— אפשר וואָלט גענוג געווען—האָט דינעזאָן געזאָגט—אַז איר זאָלט אָנשרייבן אַ צעטעלע אין דער גמינע. אייערע אַ פּאָר ווערטער וואָלטן געוויס געווירקט. מיר בעטן אייך דאָס זעהר.

— איך שרייב קיין צעטעלאַך ניט!—האָט סלאָנימסקי אויסגעשאָסן אין דעמזעלביגן בייזן טאָן—אויף צעטעלאַך שרייבן האָב איך אויך קיין צייט ניט; כ'האָב נאָך היינט ניט באַוויזן אפילו די פּאָסט איבערצוקוקן; זעהט וואָס פאַר אַ גרויסע פּאָסט כ'האָב.—דערביי האָט ער אונז באַוויזן מיטן פינגער אויפן שרייב-טיש, וואו עס זיינען געלעגן פיל נאָך ניט קיין אויפגעעפנטע בריוו.

איך מיט דינעזאָנען זיינען געבליבן שטיין ווי געפּלעפט.

— כ'זאָג אייך נאָכאַמאָל בדרך עצה טובה—האָט זיך סלאָנימסקי אָפּגערופן שוין אַביסל ווייכער באַמערקנדיג אונזער פאַרלעגנהייט—אָט מאַכט בעסער דערפון קיין וועזן ניט; גלויבט מיר, אַז פאַר דעם נפטר איז קיין שום נפקה מינה ניט וואו מ'איז אים מקבר. אַי, די לעבעדיגע? שפּייט אויף דעם!..

זעהענדיג, אַז עס מיט דעם אַלטן גאָרנישט צו מאַכן, האָבן מיר זיך מיט אים אָפּגעזעגנט, און זיינען אַוועקגעאַנגען. אַז מיר זיינען שוין געווען אין פּאָדערצימער, האָט ער אונז נאָכגעשריען:

— זעהט, מ׳זאָל מיר אַקאָרשט מודיע זײַן װען עס װעט זײַן די לויה.

ס׳האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן, אַז אונזער גאַנצער גאַנג צו סלאָנימסקי׳ן איז געװען אַן׳איבעריגער. בעת שפר איז געגאַנגען צוריק פון דער גמינע, האָט ער אָנגעטראָפן אויפן װעג דעם געשװאָרענעם אַדװאָקאַט י ש ר א ל י אַ ס י נ אָ װ ס ק י, דער דאַמאָלסטיגער פּאָרזיצער פון די װאַרשעװער חובבי־ציון, און האָט אים דערציילט די געשיכטע. יאַסינאָװסקי, װעלכער איז געװען אַ גרויסער פאַרערער פון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט זיך מיט דער זאַך פאַראינ־טערעסירט, איז תיכף אַרײַנגעפאָרן אין דער גמינע, און נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט װעמען מ׳באַדאַרף, האָט ער געפּועלט, אַז מ׳זאָל רודערמאַנען מקבר זײַן אויף פּאָװאָנזעק.

רודערמאַנס לויה איז געװען אַ גאַנץ קליינע. נאָך ניט קיין גאַנצער מנין מענשן זײַנען געגאַנגען נאָכן ארון. ס׳זײַנען געװען מער ניט װי אַ 6—7 העב־רעאישע שריפטשטעלער. אויף גענסיע־גאַס איז אונטערגעקומען סלאָנימסקי, אויך דזיקע האָט זיך באַהעפט צום קליינעם עולם אויך נחום סאָקאָלאָװ; זיי זײַנען אָבערביידע אָפּגעגאַנגען מער ניט װי אַ פּאָר גאַסן, און נעלם גע־װאָרן. אויפן בית־עלמין האָבן זיך אָפּגעשטעלט פון די ליטעראַטן נאָר מיר זאַלבעפינפטס: שפ״ר, אלעזר אַטלאַס, דער שריפטשטעלער־בוכהענדלער אברהם צוקערמאַן, דינעזאָן און איך.

איך דערמאָן מיך אַ קלייניגקייט:

אויפן בית־עלמין איז צו מיר צוגעגאַנגען אלעזר אטלאַס און האָט מיך געפרעגט, פון װאָס פאַר אַ קראַנקהייט רודערמאַן איז געשטאָרבן.

כ׳האָב אים דערציילט, אַז לויט דער ערקלערונג פון דאָקטאָר איז רודער־מאַן געװען אַ נעװראַסטעניק.

אַטלאַס, װעלכער האָט גאַנץ אָפט האָלט געהאַט צו זאָגן אַ װיץ, און אַמאָל אויך מיט אַ ריין קלויזניקשן נאָכגעשמאַק, האָט זיך אָפּגערופן:

— ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן ר ו ד ע ר מ אַ ן; ער איז געװען אַ צ ו ר ו ד ע ר ט ע ר...

— ניט ת מ י ד, — האָב איך אויף דעם באַמערקט.

— כ׳מיין „על שם סופו״...; — האָט זיך אטלאַס אַזוי װי מתנצל געװען.

ס׳איז שוין געװען פאַרנאַכטלאַך בעת איך מיט דינעזאָנען האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטאָט. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ קאַפּי־הויז. מ׳האָט אונז דערלאַנגט טיי. דינעזאָן האָט גענומען אין האַנט אַ בלאַט. זיצנדיג לעבן אים האָב איך באַמערקט, אַז אַרײַנקוקנדיג אין דער צײַטונג קײַקלען זיך אַראָפּ פון זײַנע אויגן אַ טרער נאָך אַ טרער...

מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר און אַ זאָג געטאָן:

— רודערמאַן איז דער א י י נ צ י ג ע ר, װעלכן כ׳האָב אַמאָל אָנגעטרויט אַ סוד, און איצטער האָט ער אים גענומען צו זיך אין קבר.

איך האָב תיכף פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. דינעזאָן האָט אָבער בשעת מעשה ניט געוואוסט — און דאָס איז פאַרבליבן פון אים אומבאַוואוסט אַ־ף אייביג — אַז פאַר מיר איז דאָס קיין סוד ניט...

V.

דינעזאָנס קליין צימערל ווערט אַ צענטער פון די וואַרשעווער ליטעראַטן.—זיין הייסע באַציהונג צו די שריפטשטעלער.—דינעזאָן אַלס הויז־פריינד פון די פרידבערגס.—דינעזאָן קוקט איבער זיינע אַלטע כתבים און שרייבט נייע.—זיין שוואַכקייט פאָרצולייענען פאַר אַנדערע זיינע ווערק.—דינעזאָן אַלס ערשטער קעמפער פאַר דעם כבוד פון דער יידישער שפּראַך.—זיין אַרטיקל אין „פאָלקס־בלאַט".—דינעזאָנס ליבע צו יידיש און צו איר ליטעראַטור.—דינעזאָנס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פרצ'ן.—דינעזאָן לייענט פאַר פרצ'ן אַ קאַפּיטל פון זיין „אביגדורל".—דער אינהאַלט פון דער דאָזיגער ערצעהלונג.—דער איינדרוק, וואָס דינעזאָן און פרץ האָבן געמאַכט איינער אויף דעם אַנדערן.

פון דאַמאָלס אָן פלעג איך מיר זעהן מיט דינעזאָנען גאַנץ אָפט, כמעט אַ טאָג איבער אַ טאָג, און באַזונדערס אין די נאָכמיטאָג־שעה'ן. ער האָט דאַן געוואוינט ביי זיין שוועסטער, אויף נאַלעווקע נומער 19, אין אַ קליין אַלקערל, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ צענטער פון די אָנגעזעהענסטע וואַרשעווער, און אויך ניט וואַרשעווער ליטעראַטן. אינ'ם דאָזיגן אַלקערל האָב איך מיך וויפל מאָל געטראָפן מיט פרישמאַנען, מיט שפּר'ן, מיט פרידבערגן, און אַמאָל אויך מיט שלום־עליכמ'ן און מיט גאָלפאַדענען. מ'איז דאָרטן געזעסן אויף דער איינציגער בעט, ווייל פאַר שטולן איז אין דעם ברעקל צימערל ניט געווען קיין אָרט. אַלע האָבן זיך אָבער ביי דינעזאָנען געפילט זעהר היימיש. דינעזאָן האָט באַזעסן אַ גרויסע צוציהונגס־קראַפט; דער עולם שרייבער האָט זיך ליב געהאַט צו אים צוצוטוליען. אַ סך האָט דערצו גורם געווען זיין גוטער, איידעלער כאַראַקטער, זיין דימענטענע נאַטור, זיין שטענדיגעס גרייט זיין אַריינ־צוגיין אין דער לאַגע פונ'ם חבר און אויסצוהעלפן אים אין זיין נויט, ניט וואַרטנדיג ביז יענער וועט אים בעטן. אַ סך וואָלט איך געקענט דערציילן וועגן דעם, וואָס דינעזאָן האָט צוטאָן לטובת עלטערע און יינגערע שריפטשטע־לער אין די מיטעלע אַכציגער יאָרן. און דאָס, וואָס ער האָט געטאָן — האָט ער געטאָן גאַנץ באַשיידן, מיט אַ צניעות'דיגער עניוות. צו איטליכן שריפטשטעלער האָט ער זיך באַצויגן ווי צו אַ טרייען חבר, ווי צו אַ ברודער. אין יענער צייט זיינען נאָך אונזערע שרייבער ניט געווען צוריסן, ווי היינט, אויף קריגערישע מחנות פון העברעאיסטן מיט יידישיסטן; דער גייסטיגער פירוד צווישן אַלט און יונג האָט זיך דאַן נאָך אויך ניט אַזוי שטאַרק בולט אַרויסגעוויזן. אַלע זיינען גע־וועזן חברים, און אַלעמען האָט געצויגן צו דינעזאָנען. איך געדענק, אַז אויף אַ

חתונה בײַ דינעזאָנס שװעסטערס אַ טאָכטער זײַנען געװען כמעט אַלע װאַר־שעװער ליטעראַטן. ס׳האָט יעמאָלט שיר ניט געהאַלטן דערבײַ, אַז אויף מאָרגן זאָל ניט אַרויס די „הצפירה״... װײַל דער דאַמאָלסטיקער צענזאָר, דער שריפטשטעלער פרידבערג, האָט די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אויף דער חתונה. דער „גוי״ פון רעדאַקציע האָט אים אָבער דאָרטן געפּאַקט, און דאָרטן האָט געמוזט פרידבערג צענזורירן די „הצפירה״.

דינעזאָן איז דאַן געװען אַ גרויסער „יושב־אוהל״, האָט ניט ליב געהאַט צו מאַכן קײַן באַזוכן. אַן אויסנאַם האָט ער געמאַכט נאָר פאַר אַ פּאָר הײַזער, און ריכטיקער: פאַר איין הויז. ער האָט זיך צוגעבונדן צו די פרידבערגס, און באַ־זונדערס פלעגט ער גאַנץ אָפט אַרײַנגײן צו זײַן אײדים, דער באַװוּסטער יידישער שריפטשטעלער מרדכי ספּעקטאָר, װעלכער האָט דענסטמאָל גע־האַט פאַר אַ פרוי די טאַלענטפולע נאָװעליסטין, װאָס איז געװען באַקאַנט אונטער דעם פּסעװדאָנים „איזאַ בעלאַ״. און איז נאָר דינעזאָן איינמאָל אַן אײַנגײער געװאָרן אין אַ הויז, איז ער איר שוין געװען איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן, און װי אַן אייגענער, אַ שטוביקער, געטײלט זיך מיט איר אין אירע לײדן און פרײדן...

זײַן פרײַע צײַט האָט דינעזאָן פאַרבראַכט אויף שרײַבן; גאַנץ אָפט פלעגט ער אויך אַרויסנעמען דאָס געשריבענע פון אַמאָל און עס איבערפײַלן אין אי־בערשלײַפן און צוריק אַרײַנלעגן אין קעסטל. װעגן דרוקן האָט ער נאָך ניט געקלערט. און אַ שװאַכקײט האָט דינעזאָן געהאַט: פלעגט צו אים אַרײַנגײן אַ חבר, אַ ליטעראַט, פלעגט ער אים נעמען פאָרלײענען פון זײַנע כתבים. און מ׳האָט געדאַרפט זעהן מיט װאָס פאַר אַ מין געפיל, מיט װאָס פאַר אַ באַגײסטע־רונג דינעזאָן האָט פאָרגעלײענט זײַנע װערק! אַרײַנטאָנדיק זיך אינגאַנצן אין העפט, ניט װאַרפנדיק קײַן בליק אויפן צוהערער, װי ניט װעלנדיק זיך אינ־טערעסירן צו מאַכט אויף אים זײַן לײענען אַ װעלכן ס׳איז רושם, האָט ער אַרײַנגעגאָסן אין יעטװידער פראַזע אַזאַ װײכקײט, אַזאַ טיפע באַהאַרציקײט, אַז װילנדיק צו ניט װילנדיק האָט ער געמוזט באַרירן די נשמה פון זײַן װיזאַ־װי. איך פלעג פון אים באַקומען אַזעלכע כבודים זעהר אָפט. אַמאָל, אָפּלײענענ־דיק פאַר מיר אַ פּאָר קאַפּיטלאַך פון זײַנע אַן ערצײלונג, האָט ער אַװעקלעגנ־דיק דעם כתב־יד צוריק אין זײַן שרײַב־טישל, אַזאָג געטאָן צו מיר מיט זײַן זיסן שמײכל:

— אויסגעלופטערט אַביסל מײַנע קינדערלאַך; איצט װעלן זײ זיך שוין קענען אַזוי װײַטער ליגן אין זײער רוה. ס׳װעט נאָך אָנשטײן זײער ליכטיגער טאָג!...

איינמאָל בין איך אַרײַנגעקומען צו דינעזאָנען און האָב אים געפונען אַביסל אויפגערעגט. אַז כ׳האָב בײַ אים געפרעגט, װאָס דאָס באַטײט, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ בלאַט „המליץ״, און האָט מיר אָנגעװיזן אויף אַ בריװ פון זשיטאָ־מיר, אונטער װעלכן עס איז געװען געחתמ׳עט איינער אַ ד״ר שלמה סקאָמאָראָװסקי.

דער דאָזיגער סקאָמאָראָווסקי דערציילט, אַז ער האָט זיך געווענדט מיט אַ בקשה צום באַוואוסטן היסטאָריקער פּראָפעסאָר גרעץ, ער זאָל אים ער־לויבן איבערצוזעצן זיין געשיכטע אין יידיש, און אַז ער, גרעץ, האָט אים אָפּגעזאָגט, מאָטיווירנדיג זיין אָפּזאָג מיט דעם, וואָס יידיש איז ניט קיין שפּראַך, נאָר אַ „זשאַרגאָן", וועלכן די רוסיש־פּוילישע יידן דאַרפן, לויט זיין מיינונג, אָפּגעבן אין אַרכיוו. דינעזאָן האָט געזעהן אין דער דאָזיגער תשובה פונם באַ־רימטן יידישן געלערנטן אַ גרויסע באַליידיגונג פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר די יידישע שרייבער.

— מ׳קען דאָס ניט, און מ׳טאָר דאָס ניט פאַרשווייגן — האָט דינעזאָן געזאָגט—; אויף אַזאַ זאַך מוז מען רעאַגירן; געגן אַזאַ באַליידיגונג מוז מען פּראָטעסטירן.

— אפשר זאָלט איר דאָס טאַקי אַליין טאָן? איר ווייסט דאָך מסתמא: „קריינא דאגרתא" און ווי וויטער שטייט.

דינעזאָן האָט זיך געקווייקלט. ערשטנס האָט ער שוין לאַנג אויסער בעל־לעטריסטיק גאָרנישט געשריבן, און צווייטנס — און דאָס איז ביי אים דער עיקר—האָט ער ניט וואו צו שרייבן. ס׳איז אפילו דאָ דאָס „פאָלקסבלאַט", אָבער אין לעווי׳ס צייטונג פאַרטרויט ער זיך ניט עפּעס צו דרוקן; ער האָט מורא, אַז דער רעדאַקטאָר, דער מטורף זאָל, ווי זיין שטייגער איז, ניט פאַר־דאַרבן זיין אַרטיקל און ניט אַריינשטעלן אין אים דוקא דעם היפך פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. סיידן שרייבן דאָס אין איינעם פון די העברעאי־שע בלעטער; ווייס ער אָבער ניט, צו דאָס האָט אַ זין.

אויפן אַנדער טאָג האָט מיר דינעזאָן דערציילט, אַז ער האָט זיך פאָרט ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אַוועקגעשיקט אין „פאָלקסבלאַט" אַ שאַרפן פּראָטעסט־אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט אויפגעוויזן דעם פּראָפעסאָר גרעץ די ניט אויסגעהאַלטנקייט און די פאַלשקייט פון זיינע מיינונגען בנוגע דער באַ־דייטונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אינם לעבן פון יידישן פאָלק.

— איך האָב נאָר געדאַרפט יוצא זיין פאַר מיין געוויסן—האָט מיר די־נעזאָן דערביי געזאָגט;—אַי וואָס, טאָמער קומט לעווי און פּירט מיר איבער מיין אַרטיקל, איז שוין דאָס ניט מיין שולד.

דינעזאָנס אַרטיקל געגן גרעצן האָט זיך אין אַן אַכט טאָג אַרום אָפּגע־דרוקט אין „פאָלקסבלאַט"*) און ווי ער האָט אים געשריבן, אָן אַ שום שנוי. עס איז געווען אַזאַ זכות, וואָס דעם מאָל האָט לעווי׳ן פאַרדרייט דער קאָלטן, און ער האָט זיך אפילו צום אַרטיקל ניט צוגערירט.

אָט אַזוי איז דינעזאָן געווען דער ערשטער, וועלכער האָט נאָך מיט אַ יאָר 30 צוריק געהאַט די דרייסטקייט עפנטליך צו באַקעמפן די אַנטיפּאַטיע,

*) „פאָלקסבלאַט", 1888, נומער 2 (אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע).

וועלכע מ׳האָט דאַן אין יידישע אינטעליגענטע קרייזן אַרויסגעוויזן צו דער יידישער שפּראַך.

דינעזאָן איז כל ימיו געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידיש און פון איר ליטעראַטור. יעדן נייעם טאַלענט, אַפילו ניט קיין גרויסן, האָט ער באַגעגנט מיט פיל באַגייסטערונג; יעדער נייער יידישער ספר האָט אים שטאַרק דערפרייט. עד היום קען איך ניט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ התפעלות ער האָט מיר אין אַ געוויסן טאָג אונטערגעטראָגן דעם יידישן זאַמלבוך „דער וועקער״, וועלכער איז אַרויס אין אָדעס אונטער ליליענבלומס רעדאַקציע און אונטער דער פאָן פון חבת־ציון, כאָטש ער איז קיין חובב־ציון קיינמאָל ניט געווען. דער טאָג, וואָס פרוג האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, איז געווען ביי דינעזאָנען אַן אמתער יום־טוב. מיט אַ באַזונדער נחת־רוח האָט ער פאַרפאָלגט דאָס פונאַנדערבליהען זיך פונם גרויסן שלום־עליכמס טאַלענט.

דינעזאָנס אייגענער חשק געדרוקט צו ווערן נאָך זיין פּופּולעהניאַריגן שטילשווייגן האָט זיך אין אים דערוועקט נאָך דעם אַרויסגאַנג פון די ביידע גרויסע יידישע זאַמלביכער: ספּעקטאָרס „הויז־פריינד״ און שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק״. די לעבעדיגקייט, וועלכע איז דאַן אַנטשטאַנען אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט דינעזאָנען צוריק אַריינגעצויגן אין שטראָם. די התחלה האָט ער געמאַכט מיט אַ פּאָר זאַכן, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט אין די אויבנדערמאָנטע זאַמלביכער. דערנאָך האָט ער גענומען קלערן וועגן אַליין אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך, און צוגעבן צו יעדערן פון זיי זיינע אַ גרויסע ערציילונג. דער דאָזיגער געדאַנק איז אָבער געבליבן פון אים ניט פאַרווירקליכט, ווייל אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט ער זיך באַקאַנט מיטן פּרצ׳ן, וועלכער האָט שפּעטער אַליין אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „יידישע ביבליאָטעק״ מיט דינעזאָנס מאַטעריעלער הילף און מיט זיין גרויסער ערציילונג „הערשעלע״.

נאָך דינעזאָנס טויט האָט דער באַוואוסטער שריפטשטעלער נאָמבערג דערציילט וועגן אים אין „מאָמענט״, אַז ער האָט געהאַט אין זיין לעבן צוויי גרויסע מאָמענטן: ווען ער איז זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעקומען מיט פּרצ׳ן, און ווען פּרץ איז געשטאָרבן. צום ערשטן מאָמענט, צו דינעזאָנס באַקאַנטשאַפט מיט פּרצ׳ן, בין איך געווען דער גורם, און האָב אים אַליין ביי־געוואוינט.

מיט פּרצ׳ן בין איך באַקאַנט געוואָרן נאָך אין יאָר 1886*). ער איז דאַן געקומען קיין וואַרשע אויף אַ פּאָר טעג און צופעליג האָב איך מיך מיט אים געטראָפן ביי שפּ״ר׳ן. פון דאַמאָלסט אָן פלעגן מיר זיך גאַנץ אָפט צונויפשרייבן. איינמאָל האָט ער מיר צוגעשיקט פון זאַמושץ אַ העפטל מיט צוועלף

---

*) זעה מיינע ערינערונגען וועגן פּרצ׳ן אין דער „יידישער וועלט״ פון יאָר 1915, העפט אַפּריל־מאַי.

פון זיינע קליינע ערציילונגען: דערביי האָט ער מיר געשריבן, אַז ער איז
מוכן ומזומן אַוועקצוגעבן אַ פאַרלעגער זיינע ערציילונגען אָן אַ גראָשן האָנאָ־
ראַר, נאָר פאַר אַ געוויסע צאָל עקזעמפּליאַרן; דער עיקר איז נאָר, אַז זיי
זאָלן זיין געדרוקט. די דאָזיגע ערציילונגען זיינען דאַן איבערגעלייענט געוואָרן
ביי ספּעקטאָרן אויפן קוואַרטיר אין אַן ענגן קרייז פון וואַרשעווער ליטעראַטן,
וועלכע האָבן איינגעפונען פּה אחד, אַז זיי אַנטפּלעקן אין מחבר אַ גרויסן
טאַלענט, און אַז זיי מוזן יעדנפאַלס פאַרעפנטליכט ווערן. ס׳האָט זיך אָבער
אין וואַרשע ניט געפונען קיין א י י ן פאַרלעגער, וואָס זאָל מרוצה ווערן אָפּצו־
דרוקן אויף זיין חשבון פרץ׳ס ערציילונגען אפילו אָן האָנאָראַר. דער אַלגעמיי־
נער תּירוץ איז געווען, אַז די ערציילונגען זיינען עפּעס צו קליינינקע, אַן ער־
ציילונג פון אַ בלעטל, אַן ערציילונג גאָר פון אַ האַלבער בלעטל, עפּעס „קיי
און שפּיי", און זיי, די פאַרלעגער, קענען זיין בעלנים נאָר אויף גראָבע, דיק־
בייכיגע ערציילונגען אַ לאַ שמ״ר, בוכבינדער וכדומה. דאַמאָלסט האָט דינעזאָן
אָפּגעדרוקט פרץ׳ס ערציילונגען אויף זיין רעכענונג, און האָט אים אַריינגע־
שיקט קיין זאַמושטש אַלע עקזעמפּליאַרן. דאָס ביכל, וואָס טראָגט דעם אַלגע־
מיינעם נאָמען „בילדער פון לעבן", איז געווען, קען מען זאָגן, דאָס ע ר ש ט ע
ריינגעלע אין דער גאָלדענער קייט פון פרץ׳ס דיכטערישע שאַפונגען.

אין יאָר 1889 איז פרץ׳ס מאַטעריעלער מצב געוואָרן קריטיש. דאַן איז
ער געקומען אויף עטליכע טעג קיין וואַרשע זעהן, צו וועט ער זיך דאָרטן
קענען איינאָרדענען. לויט זיין בקשה האָב איך אים דאַן אַריינגעפירט צו די־
נעזאָנען, וועלכער האָט נאָך געוואוינט אין דעמזעלביגן קליינינקן אַלקערל
אויף נאַליעווקעס 19. אין וועג האָב איך פרצ׳ן מכין געווען דערצו, אַז דינע־
זאָן וועט אים אפשר וועלן פאָרלייענען פון זיינע נאָך ניט געדרוקטע כּתבים,
בכן זאָל ער זיך אויף דעם ריכטן פון פריהער, און טאָמער וועט ער זיך
דערפון פילן ניט באַקוועם, זאָל ער דאָס מקבל באהבה זיין.

אויף דעם האָט מיר פרץ געפרעגט פאַרוואונדערט:

— היתכן, אַז ער וועט מיר פון דרך־ארץ וועגן גאָר ניט פרעגן, צו
ו י ל איך אים אויסהערן?

— ניין! — האָב איך אים געענטפערט —; וועט ער אייך נאָר וועלן
פאָרלייענען, וועט ער אייך נ י ט פרעגן; אַזוי איז שוין זיין שטייגער.

און כך הוה. אַ קליינע ווײַלע נאָכדעם ווי איך האָב זיי פאָרגעשטעלט
איינער ז׳עם אַנדערן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך וועגן ליטעראַטור און
שרייבער. אינמיטן שמועס האָט פרץ אויסגעדריקט דינעזאָנען זיין ישר־כּח פאַר
דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי פיל באַמיט אום זיין ווערקל „בילדער פון לעבן",
און האָט פאַרענדיגט מיט די ווערטער:

— איז מיר באַשערט צו בלייבן ביי ליטעראַטור, האָב איך דאָס נאָר
א י י ך צו פאַרדאַנקען.

דערווײַלע האָט דינעזאָן געעפנט זיין טיש־קעסטל, האָט פון דאָרטן

אַרויסגענומען אַ דיק העפט און געזאָגט:

— אָט גיב איך אייך כּבוד.

און האָט גענומען לייענען.

איך געדענק, אַז דינעזאָן האָט דאַמאָלס פאָרגעלייענט אַ קאַפּיטל פון זיין שוין גאַנץ לאַנג אָנגעשריבענע ערציילונג „אַ בי ג ד ו ר ל". צוליב אַ סבה, וועלכע איז מיר אומבאַקאַנט, איז די דאָזיגע ערציילונג געבליבן ניט געדרוקט ביז היינטיגן טאָג.

„אביגדורל"— דאָס איז אַ נאָמען פון אַ קליינעם יינגל, אַ יתום, וואָס זיין מוטער די אלמנה האָט געדינט פּאַר אַ קעכין ביי איינעם פון די שטאָטישע גבירים, און האָט אים געהאַלטן ביי זיך אין קיך. אַ גאַנצן טאָג פלעגט דער קליינער יתום האָבן אויסצושטיין כּל הצרות פון דעם גבירס צוויי יינגלאַך, וועלכע פלעגן אים אָנטאָן כּל־ערליי נגישות, אויך שלאָגן און הרגענען און מאַכן אים בלאָע סיניאַקעס אויפן לייב, און ער פלעגט דאָס נעביך אַלץ פאַרבאָרגן אַפילו פון דער מוטער, מורא־האָבנדיג אַ מויל צו עפענען, טאָמער טרייבט מען אים אַרויס. נאָך פאַרטאָג, ליגנדיג מיט דער מאַמען אין קיך, פלעגט ער מיט איר אין דער שטיל נעמען אריינטענה׳ן: סטייטש, פאַרוואָס קומט עס, אַז דער בעל־הבית דער גביר מיט זיין גאַנצער פאַמיליע זאָלן לעבן אַזאַ גוטן טאָג, און זיי, דאָס הייסט, ער מיט דער מאַמען, זאָלן זיך אַזוי פּייניגן? און די מוטער פלעגט אים זוכן איינשטילן מיט א י י ן תּירוץ, אַז ס׳איז אַזוי באַשערט פון גאָט. די תּשובה פלעגט אָבער דעם יינגל ניט צופרידן שטעלן, און יעדער פאַרטאָג פלעגט ער דער מוטער אויפרייסן פון שלאָף מיט נייע קשיות, און אַלץ אויף דער אייגענע טעמע.

פון אָט דער ערציילונג אַ קאַפּיטל האָט דינעזאָן געלייענט פאַר פּרצ׳ן, אין דעם דאָזיגן קאַפּיטל זיינען אָפּגעשילדערט די יסורים פונם קליינעם יתום. דעם גביר׳ס צוויי געזונטע, שטאַרקע, דיקע, אָפּגעפרעסענע יינגלאַך וואַרפן אַרום דעם יתום איינער צום צווייטן, עפּעס ווי ער וואָלט געווען אַ פּילקע, און ער, דער יתום, איז לכתּחילה מקבל דעם שפּיל מיט אַ געמאַכטן שמייכל. באַלד אָבער ווערט אויס מיטן שמייכל. דעם יינגל פאַרקוועטשט דאָס יונג הערצל, און ער באַגיסט זיך מיט ביטערע טרערן. דאָ דרייט זיך מיט אַמאָל אָן די גביר׳טע, און דערזעהענדיג דעם יתום וויינענדיג, וואַרפט זי זיך אויף אים אַרויף מיט שרעקליכע קולות: אַהער ביסטו מיר געקומען דולן אַ מוח? מאַרש אין קיך!

און ד י סצענע האָט דינעזאָן פאָרגעלייענט מיט אַ ז אַ מין טיפן טראַגיזם, אַז ס׳האָט זיך אונז געדאַכט, דאָס אָט אָט כליפּעט ער זיך אַליין פונאַנדער צוזאַמען מיטן יתום.

אויף אונזער צוריקגאַנג האָב איך אַ פרעג געטאָן פּרצ׳ן:

— נו?...

אויף דעם האָט מיר פּרץ געענטפערט:

— כ'האָב שוין לאַנג ניט געזעהן אַזוינע טיפע, בלויע אויגן; דאָס איז די מדת־הרחמים אַליין...

אין אַ מינוט אַרום האָט ער מוסיף געווען:

— ווער איך נאָר מיט דינעזאָנען מער באַקאַנטער און מער נעהענטער, מוז איך אים אָפּגעווינען פון דעם אומגעבעטענעם פאַרלייענען. אַ שריפטשטעלער, וואָס ווייס זיין ווערט, דאַרף זיך אַזוי ניט אַרומוואַרפן מיט זיינע ווערק...

ווי ס'איז אַלעמען באַוואוסט, איז פּרץ געוואָרן מיט דער צייט ניט בלויז דינעזאָנס אַ נאָהענטער באַקאַנטער, נאָר אַ סך מער פון דעם, אַ ברודער. צי ער האָט אָבער באַוויזן אָפּצוגעווינען דינעזאָנען פון זיין שטייגער פאַרצולייענען זיינע נאָך אומגעדרוקטע ווערק פאַר חברים־געסט,—דאָס ווייס איך ניט.

באַגעגענענדיג זיך אויף מאָרגן מיט דינעזאָנען האָב איך אים אויך אַ פרעג געטאָן מיטן זעלבן נוסח:

— נו?...

אויף דעם איז געווען דינעזאָנס תשובה:

— כ'האָב שוין לאַנג ניט געזעהן אַזוינע שוואַרצע, קלוגע אויגן. ער רעדט אָבער גאַנץ ווייניג; קענטיג, אַז ער קלערט מער.

ביידע האָבן עפּעס געמאַכט אַן איינדרוק איינער אויפן אַנדערן מיט די אויגן...

פּרץ האָט נאָך דאַן פאַרבראַכט אין וואַרשע עטליכע טעג. פול מיט גוטע הבטחות אויף דער צוקונפט פון פריינד און באַקאַנטע איז ער אָפּגעפאָרן צוריק קיין זאַמושץ מיט דעם באַשלוס אַריבערצופאָרן באַלד נאָך פּסח מיט דער פאַמיליע קיין וואַרשע.

VI.

רודערמאַנס יאָרצייט.—איך באַגלייט דינעזאָנען אויפן בית־עלמין.—די באַגעגעניש מיט פּרצ'ן.—פּרץ פאָרט מיט אונז אויפן בית־עלמין.—מיר ווערן פון פּרצ'ן באַגזעגנט.—די עם־הארצ'ישע מצבה.—העברעאיש צי ייִדיש?—אַ „מצודת־ציון" צוקאָפּנס פון די מתים...

אין דעמזעלבן יאָר, אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח, בין איך אַמאָל געקומען צו דינעזאָנען. ווי מיר זיצן זיך אַזוי און שמועסן, רופט ער זיך צו מיר אָפּ:

— איר ווייסט וואָס היינט איז?

— וואָס זאָל היינט זיין?—האָב איך אים געפרעגט ניט פאַרשטייענדיג וואָס ער מיינט.

— היינט איז רודערמאַנס יאָרצייט!

אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זײַט איר, אפשר, אַ בעלן צו גײן מיט מיר אויפֿן בית־עלמין? אָט קומט לאָמיר זיך דורכשפּאַצירן; ס'איז אַ שײנער טאָג.

דערבײַ האָט ער מיר דערציילט, אַז די דרײַ יאָר זינט רודערמאַן איז געשטאָרבן, גײט ער אַלע יאָרצײַט צו אים אויפֿן קבר. כ'האָב דינעזאָנען ניט געקענט אָפּזאָגן, און כ'בין מיט אים געגאַנגען.

אויפֿן ראָג גענסיע און די נאַלעווקעס האָבן מיר מיט אַמאָל דערזעהן ערשט פּרץ קומט אונז אָן אַנטקעגן. נעכטן אין אָוונט איז ער געקומען מיט דער פֿאַמיליע קײן וואַרשע, און איצט גײט ער דאָס צו דינעזאָנען.

דינעזאָן האָט די ערשטע מינוט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. פֿון אײן זײַט האָט זיך אים גרײַלאַך געוואָלט האָבן בײַ זיך פּרץ'ן, און ס'איז אים זעהר ניט אָנגענעם געווען, אַז ער, פּרץ, זאָל זיך צוליב אים אומזיסט מטריח זײַן; און פֿון דער אַנדער זײַט האָט ער בײַ זיך ניט געקענט פּועל'ן צו ברעכן אַ מנהג, וועלכער איז שוין בײַ אים, קענטיג, געוואָרן אַ מין הארץ־באַדערפֿעניש. פֿון דער דאָזיגער פֿאַרלעגנהייט האָב איך אים אַרויסגעפֿירט זאָגנדיג צו פּרץ'ן:

— דעם מאָל מוזט איר שוין, ליבער הער פּרץ, אַזוי גוט זײַן און אַנטשולדיגן אונזער פֿרײַנד דינעזאָנען. ער האָט הײַנט יאָרצײַט נאָך אַן אַמאָליגן געליבטן פֿרײַנד, אַ העברעאישער שריפֿטשטעלער, פּסח רודערמאַן. האָט ער געהײסן, אפשר האָט איר פֿון אים געהערט, גײען מיר דאָס איצטער בײדע אויפֿן בית־עלמין.

— פּסח רודערמאַן? — האָט פּרץ אויסגערופֿן — אַ שאלה, צי איך ווייס? מיר זײַנען אַמאָל בײדע גאַנץ נאָהענטע ליטעראַרישע שכנים געווען. אין אײן ביכל „השחר" האָבן זיך געדרוקט מײַן שיר „חלוקת־החכמות" און רודערמאַנס אַן אַרטיקל וועגן חסידים. אויב איך האָב קײן טעות ניט האָבן מיר אינם זעלביגן ביכל „השחר" געהאַט פֿאַר אַ שכן אויך מײַן געוועזענעם שוועער גבריאל יהודה ליכטנפֿעלד*).

און תּוך כּדי דבור האָט פּרץ אַ זאָג געטאָן:

— איך גײ אויך מיט אײַך, אָבער נאָר מיט צוויי תּנאים: ערשטנס, זאָלן מיר נעמען אַ דראָשקע, און צווייטנס, זאָל דאָס זײַן אויף מײַן חשבון.

אויף דעם האָט אים דינעזאָן געענטפֿערט:

— צו אײַער ערשטן תּנאי בין איך מסכּים, און צום צווייטן בשום אופֿן ניט.

— טויג ניט! — האָט פּרץ געזאָגט שמייכלנדיג — אויב אַזוי גײ איך ניט מיט אײַך.

— ווייסט איר וואָס? — האָב איך פֿאָרגעלײגט אַ פּשרה — אײנער זאָל דינגען די דראָשקע צום בית־עלמין, און דער צווייטער — פֿון בית־עלמין.

*) פּרץ האָט קײן טעות ניט געהאַט. זעה „השחר", 7־טער יאָרגאַנג, פֿאַר חודש טבת.

— אויף דעם גיי איך אויך ניט אַיין! — האָט דינעזאָן אַרויסגעזאָגט גאַנץ קאַטעגאָריש — פּרץ איז הײַנט מײַן גאַסט, דאַרף איך אים נעמען אויף מײַנע הוצאות. לאָמיר אָבער דערווײַלע נעמען די דראָשקע, ו„החשבון יהיה אַחר החג"...

מיר האָבן זיך זאַלבעדריט אַרײַנגעזעצט אין אַ דראָשקע, און אַוועקגעפֿאָרן צום בית־עלמין אויף פּאָוואָנזעק.

פֿאָרנדיק האָט דינעזאָן דערציילט פּרצ'ן רודערמאַנס לעבנס־געשיכטע מיט די פּרטים פֿון זײַנע לעצטע טעג. אויף פּרצ'ן האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. באַלד האָט ער פֿאַרפֿירט אַ שמועס וועגן דעם גורל פֿון שרײַפֿשטעלער בכלל, און פֿון יידישע בפֿרט. אייגנטליך איז דאָ אָבער דאָס וואָרט „שמועס" ניט ריכטיג, ווײַל אויסער אים, פּרצ'ן, האָט קײנער פֿון אונז ניט גערעדט. און דאָס איז ניט געווען עפּעס אַזוי זיך גערעדט. דאָס איז געווען אַ גאַנצער אוצר פֿון די שענסטע געדאַנקען און פֿון די אָריגינעלסטע אײַנפֿאַלן. ער איז אַריבער פֿון די יידישע שרײַבער צום יידישן פֿאָלק און פֿון יידישן פֿאָלק צום יידישן לעבן, און האָט די גאַנצע וועג, ממש, געשפּראָדלט מיט מחשבות־פּערל; און ווי שיין און ווי שטאַרק איז געווען זײַן עצם רעדן! איך מיט דינעזאָנען זײַנען געזעסן און געשלונגען יעדעס וואָרט. אויף מאָרגן האָט מיר דינעזאָן געזאָגט, אַז פּרץ האָט אים נעכטן, פּשוט, באַצויבערט.

אַרויפֿגייענדיג אויפֿן בית־עלמין איז דינעזאָן אַוועק פֿאָראויס צו רודערמאַנס קבר, און איך מיט פּרצ'ן זײַנען אים נאָכגעגאַנגען. כ'האָב גערעכנט, אַז דינעזאָן וואָלט וועלן בלײַבן שטיין אַ ווײַלע בײַם קבר אײנער אַליין, און דעריבער האָב איך פּרצ'ן אָפּגערופֿן אָן אַ זײַט, און בין מיט אים אַרײַן אין אײנער פֿון די קעגנאיבערדיגע אַלייעס, אין וועלכער ס'זײַנען קענטיג געלעגן וואַרשעווער גבירים און שײנע יידן. אויף דעם האָבן באַוויזן די גרויסע קינסטלעריש געמאַכטע מצבות. פּרץ האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אײנער פֿון די מצבות, און איך בין געשטאַנען ווײַט פֿון אים אַ טריט פֿופֿצען — צוואַנציג און האָב באַטראַכט אַן אַנדער מצבה. מיט אַמאָל גיט זיך פּרץ אַ קער צו מיר און זאָגט:

— קומט אַקאָרשט, זײַט מוחל, אַהער, איך וועל אײַך ווײַזן עפּעס אינטערעסאַנטעס.

כ'בין צו אים צוגעגאַנגען, און ער האָט מיר באַוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ מצבה, וואָס איז געשטאַנען אַביסל אָן אַ זײַט פֿון דער, לעבן וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— לייענט וואַרשעווער העברעאיש!

דאָס איז געווען אַ מצבה אויף אַ קבר פֿון אַ פֿרוי, און אָנגעשריבן זײַנען אויף איר געווען די פֿאָלגנדע דברי־שבח:

„הִיא הָיְתָה לִילָדֶיהָ אוֹמֶנֶת,
לַעֲנִיִּים מִשְׁעֶנֶת,
לְכָל אִישׁ נוֹתֶנֶת
וּלְבַעֲלָהּ סוֹכֶנֶת"...

— ווי געפעלט אייך די עם־הארצות און די גראָבקייט? — האָט מיר פּרץ געפרעגט.

— איך קען אייך עֲרֵב זיין — האָב איך אים געענטפערט — אַז דאָס איז נאָר „נוסח פּוילן"; אַ ליטווישער ייד וואָלט אַזאַ נוסח אויף אַ מצבה בשום אופן ניט געשריבן.

— איך וועל מיך מיט אייך וועגן דעם ניט אַמפּערן — האָט פּרץ געזאָגט — איך האַלט אויך, אַז ביי אייך אין ליטע קען מען העברעאיש פיל בעסער און גרינדליכער, ווי ביי אונז אין פּוילן.

ביי די ווערטער איז צו אונז צוגעגאַנגען דינעזאָן. פּרץ האָט אים אָנגעוויזן אויף דער מצבה. דינעזאָן האָט אַ קוק געטאָן און האָט געזאָגט: זעהר טרויעריג!

צוריקגייענדיג האָבן מיר זיך אַלע דריי אָפּגעשטעלט לעבן רודערמאַנס קבר. פּרץ האָט דאַן אַ זאָג געטאָן ווי רעדנדיג צו זיך אַליין:

— געבאָרן אין באָריסעוו, געגעסן „טעג" אין מינסק, געלערנט זיך אין זשיטאָמיר, געשטודירט אין ברעסלוי, געהונגערט אין לאָדז און געקומען שטאַרבן קיין וואַרשע...

פאָרנדיג צוריק פון בית־עלמין האָט זיך פּרץ צוריקגעקערט צו דער טעמע וועגן דער עם־הארצ'ישער מצבה, און האָט אויסגערופן:

— דאָס איז דאָך אַן אומגעהערטער סקאַנדאַל צו דערלאָזן ברענגען אויפן בית־עלמין אַזעלכע מצבות, וואָס עס דאַרף רויט ווערן דער פּנים אָפּצושטעלן זיך לעבן זיי.

אין יענער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער מינסקער מצבה מיט אליקום צונזערס יידישן טעקסט, און האָב דערציילט פאַר פּרצן מיט דינעזאָנען די גאַנצע געשיכטע מיט דער דערמאָנטער מצבה, ווי די מינסקער חברה קדישא האָט געוועסט ניט געוואָלט דערלאָזן דעם יידישן נוסח, און ווי זי האָט צום סוף נאָכגעגעבן, א. אז. וו.

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך פּרץ אָפּגערופן — אַ גאַנץ שיינער געדאַנק. איך האַלט, אַז אין יידיש קען גאָר בשום אופן ניט געמאָלט זיין דער פאַל פון אַזאַ שענדליכן נוסח.

— אין עצם איז דער העברעאישער סטיל מער מסוגל צו לירישע אויסגיסונגען — האָט דינעזאָן אויף דעם באַמערקט —; און בכלל, דאַכט מיר, אַז אַ מצבה פון אַ יידן בעט זיך עפּעס צו שרייבן נאָר אין העברעאיש.

— העברעאיש—האָט פרץ געזאָגט—באַזיצט אָבער אַ גאַנץ באַזונדער חסרון, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס כמעט יעדעס וואָרט האָט ניט בלויז אַ טייטש, נאָר אויך אַ פשט, און אַמאָל ניט איינעם, נאָר עטליכע פשטים. אָט נעמט, למשל, דאָס וואָרט „סוכנת", וואָס האָט אונז אַלעמען דרייען אַזוי אויפגערעגט. ווער ווייסט? אפשר האָט דער מחבר פון דער מצבה געלערנט דעם פשט פון „ותהי לו סוכנת": זי איז אים געווען אַ פרוי. אמת, קיין טעם האָט דאָס אפילו דאַן אויך ניט; עס פאַלן דאָך אָבער אַראָפּ אונזערע טענות וועגן עם הארצות און גראָבקייט. אין יידיש, ווי אין אַלע אַנדערע שפּראַכן, וואו איטליכס וואָרט האָט זיין באַשטימטן טייטש פאַר אַלעמען, קען גאָר דעריבער אַזאַ פאַל ווי מיט דער העברעאישער „סוכנת" קיינמאָל ניט פּאַסירען. ס'קומט דאָך אַזוי אויס, אַז מיר וועלן דאַרפן ביי יעדער מת אַוועקשטעלן צוקאָפּנס אַ „מצודת-דוד" מיט אַ „מצודת-ציון"...

— אייגנטליך—האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן—האָט די גמינע געדאַרפט איינפירן אַ מין צענזור אויף מצבות...

אינמיטן דעם דאָזיגן שמועס זיינען מיר אָנגעקומען אין שטאָט אַריין.

VII.

פרץ און דינעזאָן אַלס צוויי קאָנטראַסטישע נאַטורן.—פון די צוויי אַנטיפּאָדן ווערט אַ סינטעז.—ווי פרץ און דינעזאָן האָבן זיך באַצויגן צו די יונגע טאַלענטן.—דינעזאָנס פאָטערליכע התקרבות צו די יונגע שריפטשטעלער.—פרץ און דינעזאָן אין ווילנע.—דער פאַנפאַטער משורר.—ווער איז פרץ'ס רוח-הקדש?

אָט אַזוי האָט זיך דורך מיר אָנגעהויבן די באַקאַנטשאַפט צווישן פרץ'ן מיט דינעזאָנען. אָך ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און די דאָזיגעביידע, ביז אַהער, צווישן זיך אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, זיינען צוגעצויגן געוואָרן איינער צום צווייטן ווי דורך אַן אינעווייניגסטע מאַגנעטישע קראַפט. און—מערקווירדיג! עס זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוינע צוויי קאָנטראַסטן ווי דינעזאָן מיט פרץ'ן. דינעזאָן—אַן אָפענע נאַטור, פול צוטרוי צו יעדערן, געגרייט איטליכן אַריינצונעמען אין זיינע אָרעמס, מיט דעם אייביגן זיסן שמייכל אויף זיינע ליפן, מיט זיין שטענדיגער ווייכקייט און באַהאַרציגקייט, און פרץ—דער איינגעהאַלטענער, דער אין-זיך-איינגעשלאָסענער, דער האַרטליכער, און גאַנץ אָפט אויך, דער ביטערער!... דינעזאָן דער באַשיידענער, דער ענו, און פרץ מיט דעם תמיד שטאָלץ אויפגעהויבענעם, אַריסטאָקראַטישן קאָפּ! און דאָך זיינען אָט די ביידע קאָנטראַסטישע נאַטורן, אָט די ביידע אַזוי שאַרף בולט-דיגע געגנזאַצן, געוואָרן כמעט פון די ערשטע מינוטן אָן ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק. פון דער צונויפשמעלצונג און צוזאַמענגיסונג פון די דאָזיגע צוויי אַנטיטעזן, איז מיט דער צייט אַרויס אַלס סינטעז: דער גרוי-

סער פּרץ און זיין באַליבטער ברודער, זיין צווייטעס „איך“ — יעקב דינעזאָן! דער קומענדיגער קריטיק־פּסיכאָלאָג וועט האָבן פאַר זיך די אויפגאַבע אויסצוגעפינען און צו אַנטפּלעקן יענע באַהאַלטענע פעדים, וועלכע האָבן די דאָזיגע ביידע באַליבטע פאָלקס־דיכטער צוזאַמענגעבונדן אַ משך פון זעקסאונצוואַנציג יאָר, און ביז אַריבער זייער לעבנס־שוועל, ביז נאָכן טויט...

נאָך דער ערשטער פּערזענליכער באַקאַנטשאַפט פון פּרץ׳ן מיט דינעזאָנען איז מיר אויסגעקומען צו געפינען צו לעבן זיך זיי נאָר אַ גאַנץ קורצע צייט. מיין שיקזאַל האָט מיך דאַן פאַרוואָרפן אויף דער פּראָווינץ. איך האָב אָבער עטליכע יאָר כסדר ניט אויפגעהערט צו קאָרעספּאָנדירן מיט דינעזאָנען. דורך די דאָזיגע בריוו האָב איך געוואונען דעם איינדרוק, אַז פון די אָנפאַנג אַכציגער יאָרן איז פּרץ געוואָרן דער גייסטיגער צענטער, אַרום וועלכן ס׳האָבן זיך דאַמאָלס גרופּירט ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ פונק טאַלענט. יונגע לייט פון דער פּראָווינץ, וואָס האָבן אין זיך דערפילט אַ נטיה צום קינסטלערישער שאַפונג, האָבן אָנגעהויבן ווי „עולה לרגל“ צו זיין קיין וואַרשע צו פּרץ׳ן, פאַרלייגן אים זייערע שריפטן, און אויסהערן זיין אורטייל. אַ שטרענגער שופט איז פּרץ געווען. ס׳איז שוין געווען זיין טבע, אַז נאָך איידער ער האָט אַריינגעקוקט אין די כתבים פון דעם צו פון יענעם יונגערמאַן, האָט ער אים געפּרובט ראַטן ניט צו פאַרנעמען זיך מיט שרייבעריי, ווייל דאָס איז זעהר אַ פאַראַנטוואָרטליכע אַרבעט און איז פאַרבונדן מיט רוח־הקדש... די דאָזיגע הקדמה פלעגט אויף די פּראָווינציעלע יונגע לייט אָנוואַרפן אַ מין פּחדנ׳ישע אָפּהענטיגקייט. פלעגט זיך אָבער באַלד אַרויסכאַפּן דינעזאָן מיט זיין זיסן שמייכל און מיט זיין האַרציגן קול, און פלעגט זאָגן: בישקשה, זייט רוהיג, ער וועט לייענען, ער וועט לייענען. אָט נעמט אַרויס אייערע כתבים; גיט זיי מיר, איך וועל אים געבן. באַלד זיינען שוין די כתבים געלעגן ביי פּרץ׳ן אויפן שרייב־טיש, און פּרץ האָט זיי גענומען לייענען פאַר׳ן מחבר גופא, און געלייענט האָט ער אויפן קול, און גליקליך האָט זיך פּרץ געפילט ווען ער האָט אַנדעקט ביי דעם איינעם, צו ביי דעם אַנדערן, אַ וועלכן ס׳איז ניצוץ פון אַ טאַלענט. און גאָר ניט דעם ערך גליקליכער האָט זיך פון דעם געפילט דינעזאָן, וועלכער האָט זיך אַזש אָנגעקוואָלן פון שמחה.

ביי אַזעלכע צופאַלן האָבן פּרץ מיט דינעזאָנען צווישן זיך איינגעטיילט די ראָליען: פּרץ האָט דעם טאַלענט אַ נ ע ר ק ע נ ט, און דינעזאָן האָט אים צו זיך צ ו ג ע ט ו ל י ע ט. די יונגע טאַלענטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט דאָס גליק צו באַקומען סמיכות פון פּרץ׳ן, האָבן זיך שויך דאָס רוב מער ניט געוואָלט צוריקקערן אין זייערע פּאַרוואָרפענע שטעטלאַך. זיי האָבן בעסער געוואָלט פאַרבלייבן אין וואַרשע, כדי צו געפינען זיך נעהענטער צו פּרץ׳ס קינסטלערישער השפעה. פון וואָס לעבט מען אָבער אין אַזאַ גרויסע שטאָט ווי וואַרשע? דאָ איז שוין געקומען צו הילף דער גוטהאַרציגער דינעזן. מיט אַ ריין פאָטערליכער ליבשאַפט האָט ער פאַר איטליכן פון זיי געזאָרגט

אויף וויפל ער איז געווען ביכולת. איידער וואָס וועט האָט ער דערוויילע יע־
דערן פון זיי געגעבן אַ גמילות־חסד, דאָס הייסט, ווי פון לכתחילה אָפּגערעדט,
אויף צו באַצאָלן אין משיח׳ס צייטן... און דערנאָך האָט ער פאַר זיי גענומען
זוכן באַשעפטיגונג. פאַר איינעם האָט ער געקראָגן לעקציעס, פאַרן צווייטן
שריפטליכע אַרבעט, פאַרן דריטן ערגעץ־וואו אַ וועלכע ס׳איז שטעל א. אַז. וו.
מ׳דאַרף דערצו געמען אין אַכט, אַז אין יענער צייט איז נאָך דער יידישער בי־
כער־מאַרק געווען לגמרי טויט. ס׳זיינען דאַמאָלסט ניט אַרויס ניט קיין יידישע
צייטונגען און ניט קיין יידישע זשורנאַלן, און אַ יונגן יידישן ליטעראַטאָר איז
אויסגעקומען אין וואַרשע צו שטאַרבן פון הונגער. איז ביז וואָס ווען האָט זיי
דאַן דינעזאָן אַריבערגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס.

ווי אַ פריהער דער אַלקערל אויף נאַלעווקעס 19, אַזוי איז איצט אויך
דינעזאָנס קליינער צימערל אויף דזיעלנע 15 געוואָרן דער מיטלפּונקט, וואוהין
עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַלע יונגע יידישע טאַלענטן אויסצורײדן זייערע
זאָרגן און זייערע איבערלעבענישן, און פלעגן פון דאָרטן אַרויסגיין ערמונטערטע
און באַגייסטערטע צו נייער ענערגישער ליטעראַרישער טעטיגקייט. צווישן די דאָ־
זיגע יונגע שריפטשטעלער, וואָס האָבן כמעט נאָר דינעזאָנען אַליין צו פאַר־
דאַנקען זייערע עקסיסטענץ־מעגליכקייטן אין וואַרשע פאַר דער ערשטער צייט,
ביז ס׳האָט דאָרטן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער וועכנטליכער יידישער זשורנאַל
„דער יוד", אַרום וועלכן זיי האָבן זיך נאָכדעם אַלע גרופּירט, האָבן מיר
ביים היינטיגן טאָג אונזערע באַדייטנדסטע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. איטליכער
פון זיי האָט געוויס ביי זיך גאַנצע פּעקלאַך מעשיות וועגן דער פאָטערליכער
באַהאַנדלונג, וואָס דינעזאָן האָט זיי אַרויסגעוויזן ביי זייערע ערשטע ליטעראַ־
רישע אַרויסטרעטונגען.

* * *

נאָך אַ גאַנצע ריי כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן וועגן דאָס לעבן פון דעם
יעקב דינעזאָן וואָס פאַר פרץ׳ן, וואָלט איך דאָ געקענט דערציילן. באַזונדערס
וויכטיג זיינען זיינע מיינונגען וועגן געוויסע מענשן און ספרים. צוליב כמה
סבות לעג איך דאָס אָפּ ביז אַ צווייטער געלעגנהייט. איצט וויל איך פאַרענדיגן
מיינע זכרונות וועגן דינעזאָנען מיט די פאָלגנדע צוויי קליינע עפּיזאָדן, וואָס
דעם ערשטן פון זיי האָב איך אַליין בייגעוואוינט אין ווילנע, און דעם
צווייטן האָט מיר איבערגעגעבן איינע פון דינעזאָנס נאָהענטע באַקאַנטע.

אין יאָר 1911 זיינען פרץ מיט דינעזאָנען דורכגעפאָרן ווילנע. זיי
האָבן זיך דאָרטן דאַמאָלס אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג צוויי. דערהערנדיג
וועגן פרץ׳ס קומען, האָבן זיך צו אים אין האָטעל געגומען קלייבן אַ סך
יונגע בחורים׳לאַך, וואָס האָבן זיך געשניטן אויף „משוררים"; זיי האָבן אים
מיטגעבראַכט, ווי דער שטייגער איז, פּעק כתבים און געוואָלט הערן זיין מיינונג.
איז גראָד אויסגעקומען, אַז בשעת איך בין געזעסן ביי פרץ׳ן אין נומער און

געשמועסט מיט אים און מיט דינעזאָנען, האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳אי אַריין אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 17—18, ניט מהודר׳דיק אָנגעטאָן און מיט צושוי־בערטע האָר, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיש, אַרום וועלכן מיר זיינען גע־זעסן און האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן. איך זאָג „עפּעס", ווייל קיינער פון אונז דרייען האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס ער וויל. ווי ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן איז דער בחור׳ל געווען אַ פּאָנפּאַטער, און האָט גערעדט שטאַרק אונ־טער דער נאָז. דאָ איז דינעזאָן אַרויס פון טיש, איז צוגעגאַנגען צום בחור׳ל און האָט זיך צו אים אָפּגערופן:

— קומט אָקאָרשט אַהער, און זאָגט מ י ר וואָס איר באַגערט. רעדנדיק האָט ער אים אַריינגענומען אין דעם דערבייאיגן צימער.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז דינעזאָן צוריק אַריין מיטן בחור׳ל, האָט דערלאַנגט פּרצ ן עטליכע בלעטלאַך פּאַפּיר און האָט געזאָגט:

— דאָס זיינען שירים, און ד אָ ס איז דער משורר; נעם לייען און זאָג דיין מיינונג, און איר ,יונגערמאַן, זעצט זיך. דערביי האָט ער אים אונטערגע־טראָגן אַ שטול.

פּרץ האָט מיט אַ שאַרפן בליק אָפּגעמאָסטן דעם „משורר" פון קאָפּ ביז די פיס, האָט פאַרצויגן אַ זויערע מינע, האָט אַ קוק געטאָן אין דער ערשטער בלעטל און גענומען לייענען:

— „צו—מיין—כלה!"...

האַסטיג האָט פּרץ אַ פרעג געטאָן דעם „משורר":

— זאָגט, יונגערמאַן, כ׳בעט אייך, האָט איר שוין אַ כלה?

דער בחור׳ל איז רויט געוואָרן איבער די אויערן, און האָט געשוויגן.

אין עטליכע מינוטן אַרום האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כח און געענטפערט:

— ניט אַ כלה, נאָר גלאַט אַזוי...

— וואָס הייסט „גלאַט אַזוי?" איר ווילט זאָגן „אַ געליבטע? איר האָט „אַ געליבטע"? אַיאָ?

— יאָ, אַ געליבטע—האָט פּאָנפּאַטיש קוים אַרויסגערעדט דער „משורר"— אָבער ניט מיינע...

— וואָס הייסט?—האָט פּרץ שאַרף אַ זאָג געטאָן—די געליבטע איז אַן אַנדערנס, און א י ר באַזינגט אירע „גיג־גאָלדענע לאָקן מיט איר חנ׳עוודיגער מינע"?

דער בחור׳ל איז אַלץ געוואָרן רויטער און רויטער.

דאָ האָט זיך דינעזאָן אַריינגעמישט און געזאָגט:

— זעה, פּרץ, איך בעט דיר, מאַטער אים ניט; לייען ווייטער און זאָג אַרויס דיין מיינונג. און איר, יונגערמאַן, שרעקט אייך ניט, ז י י ט איר אַ משורר, וועט איר ז י י ן.

פּרץ האָט אַריינגעקוקט אין דאָס צווייטע בלעטל, און האָט תיכף געזאָגט שוין אין אַ פיל זאַנפטערן טאָן:

— אין אַ וואַלד זייט איר שוין, אַפּנים יאָ געווען, און טאַקי אַליין גע־ווען; יאָ, דאָס איז שוין גאָר גישקשה׳דיג. ווייסט איר וואָס? לאָזט דאָ איבער אייערע בלעטלאַך, און גייט צו מיר אַריין מאָרגן אינדערפרי.

דער דאָזיגער יונגער משורר דרוקט זיך היינט כמעט אין אַלע יידישע זשורנאַלן און צייטונגען.

כ׳גיי איבער צום צווייטן און לעצטן עפּיזאָד.

אין אַ געוויסער שטאָט, וואוהין מ׳האָט אַמאָל איינגעלאַדן פּרצ׳ן אויף אַ לעקציע, האָט ער גענומען מיט זיך דינעזאָנען. נאָך דער לעקציע, וועלכע איז אַריבער מיט גרויס ערפאָלג, האָבן די אָרטיגע שריפטשטעלער איינגעאָרדנט לכבוד פּרצ׳ן אַ באַנקעט. אויפן דאָזיגן באַנקעט האָט מען געהאַלטן טאָסטן, אין וועלכע מ׳האָט אויסגערעכנט פּרצ׳ס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער לי־טעראַטור. צופעליג איז דינעזאָן אין אַלע טאָסטן לגמרי איגנאָרירט געוואָרן. קיינער פון די רעדנער האָט וועגן אים קיין איין־איינציג וואָרט ניט פאַרוואָרפן.

אין זיין ענטפער־רעדע האָט פּרץ, אונטער אַנדערן, געזאָגט:

— כ׳דאַנק אייך, חברים, פאַר אייערע גוטע רייד. כ׳מוז אייך אָבער אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אָן איין זאַך, און דאָס איז דער עיקר, האָט איר לחלוטין פאַרגעסן. קיינער פון אייך האָט ניט דערמאָנט מיין „רוח־הקודש״...

אַלע אָנוועזנדע האָבן אָנגעקוקט פּרצ׳ן שטאַרק פאַרוואונדערט.

— מיין רוח־הקודש איז אָט דער... אָט דער...— און פּרץ האָט בשעת־מעשה אָנגעוויזן אויף דינעזאָנען.

דינעזאָן, דער גרויסער ענו, האָט דאָס ניט געקענט פאַרטראָגן, האָט זיך אַ שטעל געטאָן פון אָרט און אויסגערופן:

— ניין, ניין, חברים! גלויבט אים ניט; דער רוח־הקודש איז ער, ער, נאָר ער אַליין; איך אויף קיין פאַל ניט...

שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש.

(מענדעלע מוכר־ספרים).

(געבאָרן — 1835; געשטאָרבן — 1917).

ווי ס'איז באַוואוסט האָט אַבראַמאָוויטש געהאַט כל ימיו אַ גרויסע חולשה צום שמועסן, און ניט בלויז מיט חברים־שריפטשטעלער. און געשמועסט האָט אַבראַמאָוויטש ניט סתם אין דער וועלט אַריין. וועגן וואָס פאַר אַן ענין ער זאָל ניט האָבן גערעדט, האָט זיין מויל געשפריצט פונקען פון זעלטענע, אויך גאַנץ אָריגינעלע געדאַנקען, אָדער ער האָט געשפּראָדלט מיט וויץ און מיט אַ פריילעכן, געזונטן הומאָר. אַ גאַנץ קנאַפּער בעלן איז אָבער אַבראַמאָוויטש געווען — אַזוי פלעגן זיינע מקורבים דערציילן — אַריינצולאָזן זיך אין געשפרעכן, מיט וועמען ס'זאָל ניט זיין, בנוגע זיינע פערזענליכע איבערלעבענישן, און אפילו וועגן אַזוינע פאַקטן, וואָס האָבן אַ היסטאָריש־געזעלשאַפטליכן אינטערעס. תמיד פלעגט ער זאָגן: וויל וועד וויסן מיין לעבנס־באַשרייבונג, זאָל ער גיין און לייענען מיינע ספרים. אין די ווייניגע אַווטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט מיט 30 יאָר צוריק פאַרעפנטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספר זכרון", האָט ער שוין אויף דעם געגעבן די ערשטע אָנצוהערעניש. ער שרייבט דאָרטן: „זינט כ'האָב פאַרלאָזן מיין שטיף־פאָטערס הויז, הויבן זיך אָן אין מיין לעבנס־בוך נייע קאַפּיטלאַך, וועלכע זיינען איינגעוועבט און איינגעפלאָכטן אין דעם אַלגעמיין יידישן לעבן, און וועלכע כ'וועל באַשרייבן אין באַזונדערע ערציילונגען". דערוויילע וואָס וועגן שיקט אַבראַמאָוויטש אָפּ די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט זיין לעבנס־געשיכטע, צו זיין ביאָגראַפיע, וועלכע ל. בינשטאָק האָט אָפּגעדרוקט אין דעם רוסיש־יידישן חודש־זשורנאַל „וואָסכאָד"*). אַבראַמאָוויטש באַמערקט אָבער דאָרטן אויפן אָרט, אַז די דאָזיגע ביאָגראַפיע איז ניט מער פון אַ רמז אויף די געשעהענישן און פּאַסירונגען פון זיין לעבן.

---

*) אין דעצעמבער־ביכל פונם יאָר 1884.

אַבראַמאָוויטש האָט, אמת, וואָרט געהאַלטן. כמעט אַלע זיינע ספרים, די העברעאישע ווי די יידישע, אַנטהאַלטן אַ סך פון דעם אווטאָביאָגראַפישן עלעמענט. כ׳קען נאָך אָבער אויף קיין פאַל ניט זאָגן, אַז אין די דאָזיגע ווערק איז שוין אַבראַמאָוויטשעס לעבנס־געשיכטע אינגאַנצן אויסגעשעפּט געוואָרן, נאָך מער: אפילו אין זיין „שלמה ר׳ חיימ׳ס״, וועלכער האָט, לכל הדעות, די גרעסטע פּרעטענזיעס אויף דער באַדייטונג פון אַן אווטאָביאָגראַפיע, זיינען אויך דאָס רוב שטריכן טיפּישע, און ניט קיין אינדיווידועלע, דאָס הייסט, ניט אַזעלכע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט נאָר צו אים, צו אַבראַמאָוויטשן אַליין, און חוץ אים צו קיינעם ניט. דער ליטעראַטור־היסטאָריקער, וואָס וועט אַמאָל קומען שרייבן אַבראַמאָוויטשעס כאַראַקטעריסטיק אַלס מענש, אַלס פּערזענליכקייט, וועט פאַר זיך אין „שלמה ר׳ חיימ׳ס״ קנאַפּ־וואָס מאַטעריאַל געפינען, און אין אַבראַמאָוויטשעס איבעריגע ווערק געוויס און געוויס ניט.

אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע, אין וועלכער עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען דאָס פאַרבן־רייכע, ברויזנדיגע לעבן פון אונזער גרויסן דיכטער, און וועלכע זאָל אונז קענען געבן אַ ריכטיגן באַגריף וועגן די אינעווייניגסטע איבערלעבענישן פון זיין נשמה אונטער די פאַרשיידענע איינדרוקן פון דער אַלטעגליכקייט, דאַרף נאָך ערשט געשריבן ווערן. העכער פון אַ פופציגיאָריגן ליטעראַרישן וועג האָט אַבראַמאָוויטש דורכגעמאַכט. פאַר אָט דעם משך צייט האָט ער פיל איבערגעליטן און איבערגעלעבט. אויב ניט אַלע, אָבער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע איבערלעבענישן, וועלכע האָבן געוויס געהאַט אַ קלענערע צי אַ גרעסערע ווירקונג אויף זיין שאַפונגס־פּראָצעס, זיינען דער ברייטער עפנטליכקייט פאַרבליבן אומבאַקאַנט ביז אויפן היינטיגן טאָג. אָט דאָס איז די סבה דערפון, וואָס מיר האָבן בערך פיל קריטישע באַטראַכטונגען וועגן אַבראַמאָוויטשעס ליטעראַרישער טעטיגקייט, און אין דערזעלבער צייט האָבן מיר ניט איין רעכטע און אויסשעפּנדיגע אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע.

כ׳וויל דאָ נאָר אָנפירן אַ קליינעם ביישפּיל, וואָס באַווייזט באַשיינפערליך, ווי ווייניג מ׳קען נאָך ביי אונז אַבראַמאָוויטשעס לעבן.

בינשטאָק, אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַף, וועלכן כ׳האָב דאָ פריהער דערמאָנט, דערציילט אין זיין אַרטיקל פאָלגנדעס:

„אין דעם לעבן פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט באַקלאָגן אויף איבעריגע גוטסקייט מצד זיין גורל, זיינען פון 1877־טן יאָר אָן פאָרגעקומען אַזעלכע געשעהענישן, וואָס האָבן ביי אים אָפּגענומען יעז׳ן חשק צו דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. פאַרברייטערן זיך דאָ וועגן די דאָזיגע געשעהענישן האַלט איך פאַר איבעריג און פאַר ניט פּאַסיג. כ׳וועל נאָר זאָגן, אַז דער דאָזיגער שטרוימיגער קוואַל איז אונטער דעם דרוק פון די דערמאָנטע פּאַסירונגען אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן. ניט איינמאָל האָט זיך פאַר מיר אַבראַמאָוויטש אין יענער צייט געקלאָגט אויף זיין מאַראַליש געדריקטער לאַגע. „אויפהערן צו דענקען—אַזוי האָט מיר אַבראַמאָוויטש

אַמאָל געזאָגט—הייסט: אויפהערן צו לעבן, און דענקען איז מיר שוין, דאַכט זיך, אוממעגליך. מיין מאַרך איז פאַרגאָסן מיט בליי, און דאָס האַרץ איז מיר פאַרשטיינערט״. אַבראַמאָוויטש—אַזוי שרייבט בינשטאָק ווייטער—האָט זיך קיינמאָל גיט באַקלאָגט אויף זיין מצב; אָבער כּדי אויסצוהאַלטן די קלעפּ, וואָס זיין שיקזאַל האָט מיט אַ ברייטער, אָפענער האַנט געשאָטן אויף זיינע פּלייצעס,—דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן אַזוינע אייזערנע נערוון און אַזאַ סטאָל־אייזערנעם כאַראַקטער ווי אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט, און נאָר אַ דאַנק דער דאָזיגער מאָראַלישער קראַפט איז אַבראַמאָוויטש ניט געפאַלן אונטער די קלעפּ פון זיין גורל, און האָט מוטיג אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון אַלע זייטן,—אַ דרוק, וועלכער וואָלט געקאָנט צוועקלייגן אפילו דעם גרעסטן ריז...

„דער שטורם—פאַרענדיגט בינשטאָק,—וואָס האָט אויסגעבראָכן איבער דעם קאָפּ פון אונזער פאָלקס־שרייבער און וועלכער האָט לאַנג געדויערט, האָט זיך ביסלאַכוויס געלעגט. די וואָלקנס, וואָס האָבן באַדעקט זיין האָריזאָנט, האָבן זיך צושפּרייט, אין די קליינינקע קריעה׳לע, אויף וועלכער ער האָט זיך קוים געהאַלטן איבער דעם אָנבערעגיגן אָקעאַן פון זיין לעבן, איז גליקליך צוגעקומען צום ברעג, און איצטער (דאָס איז געווען אין יאָר 1884) בעת מיר קלייבן זיך צו גריסן אים צו זיין פינפאונצוואַנציג־יאָריגן יובליי, געפינט זיך אַבראַמאָוויטש אין אַ ברייטן און אַ שטילן האַפן״.

פון די דאָזיגע שורות, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן דורך איינעם פון אַבראַמאָוויטשעס נאָהענסטע פריינד, זעט מען אַרויס גאַנץ קלאָר, אַז אין 1877־טן יאָר האָט אַבראַמאָוויטשן פּאַסירט אַ שרעקליכן אומגליק, און, ווי מ׳דאַרף משער זיין, אַ פאַמיליען־אומגליק, וואָס האָט זיך געצויגן אַ היבשע צייט און האָט אים, ממש, צובראָכן און געמאַכט אויס מענש. אין וואָס אַזוינס איז דאָס באַשטאַנען אָט דער אומגליק, וועלכער האָט אַבראַמאָוויטשן אַזוי צודולט דעם מח און אַראָפּגעשלאָגן אים פון מוט אויף אַזוי פיל, דאָס ער האָט פאַרלאָרן די פייהיגקייט צו דענקען, און במילא אויך צו שאַפן,—דאָס צו דערציילן האָט בינשטאָק דאַמאָלס געפונען פאַר „ניט פּאַסיג״. לייט האָבן דערפון גערדונגען, און מיט רעכט, אַז דאָס איז געווען אַזאַ מין אומגליק, וואָס ביי אַבראַמאָוויטשעס לעבן האָט מען אים באמת ניט געקענט און ניט געדאַרפט מפרסם זיין. אָבער איצטער, נאָך אַבראַמאָוויטשעס טויט, צו געפינען זיך ביי אונז אַ סך, וואָס זאָלן האָבן אפילו די קלענסטע אַנונג וועגן דעם „גרויסן שטורם, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויף זיין קאָפּ, און באַדעקט זיינע לעבנס־הימלען מיט געדיכטע וואָלקנס?״ ווען אונטער דער גרויזאַמער ווירקונג פון דער רויער ווירקליכקייט ווערט מיט אַמאָל דער מח פון דעם דענקער „פאַרגאָסן מיט בליי״ און דאָס פיינפילנדיגע האַרץ פונ׳ם דיכטער ווערט „פאַרשטיינערט״, איז דאָס אַ העכסט טרויעריגע, און, מ׳קען אויך זאָגן, אַ קאַטאַסטראָפאַלע ערשיינונג, ביי וועלכער יעדער איינציגער פון אונז, און דער קריטיק־פסיכאָלאָג באַזונדער, מוז זיך אָפּשטעלן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און וועלכע מוז גרינדליך אויס־

גפּאָרשט ווערן. אויב ס'וועט זיך קיינער ניט געפינען, וואָס זאָל דעם דאָזיגן זעהר באַדייטנדן עפּיזאָד אין אַבראַמאָוויטשעס לעבן קענען אויפקלערן און באַלייכטן ווי געהעריג, און ער וועט מוזן פאַרבלייבן פון אונז פאַרבאָרגן אויף אויף להבא, ווי ער איז פון אונז פאַרבאָרגן געוועזן ביז היינטיגן טאָג,—דאַמאָלס פאַרלירט אַבראַמאָוויטשעס לעבנס-געשיכטע אַ פּרק פון אַ זיבניאָריגער תּקופה, אַ טרויעריגע תּקופה אפילו און אַ שטומע, אבער ווער ווייסט? אפשר וואָלטן דוקא דער דאָזיגער טרויער און די דאָזיגע שטומקייט מוסיף געווען גאַנץ בייע און פילזאָגעדיגע שטריכן צו אַבראַמאָוויטשעס מאָראַלישער פיזיגאָמיע?

דעם דאָזיגן פאַקט האָב איך דאָ נאָר געבראַכט אַלס ביישפּיל ווי ווייט מ'קען נאָך ביי אונז ניט אַבראַמאָוויטשעס לעבנס-געשיכטע. לויט דעם איז גאַנץ מעגליך, אַז אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע האָט אויפצוווייזן פיל אינטערעסאַנטע, אונז ביז אַהער אומבאַקאַנטע בלעטלאַך, וועלכע וואָלטן געהאַט אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג הן פאַרן ליטעראַטור-פאָרשער און הן פאַרן קולטור-היסטאָריקער. דאָס לייגט אַרויף אַ חוב אויף אַלע, וואָס האָבן געהאַט ווען ס'איז אַ געוויסע שייכות צו אַבראַמאָוויטשן אין די פאַרשיידענע שטעט, וואו ער האָט געוואוינט אינם משך פון זיין לאַנגען לעבן, צו פאַרעפנטליכן די מער כאַראַקטעריסטישערע פאַקטן פון זיין לעבנס-געשיכטע. באַזונדערס וויכטיג אין דעם פּרט זיינען די זכרונות פון יענע מענשן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט אַבראַמאָוויטשען אין אָ ד ע ס , וואו ס'איז אַריבער די בליהענדסטע און גלענצנדסטע תּקופה פון זיין דיכטערישער שאַפונג. די דאָזיגע פּערזאָנען דאַרפן צוזאַמענקלייבן די מער אינטערעסאַנטערע פאַקטן וועגן אַבראַמאָוויטשעס לעבנס-שטייגער וועלכע, זיינען זיי אַליין באַקאַנט דורך אייגענע באַאָבאַכטונגען, און אויך אַלץ, וואָס זיי האָבן געהערט פון אַנדערע. נאָר אויף אַזאַ אַן אופן וועט קענען געגעבן ווערן די מעגליכקייט צו באַשאַפן דאָס ערשטע גענויע און טרייע בילד פון אונזער גרויסן פאָלקס-שרייבער און וואָרט-קינסטלער.

אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך גיב איך איבער עטליכע זעהר כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון אַבראַמאָוויטשעס לעבן. דער ערשטער עפּיזאָד, וועלכן איך האָב אַמאָל געהערט, צוזאַמען מיט דעם צווייטן, פון דעם אין זיין צייט זעהר באַוואוסטן העברעאיש-יידישן שריפטשטעלער אליעזר צבי צווייפל, שטייט, קען זיין, אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט דעם אויבנדערמאָנטן טרויעריגן פאַקט, וועגן וועלכן ביגשטאָק האָט אין 1834-טן יאָר ניט געפונען „פאַר פאַסיג" צו דערציילן...

I.

מײן געשפּרעך מיט צװײפלען װעגן דער דראַמע אין אַבראַמאָװיטשעס פּער־זענליכן לעבן.—די צװײ װערסיעס.—די פאַרשיקונג פון אַבראַמאָװיטשעס בן־יחיד אין אַרכאַנגעלער גובערניע.—באַרדיטשעװער שטאָט־בעלי־טובות און אַב־ראַמאָװיטשעס „טאַקסע“.—אױס מורא פאַר זײַנע באַרדיטשעװער שׂונאים קלײַבט זיך אַבראַמאָװיטש איבער קײן זשיטאָמיר.—מ'שיקט אױף אים געהײמע מסירות, װעלכע מאַכן קײן רושם ניט.—מ ע נ ד ל ד ע ר ג ע ל ע ר װיל אים ניט מוחל זײַן.—ער גריבלט זיך אַזױ לאַנג ביז ער אַנפּלעקט אַבראַמאָװיטשעס אַ סוד.—אַבראַמאָװיטשעס פּחד פאַרן סוד.—מענדל דער געלער האַלט אַבראַמאָ־װיטשן אין דער קלעם גאַנצע צװײ יאָר.—אַבראַמאָװיטש קױפט זיך בײַ אים אױס מיט געלט.—אַבראַמאָװיטש װערט פון אים אױסגעלײזט דורך צװײ באַר־דיטשעװער גוטע פרײַנד

אין יאָר 1885 האָב איך מיך צוזאַמענגעטראָפן מיט צװײפלען אין װאַר־שע, װאו ער איז דאַמאָלסט געקומען דרוקן זײַן „ס נ י ג ו ר“. זיצנדיג אײן טאָג בײַ אים אין האָטעל איז אַרויף אונזער שמועס אויף דער שאַרפער פּאָלעמיק, וואָס ער האָט אַמאָל צוליב זײַן ערשטן ביכל „מינים ועוגב“ געפירט אינם „המליץ“ מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן. פון דעם איז דאָס געשפּרעך אַריבער וועגן אַבראַמאָוויטשן בכלל. וויסנדיג, אַז צווייפל איז אין די מיטעלע 70־ער יאָרן געווען אַבראַמאָוויטשעס אַ בן־עיר—זיי האָבן יעמאָלט ביידע געוואוינט אין זשיטאָמיר—האָב איך אים געפרעגט, אויב ער האָט געלייענט בינשטאָקס אַר־טיקל אין „וואָסכאָד“, און אויב ער האָט אַ וועלכע ס'איז אַנונג בנוגע דעם טרויעריגן עפּיזאָד, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַבראַמאָוויטשעס לעבן, און וואָס בינשטאָק האָט געפונען פאַר ניט פּאַסיג צו דערמאָנען אים אין דער עפנטליכקייט.

אויף דעם האָט מיר דאַן צווייפל געענטפערט פאָלגנדעס:

— פאַראַיאָרן, בעת ס'האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „וואָסכאָד“ בינשטאָקס אַרטיקל, האָב איך מיך אויף אים אָפּגעשטעלט, און וויפל מאָל איז מיר שוין אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם מיט זשיטאָמירער און באַרדיטשעווער באַקאַנטע, איך האָב וועגן יענעם עפּיזאָד געהערט צוויי ווערסיעס. א י י ן ווער־סיע איז, אַז דער פאַקט וועגן וועלכן בינשטאָק שרייבט, איז דאָס די געשיכטע מיט אַבראַמאָוויטשעס בן־יחיד, דער יונגער פּאָעט, וואָס זייענדיג דאַן אַ סטו־דענט פונם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, האָט ער זיך פאַרמישט אין אַ פּאָ־ליטישן ענין, און איז פאַרשיקט געוואָרן אויף עטליכע יאָר אין אַרכאַנגעלער גובערניע. אָט די געשעהעניש זאָל אויף אַבראַמאָוויטשן האָבן אַזוי געווירקט, דאָס ער האָט געהאַלטן, ממש, ביים אַראָפּגיין פון זין. באַרוהיגט האָט ער זיך ערשט נאָכדעם, ווי זיין זון איז צוריקגעקומען פון זיין פאַרשיקונג. דאָס איז,

ווי געזאָגט, איין ווערסיע, וועלכע ל״גט זיך אַביסל אויפן שכל. כ׳האָב אָבער געהערט אַ ווערסיע וועגן אַ צווייטן פאַל, וואָס האָט כמעט אין דערזעלבער צייט פּאַסירט מיט אַבראַמאָוויטשן, און, לפי דעתי, איז דער דאָזיגער צווייטער פּאַל נאָך פיל מער טראַגישער פון דעם ערשטן. ווען דאָס זאָל אמת זיין מיט די אַלע פּרטים, וועלכע איך האָב געהערט פון אַ באַקאַנטן באַרדיטשעווער יידן, איז דאָס, פשוט, שרעקליך, און ס׳איז אַ וואונדער ווי אַבראַמאָוויטש האָט דאָס געהאַט כחות אַריבערצוטראָגן.

און צווייפל האָט מיר דאַן אָט וואָס דערציילט:

כידוע, האָט אַבראַמאָוויטש אין די אָנפאַנג זיבעציגער יאָרן געוואוינט אין באַ״דיטשעוו, וואו ער האָט געדינט אַלס לערער פאַר אַלגעמיינע למודים אין דער אַזויגערופענער „קאַזיאָנער אוטשילישטשע״. אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט זיין באַקאַנטע טעאַטער־שטיק „די טאַקסע״, אין וועלכער ער האָט פאָטאָגראַפיש ריכטיג אָפּגעשילדערט די גלופּסקער (ד. ה. די באַרדיטשעווער) בעלי־קאָראָבקע, די שטאָט־בעלי־טובות, פרומע, כשר׳ע יידן, גאָטס סטראַפּטשעס, וואָס שינדן אַראָפּ די הויט ביי די צָרימע לייט, פירן קהל פאַרן נאָז, און לאָזן אַראָפּ עולמ׳שע צדקה־געלטן אין קעשענע. ווי מען זאָגט, זיינען די בילדער פון די אָפּגעמאָלטע פערזאָנען אַרויס אַזוי געטריי, דאָס יעדערער פון די העלדן האָט זיך באַלד אַליין דערקאָנט ווי אין אַ שפּיגל. די טאַקסע האָט אָנגעמאַכט צווישן די באַרדיטשעווער רעדל־פירער אַזאַ מהומה און דערוועקט ביי זיי אַזאַ אומגעהייער גרויסן שטורם פון רגזנות, דאָס אַבראַמאָוויטש האָט צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזן באַרדיטשעוו אָ׳ן אַרויספאָרן וואוינען קיין זשיטאָמיר. דער רעש און דער געפילדער און דער רוגז פון די באַרדיטשעווער בעלי־קאָראָבקע האָבן אָבער ניט אויפגעהערט אויך נאָך דעם ווי אַבראַמאָוויטש איז אָפּגעפאָרן קיין זשיטאָמיר. די סבה דערפון איז געווען, וואָס גייענדיג אין גאַס פלעגט מען אויף זיי טייטלען מיט די פינגער און זאָגן: אָט זיינען זיי, די שיינע מענשן! די אַלע קהל׳שע קליאַמקעס, וועלכע האָבן זיך געפילט פאַרטשעפּעט פון דער „טאַקסע״, האָבן ניט אויפגעהערט צו זוכן קיין מיטלען ווי נוקם צו זיין זיך אָן אַבראַמאָוויטשן. מ׳האָט געפּרובט שיקן אויף אים פּאַסקווילן צו דער זשיטאָמירער „נאַטשאַלסטוואָ״. מ׳האָט אויף אים געשיקט וואוהין מ׳באַדאַרף פאַרשיידענע אַנאָנימע מסירות׳לאַך. אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן: אַלע זייערע באַמיהונגען שלעכטס צו טאָן אַבראַמאָוויטשן זיינען פאַרבליבן אָן אַ שום רעזולטאַט. אַזוי זיינען אַוועק אַ יאָר דריי. דערווייל זיינען אייגיגע אַבראַמאָוויטשעס העלדן צושטאָרבן, אַנדערע זיינען שוין גלאַט אָפּגעגאַנגען פון כעס, און בכלל, האָט אויסגעוויזן, אַז ביסלאַכווייז האָט מען זיך שוין אין באַרדיטשעוו פאַרגעסן אָן דער גאַנצער מעשה. ליידער איז אָבער ניט אַזוי געווען דער פאַל.

— ביי איינעם אַ פאַרביסענעם יונג פון אַבראַמאָוויטשעס העלדן—האָט

צווייפל פאַרגעזעצט זיין ערציילונג — האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טליען אין הארצן אַ פייערל פון נקמה. דער דאָזיגער נפש האָט זיך געפילט אָנגעגריפן דורך אַבראַמאָוויטשן גאָר ניט דער ערך מערער פון זיינע אַלע אי- בעריגע חברים. דאָס איז געווען יענער פּאַרשוין, וועמען אַבראַמאָוויטש האָט אָנגערופן אין דער טאַקסע מיטן נאָמען ר׳ מ ע נ ד ל ד ע ר ג ע ל ע ר, און האָט אים אָפּגעמאָלט מיט די פּאָלגנדע זעהר כאַראַקטעריסטישע הויפט-שטריכן: „אַ שטאָט-שייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעלי-טובות און פאַלט אָן אויף וועמען מ׳הייסט״. אָט ד ע ר מענדל דער געלער האָט אַבראַמאָוויטשן בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין, און האָט גענומען נאָכזוכן אויף אים חטאים כאָטש פון אונטער דער ערד. די גאַנצע צייט האָט ער אַזוי ניט אויפגעהערט צו גריבלען און צו גריבלען, ביז ער האָט זיך, ענדליך, דערגריבלט, און האָט אַנטפּלעקט וועגן אַבראַמאָוויטשן אַ זאַך, וואָס מער פון דעם האָט ער שוין ניט באַדאַרפט האָבן.

גריבלענדיג זיך האָט ער דערגאַנגען גאָר אַ קלייניגקייט... ער האָט אויס- געפונען, אַז אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז אַ געבוירענער פון קאַפּוליע, מינס- קער גובערניע, איז גאָר קיינמאָל ניט אריינגעטראָגן געוואָרן אין דער קאַפּו- ליער „סקאַזקע״, דאָס הייסט, אַז ער איז אַ—נ ע ל ם!...

נאָכמער: ער האָט אויך אַרויסגעגריבלט, אַז זיין אמת׳ע פאַמיליע איז גאָר ניט אַ ב ר אַ מ אָ וו י ט ש, און אַז ער האָט זיך אַזוי אָנגערופן אויפן נאָמען פון אבר׳עמל דעם בלינדן בעטלער, מיט וועלכן ער איז אין זיינע יינגלשע יאָרן אַרומגעפאָרן איבער וואָלינער שטעט און שטעטלאַך...

כדי צו האָבן אַ וועלכן ס׳איז באַגריף פון דעם, וואָס פאַר אַ מין אומ- גליק ס׳וואָלט געווען פאַר אַבראַמאָוויטשן ווען די זאַך וואָלט נתפרסם געוואָרן, דאַרף מען נאָר נעמען אין אכט דעם אָרט, וועלכן אַבראַמאָוויטש האָט דאַמאָלס פאַרנומען הן אין דער יידישער און הן אין דער נ י ט-יידישער געזעלשאַפט.

קודם כל איז שוין אַבראַמאָוויטש דענסטמאָלט געווען מפורסם אין דער וועלט אלס באַדייטנדער שריפטשטעלער; ער האָט שוין יעמאָלט געהאַט אָנגע- שריבן זיינע גרויסע העבראַאישע ווערק ווי „האבות והבנים״ און דעם דריי-בענדיגן „תולדות-הטבע״ און אַנדערע, און איז אויך געווען זעהר פּאָפּולער אין דער יידישער ליטעראַטור דורך זיין „קליינמענטשעלי״ און די „קליאַטשע״.

צווייטנס, איז אויסער וואָס ער איז שוין דאַן געווען פון כמה יאָרן אַן אָנגעשטעלטער קרוינישער לערער, אַפריהער אין באַרדיטשעוו און נאָכדעם אין זשיטאָמיר, און האָט געהאַט אַ נאָמען ביי זיין נאַטשאַלסטוואַ פאַר אַ חשוב׳ן פּעדאַגאָג, האָט מען נאָך פון אים אויך שטאַרק געהאַלטן אַלס געלערנטן יידן אין די הויכע רעגירונגס-ספערן פונם דרום-מערב קאַנט. אַלעמען איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז אין די סוף זעכציגער יאָרן, בעת דער דאַמאָלסדיגער וואָלי-

נער, פאָדאָליער און ״ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געגרינדעט אַ קאָמיסיע פון באַרימטע יידישע פּערזענליכקייטן צו באַקלערן ווי אַזוי מען הויבט אויף דעם קולטורעלן מצב פון די יידן, איז אַבראַמאָוויטש געווען איינער פון די ערשטע אײַנגעלאַדענע אין דער דאָזיגער קאָמיסיע, און זיינע פאָרשלאָגן האָט מען דאַמאָלס צוגעגעבן אַ גאַנץ גרויסע באַדייטונג.

דערצו דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט דעם דאַמאָלסטיגן אַבראַמאָוויטשעס פּערזענליכן מצב. שוין געווען אַ פאַמיליען־פאָטער; געהאַט זעהר אַ פּייניגן זון אין זשיטאָמירער גימנאַזיע...

און מיט אַמאָל וועט זיך די וועלט דערוויסן, אַז דער דאָזיגער גרויסער אַבראַמאָוויטש, דער מקורב למלכות, איז גאָר ניט קיין אַבראַמאָוויטש, און ער איז גאָר אַ נעלם!...

הייבט אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אַ רוסישער טשינאָווניק קען ביי אַזאַ פאַל אָפטאָן? אפשר גאָר אָפּגעבן אים, אַבראַמאָוויטשן, אין סאָלדאַטן (ער איז נאָך דאַמאָלס ניט אַלט געווען קיין גאַנצע פ ע ר צ י ג יאָר)? און ווען ניט דאָס, איז אַרויפלייגן אויף אים אַ קאָלאָסאַלע געלט־שטראָף?!

מענדל דער געלער האָט דאָס אַלץ איבערגעקלערט און איבערגעוואויגן. ביי אים איז אָבער געבליבן ניט אויסצונוצן דאָס פאַר אַ געהיימער מסירה. ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ער קען דאָס מאַכן פאַר אַ גוטן געשעפט, און האָט גענומען און איז אַוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר...

וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין זשיטאָמיר צווישן אַבראַמאָוויטשן מיט מענדל דעם געלן,—קיין פּרטים וועגן דעם האָט צווייפל ניט געוואוסט. ער האָט מיר נאָר דערציילט, אַז דער סוף איז געווען, דאָס דער שיינער מענש, דער אַמאָליגער באַרדיטשעווער שטאָט־שייגעץ, האָט געהאַלטן אַבראַמאָוויטשן אין דער קלעם אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד. די גאַנצע צייט האָט זיך אַבראַמאָוויטש ביי אים געמוזט אויסקויפן דורך באַדייטנדע געלט־סומעס, וועלכע ער האָט אָפּגעריסן פון זיין טעגליכן קאַרגן לערערשן ברויט. ווען ניט האָט אים דער געלער געסטראַשעט, אַרויסצוגן ברבים מיט זיין אַנטפּלעקונג. אַבראַמאָוויטש איז נאָך אין דעם מסור ניט געווען זיכער. תמיד האָט ער זיך געשראָקן, אַז אָט, אָט דערוויסט זיך די וועלט פונם שרעקליכן סוד...

אויסגעלייזט פון דעם דאָזיגן פאַרשוינס לאַפּעס איז אַבראַמאָוויטש געוואָרן ערשט נאָכדעם ווי צוויי פון זיינע באַרדיטשעווער גוטע פריינד, וועלכע ער האָט פאַרטרויט דעם גאַנצן ענין, האָבן זיך אין דעם אַריינגעלייגט, און זיינען תיכף אַוועקגעפאָרן קיין קאַפּוליע, און דורך פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס האָבן זיי מיטן דאָרטיגן קהל אויסגעפונען אַ וועג ווי צו פאַרריכטן די זאַך, און אַזוי אַרום האָבן זיי אַרויסגעריסן פון מענדל דעם געלנס הענט דעם מטוכנדיגן כלי־זיין, וואס ער האט געהאַט קעגן אַבראַמאוויטשן. אינגיכן איז געוואָרן אַבראַמאוויטש אַ באַרדיטשעווער נכתב...

צווייפל האָט פאַרענדיגט זיין ערציילונג מיט דער פאָלגנדער באַמערקונג:

— איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, אַז לויט מײַן מײנונג האָט דער צווייטער צופאַל געדאַרפט האָבן אויף אַבראַמאָוויטשן אַ פיל שטאַרקערע ווירקונג אַלס די פאַרשיקונג פון זײַן זון, און דעריבער קען גרייַלאַך זײַן, אַז אין בינשטאָקס אַרטיקל איז געווען די רייד נאָר וועגן אים.

II.

אַבראַמאָוויטש עקזאַמענירט זיך אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול. — זײַן שבת'דיגע דרשה.—דער אײַנדרוק פון דער דרשה אויף די לערער מיט די תּלמידים פון ראַבינער־שול.—אַבראַמאָוויטשעס געשפּרעך מיט סלאָנימסקי'ן.— דער גוי'אישער דירעקטאָר איז אין כּעס.—אַבראַמאָוויטש באַקומט ניט קיין אַטעס־טאַט.—אַבראַמאָוויטשעס באַגעגעניש מיט דעם אַדעסער ראַבינער גורלאַנד.— „בהעלותך את הנרות".—גורלאַנדס פּלוצלונגער טויט.—אַבראַמאָוויטשעס אויסרוף.

אַלע אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפן, אָנהויבנדיג פון בינשטאָקן ביז דעם סאַמע לעצטן, דערציילן, אַז אין די ערשטע 70־ער יאָרן פונ'ם פאָריגן יאָרהונדערט האָט ער אָפּגעגעבן עקזאַמען אַלס ראַבינער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול. בינשטאָק גיט דערבײַ אָפּ די פאָלגנדע ערקלערונג: „כאָטש אַבראַמאָוויטש האָט שוין לאַנג געהאַט אַ שם אין מיניסטעריום אַלס גוטער פּעדאַגאָג, פונדעסטוועגן איז אים אָן אַן אַטעסטאַט דאָך שווער געווען צו דערשלאָגן זיך צו אַן אָפיציעלער שטעל, אין וועלכער ער האָט זיך, צום באַדויערן, שטענדיג גענויטיגט. דאָס האָט אים באַוואויגן אַוועקצוזעצן זיך פלײסיג לערנען און צוצוגרייטן זיך אויס־צוהאַלטן דעם ראַבינער־עקזאַמען אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול"*).

דער דאָזיגער פאַקט איז אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיג. אמת איז נאָר, אַז אַבראַמאָוויטש האָט אָפּגעגעבן דעם ראַבינער־עקזאַמען און האָט אים גוט אויסגע־האַלטן; קיין אַטעסטאַט האָט ער אָבער נ י ט באַקומען. דאָס איז געווען זײַן שטראָף פאַר אַ קלײנער פּ אָ ל י ט י ש ע ר אומפאָרזיכטיקייט, אין וועלכער ער איז געש־טרויכלט געוואָרן.

און אָ ט ווי די מעשה איז געווען:

נאָכדעם ווי אַבראַמאָוויטש איז אַרויס פון אַלע עקזאַמענס מיט זעהר גוטע באַלן, האָט ער נאָך געדאַרפט, לויט ווי דער מנהג איז דאַמאָלסט גע־ווען, האַלטן שבת בײַם דאַוונען, נאָך קריאת־התורה, אין דער סינאַגאָגע פון ראַבינער־שול אַ רוסישע רעדע. דאָס איז געווען אײַנגעפירט אַלס אַ מין באַ־זונדער עקזאַמען אין ח כ מ ת ־ ה ד ר ו ש, אין וועלכער אַ ראַבינער האָט געמוזט זײַן באַהאַוונט. אַ פּאָר טעג פאַר שבת האָט דער דאַמאָלסטיגער אינספּעקטאָר

---

*) אין 12־טן ביכל „וואָסכאָד" 1884.

פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול, חיים זעליג סלאָנימסקי, אויפמערקזאַם געמאַכט אַבראַמאָוויטשן אין אַ שמועס, אַז בנוגע די דרשות האַלט מען זיך אין ראַבינער־שול אָן דעם שטייגער פון די ראַבינער־סעמינאַריעס אין אויסלאַנד, דאָס דער רעדנער דאַרף זיך אויסקלייבן אַלס יסוד צו זיין דרשה אַ געוויסן פסוק פון דער וואָך־סדרה; בכן גיט ער אים אַן עצה צו נעמען דאָס אין אַכט און באַצייטנס אויסזוכן זיך אַ טעמע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אַ פסוק, וועלכן מ'וועט לייענען דעם קומעדיגן שבת.

לכּבוד אַבראַמאָוויטשן, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ גרויסער מפורסם אַלס העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער, זיינען געקומען צו זיין דרשה כמעט אַלע תּלמידים פון ראַבינער־שול מיטן גאַנצן לערער־פּערסאָנאַל מיט סלאָנימסקין אין דער שפּיץ. גאַנץ אומערוואַרט איז תּיכף נאָכן לייענען געקומען דער דירעקטאָר, אַ קריסט, וואָס האָט געשמ'ט אין זיין צייט פּאַר ניט קיין קליינעם שונא־ישראל.

גראָד האָט מען יענעם שבת געלייענט די סדרה „בּהעלותך", און אין זיין רעדע האָט זיך אַבראַמאָוויטש אָפּגעשטעלט אויפן פּסוק: „מי יאכילנו בשר?" אָבער אין דער אונטערשטער שורה איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז געווען ניט קיין דרשה אין געוויינליכן זין פון וואָרט, נאָר אַ שאַרפע אָנקלאָגס־רעדע געגן די שייקעס תּקיפים און רעדל־פירער, די בעלי־קאָראָבקעס, וואָס שינדן אַראָפּ פון אָרימאַן די הויט, און אָנשטאָט פלייש גיבן זיי אים ביינער. מיט פיל טעמפּעראַמענט האָט אַבראַמאָוויטש גערעדט וועגן די גרוי'סע יידישע מאַסן, וואָס לעבן אין נויט און אין דחקות, און ווערן עקספּלאָאַטירט פון די רייכערע קלאַסן, וועגן די אומאָרדענונגען, וואָס הערשן אין די חדרים און תּלמוד־תּורות און אין די פּאַרשיידענע צדקה־חברות, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך אַ כנופיא גבירים מיוחסים — מענשן פינסטערע און האַרט־האַרציגע. מיט אַ באַזונדער פייער איז אַבראַמאָוויטש אַרויסגעטראָטן געגן דער פאַרוואָרלאָזטער ערציהונג פון די אָרימע קינדער, פון די „בני עניים שמהם תצא תּורה". פאַר־געסן האָט אַבראַמאָוויטש בשעת־מעשה, אַז ער איז אַ בעל־דרשן, און האָט זיך גענומען צום פּענזל... אַ גאַנצע גאַלעריי פון בילדער האָט ער שטייענדיג אויף דער בימה באַשאַפן, בילדער פון דעם יידישן דלות, פון דער יידישער טאָרבע...

דער עולם איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין איין באַגייסטערונג, און האָט, ממש, די פינגער געלעקט. אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט מען נאָך ביז־האַהער קיינמאָל אַזאַ אינטערעסאַנטע רעדע ניט געהערט. אַז אַבראַמאָוויטש האָט געענדיגט ריידן און איז אַראָפּ פון בימה, איז צו אים דער ערשטער צו־געגאַנגען צווייפּעל, האָט אים אָפּגעגעבן אַ גרויסן יישר־כּח און געזאָגט: „מילא אין אייער שטעכעדיגער פּען האָב איך אַ ידיעה שוין פון לאַנג; אַז איר האָט נאָך דערצו אויך אַזאַ שטעכעדיגן מויל, — אויף דעם וואָלט איך מיך גאָר קיינמאָל ניט גערעכט. כ'בין בטוח, אַז פון אייך וועט אַרויסוואַקסן אַ צווייטער

יעלינעק*). אויך די איבעריגע לערער, און באַזונדערס די תּלמידים פון ראַבינער־שול, האָבן אַבראַמאָוויטשן אויסגעדריקט אַ הייסן דאַנק. געשוויגן האָבן דעמאָלסט נאָר צוויי: דער גוי׳אישער דירעקטאָר מיטן יידישן אינ־ספעקטאָר...

אין עטליכע טעג אַרום, אַז אַבראַמאָוויטש איז אַריין אין ראַבינער־שול צו דערוויסן זיך דעם באַל, וועלכן מ׳האָט אים געשטעלט פאַר זיין רעדע, האָט אים סלאָנימסקי אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט, האָט אים געבעטן זיצן, און נאָך אַ קליינער פויזע געזאָגט:

— יאָ, איר האָט אַ שיינעם מויל, טאַקע אַן אמת׳ן „פום ממלל רברבן״, מ׳קען אַנדערש ניט זאָגן... איר געדענקט דאָך אָבער, מסתמא, דעם פסוק פון „משלי״: „שומר פיו ולשונו״ און ווייטער...

— וואָס הייסט? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט גאַנץ פאַר־וואונדערט.

— דאָס הייסט, אַז אייער שבת׳דיגע דרשה האָט איר געמעגט ניט זאָגן.

— מאי טעמא? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— ס׳איז גאָר פשוט — האָט אים סלאָנימסקי געענטפערט — אַ ביכל איז ניט קיין דרשה, און אַ דרשה איז ניט קיין ביכל. אַ צווייטע „טאַקסע״ האָט איר אונז שבת אָפּגעלייענט.

— מילא בכן?

— בכן איז אויף אייך אונזער דירעקטאָר שטאַרק אויפגעבראַכט און זאָגט, אַז אַ מענטשן, וואָס ליגט אין אָנמאַכן העצעס צווישן אָרימע און רייכע, קען מען ניט צולאָזן צו פאַרנעמען די שטעל פון אַן אָפיציעל׳ן ראַבינער.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך געוועסט געפּרובט משתדל זיין, אָבער ס׳האָט אים קיין זאַך ניט געהאָלפן. דער דירעקטאָר האָט זיך אייגעגעקשנ׳ט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן.

אָט אַזוי איז אַבראַמאָוויטש פאַרבליבן אָן אַן אַטעסטאַט פון אַ ראַבינער. ביז אַהער האָב איך געהערט פון צוויי־פל׳ען.

* *
*

אין די לעצטע אַכציגער יאָרן פונם פאָריגן יאָרהונדערט האָט אָדעס גענומען פאַר אַ ראַבינער דעם באַוואוסטן יידישן געלערנטן חיים יונה גורלאַנד.

ביי אַ געוויסער געלעגנהייט האָט אים אַמאָל אַבראַמאָוויטש דערציילט אין אַ שמועס וועגן דעם פסק, וואָס ער האָט געהאַט אין זשיטאָמירער ראַבינער שול מיט זיין דרשה.

---

*) ד״ר אַדאָלף יעלינעק, דער פּרעדיגער פון דער ווינער יידישער געמיינדע אין יענער צייט, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אין דער וועלט פאַר אַ גרויסן רעדנער.

אויף דעם האָט גורלאַנד געזאָגט:

— שטעלט אייך פאָר, הער אַבראַמאָוויטש, אַז מיר אין ווילנער ראַבינער-שול איז אויך אויסגעקומען צו האַלטן מיין עקזאַמען-דרשה אין שבת פרשה „בהעלותך”.

— און אויך אויף אַ פּסוק פון דער וואָך-סדרה? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט.

— געוויס. ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין אַ דרשה אָן אַ פּסוק?

— און וועלכן?

— באַלד ביים אָנהויב: „בהעלותך את הנרות”...

— אין דיין טין טאָן טון אָנצינדן — האָט אַבראַמאָוויטש אַ זאָג געטאָן מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — טאַקע אַ שיינער פּסוק; וואָס, כ'בעט אייך, האָט איר מחדש געווען אויף דעם דאָזיגן טין טאָן טון אָנצינדן?

— כ'האָב דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן דער פינסטערניש, וואָס האָט תמיד געהערשט ביי די רוסישע יידן, און צווישן דער גרויסער ליכטיגקייט, וועלכע האָט מיט אַ מאָל אַ שטראַל געטאָן זינט ס'איז אַרויף אויפן כסא-המלוכה אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

— טאַקי, טאַקי, גאַנץ גערעכט, כ'לעבן! — האָט אַבראַמאָוויטש אויסגערופן; — טאַקי אַן אמת'ער מלך חסד איז דאָס געווען, אַ קליינינקייט אַביסל אַזאַ ליכטיגקייט. אַזאַ ליכטיגקייט! מ'האָט דאָך, פּשוט, ניט געקאָנט איינשטיין פאַר אירע גינ-גאָלדענע שטראַלן! זיי האָבן דאָך, ממש, געשטאָכן די אויגן!... בהעלותך את הנרות — דאָס איז דאָך עפּעס אַזוי פיין אָנגעמאָסטן צו יענער ליכטיגקייט, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אויסגעגאָסן מיט זיין גרויס גענאַד אויף אונזער מאָלדאָוואַנקע, למשל, אויף אונזער פּערעסיפּ*)...

* * *

איינמאָל אין אַ טאַבל-טאָג — דאָס איז געווען אין 1900-טן יאָר — בעת דערזעלביגער גורלאַנד האָט אין אָדעסער גרויסער שול געהאַלטן אַ פייערדיגע פּאַטריאָטישע דרשה, און האָט אויסגערעכנט די גרויסע חסדים פון די מלכי בית-ראָמאַנאָוו, איז אים פּלוצלונג ניט גוט געוואָרן, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער קאַנצל, און איז דאָרטן תיכף אויפן אָרט געשטאָרבן.

אַז אַבראַמאָוויטש האָט דערהערט די בשורה האָט ער אויסגערופן:

— אָט דאָס הייסט טאַקי אַן אמת'ער פּאַטריאָטישער טויט: יצאה נשמתו ב„או—ר—רא וואַשע אימפּעראַטאָרסקאָיע וועליטשעסטוואָ!”...

---

*) צוויי אָדעסער פאָרשטעט, וועלכע זיינען באַוואוינט באַזונדערס פון די אָרימסטע יידישע שיכטן.

.III

אַבראַמאָוויטש פּאַנגט אָן איבערצוזעצן פֿאַר דער חברה „מפיצי-השכלה" אילאָ-וואַיסקי'ס געשיכטע פֿון רוסלאַנד אין העברעאיש.—אַבראַמאָוויטשעס ערקלערונג פֿאַרוואָס ער האָט די איבערזעצונג איבערגעריסן אינמיטן.—פֿון די פּראָטאָקאָלן פֿון דער חברה ווײַזט זיך אַרויס עפּעס וואָס אַנדערש.—יל"ג ערקלערט מיר דעם ריכטיגן טעם.—דער געשמד'טער פּראָפֿעסאָר כוואָלסאָן אַלס פּוסק.—אַבראַמאָוויטש נעגן כוואָלסאָנען.—מיט וועלכע מיטלען די חברה וויל ווירקן אויף אַבראַמאָוויטשן.—אַבראַמאָוויטשעס אָנגעפאַנגענע איבערזעצונג ווערט אָפּגעדרוקט דורך דער אָדעסער אָפּטײלונג פֿון „מפיצי-השכלה".—די חברה האָט קיין מזל ניט מיט דער איבערזעצונג.—געפֿונען דעם ריכטיגן איבערזעצער.—ש ל מ ה מ אַ נ ד ל ק ע ר ן.—מאַנדלקערן מיט זײַן ספֿר בײַ ר' משה מאָנטיפֿיאָרען.—„עברי אנכי".

אין די אַוטאָביאָגראַפֿישע נאָטיצן, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פֿאַרעפֿנטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספֿר-זכרון", האָט ער געבראַכט אַ רשימה פֿון זײַנע העברע-אישע און יידישע ספֿרים ביז יענער צייט. אין דער דאָזיגער רשימה דערמאָנט אַבראַמאָוויטש אויך זײַן קלײנעם העברעאישן ספֿר'ל „דברי הימים להרוסים" (די געשיכטע פֿונם רוסישן פֿאָלק). דערבײַ דערציילט אַבראַמאָוויטש, אגב אורחא, אַז אין יאָר 1868 האָט ער איבערזעצט דאָס בוך לויטן פֿאָרשלאָג פֿון דער פּעטערבורגער חברה „מפיצי-השכלה", אָבער צוליב געוויסע טעמים האָט ער נאָכהער די אַרבעט איבערגעריסן אינמיטן. מיט דעם צוגלייך הייסט אַבראַ-מאָוויטש דעם לעזער אײַנקוקן אין דער באַמערקונג, וואָס געפֿינט זיך אויף דער 51-טער זײַטל פֿון זײַן העברעאיש ווערקל „ע י ן מ ש פּ ט".

אין יענער הערה צום „עין משפּט" דערציילט אַבראַמאָוויטש, אַז די חברה „מפיצי-השכלה" האָט בײַ אים באַשטעלט איבערצוזעצן אין העברעאיש די רוסישע געשיכטע פֿון אילאָווײַסקיין פֿאַר דעם מקח פֿון צ ע ה ן רובל אַ דרוק-בויגן. אויף אַזאַ האָנאָראַר האָט ער ניט אײַנגעשטימט און איבערזעצנדיג אַ דריטל ספֿר האָט ער, צו זײַן באַדויערן, אַוועקגעוואָרפֿן די אַרבעט.

לויט די פּראָטאָקאָלן פֿון דער חברה „מפיצי-השכלה" באַקומט אָבער דער דאָזיגער אינצידענט גאָר אַן אַנדער פּנים. ערשטנס, ווײַזט זיך אַרויס פֿון די פּראָטאָקאַלן, אַז די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער חברה מיט אַבראַמאָוויטשן בנוגע דער איבערזעצונג האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1865-טן יאָר. דאַמאָלסט האָט די חברה לויטן באַשלוס, וואָס זי האָט אָנגענומען אין נאָוועמבער 1864, פֿאָרגעלייגט אַבראַמאָוויטשן איבערצוזעצן אין העברעאיש אילאָווײַסקי'ס געשיכטע פֿון רוסלאַנד פֿאַר דעם האָנאָראַר פֿון 10 רובל אַ בויגן. אַבראַמאָ-וויטש האָט, קענטיג, דעם פֿאָרשלאָג אָנגענומען, ווײַל באַלד נאָך דעם האָט ער שוין צוגעשיקט דעם ערשטן איבערזעצטן בויגן. מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ מניעה אין דער זאַך מצד דער חברה. אין איר פּראָטאָקאָל פֿון 27-טן פֿעב-

רואַר 1865 געפינען מיר פאַרצייכנט די פאָלגנדע רעזאָלוציע: „די חברה האָט געוועסט באַשטעלט ביי דעם הערן אַבראַמאָוויטש פון באַרדיטשעוו איבערצוזעצן אין העברעאיש אילאָווייסקי׳ס היסטאָריע פאַר 10 רובל אַ בויגן, און זי האָט שוין ערהאַלטן פון מחבר צוגעשיקט אַ פּראָבע=בויגן. ווייל דער קאָמיטעט האָט אָבער דערהערט, אַז איינער אַ שריפטשטעלער האָט שוין אילאָווייסקי׳ס געשיכטע איבערגעזעצט, און אַז אַן אַנדער שריפטשטעלער האָט שוין דעמזעלביגן ספר אָפּגעדרוקט אין אָדעס, דעריבער האַלט ער פאַר איבעריג צו אונטערהאַנדלען וועגן אַ נייער איבערזעצונג“*).

אין אמת׳ן זיינען אָבער די דאָזיגע ביידע פאַקטן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די רעזאָלוציע פון קאָמיטעט, געווען גענומען אינגאַנצן פון דער לופט. ניט קיינער האָט אין יענער צייט געהאַט אָפּגעדרוקט אויף העברעאיש אילאָווייסקי׳ס געשיכטע אין אָדעס, און ניט קיינער האָט איר געהאַט ביי זיך אַן איבערזעצטע. והראיה, אַז אין אַ יאָר אַרום (אין פעברואַר 1866) האָט די חברה „מפיצי=השכלה“ אויסגעשריבן אַ קאָנקורס אויף אַ העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע, און האָט וועגן דעם פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף אין די צייטונגען**). אין אַ יאָר אַרום (פעברואַר 1867) האָט זיך איינער אַ געוויסער יוסף אליעזר עפשטיין, אַ לערער אין שאַוולער יידישער קרוינישער שול, אָפּגערופן אויפן דאָזיגן אויפרוף, האָט אָנגעהויבן צו איבערזעצן אילאָווייסקי׳ן און אַריינגעשיקט דער חברה עטליכע פּראָבע=בלעטער. ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון אַ צווייטן בריוו, וואָס דער זעלביגער עפשטיין האָט געשריבן צו דער חברה אין אַ האַלב יאָר אַרום (אין אַווגוסט 1867), איז דעם קאָמיטעט געפעלן געוואָרן זיין איבערזעצונג, און האָט אים באַפולמעכטיגט פאָרצוזעצן די אַרבעט.

נעמענדיג דאָס אַלץ אין אַכט בלייבט, אין פלוג, אומפאַרשטענדליך, כמעט רעטזלהאַפט, דער פאַקט, אַז אין דערזעלבער צייט, וואָס די חברה „מפיצי=השכלה“ האָט באַשטימט אַ קאָנקורס פאַר אַ העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע, און האָט שוין געפונען וועמען איבערצוגעבן די אַרבעט,—האָט זיך אַבראַמאָוויטש גאַנץ רוהיג געשריבן זיין איבערזעצונג, און דער קאָמיטעט האָט איר אויך אָפּגעדרוקט אין אָדעס אונטערן נאָמען „דברי הימים לבני הרוסים“.

ווי ס׳האָט מיר אַמאָל דערציילט דער באַקאַנטער העברעאישער דיכטער יל״ג (יהודה ליב גאָרדאָן), וועלכער האָט אין די אָנפאַנג 70=ער יאָרן באַטראָטן די שטעל פון הויפּט=סעקרעטאַר ביי דער חברה „מפיצי=השכלה“, האָט אין דער ריכטיגקייט מיט אַבראַמאָוויטשעס איבערזעצונג פּאַסירט גאָר עפּעס וואָס אַנדערש. דאָס, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט זיך איינמיטן אָפּגעוואָרפן פון

*) זעה „תולדות חברת מרבי השכלה בישראל“. ערשטער טייל, זייטל 17.

**) דאָרטן זייטל 31.

דער איבערזעצונג, איז ניט געווען צוליב דעם האָנאָראַר, נאָר גאָר צוליב אַן אַנדער פּ אָ ל י ט י ש ן טעם. דאָ האָט זיך גאָר געהאַנדלט אָ ט אום וואָס:

דער וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער חברה „מפיצי־השכלה“, באַזונדערס אין אירע ערשטע יאָרן, ווייס, וויפיל מיה אירע גרינדער און פאָרשטייער האָבן זיך געגעבן נושא חן צו זיין ביי דער רעגירונג, און וויפל זי האָט זיך תמיד משתדל געווען אַרויסצוווייזן ביי יעדער געלעגנהייט אויפן בולט׳סטן אופן אירע פּאַטריאָטישע געפילן און אירע רוסיפיקאַטאָרישע שטרעבונגען. בעת די חברה האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוגעבן אין אַ העברעאישער איבערזעצונג די געשיכטע פון רוסלאַנד, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט דוקא אויף דאָס ווערק פון אילאָווייסקי׳ן, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען באַקאַנט אַלס פאַרביסענער רעאַקציאָנערער היסטאָריק. דער ערשטער טאָנגע־בער, דער אַווטאָריטעט און דער מבין בנוגע די פאַרשיידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פון דער חברה, איז אין יענער צייט געווען דער געשמד׳טער פּראָפעסאָר כ וו אָ ל ס אָ ן. ער האָט געגאָלטן פאַרן ערשטן און לעצטן פּוסק אין אַלע פראַגן, וואָס זיינען געווען שייך צום אַרויסגעבן אויף דער רעכענונג פון דער חברה די ווערק פון דעם צי פון יענעם שריפטשטעלער. אים, כוואָל־סאָנען, האָט מען דאָס געגעבן צו לייענען אַלע פּראָבע־בויגנס פון די פאַרשיי־דענע מחברים, און ער האָט דאָס געהאַט צו אַנטשיידן, וועלכן ספר די חברה דאַרף אָננעמען צום דרוק, און וועלכן זי דאַרף נ י ט אָננעמען. בשעת אַבראַ־מאָוויטש האָט צוגעשיקט אין קאָמיטעט דעם ערשטן פּראָבע־בויגן פון זיין אי־בערזעצונג, האָט כוואָלסאָן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ס׳געפעלט אים זעהר די שפּראַך, דער סטיל; ער געפינט אָבער אין ספר זעהר אַ גרויסן פע־לער, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס דער איבערזעצער האַלט זיך ניט פעסט אָן אָריגינאַל, ער ווייכט אויס אינגאַנצן אילאָווייסקי׳ס שניט, און פאַרנעמט זיך גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער דרך. לויט כוואָלסאָנס פאָרשלאָג האָט מען דאַן פון קאָמיטעט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט אַבראַמאָוויטשן, און פאָרגעלייגט אים, אַז ער זאָל זעהן היטן איבערצוגעבן אילאָווייסקי׳ס געדאַנקען ריכטיג און טריי דעם רוסישן טעקסט.

אַבראַמאָוויטש האָט אָבער בשום אופן אויף דעם ניט געוואָלט איינגיין. ניט זייענדיג פון די בויגעוודיגע נאַטורן האָט ער זיך פאַרעקשנט, און האָט ניט מסכים געווען, אַז אַנדערע זאָלן אים אָנווייזן ווי צו איבערזעצן, ס׳איז אַוועק צווישן אים מיט דער חברה אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע האָט ניט געבראַכט צו קיין רעזולטאַטן. ביידע צדדים האָבן זיך איינגעשפּאַרט, און קיי־נער פון זיי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן. כדי צו ווירקן אויף אַבראַמאָוויטשן האָט די חברה מודיע געווען אין די בלעטער, אַז זי זוכט אַ העברעאישן איבער־זעצער פאַר אילאָווייסקי׳ס געשיכטע; נאָכדעם האָט זי פאַרעפנטליכט אַ ידיעה, אַז דעם איבערזעצער, וועלכן זי זוכט, האָט זי שוין געפונען. אַבראַמאָוויטש, ווי געדריקט ער איז דאַמאָלסט געווען, האָט זיך אָבער ניט געלאָזט כאַפּן אויף

דער ווענטקע, די דריי, פיר בויגן פון זיין איבערזעצונג האָט ער אָפּגעגעבן דער אָ ד ע ס ע ר אָפּטיילונג פון דער חברה „מפיצי-השכלה", וועלכע איז דאַן אָנגעפירט געוואָרן דורכ'ן ד"ר ל. פינסקער, דער שפּעטערדיגער מחבר פון דעם עפּאָכעמאַכעדיגן ביכל „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן", און זי, די אָדעסער אָפּטיילונג, האָט עס אָפּגעדרוקט אויף אירע הוצאות. אַז דער פּעטערבורגער קאָמיטעט, איז פון דער מעשה געווען זעהר ניט קאָנטעט,—דאָס זעט מען אַרויס פון דעם, וואָס זי האָט אַבראַמאָוויטשעס ווערקל ניט דערמאָנט אין קיין איינציגן פון אי-רע פּראָטאָקאָלן, און בעת זי האָט נאַכהער פאַרעפנטליכט אין אַ באַזונדער העברעאיש ווערק די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי האָט געפירט מיט איטליכן שריפט-שטעלער, ביי וועמען זי האָט באַשטעלט אַ וועלכע ס'איז ליטעראַרישע אַרבעט, האָט זי אירע אונטערהאַנדלונגען מיט אַבראַמאָוויטשן אינגאַנצן פאַרשוויגן.

בכלל האָט זיך ביי דער חברה „מפיצי-השכלה" אַ גאַנץ לאַנגע צייט ניט געקלייעט איר אונטערנעמען מיט דער העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי'ס געשיכטע. ביים שאַולער לערער, יוסף אליעזר עפּשטיין, וועלכן זי האָט פון אָנפאַנג באַפולמעכטיגט צו איבערזעצן פאַר איר דאָס ווערק, האָט זי צום סוף דעם כתב-יד ניט אָנגענומען, און האָט אים מפצה געווען מיט פופציג רובל פאַר זיין טרחה. ערשט שפּעטער, אין 1870-טן יאָר, האָט די חברה געפונען איר ערוואונשטן איבערזעצער פון אילאָווייסקי'ס געשיכטע. דאָס איז געווען ש ל מ ה מ אַ נ ד ל ק ע ר ן, וועלכער האָט אָקאָרשט-וואָס געענ-דיגט דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט אַלס קאַנדידאַט פאַר די מזרח-שפּראַכן, און איז אויך געווען באַוואוסט אַלס שיינער העברעאישער סטיליסט. מאַנדלקערן איז ניט געווען קיין מענש פון אידייען און פון פעסטע אָנשויאונגען; דאָס איז געווען אַ מענש, וואָס שווימט מיט שטראָם און דרייט זיך מיטן ווינט. בעת די חברה האָט אים געגעבן איבערזעצן אין העברעאיש אילאָווייסקי'ס היסטאָריע, האָט ער זיך שוין ניט געדונגען, נאָר ער האָט געטאָן ווי זיין רבי כוואָלסאָן האָט אים געלערנט. און לייענט מען מאַנדלקערנס געשיכטע פון רוסלאַנד אין דער אויסגאַבע פון חברה „מפיצי-השכלה", קען מען זיך ניט באַפרייען פון דעם שלעכטן איינדרוק, וועלכן ער מאַכט מיט זיינע שאָוויניסטיש-פּאַטריאָטישע און רוסיפיקאַטאָרישע טענדענציעס. אַזאַ צייט איז דאַמאָלסט געווען, און אַזעלכע קנעכטישע שטרעמונגען האָבן דאַן באַהערשט דעם גרעסטן טייל פון דער רוסיש-יידישער אינטעליגענץ. דער קומעדיגער מחבר פון דער „ק ל י אַ ט ש ע" האָט אָבער צו זיי ניט געהערט. אַבראַמאָוויטש איז שוין יעמאָלט געווען אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט מיט לייב און לעבן...

איך דערמאָן מיך דאָ אָן אַ קליינעם פּרט. בעת גאָרדאָן האָט מיר באַקאַנט געמאַכט די דאָזיגע גאַנצע עפּאָפּייע מיט דער העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי'ס געשיכטע און ס'איז געקומען צו רייד וועגן מאַנדלקערנס ספר, האָט ער מיר דערציילט דעם פאָלגנדן פאַקט: אַז מאַנדלקערן האָט פאַרענדיגט איבערצוזעצן די געשיכטע—דאָס איז געווען אינמיטן זומער 1872—האָט דער

קאָמיטעט איבערגעגעבן דעם כּתב־יד אים, יל״גן, עס צו סטיליזירן. אין יענער צייט איז געקומען קיין פּעטערבורג ר׳ משה מאַנטיפיאָרע ממליץ צו זײַן אויף יידן פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. איינמאָל פאַרנאַכט איז אַרייַנגעגאַנגען מאַנדלקערן צו יל״ג׳ן און האָט בײַ אים געבעטן, ער זאָל אים געבן אויף עטליכע טעג זײַן ספר. אויף יל״ג׳ס פראַגע, צו וואָס ער באַדאַרף דעם ספר, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער וויל באַזוכן מאַנטיפיאָרען און ווײַזן אים זײַן ווערק, און געוויס וועט ער פון אים באַקומען אַ רעכטע מתנה. אויף דעם האָט אים געזאָגט יל״ג, אַז דער ספר געהערט צו דער חברה, און אַז ער האָט ניט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אים אפילו אויף אַ מינוט, און אויסערדעם וועט געוויס מאַנטיפיאָרע זײַן בוך ניט לייענען. דאַן האָט זיך מאַנדלקערן אײַנגעטשעפּעט אין יל״גן, ער זאָל אים געבן צום ווייניגסטן די לעצטע העפט (דער גאַנצער ספר איז באַשטאַנען פון זיבעצעהן העפטן), אין וועלכער עס ווערט גערעדט וועגן מאַנטיפיאָרען און וועגן זײַנע גרויסע השתּדלותן לטובת דעם יידישן פאָלק. יל״ג האָט ממלא געווען זײַן רצון און האָט אים געגעבן דאָס העפט. דאַן איז געגאַנגען מאַנדלקערן און האָט זיך פאָטאָגראַפירט, האַלטנדיג אין האַנט זײַן ספר, אויף וועלכן עס שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות „עברי אנכי״ (איך בין אַ ייד), כּדי ער זאָל דורך דעם נושא חן זײַן בײַ דעם נאַאיוון פרומאַק מאַנטיפיאָרע. און אַזוי איז טאַקע געווען. מאַנטיפיאָרע איז, ממש, נתפּעל געוואָרן פון דעם יונגן געלערנטן, וואָס שרײַט אויס פאַר דער וועלט, אַז ער איז אַ ייד, און ווער ס׳איז נאָר צו אים אַרײַן,—אַלעמען האָט ער געוויזן דאָס טשיקאַווע בילד. געוויינליך האָט שוין בײַ אים מאַנדלקערן געכאַפּט אַ מנה יפה...

IV.

אַבראַמאָוויטש אין ווילנע.—די מוידל מיט די באָבעס.—אַ נס וואָס מער ניט ווי איין פּאַטש.—דער חדר מיט די שמעקעדיגע ריחות.—ווי מ׳לערנט „משלי״ מיט קינדער.—אַבראַמאָוויטש און מזח געפינען אויגער פאַר דעם אַנדערן הספדים אין תנ״ך.

כ׳וויל דאָ פאַרענדיגן מײַנע זכרונות וועגן אַבראַמאָוויטשן מיט אַ פּאָר קליינע עפּיזאָדן, וועלכע זײַנען דורך אײַנצעלנע שטריכן פון זיי זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער גרויסן דיכטער.

סוף זומער 1909 האָט אַבראַמאָוויטש פאַרבראַכט אין ווילנע עטליכע טעג. כ׳האָב אים דאַמאָלסט אַרויפגעפירט אין שטראַשונס ביבליאָטעק. צוריקגייענדיג זײַנען מיר דורכן אײַזערנעם טויער אַרויס אויף דער יידישער גאַס.

— קומט צו אָט אַהער—האָט צו מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט אַריבער־

גייענדיג די געסל, גלייך ווינאָווי. דאָרטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פּאָר יידענעס, וואָס זיינען געזעסן צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט מיט קאָשיקעס עפּל, האָט מיט זיין היסטאָרישן באַרנשטעקן אַ קלאַפּ געטאָן צוויי מאָל אויף דער ערד און געזאָגט:

— אָט דאָ דאַרף איך מאַכן אַ ברכה!

כ׳האָב אויף אים אויסגעסטאַרצעט אַ פּאָר אויגן, ניט פאַרשטייענדיג וואָס ער מיינט.

— אויב איך האָב קיין טעות ניט — האָט אַבראַמאָוויטש צו מיר געזאָגט — איז דאָ, אָט אויף דעם אָרט געשטאַנען אַמאָל ראַמיילעס ישיבה. איאָ?

— גאַנץ ריכטיג.

— אויב אַזוי דאַרף איך דאָ מאַכן די ברכה: „ברוך שעשה לי נס במקום הזה".

— וואָס הייסט — האָב איך אים געפרעגט — האָט אייך דען דאָ וואו מיר שטייען איצט געקענט טרעפן אַן אומגליק?

— ס׳הייסט אַן אומגליק? אַן אומגליק מארץ האומגליקן! איר קוקט מיך אָן? אָט הערט זשע: איר האָט דאָך, מן הסתם, געהערט, אַז איך האָב אַמאָל געלערנט אין ראַמיילעס ישיבה? כ׳בין דאַמאָלס געווען אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 16—17. פלעגט אונז אַ מיידל אַלע טאָג אינדערפרי נאָכן דאַוונען אַרויפטראָגן באָבעס. געשמאַקע באָבעס זיינען דאָס געווען; זיי ליגן מיר נאָך עד היום אין מאָגן. פלעגט זיך דאָס מיידל האָבן אַ טבע אָפּצושטעלן זיך אין פירהויז. איינ־מאָל, איך געדענק שוין היינט ניט ווי דאָס האָט פּאַסירט — האָט מיר פאַרדרייט דער קאָלטן, און דאָס איז געוויס געווען מעשה־שטן, אַריינצובעטן דאָס מיידל מיט די באָבעס אינעווייניג אין דער ישיבה אַריין. זי לעגט מיר אַזוי אַריין אינס מעסטעלע די באָבעס, און איך שטיי מיר אַזוי און רייד מיט איר, און האָב בשעת מעשה שטאַרק הנאה: אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיג מיידל איז דאָס געווען מיט גרויסע קאַרשן־אויגן און מיט באַקן ווי די עפּל, און אַ מיילעכל האָט דאָס געהאַט ווי אויף שרייפּעלאַך, און איך אַ בחור — אַ שקאָץ!... ערשט מיט אַמאָל איז צו מיר פון הינטן אונטערגעשפּרונגען דער משגיח, און אַ געשריי־טאָנענ־דיג ווי ניט מיט זיין קול: „שגץ, אין אַ מקום קדוש!" האָט ער מיר אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש, אַז ס׳מיר, ממש, פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ס׳האָט מיר גענומען פינטלען מיט „עקודים, נקודים וברודים". ווי געפעלט דאָס אייך, וואָס אַ ייד, אַ געלער משגיח ניט קאָן?

האָב איך אַבראַמאָוויטשן געפרעגט:

— נו, איז דאָך דאָס טאַקי געווען אַן אמת׳ער אומגליק, און איר רעדט גאָר וועגן אַ נס!

— דעם נס ווילט איר וויסן? — האָט מיר אַבראַמאָוויטש געענטפערט — ווי פאַרשטייט איר דאָס אַליין ניט? ער האָט דאָך מיר געקאָגט געבן ניט איין

פּאַטש, נאָר צוויי, און פֿאַרוואָס ניט דרײַ? און פֿאַרוואָס טאַקי ניט די גאַנצע פֿיר בעת מ׳איז אַ משגיח אין ראַמײַלעס ישיבה און מ׳האָט צוויי לאַפּעס ווי די בערן, און מ׳האָט זיך מיט זיי ניט וואו אַהינצוטאָן?...

* * *

גייענדיק האָט מיך אַבראַמאָוויטש געבעטן, כ׳זאָל אים אַרײַנפֿירן אין אַ וועלכן ס׳איז חדר

— ביי אונז אין אָדעס — האָט מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט — זײַנען אַפֿילו אויך דאָ חדרים מיט מלמדים. אָבער זיי הויבן שוין אָן צו שמעקן מיט היינטוועלטיקייט, מיט דעם, וואָס לייט רופֿן עס מאָדערניזם, כביכול, און איך גאָר צו זעהן אַן אמת׳ן יידישן חדר מיט אַן אמת׳ן יידישן מלמד, טאַקע אַ מלמד כמו שנאמר, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

כ׳האָב ממלא געווען אַבראַמאָוויטשעס רצון, און האָב אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ חדר ניט ווייט פֿון מײַן וואוינונג.

אַרויפֿגייענדיק אויף די טרעפּ און אַרײַנגייענדיק אין אַ טונקעלן קאָרי־דאָר, האָבן זיך עפּעס פֿון אַ ווינקל גענומען הערן זעהר ניט קיין שמעקעדיגע ריחות...

— אָט דאָ איז דער חדר! — האָט אַבראַמאָוויטש אויסגערופֿן — איך גע־דענק, איך דערמאָן מיך, דערזעלביגער אַמאָליגער ריח... אפשר ווייסט איר, מײַן פֿרײַנד, וואוהין מ׳לייגט אויף אַ ווײַלע אַוועק די נאָז־לעכער?...

אין אַ מינוט אַרום האָט ער מיר אַ פֿרעג געטאָן מיט אַן ערנסטער מינע:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, היתכן, אַז דער דאָזיגער ריח זאָל דאָס זײַן אָט יענער ריח התורה, וועלכער האָט אונז דערהאַלטן ביז אויפֿן היינטיגן טאָג אין גלות?

כ׳האָב געשוויגן.

— און זאָגט מיר, זייט מוחל, איר זייט דאָך עפּעס אַ ציוניסט, זײַנען מיר שוין אין ארץ־ישראל גאַראַנטירט פֿון דעם דאָזיגן ריח?

כ׳האָב אַלץ געשוויגן.

און אַבראַמאָוויטש האָט אַ זאָג געטאָן אינם זעלביגן ערנסטן טאָן:

— מחשבות׳ן, כ׳האָב פֿאַרגעסן. אין ארץ־ישראל האָבן מיר דעם באַרג לבנון; דער לבנון שמעקט ווי אין פּסוק שטייט: „וריח לו כלבנון‟, און אַז אַ פּסוק זאָגט נאָר, איז שוין, פֿאַרשטייט איר מיך, גאָר אַנדערע דבורים.

דערווײַלע האָט זיך דערהערט דורך אַ טיר די קולות פֿון די חדר־ייִנגלאַך. מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. ביי אַ טיש זײַנען געזעסן אַ קינדער צעהן אַן ערך, און דער מלמד איז געשטאַנען.

נאָך דעם ערשטן „שלום עליכם‟ האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, קינדערלאַך, ווער דער גאַסט איז? דאָס איז דאָך דער זיידע ר׳ מענדעלע!

— מיר ווייסן! מיר ווייסן! — האָבן די קינדער אויסגעשריען, און איינער פון זיי האָט תּיכף מוסיף געווען:

— כ׳האָב געלייענט!

האָט אים אַבראַמאָוויטש מיט זיין ליבליכן שמייכל אַ פרעג געטאָן:

— אַזוי? דו האָסט געלייענט? זאָג מיר נאָר מיין קינד, וואָס האָסטו געלייענט?

אויף דעם האָט דאָס ייִנגל תּיכף אויסגעשאָסן:

— די קליאַטשע!

— אַ מעשה מיט אַ פערדעלע! האַ, וואָס זאָגסטו? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט אַ גלעט־טאָנדיג אים פאַרן בעקל.

— ניין, דאָס איז אַ משל!

— אַ משל? אַנטקעגן וועמען?

— אַנטקעגן אונז, יידן — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט —; אַזוי האָט מיר געזאָגט מיין עלטערער ברודער.

— נו, בטל׳ט ניט, קינדערלאַך! לערנט, לערנט.

— נו, זאָגט, קינדער! — האָט דער מלמד אַ קאָמאַנדעווע געטאָן —; זאָגט אָבער שיין, מיט אַ ניגון!

די קינדער האָבן געלערנט „משלי", און האָבן אָנגעהויבן אַלע צוזאַמען, זינגענדיג אויפן קול:

„מוקש — אַ שטרויכלונג, אדם — אַ מענש, יָלַע — זאָגט, קדש — הייליג, ואחר — און נאָך, נדרים — נדרים, לבקר — צו פאָרשן".

אַבראַמאָוויטש האָט אָנגענומען איינעם פון די קינדער פאַר זיין מאָרדעטשקע און האָט אים געפרעגט:

— פאַרשטייסטו, מיין פייגעלע, דאָס, וואָס דיין מייזעלכל האָט דאָ איצטער אַרויסגעזאָגט?

דאָס ייִנגל האָט געשוויגן. דאָ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער מלמד:

— זאָג, זאָג, וואָס וויל דאָ שלמה המלך האָבן.

דאָס ייִנגל האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ברומען אונטער דער נאָז, און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָל זאָגן אַן אַנדערער! — האָט דער מלמד אויסגעשריען —; מ ש ק ׳ ע, זאָג ד ו!

דער אַנדערער האָט אויך גענומען זאָגן: מוקש — אַ שטרויכלונג, אדם — אַ מענש, און ווייטער ניט פון אָרט.

און אַזוי איז געווען מיט אַ דריטן און מיט אַ פערטן ייִנגל. קיינער האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן דעם פּשט פון די ווערטער.

דאָ האָט אַבראַמאָוויטש געזאָגט:

— שלמה המלך אַליין איז אפילו געווען אַ גרויסער חכם, אַ וועלט־חכם,

אָבער לערנען זײַנע חכמות מיט אַזעלכע עופה־לעך איז גאָר קײן חכמה ניט. קומט לאָמיר גײן!

כ׳האָב דאַמאָלסט באַגלײט אַבראַמאָװיטשן ביז צו זײַן קװאַרטיר. די גאַנצע לאַנגע װעג איז ער געגאַנגען פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין זיך, און האָט מיט מיר אַ װאָרט ניט אױסגערעדט. ער האָט זיך געפונען אונטער דעם שװערן אײַנדרוק פון חדר.

דעמזעלבן טאָג איז אַבראַמאָװיטש געװען אײַנגעלאַדן צו מיטאָג צו דעם באַװאוסטן ציוניסטישן עסקן ה׳ י צ ח ק ל י ב ג אָ ל ד ב ע ר ג. בײַם מיטאָג בין איך אויך געװען צוזאַמען מיט דעם העברעאישן לערער און אײנער פון די מחברים פון׳ם פירוש אויף תנ״ך „מ ק ר א מ פ ו ר ש״, ד ו ד נ אָ ט י ק. ס׳איז געקומען צו רייד װעגן מלמדים, חדרים און תנ״ך. דאָ האָט זיך אַבראַמאָװיטש שטאַרק צופלאַקערט, און האָט אין אַ שעה־איגן שמועס אויסגעגאָסן װאָס ס׳האָט אים אויפגעקאָכט אויפן האַרצן אונטער דעם שלעכטן רושם, װעלכן עס האָט אויף אים געמאַכט דער חדר.

דאָס איז ניט געװען קײן שמועס אין געװײנליכן זין פון װאָרט, נאָר אַ מין גלענצענדער פאָרטראָג װעגן די מעלות און חסרונות פון דער יידישער אַלטער און נײַער פעדאַגאָגיק. יעדעס װאָרט איז געװען אַן אוצר פון טיפע געדאַנקען, און עד היום טוט מיר זעהר לייד, װאָס כ׳האָב דאַמאָלסט אַבראַמאָװיטשעס געשפּרעך בײַ מיר ניט פאַרצײכנט.

* * *

גראָד אין דער צײַט, װאָס אַבראַמאָװיטש איז געקומען באַזוכן די רעדאַקציע פון „הזמן״, װאו כ׳בין דאַמאָלס געװען אַ מיטאַרבעטער, איז אַהין אַרײַנגעקומען דער שריפטשטעלער י ה ו ש ע מ ז ח, װעלכער איז שוין יעמאָלט געװען אַ זקן מופלג, און האָט נאָך אַ מאָל האָלט געהאַט צו זאָגן אַ װיץ.

אינמיטן געשפּרעך האָט אים אַבראַמאָװיטש אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, ה׳ מזח, װי אַלט קענט איר זײַן ביז הונדערט און צװאַנציג יאָר״?

— כ׳װעל אײַך ענטפערן װי מ ש ה י אָ ג האָט אַמאָל געענטפערט: „כ׳װייס ניט צו פ צו פ״... נאָר דאָס געדענק איך, אַז בעת איר האָט אָפּגעדרוקט אײַער ערשטן מאמר אין „המגיד״ װעגן חנוך, האָב איך אקאָרשט־װאָס אָנגעהויבן צו טראַכטן װעגן אַ ד ר י ט ע װײַב...

— הייסט עס, אַז איר זײַט עלטער פון מיר — האָט אַבראַמאָװיטש געזאָגט מיט אַ שמײכל; — װאָלט איר אָבער געװאוסט װי איך בין אײַך מקנא!

— א י ר, ר׳ שלום יעקב, זײַט מ י ר מקנא? — האָט מזח געפרעגט פאַרװאונדערט — ;װאָס זײַט איר מיר מקנא? מײַן דלות? מײַן עלנד לעבן? מײַן אַרומשלעפּן זיך מיט די ספרים איבער די הײַזער?...

— אויף דעם קומען מיר דאָך עפּעס אַרויס פון דער משפּחת־סופרים, שמעון

ולויס אייניקלאַך. איר זייט, דאַכט זיך, אַ לוי? די לויים פלעגן אַרומגיין איבער די שייערן נאָך די מעשרות, און מיר, יידישע מחברים, שלאָגן אָפּ די נגידישע שוועלן מיט אונזערע ספרים. כ׳בין אייך אָבער מקנא גאָר פאַר אַן אנדער זאַך. שטאַרבט איר, חלילה, און מ׳קומט אייך מספּיד זיין אין אַ העבּרעאיש בלאַט, לאָמיר זאָגן: אין „הזמן״, למשל, האָט שוין באַלד אייער ספדן אַ קעפּל פאַר זיין הספד. און נאָך וואָס פאַר אַ קעפּל, אַזש פון תנך, פון ישעיה׳ן אַליין: אוי, גוואַלד געשריען: „אין מזח עוד!״...

מזח האָט אַ מינוט אַ טראַכט געטאָן און האָט געזאָגט:

— איר האָט מיר, ר׳ שלום יעקב, גאָרניט וואָס מקנא צו זיין. אין דעם פאַל זייט איר שוין פיל גליקליכער פון מיר. אויף אייך איז דאָ אַ פּסוק, איז שוין דאָס איינמאָל אַ פּסוק! „שלום, שלום, ואין שלום״!...

און דער זיידע האָט זיך האַרציג צולאַכט.

יצחק ליבוש פרץ.

(נעבאָרן—1851; געשטאָרבן—1915).

פרץ אַלס דיכטער, פרץ אַלס דיינקער, פרץ אַלס געזעלשאַפטליכער טוער,—פון די דאָזיגע אַלע זייטן איז שוין פרץ פיל צו ווייניג באַלויכטן געוואָרן אין אונזער פרעסע און ליטעראַטור. לחלוטין נ י ט באַלויכטן געוואָרן איז פרץ אַלס—מ ע נ ש. פון ד ע ר זייט קען מען נאָך ביי אונז פרצ'ן כמעט ל ג מ ר י נ י ט. און פרצ'ן אַלס מענש ד אַ ר ף מען קענען, און ס'איז אויך דאָ וו אָ ס צו קענען. פרץ דער מענש איז אַ גאַנצע אָפּגעשלאָסענע וועלט אָן און פאַר זיך, און קיינער קען זיך ניט באַרימען, אַז ער האָט דעם שליסל צו דער דאָזיגער זעהר אינטערעסאַנטער וועלט. די סבה דערפון איז דאָס, וואָס פרץ האָט, קענטיג, אַליין ניט געוואָלס, אַז איימיצער, ווער עס איז, זאָל דעם דאָזיגן שליסל באַזיצן. ווער ס'האָט נאָר ווען עס איז געהאַט אַ שטיקל אומגאַנג מיט פרצ'ן, ד ע ם האָט פרץ דער מענש געמוזט אויסקומען צייטנווייז זעהר רעטזלהאַפט, זעהר אומפאַרשטענדליך, באַזונדערס דורך זיין ניט אויסגעהאַלטנקייט, דורך זיין ניט קאָנסעקוועַנטישקייט אין באַציהונג צו לייטן. אַמאָל האָט ער אייך אויפגענומען מיט אַ זעהר ליכטיג פנים, העכסט פריינדליך, גערעדט מיט אייך ברידערליך, אַז עס האָט אַייך, פשוט, געגלעט, געוואַרימט ביי דער נשמה, און אַ מאָל איז ער אַייך פאָרגעקומען עפּעס אַזוי פרעמד, עפּעס אַזוי קאָלט, אַז אַייך האָט אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ דוש אַייזיג וואַסער. און אַזוי פאַרשיידנאַרטיג־לוינעגהאַפט האָט זיך פרץ באַצויגן אויך צו זיינע נאָהענטסטע באַקאַנטע, צו זיינע שטענדיגע שטוב־איינגייער. אַמאָל פלעגט זיך, למשל, שטאַרק וואַרפן אין די אויגן פרצ'ס באַציהונג צו זיין אינטימסטן פריינד, וועלכער איז מיט אים געווען, ממש, א י י ן גוף און א י י ן נשמה, דאָס איז י ע ק ב ד י נ ע ז אָ ן. ס'פלעגן פאָרקומען געוויסע מאָמענטן, אמת גאַנץ זעלטענע, אין וועלכע מ'האָט בשום אופן ניט געקענט גלויבן, אַז דינעזאָן געהערט זיך עפּעס אָן מיט פרצ'ן. אין אַזעלכע מאָמענטן איז טאַקע באמת שווער געווען צו פאַרשטיין פרצ'ן.

בכלל איז פרץ געווען אַ מענש פון שטימונגען אויך אין אַלטעגליכן וואָכעדיגן לעבן. צייטנווייז האָט מען געמוזט שטוינען צוקוקנדיג זיך מיט וואָס

פאַר אַ שנעלקייט ער איז אַריבערגעגאַנגען פון איין שטימונג צו דער צווייטער. למשל, אָט זיצט ער און רעדט מיט אייך און פאַרברייננט מיט אייך, און וויצלט זיך און איז פריילאַך, און מיט אַמאָל, עפּעס גאָר פון העלער הויט באַפאַלט אים אַ טרויער און ער ווערט אומעטיג, און איר הויבט גאָר ניט אָן צו וויסן פאַרוואָס און פאַר ווען, און וואָס איז דאָס אין אים אַזוי פּלוצלונג פאָרגעקומען. ווידער טרעפט, אַז ער פירט מיט אייך אַן ערנסטן געשפּרעך, זיין מויל שפּריצט געדאַנקען-פונקען, שיט פּערל און בריליאַנטן, און מיט אַמאָל האַקט ער איבער אינמיטן און ווערט שטיל, לאָזט אייך אַליין, גייט אַוועק אין אַן אַנדער ווינקל און בלייבט שטיין פאַרטראַכט. איר בלייבט זיצן אויף אייער אָרט ווי געפּלעפט, איר פילט זיך ניט גוט און ווי באַליידיגט. אַמאָל זיצט מען אין אַ געזעלשאַפט און מ׳אַמפּערט זיך, מען דיספּוטירט וועגן וויכטיגע ליטעראַרישע אָדער לעבנס-פראַגן. פּרץ נעמט דעם גרעסטן אָנטייל אין די ויכוחים און רעדט, ווי זיין שטייגער, מיט גרויס התלהבות. פּלוצים הויבט זיך פּרץ אויף פון אָרט און ווערט נעלם. דער וואונדער איז גרויס, קיינער ווייס ניט וואָס איבערצוקלערן, און מ׳צוגייט זיך...

מ׳האָט געקענט גלויבן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין באַשטענדיגקייט אויך אין פּרץ׳ס כאַראַקטער. בכלל איז פּרץ געווען אַ דימענט, פּשוט אַ מענש אָן אַ גאַל, איז תּמיד גרייט געווען צו טיילן זיך מיטן צווייטן דעם ביסן, אַוועקגעבן אים, ווי מ׳זאָגט, דאָס לעצטע העמד. פון דער נאַטור איז פּרץ געווען אַ גרויסער בעל-רחמנות; צי ער האָט געקאָנט צי ניט געקאָנט, האָט ער קיינעם קיינמאָל אין גאָרנישט אָפּגעזאָגט. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, בעת ער האָט געוואוינט אין זאַמושטש, לובלינער גובערניע, און האָט זיך דאָרטן מפרנס געווען פון אַדוואָקאַטוריע, איז זיין שטוב געווען אָפן, פראַנק און פריי פאַר יעדן נויטבאַדערפטיגן, פאַר יעדן נצרך; קיינער איז פון פּרצ׳ן מיט ליידיגן ניט אַוועק. נאָר ווייניגע, געציילטע מענשן ווייסן, אַז וואוינענדיג נאָכדעם אין וואַרשע האָט פּרץ מאַטעריעל געשטיצט געוויסע יונגע ליטעראַטן, אין וועלכע ער האָט אָנגעמערקט אַ וועלכן ס׳איז פונק פון טאַלענט. געגן דעם זיינען אָבער פאָרגעקומען אויך אַזוינע צייטן, ווען ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז פּרץ איז אַ גאַנץ קנאַפּער אידעאַליסט בנוגע צו דיני-ממונות... ער פלעגט זיך, צום ביישפּיל, שטאַרק דינגען מיט צייטונגס-אַרויסגעבער, מיט פאַרלעגער. פון דעם האָט דאָס געוואַקסן, אַז בשעת פּרץ איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריבער פון דעם רייכעם, דעמאָקראַטישן „פריינד" צום האַלב-געלן „הייַנט", האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן דאַמאָלסט אונטערגעמורמלט, אַז דער גורם דערפון איז געווען דער גרויסער האָנאָראַר. אין אמתן איז דאָס אָבער געווען אַ שקר גמור. דאָס איז ניט געווען קיין געלט-חילוף, נאָר אַ חילוף אין דער אויריטאָריע. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען פּרץ האָט גענומען רופן אין דער נעפלדיגער אַלטיידישער, אַלטמאָדישער שול, וועלכע איז „אויך געוואָרן העכער און האָט אַרייַנגעשפּאַרט אין הימל אַריין, און איז געווען מיט

אַ גאָלדענעם דאַך און מיט קריסטאָלענע פענסטער". אַ שול=קלאַפּער זיין האָט פּרץ ניט געקאָנט אין דעם פון אַלץ דאָס אַלטע און טראַדיציאָנעלע זיך אָפּגעזאָגטן „פריינד", און האָט זיך געמוזט צוליב דעם אויסקלייבן אַ באַזונדער „ווינקעלע" אין גרויסן בנין פון „היינט", וועלכער האָט זיך איינגעאַנצן באַזירט אויף די רינגען פון דער עבר=קייט. איך זאָג דאָס ניט אַלס אַקסיאָמע; דאָס איז מער ניט ווי מיין פּערזענליכע מיינונג.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזן, אַז פּרץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַלס מענש, וועלכער איז צוזאַמענגעוועבט פון לויטער געגנזאַצן און קאָנטראַסטן, וואָס מוזן אויסגעפּאָרשט און ערגרינדעט ווערן. דער באַוואוסטער פראַנצויזישער קריטיקער ט ע ן זאָגט, אַז אַ זשעני איז דער סימבאָל פון א י נ ה י י ט ל י כ ק י י ט, פון ג אַ נ צ ק י י ט און פון ה אַ ר מ אָ נ י ע. פּרץ איז געווים געווען אין זיין פאַך, און ביי אונז, אַ גאון, און אין דעם אינערן פון זיין נשמה האָבן זיך די אַלע קאָנטראַסטן און געגנזאַצן בוודאי אויסגעגליכן. אלא וואָס דען? מיר האָבן ניט די מעגליכקייט אַריינצודרינגען אין דעם דאָזיגן קדשי=קדשים. אונז פעלן די טרעפּלאַך, וואָס פירן אַהין...

איך מיין, אָבער, אַז די דאָזיגע טרעפּלאַך וואָלטן ביי אונז מיט דער צייט געקאָנט באַשאַפן ווערן, ווען יענע, וואָס זיינען נאָהענט געווען צו פּרצ'ן און האָבן אים געזעהן און באַטראַכט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און אומשטאַנדן וואָלטן פאַרעפנטליכט זייערע עראינערונגען און זייערע איינדרוקן וועגן אים. אין דעם פּרץ=ביכל, וועלכע ס'האָט אַרויסגעגעבן די רעדאַקציע פון דער „יידישער וועלט" גלייך נאָך זיין טויט, איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע התחלה דערצו. נאָכדעם זיינען אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן נאָך אייניגע פּרובן. דאָס איז נאָך אָבער גאַנץ ווייניג. דער, וואָס קען נאָר ע פּ ע ס דערציילן וועגן פּרצ'ן, מ ו ז קומען און דערציילן. איטליכע עראינערונג וועגן פּרצ'ן, אפילו די קלענסטע, וועט אַמאָל קענען דינען אַלס גוטער מאַטעריאַל צו דער גרינדליכער ערפאָרשונג פון פּרצ'ס מענשליכער, מאָראַלישער פיזיאָגנאָמיע, און ממילא שוין אויך צו פּרצ'ס נשמה אויף וויפל זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע דיכטערישע שאַפונגען.

I.

מיין ערשטע באַקאַנשאַפט מיט פרצ'ן.—פרצ'ס ערשטע העברעאישע שירים.—פרצ'ס באַציהונג צו די העברעאישע צייטונגען אין די 70-ער יאָרן.—סמאָלענסקינס מיינונג וועגן יידישע שרייבער.—סמאָלענסקין וועגן פרצ'ן.—פרץ באַקלאָגט זיך אויף זיין גייסטיגער עלנטקייט.—זיין שיר אין „כנסת-ישראל".—פרצ'ס מיינונג וועגן גאָלדפאַדנס פיעסעס.—פרץ באַשליסט צו נעמען זיך פאַר דער ליטעראַרישער טעטיגקייט.—איך אַבאָניר פאַר אים די ערשטע העברעאישע טעגליכע צייטונג „ה י ו ם".—פרצ'ס חסידישע ערציילונג אין „היום".—פרץ פאַרעפנטליכט אַ סעריע העברעאישע שירים אין „האָסיף".—זיין קריטישע באַציהונג צו די השכלה-טענדנציעס.—פרץ דרוקט אין „הצפירה" זיין ערציילונג „הציץ ונפגע".—די רעדאַקציע צוקאַלעטשעט די ערציילונג.—פרצ'ס עומת-נפש.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פרצ'ן איז געווען אין יאָר 1886. קומענדיג דאַמאָלסט צו פאָרן אויף עטליכע טעג קיין ווארשע, האָט פרץ באַזוכט די רעדאַקציע פונם העברעאישן יאָר-בוך „כנסת-ישראל", און דאָרטן האָב איך זיך מיט אים געטראָפן.

אין יענער צייט איז נאָך פרץ דעם יידישן לייען-פובליקום כמעט ווי גאַנץ אומבאַקאַנט געווען. אויף דעם שער פונם קליינעם ביכל העברעאישע שירים („ספורים בשיר ושירים שונים"), וואָס ער האָט מיט אַ יאָר צעהן צוריק (1876) אַרויסגעגעבן בשותפות מיט זיין שווער גבריאל יהודה ליכטנפעלד, האָט ער זיין נאָמען ניט אַרויסגעשטעלט; מער ניט ווי אין טעקסט גופא האָט ער זיך אויף אייניגע פון זיינע שירים אונטערגעשריבן מיט די ראשי-תבות י. ל. פ., כדי „אָפּצוצאַמען זיך פונם מאַטעמאַטיקער", ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ געשפּרעך. נאָך דעם פלעגט פרץ פון צייט צו צייט דרוקן אַ שיר, אַמאָל אין סמאָלענסקי'ס „השחר" און אַמאָל אין גאָטלאָבערס „הבקר אור". בכלל איז פרץ דאַמאָלסט געווען אַ גאַנץ זעלטענער גאַסט אין דער ליטעראַטור. ווי שטאַרק ס'איז אין פרצ'ן פון תמיד אָן געווען דער אינווייניגסטער דראַנג צום שרייבן, צום אַרויסזאָגן זיך פאַרן „ברייטן עולם", האָט ער זיך פונדעסטוועגן קיינמאָל ניט געשטופּט צו די רעדאַקציעס, קיינמאָל ניט אָנגעשלאָגן זיך מיט זיינע אַרטיקלען, און דעריבער אויך קיינמאָל ניט געשטאַנען אין קיין שום פאַרבינדונג מיט אַ וועלכער ס'איז צייטונג אָדער זשורנאַל. מ'האָט אים קיינמאָל ניט באַגעגענט ניט אין „המגיד", ניט אין „המליץ" און אפילו ניט אין דער פ ו י ל י ש ע ר „הצפירה". סמאָלענסקין האָט אַמאָל אין „השחר" אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן יידישע שרייבער, אַז „זיי זיינען ניט קיין גרויסע מכונקים, און וואו זיי געפינען נאָר אַ לײדיגן אָרט, דאָרטן כאַפּן זיי זיך אָן". אויף פרצ'ן האָט מען דאָס ניט געקאָנט זאָגן. פרץ איז געווען אין דעם פרט דער אמת'ער גרויסער „מפונק". געשריבן האָט ער שטענדיג, און ניט ווייניג, ווי עס ווייזט אויס, אָבער אַלץ פאַר זיך, און ניט פאַר'ן דרוק, און דאָס איז די סבה,

וואָס אין דער צייט, וועגן וועלכער איך רעד דאָ איצט, איז זיין נאָמען געווען באַקאַנט גאָר זעהר אַ קליינעם לעזער=קרייז, דערהויפּט פון ליטעראַטן, צווישן וועלכע ער האָט געהאַט אַ צוויי, דריי גרויסע פאַרערער. מיר אַליין איז, זייבענדיג די מיטעלע 70=גער יאָרן אין ווין, אויסגעקומען אַמאָל צו הערן פון סמאָלענסקיס מויל — מיין איינציגער אַווטאָריטעט צו יענער צייט — אַז פּרץ „וואַקסט אַ צווייטער גאָרדאָן", און געוואוסט האָב איך דעמאָלט, אַז נאָך איינער אַ באַרימטער שרייבער, ראובן בריידעס, האַלט אויך זעהר שטאַרק פון פּרצ׳ס פּאָעטישן טאַלאַנט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די אומגעריכטע באַגעגניש מיט פּרצ׳ן אין דער רעדאַקציע פון „כּנסת ישראל", האָט מיך בשעת מעשה זעהר אָנגענעם איבערראַשט.

פּרץ האָט זיך דאַמאָלסט פאַר מיר שטאַרק באַקלאָגט אויף זיין גייסטיגער עלנטקייט אין זאַמאָשטש, אויף זיין אָפּגעריסענקייט פון ליטעראַטור און פון שרייבער; ער האָט ניט מיט וועמען אַן ערנסט וואָרט אויסצורעדן. וואָלט אים ווער געוועקט, געמונטערט, וואָלט ער געוויס פיל עפּטער געשריבן, געדאַנקען האָט ער גאַנצע פּעק, דערהויפּט וועגן דער משונה׳דיג ווילדער קינדער=ערציהונג אין פּוילן. די מאַנסביל זייגען אומוויסנד, פאַנאַטיש, אַבערגלויביש, און די פרויען „בילדן" זיך פלומרשט, לערנען שפּראַכן און קריגן באַלד פיינט טאַטען=מאַמען. אין גרויס פּוילן איז ער ניט לאַנג געווען, האָט דאָרטן געזעהן טעכטער פון די שענסטע יידישע הייזער ראָמאַנסירן מיט אולאַנער=אָפיצערן און האַסן דאָס אייגענע פאָלק, ווי דעם טויט. דעם איינדרוק, וואָס דאָס האָט אויף אים געמאַכט, האָט ער איבערגעגעבן אין זיין שיר, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן פאַרן „כנסת=ישראל": „לעלמה עבריה והיא מתנכּרה".

דעם דאָזיגן געדאַנק האָט פּרץ נאָך טיפער אַנטוויקלט דעמזעלבן טאָג אין אָוונט אין שאול פּנחס ראַבינאָוויטשעס וואוינונג. דערביי איז אויך געווען דער באַוואוסטער יידישער דראַמאַטורג אברהם גאָלדפאַדן, וועלכער האָט פאַר אונז דעקלאַמירט זיין באַקאַנטע פּאָעמע „דער שטיין פון הארצן". איך געדענק, אַז פּרצ׳ן איז ניט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן דער אינהאַלט פונ׳ם געדיכט גופא, ווי גאָלדפאַדענס קינסטלערישע דעקלאַמאַציע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער געשפּרעך וועגן דעם יידישן טעאַטער, און פּרץ האָט באַנוצט די געלעגנהייט אויפצוואַרפן גאָלדפאַדענען זיין „שמענדריק" מיט די „צוויי קונע לעמלאַך" א. אז. וו. — אַז איך וואָלט געהאַט אייער טאַלאַנט — אַזוי האָט זיך פּרץ דאַמאָלסט אויסגעדריקט, כאָטש ווי מיר איז שפּעטער עטליכע מאָל אויסגעקומען פון אים צו הערן, האָט ער פון גאָלדפאַדענס טאַלענט ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטן — וואָלט איך געבויט מיינע דראַמעס צי קאָמעדיעס אויף פיל וויכטיגערע און אמת׳רע זייטן פונ׳ם יידישן לעבן. אָט נעמט, למשל, די סיסטעמלויזיגקייט פון אונזער קינדער=ערציהונג אין פּוילן... און פּרץ האָט גאָר פון דאָס ניי גענומען רעדן אויף דער דאָזיגער טעמע, און גערעדט האָט ער אַזוי שיין איז

מיט אַזוי פיל התלהבות, אַז ער האָט באַגייסטערט אפילו דעם טרוקענעם, פלעגמאַטישן שפ״רן. גאָלדפאַדן, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר זיינע „העלדן״ און געוואָלט אויפווייזן, אַז זיי זיינען לגמרי ניט קיין קאַריקאַטורן, נאָר אמת׳ע באַשעפענישן, גענומען פונם לעבן, פונם וואָליניש־יידישן לעבן, צוגעריכט צוליבן עפעקט מיט פאַרשיידענע מינים טעאַטער־קרייטיכער. פרץ האָט זיך מיט גאָלדפאַדענען לאַנג מתוכּח געווען, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע זיינע טענות און פאַרגעלייגט אַ גאַנצע רשימה בילדער, וועלכע קאָנען און דאַרפן אָנגעטאָן ווערן אין דראַמאַטישע פאָרמען. און פאַרגעשטעלט ווערן אויף דער יידישער בינע. אַז איך דערמאָן מיך איצטער אָן יענער בילדער־גאַלעריי, געפין איך צווישן זיי עטליכע אַזעלכע, וואָס האָבן שפּעטער מיט דער צייט פיל מיטגעווירקט צו פרצ׳ס גרויסקייט.

די איינציגע טעג, וואָס פרץ האָט דענסטמאָל פאַרבראַכט אין וואַרשע, וואו ער איז שוין ניט געווען פון עטליכע יאָר, און די אויסרעדענישן, וועלכע זיינען אים דאָרטן אויסגעקומען צו הערן פון פאַרשיידענע זייטן, פאַרוואָס ער פאַרלאָזט אַזוי זיין פען, האָבן אויף אים געווירקט, אַז קומענדיג צוריק קיין זאַמאָשץ, זאָל ער זיך נעמען מיט אַ באַזונדער חשק צו ליטעראַרישער אַרבעט. אַזוי האָט ער מיר מודיע געווען אין זיין ערשטן בריוו. דערביי האָט ער מיר געבעטן שרייבן אים וועגן יעדער נייער ליטעראַרישער ערשיינונג, וואָס באַווייזט זיך, אָדער וועגן וועלכער עס ווערט גערעדט צוערשט אין וואַרשע. לויט זיין בקשה האָב איך זיך פאַר אים אַבאָנירט ביים אַלטן נחמיה טשערנאָוויטש אויף קאָנטאָרס „היום״. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און אינם פעלעטאָן פון „היום״ איז אָפּגעדרוקט געוואָרן פרצ׳ס אַ פראַכטפולע חסידישע ערציילונג מיטן נאָמען „הקדיש״. דאָס איז געווען פרצ׳ס ערשטע בעלעטריסטישע זאַך אין פּראָזע. אינם זעלבן יאָר האָט פרץ פאַרעפנטליכט אין סאָקאָלאָוו׳ס „האסיף״ אַ סעריע שירים אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מנגינות הזמן״. אין די דאָזיגע שירים איז געווען צו באַמערקן פון פרצ׳ס זייט אַ קריטישע באַציהונג צו די השכּלה־טענדענצן און אַ שטאַרקער קער צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פונם יידישן פאָלק. ערטערווייז וואַרפן זיך דורך אין די דערמאָנטע שירים — אמת, גאַנץ שוואַכע — קאָסמאָפּאָליטיש־דעמאָקראַטישע נטיות.

שפּעטער אַ ביסל האָט פרץ אַריינגעשיקט אַ גאַנץ היפּשע ערציילונג — „הציץ והנפגע״ האָט זי געהייסן — אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה״. פון דער דאָזיגער ערציילונג האָט פרץ געהאַט מער קרענקונג, ווי נחת. די שטילע, געלאַסענע „הצפירה״, וואָס האָט זיך שטענדיג אָפּגעהיט ניט אָנצורירן אפילו אַ פליג אויפן וואַנט, האָט געפונען, אַז פרץ דריקט זיך אויס אין זיין ערציילונג צו פריי קעגן כּלי־קודש און וואויל־לערנער, און האָט זיך גענומען מעקן גאַנץ בהרחבה׳דיג די דאָזיגע שעדליכע פרייקייטן. זי האָט אַזויפיל געמעקט, ביז ס׳איז איבערגעבליבן פון יעדן קאַפּיטל נאָך ווייניגער ווי די העלפט. געוועלן־

זיינען די נעט געבליבן [illegible]פגעסטריגעוועט, און ס׳האָט זיך, פּשוט, גיט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. פּרצ׳ס פּאַרדראָס איז געווען ניט משער צו זיין. וויפיל פּרץ האָט ניט געשריבן אין רעדאַקציע, וויפיל ער האָט זיך ניט געביי־זערט און ניט געבעטן, מ׳זאָל אים אַזוי פיל ניט צוקאַלעטשן זיין ערציילונג דורך די מעקעגישן, אָדער מ׳זאָל זי גאָר אינגאַנצן אויפהערן צו דרוקן, — קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן: די ערציילונג איז געדרוקט געוואָרן, און מיט וואָס אַ נומער מער, אַלץ מער געשעדיגט און פאַרדאָרבן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַקום איך אַ בריוו פון פּרצ׳ן, אין וועלכן ער בעט זיך רחמים, איך זאָל אַריינגיין צום אַלטן סלאָנימסקין און דורכרעדן זיך מיט אים: סטייטש, ווי טוט ער דאָס אַזוי און אַזוי? איך האָב תיכף ממלא געווען פּרצ׳ס בקשה; ליידער איז אָבער מיין טרחה געווען אומזיסט. סלאָנימסקי האָט מיר געענטפערט, אַז ער מישט זיך ניט אין די זאַכן, און האָט מיך אָפּגעשיקט צום יונגן סאָקאָלאָוו. צו סאָקאָלאָוו׳ן בין איך אָבער ניט געגאַנגען. די מיטאַרבעטער פון „כנסת־ישראל" און „האסיף", וואָס זיינען אַרויס אין איין צייט, האָבן זיך גערעכנט, אַ ביסעלע טאַקע מחמת מיינונג־פאַרשיידענהייט און אַ רעכט ביסעלע מחמת דער ביטערער קאָנקורענץ, פאַר מענשן פון צוויי פיינדליכע מחנות און האָבן זיך שטענדיג געמיט אויסצומיידן איינער דעם אַנדערן. איבער דער טעם האָב איך, די רעכטע האַנט פון שפ״ר׳ן אין זיין „כנסת־ישראל", ניט געקאָנט און ניט געטאָרט האָבן קיין עסקים מיט דעם בעל־הבית פון׳ם „האסיף". איך האָב אָבער געוואָלט צוליב טאָן פּרצ׳ן און האָב אָנגעשטעלט אויף סאָקאָלאָוו׳ן ביידראַלע ליטעראַטן פון דער זייט. איינער פון זיי איז געווען א. ש. פרידבערג (ה״ש), וועלכער האָט דאַמאָלסט געאַרבייט אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה", און ער האָט דאָס געפּועל׳ט, אַז ס׳זאָל געטאָן ווערן פּרצ׳ס בקשה און מ׳זאָל די ערציילונג אינגאַנצן אויפהערן צו דרוקן. אָבער אין אַן ערך דריי וואָכן אַרום האָט די „הצפירה" פּלוצים אָנגעהויבן צו דרוקן די ווייטערדיגע המשכים פון פּרצ׳ס ערציילונג ביזן סוף מיט אַן אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע, אַז „איבער אַ געוויסער אורזאַך האָט זיך אָפּגעהאַלטן דאָס דרוקן פון דער דאָזיגער ערציילונג ביז היינט". די סבה דערפון איז געווען אַ גאַנץ פּשוט׳ע: עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע לעזער, וועלכע האָבן געמאָנט שטאַרק ביי דער „הצפירה" דעם המשך פון דער ערציילונג, און די רעדאַקציע באין ברירה האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער מעקעניש און נאָכגעבן דעם עולם...

II.

מיין צווייטע באַגעגעניש מיט פּרצ׳ן אין פּ ל אָ צ ק.—ער דערציילט מיר, אַז ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבן יידיש.—ווי אַזוי פּרץ האָט אָנגעשריבן זיין „מ אָ נ י ש“.—וואָס שלום-עליכם האָט צוטאָן איבער׳ן „מאָניש“.—פּרץ וויל אַרויסטרעטן מיט אַ פּראָטעסט געגן די יידישע רעדאַקטאָרן.—פּרץ שרייבט אָן צוועלף קליינע ערציילונגען און שיקט זיי מיר צו.—איך זוך פאַר אים אַ פאַר־לעגער און געפין ניט.—דינעזאָן ווערט זיין פאַרלעגער.—די התחלה פון פּרצ׳ס באַקאַנשאַפט מיט דינעזאָנען.

צום סוף זומער אין יאָר 1888 האָב איך זיך אַ צווייטן מאָל באַגעגנט מיט פּרצ׳ן. דעם מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין פּ ל אָ צ ק ביי דעם באַוואוסטן שרייבער און פּעדאַגאָג א ב ר ה ם י ע ק ב פּ אַ פּ י ר נ א. דאַמאָלסט האָט מיר פּרץ דערציילט אַ נייס, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן י י ד י ש, און אַז דאָס שרייבן קומט אים אָן זעהר לייכט; ס׳זיינען דאָ טעג, וואָס אין יעדן פון זיי שרייבט ער אָן אַ נייע סקיצע אין יידיש. אגב, האָט ער זיך מיט מיר געהאַלטן אַן עצה, וואָס צו טון מיט די דאָזיגע סקיצעס, ד. ה. וואו צו דרוקן זיי. פריער אַ ביסל וואָלט ער זיי צוגעשיקט זיין „בן-עיר“ (מיט די ווערטער האָט פּרץ געמיינט צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פון׳ם „יידישן פאָלקסבלאַט“, וועלכער איז געווען אַ געבאָרענער אַ זאַמאָשצער), אָבער איצטער, אַז דאָס בלאַט איז איבערגעגאַנגען צו דעם מטורף י ש ר א ל ל ע ו ו י, וועלכן ער קאָן אָר־גאַניש ניט ליידן, ווייס ער ניט וואָס צו טאָן. איך האָב בשעת מעשה פאַר פּרצ׳ן קיין עצה ניט געהאַט, און האָב אים צוגעזאָגט זיך מישב צו זיין וועגן דעם אין וואַרשע—וואוהין איך האָב געדאַרפט אָפּפאָרן פון פּלאָצק—מיט באַ־קאַנטע ליטעראַטן.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז אין וואַרשעווער ליטעראַרישע קרייזן האָט מען אין יענער צייט שטאַרק אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן דעם, אַז דער באַ־קאַנטער יידישער הומאָריסט שלום-עליכם, וועלכער איז פּלוצים געוואָרן אַ גביר אַדיר, טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ יידיש זאַמל-בוך מיט דעם אָנטייל פון די גרעסטע יידישע שרייבער. איך האָב וועגן דעם תיכף מודיע געווען פּרצ׳ן און האָב אים פאָרגעלעגט, אַז אויב ער האָט ביי זיך עפּעס רעכטס, טאַקע משופרא דשופרא, זאָל ער עס נעמען באַלד און צושיקן שלום עליכמ׳ן. באַקומען מיין בריוו, האָט זיך פּרץ אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן זיין קלאַסיש געוואָרע־נע, ברילליאַנטענע באַלאַדע „מאָניש“. מיט דער דאָזיגער באַלאַדע, וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינ׳ם ערשטן באַנד פון שלום עליכמ׳ס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט זיך פּרץ באַלד קונה שם געווען, ווי אַן אמת׳ער פּאָעט. כמעט אַלע, וואָס האָבן דעם דערמאָנטן זאַמל-בוך רעצענזירט, האָבן אייננ־

שטימט, אַז „מאָניש" איז אַ קינסטלער־ווערק, וואָס אין יידיש איז נאָך זיין גלייכן קיינמאָל ניט געווען.

ס'זיינען נאָך ניט אַריבער קיין צוויי וואָכן, זינט ס'איז אַרויס די „פאָלקס־ביבליאָטעק", האָב איך באַקומען פון פּרץ'ן אַ בריוו מיט אַ גרויסן „ויהי": שלום־עליכם האָט זיך באַגאַנגען מיט זיין „מאָניש" פונקט ווי די „הצפירה" מיט זיין „הציץ ונפגע", אויך אַרויסגעוואָרפן גאַנצע שטיקער, אין פיל ערטער אי־בערגעמאַכט, צעדרייט אַנדערע בתים מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, באופן, אַז ס'איז פאַרדאָרבן געוואָרן די ריכטיגע כּוונה. צו דעם דאָזיגן בריוו האָט פּרץ צוגעלייגט דעם אָריגינאַל פון „מאָניש", כּדי איך זאָל זעהן און זאָל זיך איבערצייגן.

דעם לעזער, וואָס וויל זיך גענויער באַקענען מיט די איינצלנע משונה־דיגע פאַרענדערונגען און תקונים, וואָס שלום־עליכם האָט געפונען פאַר נויטיג צו מאַכן אין פּרץ'ס „מאָניש", שיק איך אָפּ צו דער יובליי־אויסגאַבע פון פּרץ'ס ווערק. איך וויל דאָ נאָר אָנווייזן אויף עטליכע זעהר כאַראַקטעריסטישע שינויים, וואָס ווי מ'זאָל זיך דעם קאָפּ ניט ברעכן, קאָן מען בשום אופן ניט פאַרשטיין, וואָס שלום־עליכם איז מיט זיי אויסן געווען, און ווי אַזוי ס'האָט זיך אים גאָר געלייגט אויפן זינען, אַז ז י י נ ע אויסדריקן פּאַסן בעסער פאַר פּרץ'ס.

פּ ר ץ האָט אָנגעהויבן זיין באַלאַדע מיט די דאָזיגע ווערטער:

„ס'איז געווען אַמאָל איין עלוי,
ניט געקענט די וועלט אַפילו".

קומט ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם און פאַרריכט אויף ד ע ם שטייגער:

„געווען אַמאָל איז אַ גרויסער עלוי
ער האָט די וועלט נישט געוואוסט אפילו".

פּ ר ץ מעלט מאָנישעס משפּחה, וועלכע איז געקנאָטן פון לויטער לומדים, און זאָגט:

„סאַמע גאונים און למדנים
מיט איין „אלף־בית רבנים"
ס'קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן:
זיי וועט אַללע איבעריאָגן,
מאָניש, אונזער העלד!"

קומט שלום־עליכם און וואַרפט דאָס אינגאַנצן אַרויס.

פּ ר ץ וויל געבן דעם לעזער אַ באַגריף פון דער צייט, אין וועלכער די געשיכטע האָט פּאַסירט, און וואַרפט אַרויף אויפן פּאַפּיר די דאָזיגע העכסט מאָלערישע שטריכן:

„געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך די אַלטע בעלי־בתים,

כּיס מעשענע בריללען
און זילבערנע בתּים
*
גאָלד די עטרות
און אייזן די מחות...
אַנדערע יאָרן,
אַנדערע כּחות...
*
פולל ס'בית־המדרש
און טאַקי מיט קאָפּ
מען לערנט נאָך אין פּאָליש
מען לערנט אויף די טרעפּ" א. אַז. וו.

קומט שלום־עליכם און געפינט, אַז דאָס איז אינגאַנצן איבעריג און מעקט דאָס אויס.

פרץ מאָלט אַזאַ בילד:

„און געגן דעם צהר
קאָמט אַללע אין דער פריה;
לילית די גאָלדענע
לאָקקן זיך צו".

געפעלט ניט שלום־עליכמ'ן דאָס וואָרט „לאָקען" און בייט עס איבער אויף „האָאָר".

פרץ פרעגט:

„צו פלאַצען די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?"

געפעלט דאָס אָבער ניט שלום־עליכמ'ן און ער פרעגט כּהאי לישנא:

„צו פלאַצן סאָסנעס
און דעמבעס אין וואַלד?"

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. ס'איז זיך נאָך דעם לייכט פאָרצושטעלן דעם צער און עגמת־נפש, וואָס די דאָזיגע תּיקונים האָבן פאַרשאַפט פרצ'ן.

ווי ווייט די דערמאָנטע געשיכטע מיט זיין „מאָנישן" פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט פאַרביטערט פרצ'ן, באַווייזט דער דאָזיגער פאַקט: דעמזעלבן יאָר אין אָנהויב ווינטער האָב איך, און נאָך אייניגע יונגע ליטעראַטן מיט מיר, געחלומ'ט אַרויסצוגעבן אַ העברעאישן זאַמל־בוך. פרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט זיין מיטאַרבעטערשאַפט און האָט עס אויך באַלד מקיים געווען. ער האָט מיר צוגעשיקט פאַרן זאַמל־בוך זעהר אַ געלונגענע אי־בערזעצונג פון היינעס „דיספוטאַציאָן" און דערצו אַ פובליציסטישן אַרטיקל מיט דעם נאָמען „אספו ידיכם!". וועלכער איז געווען אַ מין פלאַמענדיגער אויפרוף צו די יידישע שרייבער, אַז זיי זאָלן ניט בּערלאָזן די רעדאַקטאָרן

קריכן זיך אויפן קאָפּ און באַגיין זיך אומצערעמאָניש מיט זייערע ליטעראַרישע אַרבעטן. דער אַרטיקל האָט זיך געענדיגט מיט אַן אָריגינעלן פאָרשלאָג, אַז די יידישע שרייבער זאָלן צונויפרופן ערגעץ־וואו אַ קאָנפערענץ צו מישב זיין זיך וועגן זייערע פּראָפעסיאָנעל'ע אינטערעסן און אָנצונעמען באַשלוסן קעגן דער מוטוויליגקייט (אין העברעאישן טעקסט—געדענק איך—האָט דאָס געהייסן „שרירות־לב״) פון די רעדאַקטאָרן.

פון דער צווייטער זייט האָט דער זעהר גרויסער ערפאָלג, וואָס זיין „מאָגיש״ האָט געהאַט ביים יידישן פּובליקום, צוגעגעבן פּרצ'ן פיל מוט ווייטער צו פירן זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט. דעמזעלבן ווינטער האָט ער מיר צוגעשיקט אַ העפט מיט צוועלף פון זיינע נייסטע יידישע ערציילונגען און האָט מיר געבעטן דערביי צו זעהן געפינען אַ דרך, ווי אָפּצודרוקן זיי אין וואַרשע. קיין האָנאָראַר האָט ער פאַר זיי ניט פאַרלאַנגט, נאָר אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן. אַז איך האָב איבערגעלייענט די ערציילונגען און העכסט אַנטציקט געוואָרן, האָב איך זיי באַוויזן ד י נ ע ז אָ נ ע ן, דינעזאָן, וועלכער איז, ווי באַוואוסט, די לעצטע 25 יאָר געוועזן פּרצ'ס נאָהענטסטער און אינטימסטער פריינד, האָט נאָך דאַמאָלסט פּרצ'ן ניט געקענט, מער ניט, וואָס ער איז אונטער די אויגן געוואָרן זיינער אַ הייסער חסיד, זינט ער האָט אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק״ דורכגעלייענט זיין „מאָנישן״. די ערציילונגען האָבן געמאַכט אויף דינעזאָנען זעהר אַ שטאַרקן איינדרוק, און ס'איז ביי אונז געבליבן מהנה צו זיין מיט זיי נאָך איינע באַקאַנטע וואַרשעווער ליטעראַטן. אין אַ געוויסן אָוונט האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקליבן ביי ס פּ ע ק ט אָ ר ן, וועלכער האָט צו יענער צייט אַרויסגעגעבן דאָס יאָר־בוך „הויז־פריינד״, און דאָרטן האָט ספּעקטאָרס געוועזענער שוועער א. ש. פרידבערג (דער דאַמאָלסטיגער צענזאָר פון יידישע ביכער אין וואַרשע) פאָרגעלעזן פּרצ'ס ערציילונגען פאַר איינע ליטעראַטן. דער אַלגעמיינער רושם פון די ערציילונגען איז געוועזן אומגעהייער גרויס. אַלע האָבן דערפילט אין פּרצ'ן אַ נייע געוואַלדיגע ליטעראַרישע קראַפט. ס'איז ביי אונז באַשלאָסן געוואָרן צו זוכן און צו געפינען אַ פאַרלעגער, וואָס זאָל אָפּדרוקן אויף זיינע הוצאות די דאָזיגע פּרצ'ס ערציילונגען, און דינעזאָן האָט אויף זיך גענומען משתדל צו זיין זיך אין דער זאַך.

איך האָב דאָס באַלד מודיע געוועזן פּרצ'ן און האָב אים פאָרגעשלאָגן אויפצוטראָגן זיך וועגן זיינע ערציילונגען מיט דינעזאָנען. אויף דעם האָט מיך פּרץ געבעטן געריסן אין זיין נאָמען אומבאַקאַנטער־ווייז דינעזאָנען און צו זאָגן אים, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט לעזנדיג אין שלום־עליכמ'ס „פאָלקס־ביבליאָטעק״ זיין בילד „קרעפּלעך זאָלסטו עסן״. צו דעם האָט מיך נאָך פּרץ געבעטן באַזונדער, איך זאָל אים שרייבן, וואָס פאַר אַ סאָרט מענש איז דינעזאָן, צי כ'לוינט זיך קאָרעספּאָנדירן מיט אים א. אַז. וו. וועגן מיין תשובה פּרצ'ן האַלט איך דאָ איבעריג אַ וואָרט צו זאָגן: איר אינהאַלט גייט שוין אַרויס געניג קלאָר און דייטליך פון דעם ברידערליכן בונד, וועלכער איז באַלד נאָך

דעם געשלאָסן געוואָרן צווישן פרצ'ן מיט דינעזאָנען און וועלכער ס'האָט זיך געצויגן ביז פרצ'ס לעצטע מינוט...

דער רעזולטאַט פון דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען, אַז דינעזאָן אַליין איז געוואָרן דער פאַרלעגער-אַרויסגעבער פון די דאָזיגע פרצ'ס ערציילונגען, וועלכע האָבן פרצ'ס נאָמען נאָך פיל פּאָפּולערער געמאַכט.

III.

פרצ'ס ליבע צו קליינע קינדער.—פרץ פירט די זאַמושטשער תלמוד-תורה קינדער אויף פרישע לופט.—פרץ אין דער זאַמושטשער תלמוד-תורה.—זיין ויכוח מיטן מלמד.—אַן עבירה אַ פּסוק רש"י.—פרצ'ס נסיעה מיט דעם יינגל אין דאָרף אַריין.—פרצ'ס קינדער-מעשה'לאַך.—דאָס יינגל מיט דעם פּאַקטערס מיידעלע.—פרץ פאָרט צוריק מיטן יינגל אין שטאָט אַריין.—פרץ לערנט איין מיט דעם יינגל דעם פּסוק רש"י.—פרץ שיקט אַ צעטעלע צום מלמד פון תלמוד-תורה.

פרץ האָט פון שטענדיג אָן זעהר ליב געהאַט קליינע קינדער. די קינדערשע וועלט מיט אירע ליידן און פריידן האָט אים תמיד זעהר פאַראינטערעסירט, און ער האָט זיך ליב געהאַט צו פאַרטיפן אין איר. דער גורל פון אונזערע קליינע קינדער, באַזונדערס פון די אַזויגערופענע „בני-עניים שמהם תצא תורה", איז אים זיין גאַנץ לעבן-לאַנג געלעגן נאָהענט צום האַרצן. אין טיפן טרויער איבער דעם ביטערן שיקזאַל פון די פאַרוואָרלאָזטע יידישע קינדער איז, ווי באַוואוסט, אויסגעגאַנגען פרצ'ס נשמה...

פרצ'ס באַזונדערע ליבע צו קינדער האָט זיך נאָך ביי אים אַרויסגעוויזן אין די מיטעלע 70-גער יאָרן פונם פאָריגן יאָר-הונדערט, בעת ער האָט געוואוינט אין זאַמאָשץ און זיך באַשעפטיגט מיט אַדוואָקאַטוריע. באַזונדערס פלעגט אים קריינקען צוקוקנדיג זיך ווי אַ לאַנגן זומערדיגן טאָג, אין די גרעסטע היצן, האַלט מען קליינע, ברעקלעך קינדער אויפגעפרעסט צוזאַמען ווי די הערינג אין דער איינגער ד' על ד' איילנדיגער שמוציגער תלמוד-תורה, וואו מ'מאַטערט זיי און מ'ציט ביי זיי אַרויס די עצמות ביז אַ שטיק אין אָונט מיט ניט פאַר זיי צוגעפּאַסטע חדושי-תורה. „מיין האַרץ פלעגט מיר באַגאָסן ווערן מיט בלוט— האָט מיר אַמאָל פרץ דערציילט—זעהענדיג ווי די שטעטלדיגע שקצים לויפן אַרום גאַנצענע טעג בהרחבהדיג אויפן פרייען פעלד, זאַפּן אין זיך איין מיט דער פולער ברוסט די פרישע זומער-לופט און שעפּן זיך אָן מיט פולן געזונד פון גאָטס נאַטור, בעת זייערע יידישע חברים זיצן נעבאַך און שוויצן אין דער פאַרשטיקטער חדר'דיגער און תלמוד-תורה לופט, און בלייבן דאָרטן אָן כוחות". און פרץ האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן ווי און אויף וואָס פאַר אַן אופן אַ ביסל לייכטער צו מאַכן דעם דאָזיגן עלענד פון די יידישע קינדער, און איז צום סוף געפאַלן אויף אַ המצאה.

דריי מאָל אין וואָך פלעגט פרצ׳ן אויסקומען צופאָרן צוליב זיינע אַד־וואָקאַטישע אינטערעסן אין דעם גמינעם סוד, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף, אַ וויאָרסט 30 פון זאַמאָשץ. איז שוין ביי פרצ׳ן געוואָרן כמעט ווי אַ מנהג צוצופאָרן זומער־צייט איטליכעס מאָל צו דער תלמוד־תורה, אויסקלייבן דאָרטן פון די תלמידים אַ ייִנגעלע און נעמען אים מיט אין דאָרף אַריין. פאָ־רענדיק פלעגט זיך פרץ אונטערהאַלטן מיטן ייִנגעלע אויפן קינדערשן שטיי־גער, פאַראינטערעסירן אים מיט דער אַרומיגער נאַטור, אויפמערקזאַם מאַכן אים אויף דאָס און אויף יענץ, ערקלערן אים די און יענע ערשיינונג. אָנקומענדיק אין דאָרף פלעגט פרץ די ערשטע זאַך אַריינפירן דעם ייִנגעלע צום ייִדישן פאַקטער און הייסן אים געבן אַ פאָר גלאָז פרישע מילך, אָט ערשט פון דער בהמה, מיט אַ גוטן, זאַטן פרישטיק. דערנאָך אַריינגעפירט אים אין וואַלד, איבערגעלאָזן אים דאָרטן אונטער דער השגחה פונ׳ם פאַקטערס קינדער, און אַליין אַוועק אין—סוד. אָפּגעפטר׳ט דעם סוד, האָט זיך פרץ ווידער גע־נומען צום ייִנגל, ערקוויקט אַ ביסל זיין יונג הערצל און ווייטער אַריינגעפירט אים אַליין אין וואַלד, אָנגעוויזן אים אויף יעדער גרעזעלע, און אַזוי אַ פאָר שעה נאָכאַנאַנד. דאָס ייִנגעלע פלעגט צוריק קומען אין שטאָט ווי אַ באַ׳כשופ־טער, און פלעגט ניט אויפהערן צו דערציילן נאָכאַנאַנד מיט גרויס התלהבות זיינע איינדרוקן אין פעלד און אין וואַלד און באַזונדערס פונם פעטער יצחק ליבוש׳ס זיסינקע מעשה׳לאַך, באופן, אַז זיינע חברים, די תלמוד־תורה׳ניקעס פלעגן שוין יעדערער וואַרטן אויף זיין „אָטשערעד״ מיט דער ברענענדיגסטער אומגעדולד, און ווי פרץ פלעגט נאָר אַריינקומען, פלעגט די גאַנצע מאַסע יונגינקע, קליינינקע מיילכעלעך אויסשיסן מיט אַמאָל: „מיך, מיך, נעמט מיך!״...

די אָרטאָדאָקסישע אָנפירער פון דער זאַמאָשצער תלמוד־תורה האָט אָבער די גאַנצע מעשה ניט געשמעקט. גלאַט מען נעמט אָרימע קינדער, און מען מאַכט זיי צולאָזן! מען מאַכט זיי פשוט ווילד! ווי קומען תלמוד־תורה־קינדער צו לופט־סמופט?! ווי קומען דאָס תלמוד־תורה־קינדער אַרומצושפּאַצירן? מ׳זאָל זיי אַזוי באַכגעבן, ווער ווייס וואָס עס קען נאָך פון זיי אויסוואַקסן! און ביי די גבאים פון דער זאַמאָשצער תלמוד־תורה איז געבליבן בהסכם אחד, אַז מען מוז זעהן מאַכן אַן עק צו דער לופט מיט דער אַרומשפּאַצירעניש. קיינער פון זיי האָט אָבער פרצ׳ן ניט געקענט מעיז זיין, דער עולם האָט געהאַט רעספּעקט פאַר זיינע... רוסיש, ער איז פאַרט דער איינציגער אין שטעטל, וואָס קען זיך אויסטענה׳ן מיט „נאַטשאַלסטוואָ״. האָט מען אָנגעסטרויעט די מלמדים, אַז זיי זאָלן זעהן זוכן און געפינען אַ דרך ווי פטור צו ווערן פון פרצ׳ס „לופט״, מיט פרצ׳ס „אַרומשפּאַצירעניש״.

איין מאָל, זייגער צעהן אין דער־פרי — דאָס איז געווען אין דעם אַ הייסן זומער־טאָג — איז פרץ צוגעפאָרן מיט זיין בריטשקעלע, ווי זיין שטייגער איז, צו דער תלמוד־תורה. אַריינגייענדיג אינווייניג האָט פרץ געפונען די קליי־נינקע עופה׳לאַך זיצנדיג און שוויצנדיג, מחילה, ווי אין באָד אויפן פאָל און

אַלע שרייען ווי אין אַ מאַגהויז און אַלע קוקן מיט רחמנות־פּנימלאַך אויפן געלן רבין, וועלכער זיצט אָן אַ קאַפּאָטע און מיט אַ היילן האַריגן בוזים, און איז כלו — גרימצאָרן. ווי די קינדער האָבן נאָר דערזעהן פּרצ׳ן איז תיכּף צווישן זיי געוואָרן דער געוויינליכער ליאַרעם מיט׳ן געפּילדער: „נעמט מיך! מיך!״

און פּרץ שטייט און שמייכלט זיס און באַרוהיגט די קינדערלאַך מיט זיינע ווייכע, זיסע ווערטער: איינציגוויז, איינציגוויז, קינדערלאַך, מיין ווע־געלע איז, ווי איר זעט, אַ גאַנץ קליינינקער, אַלע מיט אַמאָל קענען ניט פאָרן. „היינט נעם איך אָט דעם!״ און ריידנדיג האָט פּרץ אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ קליינינקן אויסגעמאָגערטן און ווי אַ שניי בלאַסינקן ייִנגעלע מיט צוויי גרויסע קאַרשן־אויגן, וועלכער איז געזעסן אָן אַ זייט אין אַ ווינקל.

דער מלמד, וועלכער האָט שוין געהאַט וועגן דעם אַ פּאַרטיגע אינסט־רוקציע פון די גבאים, איז די ערשטע מינוט געווען צוטומלט געוואָרן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ טאָן ער זאָל דאָ כאַפּן. ער האָט אָבער באַלד אָנגעגורט די לענדן און געזאָגט:

— הערט נאָר, ר׳ יצחק ליבוש! דאָס גייט ניט.

— וואָס הייסט? — האָט פּרץ געפרעגט שטאַרק פאַרוואונדערט.

— עס הייסט: איר נעמט אויף זיך אַ שווערע עבירה.

— וואָסער עבירה?

— איר ברענגט קליינע קינדער צו ביטול תורה.

דאָ איז פּרץ אַריין מיטן מלמד אין אַ ויכוח. ס׳האָט אָבער ניט גע־האָלפן: דער מלמד איז געבליבן ביי דאָס זייניגע. צום סוף האָט פּרץ אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט איר וואָס? איך האָב אַ פּלאַן, אַז דאָס ייִנגעלע זאָל זיך מיט מיר דורכפאָרן, און זאָל דאָך ניט קומען צו ביטול תורה.

— אַ פּלאַן? ווי אַזוי? — האָט דער מלמד געפרעגט גאַנץ ערשטוינט — האָ כיצד? ווי איז דאָס דען געמאָלט, אַז מען זאָל אַ טאָג אַ יאָר ניט לערנען און ניט מבטל זיין פון תורה?

— די זאַך איז גאַנץ פּשוט — האָט פּרץ געענטפערט, און געווענדעט זיך בעת־מעשה צו דעם ייִנגעלע מיט די קאַרשן־אויגן:

— זאָג מיר, מיין ליבינקער, וואָס לערנט איר דאָ היינט?

— רש״י!

— וועלכע רש״י, ד. ה. צו וועלכן פּסוק? — האָט פּרץ געפרעגט.

דאָ האָט זיך דער מלמד אַרויסגעכאַפּט:

— אַ שיינע שטיקל רש״י, אַ וויכטיגע שטיקל רש״י, אָבער אַ גאַנץ שווערע, מ׳דאַרף גוט צו לייגן צו איר דעם קאָפּ. מיר הויבן ערשט אָן.

— איך האָב געוואָלט וויסן אויף וועלכן פּסוק...

— וואָס מאַכט דאָס אייך אויס אויף וועלכן פּסוק? אויף יעדן

פסוק איז דאָ רש״י, און אַז מען לערנט ניט קײן רש״י, איז אויך ביטול תורה.

— אָבער פּ אָ ר ט אויף װעלכן פּסוק? — האָט פּרץ געפרעגט.

— אויף דעם פּסוק: „לא תבשל גדי בחלב אמו״ — האָט דער מלמד געענטפערט און מוסיף געװען אויף דעם: איר װײסט דאָך, בודאי, ר׳ יצחק ליבוש, אַז דער דאָזיגער פּסוק געפינט זיך אין דער תורה דרײַ מאָל; קומט רש״י און דערקלערט אַז: אחד לאיסור אכילה, אחד לאיסור הנאה ואחד לאיסור בישול. דאַרף מען...

— שײן, שײן — האָט אים פּרץ איבערגעריסן — ז ע ה ר װיכטיג, זעהר װיכטיג! װײסט איר װאָס? אָט א י ך נעם זיך אָן אײַנצוחזר׳ן מיט דעם ײנגל די שטיקל רש״י.

— װאָס רעדט איר, ר׳ יצחק ליבוש, װי קומט דאָס צו אײַך? אַ מלמד זײַט איר?

— אָט קוקט און שװײַגט — האָט פּרץ געזאָגט — מאָרגן זײַן דער פּרי, אַז דאָס ײנגל װעט צו אײַך קומען, װעט ער זײַן קלאָר אין די רש״י װי אַ װאַסער.

און פּרץ האָט דעם ײנגעלע מיט די קאַרשן־אויגן אָנגענומען פאַרן האַנט׳ און אַרויס מיט אים אויפן גאַס צו דער בריטשקע.

און דער מלמד האָט באַגעשריען נאָכן ײנגל:

— געדענק, דו זאָלסט מאָרגן קומען צו גײן מיט דער פאַרטיגער רש״י! װען ניט...

װי נאָר די בריטשקעלע איז אַרויס אונטערן שטאָט, און איז אַרײַן אין דעם ים פון תבואה־זאַנגען, װעלכע האָבן זיך הויך ערהויבן פון בײדע זײַטן װעג, האָט זיך פּרץ פונאַנדערגערעדט מיטן ײנגעלע און האָט אים גענומען דערצײלן אַ גאַנצן ספּור־המעשה מיט אַ װאונדער־שײנער בת־מלכּה, װאָס האָט געהאַט לאַנגע גאָלדענע צעפּ מיט טיפע בלויע אויגן און האָט געװאױנט אין אַ גלעזערנעם שלאָס אויף אַ שפּיץ באַרג און האָט געזאָגט שירה מיט די פײגעלאַך א. אַז. װ. און דער ײנגעלע הערט זיך צו אויפמערקזאַם, שלינגט די װערטער, און קװעלט זיך אָן פון נחת. און פּרץ הײסט אָפּשטעלן די בריטשקעלע, גײט אַראָפּ מיטן ײנגעלע אין װאַלד אַרײַן, זעצט זיך מיט אים אַװעק אויפן גראָז, גיט אים איבערבײסן, און הײסט אים דערנאָך שפּרינגען, טאַנצן, און שפּרינגט מיט אים מיט, און טאַנצט מיט אים מיט... און מ׳שטײט אויף און מ׳פאָרט װײַטער ביז אין דאָרף אַרײַן. דער פאַקטאָר װײס, אַז דינסטאָג האָט ער פאַר אַ גאַסט פּרץ׳ן מיט אַ ײנגעלע, און עס שטײט שוין אַ פאַרטיגער פרישטיק, און דעם פאַקטערס מײדעלע שטײט און קוקט שוין אויס מיט אומגעדולד דעם חבר, װאָס דאַרף קומען פון שטאָט און שפּילן זיך מיט איר אין פערדלאַך... פּרץ האָט זיך אָפּגעפאַרטיגט אין סוד, קומט צוריק, נעמט דאָס ײנגעלע מיט דער מײדעלע און גײט מיט זײ אַװעק אין װאַלד אַרײַן, און לאָזט זיך מיט זײ שטיפן, קונדס׳עװען, הײסט זיך דעם ײנגעלע ראַנגלען מיט

דער מיידעלע, זעהן ווער עס איז שטאַרקער... און שטאַרקער איז די מיידעלע, ניט אומזיסט: אַ פּאַקטערס אַ טאָכטער, ערצויגן אויף מילך און אויף פּוטער און אויף פרישע וואַלד־לופט. אָפּגעפּטר׳ט דאָס שפּילן און מען פאָרט אַהיים, אין שטאָט אַריין. פאָרנדיג באַרימט זיך דער ייִנגעלע, אַז ז י י ן קליין שוועסטערל לייגט ער אַוועק 10 מאָל אַ טאָג מיטן קלייניקן פינגערל, און ד י איז עפּעס אַזאַ גבור׳טע מיט רויטע באַקן... און פרץ טרייסט דעם ייִנגעלע, גלעט אים זיינע שטרויענע בעקלאַך, און איז אים מבטיח, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אויך ווערן שטאַרק... און מ׳פאָרט ווייטער. פּלוצים באַמערקט פרץ, אַז דער ייִנגל האָט אַראָפּגעלאָזן דעם נעזל און איז עפּעס אומעטיג געוואָרן. באַלד האָט ער זיך טאַקע פונאַנדערגעכליפּעט אויפן קול.

— וואָס איז דיר, ייִנגעלע? וואָס ווייִנסטו?

און דער ייִנגעלע האָט געענטפערט ווייִנענדיג:

— איך האָב פאַרגעסן... דערמאָנען אייך... וועגן דער רש״י...

— אי, טאַקע דו ביסט גערעכט! — האָט זיך פרץ אַ כאַפּ געטאָן — גיכער, גיכער נאָמיר זיך נעמען צו דער רש״י...

— וואָס טוט מען — האָט דער ייִנגעלע קוים אַרויסגערעדט — איך האָב פאַרגעסן מיט צו נעמען דעם חומש...

— מ׳דאַרף ניט! מען דאַרף ניט! — האָט אים פרץ געטרייסט — איך ווייס אויף אויסוויינינג, אָט הער זיך איין...

און פרץ האָט אים אָפּגעזאָגט אַפריהער דעם פּסוק חומש, דערנאָך די רש״י מיט דעם גאַנצן אויסרייד, און דעם קליינעם תּלמיד׳ל איז דאָס עפּעס אַלץ אויסגעקומען אַזוי גרינג, אַזוי לייכט פאַרשטענדליך, עפּעס גאָר ניט אַזוי ווי אין תּלמוד־תּורה, און באַלד האָט ער דאָס שוין אַריינגענומען אין קאָפּ, און איבערגעזאָגט פרצ׳ן אויסוויינינג וואָרט ביי וואָרט.

— איצטער האָסטו שוין פאַר דיין רבי׳ן ג אָ ר נ י ט וואָס מורא צו האָבן!... — האָט אים פרץ צוגעגעבן מוט.

און פרץ האָט עפּעס שנעל אויפגעצייכנט מיט אַ בליי־פעדער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און בעת די ברישקע איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט און ער האָט דעם ייִנגל אַראָפּגעלאָזן אויפן מאַרק, האָט ער אים דערלאַנגט דעם צעטעלע און געזאָגט:

— מאָרגן, אַז דו וועסט קומען אין תּלמוד־תּורה, זאָלסטו דאָס איבערגעבן דיין רבי׳ן.

אין צעטעלע איז געווען געשריבן די דאָזיגע ווערטער:

„וואָס מוטשעט איר, נעבאַך, עופעלאַך מיט איסורים און מיט לאַו׳ן?

„אין עסן און אין טרינקען מאַכט זיי בעסער באַהאַוון...

„וואָס אַרט זיי די ציקעלע געקאָכט אין די מילך פון דער מוטער?

„הונגעריג זייִנען זיי! גיט זיי בעסער אַ שטיקעלע ברויט מיט פּוטער.

„אַלא וואָס דען? איר האָט ניט פון די מינים—
„טאָ מאַטערט זיי ניט, לכל הכּחות מיט אייערע דינים,
„שוואַכט ניט אָפּ אונזערע בלוט־יונגינקע כּוחות,
„טריקנט ניט אויס אונזערע פרישע צאַפּלדיגע מחות.

IV.

פּרצ׳ס פּסיכאָלאָגישער עטיוד „ליל זועה״. — ווי די קריטיק פון דער רוסיש־יידישער זשורנאַליסטיק האָט אים אויפגענומען.—דער איינדרוק פון דער דאָזיגער קריטיק אויף פּרצ׳ן.—פּרץ אין פּעטערבורג.—ווער עס אַפּלאָדירט אים פאַר זיין „ליל־זועה״.

אין 1893־טן יאָר איז דאָס געווען: פּרץ האָט שוין דאַמאָלסט געוואוינט אין וואַרשע און געדינט ביי דער גמינע ביים „טויטן־טיש״, ד. ה. אַז איימי־צער איז געשטאָרבן, האָט מען אים ניט געקענט ברענגען צו קבר ישראל אָן פּרצ׳ס אַ צעטל. אין יענער צייט האָט שוין פּרץ אָנגעהויבן פּאָפּולער צו ווערן איןביידע ליטעראַטורן, אין דער העברעאישער און דער יידישער. ער האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט אַרויסגעגעבן זיין „יידישע־ביבליאָטעק״, און דער מבין האָט שוין אַרויסגעזעהן בחוש, אַז דאָס גייט אויף אַ נייער, גאַנץ גרויסער שטערן אויפ׳ן האָריזאָנט פון דער יידישער דיכטונג. פּרץ האָט נאָר וואָס אָנגע־הויבן זיך באַפרייען פון דער יידיש־ליטעראַריש־שעפערישער שאַבלאָנע און האָט גענומען ברעכן פאַר זיינע שאַפונגען נייע וועגן. אין דער צייט, האָט ער אָנגעשריבן אויף העברעאיש און אָפּגעדרוקט אין סאָקאָלאָוו׳ס „האסיף״ אַ זאַך מיטן נאָמען „ליל־זועה״ (אין יידיש הייסט דאָס: אַ „נאַכט פון שרעק״). דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישער עטיוד, אין וועלכן עס ווערט אָפּגעמאָלט דער פּאַ־טאָלאָגישער צושטאַנד פון אַ מענשן, וואָס זיין אייגענער „איך״ איז ביי אים אָפּגעטעמפּט געוואָרן און ער פילט זיך אַלס צוויי־לינג, ד. ה. צוזאַמענגעוועבט פון צוויי באַזונדערע פּערזאָנען. די זאַך איז אַ מייסטער־ווערק פון אַן ערשט־קלאַסיגן קינסטלער, און ביי היינטיגן טאָג איז זי שוין איבערגעזעצט אין פילע אייראָפּייאישע שפּראַכן. דאַמאָלסט איז דאָס נאָך אָבער געווען אַ נייס, באַזונ־דערס אין אונזער אָרימער ליטעראַטור, און פּרץ איז געוועגליך זעהר נייגעריג געווען צו הערן ווי וועט זיך אונזער קריטיק אָפּרופן אויף דער דאָזיגער נייס. די וואַרהייט מוז מען זאָגן, אַז די דאַמאָלסטדיגע געציילטע אמת׳ע ליטעראַטן האָבן זיך קנאַפּ וואָס גערעכנט מיט דער מיינונג פון דער אייגענער, ד. ה. פון דער העברעאיש־יידישער קריטיק. די דאָזיגע שיינע קריטיק איז נאָך דאַמאָלסט געלעגן אין די ווינדעלאַך. דערפאַר אָבער האָט מען זיך גערעכנט מיט דער פרעמדער קריטיק, מיט דער קריטיק פון דער רוסיש־יידישער

זשורנאַליסטיק, וואָס בראש פון איר זיינען געשטאַנען מענשן מיט קלינגענדיגע נעמען, וועלכע ווייסן גאַנץ גוט די אחריות פונ׳ם געדרוקטן וואָרט. באַזונדערס האָט מען זיך אין יענער צייט צוגעהערט צו דער מיינונג פונ׳ם קריטיקער פון „וואָסכאָד“, וועלכער האָט זיך אויף זיינע אַרטיקלען געחתמ׳ט מיטן פסעוודאָנים „קריטיקוס“, און אַלע האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אונטער דעם דאָזיגן פסעוודאָנים באַהאַלט זיך דער דאַמאָלסט שוין באַרימט־געוואָרענער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. דובנאָוו׳ס קריטישע מסקנות זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס לעצטע ווערטער, אַלס הלכות פסוקות, וואָס מען מוז זיי אָננעמען ווי זיי שטייען און גייען. אין דובנאָוו׳ס פעדער איז געלעגן דער גורל פון די דאַמאָלסטדיגע יידישע און העברעאישע שריפטשטעלער. האָט ער אָפגעפסק׳נט, אַז דער אָדער יענער שריפטשטעלער האָט קיין טאַלענט ניט, האָט שוין יענער געמעגט זיין אין אמת׳ן דער גרעסטער טאַלענט, איז שוין זיין שיקזאַל געווען אָנגעחתמ׳ט און קיין זאַך האָט שוין ניט געהאָלפן, כאָטש גיי און שריי: חי וקים! אַ קלייניגקייט אַביסל ווער דער פוסק איז? דער רוסישער מאָנאַטס־זורנאַל „וואָסכאָד“!... דער אָרגאַן פון די סאַמע אויבערסטע צעהן טויזנט!... פרץ האָט זיך אפילו מיט די אַוטאָריטעטן פון „וואָסכאָד“ ווייניג וואָס גערעכנט, און פון תּמיד אָן האָט ער געגלויבט מער אין זיינע אייגענע כחות; דאָך האָט זיך אים אויך געוואָלט הערן דובנאָוו׳ס מיינונג באַזונדערס וועגן זיין „ליל־זועה“, וואָס איז געווען לגמרי אַ נייער זשאַנר אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

היינט שטעלט זיך פאָר, אַז דובנאָוו איז געקומען און האָט אין „וואָסכאָד“ אַרויסגעטראָגן וועגן דעם „ליל־זועה“ דעם דאָזיגן פסק־דין, וועלכן איך גיב אייך דאָ איבער אין אַ ווערטליכער איבערזעצונג:

„די איינציגע אָריגינעלע ערציילונג אין דעם דערמאָנטן באַנד „אַ שרעקליכע נאַכט“ (אַ פסיכיאַטרישער עטיוד פון ל. פרץ) איז אָנגעשריבן מיט פרעטענזיעס, זעהר געצאַצקעט, און אין עפעס אַ געהויבענער שטימונג. די ערציילונג צייכנט זיך אָבער אויס מיט אַזאַ אינערליכער פוסטקייט, דאָס זי פאַרדינט לחלוטין ניט מ׳זאָל וועגן איר רעדן. בכלל רעכענען מיר, אַז אין דער העברעאישער בעלעטריסטיק, וועלכע איז זעהר אָרים אין רעאַליסטישע און פסיכאָלאָגישע ערציילונגען, איז נאָך צו פרי אַרויסצוטרעטן מיט „פסיכיאַטרישע“ ערציילונגען*).

„פסיכיאַטרישע“ אין גענזנפיסלאַך.

ווי איר זעהט: קורץ און שאַרף!

אָט אַזוי האָט דובנאָוו אַמאָל פאַרשטאַנען פרצ׳ן. און אַז דובנאָוו זאָגט, איז דאָס, מסתמא, תורת־משה, און אויסער אַ צוויי דריי ליטעראַטן מבינים, האָבן אַלע, און וועגן דעם פובליקום איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו רעדן, נאָר אפילו אין דער ליטעראַרישער וועלט,—געהאַלטן, אַז דער „ליל־זועה“ איז זעהר

*) „וואָסכאָד“, 1894, סענטיאַבר; ז. 30.

ניט קיין געלונגענע זאַך, און אַנדערע האָבן נאָך צו דעם צוגעלייגט: אַז אַזאַ טעמע איז בכלל ניט אָנגעמאָסטן פאַר פּרצ׳ן...

אַן אַנדערן, ניט פּרצ׳ן, וואָלט געוויס די דאָזיגע מיינונג פון דובנאָוון אָפּגעשלאָגן דעם מוט מיט דעם חשק צו ווייטערדיגע שאַפונגען, און מיר וואָלטן אַזוי דורך דעם געקענט, חלילה, פאַרלירן איינעם פון אונזערע בעסטע און גרעסטע טאַלענטן. צו אונזער גליק, און צום גליק פון אונזער ליטעראַטור, האָט דאָס אָבער געטראָפן פּרצ׳ן, וועלכער איז אויסער אַלע זאַכן געווען זעהר אַ שטאַרקע פּערזענליכקייט, און זעהר געגלויבט אין זיך, ווי איך האָב שוין דאָס פריהער אָנגעמערקט. דובנאָווס קריטיק האָט אויף אים קיין שום רושם ניט געמאַכט, און ער איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג, און קיינמאָל ניט געשוואומען מיטן שטראָם. אין וואַרשעווער יידישע ליטעראַרישע קרייזן איז דאַן אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, וואָס פּרץ האָט דאַמאָלסט געזאָגט איינעם פון זיינע באַקאַנטע וועגן דעם דאָזיגן אינצידענט: „איך האָף, אַז די גוים וועלן מיר נאָך אַמאָל פאַרשטיין”.

און אַ יאָר 17–18 זיינען אַריבער, און פּרצ׳ס האָפענונג איז מקוים געוואָרן. פּרץ איז געגאַנגען און געוואַקסן און געוואָרן גרויס, זעהר גרויס. די יידישע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, אָט די זעלביגע אינטעליגענץ, וועלכע האָט ביז אַהער געשעפּט אירע מיינונגען וועגן יידישע קינסטלערישע שאַפונגען און וועגן יידישע קינסטלער פון דעם רוסישן „וואָסכאָד”—אָט די זעלביגע אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פּרצ׳ן פאַר איר גייסטיגן פירער, פאַר איר וועג־ווייזער. און די פאָרשטייער פון דער דאָזיגער אינטעליגענץ האָט אָנגענומען אַ שטאַרקע תשוקה קענען צו לערנען דעם פירער פּערזענליך און צוצוהערן זיך צום דיכטערס ווערטער פון זיין אייגענעם מויל, און האָבן אַראָפּגעבראַכט פּרצ׳ן קיין פּעטערבורג. און פּרצ׳ס זיין אין פּעטערבורג איז געווען אַן אַפּאָפעאָז פאַר דער יידישער דיכטונג און פאַר דעם יידישן וואָרט. די יידישע אינטעליגענץ האָט איבער פּרצ׳ן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט אים, פּשוט, אויף די הענט געטראָגן, און אַ פיל־טויזנט־קעפּיגער עולם, פון אַלע פאָלקס־שיכטן, האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין זומער־טעאַטער הערן פּרצ׳ן לייענענדיג זיינע ווערק. און עד היום ווייס איך ניט, צי איז דאָס נאָר געווען אַ בלויזער צופאַל, אָדער פּרץ האָט דאָס געטאָן מיט אַ געוויסן מיין: די ערשטע זאַך, וואָס פּרץ האָט דאַמאָלסט פאָרגעטראָגן איז געווען דער „לילי־זועה” (אַ „נאַכט פון שרעק”), און אַז פּרץ האָט דאָס געענדיגט לעזן, האָט דער גאַנצער זאַל געדונערט פון די אַפּלאָדיסמענטן, און איינער פון די שטאַרקסטע אַפּלאָדירער איז געווען אויך זיין אַמאָליגער אומבארחמנות׳דיגער קריטיקער סעמיאָן יאַקאָוולעוויטש דובנאָוו!...

V.

פרץ האַלט אַ כאַ־טראַג אין ווילנע.—דער באַנקעט לכבוד פרצ'ן.—פרץ אין אַ אינטימען קרייזל פון די ווילנער ליטעראַטן.—פרץ פרעגט אַ רעטעניש.—מ'פרובט זיך טרעפן.—פרץ גיט דעם ריכטיגן פּתרון.

פּורים, 1912=טן יאָר, איז פרץ געקומען אויף אַן איינלאַדונג צו אונז קיין ווילנע, און האָט געהאַלטן אַ פאָרטראָג. ירושלים דליטא האָט גע=וואוסט אָפּצוגעבן דעם גרויסן יידישן דיכטער זיין געהעריגן כבוד. פון בייזע צינגער—און אפשר ג י ט פון קיין בייזע—האָט פרץ געהערט, אַז די ווילנער יידישע אינטעליגענץ איז אַסימילירט, און דעריבער זיינען פאַר אים די רע=דעס, וואָס באַקאַנטע אינטעליגענטע פערזענליכקייטן האָבן געהאַלטן אויף זיין באַנקעט, אַן אמת׳ער סיורפּריז געווען, און האָבן אים אַנגענעם איבעראַשט. אַזוי האָט ער מיר דאַמאָלסט אויסדריקליך געזאָגט. פון ווילנע צוריק קיין וואַרשע האָט פרץ געדאַרפט אָפּפאָרן אויף מאָרגן מיטן פאַרטאָגעדיגן שנעל=צוג. ער האָט איינגעלאַדן אייניגע פון זיינע גוטע באַקאַנטע ליטעראַטן צו פאַרברענגען מיט אים ביחידות ביז דעם צוג=אָפּגאַנג. צונויפגעקליבן האָבן זיך עפּעס מער פון אַ האַלבן מנין. האָט מען געוואָלט האַלטן לכבוד אים רעדעס אויף אַ ביסל משקה—האָט פרץ ניט דערלאָזן; א י ך האָב געוואָלט דורכלייענען אַ הומאָרי=סטישן בריוו, וועלכן פרץ האָט מיר אַמאָל געשריבן וועגן פרישמאַנס באַקאַנטע פּאָעמע „אופיר”, וואָס איז געווען געדרוקט אין שלום=עליכמ׳ס „פאָלקס=ביבליאָ=טעק”,—האָט פרץ נ י ט דערלאָזן: אַ תּירוץ: פרישמאַן איז דערביי ניטאָ, קען מען אים אונטער די אויגן ניט קריטיקירן. איך האָב געוואָלט דערציילן, ווי אַזוי פרץ האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, און ווי אַזוי איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט געמאַכט מיט דינעזאָנען,—האָט פרץ ניט דערלאָזן; א י ך ל ע ב נ א ך, האָט ער געזאָגט; נאָמיר זיך בעסער אַ ביסל משמח זיין. אָט האָט מען זיך אָנגעהויבן לוסטיג מאַכן; מ׳האָט געזונגען און מ׳האָט געכאַפּט אַ טענצל. דאָס איז נאָך אָבער גאַנץ ווייט געווען פון אַ ג אַ נ צ ע ר שמחה, פון אַ ח ס י ד י ש ע ר שמחה, ווי פרץ האָט האָלט געהאַט. מ ע כ אַ נ י ש זיינען געווען די געזענג, און אַ ו ט אָ מ אַ ט י ש זיינען געווען די טענץ; ס׳האָט אין זיי געפעלט דער אינעוווייניגסטער פונק, וועלכער פלאַמט אויף די בעפּילן.

פרץ האָט דאָס גוט באַמערקט און האָט געזאָגט:

— איך וויל ביי אייך פרעגן, רבותי, אַ קליינע פראַגע, און דער וואָס האָט עפּעס צו ענטפערן—זאָל ענטפערן.

און פרץ האָט געפרעגט:

— אפשר קענט איר מיר ערקלערן די סיבה פון דער וואונדערליכער ערשיינונג, וועלכע איך זעה ניט בלויז היינט דאָ ביי אונז, נאָר אויך אומעטום:

עס קלײַבן זיך צונויף ייִדישע שריפטשטעלער צוזאַמען, כּדי צו פאַרברענגען אין אַ אמת׳ער פרײליכער, האַרציגער שטימונג, און קײנמאָל גיט זיך דאָס זײ ניט אײַן. קײנמאָל קומט דאָס בײַ זײ ניט אַרויס נאַטירליך, קײנמאָל שטאַמט דאָס ניט פון טיפן האַרצן, פון אינווײניגסטן געפיל. האָט מען זיך אויף אַ װײַלע פאַרקלערט, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן תּשובֿות. אײנער האָט געזאָגט: די דאָזיגע ערשײנונג זעט מען ניט בלויז בײַ ייִדישע שריפטשטעלער אַלײן, נאָר אויך בײַ זײערע, בײַ די גוי׳אישע ליטעראַטן. זײ, אַז זײ קלײַבן זיך צונויף צוזאַמען, כּדי גײסטיג־לוסטיג צו פאַרברענגען, גיט זיך דאָס זײ אויך ניט אײַן. דער טעם דערפון איז גאָר אַ פּשוט׳ער: יעדער שריפטשטעלער איז אַ באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע װעלט אַן און פאַר זיך, און די דאָזיגע פאַרשײדענע װעלטן קענען זיך האַרמאָניש ניט אויפגיסן צוזאַמען. אַ ראיה דערצו קען מען ברענגען פון די באַװאוסטע פראַנצויזישע שריפטשטעלער װי אַנאַטאָל פראַנס, למשל, און אַנדערע: זײ, אַז זײ פילן דאָס באַדערפעניש לוסטיג צו פאַרברענגען צוזאַמען, ברענגען זײ אַראָפּ צו זיך אַן אַרטיסטין פון דער אָפּערע... נאָך אײנער האָט אָנגעװיזן, אַז די ייִדישע שריפטשטעלער פעלט פון דער נאַטור אָן דער אמת׳ער קװאַל פון שׂמחה. זײ פעלט דאָס געפיל פון דער יוגנטליכער פרײד. ייִדישע שריפטשטעלער װערן גיך אַלט, און די עלטער װײס ניט פון גאַנצע, פולקומע שׂמחות. נאָך אײניגע האָבן געפונען אויף דעם אַנדערע טעמים. אָבער פּרץ׳ן האָט קײן אײן תּשובֿה ניט צופרידן געשטעלט. מיט בליצענדע שלאָג־װערטער, װי זײַן שטײגער איז, האָט ער צעבלאָזן אַלע תּשובֿות, און ס׳איז פון זײ געװאָרן אַ באַרג מיט אַש.

ס׳איז געקומען פּרץ׳ס „אַטשערעד“, און אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויערן:

— װײסט איר, רבותי — האָט פּרץ אָנגעהויבן — פאַרװאָס די שכינה פון דער אמת׳ער שׂמחה רוט ניט אויף אונזערע שריפטשטעלער, בעת זײ קלײַבן זיך צונויף אינאײנעם מאַכן זיך אַ ביסל הדוה׳דיג? װײַל זײ פעלט דער עיקר: אמונה פעלט זײ! נאָר דער אומבאַגרעניצטער, אײביגסטער, טיפער גלויבן פון שריפטשטעלער אין דער נוציגקײט און אין דער נויטיגקײט פון זײַן אַרבעט פאַר דער צוקונפט פון זײַן פאָלק, פון זײַן שפּראַך און פון זײַן ליטעראַטור; נאָר דער דאָזיגער גלויבן אַלײן קען ערשט ברענגען דעם שריפטשטעלער צו דער אמת׳ער, ריכטיגער, געפילפולער שׂמחה!

שלום ראבינאוויטש

שלום=עליכם.

(געבאָרן—1859; געשטאָרבן—1916).

אויסער שלום=עליכם׳ס גרויסע קינסטלערישע באַדייטונג, וועגן וועלכער מ׳האָט שוין ביי אונז פיל גערעדט, האָט ער נאָך פאַר זיך אַ סך פאַרדינסטן אַלס קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און אַלס רעדאַקטאָר. וואָס שלום=עליכם האָט אויפגעטאָן אויף די ד אָ ז י ג ע געביטן, דאָס ווייסן נאָר גאַנץ ווייניגע, און אויך ניט גענוי ווי די מעשה איז געווען. פאַרפאָלגנדיג שלום=עליכם׳ס ליטעראַרישע טעטיגקייט פון איר אָנפאַנג ביזן לעצטן טאָג און שטייענדיג מיט אים אַ לאַנגע צייט, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן, אין אַ בריוו=וועקסל, בין איך ביכולת איבערצוגעבן עטליכע זעהר אינטערעסאַנטע פרטים, וועלכע זיינען שייך צו דעם ענין. נאָר קודם=כל מוזן מיר וואַרפן אַ קורצן צוריקבליק אויף דעם מצב פון דער יידישער ליטעראַטור ביים ערשטן שלום=עליכם׳ס אַרויסטריט אַלס קריטיקער. דאָס איז געווען אין די מיטעלע 80=גער און אין אָנהויב 90=גער יאָרן פונם פאָריגן יאָרהונדערט.

איך האָב מיך דאָ אָבער ניט גאַנץ ריכטיג אויסגעדריקט. אייגנטליך האָט נאָך גאָר אין יענער צייט קיין יידישע ליטעראַטור אין פולסטן זין פון וואָרט ניט עקסיסטירט; דאָס, וואָס עס איז דאַמאָלסט געשריבן געוואָרן אויף יידיש, ניט געווען אפילו קיין בלאַסער שאָטן, אפילו קיין אונטערשלאַק פון אַ ליטעראַטור. דאָס איז עפּעס געווען אַ מין פאַרזעהעניש, אַ תהו=ובוהו׳דיגער פלאָנאָדער, דייטליכער געזאָגט, דאָס איז געווען אַ פאַק מיט שוואַרצן פאַרבגעסעבע מאַקאַלאַטור=פּאַפּיר...

די ערשטע פידל פון דער אַזוי אָנגערופענער „יידישער ליטעראַטור“ איז דאַמאָלס געווען אַ געוויסער נ ח ו ם מ א י ר ש י י ק ע וו י ט ש, וועלכער איז באַקאַנט געווען ביי דעם לעזע=פובליקום מיט זיין פסעוודאָנים ש מ ר. דער דאַזיגער שייקעוויטש=שמר איז געווען אַ פינסקער יונגער=מאַנטשיק, און דוקא אַ באַגאַבטער. און באַגאַבט איז ער געווען אין ד ע ם זין, דאָס ערשטנס האָט

ער געהאַט אַ גאַנץ װײַכע פּעדער; זײַן שפּראַך איז אפילו געװען דײַטשמעריש, דאָס װאָס מען רופט בײַ אונז „סמאַרגאָנער אשכנזי", אָבער לײַכט פאַרשטענדליך, ס'האָט זיך געלײענט װי אַ װאַסער. צװײטנס, האָט ער פאַרשטאַנען דעם קונץ איבערצו־ניצװען סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען פון רוסיש און פון דײַטש, און צו פאַרײדישן זײ; האָט אומגעביטן פּאַריז אויף הײדוטשיסאַק און בערלין אויף באַלטערמאַנץ וכדומה, האָט אָנגערופן די העלדן מיט ײדישע נעמען; אַ גלח איז געװאָרן להבדיל, אַ רב, מיט פּאות געװײנליך, פון אַ קלויסטער איז געװאָרן, להבדיל, אַ בית־המדרש, און נאָך אַזעלכע פאַרשײדענע אומענדערונגען, און עס איז אַרויס אַ „העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן" פון ײדישן לעבן. דריטנס איז דאָס געװען, אויב עס איז אַזוי ערלויבט צו זאָגן, אַ געבענשטער בויך, האָט געבאָרן ראָמאַנען, װי אַמאָל אונזערע עלטער־באָבעס אין מצרים: ששה בכרס אחד, צו זעקס מיט אַ מאָל. און זעקס איז נאָך גאָרניט, ער האָט געשאָטן מיט ראָמאַנען פון אַרבל. און עס האָט ניט געדויערט פיל צײַט, און שײקעװיטש־שמר איז געװאָרן דער פּאָפּולערסטער ײדישער שריפטשטעלער בײַ דער מאַסע, געװײנליך. די מאַסע האָט זיך פראָסט געקװיקט מיט שמר'ס ראָמאַנען, געלעבט מיטן לעבן פון זײַנע העלדן, געפרײט זיך מיט זײער פרײד און געטרויערט און פאַרגאָסן ביטערע טרערן אויף זײער טרויער. בײַ דער מאַסע זײַנען שמר'ס איבערגעניצװעטע העלדן געװאָרן אידעאַלן, סימבאָלן פון מאַראַל און פון מענשליכער עטיק. און מיר מוזן קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, און דאָס מוז פאַרשריבן װערן אין דער געשיכטע פון דער פאָרהיסטאָרישער ײדישער ליטעראַטור, אַז פיל האָבן מיטגעהאָלפן צו שמר'ס פּאָפּולאַריטעט די דאַמאָלסטיקע ײדישע פאַרלעגער, באַזונדערס אונזערע װילנער פאַרלעגער. זײ האָבן דאָס באַשאַפן דעם גרויסן מאַרק פאַר שמר'ס שונד־ליטעראַטור. דורך זײ האָבן שמר'ס ראָמאַנען פאַרפלײצט די ײדישע גאַס און אַרײַנגעטראָגן זײער גיפט אין דאָס ײדישע הויז. זײ האָבן זײער שענדליכן מסחר געטריבן מיט דער טעמפּעקײט און מיטן פאַרדאָרבענעם געשמאַק פון דער ײדישער מאַסע, און האָבן איר גײסטיג געשפּײזט מיט די באַשטעלונגען, װאָס זײ האָבן געמאַכט בײַ שמר'ן. און באַשטעלונגען האָבן זײ געמאַכט אויף „קאַטאָרזשניקעס" און אויף „פרומע מערדערס" און אויף „טיראַנישע ברידער" און אויף „אָרימע מיליאָנערן" און „רײַכע בעטלערס", און אויף נאָך אַזעלכע פאַרפוילטע, דומפּיגע סחורות. די סחורה איז אָבער געגאַנגען, די סחורה האָט זיך פאַרשפּרײט, די סחורה האָט אויף זיך געהאַט אַ סך בעלנים, און מער האָבן אונזערע דאַמאָלסטיקע װילנער פאַרלעגער ניט געדאַרפט.

און דער גרויסער שמר האָט געבאָרן קלײנינקע שמר'לעך. דער גרויסער שמר איז געװען די זון, אַרום װעלכן עס האָבן זיך געדרײט פיל פּלאַנעטעלאַך אין דער צורה פון אַן־אַבֿרהם יצחק בוכבינדער, אַ שמעון בעקערמאַן, אַ משה מאַראַהאָװסקי פון באָהוסלאַו, אַ עװר בלאָשטײן, און נאָך אַזעלכע ביני שלעק. אַנדערע פון זײ האָבן געװאָלט אָפּנאַרן דעם עולם, און האָבן זיך

באַגוצט מיט שמר'ס נאָמען אויף זייערע ווערק. בוכבינדער, למשל, האָט אויף זיין ראָמאַן די „אַריסטאָקראַסקע" ארויסגעשטעלט זיין אייגענעם נאָמען מיט גאַנץ קליינינקע אותיות־לאַך, און פון אויבן אויפן שער־בלאַט האָט ער געשטעלט מיט גרדיסע גרויסע בוכשטאַבן „פ אַ ר פ אַ ס ט א ו י ף ד ע ם אַ ר ט פ ו ן ש מ ר"; שמעון בעקערמאַן האָט אָפּגעדרוקט אַ דראַמע אין 4 אַקטן מיטן נאָמען „הדסה" אין דערביי אָנגעשריבן אויפן שער מיט קדוש־לבנה אותיות „א ו י ף ד ע ם ש ט י י ג ע ר פ ו ן ש מ "ר". איינער אַ אולריך קאַלמוס האָט איבערגעניצעוועט איינעם פון שמר'ס ראָמאַנען „אַ פּאַטש פון זיין ליבן נאָמען" און האָט דערפון באַשאַפן אַ „דראַמע". און אַזוי האָבן דאָס דער רבי מיט די תלמידים גע'בעל־הבית'עוועט גאַנץ בהרחבה'דיג אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַרנומען אין איר דעם גאַנצן אויבנאָן, און געוואָרן אין איר די איינציגע טאָנגעבער, די איינציגע מושלים בכפּה, האָבן פאַרטריבן דעם אַלטן דיק'ן, האָבן פאַרטריבן אַבראַמאָוויטשן, האָבן פאַרטריבן לינעצקען, און האָבן אָפּגענומען דעם חשק ביי דעם ווירקליכן טאַלענט צו שאַפן וואָס עס איז אויף יידיש.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן ביז די מיטעלע 80־גער יאָרן. דוד פ ר י ש מאַן איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט פאַרבייגייענדיג אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען אין דעם העברעאישן טאָגבלאַט „היום" אָנגעדרייט שמר'ן פאַרן אויער. דאָס איז אָבער געווען אַ אייראָפּעאישער, מאָדערנער דריי, און דעריבער האָט שמ"ר אַראָפּגעשלונגען דעם ביטערן פּיל גאַנץ רוהיג, און האָט זיך ווייטער גאַנץ געלאַסן פאַרגעזעצט זיינע „העכסט אינטערעסאַנטע שאַפונגען" עפּעס ווי ניט אים מיינט מען דאָס. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען קריטיקוס־דובנאָוו אין „וואָסכאָד" און האָט זיך אויך אַ ביסל אַ נעם געטאָן צו שמר'ן. אָבער טאַקע מער ניט ווי אַ ביסל, און דערצו נאָך אין רוסיש, און דעריבער האָט דאָס ניט געווירקט. ביז עס איז געקומען אין צעדערבוימס „יודישעס פאָלקסבלאַט" איינער, אַן אַנאָנים, וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבן „דער יודישער גזלן" און האָט זיך אָנגעזעצט אויף שמר'ן מיט דער גאַנצער חבריא ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט אַלע קלאַפּער־געצייג פון דער קריטיק. האָט מען אָבער געדאַרפט קענען דעם דאַמאָלסטיגן רעדאַקטאָר פונם „יודישן פאָלקסבלאַט", — צ ע ד ע ר ב ו י מ ע ן. דאָס איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט שטענדיג געוואָלט יוצא זיין לכל הדעות, „אי באַשים אי וואַשים", ער אַליין, כאָטש אַ רעדאַקטאָר ביי יידן, האָט געהאַט זעהר אַ קנאַפּן עסטעטישן געשמאַק. ווייניגער פאַר דעם איז נאָך געווען זיין פאַראַנטוואָרטליכקייטס־געפיל, און דעריבער האָט ער אָן אַ שום קווענקלעניש אויפגעפּענט די טויערן פון זיין צייטונג פאַר שמר'ס אַ תשובה. אין דער דאָזיגער תשובה האָט זיך אפילו ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, דערפאַר איז דאָס אָבער געווען אַ וויניגרעט פון כל המיני זלזולים און גראָבהייטן און אַלערליי ציניזמען אויפן אַדרעס פונ'ם „יידישן גזלן" און פון אַלע זיינע קריטיקער, און האָט אויף זיין פּובליקום געמאַכט זעהר אַ גרויסן רושם. נאָך

דער דאָזיגער תשובה איז נאָך שמר בײַ זיך פֿיל האָפּערדיגער און פֿיל שטאָלצער געוואָרן, און האָט זיך װײַטער געבאַקט זײַנע ראָמאַנען, און האָט װײַטער פאַרפּעסטעט די לופֿט אין דער יידישער גאַס, און עס איז געקומען דערצו, אַז כאָטש גײ און װער דערשטיקט...

אָט איז געקומען שלום=עליכם.

I.

זײַ אַזוי שלום-עליכם איז געוואָרן אַ שרײַבער.—שלום-עליכם׳ס ערשטע קאָרעספּאָנדענציע אין „הצפירה“.—ער הויבט אָן צו שרײַבן „מאמריםטיקע“ אין „המליץ“.—שלום-עליכם װעגן זײַן קוריאָזער אונטערשריפֿט: „א נ י ה צ ע י ר“.—דער ערשטער שלום-עליכמס אַרויסטרעט אין יידישן פֿאָלקסבלאַט“.—שלום-עליכם שרײַבט לידער און וואַרפֿט אַוועק.—דעם אײַנדרוק, װעלכן עס מאַכט אויף אים ש מ " ר.—שלום-עליכם באַטראַכט די פֿראַגע װי אַזוי אַרויסצוטרעטן געגן שמר׳ן.—דער נײַער בעל-הבית פֿונ׳ם „יידישן פֿאָלקסבלאַט“.—„שמר׳ס משפּט“.—די שרײַבער פֿונ׳ם פֿאָלקסבלאַט“ מיטן רעדאַקטאָר בראש געגן שלום-עליכמ׳ן.—שלום-עליכם באַשליסט אַרויסצוגעבן אַ גרויסן יידישן זאַמלבוך.—זײַנע גרויסע האָנאָראַרן.—זײַן בריוו צו יהודה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן.—שלום-עליכם װעגן דער ריכטונג פֿון זײַן זאַמלבוך.—

זעהר, זעהר אינטערעסאַנט איז װ י אַ ז ו י שלום עליכם איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם פּרט האָט געטראָפֿן שלום עליכמ׳ן דאָס, װאָס עס האָט פּאַסירט כמעט מיט אַלע אונזערע גרעסטע יידישע שרײַבער, װעלכע זײַנען געוואָרן ליטעראַטן ניט װײַל זײ האָבן אין זיך דערפֿילט דעם בּ אַ ר ו ף צו דעם, ניט װײַל דער געטליכער פֿונק, װאָס טליעט בײַ זײ אין האַרצן, האָט זײ געשטויסן דערצו, נאָר צופֿעליג, דורך לעכערליכע קלײניגקײטן. די ליטעראַרישע קאַריערע פֿון ס מ אָ ל ע נ ס ק י נ ע ן, למשל, האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אַ הודעה, װעלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אין „המגיד“ װעגן אַן-עגונה, װאָס זוכט איהר מאַן; די ערשטע דיכטערישע שאַפֿונג פֿון י ה ו ד ה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן איז געװעזן—אַ מצבה אויף אַ שכן; בּ ר ו ד ע ס איז געוואָרן אַ שרײַבער פֿון דעם טאָג אָן, װאָס עס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „הלבנון“ זײַן ערשטע קאָרעספּאָנדענציע װעגן אַ בהמה, װעלכע האָט געבאָרן אַ קאַלב מיט צװײ קעפּ. און די דאָזיגע משונה׳דיג=װילדע ערשײַנונג האָט מען געזעהן ניט בלויז בײַ אונזערע אַלטע, נור אויך בײַ אײניגע פֿון אונזערע הײַנטיגע מאָדערנע ליטעראַטן. דער טאַלאַנטפֿולער פּובליציסט, שמואל ר אָ ז ע נ פ ע ל ד, למשל, האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיגקײט מיט קלײנשטעטלדיגע קאָרעספּאָנדענציעס, װעלכע ער האָט געדרוקט אינ׳ם „המליץ“. און גאַנץ אומגעריכטערהײד איז אַרײַן אין דער יידישער ליטעראַטור אויך ש ל ו ם ע ל י כ ם. זײַן ליטעראַרישע לויפֿבאַן האָט זיך אויך אָנגעפֿאַנגען פֿון אַ קלײנע קאָרעספּאָנדענציע אין „הצפירה“ װעגן אַ

חסידישן יונגן מאַן, וואָס האָט זיין שיינער, רייכער שוועגערין בשום אופן ניט געוואָלט געבן קיין חליצה. „שיינע עטליכע בויגענס פּאַפּיר האָב איך אָנגעשריבן וועגן דער דאָזיגער חליצה — אַזוי האָט מיר שלום־עליכם אַמאָל ביי אַ געלעגנ־הייט געשריבן — אָבער דער אַלטער, טרוקענער בעל־חשבון חיים זעליג סלאָנימסקי, האָט דאָס אויף אַזוי פיל געחסר׳ט, אַז עס איז דערפון איבערגעבליבן דריי, ד. ה. עס האָבן זיך אָפּגעדרוקט ניט מער ווי דריי שורות!... פאַר כּעס האָב איך אַוועקגעוואָרפן זיין „הצפירה“ און האָב אָנגע־הויבן צו „געבן פון מיין האָניג“ דעם „מליץ“. און געשריבן אין „המליץ“ האָט שלום־עליכם בעת ער איז שוין געווען ראַבינער אין לובען, פּאָלטאַווער גו־בערניע, און געשריבן האָט ער לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער דאַמאָלסט־דיגער העברעאישער זשורנאַליסטיק: לויטער עצות, לויטער פּאָרשלאָגן: עצות וועגן לגאָטניקעס, עצות וועגן פאַרשיידענע קהל׳שע ענינים און עצות וועגן חנוך. און די עצות זיינען געווײנליך געווען בטלנ׳ישע אָן אַ שום רעאַלן באָדן, אָט ווי אַלע יענע עצות, זיעלכע זיינען געווען דער זאַלץ פון דער אַמאָ־ליגער מאמר׳יסטיקע. נאָר נאָך מער בטלנ׳ישער האָט זיך שלום־עליכם דאַ־מאָלסט אַרויסגעוויזן מיט זיין חתמ׳נען זיך אויף זיינע מאמרים. אויף יעדן מאמר האָט ער זיך געהאַט אַ געוויינהייט אונטערצושרייבן: „אני הצעיר הרב שלום ראַבינאָוויטש“. שרייבנדיג אין „העולם“ די „געשיכטע פון דער העברעאישער פּרעסע“ האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיגן קור־יאָז. האָט מיר שלום־עליכם אַריינגעשריבן אַ בריוועלע אָט מיט דעם לשון: „ע, פּאַניע ציטראָן, איך האָב זיך דאָך אין אייך געגאַרט: איר זייט דאָך טעמפּיג, מחילה, אויף דער עברי! דאָס דאַרף מען דאָך גאָר לייענען: „אני הַצָעִר הרב“, ד. ה. איך בין אַ רב, וואָס טויג אויף צער! אי, וועט איר בוודאי פרעגן: אם כן, אויב אַזוי, טאָ ווי קומט דאַ דער „יוד“? זאָגט טאַקע מורנו ר׳ פּורישקעוויטש, אַז מען דאַרף דעם „יוד“ אויף צער... און טאָמער געפעלט אייך ניט דער פּשט, איז דאָס אַ טעות פון דעם בחור הזעצער, אָט פון יענעם שיי־נעם בחור, פון וועלכן איך און איר און נאָך אַזעלכע זינדיגע באַשעפענישן ווי מיר האָבן שטענדיג צו זינגען און צו זאָגן“.

יידיש האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן צו שרייבן אונטער דער השפּעה פון מ. ספּעקטאָר.

דער ערשטער שלום־עליכמ׳ס אַרויסטרעט אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אין 1883־טן יאָר. זיין ערשטע געדרוקטע זאַך איז געווען אַ קליינע ערציילונג מיטן נאָמען „צוויי שטיינער“. די דאָזיגע ערציילונג איז געווען געדרוקט אין „יודישן פאָלקסבלאַט“ אין דריי פאָרזעצונגען. אויף די ערשטע צוויי פאָרזעצונגען האָט ער זיך גע׳חתמ׳ט עטוואָס פאַרשטעלט: שלום ראַב—וויטש; אונטער דער דריטער פאָרזעצונג האָט ער זיך שוין אונטער־געשריבן גאַנץ אָפן: ראַבינער שלום ראַבינאָוויטש. ערשט אין דריי פערטל יאָר אַרום איז ער אַרויס מיט זיין פּסעוודאָנים „שלום־עליכם“, ביי

וועלכן ער איז פאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג. זיין ערשטער באַווייזן זיך אין דער ליטעראַטור האָט קיין באַזונדערן רושם ניט געמאַכט. דער זשאַנר, מיט וועלכן ער האָט אָנגעהויבן, דער פעליעטאָן וועגן דעם אָפּגעשטאַנענעם, פאַרגליווערטן טראַדיציאָנעלן קליינשטעטלדיגן לעבן, האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט פיל וויכטיגערע פאָרשטייער פאַר אים, באַזונדערס לינעצקי׳ן. שלום-עליכם אַליין איז אויך אין זיך ניט געווען זיכער, און האָט זיך גענומען וואַרפן אין אַלע זייטן. איך ווייס ניט, אויב עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז אַ געוויסע צייט האָט שלום-עליכם געשריבן ש י ר י ם, און לגמרי ניט קיין גערעטענע. דאָס זיינען געווען מער ניט ווי לייכטע חרוזים, אָן אַ שום פונק פון אמת׳ער פּאָעזיע. באַלד האָט דאָס שלום-עליכם אַליין אָנערקענט און האָט אַוועקגעוואָרפן די שירים. נאָך שיינע עטליכע יאָר האָט שלום-עליכם אַלץ געטאָן איין זאַך און געפּרובט זיינע כחות אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע געביטן, איבערגייענדיג פון דעם איינעם צום אַנדערן. ער האָט געשריבן דראַמעס, ערציילונגען פאַר גרויסע און פאַר קליינע, האָט געשריבן געזעלשאַפטליכע פעליעטאָנען, האָט געשריבן לידער און פּראָזע, ביז ער האָט זיך ענדליך געפונען און האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן — — —

דאָ האָט ער דערשפּירט די געשטיקטע לופט. שמר מיט זיין גאַנצער חברייא מיט זייער שדים-טאַנץ אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן אויף אים געמאַכט אַן׳אומגעהייער-שווערן איינדרוק, און האָבן אים, פּשוט, נידערגעשלאָגן. פון א י י ן זייט מ ע נ ד ע ל י מ ו כ ר - ס פ ר י ם, אָט דער מענדעלי, וואָס שרייבט אים אין אַ פּריוואַטן בריוו: „אַז איך שרייב איבער מיין אומגליקליך פאָלק טריפט זיך מיר דאָס בלוט; איך לאַך כלומר׳שט, נאָר עס איז אַ ביטער געלעכטער מיט גרינע ווערים, און שרייבנדיג מיט אַ ברען, ברען איך טאַקע דערווייל אַליין און גיי ביסלעכווייז אויס ווי אַ ליכט״, און פון דער אַ נ ד ע ר זייט: שמר מיט זיינע סקאַנדאַליעזע ראָמאַנען! פון א י י ן זייט לינעצקי, וועלכער גייט אָפּ מיט בלוט בשעת ער רעדט, בשעת ער שרייבט, בשעת ער דענקט פונ׳ם אָרעמען יידישן פאָלק, און פון דער צווייטער זייט — ב ו כ ב י נ ד ע ר מיט זיינע גראָבע עם-הארצות׳דיגע פּאַיאַצישע שטותים! — דער דאָזיגער געדאַנק האָט געקבערט און געבויערט טאָג ווי נאַכט שלום-עליכמ׳ס מח, ביז ער האָט צום סוף באַשלאָסן אַוועקצוואַרפן זיין גאַנצע ליטעראַרישע אַרבעט און נעמען זיך נאָר צו איין זאַך: אָפּצורייניגן די יידישע ליטעראַטור פון דער אַרומיגער פאַרפּעסטעטער לופט, און אָפּראַמען פון איר וועג שמר׳ן מיט זיין כנופיא. אָבער ווי מאַכט מען דאָ און וואָס הויבט מען דאָ אָן צו טאָן? אַרויסטרעטן געגן שמר׳ן מיט זיין באַנדע אין צייטונגס-אַרטיקלען, — איז אוממעגליך. ערשטנס איז ניטאָ וואו; די איינציגע יידישע צייטונג, „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט״, איז אַריינגעפאַלן אין נייע הענט, און דער נייער בעל הבית, י ש ר א ל ל ע ו ו י האָט ער געהייסן, איז אַן׳אומנאָרמאַלער מענש, פּשוט אַ מטורף: דרוקט אין זיין יידיש בלאַט פייער׳דיגע אַרטיקלען ג ע ג ן יידיש, חוזק׳ט אָפּ און מאַכט פּענדזע פון

די גרעסטע און בעסטע יידישע ליטעראַטן, און צילט זיך צו באַגראָבן די יידי־שע שפּראַך מיט אירע ליטעראַטן צוזאַמען. צווייטנס, קען מען צו אַזאַ בריה ווי שמר ניט צוטרעטן מיטן לעצטן וואָרט פון דער אייראָפּעאישער קרי־טיק, מיט אויפקלערונגען, מיט סברות, מיט געדאַנקען, מיט אַנשויאונגען וועט מען דאָ גאָרנישט מאַכן. דאָ מוז מען האָבן לגמרי אַנדערע מכשירים, דאָ מוז האָבן לגמרי אַנדערע כלי־זיין, דאָ מוז מען אַרבעטן מיט האַרמאַטן, מיט שווע־רע אַרטילעריע...

אָבער דאָס אַלץ האָט דער קליינשטעטלדיגער ראַבינער נאָר געקענט טראַכטן, טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, און אפשר אויסדריקן דאָס אויך אין געשפּרעך צי אין בריוו מיט פריינד, מיט חברים, אָבער ניט טאָן. ווי קומט דאָס, ווי פּאַסט דאָס גאָר פאַר אַ ראַבינער גיין באַשעפטיגן זיך מיט פּאַפּירע־נע מלחמות? וואָס וועט פאָרט זאָגן די שטאָט? וואָס וועלן פאָרט זאָגן די גבאים, די „פּני״? מ׳וויים אפילו, אַז דער ראַבינער שרייבט אַ מאָל אַ ביסל אונטער, אָבער וואָס און ווען ווייסט מען ניט. זאָל אויסברעכן אַ מלחמה וועט מען דאָך מוזן וויסן, עס וועלן דאָך ווערן קולות און גוואַלדן. שלום־עליכם האָט זיך געפּייניגט אין דער שטיל, האָט שטאַרק געליטן; זיינענדיג פון דער נאַטור טעמפּעראַמענטפול האָט אין אים געקאָכט און געזאָדן. גאַנצע צוויי יאָר האָט ער אַ פּעדער אין האַנט ניט גענומען. פּלוצלונג איז ער ווי פאַרשוואונדן גע־וואָרן פון דער ליטעראַטור.

און דערווײַלע האָט זיך אונטערגערוקט אַ קריזיס אין שלום־עליכם׳ס פּערזענליכן לעבן. דער לובנער ראַבינער איז ווי דורך איין נאַכט געוואָרן מיט אַ מאָל אַן עושר! מיט אַ מאָל איז ער געוואָרן פריי און ניט אָפּהענגיג פון גבאים, און פון רעדל־פירער, און פון דער גאַנצער וועלט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ביי אים ווידער אַרויסגעשוואומען דער געדאַנק מאַכן אַ סוף איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיט ביידן: אי מיט שמר׳ן אי מיט לעוו׳ס „יידישן פאָלקסבלאַט״, און איז תיכף צוגעטראָטן אויסצופירן אים בפּעל. בנוגע צו שמר׳ן האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויפן האַרצן, אויסגעלאָזן צו אים אין אַ באַזונדער ביכל. דאָס איז ניט געווען קיין קריטיק. שלום־עליכם האָט געפונען, און אַזוי איז טאַקי געווען דער אמת, אַז שמר שטייט נידעריגער פאַר דער קריטיק. ער האָט גענומען, פּשוט, און האָט שמר׳ן אָוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק און האָט אים געמשפּט,—געמשפּט ווי אַ געוויינ־ליכן פאַרברעכער*)...

דאָ איז אָבער פאָרגעקומען זעהר אַ טרויעריגע ערשיינונג. לאָ די, וואָס אונזער דאַמאָלסטדיגע פּרעסע, די העברעאישע און די יידישע, האָט שלום־עליכמ׳ן ניט אונטערגעהאַלטן, לאָ די, וואָס קיין איינציגער פון די שרייבער האָט שלום־עליכמ׳ן מאָראַליש ניט געשטיצט, האָבן זיך נאָך געפונען אַזעלכע,

---

*) „שמר׳ס־משפּט״, בערדיטשעוו, 1889.

און דוקא ליטעראַטן מיט נעמען, מיט לעווין, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבלאַט" בראש, וועלכע זיינען שטאַרק אָנגעפאַלן אויף שלום-עליכמ׳ן, און ניט בלאַט אַזוי זיך אָנגעפאַלן, נאָר מיט די ערגסטע זלזולים, געמאַכט אַש פון שלום-עליכמ׳ן מיט זיינע ווערק. איינער פון די דאַמאָלסטיגע באַוואוסטע יידישע ליטעראַטן, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן פסעוודאָנים יוסף יואל הערדנער*), האָט געמאַכט שלום-עליכמ׳ן פאַר אַ פּראָסטן עם-הארץ. נאָך איינער אַ ליטעראַט מיט אַ נאָמען איז געקומען אויפווייזן, אַז שלום-עליכם קען אפילו קיין יידיש ניט אויסלייגן, און שרייבט נח מיט זיבן גרייזן. „נאָך מער איז ניט צו פאַרשטיין — אַזוי האָט יענער ליטעראַט געשריבן אין לעווי׳ס „פאָלקסבלאַט" — די העזה פון אַזאַ שלום-עליכמ׳ן, אַז ער רעדט וועגן אַ לשון. דאָ מוז שוין פשוט אַ קאַץ טאַקע לאַכן אין די הויפּנס. איך רעכען ניט דער מיה ווערט אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף זיינע ליבע עברי, פון וועלכער עס ברעכט זיך אויס די ציין יעדער וואָס האָט נאָר עטוואָס אַ באַגריף פון אַ שפּראַך". שלום-עליכם דער קינסטלער, דער מייסטער פון דער רייכער פון דער זאַפטיגער יידישער מאָדערנער שפּראַך, איז גאָר געוואָרן מיט אַמאָל אַן עם-הארץ, וועלכער קען גאָר אפילו ניט אויסלייגן קיין יידיש! אָט אַזאַ קבלת-פנים האָט דאָס שלום-עליכם דאַמאָלסט געהאַט אין אונזער פּרעסע נאָר בלויז פאַר זיין גוטער, פאַר זיין גערעכטער כונה אויסצוראַמען דעם שמוץ פון דער יידישער ליטעראַטור. און צום פאַרבעסערן איז נאָך געקומען לעווי און האָט אָנגעהויבן צו דרוקן שמר׳ס אַ העכסט אינטערעסאַנטן ראָמאַן ביי זיך אין „פאָלקסבלאַט", דאָ האָט שוין שלום-עליכם מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקליכן זיין צווייטן פּלאַן: אונטערצוגראָבן און אַ תל צו מאַכן פון לעווי׳ס „פאָלקסבלאַט"**).

כדי צו פאַרווירקליכן דעם דאָזיגן פּלאַן, האָט שלום-עליכם באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גרויסן יידישן זאַמל-בוך, און צוצוציהען צו אים אַלע יידישע שריפטשטעלער, טאַקע אַלע ביז איינעם. ווי ציט מען אָבער צו אַלע יידישע שרייבער, בעת די גאָר בעסערע צווישן זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן שרייבן יידיש, זינט שמר מיט זיין כאַליאַסטרע האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער יידישער ליטעראַטור אויף אַלע פיר, און אַנדערע האָבן אָפּגעלאָזן די יידישע פּען צוליב לעווי׳ס בעלי-הבת׳ווען, און נאָך אַנדערע צוליב דחקות; דאָ האָט זיך שלום-

*) דער פּסעוודאָנים פון יוסף יהודה לערנער, דער איבערזעצער פון „אוריאל אַקאָסטאַ" און פון אַנדערע טעאַטער-שטיק, וועלכער האָט זיך אויף דער עלטער געשמד׳ט.

**) אין דעם וויטער ציטירטן שלום-עליכמס בריוו צו גאָרדאָנען, שרייבט ער ביים סוף: „ס׳איז געווען אַ צייט ווען צעדערבוים פלעגט מיר אַריינברענגען אין גרויס צאָרן מיט זיין קאַלטער באַציהונג צו זיין בלעטל. היינט קומט מיר אויס צו זאָגן: „חבל על דאבדין". איצט איז דאָרטן אַלץ אַזוי פאַרדאָרבן, אַזוי ווילד, דאָס דו מוזט אַריינקומען אין גרויס פאַרצווייפלונג אין ערביטערונג, און העלפן איז ניטאָ מיט וואָס. אָט דאָס האָט מיר דערוועקט צו נעמען זיך פאַר אַן עסק, וועלכער איז, אפשר, ניט באַקוועם פאַר מיין קעשענע.

עליכם מישב געווען און האָט אויפגעטאָן אַ נייס. ער האָט גענומען צאָלן האָ־נאָראַר פאַרן שרייבן! שלום־עליכם איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט אַ יידישן שרייבער אַ צורת מטבע באַוויזן. ביז אים האָט אַ יידישער ליטעראַט קיינמאָל די העזה ניט געהאַט אפילו צו חלומ׳ן וועגן האָנאָראַר, און אַ פשיטא שוין ו ו ע ג ן ה אָ נ אָ ר אַ ר פ אַ ר ד ע ר ש ו ר ה! אין זיינע בריוו צו די יידישע שרייבער, וועלכע ער האָט איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין זיין זאַמלבוך, איז ער די ערשטע זאַך אַרויסגעפאָרן מיט דער מטבע.

זעהר כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז דער בריוו, אין וועלכן שלום־עליכם האָט דאַמאָלסט איינגעלאַדן דעם באַקאַנטן העברעאישן דיכטער י ה ו ד ה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן (יל״ג) מיטצואַרבעטן אין זיין זאַמלבוך.

אין דעם דערמאָנטן בריוו שרייבט שלום־עליכם, אונטער אַנדערן, פאָלגענדעס:

„איך הצעיר באלפי יהודא, לאָז אַרויס אויף גאָטס וועלט אַ גאַנץ גרויסן סבאָרניק כמין זשורנאַל להבדיל אויף זשאַרגאָן, נישט צוליב אַ געשעפט ח״ו (איך האָב אין קיעוו ב ע ס ע ר ע געשעפטען), נור להרים קרן שפת יהודית, צו הויבן דעם האָרן פונם אָרעמען זשאַרגאָן.

סע פאַרשטעהט זאַך, אַז וואו סע איז דאָ אַ זשאַרגאָניסט, איז ער מיי־נער. ערשטענס ווייל דער עולם קאָן מיך שוין אַ קאַפּ, אַז איך דאַרף דיא ציג ניט מעלקען, און צווייטענס ווייל איך האָב אויפגעטהון אַ נייס אין דער יודי־שער ליטעראַטור, דהיינו: צאָהלען יעדען שרייבער פאַר דער שורה (ווער האָט געצאָהלט ביז אַהער געלט פאַר זשאַרגאָן שרייבען?) און פיין צאָהלען. למשל אַבראַמאָוויטש׳ן גיב איך 10 קאָפּ׳ פון דער שורה פאַר פּראָזע, ער מעג אָנ־שרייבן אַ מילליאָן שורות; ליִנעצקען אויך דאָס זעלבע כמעט; און אפילו די קטנים, וואָס מען דאַרף זיי אויפרופן „עם כל־הנערים״ גיב איך פון 3 ביז 5 קאָפּ׳, נאָך אַ נייס: איך וועל נישט געבען קיין שום מודעה און וועל נישט אויסנאַרן קיין קערבלאַך ביים עולם, ביז דער בוך וועט ניט אַרויס פון דרוק (אין באַרדיטשעוו) און דעם מקח וועל איך שטעלען ביליגער פון באָרשטש, בכדי לזכות את הרבים: גאָר פויגעלדיג!—

לכן אדוני, אליך נפשי אשא, לך עיני תלויות, חאָטש מיט וואָס סע ניט איז דערקוויקן מיך פון אייערע יודישע ווירשען, וועלכע איר קאָנט ערב שבת בין השמשות, צווישן יאָ און ניין, אַ קיצעל טהון די מוזע—און לאָז זעהען דאָס פאָלק, דאָס אָרעמע פאָלק, אַז „ער״ אַליין, גאָרדאָן, „דער גאָרדאָן״, שעמט זיך ניט און שרייבט אויך זשאַרגאָן!—

וועגען גאָנאָראַר רעד איך נישט מיט אייך: פון 20 קאָפּ׳ פאַר יעדע שורה׳לע שטעל איך אייך אַליין—און דאָס איבעריגע שטעלט אייך אַליין ביז 50 קאָפּ׳ ועד בכלל, נאָר מיינט ניט, אַז איך וויל אייך „קויפען״ פאַר געלט; איך ווייס, וואָס הייסט זיין אָפּגעריסען פון אַ שפּראַכע און זיין רעכט פער־נומען מיט אַ צייטונג—רעכען איך, אַז די צייט איז געלט, און פאַר געלט וועל

איך אייך אויך מקריב זיין דיא גילדענע צייט הגם גאָטט ב"ה האָט מיך גע־שטראָפט מיט היימשע עטליכע קערבלאַך...

איך וואַרט אויף מיין קוויטעל, וואָס וועט זיין אָנגעצייכענט פון אייך בקרוב"*).

לויטן אמת האָט מען בנוגע צו שלום־עליכמ'ן ניט געקענט זאָגן, אַז ער „צאָלט" האָנאָראַר, ווייל ער האָט ניט געצאָלט, נאָר פּשוט ג ע ש אָ ט ן מיט האָנאָראַר. פרישמאַן האָט אים צוגעשיקט פאַר זיין זאַמלבוך ניט קיין גרויסע פּאָעמע, בערך, „א ו פ י ר" הייסט זי. האָט אים פאַר איר שלום־עליכם אריינ־געשיקט עטליכע הונדערט רובל! מ'האָט דאַן גערעדט וועגן אַ רובל 800 בערך. איך בין דאַמאָלסט געווען אין וואַרשע, און געדענק נאָך עד היום וואָס פאַר אַ אומגעהייער שטאַרקן רושם דאָס האָט געמאַכט אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן. מ'האָט דאַמאָלסט איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, אַז חברה שרייבערס אין לאָדז, וואו פרישמאַן האָט דאַמאָלסט געוואוינט, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן לויפן צו פרישמאַנען, כדי אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם קאָנ־ווערט, אין וועלכן עס זיינען געלעגן שלום־עליכמ'ס הונדערטער; און פון דער פּראָווינץ זיינען געלאָפן צו פרישמאַנען בריוועלאַך מיט אָנפראַגעס, צי די מעשה מיט די הונדערטער איז טאַקע אמת, און צי איז דאָס ניט אויסגעטראַכטע זאַך. איך שעם מיך ניט און דערצייל גאַנץ אָפן, אַז דער 50־גער, וואָס שלום־עליכם האָט מיר אַריינגעשיקט פאַר מיין דריי־בלעטלדיגן אַרטיקל, האָט מיר אויך, פּשוט, ווי דעם מח צודולט. דאָס איז געווען מיין „ערשטער האָנאָראַר", און אַזוי אומגעריכט!

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס שלום־עליכם האָט מיר געענט־פערט אויף מיין אָנפראַגע: וואָס פאַר אַ ריכטונג זיין זאַמלבוך וועט האָבן. „וואָס מיר ריכטונג־שמיכטונג — האָט מיר שלום־עליכם געשריבן — די זון האָט אַ ריכטונג? די לבנה האָט אַ ריכטונג? ל ײ כ ט ן, ל ײ כ ט ן און ל ײ כ ט ן וויל איך, אויסטריקענען דעם גרויסן געמויזאַכץ, אין וועלכן אונזער בידנע יידישע ליטעראַטור טרינקט זיך איבערן האַלז; מאַכן אַ וועג אין מדבר וויל איך, אַ וועג פאַר אַבראַמאָוויטשן, אַ וועג פאַר שאַצקעסן, דעם מחבר פון „יודישען ערב פּסח", אַ וועג פאַר אונזער בר־קציג'ן*), און פאַר אַלע אונזערע ריינע, ליכטיגע גייסטער".

און אין אמתן זיינען אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק" געווען פאַרטראָטן די בעסטע שרייבער פון אַלע דאַמאָלסטדיגע יידישע שטרעמונגען; דער האַלב־אַסימילירטער משכיל, דער סתם־נאַציאָנאַליסט און דער געברענטער נאַציאָנאַליסט, דער חובב־ציון. דאָס איז אָבער ביי שלום־עליכמ'ן ניט געווען

*) זעה „ווילנער זאַמלבוך" ערשטער באַנד, זייטל 244.

**) דער פּסעוודאָנים פונם באַקאַנטן יודיש־העברעאישן שריפטשטעלער י. ח. ראַבי־נאָוויץ.

דער עיקר. דער עיקר איז ביי אים געווען די קריטיק. אין דער קריטישער אָפּטיילונג פון זיין זאַמלבוך האָט ער, שלום-עליכם, אַליין דעם גרעסטן אָנטייל גענומען אונטערן פסעוודאָנים: ביכער-פרעסער, און האָט אין דעם אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ גרויסן טאַלענט. זיין קריטיק איז געווען שאַרף און בייסנד; זיינע סאַרקאַזמען האָבן געטראָפן ווי שפּיזן די, צו וועמען זיי האָבן זיך געצילט, און האָבן געווירקט פאַרניכטנדיג אַפריהער אויף שמר'ס תלמידים און דערנאָך אויפן רבי'ן אַליין. אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן, אַז שמר-שייקעוויטש האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד, און האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. לעווי מיט זיינע עטליכע שרייבערלעך האָבן נאָך אַריינגעכאַפּט צו פאַרוואַרפן מיט בלאָטע די „פאָלקס-ביבליאָטעק" מיט שלום-עליכמ'ן צוזאַמען. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין דאָס „פאָלקסבלאַט" געוואָרן אַ שוכן-עפר. און אויב פון יענער צייט אָן האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור אָנגעהויבן צו בלאָזן פרישע, געזונטע ווינטן, און אויב פון יענער צייט אָן האָט דער יידישער לעזער אָנגעהויבן צוגעוואוינען זיך צו אַן אמת ריין קינסטלעריש יידיש וואָרט,—האָבן מיר דערפאַר צו פאַרדאַנקען איינציג און אַליין נאָר אונזער פאָלקס-דיכטער, אונזער גרויסן שלום-עליכמ'ן.

II.

לעוואַנדעס בריוו צו מיר אין שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק".—איך מיט דינעזאָנען האָבן פאַרדרוסן אויף שלום-עליכמ'ן.—מיר שרייבן אים אַ בשותפות-דיגן בריוו.—שלום-עליכמס תשובה.—די תשובה איז קיין תשובה ניט.—דינעזאָן זאָגט זיך אָפּ פון דער ווייטערדיגער מיטאַרבעט אין דער „פאָלקס-ביבליאָטעק".—דינעזאָנס באַציהונגען צו שלום-עליכמ'ן.—איך דרוק אָפּ לעוואַנדעס ביאָגראַפיע.—וואָס שלום-עליכם האָט מיר וועגן דעם געשריבן.—זיין באַציהונג צו יל"ג'ן.

אָנפאַנגס מערץ 1888 איז געשטאָרבן דער אין זיין צייט זעהר פּאָפּולער געוועזענער רוסיש-יידישער שריפטשטעלער ל. לעוואַנדע. אין אַ חדש אַרום, אין אַפּריל, האָב איך ערהאַלטן פון שלום-עליכמ'ן אַ בריוו, אין וועלכן ער איז מיר מודיע, אַז ער טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך, און שרייבט מיר דערביי בזה הלשון: „היות ווי כ'האָב געהערט פון דינעזאָנען, אַז איהר האָט זיך מכּמה יאָהרען אויפגעשריבען מיט לעוואַנדען, בכן וואָלט אפשר מעגליך געווען, דאָס איר זאָלט אויסקלייבען פון אייער פּעקל עטליכע אינטערעסאַנטע בריעף, בעזונדערס געזעלשאַפטליך-ליטעראַרישע, און אַליין עס אויך מתרגם זיין ללשון העם כּיד היידיש הטובה עליכם, און צושיקען זיי מיר. בנוגע דעם שכר וועלען מיר צו בית-דין ניט גיין". איך האָב אויסגעקליבן איינציגע פון לע-

האַנדעס בריוו. וועלכע זיינען מיר אויסגעקומען מער וויכטיגער פאַרן ברייטן עולם, האָב זיי איבערגעזעצט, און צוזאַמען מיטן אָריגינאַל אַוועקגעשיקט זיי שלום-עליכמ׳ן. אין מיין בריוו, וועלכן כ׳האָב צוגעלעגט צום כתב-יד, האָב איך אויסגערעדט מיט שלום-עליכמ׳ן, אַז טאָמער וויל ער מאַכן וואָס ס׳איז פאַר אַ שנוי, צי אַ תיקון, זאָל ער מיר אַפריהער וועגן דעם מודיע זיין. בעת די „פאָלקס-ביבליאָטעק״ איז אַרויס פון דרוק, און שלום-עליכם האָט מיר אַריינגעשיקט אַן עקזעמפּליאַר — כ׳האָב דאַמאָלסט געוואוינט אין וואַרשע, — האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אַ יין בריוו, און גראָד דער, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר דעם מער אינטערעסאַנטערן, איז ניט אַריין אין זאַמלבוך. איז דאָס מיר געווען אַ פּלא.

אין דעם דאָזיגן בריוו האָט מיר לעוואַנדע געשריבן זיין מיינונג וועגן סאָקאָלאָווס גראָב-בייכיגן זאַמלבוך „האסיף״, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען אַ איבעראַשנדע נייס אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און באַזונדערס וועגן אַ קריטישן אַרטיקל פון אַ חשובן שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך אין אים אָפּגעדרוקט, און האָט אַרויסגערופן ביי אַ געוויסן טייל לעזער אַ גרויסע ערביטערונג. דערביי האָט לעוואַנדע אַרויסגעזאָגט אייניגע גאַנץ אָריגינעלע געדאַנקען בנוגע דער העברעאישער ליטעראַטור בכלל. אויף דעם סמך האָט זיך דאָס מיר געדאַכט — ווי איך האָב שוין געזאָגט, — אַז דווקא דער בריוו וועט שלום-עליכמ׳ן שטאַרק פאַראינטערעסירן, און ער וועט אים צווישן די איבעריגע לעוואַנדעס בריוו געבן אין זיין זאַמלבוך אַן אָרט סאַמע אויבנאָן. ערשט אַלע בריוו זיינען אָפּגעדרוקט, אַנדערע נאָך מיט הערות פון דער רעדאַקציע, און יענער בריוו איז ניטאָ. דאָס האָט מיר דאַן אַ ביסל פאַרדראָסן. און פאַרדראָסן האָט מיר ניט פאַרוואָס שלום-עליכם האָט דעם בריוו ניט געדרוקט, נאָר ווייל ער האָט ניט געהאַלטן דעם אָפּרייד, און האָט מיר פריהער וועגן דעם ניט געגעבן צו וויסן.

איך בין דאַמאָלסט אַריין צו דינעזאָנען. גראָד האָב איך געפונען דינעזאָנען זיצנדיג און בלעטערנדיג די „פאָלקס-ביבליאָטעק״, וועלכע ער האָט אויך אָקאָרשט-וואָס ערהאַלטן. דערביי האָב איך גלייך באַמערקט, אַז דינעזאָן איז אַביסל אויפגערעגט. איך האָב נאָך דאַן ניט באַוויזן באַקאַנט צו ווערן מיטן גאַנצן אינהאַלט פון דער „פאָלקס-ביבליאָטעק״; מער ווי לעוואַנדעס בריוו האָב איך ניט דורכגעקוקט. דעריבער איז מיר קשה געוואָרן זעהענדיג, אַז דאָס זאַמלבוך האָט מיט עפּעס דינעזאָנען דערצאָרנט.

— איר ווילט הנאה האָבן? — האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן.

— פון וואָס?

— אָט זעט ווי מ׳זידלט מיך!...

אין יענעם באַנד פון דער „פאָלקס-ביבליאָטעק״ האָט זיך אָפּגעדרוקט אַ [illegible] קריטיק געגן דינעזאָנען פאַר זיין אַרטיקל „די יידישע שפּראַך און אירע שרייבער״, וועלכן ער האָט דאַן מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרעפנטליכט אין

ספעקטאָרס „הויזפריינד". דער רעצענזענט איז שטאַרק אָנגעפאַלן אויף דינעזאָנען באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אין זיין אַרטיקל באַנוצט מיט צופיל העברעאישע אויסדרוקן. די רעצענזיע איז אָבער געווען געשריבן צו שאַרף און בייסנדיג, און ערטערווייז האָט זי דינעזאָנען ממש פערזענליך באַליידיגט.

— געגן קריטיק קען מען גאָרנישט האָבן—האָט דינעזאָן געזאָגט—; קריטיק מוז זיין, און דאַרף זיין, און בפרט אין אונזער ליטעראַטור, וואו ס׳איז דאָ צו ראַמען אַזוי פיל מיסט. און קריטיקירן מעג מען ניט בלויז אַן אייגענעם מיטאַרבעטער (אין דעמזעלביגן באַנד „פאָלקס-ביבליאָטעק" האָט זיך אָפּגעדרוקט דינעזאָנס אַ סקיצע), נאָר אפילו אַן אייגענעם טאַטן. אַלץ דאַרף אָבער האָבן אַ מאָס; אַז ניט, ווערט דאָך דאָס ניט קיין ליטעראַטור, נאָר אַ פישמאַרק...

דאָ האָב איך דערציילט דינעזאָנען מיין פאַרדרוס אויף שלום-עליכמ׳ן וועגן לעוואַנדעס ניט געדרוקטן בריוו.

אויף דעם האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן:

— זעט זשע; אין דעם ווייס איך שוין ניט ווער עס איז גערעכט, און ווער ס׳איז אומגערעכט. אין פלוג איז דער שכל מחייב, אַז וויבאַלד ער איז דער רעדאַקטאָר, מעג ער וואָס ער וויל דרוקן און וואָס ער וויל ניט דרוקן. אלא וואָס דען? מודיע זיין פריהער האָט ער אַייך יאָ געדאַרפט נאָכדעם, אַז ביי אַייך איז געווען אַזאַ מדובר. מסתמא האָט ער דאָס אָבער פאַרגעסן.

— כ׳קלער אָבער—האָב איך געזאָגט—אַז מ׳מוז אויף דעם רעאַגירן; פטור בלא כלום אי אפשר; מ׳דאַרף הערן וואָס וועט שלום-עליכם זאָגן. ווייסט איר וואָס? לאָמיר אים שרייבן אַ בשותפות׳דיגן בריוו.

— אָט, לאָז מיינע איבערגיין, און בפרט אַז איך זעה אין דעם קיין נוצן ניט. די זאַך איז שוין אַן אָפּגעטאָנענע, און פאַרפאַלן. אַזוי גיך וועל איך שוין קיין נייע אַרטיקלען אין יידיש ניט שרייבן, און ממילא וועט מיך שוין שלום-עליכמ׳ס רעצענזענט לאָזן צורוה.

איך האָב אָבער דינעזאָנען גענומען אויפווייזן, אַז וויבאַלד מיר באַציען זיך צום עצם געדאַנק פון דער „פאָלקס-ביבליאָטעק" מיט גרויס צופרידנהייט, און מיר ווילן, דאָס זי זאָל מאריך ימים זיין און האָבן אַ קיום, לעגט שוין דאָס אויף אונז אַרויף אַ חוב אויפמערקזאַם צו מאַכן שלום-עליכמ׳ן אויף זיינע פעלער, כדי ער זאָל זיי דעם צווייטן מאָל אויסמיידן.

אַזוי האָב איך דינעזאָנען ביסלעכווייז איבערגערעדט, און מיר האָבן ביידע אָנגעשריבן שלום-עליכמ׳ן אַ בריוו. ער, דינעזאָן, אַפריער. און איך—גלייך נאָך אים.

איך געדענק, אַז דינעזאָן האָט געשריבן אין אַ גאַנץ רוהיג און געלאַסענעם טאָן. ער האָט זיך, קענטיג, אָנגעשטרענגט ניט אַרויסצווייזן אַפילו דעם קלענסטן צייכן פון ערגעדגיש. ער האָט זיך נאָך, פאַרקערט, געפּרובט וויצלען

און זאָגן „חכמות". איך ווידער האָב געשריבן גאַנץ קורץ און געהאַט צו שלום=עליכמ'ן נאָר די איין טענה: איינמאָל אָפּגערעדט — דאַרף זיין אָפּגערעדט, און אַ רעדאַקטאָר איז אַזאַ בשר ודם ווי אַלע, און דאַרף אויך האַלטן וואָרט.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און אויף דינעזאָנס אַדרעס איז אָנגעקומען פאַר אונז פון שלום=עליכמ'ן אַ בשותּפות'דיגע תּשובה, און אַ גאַנץ לאַנגע, פון וועלכער איך גיב דאָ איבער בלויז איר כאַראַקטעריסטישער התחלה, אַרויסוואַרפנדיק די עטליכע ערטער, אין וועלכע עס ווערן אָנגערירט געוויסע פּערזאָנען:

„צו מיינע מיטאַרבייטער הנאהבים והנעימים, ובראשם דער מחבר פון „הנאהבים והנעימים!"

איהר ביידע האָט אייך אָנגעזעטצט אויף איין שלום=עליכמען. שנים אוחזים בטלית — ביידע האַלט איהר מיר פאַר די פּאָלעס, און רופט מיך אַרויס אויף מלחמה, אָדער, ווי מ'זאָגט ביי לייטען, אויף אַ „דועל". נו, כ'זאָג מיך ניט אָפּ. איז מען אַ רעדאַקטאָר ביי יודען, דאַרף מען קענען שמעקען פּולווער. אָבער ניט מיר און אויך ניט אייך האָבען אונזערע טאַטעס קיינמאָל ניט געלערענט צו האַלטען אין האַנט אַ שווערד אָדער אַ ביקס. איר געדענקט דאָך, מן הסתם, אַז אויף דעם האָט זיך שוין אַמאָל ערגעטש, וואו בעקלאָגט אונזער י"ל"ג*). בכן האָבען מיר, לויט, מיין מיינונג, קיין אַנדער ברירה ניט ווי נאָר צו געברויכען אונזער אַלטען יודישן כלי=זין — די ציצית. ווער פון אונז זאָל אָבער אָנהויבען דעם דועל? געוויס — איך. וואָרום וואָס וועט דאָ זיין די גרויסע רבותא פאַר דער וועלט ווען צוויי מחברים וועלען אַוועקלעגען אַ קליין מחבר'ל? בכן מאַך איך די התחלה. איך וועל מיך אָבער פּרובען אָנהויבען בשלום; אפשר וועלען מיר זיך פאַרשפּאָרען צו קריגען. ראשית מוז איך אייך זאָגען, אַז אַייער יד אחת איז, אייגענטליך, גאָר ניט קיין יד אחת. איר קומט צו מיר ביידע מיט פאַרקעהרטע טענות; איינער פון אייך שרייט „טאָג", און דער אַנדערער — „נאַכט". דינעזאָן טענה'עט: שלום=עליכם האָט פוגע בכבוד געווען דער העברעאישער שפּראַך! אין שלום=עליכמ'ס פאָלקס=ביבליאָטעק שעמט מען זיך מיט אַ לשון=קדש וואָרט! טאָמער האָט ער אַריינגעבראַכט אין זיין אַרטיקעל אַ צוויי, דריי העברעאישע פראַזען, האָט דאָס שוין שלום=עליכמ'ס רעצענזענט ניט געקענט פאַרטראָגען, און האָט וועגן דעם מרעיש עולם געווען. אַזוי, הייסט עס, האַלט דינעזאָן שלום=עליכמ'ען פאַר אַ דם=שונא פון לשון קדש. קומט אָבער תּיכּף צו געהען ציטראָן און טענה'עט פּונקט קאַפּויר. יאָ, זאָגט ער, מ'דאַרף ליעב האָבען העברעאיש און מ'דאַרף ליעב האָבען העברעאישע שרייבער; דערפון איז נאָך אָבער ניט געדרונגען, אַז מיר דאַרפען פאַרדעקען די חסרונות פון העברעאיש

*) געמיינט יל"ג'ס באַוואוסטן שיר „בין שני אריות".

אין פון איהרע שרייבער, און בפרט אַז דער וואָס קומט ענטדעקען די דאָזיגע חסרונות איז ניט אַבי=ווער, איז ניט קיין קטלי קניא, קיין אדם מן השוק, נאָר עפּעס אַ לעוואַנדע. און איך, שלום=עליכם, מה אמר ומה אדבר, וואָס זאָל איך זאָגען און וואָס זאָל איך רעדען און מיט וואָס זאָל איך מיך פאַר אייך רעכטפאַרטיגען? זאָגט, אדרבה, איר אַליין, ווי אַזוי און אויף וועלכען אופן קען איך יוצא זיין פאַר אייך ביידען? דינעזאָן פּרובט אויף מיר אָנוואַרפען אַ פּחד; ער זאָגט: „ווי מיר האָבען דערלעבט „שמר׳ס משפט", קען, אפשר, אָנשטיין אַ טאָג, אויך פון „שלום עליכם׳ס משפט". אָך! נעהמט מיך, אדרבה, און משפט מיך בראש גלי, און משפט מיך כמו שנאמר, מיט אַלע תגין, מיט אַ בעשולדיגונגס=באַנק, מיט עדות, מיט דיָנים, אָט טאַקי אַזוי ווי איך האָב געמשפט שמר׳ן. כ׳האַלט אָבער, אַז איר פאַרשפּאָרט מיך שוין צו משפט׳ן; פון דער מינוט אָן, וואָס כ׳בין געוואָרען אַ רעדאַקטאָר ביי יודען, האָב איך מיך שוין אַליין אָפּגע׳משפט — צו האָבען אויף זיך פאַר בעלי=בתים קריכער די גאַנצע וועלט, ובתוכם אַזעלכע מיני שלעק ווי א. און ווי ב. און ווי ג" — — —

איך דאַרף באַמערקן, אַז דאָס איז נאָך ערשט געווען דער אָנהויב פון שלום=עליכמ׳ס תשובה=בריוו. פון דאַנען אָן און ווייטער האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין דעם ענין פון יידישע רעדאַקטאָרן, די לעבעדיגע און די טויטע, האָט זיך אָפּגעשטעלט באריכות אויף ישראל לעווי׳ן, און איז אַזוי געשפּרונגען פון טעמע צו טעמע ביז ער האָט פאַרענדיגט מיט „האָט אייך אַ גוטן תמיד", און וועגן דער עצם זאַך אַליין, וועגן מיינע מיט דינעזאָנס טענות, האָט ער זיך געמאַכט כלא ידע און ניט אויסגערעדט קיין האַלבן וואָרט.

אויף דינעזאָנען האָט שלום=עליכמ׳ס תשובה געמאַכט אַ שווערן רושם. ער האָט זיך דאַן צו מיר אָפּגערופן:

— כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז ס׳איז אומזיסט דאָס שרייבן; כ׳האָב געוואוסט, אַז שלום=עליכם וועט אונז נאָר „פאַררעדן די ציינער". נו, מילא; וואָס ס׳איז געווען — איז געווען. גיט שלום=עליכם אַרויס אַ צווייטע „פאָלקס=ביבליאָטעק", שרייב איך שוין אין איר קיין וואָרט ניט.

און דינעזאָן האָט געהאַלטן וואָרט. וואָס שלום=עליכם האָט זיך ביי אים ניט צובעטן, ער זאָל אים געבן אַ וואָסערע ס׳איז זאַך צום צווייטן באַנד „פאָלקס=ביבליאָטעק", האָט ניט געהאָלפן.

דינעזאָן, וועלכער האָט תמיד הויכגעשעצט שלום=עליכמס טאַלענט, איז אים אָבער פאַרבליבן אַ הייסער, איבערגעגעבענער פריינד ביז זיין לעצטן טאָג. די געגנזייטיגע באַציהונגען צווישן דינעזאָנען מיט שלום=עליכמ׳ן (באַזונדערס פון 1908=טן יאָר אָן, ווען ש"ע איז אין באַראַנאָוויטש פּלוצלונג געפערליך קראַנק געוואָרן) איז אַ העכסט אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פאַר זיך, צו וועלכן איך וועל זיך נאָך, אפשר, אַמאָל צוריקקערן.

אין אַ יאָר צעהן אַרום איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן לעוואַנדעס ביאָגראַפיע*). ביי דער געלעגנהייט האָב איך פאַרעפנטליכט עטליכע פון זיינע בריוו, און צווישן זיי אויך יענעם בריוו, צוליב וועלכן ביי מיר איז אַמאָל אַרויס דער סכסוך מיט שלום-עליכמ׳ן.

אין איין טאָג באַקום איך גאַנץ אומגעריכטערהייד פון שלום-עליכמ׳ן אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר:

...„דאָס, וואָס איהר האָט ערשט ביי זיך געפּועל׳ט צו טהון אין תרנ״ח, האָט איר געוואָלט, אַז איך זאָל דאָס טהון אין תרמ״ח. איר האַלט, אַפּנים, ניט פון הלל׳ס מימרה: „כל דעלך סאני״ און — ווי ווייטער שטעהט, אייך האָט זיך געוואָלט, אַז דוקא דורך שלום-עליכמ׳ן זאָל נתגלגל ווע-רען דער גרויסער זכות אויסצופּויקען פאַר דער גרויסער וועלט, דאָס לפי דעתו פון דעם גרויסען לעוואַנדען איז אונזער גרויסער יל״ג ניט קיין גרויסער משורר, נאָר אַ גרויסער בעל-סגנון, ד. ה. אַ מענש מיט אַ פען... אַזעלכע בשורות זאָגט מען אָבער אָן דורך אַ גוי, אָבער ניט, להבדיל, דורך שלום-עליכמ׳ן. און זעהט נאָר וואָס שלום-עליכם איז! גראָד בעת אין מיין פּאָרטפעל האָט זיך געפונען אייער לעוואַנדעס בריעף, בין איך אַרומגעגאַנגען אויף יל״ג׳ן מיט אַ הארץ. דאָס איז געווען אָקאָרשט וואָס ער האָט מיר אָפּגעפּסק׳נט אין אַ בריעף, אַז „יודיש איז די טרויעריגסטע ערשיינונג אין דעם היסטאָרישען לעבען פונם יודישען פאָלק״. פאַרשטעהט איר דאָך גאַנץ גוט ווי איך בין דענסטמאָל געווען אויף אים אויפגע-בראַכט, און ווי, ממש, кстати ס׳וואָלט פאַר מיר געווען נעהמען און אָפּדרוקען אין מיין „פאָלקס-ביבליאָטעק״ לעוואַנדעס בריעף, כדי גאָרדאָן זאָל זעהען, אַז מ׳האַלט אים גאָר ניט פאַר אַזאַ גרויסען פּוסק, „ולא מפּיו אָנו חיים״... איך האָב דאָס אָבער ניט געטהון. יל״ג האָט נאָך גע-געלעבט, און איך האָב אים ניט געוואָלט מצער זיין. און, הערט וואָס איך וועל אייך זאָגען: איך אויף אייער אָרט, וואָלט אפילו איצטער, לאחר מותו, אויך ניט מפרסם געווען ברבים לעוואַנדעס בריעף, ראשית, משום יקרא דשכבי, והשנית, ווייל ביי מיר, און איך רעכען, אַז אויך ביי נאָך טויזנטער יודען ווי איך, איז נאָך גאָרדאָן פערבליבען עד היום דער גרעסטער יודישער משורר און, מחשבות׳ן, ווי קומט אויס ביי איך?״... — — —

---

*) אין „לוח אחיאסף״ 1898.

III.

שלום-עליכם ווערט אַ יורד.—זיין איינציגע פרנסה ווערט נאָר פון דער פעדער.—זיין סכסוך מיטן „יוד" צוליב אַן אַוואַנס.—שלום-עליכם הערט אויף צו שרייבן אין „יוד".—דער נייער פעליעטאָניסט פון „יוד".—עס ווילט זיך גלויבן, אַז דער חדישער לעזער האָט זיך פאַרבענקט נאָך שלום-עליכמ'ן.—מיין שמועס וועגן דעם דאָזיגן אינצידענט מיט אליעזר קאַפּלאַן.—וואָס שלום-עליכם אַליין האָט וועגן דעם געזאָגט.

אין די לעצטע 90=ער יאָרן האָבן זיך שלום=עליכמ'ס „שנות=השבע" פאַרענדיגט. זיין גרויסן קאַפּיטאַל האָט ער פאַרלאָרן אויף דער בערזע דורך פאַרשיידענע אומגעלונגענע ספּעקולאַציעס, און ער איז געוואָרן אַ יורד. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז זיין איינציגער מקור פון חיונה איז ביי אים געוואָרן די פען. אין די יידישע רעדאַקציעס האָט מען דאָס גאַנץ גוט געוואוסט, און דעריבער איז אויסער וואָס מ'האָט שלום=עליכמ'ן תמיד געצאָלט דעם גרעסטן האָנאָראַר, פלעגט מען נאָך אים אויך פון פאָראויס אַרויסגעבן גרויסע אַוואַנסן אויפן חשבון פון זיינע ווייטערדיגע אַרבעטן. שלום=עליכם האָט זיך אָבער אין די גוטע יאָרן צוגעוויינט צו לעבן ברייט און בהרחבה'דיג, און ס'איז אים ניט אַזוי לייכט געווען אָפּצוגעוויינען זיך פון דעם... דעריבער איז ער שטענדיג געווען אַ גרויסער נצרך, און זיך תמיד גענויטיגט אין געלט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן פון די רעדאַקציעס אַוואַנסן אויף אַוואַנסן, און פאָדערן פלעגט ער דרינגענד, דורך טעלעגראַמעס, און ניט קיין קליינע סומעס, נאָר גרויסע. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז ווען מ'פלעגט אים אַרויסשיקן דעם אַוואַנס ניט אַזוי גיך, אָדער ניט אין אַזאַ סומע, ווי ער האָט געפאָדערט, פלעגט ער נעמען סטראַשען, אַז ער הערט אויף צו שרייבן... און תמיד פלעגן די דאָזיגע סטראַשונקעס האָבן אַ ווירקונג. מ'פלעגט זיך אָנטאָן די לעצטע כחות, מ'פלעגט ניט היטן צאָלן פּינקטליך קיין אַנדערע שריפטשטעלער, אַבי נאָר צו באַפרידיגן שלום=עליכמ'ן. מ'האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ יידישע צייטונג זאָל קענען עקסיסטירן ניט האָבנדיג צווישן אירע שטענדיגע מיטאַרבעטער שלום=עליכמ'ן, דעם פאָלקס=ליבלינג.

האָט גראָד אַמאָל געדאַרפט פּאַסירן—דאָס איז געווען אין 1903=טן יאָר—אַז אַזאַ סכסוך איז אַרויסגעקומען ביי שלום=עליכמ'ן מיט דעם יידישן וואָכנבלאַט „ד ע ר י ו ד". דעם „יוד" האָט דאַן אַרויסגעגעבן די באַוואוסטע געזעלשאַפט „א ח י א ס ף", און ניט צוליב געשעפט, נאָר כדי צו פאַרשפּרייטן דורך אים אונטערן פאָלק דעם ציוניסטיש=נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק. פון דער ערשטער מינוט אָן איז שלום=עליכם געוואָרן פון דעם „יוד"'ס הויפּט=מיטאַרבעטער, און האָט אין אים געשריבן זיינע בעסטע זאַכן. מ'קען זאָגן, אַז ערשט אין „יוד" האָט זיך שלום=עליכמס טאַלענט פונאַנדערגעבליט און דערלאַנגט צו

זיין העכסטער מדרגה. די חברה האָט דאָס געוואוסט צו שעצן, און איז תמיד שלום=עליכמ׳ן געקומען אַנטקעגן אין יעדער הינזיכט: געצאָלט אים דעם גרעסטן האָנאָראַר, און געגעבן אים אַוואַנסן וויפל ער האָט נאָר פאַרלאַנגט. אַלץ האָט אָבער אַ שיעור, און איינמאָל האָט איר שלום=עליכם אַרויסגעשטעלט אַ שטרענגע פאָדערונג וועגן אַן אַוואַנס, וועלכע זי האָט ביי איר בעסטן ווילן בשום אופן ניט געקענט דערפילן. עס האָבן אויך ניט געהאָלפן שלום=עליכמ׳ס התראות, אַז ער הערט אויף צו שרייבן. שלום=עליכם האָט פאַרווירקליכט זיינע התראות, און איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן פון „יוד". ס׳איז אַרויס אַ נומער און צוויי און דריי, און פון שלום=עליכמ׳ן האָט זיך ניט באַוויזן קיין איינציגע שורה. אין די ליטעראַרישע קרייזן — און באַזונדערס אין די וואַרשעווער — האָט זיך דאָס גלייך געוואָרפן אין די אויגן, און מ׳האָט וועגן דעם פיל גערעדט. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז שלום=עליכמס אַוועקגיין פון „יוד" וועט מאַכן אַ גרויסן רושם אויפן עולם לעזער, און ממילא וועט זיך דאָס אויך אָפּרופן אויף דעם פינאַנסיעלן מצב פון דער צייטונג.

ס׳האָט געוועסט אויסגעוויזן, אַז אין פובליקום האָט מען דאָס אויך באַמערקט, און אַז ס׳איז דאָרטן געוואָרן אַ שטיקעלע באַוועגונג. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דער עולם האָט זיך גענומען שטאַרק נאָכפרעגן ביי דער רעדאַקציע וועגן שלום=עליכמ׳ן און זיין אויפהערן מיטצואַרבעטן אין „יוד". בעקענט האָט מען דאָס מיינען באַזונדערס נאָכדעם, ווי אין „יוד" האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אַ סעריע פעלעטאָנען אונטער דער אַלגעמיינער קעפל: „אַ פעקל מעשיות אַלטע און שפּאָגל=נייע, אייגענע און נאָכגעמאַכטע פון אַ נייעם סאָרט מחבר", וועלכער האָט זיך משתדל געווען צו שרייבן אויף שלום=עליכמ׳ס שניט און לויט זיין זשאַנר, און וועלכער איז, אַפּנים, געווען אויף אַזוי פיל באַאיוו צו גלויבן, אַז אים וועט זיך איינגעבן צו פאַרבייטן שלום=עליכמ׳ן. דער דאָזיגער מחבר האָט אויך אויף דעם געגעבן אָנצוהערעניש אין זיין הקדמה, אין וועלכער ער זאָגט: „איך וועל מיט דער צייט אויך געפינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען, וכאשר היית עם משה, אַזוי ווי איר זענט געווען מיט די פאָריגע מעשיות=שרייבער, אָט אַזוי וועט איהר נויגען אייער חסד אויך צו מיר, און איהר וועט מיך אויך ליעב בעקומען אָט פונקט ווי איך אייך. ובכן — ויהי בישורון מלך! ס׳איז געוואָרען אַ נייער מעשיות=מאַכער"*).

ווי געזאָגט האָט אויף דעם סמך געקענט אויסווייזן, אַז די לעזער פון „יוד" האָבן דערפילט, דאָס עס פעלט זיי שלום=עליכם און האָבן זיך נאָך אים פאַרבענקט. באמת איז אָבער ניט אַזוי געווען דער פאַל. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָב איך מיך אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין מינסק צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם גרינדער און הויפט=פירער פון „אחיאסף", אליעזר קאַפּלאַן, און

*) זעה „דער יוד" 1903 נומ. 33.

קומענדיג מיט אים איינמאָל זין אַ שמועס צום אינצידענט מיט שלום-עליכמ'ן, האָט ער מיר איבערגעגעבן די פאָלגנדע פּרטים:

— איר קענט אייך ניט פאָרשטעלן ווי צורודערט מיר זיינען געוואָרן פון דעם, וואָס שלום-עליכם האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט מיטצואַרבעטן אין „יוד". פון איין זייט האָט אונז לייד געטאָן די זאַך ווימסנדיג, אַז דאָס איז ניט ביי אים קיין קאַפּריז, אַז ער האָט דאָס געטאָן ניט פאַר וואוילטאָג, און מיר זיינען ניט ביכולת אים צו העלפן; און פון דער אַנדער זייט איז ביי אונז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער „יוד" פאַרלירט דורך דעם אַ גרויסן טייל פון זיינע אַבאָנענטן. מיר האָבן אין דעם ניט געצווייפלט זעהענדיג מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט דאָס פאָלק לייענט שלום-עליכמ'ן און ווי עס שלינגט ממש, איטליכעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זיין פען. איר וועט אָבער ניט וועלן גלויבן ווען איך וועל אייך זאָגן, דאָס די גאַנצע עטליכע חדשים, וואָס שלום-עליכם האָט געפעלט אין „יוד", איז ניט אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע אפילו קיין איינציגע פּאָסט-קאַרטל מיט אַן אָנפראַגע: פאַרוואָס שווייגט דאָס עפּעס שלום-עליכם? פאַרוואָס זעהט מען אים עפּעס ניט שוין פון אַ לאַנגע צייט אין „יוד"? פשוט, אַזוי ווי אין „יוד" וואָלט עפּעס פאַר דער צייט גאָרנישט פאָרגעקומען.

אויף דעם האָב איך מיך אָפּגערופן:

— ווי ס'ווייזט אויס איז דאָך עפּעס יאָ געווען; והראיה דער פלוצלונג אַרויפגעשוואומענער נייער פעליעטאָניסט, דער מחבר פונם „פעקל מעשיות", וואָס האָפט, אַז דער לעזער וועט אים אויך קריגן ליב?

— מיינט איר אַזוי—האָט מיר קאַפּלאַן געענטפערט—האָט איר אַ גרויסן טעות. צו דער הקדמה פון יענעם פעליעטאָניסט האָט די רעדאַקציע פון „יוד" קיין שום שייכות ניט געהאַט, ווייל—איך חזר אייך איבער נאָך אַ מאָל—קיין איינציגער לעזער האָט ביי אונז ניט געמאָנט, אַז מיר זאָלן אים געבן דוקא שלום-עליכמ'ן. די עטליכע ווערטער פון דער הקדמה, וועלכע האָבן אייך אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק, דאָס מ'האָט מיט דעם געהאַט בדעה מרמז זיין די לעזער פון „יוד", אַז דער הזיק פון שלום-עליכמ'ס פעליעטאָנען וועט זיי אומגעקערט ווערן דורך אַן אַנדערן, געהערן צום מחבר אַליין, וועלכער איז, אויף וויפל איך קען אים גאָר ניט אַזאַ שוטה צו רעכענען, אַז ער קען קאָנקורירן מיט שלום-עליכמ'ן.

דערביי האָב איך מיך פון קאַפּלאַנען דערוואוסט, אַז דער מחבר פון יענער סעריע פעליעטאָנען אין „יוד", וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים „גוט מאָרגן", איז מרדכי בן הלל הכהן.

* * *

אָנהויב יאָר 1905 זיינען די פאַרלעגער פון דער העברעאישער טעגליכער צייטונג „הזמן", אין וועלכער כ'האָב דאַן געאַרבעט אַלס מיטגליד פון

דער רעדאַקציע, צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אויך אַ טעגליכע י י ד י ש ע צייטונג אונטערן נאָמען „די צייט“. אין יענער צייט איז שלום-עליכם דורכגעפאָרן ווילנע. זיין קוואַרטיר איז דאַן געווען ביים רעדאַקטאָר פונם העברעאישן קינדער-זשורנאַל „החיים והטבע“, י. ב. ל ע וו ו נ ע ר, וועמעס וואוינונג עס איז געווען ביי דער קאַנטאָר פון „הזמן“. אין איין אָוונט זיינען מיר זיך געזעסן זאַלבע-דריט און געשמועסט וועגן דער נייער יידישער צייטונג, וואָס דאַרף אינגיכן אָנהויבן אַרויסצוגיין אין ווילנע און וועגן דער גרויסער און שווערער קאָנקורענץ, וואָס זי וועט האָבן אויסצושטיין מצד דעם „פ ר יי נ ד“, וועלכער האָט זיך זעהר פּאָפּולער געמאַכט ביים פאָלק. האָט זיך דאַמאָלסט אָפּגערופן שלום-עליכם:

— איך מיין, אַז דאָס וועט זיך נאָר אָן דעם בודזשעט, וועלכן די פאַרלעגער האָבן באַשטימט פאַר זייער בלאַט. אויב זיי וועלן שכל האָבן צו גרופּירן אַרום זייער בלאַט שריפטשטעלער מיט נ ע מ ע ן, וואָס זאָלן נ ע מ ע ן, און וועלן צאָלן די פויגל׳דיגע האָנאָראַרן, קענען זיי האָבן דעמזעלביגן ערפאָלג ווי דער „פריינד“, און אפשר נאָך אַ גרעסערן, ווייל ווילנע געפינט זיך פאָרט אין צענטער פונ׳ם יידישן תחום. דער עיקר איז אָבער גוטע שריפטשטעלער מיט גוטע, דאָס הייסט, גרויסע האָנאָראַרן.

אין יענער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דעם סכסוך, וואָס איז אַמאָל פאָרגעקומען צווישן שלום-עליכמ׳ן מיטן „יוד“, און האָב מיך אָפּגערופן:

— לויט ווי מיר איז באַקאַנט פון דער פּראַקטיק על-פי מעשה-שהיה איז דער יידישער עולם-לעזער גאָר ניט אַזוי שטאַרק להוט נאָך שרייבער מיט גרויסע קלינגענדיגע נעמען. דער יידישער לעזער קען זיך אָרגאַניש ניט צוזאַמענבינדן ניט מיט ז יי ן צייטונג און ניט מיט ז יי ן שרייבער, ווי גרויס און ווי געאַכט יענער זאָל ניט זיין.

— אויב פּראַקטיק — האָט זיך אָפּגערופן שלום-עליכם — טאָ לאָזט מיך; איך בין זיך אייך מודה-ומתודה: בדידי הוה עובדה, מיט מיר אַליין האָט פּאַסירט, אַז צוליב אַ געוויסער סבה האָב איך דריי חדשים נאָכאַנאַנד ניט געשריבן אין אַ בלאַט, אין וועלכן איך בין פריהער געווען אַ שטענדיגער מיטאַרבעטער און האָב מיך געדרוקט אין יעטווידער נומער. און כ׳ווייס פון זעהר אַ ריכטיגן מקור, דאָס קיינער פון די לעזער האָט זיך וועגן דעם ניט אָנגעהויבן צו באַקימערן און קיינער פון זיי האָט זיך ניט פּאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס איז דאָס אַזוינס געוואָרן מיט שלום-עליכמ׳ן. ביי מיר אין קיעוו גופא, וואו כ׳האָב, דאַכט זיך, אַזוי פיל לעזער-חסידים, פלעגן מיר נאָר אַמאָל אין גאַס אַ פרעג טאָן אַ משה ראָזנבלאַט, אַ איזגור וכדומה פון די קיעווער שרייבערלאַך: וואָס איז דאָס די מעשה, וואָס מ׳האָט אייך שוין עפּעס אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהן אין יענעם בלאַט? פון דעם אמתן לעזער אָבער, אָט פון יענעם פּאַרשוין, פאַר וועלכן איך שרייב, זאָל איך דאָס הערן כאָטש א יי ן וואָרט! טאָמער ווילט איר אָבער דערפון דרינגען, אַז דאָס פאָלק באַציט זיך צו שלום

עליכמ׳ן גלייכגילטיג, זייט איר אייך טועה, במחילה. דאָס װעלן אייך באַשטע־טיגן אויך מיינע פאַרלעגער. די טבע ניט צו פילן קיין אינערליכן צובונד אפילו צו דעם שריפטשטעלער, װעלכן מ׳לייענט זעהר גערן און מיט גרויס התמזה איז ניט קיין ספּעציפיש יידישע. דאָס איז אַ גאַנץ געװיינליכע ער־שיינונג, װעלכע מ׳קריגט צו זעהען אויך ביי לייטן. איך געדענק, למשל, אַז דער באַװאוסטער רוסישער סאַטיריק סאַלטיקאָװ־שטשעדרין האָט זיך אַמאָל ערגיץ־װאו באַקלאָגט אויפן רוסישן לעזער, דאָס ס׳איז ניטאָ קיין שום אָנהאַנג צװישן אים מיט דעם שריפטשטעלער. „דער שריפטשטעלער שרייבט זיך, און דער לעזער לייענט זיך — אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט שטשעדרין — און נאָר אין דעם באַשטייט זייער גאַנצע גײַנוזייטיגע באַציהונג״. ביי דעם יידישן לעזער, װעלכער טראָגט כל ימיו אַ סך דאגות אויפן קאָפּ אוי־סער זיין בלאַט מיט זיינע שריפטשטעלער, קומט דער דאָזיגער כאַראַקטער־שטריך אַרויס פיל שאַרפער און בולט׳ער. פון דער אַנדער זייט האַלט איך, אַז װען איין שריפטשטעלער, װי באַדייטנד ער זאָל ניט זיין, װערט מיט אַמאָל נעלם פון אַ בלאַט אויף אַ לאַנגער צייט, קען טאַקי גריילאַך זיין, דאָס דער יידישער לעזער זאָל דאָס ניט באַמערקן און זאָל אויף דעם ניט רעאַגירן. איך רייד דאָ אָבער ניט װעגן אַ יחיד, װער ער זאָל ניט זיין, צו שלום־עליכם, צו אַן אַנדערער, נאָר װעגן גאַנצן אַנסאַמבל פון בלאַט, װעלכער דאַרף פון לכתחלה אָן זיין צוזאַמענגעשטעלט מיט דעם געהעריגן געשמאַק באופן, אַ ס׳זאָלן אין אים אַריינגיין אי מענדעלי, אי פּרץ, אי ספּעקטאָר, אי שלום אַש און אַלע אַנדערע זייער גלייכן, װעלכע מיר האָבן אַזוי װייניג, אַזוי װייניג...

IV.

דער באַנקעט לכבוד דוד װאָלפסאָן און נחום סאָקאָלאָװ.—דער עולם פאַרלאַנגט, אַז שלום-עליכם זאָל „עפּעס זאָגן״.—שלום-עליכם לאָזט זיך בעטן.—דער עולם לאָזט ניט אָפּ.—אַ דעפּוטאַציע פון „יהודיה״.—שלום-עליכם שטעלט זיך זאָגן און הערט אויף אינמיטן.—מיט װאָס שלום-עליכם דערקלערט דאָס.

אין יאָר 1908 זיינען צוריקװעגס פון פּעטערבורג דורכגעפאָרן װילנע דער דאַמאָלסטדיגער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער װעלט־אָרגאַניזאַציע דוד װאָלפסאָן צוזאַמען מיטן גענעראַל־סעקרעטער נחום סאָקאָלאָװ. דער ציוני־סטישער צענטראַל־קאָמיטעט פאַר רוסלאַנד, װאָס האָט זיך דאַן געפונען אין װילנע, האָט איינגעאָרדנט לכבוד די געסט אַ גרויסאַרטיגן באַנקעט אין גראַנד־האָטעל, אין װעלכן עס האָבן זיך באַטייליגט אַ היבשער שטאָטישער עולם און אויך ספּעציעל צוליב דעם אָנגעפאָרענע דעלעגאַטן פון אַנדערע שטעט. אַ היבשע ביסל רעדעס זיינען אין יענעם אָװנט געהאַלטן געװאָרן, און אויף פאַרשיידענע

שפּראַכן: העברעאיש, יידיש, רוסיש און דייטש, און דער עולם האָט, ווי דער מנהג איז, אַלעמען אַפּלאָדירט, דעם מער און דעם ווייניגער. צו באַזונדערס שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָט זוכה געווען די העברעאישע רעדע פון נחום סאָקאָלאָוו, וועלכע איז געווען לויט איר סטיל און לויט איר אינהאַלט ממש אַ מייסטער־שטיק.

נאָכדעם, ווי ס׳האָבן זיך שוין פאַרענדיגט די רעדעס, האָט אין זאַל מיט אַ מאָל אויסגעבראָכן אַ געשרייערײַ פון אַלע זייטן:

— שלום עליכם! שלום עליכם!

צופעליג האָט זיך שלום עליכם יענעם טאָג אויפגעהאַלטן אין ווילנע פון צוג צו צוג, און איז געווען פון די אייגעלאַדענע צום באַנקעט. די גאַנצע צייט איז ער געזעסן בײַ׳ם באַזונדער טיש פון די ווילנער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אויך דער באַוואוסטער קריטיק בעל־מחשבות, אַלס דעלעגאַט פון די קאָוונער ציוניסטן, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט.

אַז דער עולם האָט באַמערקט שלום עליכמ׳ען, האָבן אַלע, גלייך ווי מ׳וואָלט זיך פריהער וועגן דעם צונויפגערעדט, אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז שלום עליכם זאָל „עפּעס זאָגן".

די ערשטע עטליכע מינוט איז שלום עליכם געבליבן זיך רוהיג אויף זיין אָרט, ניט איבעררייסנדיג זיין שמועס מיט די זשורנאַליסטן און האָט אויף די געשרייען ניט געענטפערט.

דער עולם האָט אָבער ניט נאָכגעלאָזן. פון אַלע טישן האָט מען ניט אויפגעהערט צו שרייען מיט איין קול:

— שלום עליכם! שלום עליכם!

דאָ איז שלום עליכם אויפגעשטאַנען פון אָרט, און האָט שמייכלענדיג אַ זאָג געטאָן:

— רבותי! כ׳בעט אייך, לאָזט מיך צורוה, איך בין ניט קיין רעדנער; כ׳האָב, ממש, ניט וואָס צו „זאָגן"...

דער דאָזיגער שלום־עליכמ׳ס ענטפער האָט אַרויסגערופן אין זאַל א גרויסן טומל. ס׳האָבן זיך גענומען הערן קולות:

— שלום־עליכם זאָל זיין, און זאָל גאָרנישט „זאָגן"! ווי קען מען דאָס גאָר דערלאָזן?

— שלום־עליכם איז ניט קיין רעדנער! טאָ ווער זשע איז שוין אַ רעדנער?

— איר האָט געוואָלט, אַז ער זאָל שוין, די מינוט, כאַפּן „זאָגן"? ער לאָזט זיך בעטן, ווי אַלע גרויסע שרייבער, אָבער „זאָגן" וועט ער!

— פאַרוואָס האָט זיך סאָקאָלאָוו ניט געלאָזט בעטן?

— פאַניע שלום־עליכם! אָט טוט צוליב אַן עולם און לאָמיר הערן אייערן אַ װאָרט.

און שלום-עליכם זיצט און שווייגט, און ער ווייס ניט וואָס צו טאָן; מען דערקענט אָן אים, אַז אים ווילט זיך זעהר ניט ריידן.

דער ליאַרים ווערט אָבער ניט קלענער. דער עולם וויל זיך בשום אופן ניט באַרוהיגן: ניט אַנדערש, אַז שלום-עליכם זאָל רעדן!

זעהענדיג, אַז דאָס נעמט קיין סוף ניט, האָט מען זיך גענומען ווענדן צו שלום-עליכמ׳ן פון הויפּט טיש. ביי וועלכן עס זיינען געזעסן די געסט און אַרום זיי די מיטגלידער פון קאָמיטעט און די פאָרשטייער פון די ווילנער ציוניסטן. איך געדענק, אַז דער ערשטער האָט זיך געקערט צו שלום-עליכמ׳ן דער דאַמאָלסטדיגער ווילנער ראַבינער ד״ר קאַנטאָר מיט די פאָלגנדע ווערטער:

— הער שלום-עליכם! אָט זייט ניט עובר אויף „אל תמנע״...

דערנאָך זיינען צוגעשטאַנען צו שלום-עליכמ׳ן אויך באָריס גאָלדבערג, דרויאַנאָוו, און גאָר צום סוף אזיך וואָלפסאָן און סאָקאָלאָוו...

פון זשורנאַליסטן-טיש האָט מען אויך געפּרובט ווירקן אויף שלום-עליכמ׳ן, אַז ער זאָל זיך „אָפּטשעפּען און זאָגן אַ פּאָר ווערטער״...

און דערווייל וואָס ווען הערט זיך דער עולם ניט אויף צו קאָכן, מ׳איז געפאַלן אויף א המצאה, און מ׳האָט, אויסגעריכט צו שלום-עליכמ׳ן אַ דעפּוטאַציע פון צוויי קליינינקע מיידעלאך, תלמידות פון דער העברעאישער מיידל-שול „יהודיה״, וועלכע זיינען צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— „יואיל נא אדונינו הסופר הגדול, מר שלום-עליכם, לכבדנו בדבריו היקרים!״

שלום-עליכם האָט זיך נאָך אַ ביסל געקווייַנקלט. לסוף האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, איז צוגעגאַנגען צום הויפּט-טיש, האָט זיך אויף אַ פּאָר מינוט פאַרקלערט, און גענומען רעדן...

ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר גאַנץ שוואַכע וויצן, פון וועלכע דער עולם האָט אַ ביסל געלאַכט, עפּעס נאָר ווי כדי אָפּצוגעבן דעם צינז, וואָס קומט דעם גרויסן הומאָריסט... שלום-עליכם האָט זיך ווידער אַ קליינע ווייַלע פאַרטראַכט, און דערנאָך „אויסגעשמאָקצעט״ פון זיך נאָך אַ צוויי, דריי וויצן, און—האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ביים זשורנאַליסטן-טיש האָט מען באַמערקט, ווי שווער עס קומט אָן שלום-עליכמ׳ן צו רעדן, און ווי לויט אַ סיגנאַל האָט עמיצער אָנגעהויבן צון אַפּלאָדירן און צו שרייען „בראַוואָ!״ און אַלע נאָך אים. מיט דעם האָט זיך באַנוצט שלום-עליכם, האָט זיך אַ בויג געטאָן צום פּובליקום, ווי אָפּדאַנקנדיג אים, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.

דער עולם איז געבליבן אַנטוישט. אַנדערע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. אַלע האָבן דאָס אָבער גלאַט אַראָפּגעשלונגען, און קיינער האָט ווע-

דעם ניט גערעדט. מ'האָט אַ קלאַפּ געטאָן די „התקוה", און ביי איר'ע קלאַנ־גען איז מען זיך צוגאַנגען.

אונטערפירנדיג, צוזאַמען מיט נאָך איניגע שריפטשטעלער, שלום־עליכמ'ן צום וואָקזאַל—ער איז דאַן גלייך פאַרטאָג אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע—האָט ער צו אונז געזאָגט:

— וואָס יידן זיינען! וויבאַלד שלום עליכם, מוז ער שוין זיין אַ רעדנער, און וויבאַלד אַ רעדנער מוז ער שוין רעדן, וואָס איז? אַזוי איז דער מנהג, אַז אויף אַ באַנקעט „זאָגט" מען. דער אמת זאָגנדיג אייך בין איך פון דער נאַטור ניט קיין רעדנער. זיך איך ביי'ם שרייב־טיש און שרייב—גייט דאָס ווי אַ וואַסער, די געדאַנקען ווערן ביי מיר אין מה קאָמבינירט ממש ווי אַ פייל פון בויגן, אָן אַ סימן חבלי לידה. האַלטן אויסווייניג רעדעס ווי לייט, איז מיר אָבער שווער, כמעט אוממעגליך. און מיינט ניט חלילה, אַז דאָס איז מחמת „אימתא דציבורא". שלום־עליכם איז ניט קיין שרעקעדיגער ייִנגל, און די אַלע דרשות־האַלטער זיינען אויך ניט קיין גרויסע פלאָקענשיסערס... דאָ איז אָבער דאָ גאָר אַן אַנדער סבה. איך שטעל, אפשר, דעם „רעדן" אויף אַ צו הויכער מדרגה. אויב „רעדן"—אַזוי האַלט איך—מוז דאָס זיין, ממש, „הלא כה דברי כאש", ניט קיין פייער־ווערק, ניט קיין ראַקעטן לאָזן, נאָר אַ פייער, וואָס זאָל אַריינדרינגען טיף אין דער נשמה, און אַזאַ פייער פאַרמאָג איך ניט; אָט שווייג איך. אַזעלכע שטורמישע סצענעס ווי די היינטיגע ביים באַנקעט, איבערלעב איך ניט דעם ערשטן מאָל. אין קיעוו האָב איך צוליב דעם די גאַנצע צייט אויסגעמידן אַלערליי אסיפות און פאַרזאַמלונגען. איצטער ווייס מען שוין דאָרטן, אַז כ'בין ניט פון די רעדנער און מ'בעט מיך שוין ניט רעדן. פון היינט אָן וועט מען שוין דאָס וויסן אויך ביי אייך אין ווילנע. און אויסזאָגן וועל איך אייך אַ סוד, אַז מחמת דעם האָב איך מיך קיינמאָל ניט געלאָזן קלייבן צו אַ ציוניסטישן קאָנגרעס.

V.

שלום עליכמ'ס לעצטער באַזוך אין ווילנע.—זיין שלעכטעס אויסזעהן.—שלום עליכמ'ס פעלעטאָנען און לעבן" געגן די רעדאַקטאָרן פון די יידישע צייטונגען.—„זיי זיינען ווערט דעם שטעקן".—שלום־עליכם באַקלאָגט זיך אויף זיין געזונט.—מיין פאָרשלאָג פאַר די ווילנער עסקנים פאַלט דורך.—שלום עליכמ'ס אַרויס־טרעט פאַר'ן ווילנער עולם.—דער איינדרוק פון זיין לייענען.—מיין לעצטער געזעגענען זיך מיט אים.

אין מאַי 1914 איז שלום עליכם געקומען קיין ווילנע. ער האָט דאַמאָלסט זייער שלעכט אויסגעקוקט, איז געווען אָבגעצערט און בלאַס, אַ מידיקייט און אַ דערשראָקנקייט זיינען געלעגן אויף אַלע זיינע באַוועגונגען; מ'האָט געזעהן באַשיינ־פּערלעך, אַז ער איז נאָך אַ גאַנץ שטאַרקער חולה. איין טאָג, אַז כ'בין צו אים

אַריין אין בריסטאָל (דער האָטעל, וואו ער איז איינגעשטאַנען), האָב איך אים געפונען שרייבנדיג און האַלטנדיג בשעת מעשה אין דער אַנדער האַנט אַ גלעזל מיט אַ שוואַרצפאַרביגן געטראַנק.

דערזעהענדיג מיך האָט ער זיך אָפּגערופן:

גוט וואָס איר זייט געקומען. מיט איין קלאַפּ האָט איר מיך אויסגעלייזט פון אָט די ביידע ביטערע טראָפּנס.

דערביי האָט ער אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט דאָס פּאַפּיר, און אָפּגערוקט פון זיך דאָס גלעזל, און געזאָגט:

— אָט דאָס איז אַ גאַליגער פעליעטאָן פאַרן „ל ע ב ן", און דאָס איז אייער גאָלדבערגס „מים המאררים"...*).

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז אין יענער צייט האָט שלום-עליכם געשריבן אויסשליסליך נאָר פאַרן טעגליכן בלאַט „דאָס לעבן", וואָס איז דאַן איבערגע-גאַנגען אין דעם רשות פונם באַוואוסטן וואַרשעווער ביכער-פאַרלאַג „צ ע נ-ט ר אַ ל". ער האָט דאַמאָלסט געשריבן אין „לעבן" אַ סעריע פעליעטאָנען, אין וועלכע ער האָט שאַרף איראָניזירט אויפן חשבון פון די רעדאַקטאָרן פון די אַנדערע וואַרשעווער יידישע צייטונגען, וואו ער האָט פריהער געאַרבעט בקביעות.

אין אַ קליינע ווײַלע אַרום האָט שלום-עליכם צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס, אַז דער עולם מורמלט אויף מיר שטאַרק צו פאַר מיינע לעצטע פעליעטאָנען אין „לעבן". מ'זאָגט, אַז איך האָב דאָס ניט געדאַרפט. און, אפשר, האָב איך דאָס ט אַ ק ע ניט געדאַרפט. אָבער דאָס איז ביי מיר אַרויס גאָר אומגעריכטערהייד, כמעט ניט ווילנדיג. פריהער איז ביי מיר עפּעס אַרויפגעשוואומען אויפן געדאַנק—האָב איך גענומען און האָב דאָס „עפּעס" אַרויפגעשריבן אויפן פּאַפּיר; דערנאָך איז צו ד ע ם „עפּעס" צוגעקומען נאָך אַן „עפּעס", און אַזוי אַרום האָט זיך אַרויסגעדרייט אַ גאַנצער קנויל פון „עפּעסן", און ס'איז געוואָרן א י י ן פעליעטאָן, און דער איינער האָט שוין נאָך זיך, מיט דעם כח פון דער אינערציע, נאָכגעשלעפּט אַ צווייטן און אַ דריטן פעליעטאָן, און אַזוי פעליעטאָנט זיך דאָס, און איך ווייס אַליין ניט, ווען וועט דאָס נע-מען אַ סוף; עס שפּאַרט זיך פון אַלע זייטן, און ס'איז מיר שווער צו פאַר-דרייען דעם קראַן...

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אין דער אונטערשטער שורה זיינען זיי אָבער ד אָ ך ווערט דעם שטעקן...

אין ד ע ר מינוט האָט זיך געעפנט די טיר, און ס'איז אַריינגעגאַנגען דער בוכהענדלער ש. ש ר ע ב ע ר ק, אַ שותף פון „צענטראַל" און איינער פון די דאַמאָלסטיגע בעלי-בתים פון „לעבן".

---

*) ניטאָמער: ביאַמאַלק.

אַז שלום־עליכם האָט אים דערזעהן, האָט ער, פֿאַרזעצנדיק מיט מיר זײַן שמועס, פֿאַרענדיקט אין אַ ביסל אַ נידעריקערן טאָן:

— און ד י, ניט װײַניקער פֿון י ע נ ע...

איך האָב פֿאַרשטאַנען, װאָס ער האָט מיט דעם געװאָלט זאָגן.

פֿון דעם איז אַריבער אונזער געשפּרעך צו שלום־עליכם׳ס װײַטערדיקע ליטעראַרישע אַרבעטן.

דאָ האָב א י ך מיך אָפּגערופֿן:

— איר האָט איצטער באַדאַרפֿט צונױפֿנעמען די כּחות און שאַפֿן עפּעס װאָס קאַ פּ י ט אַ ל י ש ע ס; דער עולם ערװאַרט נאָך פֿון אײַך פֿיל.

אויף דעם האָט מיר דאַן געענטפֿערט שלום־עליכם מיט אַ ביטערן שמײכל:

— דער עולם ערװאַרט נאָך פֿון מיר, זאָגט איר; איך אַלײן ערװאַרט פֿון זיך אויך. װאו נעמט מען דאָס אָבער די כּחות, װעלכע איר הײסט מיר צו־נױפֿנעמען? אפשר פֿון אײַער גאָלדבערגס ביאָמאַלץ?... אפשר פֿון די אַרומפּאַ־רענישן איבער די שטעט? אָט דאַרף איך הײַנט אין אָװנט משמח זײַן אײַער װילנער עולם... קנאַפּ כּחות װעט דאָס מיר צוגעבן?... קנאַפּ פֿודן געזונט װעט מיר דערפֿון צוקומען?... אדרבה, גיט אַן עצה און זאָגט, װאו נעמט מען כּחות?

דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך שלום־עליכם׳ס פֿרױ, װעלכע איז פֿון אים, װי אַ גוטע פֿײע, ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ מינוט. זי האָט אים געבעטן זיך ניט אויפֿרעגן, און אויך װי װײַט מעגלעך װאָס װײניקער רעדן. דערבײַ האָט זי דערצײלט, דאָס נאָך איטלעכן מאָל, װאָס ער לײענט אָפּ פֿאַרן עולם, װערט ער באַגאָסן מיט אַ שװײס, װעלכער גיט אים אויך קײן געזונט ניט צו.

איך דערמאָן מיך, אַז גײענדיק צוריק פֿון שלום־עליכם׳ן האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אין גאַס מיט אַ פּאָר פֿון די חשובֿ׳סטע װילנער כּלל־טוער, און האָב זײ דערצײלט דעם זעהר טרויעריקן אײַנדרוק, װאָס אויף מיר האָט געמאַכט דער געזונט־צושטאַנד פֿון אונזער גרויסן פֿאָלקס־דיכטער. דערבײַ בין איך געװען אויף אַזוי פֿיל נאַאיװ אַרויסצוזאָגן פֿאַר זײ דעם געדאַנק, אַז אפשר װאָלט געװען אַ פּלאַן צו פֿאַרשפּאָרן שלום־עליכם׳ן זײַן הײַנטיקן עפֿנטלעכן אַרויסטריט, און זעהן צו באַקומען פֿאַר אים דעם האָנאָראַר פֿון אַן אַנדער מקור... די בײדע עסקנים האָבן אויף מיר אויסגעגלאָצט די אויגן, און האָבן זיך אפֿילו ניט געװאָלט אַרײַנלאָזן מיט מיר אין קײן שום ויכּוחים. אַזוי פֿרעמד און אַזוי װילד האָט זיך זײ, אפֿנים, אויסגעװיזן מײַן פֿאַרשלאַג...

* * *

און אין דעמזעלביקן אָװנט איז דער גרויסער צירק אויף דעם לוקיש־קער פּלאַץ געװען אָנגעפּאַקט מיט מענשן איבער און איבער. אַ גרויסער עולם

איז אַוועק צוריק, ווייל ס׳האָט ניט געסטייעט קיין בילעטן. אַזוי פיל בעלנים זיינען ביי אונז געווען צו הערן שלום־עליכמ׳ן. די ערשטע רייהען זיינען גע־ ווען פאַרנומען פון דער „גאָלדענער פאָן“, פון דער רייכער אינטעליגענץ, און נאָך זיי איז געגאַנגען דאָס „פאָלק“. און אין יענעם אָוונט האָט שלום־עליכם פאָרגעלייענט עטליכע פראַגמענטן פון זיינע ווערק ממש קינסטלעריש. ניט צום ערשטן מאָל האָב איך דאַמאָלסט געהערט שלום־עליכמ׳ן לייענענדיג פאַרן ווילנער עולם, ער האָט נאָך אָבער אויף מיר קיינמאָל ניט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק ווי יענעם מאָל; עפּעס ווי ער וואָלט זיך דאַמאָלסט משתדל געווען אַרויסצוווייזן זיך מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיין דעקלאַמאַטאָרישן טאַלענט. דער רושם אויפן עולם איז געווען גוואַלטיג. דער צירק האָט זיך, ממש, געטרייסלט פון די אַפּלאָדיסמענטן מיט די שטורמישע אָוואַציעס. ס׳האָט געציטערט די לופט פון די געשרייען: „שלום־עליכם!“ „שלום־עליכם!“

בשעת דער הפסקה בין איך אַרויף צו שלום־עליכמ׳ן הינטער די קוליסן. איך האָב אים געפונען זיצנדיג אויף אַ שטול, לעבן אים די פרוי, און וויסנ־ דיג מיט אַ טיכל דעם שוויס פון זיין שטערן. דערזעהענדיג מיך האָט ער צו מיר געזאָגט:

— זעט, כ׳בעט אייך, טוט מיר אַ טובה און באַרוהיגט דעם עולם. כ׳בין שוין איינמאָל צו זיי אַרויסגעגאַנגען, און מער קען איך ניט.

ביי באַרוהיג אַ פיל־טויזנט־קעפּיגן המון! ס׳איז געווען, ממש, אוממעגליך. איך, און צו מיר נאָך עטליכע, האָבן געבעטן דעם איינעם און דעם אַנדערן, מ׳האָט דאָס איבערגעגעבן כמעט אין אַלע רייהען, אָבער אומזיסט. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו רופן: „שלום־עליכם!“ „שלום־עליכם!“

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. שלום־עליכם איז אַרויסגעגאַנגען און האָט איבערגעלייענט נאָך אַ פּאָר פון זיינע זאַכן, און אַלץ מיט דעמזעל־ ביגן גוואַלטיגן ערפאָלג.

ער האָט אָבער דאָס גאַנצע פּראָגראַם ניט דערלייענט. ס׳איז אים געווען שווער. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און איז אַ פּאָר מאָל אַרויס, לויט דעם רוף פונם עולם, אויף דער בינע, האָט אָפּגעדאַנקט פאַרן גרויסן כבוד, און איז אַוועק.

שלום־עליכם איז שוין געלעגן אויפן סאָפע ביי זיך אין נומער, און איי צירק האָט נאָך די מאַסע אַלץ געשריען מיט איין קול:

— „שלום־עליכם!“ „שלום־עליכם!“

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שלום־עליכם אָפּגעפאָרן פון ווילנע.

מיר האָבן אים באַגלייט צום באַן. איך געדענק, אַז שלום־עליכם האָט דאַן אויף אונז אַלעמען געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק מיט זיין שלעכטן אויסזעהען.

אַז דער צוג האָט זיך שוין גענומען רירן, האָט שלום-עליכם צו אונז אַרויסגעשריען דורכן פענסטער פון וואַגאָן:

— לְ—הִ—תְ—רָ—אָ—ו—ת!...

דאָס איז געשעהן אין מאַי 1914.

* * *

פונקט אין צוויי יאָר אַרום, אין מאַי 1916, איז אונז אָנגעקומען די בשורה פון אַמעריקע:

— — — „געשטאָרבן איז שלום-עליכם!“

ש. ל. ציטראָן.

דרײַ

ליטעראַרישע

דורות

כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות

וועגן יידישע שריפטשטעלער.

צווייטער באַנד.

פערלאַג / ש. שרעבערק.

פערקויף געזעלשאַפט „צענטראַל", ווארשא.

PRINTED IN POLAND.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2

Druk. Sikora i Mylner, Warszawa, Nowolipki 6.

אהרן שמואל ליבערמאַן.

(געבאָרן 1844; געשטאָרבן 1880).

I.

לונע אין די 60-ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט.—די אַרקינס.—דער לונער רב און זיין פילווישקער אוידים.—ליבערמאַנס עלטערן.

האַרט ביים ניעמאַן אין גראָדנער גובערניע ליגט, אַרומגעצוימט פון געדיכטע סאָסנאָווע וועלדער, אַ קליינשטעטל מיטן נאָמען לונע. אין די 60-ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט האָט דאָס דאָזיגע שטעטל געשמט אין גאַנץ ליטע מיט די „אַרקינס", וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט. דאָס זיינען געווען דריי ברידער, פרומע, גאָטספאָרכטיגע יידן, וואַלד-סוחרים, וואָס האָבן געפירט גרויסע האָלץ-געשעפטן מיט פרייסן, און דורך דעם זעהר רייך געוואָרן. כמעט אַלע לונער יידן האָבן געצויגן חיונה פון די „אַרקינס". די זיינען געווען ביי די אַרקינס מעקלערס פון וועלדער, די האָבן ביי זיי געדינט פאַר שאַפאַרעס, אַנדערע האָבן אָפגעהיט זייער געהילץ ביים ברעג ניעמאַן, אַנדערע זיינען געגאַנגען מיט זייערע פליטן קיין אויסלאַנד, און אַנדערע האָבן זיך סתם אַרום זיי געריבן, און באַקומען פון זיי אַ מאָל צוגעוואָרפן אַ פאַרדינסטל. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די גאַנצע לונער יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפילט אָפהייבגיג פון די אַרקינס, וועלכע האָבן געקראָגן די ברייטסטע דעה אויף אַלע קהלשע ענינים. אָן די אַרקינס האָט מען ניט גענומען קיין רב און קיין שוחט און קיין חזן און קיין אייבציגן פון די איבעריגע כלי-קדש. אָן די אַרקינס האָט זיך די שטעטל קיין ריר ניט געגעבן.

האָט זיך אַ מאָל געמאַכט, אַז אין לונע איז אָפגעשטאָרבן דער רב, און מ'האָט געדאַרפט נעמען אַ נייעם. האָבן די אַרקינס פון ערגעץ-וואו אָפגעזוכט זייערן אַ קרוב, אַ ייד אַ חלוש און אַ גרויסן למדן, האָבן אים אַראָפגעבראַכט קיין לונע און געמאַכט פאַרן רב. דאָס איז געווען אַ פאַרשמאָלצענער ייד, אַ גרויסער תמים און ווייט פון דער וועלט, אויסגעטאָן אינגאַנצן פון „גשמיות" און פאַרטאָן דורכאויס אין פרומקייט און עבודת-הבורא. אינגיכן האָט מען אים

אָנגעהויבן צוהאַלטן אין שטעטל פאַר אַ מין „גוטן" יידן, וואָס זיינע אַ תּפלה איז זעהר אָנגעלייגט „אויבן" אין די עולמות העליונים. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ר' איצעלע — אַזוי האָט דער רב געהייסן — איז געוואָרן אַ שם־דבר ניט אַליין אין לונע, נאָר אויך אין דער גאַנצער סביבה. פון דער גאַנצער געגנט פלעגט מען קומען צו אים מיט בקשות מתפלל צו זיין פאַר מסוכּנדיגע חולאים, פאַר עקרות, און סתם רחמים בעטן פאַר דעם צי פאַר יענעם, וואָס געפינט זיך אין אַ צרה.

אָט דער ר' איצעלע האָט מיט זיך אַראָפּגעבראַכט קיין לונע אַ ווייב מיט דריי דערוואַקסענע טעכטער, וועלכע זיינען שוין לאַנג געשטאַנען אין שדוכים, נאָר ס'האָבן זיך אויף זיי ביז אַהער ניט געפונען קיין בעלנים. אָבער אין לונע האָט די עלטערע באַלד באַקומען איר זיווג. „גאָט אַליין האָט אים צו מיר אין שטוב געבראַכט!" האָט ר' איצעלע געזאָגט ווען אין אַ געוויסן טאָג איז צו אים אַריין אַ יונג בחורל, אַ תּלמיד פון דער שטעטלדיגער ישיבה, פרעגן ביי אים פּשט אין אַ תּוספות. דאָס בחורל, אַ יתום, אָן טאַטען און מאַמען, האָט געשטאַמט פון פּילווישאַק, סובאַלקער גובערניע, און אַרומוואַנדערנדיג פון זיין 15־טן יאָר אָן פון שטעטל צו שטעטל, איז ער געקומען קיין לונע, האָט געקראָגן „טעג" און איז אַריין אין דער ישיבה. אַז דער רב האָט זיך מיטן פּילווישקער קלויזניק פונאַנדערגעשמועסט אין לערנען, האָט ער דערזעהן, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ וואויללערנער מיט אַ עילויאיש קאָפּ, און די מינוט האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מח דער געדאַנק: זאָל דאָ, אפשר, ניט זיין מיין צפורה פייגלס באַשערטער?... מישב געווען זיך וועגן דעם מיט דער רעבעצין, איז ביי זיי געבליבן, אַז זיי זאָלן דאָס בעסער איבערגעבן זייער קרובה, דער פּרוי פון איינעם פון די אַרקינס, ביי וועלכע ער עסט אַ „טאָג".

נאָך דעם שמועס מיט דער „גבירתע" אין דעם זעלביגן טאָג, איז דער בחור געקומען צו איר און געמאָלדן, אַז ער איז מסכּים אויף דעם שידוך.

און פון אָט דעם ר' איצעלע דעם לונער רבס איידים איז דאָס אַרויסגעקומען דער שפּעטערדיגער באַשעפער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איר ערשטער באַגאַבטער אַגיטאַטאָר אין רוסלאַנד — אהרן שמואל ליבערמאַן.

II.

דער פילווישקער אוידים ווערט אַ פרוש.—ליבערמאַנס קינדערשע יאָרן.—זיין באַזונדערע גערעכטיקייט.—דער קלוגער ליבערמאַן ווערט אַ מנהיג ביי זיינע חברים.—אין ליבערמאַנען קומט פאָר אַ גרויסע פאַרענדערונג.—זיין גרויס חשק צום לערנען.—דער משביל'שער מלמד ביי די אַפיקורסים.—ליבערמאַן ווערט זיינער אַ תלמיד.—די ווירקונג פון ערטערס „הצופה" אויף ליבערמאַנען.

עס זיינען אַריבער אַ יאָר פיר. דער פילווישקער יונגערמאַנטשיק האָט דערגרייכט זיין ציל: ער האָט באַקומען פון ר' איצעלען סמיכה; דאָס איז געוועזן דער ערשטער טריט צו רבנות. כדי צו טאָן אויך די ווייטערדיגע טריט האָט ער באַשלאָסן אַוועקצולאָזן זיך קיין קאָוונע און דאָרטן ווערן אַ פרוש. שווער און שוויגער און אויך זיין יונגע פרוי האָבן אים דערפון ניט אָפגערעדט, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער גענומען זעקל און פעקל, און איז אַוועק קיין קאָוונע.

די צייט, וואָס דער פילווישקער פרוש האָט פאַרבראַכט אין דער פרעמד, האָט זיך זיין קליין ייִנגעלע געהאָדעוועט ביים שווער אין לונע אונטער דער השגחה פון דער מוטער, און באַזונדערס פון דער אַלטער באָבען, וועלכע האָט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. דאָס ייִנגל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זעהר אַ געראָטענעם. אַז ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט מען שוין אָן אים דערקענט, אַז ער האָט אומגעוויינליכע פייאיגקייטן. ער האָט זיך שוין דאַמאָלסט פון זיך אַליין אויסגעלערנט דעם אלף־בית, און גאָר איינגיכן געזאָגט „עברי", „ווי אַ וואַסער". אויפן פערטן יאָר האָט ער זיך געריסן לערנען, און מ'האָט אים געמוזט אָפּגעבן אין אַ חדר. צו 6 יאָר איז ער שוין קלאָר געוועזן אין גאַנץ תנ"ך, און דער זיידע אַליין האָט מיט אים אָנגעהויבן לערנען גמרא. אויפן 7־טן יאָר האָט דאָס ייִנגל געקענט אַליין פאַרשטיין דעם שווערסטן תוספות. לונער לומדים, וואָס פלעגן אים אַמאָל קומען פאַרהערן, פלעגן טענהן אין איין קול, אַז דעם רבס איניקל האָט אַן אָפּגעבעם מח, און אַז פון אים וועט אַרויס אַ „כלי נפלא", מיט וועלכן עס וועט קלינגען די וועלט.

און ווי וואוילגעלערנט דאָס ייִנגל איז געווען, אַזוי איז עס געווען אויך אַ שטיפער. און זיין שטיפעריי איז אויך ניט געווען קיין געוויינליכע. ער האָט אויסגעקלערט כלערליי שפּילן, און צוגעצויגן צו זיך אַלע שטעטלדיגע ייִנגלאַך. ער האָט אויסגעטראַכט שפּילן אויף די ברייטע פרייע לונער לאָנקעס און אויפן גלאָז־גלאַטן אַייז פון ניעמאַן. אַדאַנק זיין געשליפענעם צינגל און גרויסן כח־הדבור האָט ער באַקומען אויף דער לונער קליינוואַרג אַ גוואַלטיגע השפעה, און געמאַכט מיט זיי אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. צוגעקוקט זיך איינמאָל צו אַ קלפי פון חברה־קדישא־גבאים, וואָס איז פאָרגעקומען ביים זיידן אין שטוב, האָט ער אויף מאָרגן אין בית־המדרש נאָכן דאַוונען געגרינדעט אַ חברה פון

ייִנגלאַך, און אין דעמזעלביקן טאָג, בין מנחה למעריב, האָט ער צונויפגערופן אַן אספה, און מ׳האָט געקליבן גבאים... פון דעמאָלסט אָן האָט ער זיך אַרייַנ=געלאָזן אין מאַכן חברות, איטליכע חברה מיט איר באַזונדער ציל: אַ חברה צו שרייבן אַ ספר=תורה, אַ חברה צו קויפן ספרים פאַרן בית=מדרש, אַ חברה אויף צו קלייבן אַלטע „שמות״, אַ חברה צו באַזאָרגן קלויזניקעס מיט „טעג״ א. אַז. וו. דער דאַמאָלסט קוים ניין=יאָריגער „מנהיג״ האָט שוין פאַרשטאַנען בעסער פון אַן אַנדערן אַ דערוואַקסענעם ווי צוזאַמענצובינדן און צו אָרגאַניזירן פאַר=שיידענע פערזאָנען צו איין אַלגעמיינעם צוועק, און ס׳איז געווען פשוט צו באַוואונדערן די שטרענגע דיסציפּלין, וואָס ער האָט איינגעפירט צווישן זיינע קליינע חברים. די מוטער, און אויך דער זיידע מיט דער באָבען, פלעגן אויף דאָס אַלץ קוקן ווי אויף מעשה קונדס. ר׳ איצעלע פלעגט זאָגן: איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהען, אַז אַן עילוי זאָל קינדווייז ניט זיין קיין שטיפער.

בעת דאָס ייִנגל איז געוואָרן קרוב צו 10 יאָר האָט זיך אין אים געענ=מען מערקן אַ גרויסע פאַרענדערונג. קודם=כל האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ באַזונדער חשק צום לייענען. געלייענט האָט ער אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אים נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט אין לשון=קודש און אין יידיש. אין דעם זיידנס אַלמער ספרים, האָט ער געפונען אַן אַלטן „סדר הדורות״, וועלכן ער האָט דורכגעלייענט פון טאָוול ביז טאָוול, און האָט באַלד געקענט דערציילן אַלע זיינע מעשיות און לעגענדעס אויסווייניג. דערנאָך האָט ער פון דאָרטן אַרויסגעקראַצט דעם „ספר הישר״ מיט דעם דובנער מגידס עברי=טייטש=פירוש אויף דער הגדה. די משלים פון דובנער מגיד האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דער עצם ענין פון משלים איז אים זעהר געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך געפּרובט פאַרפאַסן אייגענע משלים צוגעפּאַסט, לויט זיינע קינ=דערשע השגות, צו פאַרשיידענע צופאַלן און איבערלעבענישן פון זיין סביבה. ער האָט זיך געקראָגן אַ טבע צו זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט: איי, כ׳האָב אויף דעם אַ משל! און שוין אויפן אָרט האָט ער גענומען און געזאָגט דעם משל. מיט זיינע משלים האָט מען זיך אַרומגעטראָגן אין שטעטל, און ס׳איז געקומען דערצו, אַז אפילו עלטערע פלעגן זיך אין שמועסן באַנוצן מיט דעם קליינעם אהרן=שמואלס משלים. זיין תשוקה צו לייענען איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט מיט קיין ספר ניט געבראַקירט. ער האָט ניט אויסגעלאָזן קיין איין ספר אויך פון דער באָבעס „ביבליאָטעק״. אַלץ האָט ער געשלונגען: דעם „צאינה וראינה״ מיטן „מנורת המאור״ און דעם „קב=הישר״. באַזונדערס האָט אים פאַראינטערעסירט די געשיכטליכע זייט פון די דאָזיגע ספרים, די פאַר=שיידענע מעשיות וועגן גרויסע פרומע יידן, וועגן גן=עדן און גיהינום. די דאָ=זיגע אַלע מעשיות פלעגט ער, בעת ער איז פריי געווען פון לערנען, און באַ=זונדערס שבת נאָך שלש=סעודות, איבערדערציילן אין אַ באַארבעטער פאָרם און מיט אייגענע הוספות זיינע חברים.

גאַנץ אָפט האָט זיך אהרן=שמואל אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן. צייטנווייז

פלעגט מען אים געפינען זיצנדיק פאַר זיך אין אַ ווינקל פאַרטיפט אין געדאַנקען, אָדער אַרומגייענדיק ווי אַ פאַרחלומטער. ביי דער גמרא, אינמיטן סוגיא, פלעגט זיך אים אַמאָל פאַרוועלן אַרויספירן דעם זיידן גאָר אויף זייטיגע ענינים, וואָס האָבן צו דעם עצם לערנען קיין שייכות ניט. ביי אַזויגע צופאַלן פלעגט זיך דער זיידע אויף אים פונאַנדערבייזערן און שרייען: ס׳איז אַן עבירה די צייט! אהרן־שמואל פלעגט זיך אַיינקשענען און בלייבן ביי דאָס זייניגע: ער מוז וויסן דאָס און דאָס, אַנדערש גייט אים די גמרא אין קאָפּ ניט. נאָך עטליכע אַזעלכע צופאַלן איז דער אַלטער זיידע אַרויס פון געדולד און האָט באַשלאָסן אויפהערן אַליין מיט אים צו לערנען און אָפּגעבן אים אין חדר צו אַ מלמד.

גראָד האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז איינער פון די אַרקינס האָט אַראָפּגעבראַכט אַ מלמד פון גראָדנע פאַר זיינע קינדער. דער מלמד איז גראָד געווען אַ יונגערמאַן אַ מושלם, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ידיעה אין דקדוק, געקענט שיין מסביר זיין אַ קאַפּיטל תנ״ך, און האָט געשריבן אַ פיינעם העברעאיש לויט די השגות פון יענער צייט. זיין השלמה איז אָבער געווען אַ באַהאַלטענע, און אָנקומענדיק אין דעם עקסט אָרטאָדאָקסיש הויז פון די אַרקינס האָט ער זיך מיט איר מורא געהאַט אַרויסצווייזן, כדי ניט קאַליע צו מאַכן דורך דעם זיין פרנסה.

צו דעם דאָזיגן מלמד האָט ר׳ איצעלע אָפּגעגעבן אויך דעם קליינעם אהרן־שמואלן. אָפּגעלערנט מיט אים דעם ערשטן חדש, האָט דער מלמד באַמערקט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַן אומגעוויינליך באַגאַבט קינד. איינמאָל האָט ער זיך אַיינגעטשעפּעט אין מלמד, ער זאָל אים זאָגן, צי האַלט ער אויך מיט אַלעמען, אַז זיין זיידע ר׳ איצעלע קען מיט זיינע תפלות געזונט מאַכן קראַנקע און מבטל זיין די גרעסטע גזרות. אַז דער מלמד האָט אים מיט אַן ערנסטער מינע אַ פרעג געטאָן: און דו גלויבסט, אפשר, אַז ס׳איז ניט אַזוי? האָט ער אַ מינוט ניט קלערנדיק אויסגעשאָסן: ניט איך גלויב, נאָר איך ווייס אויף געוויס, אַז דאָס איז ניט אמת; אַ מענטש איז ניט קיין גאָט!... דעם מלמד איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען אויסצוגעפינען פאַסיגע תשובות, וועלכע זאָלן באַפרידיקן זיין קליינעם תלמיד. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אַרויסמאַכן צו געבן אים אַ וועלכן ס׳איז ענטפער. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דאָס יינגל ווערן אָנגעבלאָזן, פאַרצאָרנט, און אַמאָל פלעגט ער זיך פונאַנדערוויינען. איין מאָל, דאָס איז געווען אַ ווינטערדיגער פרייטאָג צו נאַכט נאָך וועטשערע, האָט זיך אהרן־שמואל שטילערהייד אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, און איז אַוועק צום מלמד. נאָר ער האָט אים ניט געפונען אין דערהיים. האָט ער גענומען בלעטערן די ספרים, וואָס זיינען געלעגן אויפן פאָליצע: דאָס זיינען געווען אַלץ גמרא׳ס, מפרשים, שאלות ותשובות. מיט אַמאָל האָט ער געוואָרפן זיין בליק אויפן מלמדס קעסטל אונטערן בעט. ער האָט עס געעפנט און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם ערשטן ספרל, וואָס איז אים געקומען צו דער האַנט — דאָס איז געווען דער „הצופה

לבית ישראל". אַז דער מלמד איז נאָכדעם אריין און געפונען זיין קליי־נעם תּלמיד זיצנדיג און לייענענדיג דעם "הצופה", איז ער געבליבן שטיין אַ צוטומלטער... געקומען צו זיך, האָט ער אַרויסגעריסן ביי אים דאָס ביכל, זאָגנדיג מיט אַ בייזער:

— ווי קומסטו, שייגעץ איינער! אַזעלכע ספרים זיינען ניט פאַר דיר!

אויף דעם האָט דאָס יינגל געענטפערט:

— און פאַרוואָס—פאַר איך!

— ווייל איך בין אַ גרויסער.

— און איך וועל ווערן אַ גרויסער

— וועסטו דעמאָלט לייענען.

— און איך וויל איצטער!...

דאָס יינגל האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ צונטער. צום סוף האָט ער זיך פונאַנדערגעכליפּעט אויפן קול. מורא־האָבנדיג, טאָמער דערהערט מען דעם געוויין ביי די אַרקיגס און ס'קאָן נאָך ווערן אַ גאַנצער טומל, איז דער מלמד ווייכער געוואָרן, און האָט געפּרובט זאָגן מיט גוטן:

— היינט וועסטו דאָך סיי ווי סיי ניט ענדיגן, דו דאַרפסט דאָך גיין אַ היים; לייג דאָס אָפּ אויף אַן אַנדערס מאָל.

— איך וועל ביי אייך נעכטיגן!—האָט דאָס יינגל אַרויסגערעדט מיט אַ באַזונדער ענערגיע.

דער מלמד האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט אויף אַלע זייטן, און דער קליינער אהרן שמואל איז נאָך אַלץ געזעסן און געלייענט דעם "הצופה". מיט אַ באַזונדער באַגייסטערונג האָט ער געשלונגען אַ זייטל נאָך אַ זייטל. אויף מאָרגן אינדערפרי, בשעת דער מלמד איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער אים געפונען ליגנדיג אויפגעקאָרטשעט אין דרייען אויפן היילן טיש מיט דעם "הצופה" צוקאָפּנס...

אַז ער האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט צו אים דער מלמד געזאָגט:

— צוויי זאַכן וועל איך פון דיר פאַרלאַנגען, מיין קינד: ערשטנס, זאָלסטו קיינעם ניט דערציילן, אַז דו האָסט וועגן ביי מיר געזעהען דעם "הצופה", און צווייטנס, זאָלסטו ניט מיט מיר און ניט מיט קיין אַנדערן וועגן דעם ספר ניט ריידן...

דאָס יינגל האָט אים דאָס מבטיח געווען, און געהאַלטן וואָרט. דער "הצופה" האָט אין אים אָבער אַרויסגערופן אַ נייע און אומגעריכטע וועלט פון געדאַנקען.

און די ווירקונג פון "הצופה" האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן. די סביבה פון זיין זיידן, ר' איצעלע, האָט אים אָנגעהויבן צו ווערן פרעמד און צווידער; אינסטינקטיוו האָט אים געצומען ציהען ערגיץ־וואו אַנדערש אין דערווייטנס.

אַלט געווען איז ער דעמאָלסט נאָך ניט קיין גאַנצע צוועלף יאָר...

קיינער פון זיינע באַהעַנטע, און אויך די עלטערן, האָבן דאָס אין איי־נים געמערקט, חוץ איינער. דער דאָזיגער איינער איז געווען זיין מלמד.

III.

דער לונער פרוש ווערט אַ „משכיל״ און קומט אַ היים.—ער קלייבט זיך אַרי־בער מיט זיין פאַמיליע קיין סובאַלק.—ער פאַרנעמט זיך מיט וועלטליכער ביל־דונג און קאָרעספאָנדירט אין די העברעאישע צייטונגען.—דער יונגער ליבער־מאַן ווייזט אַרויס וואונדערבאַרע פעאיגקייטן.

קרוב צו אַכט יאָר איז ר׳ איצעלעס איידים, אָדער ווי אַלע האָבן אים גערופן: דער לונער פרוש, אָפּגעזעסן אין קאָוונע. פאַר דער צייט איז ער גע־ווען אין דער היים נאָר אַ פּאָר מאָל: די ערשטע צוויי פסח׳ן. די לעצטע זעקס יאָר האָט ער שוין לגמרי אויפגעהערט צו פאָרן אַ היים, ניט געקוקט אויף די הייסע בקשות פון דער ווייב, שווער און שוויגער. געבראַכט האָט דערצו די איבערקערעניש, וואָס ס׳איז אין אים פאָרגעקומען אויף דעם פינפטן יאָר נאָכ־דעם ווי ער איז געוואָרן אַ פרוש.

נאָך אַ לאַנגן אינעווייניגסטן קאַמף האָט ער זיך גענומען צו וועלטליכע למודים, און קודם־כל צו שפּראַכן. אַ היים קיין לונע האָט ער וועגן קיין זאַך ניט געשריבן. שווער און שוויגער און ווייב האָבן די גאַנצע צייט געלעבט אין טעות און געגלויבט, אַז אָט, אָט, קומט ער אַראָפּ און איז אַ פאַרטיגער רב, און ר׳ איצעלע האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף אַ שטעטל, וואו ער וועט אוועק־זעצן זיין איידים פאַר אַ רב. ס׳איז אָבער אַוועק אַ צייט, און יענער שרייבט אַלץ, אַז לעת־עתה קען ער ניט קומען.

דערווייל איז געשטאָרבן זיין שווער. דאָ האָט אים זיין ווייב גענומען פאַרוואַרפן מיט בריוו, אַז ער זאָל זעהען וואָס גיכער קומען אַ היים, ווייל די אַרקינס ווילן אים אָפּגעבן די לונער רבנות. עטליכע וואָכן האָט ער זיך אָנגע־טאָן אַ האַרץ און אַלע בריוו פון דער היים געלאָזן אָן אַ תשובה. געררירט איז ער געוואָרן ערשט, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון זיין אהרן שמואל׳ן. דאָס איז געווען אייגנטליך, ניט קיין בריוו, נאָר אַ מגלה, פאַרשריבן פון אַלע פיר זייטן און אין זעהר אַ שיינעם העברעאיש. און דער אינהאַלט—עפּיס גאָר ניט פאַר אַ קליינעם ייִנגל! ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן, און האָט איבערגע־לייענט דעם בריוו עטליכע מאָל. די קאָוונער משכילים, וועמען ער האָט געוויזן דעם בריוו, זיינען בשתומם געוואָרן לייענענדיג אים און האָבן געזאָגט, אַז דער שרייבער איז עפּיס ניט קיין געוויינליך קינד. בהסכם כולם איז געבליבן, אַז ער

מוז פאָרן אַ היים, נעמען ווייב און קינד און אַרויספאָרן מיט זיי ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, וואו ער וועט זיך קאָנען פאַרנעמען מיט לעקציעס, און דערווייל לערנען זיך אַליין.

דער געוועזענער פרוש איז אָפּגעפאָרן קיין לונע. און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער מיט ווייב און קינד אַרויס וואוינען קיין סובאַלק. אין סובאַלק האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפען די לאַנגע רבנישע קאַפּאָטע, זיך אָנגעטאָן קורץ, און איז אַרויס מיט זיין השכלה בגלוי. פון צייט צו צייט האָט ער גענו־מען שרייבען אַרטיקלען אין די העברעאישע צייטונגען ה„מגיד“, ה„לבנון“, און ה„מליץ“ און איז דעם דאַמאָלסדיקן העברעאישן לעזער־פובליקום גוט באַקאַנט געוואָרן מיט זיין נאָמען: אליעזר דוב ליבערמאַן.

מיט אַ באַזונדער פלייס האָט ער זיך גענומען פאַר דער ערציהונג פון זיין זון, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט. האָט פאַרברייטערט און פאַרטיפט זיינע קענטעניש, אים באַקאַנט געמאַכט מיט דער מיטלאַלטער־ליכער העברעאישער ליטעראַטור, אים אַריינגעפירט אין דער ניי העברעאישער ליטעראַטור, דערצו האָט ער מיט אים געלערנט אויך אַלגעמיינע למודים, און אין יעדן למוד האָט אהרן שמואל אַרויסגעוויזן זיינע וואונדערליכע פייהיג־קייטן. זייערע קעגנזייטיגע באַציהונגען זיינען ניט געווען ווי די באַציהונגען פון אַ פאָטער מיט אַ זון, נאָר ווי פון צוויי חברים. אין אַ געשפּרעך מיט לייטן פלעגט דער אַלטער ליבערמאַן זאָגן: איך מיט מיין קליינעם זון האָבן גע־עפנט די אויגן כמעט אין איין טאָג; ביידע זיינען מיר אין איין טאָג געקומען צום שכל, אַז אַזוי ווי אונזערע זיידעס האָבן געלעבט, קענען מיר ניט לעבען.

פיר יאָר זיינען אַריבער זינט ליבערמאַן האָט זיך באַזעצט אין סובאַלק. אין דעם משך צייט האָט די דאגת־הפרנסה באַוויזן אַריינשלעפן אים אין לע־בענס־קאַמף. זיין פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט, און זיינע הצטרכות׳ן זיינען מערער געוואָרן. אַזוי אַרום איז אים פאַר נויט אויסגעקומען אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע זיינע פלענער וועגן פאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד; נאָר איין טרייסט איז אים געבליבן: דאָס וואָס ער אַליין האָט שוין פאַרשפּעטיגט, וועט ער זעהען דעריאָגן אין זיין זון, אין אהרן־שמואלן.

IV.

ליבערמאַן פאָרט אָפּ קיין ווילנע און קומט דאָרטן אָן אין ראַבינער-שול.—ער ווערט דער ליבלינג פון די לערער און פון זײַנע חברים.—ער נעמט זיך צו זעלבסט-אַנטוויקלונג.—די השפּעה פון דער דאַמאָלסטדיגער רוסישער ליטעראַטור אויף ליבערמאַנען.—ליבערמאַן אַלס גלענצענדער העברעאישער סטיליסט.—ליבערמאַנס פעהיגקייט צו מאָלעריי.—ליבערמאַן האָט חתונה.—ליבערמאַן עפנט אין סובאַלק אַ צווי-קלאַסיגע פּריוואַט-שול.—ליבערמאַן קומט אָן אין פּעטער-בורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט,—זײַן פאַרקער מיט די ערשטע גרופּעס פון די „נאַראָדאָוואָלצעס".—ליבערמאַן פאַרפאַסט אין העברעאיש אַ געאָגראַפיע.—ליבערמאַן מוז צוליב פּרנסה איבעררײַסן זײַן סטודיום און קומט צוריק אין ווילנע.—ער באַקומט אַ שטעל אין אַ אַסעקוראַנץ-געזעלשאַפט אַלס פּלאַנען-מאַכער.—אין ליבערמאַנס לעבן הויבט זיך אָן אַ נײַע תקופה.

אַז אהרן-שמואל איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָט אים דער פאָטער אַוועקגעשיקט אין ווילנער ראַבינער-שול. דאָרטן האָט ער זיך עקזאַמענירט, און איז אַרײַן גלײַך אין 3-טן קלאַס. אין דער פרעמד האָט ער זיך אַלײן געמוזט דערנערן, און אין דער ערשטער צײַט איז דאָס אים אָנגעקומען זעהר שווער, נאָר אַ ײַן לעקציע פאַר 6 רובל אַ חודש האָט ער געהאַט, און פון דעם האָט ער געדאַרפט לעבן. אין 4-טן קלאַס האָט זיך ליבערמאַן צופעליג באַקענט מיט אײנעם פון די דאַמאָלסדיגע ווילנער בעלי-בתים, ר' משה טראַצקי. דאָס איז געווען אַ ייד אַ האַלבער משכּיל, וועלכער האָט אים גענומען צו פאַרפאַרטיגן זײַן עלטערן זון צום גימנאַזיע, און דערנאָך האָט ער אים אײַנגאַנצן צו זיך אין שטוב אַרײַנגענומען, און אויסגעהאַלטן מיט אַלע הוצאות.

אין ראַבינער-שול איז ליבערמאַן געווען דער ליבלינג פון די לערער און די תּלמידים. אויף די לעצטע האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיגע השפּעה. ער איז געווען בײַ זײ אַ גאַנצער בעל-יועץ. לויט זײַן איניציאַטיוו האָבן די תּלמידים פון ראַבינער-שול געגרינדעט גרופּעס פאַר זעלבסט-בילדונג און פאַרפולקומונג, און ער איז געווען דער אָנפירער פון די דאָזיגע גרופּעס. ער האָט אָנגעמערקט פאַרשײדענע ליטעראַרישע טעמעס, האָט אָנגעפירט מיט די ויכּוחים וועגן די דאָזיגע טעמעס, צוגעגרייט רשימות פון אַרטיקלען און ביכער, וועלכע קאָנען מיטהעלפן דער זעלבסט-אַנטוויקלונג פון די תּלמידים. אין צענטער פון די דאָזיגע ביכער האָט ליבערמאַן געשטעלט די רוסישע ליטעראַטור פון די 60-ער יאָרן, די ווערק פון פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי און זײַער גלײַכן... האָט מען געוואוסט אין ראַבינער-שול, אַז אין דעם אָדער אין יענעם טאָג דאַרף ליבערמאַן רײדן וועגן ליטעראַטור, איז ניט אויסגעבליבן קיין אײן תּלמיד, וואָס איז אים ניט געקומען הערן. גאַנץ אָפט פלעגן קומען צו זײַנע רעפעראַטן אויך אַנדערע פון די לערער, כאָטש בכלל איז מען אין די

לערערשע קרייזן פון ראַבינער־שול ניט געווען שטאַרק צופרידן מיט ליבער־מאַנס אויפטואַכץ...

ליבערמאַן האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער אַרבעט אין די דערמאָנטע תלמידים גרופּעס. ער האָט פאַר זיך מיט גרויס התמדה שטודירט די אייראָ־פּעאישע ליטעראַטורן. ער איז אַ מינוט ניט געזעסן ליידיג. האָט ער ניט גע־לערנט, האָט ער געלייענט, אָדער געשריבן. געשריבן האָט ער באַזונדערס העברעאיש. פון קינדערווייז אָן האָט ער העברעאיש זעהר ליב באַקומען. אין ראַבינער־שול האָט מען געהאַלטן ליבערמאַנען פאַר איינעם פון די בעסטע העברעאיסטן, און דער גרויזער־גרויער דיכטער אדם הכהן לעבענזאָן, וועלכער איז דאַמאָלס געווען דער לערער פון העברעאיש אין די העכערע קלאַסן, פלעגט תמיד זאָגן: אָט, פּרובט, שרייבט אַזוי, ווי ליבערמאַן, וועט איר זעהן, אויב כ'וועל צו אייך עפּעס האָבן...

בעת ליבערמאַן איז געווען אין די לעצטע קלאַסן האָט זיך ביי אים אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער טאַלענט צו צייכענען און מאָלן. זיין האַנטשריפט, וועלכע שפּראַך ער האָט נאָר געשריבן, איז געווען ממש ווי געדרוקט, און מיט זיין געשריפט פלעגט מען זיך אַרומטראָגן אויף חדושים. קונצליך זיינען אויך געווען זיינע אויפצייכענונגען און מיניאַטורן. באַזונדערס מייסטערהאַפט זיינען ביי אים אַרויס אויפן פּאַפּיר אַלערליי פּייזאַזשען און נאַטור־בילדער. מ'דער־ציילט, אַז אַמאָל בעת אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דורכגעפאָרן ווילנע און האָט באַזוכט די ראַבינער־שול, האָט אים די דירעקציע דערלאַנגט אַן אַדרעס, וואָס איז געווען איינגעפאַסט אין קונציגע וויניעטן, וועלכע ליבערמאַן האָט אויסגעמאָלט...

ליבערמאַן איז אַרויס פון אַכטן קלאַס ראַבינער־שול מיט אַן אַטעסטאַט פון לערער־פּעדאַגאָג. אין יענער צייט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער על־טערער טאָכטער פון דעמזעלביגן טראָצקי, ביי וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט געוואוינט, אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער חתונה איז ער מיט דער פרוי אַרויסגעפאָרן קיין סובאַלק, וואו ער האָט געעפנט אַ צווייקלאַסיגע פּריוואַט־שול פאַר העברעאישע און אַלגעמיינע לימודים.

אָבער די דאָזיגע באַשעפטיגונג האָט אים ניט באַפרידיגט. ניט צו לערע־ריי האָט ער געשטרעבט, נאָר צו אַ סך אַ העכערן צוועק. קוים אָפּגעווען אַ יאָר אין סובאַלק, האָט ער שוין דאָרטן מער ניט געקענט איינזיצן. און אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ער מיט דער פאַמיליע אַרויסגעפאָרן צוריק קיין ווילנע. דאָרטן האָט ער זיך זעקס חדשים צוגעלערנט און איז נאָכדעם אַוועק־געפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט זיך עקזאַמענירט, און איז אַריין אין טעכנאָ־לאָגישן אינסטיטוט. דאָס איז געווען אין יאָר 1869.

באַזוכענדיג דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, איז ליבערמאַן אַריינגעקומען אין אַ איינגער פאַרבינדונג מיט עטליכע פון זיינע רוסישע חברים, וועלכע זיינען געווען געשטימט עקסט ראַדיקאַל, און האָבן געהיים פאַרקערט מיט די

ערשטע גרופּעס פון די „באַראָדאָוואָלצעס“, וואָס האָבן זיך דאַמאָלסט געגומען בילדן. ליבערמאַן האָט זיך זעהר פאַראינטערעסירט מיט דער באַוועגונג. פון דערוויייטנס האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם, ווי אַ געוויסער טייל פון דער רוסישער שטודירנדיגער יוגענט האָט גענומען „גיין אין פאָלק“. ער האָט נאָך דאָס אָבער דאַמאָלסט געהאַלטן פאַר אַ ספּעציעל רוסישע באַוועגונג, וועלכע קען ניט אָנגעמאָסטן ווערן אויפן יידישן פאָלק, וואָס האָט ניט קיין פאַבריק=אַרבעטער און קיין פּויערטום. בנוגע צום יידישן פאָלק האָט ער נאָך יעמאָלט געהאַט דעם אַלגעמיין=משכּילשן קוק, אַז זיין באַפרייאונג קען נאָר קומען דורך אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם. כּדי איבערצואַנדערשן דאָס יידישע לעבן דאַרף אַפריער אָפּגעטאָן ווערן אַ גרויסע אויפקלערונגס=אַרבעט; די דאָזיגע אויפקלערונגס=אַרבעט דאַרף אָנגעפירט ווערן פון דער יידישער אינטעליגענטער יוגענט. פאַר דער דאָזיגער אינטעליגענץ האָט ליבערמאַן דענסטמאָל געהאַלטן ניט די גימנאַזיסטן און סטודענטן, נאָר די ישיבה=בחורים און קלויזניקעס, וועלכע לעבן אין פאָלק, און קענען מיט אים ריידן אויף זיין שפּראַך און לויט זיינע השגות. ביי דער מיינונג, אַז נאָר די ישיבה=לייט און די וואָוילערנער דאַרפן דורך אַגיטאַציע צוגעגרייט ווערן פאַר דעם אַוואַנגאַרד פון דער פאָלקס=אַרבעט, איז ליבערמאַן פאַרבליבן אויף שטענדיג, און דאָס האָט אים גאַנץ אָפט געבראַכט צו סכסוכים און קאָנפליקטן מיט זיינע חברים אין זיין שפּעטערדיגער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט, ווי דער לעזער וועט זעהן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

זיצנדיג אין פּעטערבורג, האָט ליבערמאַן פאַרפאַסט אין העברעאיש אַ געאָגראַפיע פון ארץ ישראל מיטן נאָמען „מחקרי ארץ כנען וסלע ערב“. דאָס איז אָבער ניט געווען סתם אַ געאָגראַפיע, נאָר אַ גאַנץ אָריגינעל, און דערצו אויך זעהר קינסטלעריש, דורכגעדאַכטע ווערק.

בשעת ליבערמאַן איז אַריבער אויפן צווייטן קורס פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, האָט ער אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון דער היים. אַז זיין שווער איז געוואָרן אַ יורד, און זיין ווייב מיט די צוויי קינדער זיינען געבליבן אָן חיונה. ליבערמאַן האָט געמוזט איבעררייסן זיין סטודיום, און קומען צוריק קיין ווילנע. דאָס איז געווען אין אָנהויב 1874. אין ווילנע האָט ער באַלד באַקומען אַ שטעל אין אַ פייער=אַסעקוראַנץ=געזעלשאַפט, ווי אַ פּלאַנען=מאַכער. זיינע גרויסע קענטנישן אין דער קונסט פון צייכענען האָבן געבראַכט דערצו, אַז זיינע פּלאַנען האָבן געקראָגן אַ שם אין דער גאַנצער געגנט, און פיל גוט=באַזיצער פון דער סביבה פלעגן אים אַראָפּברייינגען צו זיך און איבערגעבן אים מאַכן פאַרשיידענע פּלאַנען צו אַלערליי בנינים.

אין דער צייט הויבט זיך אָן אין ליבערמאַנס לעבן גאָר אַ נייע תקופה.

V.

ליבערמאַן מרעט אריין אין דעם ווילנער יודישן סאָציאַליסטישן קרייזל.—זיין אגיטאַטאָרישע טעטיגקייט צווישן די פויערים אין די דערפער.—ליבערמאַן פאַלט אַריין און ווערט אַרעסטירט.—ער אַנטלויפט פון וועג און קומט אָן אין לאָנדאָן.—ליבערמאַן אַרבעט אין לאַווראָווס „וופּעריאָד".—זיין ערשטע העברעאישע פּראָקלאַמאַציע צו דער יודישער יוגנט.—די ווירקונג פון דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע.—ליבערמאַן גרינדעט אין לאָנדאָן אַ פאַרבאַנד פון יודישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער.—די העברעאישע תקנות פון פאַרבאַנד.—ליבערמאַנס אינערליכע צוריסנקייט.—דער קאַמף צווישן זיינע נאַציאָנאַלע געפילן מיט די סאָציאַליסטישע טעאָריעס.—אינצידענטן צווישן ליבערמאַנען מיט די אַרבעטער פון פאַרבאַנד.—דער אינצידענט צוליב תשעה־באב.—דער פּראָטעסט־שטורם אין לאָנדאָן קעגן ליבערמאַנען.—ליבערמאַן פאַרלאָזט לאָנדאָן און באַזעצט זיך אין ווין.

אין ווילנע איז שוין אין יענער צייט געווען אַ געהיימער קרייזל פון סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע צווישן דער יידישער און דער קריסטליכער יוגענד. אַן דער שפּיץ פון דער אַרבעט איז געשטאַנען ליבערמאַנס אַן אַמאָליגער חבר פון ראַבינער־שול זונדעלעוויטש. ליבערמאַן איז תיכף אַריינגעטראָטן אין דעם דאָזיגן קרייזל, און איז געוואָרן איינער פון זיינע ענערגישעסטע טוער. ליבערמאַן איז פון תמיד אָן געווען אַ שטאַרקער אָנהייגער פון דעם באַוואוסטן גרויסן רוסישן געלערטן און רעוואָלוציאָנער פּעטער לאַווראָוו, און בעת לאַווראָוו האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן זיין סאָציאַליסטישן וואָכענבלאַט „וופּעראָד", איז ליבערמאַן געוואָרן פון זיינע שטענדיגע מיטאַרבעטער. איינמאָל האָט ער אַריינגעשיקט לאַוראָוון זיין היטל מיט דער פאָלגנדער אויפשריפט: „ניט האָבנדיג די מעגליכקייט צו שיקן אייך מיין קאָפּ, שיק איך אייך מיין היטל".

צוליב זיינע אַסעקוראַנץ־געשעפטן פלעגט ליבערמאַנען אויסקומען גאַנץ אָפט צו פאָרן אין פריצישע גיטער. מיט דער געלעגנהייט פלעגט ער זיך תמיד באַנוצן צו אַגיטירן פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די דאָרף־פויערים. זייענדיג אַמאָל אין אַ דאָרף ביי סמאַרגאָן, איז ער ניט געווען גענוג פאָרזיכ־טיג, און איינער אַ פויער האָט אים פאַר׳מסר׳ט פאַר׳ן אוריאַדניק. דער או־ריאַדניק האָט ליבערמאַנען אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אים קיין סמאָרגאָן. פון סמאָרגאָן האָט מען אים אָפּגעשיקט מיט אַ קאָנוואָי קיין ווילנע. אין וועג האָט ליבערמאַן אונטערגעקויפט די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי, און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

מיט גרויס מאַטערניש און טויט־שרעק איז ליבערמאַן אין אַ טאָג צעהן אַרום אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. האָבנדיג גרויס פייהיגקייטן צום גראַווירן און

צו ליטאָגראַפישער קונסט, האָט ער באַלד באַקומען אַרבעט אין דער דרוקעריי פון „וופעריאָד“, און האָט זיך דערפון מפרנס געווען.

די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע אַרבעט אין לאַוורּאָווס קרייזל האָט ליבערמאַנען ניט צופרידן געשטעלט. ער האָט געשטרעבט צו צוציען צום סאָציאַליזם די יידישע אינטעליגענץ, כדי צו ווירקן דורך איר אויפ׳ן יידישן פאָלק. צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגעלאָזן די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע אויף העברעאיש אונטער דעם נאָמען „אל שלומי בחורי ישראל“ (צו דער יידישער יוגנט), מיט דער אונטערשריפט: „המתנדבים בעם לבית ישראל“ („די יידישע פאָלקס־פריינד“). מיר געפינען פאַר נויטיג איבערצוגעבן דאָ אין אַ ווערטליכער איבערזעצונג די דאָזיגע העכסט כאַראַקטעריסטישע פּראָקלאַמאַציע:

„צו דער יידישער אינטעליגענטער יוגנט!

„דאָרשטיג צו אַן ערליכער און אַלגעמיין־נוצליכער טעטיגקייט גרייטסט דו דיך צו אַריינצוטרעטן אין לעבן, און אַלס געצייג צו דער פאַרווירקליכונג פון דיינע שטרעבונגען האָסטו אויסגעקליבן די אַלמעכטיגע וויסנשאַפט. דו רעכנסט, אַז פאַרנעמענדיג אַ חשוב׳ן געזעלשאַפטליכן אָרט און ווידמענדיג דיינע קרעפטן דעם דינסט פון דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, וועסטו אויסהיילן דאָס פאָלק פון אַלע זיינע טיפע וואונדן און וועסט אים אַרויספירן אויפ׳ן וועג פון פּראָגרעס, פון אַלגעמיין־מענשליכער אַנטוויקלונג און וואוילשטאַנד.

„אומזיסט! ביי דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג איז מעגליך נאָר איין פּראָגרעס, דאָס איז דער פּראָגרעס פון — די פאָלקס־אומגליקן. ביי די איצטיגע באַציהונגען צווישן מענשן איז מעגליך נאָר איין קאַריערע — דאָס איז די קאַריערע פון אַ פאָלקס־עקספּלאָאַטאַטאָר.

„דאָס פּריוואַט־אייגנטום האָט געבראַכט צו אַ געגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פונ׳ם יחיד מיט די אינטערעסן פון דער מאַסע; דער אינסטיטוט פון מלוכהשאַפט, וואָס שטיצט זיך אויפ׳ן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט, האָט אַרויסגערופן די אונטערדריקונג פון איין פאָלק דורכ׳ן צווייטן, און דער אינסטיטוט פון רעליגיע האָט באַשאַפן די הערשאַפט פון שאַרלאַטאַנעס און פּסיכאָפאַטן אויף דעם געזונטן פאַרשטאַנד פון דער מענשהייט.

„די דאָזיגע באַדינגונגען פון דער איצטיגער אָרדענונג ברענגען דערצו, אַז ביי היינטיגן טאָג פאַרדאַרבט די קאַריערע אויך די אָרנטליכע לייט. דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער טוער מוז ווערן אַ פיינד פון פאָלק, און די פאָלקס בעלי־טובות שמאָקצן אַליין פון אים אויס זיינע לעצטע לעבנסזאַפטן.

„און דאָס פאָלק הויבט שוין דאָס אומעטום אָן צו פאַרשטיין. דאָס הויבט אָן צו פאַרשטיין אויך דאָס יידישע פאָלק. מיט אַ פינסטערן בליק און פול מיט גאַליגן צאָרן זאָגט ער צו דער אינטעליגענץ פון די צבויאַקעס און ספעקולאַנטן, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט רייטן אויף אים:

„איר האָט זיך געגן אונז זעהר פאַרזינדיגט. די בילדונג, מיט וועלכער איר שטאָלצירט אַזוי, איז געקויפט מיט אונזער מאַטערניש, מיט אונזערע צרות, מיט אונזער בלוט. אַ דור נאָך אַ דור האָט געדאַרפט אויסשטאַרבן אין דלות און פיין, כּדי פון די איינע אויף די אַנדערע אָנגעוואָרפענע בר-מינן'ס זאָל זיך בילדן יענע הויך, פון וועלכער איר קוקט אויף אונז אַראָפּ מיט פאַר-אַכטונג.

„פון אונזערע ליידן, פון אונזערע יסורים האָט איר אייך באַשאַפן פאַר-גניגנס, און אונז האָט איר איבערגעלאָזן די גרויזאַמע אָרימקייט, די אומער-טרעגליכע, די אומברחמנותדיג דריקנדיגע אַרבעט.

„דאָס איז נאָך אָבער ניט אַלץ! איר האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרפינ-סטערן אונזער פאַרשטאַנד מיט דעם פּלפּול פון אייער נאַרישער געלערזאַמקייט; איר האָט אונז געגנויט צו בוקן זיך פאַר אייך, און וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן אייער מאָראַלישע צופוילטקייט, אַלץ מער האָט איר אונז געצוואונגען צו רויכערן אייך קטורת.

„רייך און שטאַרק געוואָרענע דורך דער אַרבעט און דורך דער אונ-טערטעניגקייט פון די פאַרשקלאַפטע יידישע מאַסן, האָט איר זיך אוועקגעלאָזן באַרויבן אַנדערע פעלקער.

„און פאַר אַלע אייערע זינד האָבן מיר געמוזט באַצאָלן. איר האָט אַרויסגערופן אויף אונז אַ שטורם נאָך אַ שטורם, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ! צוליב אייך האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע שנאה, וועלכע האָט זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַלע אירע שרעקענישן קודם כּל אויף אונז. צוליב אייך האָט מען אויסגעהרגעט טויזנטער פון אונזערע ברידער, קינדער פון פאָלק. אַ דאַנק אייך איז דער נאָמען ייד געוואָרן אומעטום אַ זידל-וואָרט. צוליב אייך האָבן זיך געשאָטן רכילות אויפן גאַנצן ליידנדיגן און אָרימען יידישן פאָלק, וועלכער האָט אַליין געליטן פון אייער רויב-לוסט מער פון די אַנדערע פאָלקס-מאַסן.

„אָט אַזוי קוקט דאָס יידישע פאָלק אויף זיין אינטעליגענץ. און מיר, די קינדער פון אונזער פאָלק; מיר, די פריינד פון אַלע ליידנדיגע מאַסן, זיינען מודיע פאַר דער גאַנצער וועלט: מיר זאָגן זיך אָפּ פון די, וואָס מאַכן אומ-גליקליך דעם אַרבעטנדיגן פאָלק!

„מיר זאָגן זיך אָפּ פון אייך, איר פאַלשע כּלי-קודש. איר האָט איינגע-שמידט דאָס פאָלק אין שווערע קייטן פון קליינליכע מנהגים און פאַרשטיי-נערטע טראַדיציעס, כּדי וואָס לייכטער אונז צו עקספּלאָאַטירן און פאַרשקלאַפּן. איר זייט ניט אונזערע!

אויך איר, מיט דער אָנגעטאָנענער מאַסקע פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע כּדי איינגאַנצן אויסצוזויגן זיין בלוט לויט אַלע כּללים פון דער הייגטיגער קולטור; איר די געבילדעטע קנעכט פון גאָלד און הערשאַפט, וועלכע פאַרציען נאָך שטאַרקער די פּעטליע אויפן האַלז פונם פאָלק; איר, אַל-

חעלטליכע ספעקוליאַנטן, וועלכע צוטרעטן אונזער נאָמען אין בלאָטע — איר געהערט ניט צו אונז! איר האָט זיך אָפּגעטיילט ניט בלויז פון אייער פאָלק, נאָר אויך פון דער גאַנצער ליידנדיגער מענשהייט. און אונזער פאָלק זאָגט זיך אָפּ פון אייך צוזאַמען מיט דער מענשהייט. די אַלע פאָלקס-מאַסן, וואָס ווערן פון אייך עקספּלאָאַטירט, רופן אייך אַרויס אויף אַן אומברחמנותדיגן קריג. איר זייט אָפּגעמשפּט צום אונטערגאַנג!

אָבער דיר, יוגנט, ביי וועמען עס איז נאָך גאַנץ פאַרבליבן די ער-ליכקייט פון די שטרעבונגען; דיר, וואָס דו ווינשט דעם פאָלק אמת'ן גליק; דיר, יונגע אינטעליגענץ, וואָס די איצטערדיקע געזעלשאַפטליכע אָר-דענונג און איר פאַרדאָרבענע ציוויליזאַציע האָבן נאָך ניט באַוויזן דיר צו פאַרדאַרבן — דיר רופן מיר אין אונזערע ציילן, אין די ציילן פון די קעמפער פאַר דעם וואוילשטאַנד פון די פאָלקס-מאַסן, פאַר דעם וואוילשטאַנד פון דער גאַנצער מענשהייט.

„מיר שטרעקן דיר אויס אונזער ברידערליכע האַנט, און רופן מיט אונז אַלע יענע, וואָס ווילן באמת דינען דער ליידנדיגער מענשהייט.

„אַוועק די קאַריערע! אַוועק דאָס בוקן זיך צו דער טראַדיציע! אַוועק דאָס בוקן זיך צו גאָלד און צו הערשאַפט! וואַרף אַוועק דעם גאַנצן עבר און שטיי צו צום אַרבעטנדיגן פאָלק און צו זיינע פריינד. אים אַליין געהערט דער עתיד. אויסער אים איז — נאָר צושטערונג און טויט!

„מיר זאָגן דיר: עס וועט זיך פונאַנדערפלאַקערן אַ קאַמף צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער קלייבן זיך אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון קאַפּיטאַל און פון רעגירונג. די ליידנדיגע מענשהייט באַוואָפנט זיך כדי צו ערווערבן אין קאַמף איר פריייהייט און אירע רעכט. די סאָציאַלע רעוואָלוציע גרייט זיך צו פונאַנדערצוּוויקלען איר רויטע פאָן. איר לאָזונג איז: אַלגעמיינע אַרבעט! אַלגעמיינעס אייגנטום! אַ פרייער פאַרבאַנד פון די אַרבעטנדיגע אין דער ברידערליכקייט פון אַלע נאַציעס און פעלקער! אַ טויט דעם מאָנאָפּאָל אין אַלע זיינע ערשיינונגען! אַ טויט יעדער איינציגן, וואָס וועט זיך אַוועקשטעלן אַלס שטרויכלונג אין דעם וועג פון דער אַלוועלטליכער גערעכטיקייט!

„ס'איז שוין צייט, אַז אויך אונזער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך פאַראייניגן מיט דער דאָזיגער גרויסער באַוועגונג. אים איז שוין אויך צייט אויסגלייכן זיינע אָנגעווייטאָגטע גלידער, כדי צו דערשלאָגן זיך, צוזאַמען מיט די פּראָ-לעטאַריאַטן פון די אַנדערע פעלקער, צו זיין חלק גליק אין דער מלוכה פון דער אַלגעמיינער אַרבעט און גערעכטיגקייט; יענעם חלק, וועלכן זיינע עק-ספּלאָאַטאַטאָרן האָבן ביי אים אָפּגענומען; יענעם חלק, וועלכן ס'האָט אים ניט געגעבן די קנאה פון די אַרבעטנדיגע נאַציעס, די קנאה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן טאַקי דורך די זעלביגע עקספּלואַטאַטאָרן אַליין. די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערשאַפט פון די אַרבעטער ווייס ניט פון פונאַנדערטיילן די מענשהייט

אויף נאַציאָס און פעלקער; זי קען נאָר נוצליכע אַרבעטער און שעדליכע געזעלשאַפטליכע ליידיג-גייער. און די דאָזיגע ערליכע אַרבעטער גרייטן זיך צו צו אַן ענטגילטיגן קאַמף מיט זייערע באַדריקער.

„מיר זאָגן דיר, אַז אויף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט צושטיין צו דער דאָזיגער גרויסער זאַך, ווייל דער כּוס פון זיינע יסורים איז שוין איבערפולט.

„טאָ גיי זשע, יוגנט, אַרויס צו דער הילף פון דעם פּראָלעטאַריאַט! בּיי העלפן דעם, וועמען דו האָסט צו פאַרדאַנקען דיין אַנטוויקלונג. העלף דעם פאָלק, וועלכער האָט דיר אויסגעהאָדעוועט, וואָס מיט זיין פלייש און בלוט האָסטו געקויפט אַלץ מיט וואָס דו שטאָלצירסט.

גיי אין פאָלק, גיס זיך מיט אים אויף, האָרעווע מיט אים, לייד מיט אים, וועק אים, באַגייסטער ד י, און שטאַרק די אַנדערע — און רוף אַלעמען צו דער גרויסער מלחמה קעגן די הערשער פון דער וועלט, קעגן די באַדריקער פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, קעגן די עקספּלאָאַטאַטאָרן פון פאָלק.

„לאָז איינפאַלן די אַלטע וועלט פון אומגערעכטיגקייט און באַדריקע-רייען אונטער די קלעפּ פון די קעמפער פאַר רעכט און פרייהייט! און דאַמאָלס וועט אויף אירע חורבות פלאַטערן אין דער זוניגער העלער ליכט פון פרייהייט די רויטע פאָן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

די דאָזיגע העברעאישע פּראָקלאָמאַציע איז אויף אַ געהיימען אופן אַריינ-געשמוגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין טויזנטער עקזעמפּליאַרען, און ליבערמאַנס חברים אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך האָבן איר פאַרשפּרייט באַ-זונדערס אין די ישיבות און די בתּי-מדרשים. אין דער באַרימטער וואָלאָזשענער ישיבה האָבן אַלע תּלמידים אין אַ שיינעם פרי מאָרגן געפונען די פּראָקלאַמאַציע איטליכער ביי זיך אין דער גמרא, און מ׳האָט בשום אופן ניט געקאָנט דערגיין ווער עס האָט דאָס אַהין אַריינגעלעגט.

די פּראָקלאַמאַציע האָט געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק, באַזונדערס אויף די מער אינטעליגענטערע און באַלעזענערע. אין די ישיבות און די בתּי-מדרשים האָבן די בחורים אָנגעהויבן אין דער שטילן צו דיסקוסירן וועגן פאַר-שיידענע סאָציאַליסטישע פראַגן. עס זיינען שוין געווען אַזעלכע יונגע לייט, וועלכע האָבען די בחורים באַקאַנט געמאַכט מיט מאַרקסן און לאַסאַלן, די יונגוואַרג האָט זיך אין אַנדערע ערטער אָנגעהויבן אָפּצורייסן פון דער גמרא...

צו קיין ממשות׳דיגע רעזולטאַטן האָט דאָס אָבער ניט געבראַכט. דאָס זיינען אַלץ געווען מער ניט ווי ניי-אויסגעבאַקענע אונטער-אויוון-סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אין לעבן גאַרנישט אַריינגעטראָגן. מ׳האָט זיך נאָר געצאַצקעט מיט ליבערמאַנס שיינער העברעאישער מליצה, און העכער פון דעם האָט מען זיך ניט דערהויבן.

איבערגעגעבענע סאָציאַליסטן זיינען געוואָרן נאָר יענע פון דער יונגער

בית=מדרש=אינטעליגענץ, וועלכע האָבן באַוויזן באַקאַנט צו ווערן מיט דער רוסישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור פון די זעכציגער יאָרן. צו דער דאָזיגער אינטעליגענץ האָבן געהערט די דאַמאָלסדיגע יונגע העבּרעאישע שריפטשטעלער ווי: לילינבלום, יהלל, ד״ר קאַמינער, שערשעווסקי און אַנדערע. אָט זיי האָבן באַגעגנט ליבערמאַנס סאָציאַליסטישן אַרויסטרעט מיט גרויס באַגייסטערונג, און האָבן זיין אונטערנעמען געשטיצט אויף וויפיל עס האָבן זיי ערלויבט די דאַמאָלסטדיגע באַדינגונגען.

ליבערמאַן איז נאָך זיין ערשטער פּראָקלאַמאַציע ניט געבליבן שטיין, און איז תיכף צוגעטראָטן צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. אין יאָר 1876 האָט ער געגרינדעט אין לאָנדאָן אַ יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער=פאַרבאַנד, אין וועלכן עס זיינען אַריין אויך האַנטווערקער. ליבערמאַן האָט אָנגעשריבן די תקנות פון פאַרבאַנד אין העבּרעאיש מיט אַ יידישער איבערזעצונג בּיי דער זייט. ליבערמאַן האָט געגעבן דעם פאַרבאַנד אויך אַ העבּרעאישן נאָמען „אגודת הסוציאליסטים העברים”. דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וועלכער האָט זיך געגרינדעט ביים פאַרבאַנד, האָט ליבערמאַן אָנגערופן „חברים כל בעלי=המלאכה”. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן ליבערמאַנס זעהר אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט. דער דאָזיגער פייערדיגער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר האָט זעהר ליב געהאַט די העבּרעאישע שפּראַך. ער האָט אַליין געשריבן אַ גלענצענדן העבּרעאיש, האָט תמיד געשליפן יעדעס וואָרט, האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט יעדן ניי=באַשאַפענעם העבּרעאישן אויסדרוק. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דער סאָציאַליזם אַלס אַזעלכער באַזירט אויף דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע און האַלט ניט פון קיין שום יידיש=נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן, האָט ליבערמאַן אָנגעשריבן די הקדמה צום סטאַטוט פון אַרבעטער=פאַרבאַנד אויף העבּרעאיש. ווייל די דערמאָנטע הקדמה האָט אַ גרויסן היסטאָרישן אינטערעס, גיב איך זי דאָ איבער כמעט אינגאַנצן.

„ווייל מיר זיינען דורכגעדרונגען פון דעם באַוואוסטזיין,

„אַז אומעטום הערשן עקספּלאָאַטאַציע און גוואַלט, אַז די קאַפּיטאַליסטן, די אָנפירנדיגע עלעמענטן און די גייסטליכע האָבן אַריינגענומען אין זייערע הענט אַלע מענשליכע רעכט און אַלע רייכטימער פונ׳ם לאַנד, און מיט דער הילף פונ׳ם געלט, וואָס האָט די ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין קנעכט אַלע, וואָס באַשעפטיגן זיך מיט אַרבעט.

„אַז כל זמן עס עקסעסטירט דאָס פּריוואַט=אייגנטום, וועט ניט אויפהערן די עקאָנאָמישע נויט, אַז כל זמן די מענשן זיינען צוטיילט אויף פעלקער און ראַסן, וועט זיך ניט אויפהערן צווישן זיי די פיינדשאַפט; אַז כל זמן די גייסטליכע הערשן אויפן זעלבסטבאַוואוסטזיין פונ׳ם פאָלק וועט ניט פאַרשווינדן דער רעליגיעזער האַס;

„אַז די פולשטענדיגע רעטונג פון דער גאַנצער מענשהייט קען דערגרייכט ווערן נאָר ביי אַ פולער און ראַדיקאַלער אומענדערונג פון אַלע סאָצי=

אַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, און נאָר אויף די חורבות פון דער גאַנצער ביזאיצטיגער אָרדענונג וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אַ נייער בנין אויף סאָציאַליסטישע יסודות, כדי עס זאָלן פאַרשווינדן די אומגערעכטיקייט און די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל; ווען מ'וועט פאַרגעסן וועגן „מיינע“ און „דיינע“, און עס וועלן מער ניט זיין קיין מענשן, וואָס לעבן אויפ'ן אַנדערנס חשבון; ווען אַלע מענשן וועלן געניסן פון דיזעלביגע רעכט, און יעדערן וועט געגעבן ווערן די מעגליכקייט פריי צו אַנטוויקלען און צו פאַרפולקומען זיינע נאַטירליכע באַגאַבונגען און אויסנוצן זיי פאַר דעם וואוילשטאַנד פון דער גאַנצער מענשהייט;

„אַז די באַפרייאונג פון אונז, יידן, אַלס טייל פון דער מענשהייט, וועט אָנשטיין נאָר מיט דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט;

„אַז די באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט פון אָרימקייט און קנעכטשאַפט קען דערגרייכט ווערן נאָר מיט די הענט פון די אַרבעטער אַליין, אויב זיי וועלן זיך פאַראייניגן צו אַן אָפענעם קאַמף מיט זייערע אונטערדריקער, כדי צו צושטערן די איצטיגע אָרדענונג און אָנשטאָט איר אויפצוריכטן די מלוכה פון אַרבעט, פון גערעכטיגקייט, פון פרייהייט און ברודערשאַפט פון אַלע מענשן;

„אַז די אַרבעטער פון די אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און אַמעריקע אָרגאַניזירן זיך שוין פון לאַנג אין געזעלשאַפטן און פאַרבאַנדן כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיגן גרויסן ציל, און דער דאָזיגער בונד ווערט אַלץ וואָס מער שטאַרקער און וואַקסט פון טאָג צו טאָג, דערנענטערנדיג זיך צו יענעם מאָמענט, ווען עס וועט אָנשטיין דאָס קעניגרייך פון דעם סאָציאַליזם —

„מיר, קינדער ישראל, האָבן באַשלאָסן: צו פאַראייניגן זיך ברידערליך פאַר דעם הייליגן בונד פון די אַרבעטער, און צוליב דעם דאָזיגן צוועק האָבן מיר געגרינדעט אַ „פאַרבאַנד פון יידישע סאָציאַליסטן“. די גערעכטיקייט און די זיטליכקייט וועלן זיין דאָס קריטעריום פאַר אַלע מעשים פון די מיטגלידער פונ'ם דאָזיגן פאַרבאַנד הן אין דער באַציהונג צו זיך אַליין און הן אין דער באַציהונג צו אַלע מענשן אָן אונטערשייד פון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע.

„ס'זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די פאָלגנדע תקנות:

I) „דער פאַרבאַנד וועט אָנווענדן אַלע קרעפטן צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די יידן אומעטום וואו זיי וואוינען, און אויך צווישן די אַנדערע פעלקער, און ער וועט זיך שטאַרן צו אָרגאַניזירן אַזעלכע חברות וואו עס וועט נאָר זיין מעגליך, און פאַראייניגן די אַרבעטער צום קאַמף מיט זייערע באַדריקער און פאַרשקלאַפער.

II) „דער פאַרבאַנד וועט שטרעבן ברידערליך זיך צו פאַרבינדן מיט די אַרבעטער-פאַרבאַנדן פון די אַנדערע נאַציעס“.

דערצו קומען נאָך אייניגע פּונקטן, וועלכע האָבן ניט פאַר אונז קיין באַזונדער אינטערעס.

מיט זיין גאַנצן יוגענטליכן פייער האָט זיך ליבערמאַן גענומען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיגן ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד; ער האָט איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אויף וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס אייציגער רעדנער און אַגיטאַטאָר. ס'איז אָבער אַוועק אַ קורצע צייט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן געוויסע סכסוכים און רייבונגען צווישן אים מיט די מיטגלידער פון פאַרבאַנד. ניט קענענדיג בשום אופן אונטערדריקן אין זיך די השפעה פון זיין טראַדיציאָנעלער ערציהונג און פון זיינע שאַרף אַנטוויקלטע נאַציאָנאַלע געפילן, האָט ער זיך געמאַטערט ברענגען זיי אין אַ געוויסער האַרמאָניע מיט די סאָציאַליסטישע טעאָריעס. דאָס האָט זיך אים אָבער אויף קיין פאַל ניט איינגעגעבן. און דורך דעם איז ער אַריינגעפאַלן אין סתירות און אין געגנזאַצן מיט זיך אַליין, וואָס עס האָט געמאַכט אויף זיינע חברים זעהר אַ שלעכטן איינדרוק. ס'האָט זיך געטראָפן, אַז צוליב ליבערמאַנס נאַציאָנאַליזם זיינען אַרויסגעקומען צווישן אים מיט די אַרבעטער שאַרפע אינצידענטן.

אַמאָל האָט פּאַסירט דער פאָלגנדער כאַראַקטעריסטישער אינצידענט: די זיצונגען פון פאַרבאַנד פלעגן פאָרקומען אַלע שבת צו נאַכט. איינמאָל איז דער דאָזיגער אָוונט אויסגעפאַלן אום תשעה־באב, און ליבערמאַן האָט צוועקגעשטעלט די פראַגע, צי ס'זאָל די זיצונג ניט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אַנדער טאָג? אייגער פון די מיטגלידער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז זיי אַלס סאָציאַליסטן, דאַרפן זיך מיטן תענית ניט רעכענען. קעגן דער דאָזיגער מיינונג איז אַרויסגעטראָטן ליבערמאַן מיט אַ פייערדיגן פּראָטעסט. „ביי איצטיגן טאָג—האָט ליבערמאַן געזאָגט—האָט תשעה־באב פאַר אונז, יידישע סאָציאַליסטן, דיזעלביגע באַדייטונג וואָס פאַר אַלע אַנדערע יידן. כל זמן ס'איז נאָך ניט אַנטשטאַנען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָט די פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט אַ גרויסן ווערט פאַר יעדער פאָלק. דער טאָג פון תשעה־באב דערמאָנט אונז, אַז די יידן האָבן פאַרלאָרן זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט, און אַלענפאַלס דאַרף אונזער פאַרבאַנד האַלטן די דאָזיגע געשעהעניש אויף אַזוי פיל וויכטיג, אַז ס'איז כדאי אָפּצולייגן צוליב אים די זיצונג אויף אַן אַנדער טאָג“.

אין לאָנדאָן האָט אָבער ליבערמאַן לאַנג ניט פאַרבראַכט. אויסער דער צוריסנקייט צווישן אים מיט די אַרבעטער צוליב די נאַציאָנאַלע געגנזאַצן, האָט ער זיך אַמאָל אין אַ רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויף אַ מיטינג, זעהר שאַרף אויסגעדריקט קעגן דער יידישער רעליגיע און איז מיט זלזולים אָנגעפאַלן אויפן לאָנדאָנער רב אַדלער, און דאָס האָט צווישן דעם פּובליקום אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורם, וועלכער האָט דערנאָך געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער און אויך אין דער אַלגעמיינער ענגלישער פּרעסע

אין ענ׳..׳ איז מען נאָך ביז אַהער ניט געוואוינט געווען צו הערן אַזעלכע שאַרפע מיינונגען וועגן דעם יידישן גלויבן אפילו פון ניט יידן, און דער־בער האָט ליבערמאַנס רעדע געמאַכט אין דער ברייטער עפנטליכקייט זעהר אַ שווערן איינדרוק; אין אַלע צייטונגען האָט מען אָנגעהויבן אָנצופאַלן אויף דעם אויסלענדישן „אַנאַרכיסט", און פון פאַרשיידענע זייטן איז אויסגעדריקט גע־וואָרן דער ווונש, אַז „מ׳זאָל אים פאַרשפאַרן דעם מויל". דאָס אַלץ האָט באַ־וואויגן ליבערמאַנען צו פאַרלאָזן לאָנדאָן און איבערצוקלייבן זיך פון דאָרטן קיין ווין.

VI.

דער בערלינער יידיש־סאָציאַליסטישער קרייזל.—דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קרייזל אין ווין.—ליבערמאַנס השפעה אויפן קרייזל.—די ייכ׳חים וועגן יידן.—ליבערמאַן און סמאָלענסקין. ליבערמאַן הויבט אָן אַרויסצוגעבן דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש־זשורנאַל „האמת".—דאָס פּראָגראַם פון דעם „האמת".—ליבערמאַנס מיטאַרבעטער.—דער ערפאָלג פון „האמת" אין רוסלאַנד.—די רוסישע צענזור נעגן דעם „האמת".—דער „האמת" ווערט פאַר־מאַכט.—ליבערמאַנס פאַרצווייפלונג.—ליבערמאַן אַלס מיטאַרבעטער אין סמאָ־לענסקינס העברעאישע אויסגאַבן.—ליבערמאַן ווערט אַרעסטירט.

אויפן וועג קיין ווין האָט זיך ליבערמאַן אויף אַ קורצער צייט אָפּגע־שטעלט אין בערלין, וווּ ס׳האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אַ היבשער קרייזל פון יידישע סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטקעס, און כמעט אַלע זיינען זיי געווען עמיגראַנטן אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. אויף אַ באַראַטונג אין דעם דאָזיגן קרייזל איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ליבערמאַן זאָל צוטרעטן אין ווין אַרויסצו־געבן אַ העברעאישן זשורנאַל, אין וועלכן ס׳זאָל אַגיטירט ווערן פאַרן סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק. צו דעם צוועק האָט דאַן דער קרייזל פון זיין קאַסע געגעבן ליבערמאַנען אַ געוויסע סומע געלט אויף צו מאַכן דעם אָנהויב און האָט אים פאַרשפּראָכן אויך ווייטערדיגע מאַטעריעלע אונטערשטיצונגען.

אין ווין האָט זיך ליבערמאַן פּערזענליך באַקאַנט מיט דעם העברעאישן שריפטשטעלער און סאָציאַליסטיש געשטימטן אליעזר צוקערמאַן, וועל־כער האָט זיך דאַמאָלסט געלערנט זעצעריי אין סמאָלענסקינס דרוק, און זיינען ביידע פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרן טרייע, איינער דעם אַנדערן מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענע חברים. צוקערמאַן האָט תיכף אַריינגעפירט לי־בערמאַנען אין דעם ווינער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קרייזל, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרטראָטן פאַרשטייער פון אַלע נאַציעס, וואָס באַ־וואוינען רוסלאַנד: גרויס־רוסן, פּאָליאַקן, אַרמענער, אוקראַאינער, ליטווינער אַ

אַז. וו. יידן האָבן זיך געפונען אין קרייזל גאַנץ ווייניג. מיט זיין גרויסער ווינסשאַפטליכער ערודיציע און מיט זיין אויסגעצייכנטן רעדנער־טאַלענט האָט ער תיכף צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן קרייזל. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ליבערמאַן איז אין אים געוואָרן דער גאַנצער פירער און טאָנאָנגעבער. אָן ליבערמאַנען האָט מען זיך ניט געקערט קיין טריט, און וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אַ געזעץ.

אויף וויפיל גרויס ס'איז געווען ליבערמאַנס אַווטאָריטעט און זיין השפעה אויפ'ן דאָזיגן קרייזל פון די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, באַווייזט דער פאָלגנדער זעהר אינטערעסאַנטער פאַקט, וועלכן עס דערציילט דער באַקאַנטער העברעאישער דיכטער יהלל אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע:

„אין איינעם פון זיינע בריוו—אַזוי שרייבט יהלל—האָט מיר ליבערמאַן מודיע געווען, אַז ס'האָט זיך דערוועקט אַ גרויסער ויכוח צווישן די סאָציאַליסטן וועגן יידן. פילע פון די סאָציאַליסטן, און באַזונדערס די אוקראַאינאָפילן, האָבן געשריען, אַז אויף יידן טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבן, אַז זיי זיינען אַלע עקספּלאָטאַטאָרן, פּיאַווקעס, וועלכע זויגן אויס דאָס בלוט פון די פּויערים, הענדלער און פאַקטאָרס, און דעריבער דאַרפן די סאָציאַליסטן זיי ניט באַשיצן און דאַרפן פאַר זיי ניט קעמפן. געגן דעם האָבן אַנדערע געטענה'ט, אַז די יידישע הענדלעריי מיט זייער עקספּלאָאַטאַציע נעמען זיך נאָר פון זייערע רדיפות און רעכטלאָזיגקייט א. אַ. וו. דער ויכוח האָט זיך זעהר פאַרשאַרפט, און צום סוף האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן צוליב דעם אַ באַזונדער אסיפה, אין וועלכער די פראַגע זאָל ברייט און טיף אַרומגערעדט ווערן. דערביי איז אויך געבליבן, אַז איינער פון די אוקראַאינער זאָל אַראָפּפאָרן צו מיר קיין קיעוו אום זיך מתוכח צו זיין מיט מיר, און ווען מיר וועלן צווישן זיך קומען צו אַ הסכם, וועט דאַמאָלסט ווערן אַ שלום. דעריבער איז מיר מודיע ליבערמאַן, אַז אינגיכן וועט קומען צו מיר אַ מענש, וועלכער הייסט פּאָטשינין און ער וועט מיר ווייזן אַ וויזיט־קאַרטע, אויף וועלכער עס זיינען אָנגעשריבן די און די ווערטער, און אַז ער וועט קומען און וועט מיר ווייזן די וויזיט־קאַרטע זאָל איך מיט איםריידן גאַנץ אָפן ניט מורא־האָבנדיג פאַר קיין זאַך.

„אין אַ געוויסן טאָג—אַזוי דערציילט יהלל ווייטער—ווי איך זיץ מיר אַזוי אין מיין צימער אין קאַנטאָר, ערשט ס'איז אַריין צו מיר אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיג, זעהר שיין געקליידעט, האָט זיך מיר אָנגערופן מיט זיין נאָמען און האָט מיר איבערגעגעבן די וויזיט־קאַרטע אַרויסרופנדיג מיר אויף אַ שמועס. איך האָב אויף דעם אויסגעקליבן אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל און דוקא אויפ'ן גאַס. כ'בין מיט אים אַרויס אויפ'ן גאַס און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן אַ שטוב. גראָד איז דאָס געווען אַ שטילע גאַס, וואו עס זעהן זיך מענשן זעהר זעלטן. מיר האָבן אַזוי אָפּגעשמועסט פון זייגער האַלב פיר נאָכמיטאָג ביז זיבן פאַרנאַכט. דער אינהאַלט פונ'ם געשפּרעך איז געווען אַ פּרק יידישע געשיכטע מיט אַן איבערזיכט איבער זייער איצטיגן מצב. זיבן

אַ זייגער האָט זיך געענדיגט אונזער געשפּרעך. דער אוקראַאינער האָט זיך מיט מיר צוקושט און מיר האָבן זיך צושיידט גאַנץ פריילעך און זעהר פריידליך געשטימט. אויף מאָרגן פאַרנאַכט איז צו מיר געקומען איינער פון די מיל־אַרבעטער*) און האָט מיר דערציילט, אַז די גאַנצע גאַס איז פול מיט איבער־געטאָנענע שפּיאָנען. אַז איך האָב געדאַרפט גיין אַ היים, בין איך אַרויס אויפ'ן גאַס און האָב דערקענט צווישן די געהיימע אַגענטן דעם פּריסטאַוו פון מיין צירקל. אויף מאָרגן בין איך צו אים אַריין, כ'האָב אים דערציילט, אַז איך האָב אים דערקענט און געבעטן ער זאָל מיר זאָגן וואָס דאָס באַטייט. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט מיט גרויס ערביטערונג: שטעלט אייך פאָר מיין עגמת־נפש. אין יענעם טאָג האָט זיך באַוויזן אין מיל־גאַס אַ געפערליכער מענש, איינער פון די גרעסטע און די שרעקליכסטע סאָציאַליסטן, און איך האָב באַ־קומען דעם באַפעל נאָכצושפּירן אים. און אָט דער מענש איז ניט בלויז אַריבער די גאַס, נאָר ער איז אויך געזעסן אויף אַ בענקל און האָט געשמועסט מיט אַ פּערזאָן אַ לאַנגע צייט.

„דער לעזער קען זיך פאָרשטעלן — אַזוי פאַרענדיגט יהלל זיין ערציי־לונג — ווי מיר איז געוואָרן אויפ'ן האַרצן הערענדיג דעם פּריסטאַוס אָפענע דבורים. איך בין באַלד אַוועקגעגאַנגען אַהיים און אויסגעראַמט פון דאָרטן דעם גאַנצן חמץ"**).

בעת ליבערמאַן איז נאָך געווען אַ תּלמיד פון'ם ווילנער ראַבינער־שול, האָט ער אָפּגעדרוקט אין דעם העבּרעאישן חדש־זשורנאַל „השחר" אונטער דעם פּסעוודאָנים „דניאל איש חמודות" אַ ערציילונג מיטן נאָמען „חזות הכל" (קאַליידאָסקאָפּ), וועלכע האָט אין איר צייט געמאַכט אַ גאַנץ גרויסן רושם; קומנדיג קיין ווין האָט ליבערמאַן באַלד אויפ'ן צווייטן טאָג באַזוכט דעם רע־דאַקטאָר פון „שחר", סמאָלענסקינען. כאָטש ליבערמאַן איז שוין דאַמאָלסט געשטאַנען אידייאיש גאַנץ ווייט פון סמאָלענסקינען, האָט ער אים דאָך געשעצט אַלס טאַלענטפולער זשורנאַליסט און ערציילער. סמאָלענסקין ווידער פון זיין זייט האָט שטאַרק געהאַלטן פון ליבערמאַנען אַלס גלענצנדער העבּרעאישער סטיליסט. באַלד איז ליבערמאַן ביי אים געוואָרן אַן אָפטער איינגייער און כמעט יעדעס מאָל האָבן זיי געפירט צווישן זיך היציגע געשפּרעכן און ויכוחים וועגן יידן און יידישקייט און וועגן פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען; זייענדיג ביידע עקספּאַנסיוו און טעמפּעראַמענט־פול פון דער נאַטור, פלעגן דעריבער זייערע ויכוחים פאַרוואַנדלט ווערן דאָס רוב אין ערביטערטע מלחמות. קיינער פון זיי האָט קיינמאָל דעם אַנדערן ניט נאָכגעגעבן, קיינער האָט דעם קאַמף־פּלאַץ ניט פאַרלאָזן, ביז זיי פלעגן ווערן אָן כחות ריידענדיג, און דאַן

*) יהלל האָט אין יענער צייט געדינט אַלס קאַסיר אין דעם מיל פון'ם גרויסן קיעווער מיליאָנער בראָדסקי.

**) זעה „ספר זכרון" ז. 34.

פלעגט ליבערמאַן געוויינלעך אַ זאָג טאָן: אָט ווייסט איר וואָס? פון אַלע זאַכן לאָמיר גאָר מאַכן אַ שאָך! אין שאָך זיינען זיי ביידע געווען גרויסע קינסטלער; „מאַט" פלעגט אָבער דאָס רוב קריגן ליבערמאַן.

דאָ וועל איך זיך באַנוצן אַ ביסל מיט מיינע אייגענע זכרונות.

אין יענער צייט האָב איך געלערנט אין ווין, און אויך גאַנץ אָפט באַזוכט סמאָלענסקינען. ניט איינמאָל האָב איך געטראָפן סמאָלענסקינען און ליבערמאַנען אַמפּערנדיג זיך און ניט איינמאָל האָב איך זיי געפונען שפּילנדיג ביידע אין שאָך. איך געדענק נאָך אַזוי ווי היינט זייערע ביידנס פאַרשיידנאַרטיגע ניגונים־לאַך בײַ׳ם שאָך־שפּילן. סמאָלענסקין פלעגט האָבן די טבע אונטערצוברומען אונטערן נאָז דעם ישיבה־בחור׳שן גמרא־ניגון, און ליבערמאַן — דעם טרויעריגן מאָטיוו פון „כל־נדרי". אַמאָל פלעגט זיך ליבערמאַן טרעפן בײַ סמאָלענסקינען מיט דעם געשמד׳טן מיסיאָנער זאַלקינסאָן, דער באַקאַנטער העברעאישער איבערזעצער פון שעקספּירס „אָטעלאָ" און „ראָמעאָ און „דזשוליעטאַ", וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער שאַכמאַטיסט. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ליבערמאַן מיט אים שפּילן עטליכע פּאַרטיעס שאָך; דערבײַ פלעגט תמיד זיין „כל־נדרי"־ניגון מאַכן דעם משומד זעהר נערוויאיש. איינמאָל האָט ער זיך ניט געקאָנט איינגעהאַלטן, און האָט געפרעגט ליבערמאַנען: וואָס האָט איר זיך דאָס עפּעס אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין „כל־נדרי"? זייט איר, אָפּטמאָלס, ניט געווען אין רוסלאַנד אַ חזן אין אַ קליינשטעטל? אויף דעם האָט אים ליבערמאַן, געדענק איך, געענטפערט: אַ חזן ווי אַ חזן, איך בין אָבער תמיד אַ ייד געווען...

נאָכדעם ווי ליבערמאַן האָט פאַרענדיגט מאַכן די נויטיגע הכנות צו זיין העברעאישן זשורנאַל, האָט ער פאַרעפנטליכט וועגן אים אַ אויספירליכן פּראָספּעקט. איך געפין פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ עטליכע אויסצוגן פונם דאָזיגן פּראָספּעקט, וועלכע זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר ליבערמאַנס איבעוויינגיסטער צוריסנקייט.

„דער שקר — אַזוי ווערט געזאָגט אין פּראָספּעקט פון „האמת" — וואָס געוועלטיגט אין איצטיגער צייט, איז דער מקור פון אַלע אומגליקן. ער צוטרייסלט ביזן וואָרצל די יסודות פון דעם געזעלשאַפטליכן לעבן און צורייסט אויף שטענדיג די געזעלשאַפטליכע בונדן. ער צוטיילט די מענשן אין צוויי לאַגערן — אין עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע... גרויס זיינען די ליידן פון פאָלק, ער ליידט אָבער און שווייגט, ווייל ער פאַרשטייט ניט דאָס, וואָס עס קומט פאַר אַרום אים, כל זמן עס וועט ניט אויפלייכטן דער „אמת"...

„אין דער צייט ווען אַלע פאָדערן „ברויט און אַרבעט", בעת די מאָגן־פראַגע האָט אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט אַלע איבעריגע פראַגן — געפינט אונזער ליטעראַטור פאַר זיך ניט קיין בעסערס פון דער באַשעפטיגונג מיט רעליגיע און נאַציאָנאַליזם און מיט נאָך אַזעלכע פוסטע זאַכן, וואָס יעדער לאָגיש־

דענקנדיגער מענש האָט זיי שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן. אַנשטאָט צו אינטערעסירן זיך מיט לעבעדיגע פראַגן, געפינט אונזער ליטעראַטור פאַר זיך קיין בעסערס ניט ווי צו ריען זיך אין קברות־בלעטלאַך און באַשעפטיגן זיך מיט די ערפאַר־שונגען פון עבר..."

„דער אינסטינקטיווער וואונש צו באַפרייען זיך פון אַלע גייסטיגע און פיזישע קייטן, געפינט זיך ביי יעדער מענשן. איטליכן וואָלט זיך געוואָלט זיין אַ בעל־הבית איבער זיך אַליין און באַנוצן זיך מיט דער פרוכט פון זיינע אייגענע הענט... אַלע פעלקער פאַראייניגן זיך שוין שטרעבנדיג צו דערגרייכן זייער ציל—קלערט דען אונזער פאָלק אויך וועגן בעסערע צילן?... ניט קיין אַ גיאַנאַלע ליבע דערוועקט אונז אַרויסצוגעבן דעם דאָזיגן זשורנאַל. מיר קע־נען ניט אַוועקשטעלן אונזער פאָלק העכער פון אַן אַנדער פאָלק; איין נאַציע דאַרף ניט אויסגעטיילט ווערן צו גוטן פון דער אַנדערער, אַזוי ווי איין מענש דאַרף ניט אויסגעטיילט ווערן פון דעם צווייטן מענשן. נאָר די אַלגעמיין־מענ־שליכע ליבע, די ליבע צו די קינדער פון אונזער פאָלק, ווי צו מ ע נ ש ן, און אויך זייערע אומענדליכע ליידן—דערוועקט אונז צו זאָגן זיי אויפ'ן לשון, וועלכער איז זיי פאַרשטענדליך, דעם „אמת", וואָרום ווען מיר, וואָס קענען זייער לעבן און זייערע צרות, וועלן פאַר זיי ניט דאגה'ן, טאָ ווער זשע?"

דער ערשטער נומער „האמת" איז אַרויס אין מאַי 1877 אונטער דער רעדאַקציע פון אַ ר ט ו ר פ ר י י מ אַ ן. אַזוי האָט זיך ליבערמאַן אָנגערופן אין דעם פרעמדן פּאַס, אויף וועלכן ער האָט געוואוינט אין ווין אַלס איינגלישער אונטערטאַן. ליבערמאַן האָט זיך אין עסטרייך ניט געפילט אַזוי זיכער ווי אין ענגלאַנד, און אויס מורא טאָמער קומט עס דאָ אויס צו ליידן פאַר זיינע לאַנ־דאָנער עפענטליכע אַרויסטרעטונגען, האָט ער זיך משנה שם געווען. פון צווייטן נומער אָן האָט ליבערמאַן אַוועקגעשטעלט אויפן „האמת" אַלס מאָטאָ אַ שפרוך פון בן־סירא'ן: „סאַגעווע ניט דיין לעבן אין דער מלחמה פאַרן אמת".

דעם ערשטן נומער האָט ליבערמאַן אויסגעפילט מיט זיינע אייגענע אַר־טיקלען און אַביסל מיט צוקערמאַנס. אין די ווייטערדיגע דריי נומערן האָבן זיך געדרוקט אויך זאַכן (און כמעט אַלע זיינען דאָס געווען שירים) אויך פון ד"ר קאַמינער, יהלל און שרשעווסקי. אַלע אַרטיקלען אין „האמת" האָבן זיך געדרוקט אָן די אונטערשריפטן פון זייערע מחברים. אַביסל האָט מען דאָס געטאָן אויס פחד, און אַביסל אום צו באַווייזן דער וועלט, אַז די מיטאַרבעטער פון „האמת" שרייבן ניט צוליב כבוד, נאָר מער ניט ווי כדי אַרויסצוזאָגן דעם אמת.

זיינע סאָציאַליסטישע אַרטיקלען האָט ליבערמאַן געזוכט וואָס מער צו פּאָ־פולאַריזירן, כדי צו צופּאַסן זיי צו דער אַנטוויקלונגס־מדרגה פון זיין אוידי־טאָריע. בנוגע צו דער אוידיטאָריע, צווישן וועלכער מ'דאַרף זעהן פאַרשפרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, האָט ליבערמאַן פון תמיד אָן געהאַט אַ באַזונדער־מיינונג, אין וועלכער ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט פיל פון זיינע חברים־

נאָך אין ערשטן ווילנער סאָציאַליסטישן קרייזל, בעת ס'האָט זיך אויפגעהויבן די פראַגע אין וועלכער שפּראַך עס איז צוועקמעסיקער אַרויסצוגעבן אַגיטאַציע-ליטעראַטור: אין העברעאיש אָדער אין יידיש, איז ליבערמאַן געשטאַנען פאַר העברעאיש. דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן דער וויכטיגקייט פון די ביידע שפּראַכן; די פראַגע איז נאָר געווען, פאַר וועמען די ליטעראַטור דאַרף באַשטימט ווערן. ליבערמאַן האָט געהאַלטן, אַז רעוואָלוציאָנערן קאָן מען ווערבירן נאָר צווישן ישיבה-בחורים; די איבריקע מיטגלידער פון קרייזל האָט זיך געחלומט וועגן דער רעוואָלוציאָניזירונג פון דער „מאַסע", און דעריבער האָבן זיי געטענהט, אַז די אַגיטאַציע מוז זיין נאָר אין יידיש.

איינער פון ליבערמאַנס חברים, וועלכער איז אויך געווען אַ מנהיג פון ווילנער סאָציאַליסטישן קרייזל, זונדעלעוויטש, שרייבט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „אויף די קלויזניקעס און ישיבה-לייט האָט ליבערמאַן געקוקט ווי אויף דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, וועלכע איז הויך אידעאַליסטיש געשטימט און באַנויטיקט זיך אין דעם, אַז עמיצער זאָל אַרויספירן זייערע אידעאַליסטישע שטרעבונג אויפן וועג צו די אידעאַלן פון דער נייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, כדי זיי זאָלן ווערן די גייסטיגע קעמפנדיגע אָנפירער פון דער יידישער מאַסע אין איר מלחמה פאַרן סאָציאַליסטישן עתיד. מיר, די געגנער פון ליבערמאַנס נאַציאָנאַליזם, האָבן געהאַלטן, אַז די ריכטיגע און די נאַטירליכע אָנפירער פון דער יידישער מאַסע אין דער צוקונפט וועלן זיין יענע יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך ערוואָרבן אייראָפּעאישע בילדונג, און די ישיבה-בחורים וועלן קאָנען ווערן זייערע פאַרבינדעטע חברים ערשט נאָכדעם, ווי זיי וועלן אָפּגעבן די גמרא אין אַרכיוו. איבערגעבן אָבער די אַלגעמיינע אידעעס, וועלכע זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער אייראָפּעאישער קולטור, דער „אומגעבילדעטער יידישער מאַסע", דאָס וועט מען נישט קאָנען אויף קיין אַנדער שפּראַך ווי נאָר אויף יידיש".

ווי הויך ליבערמאַן האָט געהאַלטן די ישיבה-בחורים,—דאָס קאָן מען אַרויסזען פון זיין אַרטיקל „די יידן אין אונגאַרן", אין וועלכן מיר געפינען די פאָלגנדע ווערטער: „די תלמידים פון די ישיבות דאָס זענען דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס איז געגרינדעט דער כבוד פונם יידישן פאָלק. קיין נוצליכע רעפאָרם, קיין נייע אידעע קאָן ניט אַריינדרינגען אין פאָלק, ווען די באַשיצער פון גוטסקייט און גערעכטיקייט וועלן זיך אַפריער ניט ווענדן צו די דאָזיגע „קינדער פון די אָרימע, פון וועלכע ס'גייט אַרויס די תורה", און זיי וועלן ניט פּרובן צו מאַכן זיי פאַרן יסוד פון זייערע נייע איינריכטונגען. די ישיבה-לייט פאַרמעגן פיל בריליאַנטענע מעלות: זיי זענען די שענסטע פון אונזער יוגנט, זיי באַזיצן אַ שאַרפן פאַרשטאַנד, און די ליבע צו גוטס און צו גערעכטיקייט באַהערשט זייערע געדאַנקען: זיי זענען די איינציגע צווישן אונז, וועלכע זענען נישט פאַרדאָרבן געוואָרן דורך איבעריגן עגאָאיזם, זיי זענען די איינציגע, וועלכע זענען מסוגל צו לעבן אין נויט און מקריב צו זיין אַלץ פאַר די אידעאַלן,

וועלכע זיי געפינען פאַר גערעכטע; זיי זיינען אויך די איינציגע, וואָס זיינען געבליבן טריי זייער פאָלק, ווייל זיי זיינען ביינער פון זיינע ביינער, און לעבן אין פאָלק, בעת די אָנגערופענע „געבילדעטע" יוגנט, גייט אַוועק פון פאָלק און אונטער דער מאַסקע פון בילדונג זוכט זי פאַרגעניגנס, כבודים, רייכקייט און הערשאַפט. די ישיבה־בחורים—דאָס איז די יידישע אינטעליגענץ, אונזערע מאָנאַכן; פון זיי זיינען אַרויס אונזערע בעסטע שרייבער, אונזערע בעסטע מענשן"...

האַלטנדיג זיך ביי אַזאַ מיינונג וועגן די ישיבה־לייט, די תלמודישע אינטעליגענץ, איז קיין וואונדער ניט ווען ליבערמאַן האָט זיך באַזונדערס געסטאַרעט צו צופאַסן זיך צו זייער געשמאַק און צו זייערע באַדערפענישן. לויט ווי זונדעלעוויטש דערציילט האָט ליבערמאַן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז „די יידישע שפּראַך איז זיך מסוגל צו אַנטוויקלען, און אַז זי האָט די מעג־ליכקייט צו ווערן מיט דער צייט, גלייך מיט העברעאיש, אַ ליטעראַרישע שפּראַך, וועלכע וועט קענען דינען אַלס וויכטיגער פאַקטאָר אין דער אַנטוויק־לונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין". פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיג אויף דעם, איז ער מיט אַ באַזונדער ענערגיע באַשטאַנען אויף דאָס זייניגע, אַז רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור דאַרף באַשאַפן ווערן נאָר אין העברע־איש. ליבערמאַן האָט, קענטיג, גענומען אין אַכט די פאַראַכטונג, וואָס מ'האָט אין די דאַמאָלסדיגע משכיל'שע ספערן אַרויסגעוויזן דעם „זשאַרגאָן".

די ערשטע פאָר נומערן פון „האמת" זיינען אין רוסלאַנד אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. דער צענזאָר האָט זיך צו זיי ניט געטשעפּעט; אים איז, ווי עס ווייזט אויס, לכתחלה גאָר ניט איינגעפאַלן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, און האָט זיי פריי דורכגעלאָזן. אַזוי איז געווען אין ווילנע און אויך אין פעטערבורג, וואו זונדעלעוויטש פלעגט אָפּנעמען אַ געוויסע צאָל עקזעמ־פּלאַרן פון דער פּאָסט, און פונאַנדערשיקן זיי אין דער פּראָווינץ. אויפ'ן דריטן נומער האָט שוין דער ווילנער צענזאָר געוואָרפן אַ שלעכט אויג; ער האָט שוין פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט, און האָט דעם נומער קאָנפיס־קירט. צום פערטן נומער האָט די רוסישע רעגירונג אינגאַנצן פאַרבאָטן דעם אַריינגאַנג פונ'ם „האמת", און דורך דעם האָט זיך דער זשורנאַל געמוזט אָפּ־שטעלן, ווייל כמעט אַלע זיינע אַבאָנענטן האָט ער געהאַט אין רוסלאַנד. פון אָנפאַנג האָט זיך ליבערמאַן געפּרובט אַריבערשוואַרצן דעם „האמת" קיין רוס־לאַנד מיט דער הילף פון שמוגלערס אין דער פוילישער גרעניץ־שטעטל באַק־לעראָווע, פון וואַנען דער פּאַקעט פלעגט אַריבערגעפירט ווערן אין דער נאָ־הענטער שטאָט סובאַלק צו ליבערמאַנס פאָטער, וועלכער פלעגט שוין פון זיין זייט פונאַנדערשיקן די בלעטער צו די אַבאָנענטן אין קאָנווערטן. דער אַלטער ליבערמאַן איז אויך געווען דער פאַרמיטלער צווישן זיין זון און צווישן די אַלע שריפטשטעלער און סתם פריינד אין רוסלאַנד, מיט וועלכע ער האָט קאָרעספּאָנדירט. נאָכ'ן פערטן נומער האָט זיך דער „האמת" פאַרמאַכט. דערע

האָט גורם געווען ערשטנס, וואָס דאָס שיקן די בלעטער דורך סובאָלק האָט געשמעקט מיט גרויס געפאַר, און צווייטנס האָבן אויף ליבערמאַנען געמאַכט אַ שווערן איינדרוק דאָס, וואָס פיל פון זיינע פריינט האָבן אויפגענומען דעם „האמת” קריטיש. איינער, למשל, האָט ליבערמאַנען געשריבן: „צו וואָס האָסטו דאָס אין ערשטן נומער געגעבן אַזאַ שטאַרקע דאָזע? צום אָנפאַנג האָסטו נישט געדאַרפט אַזוי קלאָר אַרויסווייזן דיינע כוונות, ביסלעכווייז, צו איינציגע לעפעלעך דאַרף מען איינגעבן אַ רפואה, און נישט קיין ריינעם ספירט, נאָר געמישט אין וואַסער. האָסטו דען געהאַט נויטיג פונאַנדערצולייגן זיך מיט דיין גאַנצער סחורה אויף איין מאָל? צו וואָס דאַרף מען דאָס געבן אַזאַ שטאַרקן גיפט אַזאַ אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם?” נאָך איינער פון די סאָציאַליסטישע פירער האָט געשריבן ליבערמאַנען: „דו קאָנסט אָפּנאַרן דעם צענזאָר איינמאָל אָדער צוויי מאָל, אָבער נישט מער; אַז דו וועסט שרייבן אַזוי געפּלהאַפּט, דאָס קיינער וועט נישט פאַרשטיין, וועט דאָס קיין נוצן נישט ברענגען. מיט אַזעלכע מיטלען קען מען נישט העלפן די אָרימע און אונטערדריקטע”. אויך דער בערלינער סאָציאַליסטישער קרייזל האָט נישט איינגעשטימט צו דער ריכטונג, אָן וועלכער ליבערמאַן האָט זיך געהאַלטן אין זיין זשורנאַל. די דאָזיגע ריכטונג איז געווען זעהר אַ שאַרפע און אַ קלאָר רעוואָלוציאָנערע, און די בערלינער זענען מיט דעם געווען אומצופרידן. איינער אַ זשורנאַליסט, יעקב ראַפּאָפּאָרט פון קעניגסבערג, האָט געפאָדערט פון ליבערמאַנען אַ קלאָרע פּראָגראַם, און האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז צווישן שולצע-דעליטשן מיט באַקונינען ליגט אַ טיפער תהום. געמיינט האָט דער זשורנאַליסט מיט דעם זאָגן אַז דער „אמת” גיט צו גרויסע און נישט קיין נאַטירליכע שפּרונגען.

דער אונטערגאַנג פון „האמת” האָט אַריינגעבראַכט ליבערמאַנען אין גרויס פאַרצווייפלונג. עפּעס אַזוי ווי אַ שטיק שענעס לעבן איז פון אים אָפּגעריסן געוואָרן. די ערשטע צייט איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעטומלטער, האָט אויפגעהערט צו באַזוכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קרייזל און האָט זיך פאַרטיפט אין זיך.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז אין פאַרלויף פון די עטליכע חדשים, וואָס ליבערמאַן האָט אַרויסגעגעבן דעם „אמת”, האָט ער איבערגעריסן אַלע זיינע באַציהונגען צו סמאָלענסקינס הויז. די סבה דערפון איז געווען, דאָס וואָס סמאָלענסקין האָט אויפגענומען דעם „האמת” זעהר נישט פריינדליך, און באַלד ווי ליבערמאַן האָט פערעפענטליכט זיין פּראָספּעקט, האָט ער אים שאַרף קריטיקירט אין ה„שחר”. נאָכדעם ווי דער ה„אמה” האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט ליבערמאַן אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער אָפּט אָנגעהויבן צו באַזוכן סמאָלענסקינען. און אַז סמאָלענסקין האָט דאַן אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן זיין וואָכנבלאַט „המביט”, איז ליבערמאַן באַלד געוואָרן פון זיינע נאָהענטע מיטאַרבעטער אונטער דעם פסעוודאָנים „בר-דרורא” (פריימאַן). ליבערמאַנס

וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען אין ה„מביט" זיינען אויפגענומען געוואָרן פון דעם לעזע-פובליקום מיט גרויס באַגייסטערונג. ס'איז אָבער אַמאָל פאָרגעקומען אַן אינצידענט, נאָך וועלכן ליבערמאַן האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט אין ה„מביט". ליבערמאַן האָט אַמאָל געבראַכט פאַרן ה„מביט" די העברעאישע איבערזעצונג פון פיסאַרעווס באַקאַנטן אַרטיקל „די בינען" (Пчелы), און סמאָלענסקין האָט אים ניט געוואָלט דרוקן, ווייל דאָס שמעקט מיט איבערקערעניש, מיט רעוואָלוציע. ליבערמאַנען האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון מיטצואַרבעטן אין ה„מביט".

ס'איז אַריבער אַ געוויסע צייט, און ליבערמאַן האָט זיך באַרוהיגט. באַלד האָט ער צוריק אָנגעהויבן אָפּצוגעבן זיך פלייסיג מיט סאָציאַליסטישע אַרבעט. מיט גרויס ענערגיע האָט ער זיך גענומען אַיינצואָרדענען אַ כסדר'דיגן טראַנספּאָרטירן פון רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור קיין רוסלאַנד. ער איז אַריין אין באַציהונגען מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע צענטערס אין איראָפּע, ער האָט זיך אויפגעשריבן מיט לאַווראָוו, מאַרקסן, דראַגאָמאַנאָוון און מיט אַנדערע פון די גרעסטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער און פירער. זיין קוואַרטיר איז געוואָרן אַ צענטער פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע גרופּעס און באַציעס. מ'דאַרף נעמען אין אַכט, אַז ליבערמאַן האָט גאַנץ פריי גערעדט פיל פון די איראָפּעאישע שפּראַכן, צווישן זיי אויך פּויליש.

אין פעברואַר 1878 האָט די ווינער פּאָליציי אָנגעהויבן נאָכצושפּירן ליבערמאַנען. אין איין נאַכט האָט די זשאַנדאַרמעריע געמאַכט אַ פּלוצליכן באַזוך אין ליבערמאַנס וואוינונג, האָט קאָנפיסקירט אַלע זיינע כתבים, און אים אַליין אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין געפענגעניש.

VII.

די אַרעסטירטע ליבערמאַנס קאָרעספּאָנדענץ.—ליבערמאַנס געוואוינהייט צו קלייבן בריוו.—ליבערמאַן אין געפענגעניש.—די השתדלות פון סמאָלענסקינען און פון מאיר איש-שלום.—ליבערמאַנס פּראָצעס.—אַ כאַראַקטעריסטיק פון ליבערמאַנען אין דער „נייע פרייע פּרעסע".—אַ דיאַלאָג צווישן דעם פּאָרזיצער און ליבערמאַנען.—צוויי זשענעווער בריוו.—דער פּראָקוראָר באַשולדיגט ליבערמאַנען.—ליבערמאַנס פאַרטיידיגונג.—ליבערמאַנס פסק-דין.—די ווינער פּרעסע וועגן ליבערמאַנס פּראָצעס.—ליבערמאַן ווערט אַרויסגעשיקט פון עסטרייך.

גראָד אין דער מינוט בעת די זשאַנדאַרמעריע איז אַריין צו ליבערמאַנען, האָט זי אים געפונען ווי ער קלייבט זיך צו אָפּצושיקן קיין קראָקע עטליכע קעסטלאַך מיט סאָציאַליסטיש-ניהיליסטישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך רוסישע אַגיטאַטאָרן. אויסערדעם האָט מען ביי אים

אַרעסטירט פיל פאַפּירן און גאַנצע פּעק מיט בריוו, וואָס ער האָט די לעצטע יאָרן באַקומען פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערישע טוער אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. ליבערמאַן האָט געהאַט אַ טבע צו קלייבן ביי זיך די דאָזיגע בריוו, און זיי זיינען ביי אים געלעגן סאָרטירט אין באַזונדערע פּעקלאַך און דערצו נאָך מיט באַמערקונגען אויף יעדער איינציגן בריוו, און דאָס האָט געגעבן די מעגליכקייט דער עסטרייכישער פּאָליציי צו דערגיין דורך זיי אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן פיל וויכטיגע סאָציאַליסטישע עסקנים אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. דורך די דאָזיגע בריוו זיינען אויפגעדעקט געוואָרן כמעט אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און צענטערס, און ניט וועניג פון די אָנפירער זיינען אַריינגעפאַלן דורך דעם אין די גרעסטע אומגליקן.

אויף דעם גרונד פון די געפונענע בריוו האָט מען ליבערמאַנען, אַלס אַגענט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד, באַשולדיגט אין געהערן צו אַ געהיימער געזעלשאַפט און אין וואוינען אויף אַ פאַלשן דאָקומענט.

ניין חדשים איז ליבערמאַן אָפּגעזעסן אין ווינער געפענגעניש ביז ס'האָט זיך אין געריכט באַהאַנדלט זיין פּראָצעס. פאַר דער צייט האָבן זיך פאַר אים משתדל געווען סמאָלענסקין און אויך דער באַוואוסטער יידישער געלערנטער ר' מאיר פרידמאַן (וועלכער איז מער באַקאַנט אין דער ליטעראַטור אונטערן נאָמען מאיר איש-שלום). דורך פאַרשיידענע באַקאַנטע, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט צו דער ווינער פּראָקוראַטור, האָבן זיי געזוכט צו פאַרלייכטערן ליבערמאַנען זיין שיקזאַל אין געפענגעניש, און האָבן אין דעם פיל געפּועל'ט.

דעם 14-טן נאָוועמבער 1878 איז פאָרגעקומען דער משפט פונ'ם „רוסישן ניהיליסט", ווי ס'האָט דאַמאָלסט געהייסן אין דער ווינער פּרעסע, וועלכע האָט אָפּגעגעבן דעם פּראָצעס זעהר אַ גרויסן אָרט.

דער געריכטס-קאָרעספּאָדענט פון דעם גרויסן ווינער בלאַט „נייע פרייע פרעסע", דער אָרגאַן פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי פון די עסטרייכישע דייטשן. וועלכע זיינען דעמאָלט געשטאַנען ביי דער מאַכט, האָט געגעבן די פאָלגנדע זעהר אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק פון ליבערמאַנען לויט די איינדרוקן, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון געריכטס-זאָל.

„די געזיכט-שטריכן פונ'ם דאָזיגן קליינגעוויקסיגן, שמאָל-ברוסטיגן מאַן — אַזוי זאָגט זיך אין באַריכט — שטימען ניט מיט יענע בלוט-דאָרשטיגע פּלענער, וועלכע ווערן פאָרגעלייגט אין די בריוו און אין די ביכער, וואָס מ'האָט ביי אים געפונען. זיין אינטערעסאַנטער, גוטער פּנים, וועלכער איז בלייך געוואָרן פון דעם ניין-חדשים'דיגן זיצן אין געפענגעניש, מיט די לעבעדיגע, נאָר גוטהאַרציגע אויגן, דערמאָנען גיכער דעם קאַבינעט-געלערנטן, איידער דעם ענערגישן, פלייסיגן ניהיליסט, וואָס ביי זיך אין דער היים, אין רוסלאַנד, האָט ער זיך פאַרזינדיגט אין צושטערן די געזעצן, און נאָך אַזוינע וויכטיגע געזעצן! רעדן רעדט ער רוהיג און אויסגערעכנט, כאָטש עס טרעפט אַמאָל אַז אינמיט־

דער אויספאָרשונג באַמערקט זיך אין אים אַ שטאַרקע אויפגערייצטקייט, וועל־כע ער האַלט איין מיט דער גרעסטער מאַטערניש. די דאָזיגע אויפגערייצטקייט באַווייזט זיך ביי אים אַרויס איבערהויפּט אין יענע מינוטן, בעת מ'לייגט אים פאָר פראַגן וועגן פּערזאָנען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט באַציהונגען, אָדער וועגן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, און באַזונדערס בעת אים דוכט זיך, אַז דער פּאָרזיצער, גראַף לאַמעגאַן, רייסט זיך אַריין אָן אַ שום גרונד אין זיינע פּריוואַטע אינטערעסן. דעמאָלט באַווייזט זיך ביי אים אויפ'ן געזיכט אַ רויטע פאַרב, זיינע אויגן בלישצען, און נאָר מיט מאַטערניש גיט זיך איין צו באַרוהיגן אים און צו ברענגען אים צו זיין געוויינליכער גלאַסנקייט.

בכלל רעדט דער אָנגעקלאָגטער גאַנץ קלאָר, און באַנוצט זיך ניט מיט פּוסטע פראַזן ווי עס טוען, געוויינליך, אונזערע סאָציאַליסטן. אמת, ער איז אויך ניט פריי פון פאַנטאַזיעס און פון יענע איבערגעטריבענע באַגריפן, וואָס ביי לייטן מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטער פאָרשטעלונגס־קראַפט פאָרנעמען זיי דעם אָרט פון דעם ריכטיגן דענקען און פון לאָגיש געזונטע אויספירונגען. נאָר פון יעדער בליק פונ'ם אָנגעקלאָגטן, און פון יעדער וואָרט זיינעם קוקט זיך אַרויס אַ ריינע און אַ פעסטע איבערצייגונג אין דער ריכטיגקייט פון זיין פּאָלי־טישער פּראָגראַם; ער האַלט זיך פאַר אַ מערטירער פון אַ גערעכטער זאַך; ער, איז מודה, אַז אים דערוואַרט נאָך אַ לאַנגע קייט פון צרות; ער רעכנט אָבער, אַז דאָס איז זיין גורל און אויך די אויפגאַבע פון זיין לעבן צו גיין אין דעם פון אים אויסגעקליבענעם וועג ביז צום סוף. נאָר אין די ראַמען פון יענעם אומבאַגרעניצטן אַבסאָלוטיזם און פון יענער ווילקירליכקייט, וואָס חוזק'ט אָפּ פון אַלץ, וואָס ס'איז גערעכט, וועלכע הערשן שוין פון דורות־לאַנג אין רוסלאַנד, האָט געקאָנט אויסוואַקסן דער געפערליכער געדאַנק וועגן דער צו־שטערונג פון דער גאַנצער עקסעסטירנדיגער וועלט־אָרדענונג, יענער געדאַנק, וועלכן באַקונין האָט אַריינגעוואָרפן ווי אַ ברענעדיגן פאַקל, וואָס איז מסוגל אַנצוצינדן אַ פייער פון עמפּערונג ביי דעם געדריקטן, אָבער צו פרייהייט דאָרשטיגן פאָלק".

און אַזוי האָבן ניט בלויז די „נייע פרייע פּרעסע", נאָר אויך אַלע אַנ־דערע וויענער צייטונגען, דערציילט, אַז ליבערמאַן האָט זיך די גאַנצע צייט פון זיין פּראָצעס געהאַלטן אין גערײכט מיט אַן איפּאָנירנדיגער זעלבסט־ווערדע באופן, אַז אפילו זיינע געגנער האָבן געמוזט מודה זיין אין זיין אויפריכטיגקייט און איבערצייגטקייט.

באַלד ביים אָנפאַנג פון פּראָצעס איז צווישן דעם פּאָרזיצער מיט ליבער־מאַנען פאָרגעקומען דער פאָלגנדער דיאַלאָג:

דער פּאָרזיצער: וועלכע איז אייער רעליגיע?

ליבערמאַן: איך בין אַ סאָציאַליסט.

דער פּאָרזיצער: איר רעכנט דאָס פאַר אייער רעליגיע?

ליבערמאַן: יאָ. לויט דער נאַציאָנאַליטעט בין איך אַ—ייד; איך אָנערקען אָבער קיין רעליגיע ניט.

נאָכדעם האָט מען איבערגעלייענט אַ בריוו, אין וועלכן עס ווערט גערעדט וועגן די ווילנער אַרעסטן, און וועגן דעם ערפאָלג פון דער באַוועגונג אין ווילנע.

דער פּראָקוראָר: פון וועמען איז דער בריוו?

ליבערמאַן שמייכלט.

דער פּראָקוראָר: שמייכלט ניט אַזאַ חוזק־שמייכל; איך גלייב, אַז דאָס איז ניט אָנשטענדיג.

ליבערמאַן: איך קען טאָן דאָס, וואָס מיר געפעלט.

דער פּאָרזיצער: האַלט אייך אָנשטענדיג.

דער פּראָקוראָר: פון וועמען איז דער בריוו?

ליבערמאַן: כ'האָב וויפל מאָל דערקלערט, אַז אויף אַזעלכע פראַגן וועל איך ניט ענטפערן. ס'איז לעכערליך צו שטעלן עטליכע מאָל אַ פראַגע, אויף וועלכער מען ענטפערט ניט.

דער פּאָרזיצער: איך פאָדער נאָכאַמאָל, אַז איר זאָלט אייך האַלטן אָנשטענדיג; מ'גיט אייך דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיגן, איר קענט ענטפערן אָדער ניט ענטפערן, אָבער אַלץ אין די גרעניצן פון אָנשטענדיגקייט.

מ'האָט אין געריכט איבערגעלייענט פיל פון די בריוו, וועלכע מ'האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, און צווישן זיי די פאָלגנדיגע צוויי פון זשענעווע. אין ערשטן בריוו פון 20 יאַנואַר 1878 איז געשטאַנען:

„געערטער הער! איך האָב דעם כבוד שיקן אייך די קוויטאַנציע אויף צו דערהאַלטן די סחורה פון דער פירמע אַנדרעאַל עט קאָמפּ. מיר בעטן אייך איבערשיקן די סחורה לויט די וויטערדיגע פאַראָרדענונגען, וועלכע איר וועט דערהאַלטן. דזשעמס שטאַרק".

ווי דער פּאָרזיצער האָט דערקלערט איז „אַנדרעאַל עט קאָמפּ." אַ נאָמען פון אַ מעכאַניק אין זשענעווע. ער איז אַליין אַ פראַנצויזישער אונטערטאַן, און ער ערלויבט פיל רוסישע יונגע לייט, אַזעלכע עמיגראַנטן ווי ער, אָפּצושיקן ביכער פון זיין נאָמען.

אינ'ם צווייטן בריוו פון 27־טן נאָוועמבער 1877 האָט דער שרייבער מודיע געווען, אַז איינער אַ „פריינד פון דער זאַך" האָט מנדב געווען 100,000 רובל, און אויף אַרויסגעבן אַ זשורנאַל 10,000 פראַנק. ס'איז נויטיג צו גרינדן אַ „פּאַרטיי פון מעשים", און צו זאָרגן וועגן געווער און וועגן קאָנטראַבאַנד.

אויפן יסוד פון די אַלע בריוו האָט דער פּראָקוראָר געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט געהאַט באַציהונגען מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אויסלאַנד און אין עסטרייך און אַז ער איז געווען אַ פּאַרמיטלער אין די באַציהונגען מיט אויסלאַנד. דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט פאַר לי־

בערמאַנען אַ גרויסע שטראָף, ווייל די עקסט-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען סטאַרען זיך שוין לאַנג צו מאַכן אין ווין אַ דורכוועג פאַר די באַציהונגען יישן זשענעווע און רוסלאַנד, און דאָס דאַרף מען זעהן שטערן.

ליבערמאַן האָט זיך אַליין פאַרטיידיגט. ער האָט אויפגעוויזן אומגעפּערפאָלגנדעס: אויב מ'וועט אים פאַרמשפּט'ן, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ סאָציאַליסט. און באמת ערקענט ער זיך אַלס אַזעלכער, און אַלס איינער פון די עקסטע. אויב עס קומט פאַר דעם אַ שטראָף, איז ער געגרייט צו גיין ניט בלויז אין געפענגעניש, נאָר אפילו צום טויט. דער עסטרייכישער געזעץ באַשטראָפט נאָר יענע אויסלענדער, וועלכע פאַרבינדן די אינעווייניגסטע געהיימע געזעלשאַפטן מיט אַזעלכע געזעלשאַפטן אין אויסלאַנד. ער האָט אָבער קיינמאָל אַזאַ זאַך ניט געטאָן. די ביכער זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פון אויסלאַנד, און זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר אויסלאַנד. די דאָזיגע אַלע ביכער זיינען אין עסטרייך ניט פאַרבאָטן, און מ'קען זיי קויפן אין יעדער בוכהאַנדלונג. אַז מ'בייט זיך איבער מיט געדאַנקען מיט גלייכגעזינטע חברים הייסט נאָך דאָס ניט, אַז עס עקסיסטירט אַ געהיימע געזעלשאַפט; צו אַזאַ געזעלשאַפט געהערט ער בכלל ניט.

דאָס געריכט האָט ניט אָנערקענט ליבערמאַנען פאַר שולדיג אין געהערן צו אַ געהיימער געזעלשאַפט, מאָטיווירנדיג דאָס מיט דעם, אַז די עקסיסטירנדיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קען מען ניט רעכענען פאַר אַ געהיימע געזעלשאַפט; ס'איז אויך באַוואוסט, אַז זי האָט באַציהונגען מיט אויסלאַנד. עס איז נאָר קלאָר דערוויזן, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט מונדליך און שריפטליך אַנטוויקלט רעוואָלוציאָנערע טענדענציעס און האָט געאַרבעט פאַר זייער פאַרווירקליכונג. דערפאַר איז אָבער ניט דערוויזן, אַז ער געהערט צו עסטרייכישע געהיימע געזעלשאַפטן, אָדער אַז ער זאָל זיי האָבן פאַרבונדן מיט אויסלענדישע געזעלשאַפטן. דאָס געריכט האָט אָנערקענט, אַז ליבערמאַן איז שולדיג בלויז אין וואוינען אויף פאַלשע דאָקומענטן און האָט אים פאַרמשפּט צו אַ חדש שטרענגן אַרעסט און צום אַרויסטרייבן פון גאַנץ עסטרייך.

הערנדיג זיין פּסק-דין האָט ליבערמאַן געפרעגט: „הייסט, אפשר, ניט מיין אַרויסטרייבן, אַז מ'וועט מיך איבערגעבן אין די הענט פון דער רוסישער רעגירונג?“ אויף דעם האָט אים דער פאָרזיצער געענטפערט: „דאָס געריכט האָט ניט די געהעריגע קאָמפּעטענץ צו אַנטשיידן די דאָזיגע פראַגע“. דערהערנדיג דאָס איז ליבערמאַן בלאַס געוואָרן ווי אַ טוך.

ליבערמאַן האָט געהאַט אַ גאַנץ ערנסטן גרונד מורא צו האָבן, אַז מ'וועט אים אַרויסגעבן דער רוסישער רעגירונג, ווייל אַזעלכע אַרויסגעבונגען זיינען דעמאָלט געווען אין עסטרייך אַ גאַנץ אָפטע ערשיינונג. ס'איז גענוג אָנצוּווייזן אויף דעם, אַז אינ'ם משך פון 1878-טן יאָר האָט מען אַרויסגעשיקט פון

עסטרייך [illegible] אויסלענדער, [illegible] פון זיי [illegible]יינען צוגעשטעלט געוואָרן קיין רוסלאַנד און 74 קיין פרייסן.

ליבערמאַנס פּראָצעס האָט אויף זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם ווינער פּובליקום, און די עפנטליכע מיינונג איז געשטאַנען אויף זיין צד.

דעם 15־טן נאָוועמבער, אויפן צווייטן טאָג נאָכן פּראָצעס, האָט דער־ציילט די „נייע פרייע פּרעסע״, אַז פאַר דעם נעכטיגן טאָג האָט די רעדאַק־ציע דערהאַלטן פיל בריוו, וועלכע פּראָטעסטירן אינ׳ם נאָמען פון הומאַניטעט געגן דעם, אַז מ׳זאָל אַרויסגעבן אַ פּאָליטישן פאַרברעכער אַ לאַנד, וואָס איר גרויזאַמע באַציהונג צו אַזעלכע פאַרברעכער איז אַלעמען באַקאַנט. די שרייבער פון די בריוו, וועלכע שטיצן זיך אויף דער עפנטליכער מיינונג, האַלטן, אַז לויט דער לייכטער שטראָף, וועלכע דאָס געריכט האָט אַרויפגעלייגט אויף לי־בערמאַנען, איז אוממעגליך מ׳זאָל דעם דאָזיגן מענשן אַרויסגעבן אין די הענט פון זיינע פיינד, וועלכע ווען אים זוכן איינגאַנצן צו פאַרניכטן. די רעדאַקציע פון דער „נייער פרייער פּרעסע״ אַליין האָט אין דער פראַגע פאַרנומען אַ אומבאַשטימטע פּאָזיציע. פון איין זייט קען מען ניט ניט אַרויסגעבן אים רוס־לאַנד, און פון דער אַנדער זייט—„האָפן מיר, אַז צווישן די ווינער אַדוואָקאַטן וועט זיך געפינען אַ פאַרטיידיגער, וואָס טריי די איידעלע טראַדיציעס פון די קעמפער פאַר רעכט, וועט ער אינ׳ם נאָמען פון דעם פאַרמשפּט׳ן דערלאַנגען אַ קאַסאַציע אויף דעם פּסק־דין פון דעם אַרויסטרייבן. שטיצנדיג זיך אויף דער עפנטליכער מיינונג ערלויבן מיר אונז אויך צו האָפן, אַז די קאָמפּעטענטע אינסטאַנציעס וועלן נעמען אין אַכט דעם באַזונדערן מהות פונ׳ם דאָזיגן משפּט און קענענדיג די שרעקליכע פאָלגן, וועלכע עס ערוואַרטן דעם אָפּגעמשפּט׳ן, וועלן זיי זיך צו אים באַציען מיט דער מעגליכסטער ווייכקייט״.

דער רוסישער רעגירונג האָט מען ליבערמאַנען ניט אַרויסגעגעבן איינ־פאַך דערפאַר, ווייל עס איז פון איר ניט דערהאַלטן געוואָרן וועגן דעם קיין שום אָפיציעלע פאָדערונג. נאָר נאָכדעם ווי ליבערמאַן איז אָפּגעזעסן דעם חדש אין געפענגעניש, האָט מען נאָך אים פונדעסטוועגן ניט באַפרייט, ווייל די פרייסישע רעגירונג האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל איבערגעבן ליבערמאַנען אין די הענט פון די פרייסישע באַאַמטע. ליבערמאַנען איז אויסגעקומען צו זיצן אַן איבעריגן חודש אין ווינער געפענגעניש, איידער די עסטרייכישע באַאַמטע האָבן באַטראַכט די פרייסישע פאָדערונג און האָבן באַשלאָסן פאָרמעל איר מדחה צו זיין.

דאָ האָט זיך אָבער אָפּגעשפּילט אַ קאָמעדיע. ליבערמאַנען, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער פאָרט אין דער שווייץ, האָט מען דעם 17־טן יאַנואַר 1879 צוגעשטעלט ניט אויפן איטאַליענישן, נאָר אויפן בייערישן גרעניץ, אין זימבאַך,

און דאָרטן האָט מען אים, כלומרשט, באַפרייט, נאָר אין מינכען האָט מען אים לויט דער פאָדערונג פונ׳ם בערלינער געריכט, דעם 18-טן יאַנואַר ווידער אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין בערלינער געפענגעניש. ס׳איז גאַנץ לייכט געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך פון פריהער צווישן דער עסטרייכישער און דער פרייסישער פאָליציי.

ליבערמאַנס נייער אַרעסט האָט געבראַכט דערצו, אַז אויך אין בערלין האָט מען געגען אים פאַרפירט אַ פּראָצעס, צו וועלכן מ׳האָט צוגעטשעפּעט צוויי פון זיינע דאָרטיגע חברים, די סאָציאַליסטן ג. גורעוויטש*) און מ. אַראָנסאָן.

VIII.

די ווינער פּאָליציי ניט איבער אין בערלין די בריוו, וועלכע זי האָט קאָנפיסקירט ביי ליבערמאַנען.—גורעוויטשעס אַ בריוו.—די בערלינער „סעקציע״.—ליבערמאַנס פּראָיעקטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסיש-ייִדישער אינטעליגענץ אין אויסלאַנד.—דער משפט פון די „דריי רוסישע ניהיליסטן״.—די כאַראַקטעריסטיק, וואָס דער בערלינער פּראָקוראָר טיסנדאָרף האָט געגעבן דעם רוסישן ניהיליזם.—אויסצוגן פונ׳ם פּראָקוראָרס רעדע.—וואָס די פּאַרטייִדיגער האָבן געזאָגט.—דער פּסק-דין.

בשעת מ׳האָט ליבערמאַנען אַרעסטירט אין ווין האָט מען ביי אים געפונען אַ בריוו פון בערלין פון ג. גורעוויטש, אין וועלכן ס׳האָט זיך דערמאָנט דער נאָמען פונ׳ם בערלינער סטודענט מ. אַראָנסאָן. וועגן דעם דאָזיגן בריוו, ווי וועגן אַלע דאָקומענטן, וואָס מ׳האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, האָט מען פון ווין מודיע געווען דער בערלינער פּאָליציי, וועלכע האָט אין אַ קורצע צייט אַרום אַרעסטירט ביידע סטודענטן און האָט נאָכדעם אומגעדולדיג אָפּגעוואַרט דעם דריטן קרבן—ליבערמאַנען. אין יענע צייט איז שוין אין פּרייסן פאַרעפנטליכט געוואָרן דעם זעהר שטרענגער אויסנאַמסגעזעץ געגען די סאָציאַליסטן, און די דריי אויסלענדישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן נאָך דערצו געהאַט באַציהונגען מיט די „שרעקליכע״ רוסישע ניהיליסטן, זיינען געווען אַן אמת׳ע מציאה פאַר דער פרייסישער פּאָליציע. דער פּראָקוראָר טיסנדאָרף, וועלכער איז געווען דער אָנקלאָגער אין אַלע פּאָליטישע פּראָצעסן פון יענער צייט, האָט דערפון געמאַכט אַ משפט וועגן אַ בונט, וועגן אַ געהיימע געזעלשאַפט און

*) זעה „דריי ליטעראַרישע דורות״, ערשטער באַנד זייטל 65 אין דער הערה.

וועגן נאָך אַזעלכע מיני שרעק און האָט געפּאַדערט אַן אומגעוויינליך שטרענגן פּסק=דין.

פון דעם דערמאָנטן גורעוויטשעס בריוו זעט זיך אַרויס, אַז נאָכדעם ווי ליבערמאַן איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשיידענע פּראָיעקטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע סאָציאַליסטן. דאָס איז געוועזן נאָך איידער ער האָט געגרינדעט אין לאָנדאָן די יידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. אויך ווייזט זיך אַרויס פון בריוו, אַז אין בערלין איז געוועזן אַ „סעקציע" פון 9 מיטגלידער, צווישן זיי גורעוויטש, אַראָנסאָן און דריי דאַמען. דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעדרונגען פון דעם בריוו, אַז ליבערמאַן איז געוועזן דער גרינדער פון דער דאָזיגער סעקציע. גורעוויטש, וועלכער האָט זיך אָנגענומען אַלס סעקרעטאַר פון דער „סעקציע", האָט געהאַלטן פאַר נויטיג מודיע צו זיין ליבערמאַנען וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער „סעקציע", און אַלץ מיט דעם טאָן פון איינעם, וואָס גיט אָפּ דין וחשבון פאַר אַ העכערן באַאַמטן. אין דעם דערמאָנטן בריוו שילדערט גורעוויטש אָפּ דעם מהות פון יעדן מיטגליד אויפן פאָלגענדן אופן:

„אַראָנסאָן און איך האָבן געוואוינט צוויי יאָר אין קיעוו, וואו מיר האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג. איך האָב געוואוינט איין יאָר אין ווין. דאָ, שוין אַ יאָר אָנדערהאַלבן ווי איך נעם אַ גרויסן אָנטייל אין דער דייטשער באַוועגונג. מיט דעם גרעסטן טייל פירער פון דער באַוועגונג בין איך באַקאַנט און באַפריינדעט. איך האָב פיל געשריבן פאַר'ן „פאָלקסשטאַט", פאַר'ן „נייעם סאָציאַל=דעמאָקראַט" און די „נייע וועלט". דער מאַהליווער אַראָנסאָן האָט אַגיטירט אין רוסלאַנד צווישן יידן. אונזערע דריי דאַמען האָבן זיך אויך אין רוסלאַנד באַטייליגט אין דער באַוועגונג. אָט דאָס איז אונזער סעקציע. מיר נעמען אַלע אַ גרויסן אָנטייל אין דער אָרטיגער באַוועגונג. אונזער באַציהונג צו דער העברעאישער שפּראַך האָט אייך שוין דערקלערט אַראָנסאָן. מיר קלייבן זיך צונויף איינמאָל אין דער וואָך. און אין באַזונדערע פאַלן — נאָך עפטער. איך בין דער סעקרעטער און לייען דורך די אָנגעקומענע בריוו. יעדערער זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגן די פראַגן, וואָס שטייען אויפ'ן סדר=היום. מיר פאָרמולירן אונזערע וואונשן און באַשלוסן, און מיין פליכט איז דורכצושרייבן זיך וועגן דעם מיט אונזערע קאָרעספּאָנדענטן. מיר האָבן דאָ פיל פריינד און באַקאַנטע; מיר רעכענען אָבער דערווייל ניט פאַר מעגליך פריינ=צונעמען זיי אין דער סעקציע, כאָטש מיר האָפן צוצוציהען דעם גרי טייל פון זיי צו נוצליכער אַרבעט".

ווייטער איז גורעוויטש מודיע, אַז ער וויל אַריינטראָגן אַ פאָרשלאָג, דאָס וועגן יעדער חלוקי=דעות „צווישן אונז און אייך (ליבערמאַנען)" זאָל מען זיך דורכשרייבן נאָר אין צוויי בריוו. פון דעם איז קלאָר, אַז לויט גורעוויטשעס

מיינונג האָט ליבערמאַן תמיד געדאַרפט באַשטעטיגן די באַשלוסן פון דער „סעקציע".

אין דעמזעלביגן בריוו רעדט זיך וועגן ליבערמאַנס מיינונג, אַז „די אויסלענדישע סעקציעס דאַרפן באַשטיין פון רוסיש-יידישע עמיגראַנטן, וועלכע וואוינען צייטווייליג אין אויסלאַנד".

אויף דעם אופן האָט ליבערמאַן, ווי עס ווייזט אויס, פּראָיעקטירט צו גרינדן אומעטום „סעקציעס" און צו אָרגאַניזירן די רוסיש-יידישע אינטעליגענץ אין אויסלאַנד.

די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך אָנערקענט פאַר סאָציאַליסטן; זיי האָבן אָבער געטענה'ט, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן מאָהליוועער חברים, און אַז מיט ליבערמאַנען האָבן זיי זיך דורכגעשריבן בלויז וועגן די אופנים, ווי מ'זאָל פונאַנדערשיקן זיין פּראָיעקטירטן זשורנאַל.

אָבער דער פאַקט, וואָס עס עקסיסטירט אין בערלין אַ סעקציע פון רוסישע ניהיליסטן מיט דער מיטגלידס-קאַרטע „Ligue Jnternationale des Socialistes Revolutionaires", וועלכע מ'האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, זיינען דעם פּראָקוראָר טיסנדאָרף גאַנץ גענוג געווען, כדי אָפּצומאָלן זעהר אַ שוואַרצן בילד פון דעם ווי בערלין איז געוואָרן אַ צענטראַל-פּונקט פאַר דער טעטיגקייט פון די „אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן"—די רוסישע ניהיליסטן. „די רוסישע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי—אַזוי האָט זיך געזאָגט אין באַשולדיגונגס-אַקט—וועלכע האָט פאַר זיך דעם צוועק פון דעם אַזויגערופענעם ניהיליזם, האָט זיך צושפּאָלטן אויף עטליכע מער אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיגע גרופּעס. אַלע האָבן זיי אַנטוויקלט אין אויסלאַנד, דורך דער פאַרמיטלונג און אונטער דער אָנפירונג פון פּאָליטישע עמיגראַנטן, אַ גרויסע און אַן ענערגישע אַגיטאַציע, וועלכע גייט אַרויס הויפּטזעכליך פון לאָנדאָן, פּאַריז און זשענעווע". דער פּראָקוראָר האָט אָנגעוויזן, אַז לאַוראָוו און דראַגאָמאַנאָוו שטייען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג און אַז איינער פון די הויפּט-צילן פון דער פּאַרטיי איז צו דרוקן און צו פאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און אָנצובינדן באַציהונגען מיט נאָהענטע פּאַרטייען פון די אַנדערע לענדער, און באַזונדער מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער „ליגע פון סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן". אַלס כאַראַקטעריסטיק צו דעם רוסישן ניהיליזם ברענגט דער באַשולדיגונגס-אַקט אויסצוגן פון דער פּראָגראַם פון נ י ע צ' א י ע ו ו ס „פּאָלקס-נקמה" (Народная расправа), וועלכע מ'האָט געפונען אין 1876-טן יאָר בשעת דער הויז-זוכונג ביי פ י נ ק ל ש ט י י ן*) אין קעניגסבערג. דער פּראָקוראָר האָט געוואָלט אויפווייזן, אַז די אַלע שרעקעניסן פון דער דאָזיגער

*) פינקלשטיין, געבאָרן אין אַוגוסטאָוו, סובאַלקער גובערניע, איז געווען פון די „נאַראָדאָווצעס".

פראָגראַם, באַשטעטיגן זיך דורך לאַווראָווס זשורנאַל „וופּעריאָד" א׳ן דורך דעם „אויפרוף צו דער יידישער יוגנט", וואָס מ׳האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, און היות ווי די אָנגעקלאָגטע האָבן געלייענט דעם „וופּעריאָד", באַווייזט דאָס, אַז זיי האָבן מסכים געווען צו ניעצייעווס פּראָגראַם.

צו דער דאָזיגער כאַראַקטעריסטיק האָט טיסנדאָרף מוסיף געווען פאָלגענדעס: „בשעת איך בין צוגעטראָטן צוזאַמענצושטעלן דעם באַשולדיגונגס-אַקט, האָב איך מיך אַליין געפרעגט: וואָס, אייגנטליך, שטעלן מיט זיך פאָר די ניהיליסטן? אויף דעם איז מעגליך געוואָרן צו ענטפערן נאָר אין דער גאַנץ לעצטער צייט*). דאָס איז אַ פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געמאַכט פאַר איר גע-וויינליכער באַשעפטיגונג צו דערמאָרדן קיסרים און אויסצופירן פון הינטערן ווינקל אויך אַנדערע מיני רציחות. שוין דער נאָמען „ניהיליסט" באַווייזט אויף דעם, אַז די מענשן האָבן זיך געמאַכט פאַר אַ ציל צו צושטערן אַפריהער אַלץ וואָס עס עקסעסטירט, כדי איבערצולאָזן דאָס ווידער אויפבויען פאַר די קומע-דיגע דורות. די רוסישע ניהיליסטן זיינען דאָס דיזעלבע אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע שטייען אויף איין באָדן מיט די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן. די צענטערס פון דער אַגיטאַציע פון די רוסישע ניהיליסטן געפינען זיך אין לאָנדאָן, פּאַריז און זשענעווע; אונזער שטאָט (בערלין) האָט געדאַרפט דינען אַלס צענטראַלפּונקט פאַר די באַציהונגען פון די איינצעלנע גרופּעס און צום פאַרלייכטערן דעם טראַנספּאָרט פון דער רע-וואָלוציאָנערער ליטעראַטור. די עקסיסטענץ פון אַן אָרטיגער געהיימער געזעל-שאַפט, אין וועלכער עס באַטייליגן זיך די דריי אָנגעקלאָגטע,—דאָס איז קלאָר דערוויזן פון די בריוו, וואָס זיינען דאָ איבערגעלייענט געוואָרן. פון די בריוו איז צו זעהן, אַז אין דער סעקציע האָבן זין באַטייליגט אויך דריי דאַמען; טאָמער וועט מען וועלן אין דעם געפינען אַ ראיה צו דער אומשולדי-גקייט פון דער געזעלשאַפט, רעכן איך פאַר נויטיג צו דערמאָנען, אַז אין רוסלאַנד קענען זיך פּרויען אויך באַנוצן מיט געווער". די איינציגע זאַך, וועלכע קען פאַרלייכטערן די שולד, זעט דער פּראָקוראָר אין דעם, וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבן ניט געפירט זייער אַגיטאַציע צווישן די דייטשן. דורך דעם וואָס ליבער-מאַן דערקלערט, אַז ער האָט זיך באַשעפטיגט מיט פּראָפּאַגאַנדע צוליב די נוצן פונ׳ם יידישן פאָלק, איז ער דאָך ניט געוואָרן קיין קלענערער ניהיליסט. „דערצו נאָך—האָט גיפטיג מוסיף געווען טיסנדאָרף—איז דער אָנגעקלאָגטער אַ גרויסער באַרימטער און שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער איז באַקאָנט מיט די פירער פונ׳ם רוסישן ניהיליזם".

די פאַרטיידיגער (גורעוויץ און מונקל) האָבן אָנגעוויזן אויף דער אָנגע-בלאָזנקייט פון דער גאַנצער באַשולדיגונג און אויך אויף דעם, אַז די רוסישע

*) אַ רמז צו דעם אַטענטאַט, וואָס סאָלאָוויאָוו האָט אין יענער צייט געמאַכט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

רעגירונג, וועלכע איז מער פון אַלעמען פאַראינטערעסירט אין דער זאַך, האָט אינ׳ם משך פון פיר חדשים אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו ענטפערן אויף דער אָנפראַגע, וואָס מ׳האָט איר געמאַכט וועגן די אָנגעקלאָגטע. די טענות פון די פאַרטיידיגער האָבן אָבער אויף די ריכטער קיין איינדרוק ניט געמאַכט. ליבערמאַן און גורעוויטש זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו 9 חדשים געפענגעניש און אַראָנסאָן צו 4 חדשים, אַראָפּרעכענענדיג דערפון די צייט, וואָס זיי זיינען געווען אַרעסטירט ביז צום פּראָצעס.

.IX

נייע שטריכן צו ליבערמאַנס כאַראַקטעריסטיק.—צוגעקומענע פּרטים בנוגע דעם פּראָצעס פון די דריי רוסישע ניהיליסטן אין בערלין.—ליבערמאַנס פאָטאָגראַפיעס אין פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע פּאָזעס.—אַן אַראָפּגענומענע פאָטאָגראַפישע גרופּע פון אַ סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר.—נאָך וועגן דער געפונענע ליבערמאַנס קאָרעספּאָדענץ.—ווי אַזוי מ׳האָט ליבערמאַנען אַרויסגעגעבן אין די הענט פון דער פּרויסישער רעגירונג.—אַראָנסאָנס יאוש און ליבערמאַנס מוטיגקייט.—ליבערמאַנס תשובות.—אַ ראיה פון געטעס „פויסט".—ליבערמאַנס לעצטער וואָרט.—ליבערמאַנס באַשעפטיגונג אין בערלינער געפענגעניש.—דער איינדרוק פון׳ם פּראָצעס אין דער בערלינער פּרעסע.—וואָס דאָס וויץ-בלאַט „קלאַדעראַדאַטש" האָט געשריבן.

כדי צו געבן דעם לעזער אַ ריכטיגן בילד פון דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אויפ׳ן פּראָצעס פון ליבערמאַנען מיט זיינע חברים אין בערלין, געפין איך פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ עטליכע זעהר אינטערעסאַנטע אויסצוגן פון אַן אַרטיקל, וועלכער איז דאָ גאָר ניט לאַנג פאַרעפנטליכט געוואָרן דורך דעם אויבנדערמאָנטן ג. גורעוויטש אונטערן נאָמען „דער פּראָצעס פון די יידישע סאָציאַליסטן אין בערלין*).

ה׳ גורעוויטש דערציילט אין זיין אַרטיקל פאָלגענדעס:

„אין איין צייט מיט מיר האָט מען אַרעסטירט מיינעם אַ בן-עיר, אַ סטודענט פון מעדיצין משה אַראָנסאָן. דער באַשולדיגונגס-מאַטעריאַל געגן אונז צוויי׳ען איז באַשטאַנען אין די פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס, וואָס מ׳האָט געפונען אין ווין ביי ליבערמאַנען, וועלכער איז דאָרט אַרעסטירט געוואָרן אין פעברואַר 1878 און אַרום נאָוועמבער אינ׳ם זעלביגן יאָר איז פאָרגעקומען זיין פּראָצעס.

ליבערמאַן האָט געהאַט זעהר ניט קיין גוטע געוויינהייט פאַר אַ קאָנספּיראַטאָר—זאָרגזאַם צו אָפּצוהיטן אַלע בריוו, אַלע צעטעלאַך און אפילו די קלענסטע

*) „יעווריסקאיא סטאַרינא" 10-טער באַנד.

שטיקלאַך פּאַפּיר, און אויך פאָטאָגראַפיעס, וועלכע ער האָט פון ווענען עס איז באַקומען. און צו פאָטאָגראַפירן זיך האָט ער ליב געהאַט אין די עקסטע רעוואָלוציאָנערע פּאָזעס. ס'איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער ער איז געווען אַרונטערגענומען מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און צילנדיג זיך צו אַ ברעטל, אויף וועלכער ס'איז געווען אָנגעשריבן: „נידער מיטן קיסר!" דאָס הויפּט-מאַטעריאַל, מיט וועלכן דער אויספאָרשער האָט זיך באַנוצט, איז געווען אַ גרויסע פאָטאָגראַפישע גרופּע, אויף וועלכער עס זיינען געווען אַראָפּגענומען אַ מאַן דרייסיג בערלינער יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן געהערט צו אונזער קרייזל. אין דער דאָזיגער גרופּע האָבן זיך געפונען אויסער מיר מיט מיין כלה שור: אהרן זונדעלעוויטש, אהרן-שמואל ליבערמאַן, וולאַדימיר יאָכעלסאָן, משה אַראָנסאָן, גרשון ראָם און אַנדערע. די דאָזיגע גרופּע האָט געהאַט אַ באַציהונג צו אַ געוויסן מאָמענט, בעת ביי אונז איז פאָרגעקומען ווי אַ מין צוזאַמענפאָר. ליבערמאַן איז דעמאָלט געקומען צו פאָרן פון לאָנדאָן, און זונדעלעוויטש מיט ראָמען פון רוסלאַנד. אויפ'ן דערמאָנטן צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אין ווין אַ זשורנאַל אין דער העברעאישער שפּראַך מיטן נאָמען „האמת" אונטער ליבערמאַנס רעדאַקציע מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון לייזער צוקערמאַן, און אַנדערע. אויפן זעלביגן צוזאַמענפאָר איז לויט דער באַזונדערער השתדלות פון ליבערמאַנען מיט זונדעלעוויטשן, געווען ביי מיר תנאים מיט סאַשע שור*). די דאָזיגע תנאים, וואָס לכתחלה האָט זי געזאָלט פירן צו אַ פאַלשע חתונה מיטן צוועק צו באַקומען פון דעם באַוואוסטן מיליאָנער שורס פאָטער געלט-מיטלען אויף די הצטרכותן פון דער רעוואָלוציע, איז אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ פיקציע אין אַ רעאַלן פאַקט.

צווישן אַנדערע פּאַפּירן האָט מען ביי ליבערמאַנען געפונען מיט מיין האַנט געשריבענע און צוזאַמענגעשטעלטע פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון אונזער קרייזל און מיינע ראַפּאָרטן צו ליבערמאַנען וועגן אַלץ, וואָס עס איז ביי אונז פאָרגעקומען. אויסצוגן פון מיינע פּראָטאָקאָלן און בריוו האָבן פיגורירט אין דער באַשולדיגונגס-אַקט און אויפ'ן פּראָצעס. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָבן אויף זיך געצויגן יענע ערטער, וואו איך האָב מיך באַרימט, אַז איך שטיי אין נאָהענטע באַציהונגען מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע לידערס פון דייטשלאַנד: ליבקנעכט, בעבל און אויער. צו דער באַשולדיגונגס-אַקט איז צוגעלייגט געוואָרן אויך אַן אויפרוף צו דער יידישער יוגנט, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך ליבערמאַנען. אויף וויפל איך געדענק האָבן מיר אין בערלין וועגן דעם דאָזיגן אויפרוף קיין שום אַנונג ניט געהאַט. ליבערמאַן האָט

*) אַ טאָכטער פון אײנעם אין יענער צײַט באַװאוסטן מאָהליװער גביר, װעלכע איז אַנטלאָפן געװאָרן פון די עלטערן אין דער צײַט פון דער אַנטלויפונגס-עפּידעמיע אין מאָהילעװ. (זע „דרײַ ליטעראַרישע דורות" זײַטל 64).

געפירט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ מאַסע מענשן פון גאַנץ אייראָפּע, און באַזונדערס פון רוסלאַנד. ס'זיינען געווען בריוו פון קאַרל מאַרקס'ן, פון ענגלס'ן, פון לאַווראָוון און דראַגאָמאַנאָוון, פון פיל עמיגראַנטן און מיטאַרבעטער פון „וופּערייאָד” צוזאַמען מיט בריוו פון אומבאַוואוסטע גימנאַזיסטן, סטודענטן און סתם יונגע לייט פון רוסלאַנד. ווי איך האָב שוין דערציילט האָט ליבערמאַן ביי זיך אָפּגעהיט אַלע בריוו און געהאַלטן זיי אין אַ שיינער אָרדענונג, ווי אין אַ גוטער קאָנטאָר, און אַ חוץ דעם זיינען ביי אים געווען פאַרצייכנט אַלע אַררעסן. ווען דער דאָזיגער גאַנצער מאַטעריאַל וואָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן דער רוסישער רעגירונג, וואָלט די זשאַנדאַרמעריע געהאַט זעהר אַ גרויסע אַרבעט אויף פיל חדשים, און עטליכע הונדערט מאַן פון דער יידישער אינטעליגענץ וואָלטן פאַרפוילט געוואָרן אין געפענגעניש און אין סיביר.

די צייט האָט זיך געצויגן, און די אויספאָרשונג האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אַז איך האָב אַמאָל געפרעגט דעם אויספאָרשער, פאַרוואָס האַלט מען אונז אַזוי לאַנג, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מ'האָט אַוועקגעשיקט עטליכע אָנפראַגן קיין רוסלאַנד, און מ'האָט פון דאָרטן קיין תשובה ניט. אויסערדעם ערוואַרט ער, אַז עסטרייך וועט אַרויסגעבן ליבערמאַנען, און דאַמאָלסט וועט דער פּראָצעס באַקומען זיין געהעריגע באַדייטונג. ווי עס ווייזט אויס האָט די אויספאָרשונגס־מאַכט גערעכנט, אַז אויף מיר מיט אַראָנסאָנען אַליין איז שווער אויפצובויען אַ סאָלידן פּאָליטישן פּראָצעס. ליבערמאַן האָט געדאַרפט צוגעבן דעם ענין אַ מער קלערערע און בולט'ערע רעוואָלוציאָנערע פאַרב.

אַרום סוף דעצעמבער יאָר 1878 האָט מיר דער אויספאָרשער דערציילט מיט אַ צופרידענער מינע, אַז ליבערמאַן איז שוין אַרעסטירט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט, און אַז די טעג דאַרף ער אָנקומען אין בערלין. ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן האָט עסטרייך געשפּילט אַ נידערטרעכטיגע ראָל אין איר באַציהונג צו ליבערמאַנען. ס'האָט גאָר ניט געקענט דערוועקט ווערן די פראַגע וועגן אַרויסגעבן ליבערמאַנען דער פּרייסישער רעגירונג, ווייל לויטן געזעץ האָט מען ניט געטאָרט אַרויסגעבן איינעם אַן אָנגעקלאָגטן אין אַ פּאָליטישן פאַרברעכן, וועלכן דאָס געריכט האָט אָנערקענט פאַר אומשולדיג. די פּרייסישע פּאָליציי האָט זיך אָבער צונויפגערעדט מיט דער עסטרייכישער און דער בייערישער, און נאָכדעם ווי ליבערמאַן איז באַפרייט געוואָרן פון ווינער געפענגעניש, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן צום בייערישן גרעניץ, וואו ס'האָבן אים געכאַפּט די פּרייסישע באַאַמטע און אָפּגעפירט קיין בערלין. נאָכדעם ווי מ'האָט ליבערמאַנען געבראַכט אין בערלין, האָט מען נאָך אונז געהאַלטן אין געפענגעניש. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער אויספאָרשער די גאַנצע צייט געניסטערט ליבערמאַנס פּאַפּירן, אין וועלכע ער האָט פאַר זיך געפונען אַ גרויסן אוצר.

אָנפאַנגס אַפּריל 1879 האָט מען אונז איבערגעגעבן דעם באַשולדיגונגס־אַקט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן הויפּטזעכליך אויפן יסוד פון די

מאַטעריאַלן, וואָס מ'האָט צוגענומען ביי ליבערמאַנען בשעת די הויז־זוכונג. מ'האָט אונז באַשולדיגט אין גרינדן אַ געהיימע געזעלשאַפט מיטן צוועק צו צושטערן די מלוכה, די פאַמיליע און דאָס אייגנטום. כדי צו באַגרינדן די דאָזיגע באַשולדיגונג, האָט דער פּראָקוראָר געבראַכט אויסצוגן פון מיינע און פון ליבערמאַנס בריוו און אַ רשימה פון געלט־סומעס, וואָס פאַרשיידענע מענשן האָבן אַריינגעטראָגן אַלס פאָנד אויף אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „האמת". די הויפּט־ראיה געגן אונז איז געווען דער אויפרוף, וועלכן מ'האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, וואָס אין באַשולדיגונגס־אַקט האָט ער געהייסן: „צו דער א י ר אָ פּ י י א י ש ע ר יוגנט". אינ'ם דאָזיגן אויפרוף איז די יוגנט גערופן געוואָרן אַריינצוטרעטן אין די רייען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל און אַוועקצושטעלן זיך אויף דער זייט פון די אַרבעטנדע מאַסן אין דער מלחמה מיט דעם אַלמעכטיגן קאַפּיטאַל. די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציע איז געווען פאַר אונז אַן אומגעריכטע נייס. אַז מיר האָבן זיך אָבער גוט צוגעקוקט, האָבן מיר דערזעהען, אַז די פּראָקלאַמאַציע האָט געהייסן: „צו דער י י ד י ש ע ר יוגנט". די אומבייטונג פון „י י ד י ש ע ר יוגנט" אויף „אייראָפּעאישער" אין אָפיציעלן דאָקומענט האָט אינגאַנצן פאַרדרייט דעם ציל און דעם כאַראַקטער פון אונזער אַגיטאַציע.

ס'איז געקומען דער טאָג פון אונזער פּראָצעס. מ'האָט אונז געבראַכט אין געריכט און דאָרטן האָבן מיר זיך אַלע דריי באַשולדיגטע באַגעגנט צום ערשטן מאָל נאָכ'ן אַרעסט. מיט ליבערמאַנען האָבן מיר זיך ניט געזעהען אָנדערהאַלבן יאָר; אַראָנסאָנען האָב איך ניט געזעהען פון אַרעסט אָן. אַ שוואַכער פון דער נאַטור און אַ נאָכגעגעבענער בן־יחיד איז אַראָנסאָן געווען, און דעריבער האָט ער זיך געפונען אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג; ער איז געווען זיכער, אַז מ'וועט אונז פאַרמשפּט'ן צום טויט. אַראָנסאָנס פאַרטיידיגער איז געווען דער באַוואוסטער אַדוואָקאַט און פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטליכער טוער מונקל. ליבערמאַן איז געווען, ווי געוויינליך, פעסט און מוטיג. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז לויט דעם פּאַראַגראַף פון געזעץ וועגן אַ געהיימער געזעלשאַפט קען מען אונז פאַרמשפּט'ן העכסטנס צו אַ יאָר געפענגעניש. דעריבער האָב איך מיך געסטאַרעט צו באַרוהיגן אַראָנסאָנען.

ס'האָט זיך געעפנט די זיצונג פון געריכט: אין זאַל איז געווען אַ גרויסער עולם. אונזערע דריי אָדער פיר ריכטער זייגען געווען אַלטע לייט מיט זעהר בייזע פּנים'ער. דאָס געזיכט פון פּאָרזיצער, אַ דיקער ביוראָקראַט, האָט אויך געמאַכט ניט קיין איבעריגס גוטן איינדרוק. אַלס אָנקלאָגער איז אַרויס דער באַקאַנטער טיסנדורף, אַ ספּעציאַליסט אין פּאָליטישע פּראָצעסן פון יענער צייט, אַ הויכער און אַ מאָגערער, לויט זיין אויסזעהען אַ פינסטערער און אַ טעמפּער פּרייס, וועלכער איז געגרייט צו יעדער אכזריות.

דער פּאָרזיצער האָט זיך געווענדט צו ליבערמאַנען מיט אַ פּראַגע וועגן זיין נאָמען, זיין פאַמיליע און זיין גלויבן. ליבערמאַן האָט זיך אָנגערופן און האָט אויף דעם מוסיף געווען, אַז ער האָט קיין רעליגיע ניט, אָבער צו זיין

באַדויערן איז געבאָרן געוואָרן אין יידישן גלויבן. אויף דער פראַגע וועגן זיין פּאָליטישער ריכטונג, האָט ער געענטפערט:

— סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

אַלס מ'האָט מיך געפרעגט די זעלביגע פראַגן, האָב איך געענטפערט, אַז איך בין אַ ייד און אַ סאָציאַליסט, נאָר איך געהער ניט צו קיין פּאַרטיי.

בשעת דער הפסקה, בעת די ריכטער זיינען אַריין פרישטיקן, האָט מיר מודיע געווען מיין פּאַרטיידיגער, האַראָוויץ, אַז איך זאָל געפינט זיך אַ פּאָרשטייער פון דער רוסישער געזאַנדשאַפט, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז די רוסישע רעגירונג אינטערעסירט זיך לגמרי ניט מיט דער פראַגע וועגן אַרויסגעבן אונז רוסלאַנד. דאָס האָט אונז, געוויינליך, פיל באַרוהיגט.

דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט, אַז מ'זאָל אונז, באַזונדערס מיך מיט ליבערמאַנען, שטרענג באַשטראָפן. אונזערע פּאַרטיידיגער האָבן געהאַלטן זעהר מיטלמעסיגע רעדעס. מונקל, איינער פון די בעסטע בערלינער יוריסטן האָט זיך געפּרובט פאַרטיידיגן אַראָנסאָנען מיט דעם, וואָס דער ניהיליזם איז אַזאַ אידייע, וועלכע באַהערשט די גרעסטע דענקער. דערביי האָט ער ציטירט פון „פויסטן" די פאָלגנדע מעפיסטאָפלס ווערטער:

„אונד אַללעס וואַס בעשטעהט
איזט ווערטה, דאָסס עס צו גרונד געהט".

בעת מ'האָט אונז פאַרגעלייגט צו זאָגן אונזער לעצטן וואָרט, האָט ליבערמאַן אויסגערופן מיט אַ חוצפה'דיגן טאָן: „וואָס איר זאָלט מיט מיר ניט טאָן, איך בין געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, און וועל דאָס פאַרבלייבן. אייער געריכט אַנערקען איך ניט!"... ביי די ווערטער האָב איך אים גענומען ציהען ביי דער פּאָלע, און ער האָט געענדיגט. איך מיט אַראָנסאָנען האָבן אונז פון לעצטן וואָרט אָפּגעזאָגט.

אויפן צווייטן אָדער אויפן דריטן טאָג האָט מען אונז אַוועקגעפירט אין דער געפענגעניש פאַר אָפּגעמשפּט'ע. די פּראָצעדורע פון דעם אָפּשיקן האָט שוין אויף אונז געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק. אין הויף זיינען געווען אויסגעשטעלט צוויי ציילן שוצלייט*), און בשעת מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך די דאָזיגע ציילן צו דער גרינער קאַרעטע, אין וועלכער מ'האָט אונז אַריינגעזעצט, האָבן די שוצלייט אונז געזידלט און נאָכגעשריען: „אָט גייען די פאַרפלוכטע זשידעס, וואָס שיסן אויף די קיסרים און פאַרלייקענען גאָט!" „אָט זיינען זיי, די הויפּט־פירער!" — האָבן זיי אָנגעוויזן אויף מיר און אויף ליבערמאַנען.

אויפן דריטן אָדער פערטן חודש האָט מיר דער אויפזעהער געבראַכט אַ האַנט־אַרבעט, מיט וועלכער איך זאָל מיך באַשעפטיגן, כדי ניט אומצו־

---

*) פּאָליציאַנטן.

דיג. מ'האָט מיר געגעבן מאַכן קינסטליכע בלומען. יעדן טאָג האָט מען מיר געבראַכט שטיקלאַך דראָט און אַ געוויסע צאָל קליינע געפאַרבטע בלעטלאַך פּאַפּיר. מ'האָט פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל נעמען אין דער לינקער האַנט אַ שטיקל גראָבן דראָט און אָנטשעפּן אויף אים פון ביידע זייטן צו דריי, פיר בלעטלאַך פון פּאַפּיר. אַז איך האָב דאָס געטאָן איז אַרויסגעקומען ווי אַ מין צווייגל, מיט וועלכע די בערלינער אָרימע פרויען האָבן באַפּוצט זייערע וואָל-וועלע היט. די זעלביגע צווייגלעך האָבן געדינט אויך אַלס קינסטליכע בלומען אין וואַזאָנעס-טעפּלאַך. אַז איך האָב געדאַרפט האָבן נאָך בלעטלאַך, האָט מיך דער אויפזעהער אַוועקגעפירט צו דעם אַרעסטאַנט, וועלכער האָט די דאָזיגע בלעטלאַך פאַרפאַרטיגט. דער דאָזיגער אַרעסטאַנט איז ניט געווען קיין אַנדע-רער ווי — ליבערמאַן. ליבערמאַן איז, ווי באַוואוסט, געווען זעהר פייהיג צו אַלערליי האַנט-אַרבעטן. ער איז געווען זעהר אַ גוטער זעצער, אַ ליטאָגראַף, אַ קאַליגראַף, און זייבע דאָזיגע אַלע מעלות האָט ער אויסגעצייכנט אויסגענוצט אין דער רעדאַקציע פון לאַווראָווס זשורנאַל „וופּעריאָד". דאָ אין געפענגעניש האָט ליבערמאַן מיט פיל געשמאַק אָפּגעפאַרבט שטיקלאַך קאַרטאָן, צוקלייענ-דיג זיי צו אַ דינעם דרעטל, און דאָס זיינען געווען יענע בלעטלאַך, וועלכע איך און אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעטשעפּעט אויפן גראָבן דראָט, אויס-אַרבעטנדיג דערפון די צווייגלאַך. ליבערמאַן האָט דאַן אויסגעזעהן ניט שלעכט. איך האָב מיך מיט אים געזעגנט, ווייל אינגיכן האָב איך שוין געדאַרפט באַ-פרייט ווערן. דאָס איז געווען מיין לעצטעס זעהען זיך מיט ליבערמאַנען: פון דעמאָלט אָן האָב איך מיך שוין מיט אים מער ניט באַגעגנט.

די דייטשע בורזשואַזע פּרעסע האָט פאַרעפנטליכט גאַנץ אָנשטענדיגע און אומפּאַרטייאישע באַריכטן וועגן אונזער פּראָצעס. אין די סאָציאַליסטישע, דעמאָלט אומלעגאַלע (צוליב דעם אַנטי-סאָציאַליסטישן געזעץ) אָרגאַנען, האָט זיך אָפּגעדרוקט געגן אונז זעהר אַ בייזער אַרטיקל פון ווילהעלם ליבקנעכט, וועלכער האָט אונז געהאַלטן, און באַזונדערס מיך, פאַר באַקוניסטן, ד. ה. פאַר אַנאַרכיסטן.

די רוסישע צייטונגען, וועלכע האָבן געזוכט חנפה'נען דער רעגירונג, ה[illegible]ן זיך צו אונז פאַרהאַלטן גאַנץ איינזייטיג און פיינדליך. ביי דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ" האָבן מיר געהייסן די „אינטערנאַציאָנאַלע שייקע".

אין דעם „קלאַדעראַדאַטש" זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן וועגן אונז די פאָלגנדע הומאָריסטישע פערזן:

„ליבערמאַן אונד אַראָנסאָן
ביידע ניהיליסטן;
אָן דען נאַמען זיעהט מאַן שאָן,
דאַסס זי קיינע קריסטען.

ש. ל. ציטראָן

אַלס דריטער אים בונדע
איז דער גורעוויטש דאַביי, —
אויך איין גוטער קונדע"...

מיט דעם פאַרענדיגען זיך גורעוויטשעס זכרונות וועגן ליבערמאַנען.

X.

ליבערמאַנס לעצטע טעג.—פאַרשיידענע ווערסיעס וועגן זיין זעלבסט-מאָרד.— די אמת'ע סבה.—ליבערמאַן ווערט מעלאַנכאָליש צוליב די אַנטיסעמיטישע שטרעמונגען צווישן די „נאַראָדאָוואָלצעס".—אַ צוטרעפנדיגע אָפשאַצונג פון ליבערמאַנס מהות און באַדייטונג.

די צוואַנציג חדשים, וואָס ליבערמאַן איז געזעסן אין געפענגעניש האָבן ניט געבראָכן זיין ענערגיע, און האָבן אים ניט אָראָפּגעפירט פון דעם אייגמאָל אויסגעקליבענעם וועג. זיצנדיג אין געפענגעניש האָט ליבערמאַן אויפגעשריבן אין העברעאיש אַ גרויסע ווערק מיטן נאָמען „משאת נפשנו" (אונזער ציל און האָפענונג). אינ'ם דאָזיגן ווערק דערציילט ליבערמאַן ווי דער סאָציאַ-ליזם האָט זיך אַנטוויקלט פאַר מאַרקסן און לאַסאַלן. אויסערדעם ווייזט ער אויף, אַז די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע געפינען זיך שוין אין דער ביבל. נאָך ליבערמאַנס טויט האָט מען דעם דאָזיגן כתב-יד ניט געפונען. ער איז ערגעץ-וואו פאַרלאָרן געגאַנגען. וועגן ליבערמאַנס לעבן פון דעם טאָג אָן, וואָס ער איז באַפרייט געוואָרן ביז זיין טויט, זיינען קיין קלאָרע ידיעות ניט געבליבן. וועגן דעם גייען אַרום פאַרשיידענע ווערסיעס, וועלכע איך גיב דאָ איבער אַ ל ע.

איינער פון ליבערמאַנס פריינד שרייבט:

„אין יאָר 1879, תיכף נאָך זיין באַפרייאונג, איז ליבערמאַן נאָכאַמאָל געקומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן מיט זיין הילף אַ נייע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָבער אויך ניט פיל עקסיסטירט. מיר האָבן באַשלאָסן מער אויף העברעאיש קיין זאַך ניט אַרויסצוגעבן און אָנהויבן צו שרייבן יידיש. אויף דעם אופן איז פאַרעפנטליכט געוואָרן די בראָשור „זאל זיין ליכט!" ליבערמאַן אַליין האָט עפּעס אויך געוואָלט אָנשרייבן אין יידיש, נאָר אין יענער צייט האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ פרוי, און צוליב דער דאָ-זיגער אומגליקליכער ליבע האָט ער זיך אין אַ האַלב יאָר אַרום דערשאָסן אין אַמעריקע".

ווינטשעווסקי דערציילט וועגן ליבערמאַנס לעצטע חדשים פאָלגנדעס:

נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרענדיגט אָפּצוזיצן זיין צייט אין בערלינער געפֿענגעניש, איז ליבֿערמאַן געקומען קיין לאָנדאָן און האָט זיך גאַנץ ענערגיש גענומען צוגרייטן וועגן אָפּפֿאָרן קיין רוסלאַנד, כּדי צו באַטייליגן זיך דאָרטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָר ווייל אין ווין האָט זיך אין אים אַרויסגעוויזן, אַז ער באַזיצט ניט די נויטיגע מעלות פֿון אַ קאָנספּיראַטאָר, האָבן זיינע פֿריינד באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן אים אָנטייל צו נעמען אין דער טעטיגקייט פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן. דאַן איז ליבֿערמאַן אָפּגעפֿאָרן קיין ניו-יאָרק, און באַלד ווי ער איז אַהין געקומען, האָט ער זיך דערשאָסן. די סבּה פֿונ'ם דאָזיגן זעלבסטמאָרד איז נאָך ניט אויפֿגעקלערט געוואָרן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָ איז געווען אַ מעשה מיט אַ ליבע; אַנדערע ווידער האָבן דערציילט, אַז ליבֿערמאַן האָט זיך גענומען דאָס לעבן פֿון גרויס עגמת-נפש איבער דעם, וואָס דורך זיין אומפֿאָרזיכטיגקייט זיינען אומגעקומען פֿיל פֿון זיינע חברים. אַ בערלינער סאָציאַל-דעמאָקראַט, דער באַוואוסטער האַסעלמאַן, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין ניו-יאָרק, האָט געזאָגט אויף זיין קבר עטליכע ווערטער, אין וועלכע ער האָט אונטערשטרייכט די צווייטע ווערסיע. ס'איז מעגליך, אַז דאָ האָבן ביידע סבּות געווירקט צוזאַמען"*).

צו דעם געפֿין איך פֿאַר נויטיג אויפֿצוקלערן, אַז לויט ווי מיר איז באַקאַנט פֿון אַ פּערזאָן, וואָס איז געשטאַנען נאָהענט צו ליבֿערמאַנען ביז זיינע לעצטע מינוטן, זיינען די ב י י ד ע ווערסיעס ניט ריכטיג. ליבֿערמאַן האָט ביז זיין לעצטן טאָג ניט אויפֿגעהערט צו קאָרעספּאָנדירן מיט זיין פֿרוי, וועלכע איז דאַן געבליבן וואוינען מיט אירע קינדער אין סובאַלק. ליבֿערמאַן איז תּמיד געווען אַ טרייער מאַן און אַ הייסער פֿאָטער צו זיינע קינדער. דערצו דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז בשעת ליבֿערמאַן איז געקומען פֿון לאָנדאָן קיין ניו-יאָרק איז ער שוין דאַמאָלסט געווען אין זעהר אַ געדריקטער, רעזיגנירטער שטימונג און נוטה צו מעלאַנכאָליע. אין ניו-יאָרק האָט זיך זיין מרה-שחורה פֿאַרשטאַרקט פֿון טאָג צו טאָג. ביי אַזאַ געזונט-צושטאַנד האָט דאָ וועגן אַ וועלכער ס'איז ליבע קיין שום רייד ניט געקענט זיין.

די סבּה, וועלכע האָט אַרויסגערופֿן ביי ליבֿערמאַנען זיין מעלאַנכאָלישע שטימונג איז געווען די אַנטיסעמיטישע שטרעמונג, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט ביי די „נאַראָדנאָוואָלצעס". נאָך אין לאָנדאָן האָט זיך ליבֿערמאַן דערוואוסט, אַז צווישן די „נאַראָדנאָוואָלצעס" האָבן זיך גענומען מערקן יידנפֿיינדליכע טענדענציעס און אַ שטילער הסכּם צו די פּאָגראָמען אַלס פּראָטעסט-אויסדרוק געגן די עקספּלואַטאָרן, און דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלטיג שווערן איינדרוק. אין ליבֿערמאַנען האָט זיך דערוועקט דער הייסער נאַציאָנאַליסט, און דער געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם זאָל האָבן כאָטש אויף וויפֿיל עס איז מיט-

*) „צוקונפט", דעצעמבער 1894.

געטראָגן צו דער פיזישער פאַרניכטונג פון׳ם יידישן פאָלק, האָט אים אינ־גאַנצן נידערגעשלאָגן און צושמעטערט. ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן טרויעריג, איז אַרומגעגאַנגען אַ צוטומלטער, אַ צומישטער, פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן מרה־שחורה׳דיגער, פינסטערער. לאַנג האָט ער דאָס אָבער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, און אין איין פרימאָרגן האָט ער זיך דערשאָסן — — — — — — —

אָט אַזוי האָט זיך פאַר דער צייט איבערגעריסן דאָס לעבן פון דעם „יידישן לאַסאַל״, דער באַשעפער פון דער היינטיגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין קורצן איז ליבערמאַן אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך איינעם פון זיינע פאַרערער אין די פאָלגנדע צוטרעפנדיגע ווערטער:

די וועלט פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט מיט דער וועלט פון די פאַרפלאָנטערטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פאַרשטעלונגען פון די 70־ער יאָרן האָבן זיך אויף אַ מערקווירדיגן אופן איינגעלעבט אין ליבערמאַנען. די ביידע וועלט האָט אין אים ניט פאַרשטויסן אינגאַנצן די אַלטע, און האָט זיך מיט איר ניט אויפגעגאָסן סינטעטיש; ליבערמאַנס וועלט־אָנשויאונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הורבע פון שטיקלאַך, וועלכע האָבן זיך אָפּגעבראָכן דורך דער צוזאַמענשטויסונג פון צוויי פרעמדע וועלטן. פון איין זייט איז געווען אַ שטאַרקע איבערצייגונג, אַז פאַר אונז, סאָציאַליסטן, זייגען ניטאָ קיין נאַציאָנאַליטעטן, און פון דער אַנדער זייט האָט געלעבט דאָס באַוואוסטזיין, אַז די יידישקייט איז רייך מיט קולטורעלע־נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס זייער קיום איז זעהר נוצליך פאַר דער גאַנצער מענשהייט, און עפּעס ווי אַן אינסטינקטיווע, פאַרבאָרגענע נייגונג צו די דאָזיגע ווערטן. די ערשטע איבערצייגונג האָט געהייסן אָפּצולייקענען און צוזשטערן אַלץ וואָס עס איז אַלט, און האָט באַפוילן די יידן זיך אויפצוגיסן מיט דער אַרומיגער ניט־יידישער באַפעלקערונג, און דאָס צווייטע, דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַוואוסטזיין האָט געצויגן צו דער פאַרצייטיגער, גרויער עלטער מיט אירע טראַדיציעס, מיט די ביבלישע שמיטות און יובל׳ען. די אייראָפּייאישע בילדונג האָט זיך אין אים צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם גמרא־פּלפּול, און די דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען מיט דעם באַזונדערן ישיבה־בחור׳שן אַריסטאָקראַטיזם. זייענדיג פון דער נאַטור זעהר אַקטיוו און טעטיג און אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער האָט געקענט אונטערטעניג מאַכן צו זיך מענשן, האָט ליבערמאַן שטענדיג באַשאַפן יידישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער קיינמאָל האָט ער אויף ריכטיג ניט געוואוסט דעם צוועק, צו וועלכן ער באַשאַפט זיי.

אָבּער די דאָזיגע שפּע פון געגנזאַצן, די הורבּעס פון די צובראָכענע שטיקער זײַנען באַהעפטעט געוואָרן צוזאַמען דורך זײַן הײַסער, אומבאַגרעניצטער איבּער־רגעבּנהײַט צום געזעלשאַפטליכן אידעאַל, דורך זײַן פעסטן גלויבּן אין דעם ענדליכן נצחון פון גוטסקײַט און גערעכטיגקײַט, און אין דער נאָהענטקײַט פון דער סאָציאַלער איבּערקערעניש, און דורך זײַן טיפער ליבּע צו דער „מענשהײַט“ און צו זײַן פאָלק“*).

---

*) „יעווריײסקאַיאַ סטאַרינאַ“ 1911, זײַטל 225.

אליעזר צוקערמאַן.

(געבאָרן—1848; געשטאָרבן—1886).

I.

צוקערמאַנס עלטערן.—צוקערמאַן אַלס וואויללערנער.—אַ ביכל „השחר" עפנט אים אויף די אויגן.—צוקערמאַנס חשק צו שירים.—צוקערמאַן באַשליסט צו שטודירן ראַבינער.—ער אַנטלויפט פון די עלטערן.—מ׳כאַפּט אים אין וועג און מ׳ברענגט אים צוריק קיין מאָהילעוו.—די השכלה־באַוועגונג אין מאָהילעוו.—צוקערמאַן אַלס געזעלשאַפטליכער טוער.—ער ווערט אַ פּריוואַטער לערער אין תלמוד־תורה.—ער ווערט אַ קאָרעספּאָנדענט אין „המליץ".—מ׳רעדט אים שידוכים.—זיינע נייע פּלענער.—וואָס ס׳האָט אים געטריבן צו ווערן אַ סאָציאַליסט.—זיין העבּרעאישע ערציילונג.—צוקערמאַן קאָרעספּאָנדירט מיט סמאָלענסקינען.—צוקערמאַן פאַלט אַריין אין גרויס יאוש.

אליעזר צוקערמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין מאָהילעוו ביי אומפאַרמעגלעכע, פאַנאַטישע עלטערן, וועלכע האָבן אים פון זיין פריסטער יוגנט אָן געשטאָפּט נאָר מיט תורה, פון אָנפאַנג אין חדרים, און דערנאָך אין ישיבות. זייענדיג ערשט 15 יאָר אַלט האָט שוין צוקערמאַן אַליין געלערנט אינ׳ם בית־מדרש פון זיין נאָהענטן קרוב, שמעריל צוקערמאַן, און האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר אַן עילוי. האָט זיך אַמאָל געדאַרפט מאַכן, אַז איינער זיינער אַ באַקאַנטער בחור׳ל האָט אים געבראַכט צו טראָגן אַ ביכל „השחר", וועלכן ער האָט איבערגעלייענט מיט גרויס חשק. נאָכדעם האָט ער שוין געזוכט און באַקומען צום לייענען אַנדערע השכלה־ביכלאַך, און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַ משכיל, ביי וועלכן סמאָלענסקין, דער רעדאַקטאָר פון „שחר" איז געווען אַ נביא און אַ וועג־ווייזער. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף דעם יונגן צוקערמאַנען געמאַכט די שירים פון יהודה ליב גאָרדאָן, וועלכע ער פלעגט לייענען מיט גרויס התפעלות און מיט אַ האַרציגן ניגון. יעדער נייער שיר, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „שחר", האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין זיין נשמה, און פאַרבאָרגענערהייד האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן שירים.

די השכלה־ספרים האָבן אַרויסגערופן אין צוקערמאַנען אַ גרויסע איבערקערעניש. ער האָט זיך ביסלאַכווייז אָפּגעריסן פון לערנען, האָט אָפּט גענומען

צוועקלייגן די גמרא אָן אַ זייט, און האָט אָנגעהויבן אין דער שטיל צו לערנען אַלגעמיינע למודים. זיין אידעאַל איז געווען אַוועקצופאָרן אין זשיטאָמיר און אָנצוקומען דאָרטן אין ראַבינער־שול. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער באַקאַנט געמאַכט די עלטערן מיט זיין באַשלוס. די עלטערן און די גאַנצע פאַמיליע זיינען אויף אים געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט, און זיין פאָטער האָט אים געטראַשעט מיט די שטרענגסטע רעפרעסיעס. אויף צוקערמאַנען האָבן אָבער די אַלע סטראַשונקעס קנאַפּ־וואָס געווירקט; ער איז נאָך, פאַרקערט, געוואָרן פעסטער אין זיין באַשלוס, און אין איין זומערדיגן פאַרנאַכט האָט ער פאַרלאָזן דאָס עלטערנ־הויז און איז אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר. מיט צוקערמאַנס אַנטלויפן האָט געקאָכט גאַנץ מאָהילעוו. דער פאָטער האָט גענומען פאָסט און האָט זיך געלאָזן לויפן נאָך אים, ביז ער האָט אים אָנגעיאָגט אין האָמעל, און דאָרטן האָט ער אים מיט פאָליציע געצוואונגען צוריקקערן זיך אַהיים קיין מאָהילעוו.

זעהר דערצאָרנט און דערביטערט אויף די עלטערן האָט זיך צוקערמאַן צוריקגעקערט קיין מאָהילעוו. וואָס זיין פאָטער האָט זיך צומאַטערט איבערצורעדן אים, אַז ער זאָל אַוועקוואַרפן זיינע באַרישע געדאַנקען, וועלכע ער האָט זיך אַריינגעשלאָגן אין מוח, און זאָל זיך צוריק נעמען צו דער גמר״א, איז אַלץ געווען אומזיסט. צווישן צוקערמאַנען מיט די עלטערן האָט זיך פון יענער שעה אָן אַוועקגעשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנט. צוקערמאַן איז פאַרבליבן ביי דאָס זייגיגע, און האָט געוואַרט אויף אַ פאַסיגן מאָמענט ווען ער וועט קענען אַ צווייטן מאָל אַנטלויפן.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן דער מאָהילעווער יידישער אינטעליגענטער יוגנט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער סאָציאַליסטישער געדאַנק. אַ באַזונדערע קליינע גרופּע פון יידישע בחורים הייסע חסידים פון מאַפּ׳ן און סמאָלענסקינען, האָבן זיך אָנגעפאַנגען אָפּצוגעבן מיט געזעלשאַפטליכער, קולטורעלער אַרבעט, אָדער ווי ס׳האָט דעמאָלט געהייסן — „גיין אין פאָלק אַריין״, אָבער אויפ׳ן יידישן שטייגער. די דאָזיגע בחורים האָבן זיך גענומען אויסבעסערן די אָפּגעלאָזענע מאָהילעווער תלמוד־תורה, צו מאַכן אין איר נייע, מאָדערנע אָרדענונגען און אַוועקשטעלן איר אויף דער געהעריגער הויך. צו דער גרופּע האָט געהערט אויך יעקב דינעזאָן. צוקערמאַן האָט זיך איבערגעגעבן צו די אינטערעסן פון די אָרימע קליינע קינדער מיט לייב און לעבן, האָט מיט זיי געלערנט און האָט אַוועקגעלעגט פיל כחות אויף זייער ערציהונג.

אין דערזעלביגער צייט האָט צוקערמאַן אַ פּאָר מאָל קאָרעספּאָנדירט פון מאָהילעוו אין „המליץ״, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט צו פּרובן שרייבן גרעסערע זאַכן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער פאַרעפנטליכט אין „המליץ״ אַ געזעלשאַפטליכן פעליעטאָן וועגן דער פאַרדאָרבענער יידישער קינדער־ערציהונג. דער פעליעטאָן האָט אין זיין צייט געמאַכט אַ רושם.

דערווייל האָט מען צוקערמאַנען אָנגעהויבן צו ריידן שדוכים. ס׳האָבן זיך אויף אים געפונען בעלנים אין מאָהילעוו גופא און אויך אין די אַרומיגע

שטעט. וואו מ׳האָט וועגן אים געוואוסט. קיין שדכנים זיינען ניט אַרויס פון שטוב, און מיט אַלעמען האָט געוועדט נאָר צוקערמאַנס פאָטער; ער, דער חתן אַליין, האָט זיך פּאַסיוו צוגעקוקט און האָט געשוויגן. ער האָט זיך שוין דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיט אַ נייעם פּלאַן, און אַלץ וועגן אַנטלויפן. וועגן ראַבינער־שול האָט ער שוין אויפגעהערט צו טראַכטן. איצטער האָט אים שוין געצויגן ניט קיין זשיטאָמיר, נאָר אין אויסלאַנד. ווייט, זעהר ווייט האָט זיך אים געוואָלט זיין פון דער היימישער סביבה, פון די עלטערן, וועלכע באַטראַכטן אים פאַר אַ חפץ, וואָס מ׳גיט איבער פון האַנט צו האַנט ניט אינטערעסירנדיג זיך מיט זיין ווילן, און פון דער פאַנאַטישער מאָהילעוו. גראָד דאַמאָלסט האָט פּאַסירט אין מאָהילעוו די געשיכטע, אַז אַ געבילדעט יונג מיידל, וואָס די עלטערן האָבן זי געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט אַ יונגנמאַן, וועלכן זי האָט ניט געוואָלט, האָט זיך פון עגמת־נפש אויפגעהאַנגען. די דאָזיגע געשעהעניש האָט אויף דער מאָהילעווער יידישער אינטעליגענטער יוגנט געמאַכט אַ געוואַלדיגן איינדרוק. אַנ־דערע פון זיי זיינען אונטער דעם דאָזיגן רושם אַוועק צום סאָציאַליזם, וועל־כער וויל באַפרייען דעם יחיד פון אַלערליי קייטן, וואָס ווערן אויף אים אַרויפגעלייגט פון וועלכער זייט ס׳זאָל ניט זיין. צווישן זיי איז געווען אויך צוקערמאַן.

אויפ׳ן יסוד פון דער אייבנדערמאָנטער פּאַסירונג האָט צוקערמאַן אָנגע־שריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־ביכל אַן ערציילונג מיטן נאָמען „עולם הפוך״ (אַן איבערגעקערטע וועלט), וועלכע האָט זיך באַלד אָפּגעדרוקט אין „השחר״, און האָט ביי די דאַמאָלסטיגע העברעאישע לעזער זעהר אויסגענומען*).

אין דער דאָזיגער ערציילונג האַנדלט זיך אפילו ניט וועגן דעם קאַמף פון אַרבעט מיט קאַפּיטאַל, וועגן רייבונגען צווישן אַרבעטער און בעלי־בתים, און ס׳ווערן אין אים ניט דערמאָנט אפילו פון אויבנאויף די אויסערע לאַגע, דער מלוכה׳שער רעזשים וכדומה, און פונדעסטוועגן איז גאַנץ לייכט צו געפינען אין אים פיל סימנים פון דער השפעה, וואָס ס׳האָבן געהאַט אויפ׳ן שרייבער די סאָציאַליסטיש־מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס. פון אָנהויב ביז צום סוף ציט זיך דורך דער ערציילונג ווי אַ רויטער שניר אַ שטאַרקער פּראָטעסט געגן די עקסעסטירנדיגע צופוילטע לעבנס־אָרדענונגען, געגן די קהל׳שע רעדלפירער, וואָס דעמאָראַליזירן דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן, און דער עיקר געגן דעם, וואָס דער רשע לעבט אַ גוטן טאָג און דער צדיק ווערט אויסגעריסן. דער וואָס פאַרשטייט צו לייענען צווישן די שורות קען אויסגעפינען אין דער דאָזיגער ערציילונג אויך אַ פּאַראַכטליכע באַציהונג צו די רייכע און אַ באַגייסטערונג פאַר׳ן פאָלק, פאַר׳ן המון. יונגע לערער, פריינד פון דער עלנדער מאַסע — אַזעלכע זיינען די העלדן פון דער ערציילונג — ווילן ברייגנען צו אַ תכלית די אָרימע קינדער, די תלמידים פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה, זיי ווילן זיי

*) זעה „דריי ליטעראַרישע דורות״ זייטל 69.

אויסבילדן און מאכן פאר מענשן, וואס זאלן מיט דער צייט קענען ווערן נוצ-ליך זיך אליין און דער געזעלשאפט; קומען אבער צוגיין די דיק-בייכיגע קהל'ס-לייט, די זאטע און אפגעפרעסענע גבירים, און שטערן זיי אין זייער ארבעט. א אינטעליגענטער יונגערמאן, א ענערגישער געזעלשאפטליכער טוער, פארליבט זיך אין א מיידל, וועלכע איז איינשטימיג מיט זיינע אידייען און איז אויך איבערגעגעבן מיט'ן גוף און מיט דער נשמה דער געזעלשאפטליכער אר-בעט; געפינען זיך אבער שלעכטע, גרויזאמע עלטערן, וואס דערלאזן ניט ד' יונגע נשמות זיך צוזאמענצובינדן, און צושיידן זיי אייגער פון דעם אנדערן מיט געוואלד.

דורך דער דאזיגער ערציילונג איז צוקערמאן געווארן א גרויסער מקורב צו סמאלענסקינען, און האט אנגעהויבן מיט אים צו קארעספאנדירן. אין זיינע בריוו צו סמאלענסקינען האט ער פון אים פארבארגן זיינע סאציאליסטישע געדאנקען; ער האט זיך נאר פאר אים באקלאגט אויף דעם, וואס אין מאהילעוו גייען זיינע פעהיגקייטן אוועק לאבוד און ער קען זיך צו קיין צוועק אין לעבן ניט דערשלאגן; ער וואלט זיך וועלן ארויסרייסן פון זיינע ענגע ד' אמות אין דער ברייטער וועלט אריין, ווייס ער אבער ניט ווי אזוי מ'טוט דאס, און וואוהין ער זאל זיך קערן און ווענדן. סמאלענסקין האט אין זיינע תשובות באדויערט צוקערמאנס לאגע, און האט אים אבער ניט געגעבן קיין עצה וואס צו טאן. דאס האט צוקערמאנען זעהר אויפגערייצט און אריינגעבראכט אין גרויס יאוש און אפהענגיגקייט.

II.

צוקערמאן מאכט די נויטיגע הכנות א צווייטן מאל צו אנטלויפן.—די עלטערן היטן אים, און ער קען ניט אויספירן זיין פלאן.—צוקערמאן פאלט אריין אין גרויס יאוש.—זיין נייער געדאנק.—צוקערמאן האט חתונה.—ער אנטלויפט פון שווערס שטוב.—זיין וואנדערן צופוס איבער וואלין.—ביים עסטרייכישן גרעניץ ווערט ער ניצול פון א סכנה.—זיין גאנג דורך גאליציע.—ביים קראקער רב.—ער זאגט, אז ער פארט קיין פ ר ע ס ב ו ר ג, און פארט קיין ו ו י ן.—דער קבלת-פנים ביי סמאלענסקינען.—צוקערמאן נעמט זיך פאר בילדונג און האט באלד חרטה.—די מאהילעווער סאציאליסטן-קאלאניע אין בערלין.—צוקערמאן אין בערלין.—דער באשלוס, אז צוקערמאן זאל זיך לערנען זעצעריי.—צוקער-מאן קערט זיך אום קיין ווין.—ער קומט אן אין סמאלענסקינס דרוק, און לערנט זיך אויס פאר א זעצער

פון טאג צו טאג איז ביי צוקערמאנען אלץ מער געווארן פעסטער זיין באשלוס צו אנטלויפן. אין דער שטילן האט ער אנגעהויבן מאכן דערצו די נויטיגע הכנות. דאס איז געווען אנפאנגס ווינטער, און לויט זיין רעכענונג האט

ער ביז פסח געדאַרפט ווערן פאַרטיג, זאָן צו פריילינגס=צייט, ווי ס׳וועט נאָך עפּעס ווערן וואַרימער, אַוועקלאָזן זיך אין וועג אַריין צו פוס. ער איז אָבער געווען אַזוי אומפּאָרזיכטיג, אַז זיינע עלטערן האָבן אין אים באַמערקט, אַז ער גרייט זיך צו פון זיי אַ צווייטן מאָל צו אַנטלויפן, און האָבן פון דאַמאָלסט זיין גענומען היטן זיינע טריט. ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ווען צוקערמאַן איז אַוועק אין גאַס, האָט אים דער פאָטער באַלייט צי פון דער נאָהענטן צי פון דער ווייטן, אָבער אין דער אונטערסטער שורה האָט ער פון אים זיין אויג ניט אַראָפּגענומען. ס׳איז שוין אַריבער שבועות, ס׳איז שוין געווען נאָך תשעה=באב, און צוקערמאַן האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך די פאַסנדיגע געלעגנהייט צום אַנטלויפן. אַזוי איז אַוועק דער זומער, און צוקערמאַן איז געבליבן זיצן אין מאָהילעוו.

אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג האָט זיך צוקערמאַן דאַן געפונען. ער האָט פאַרלאָרן איינגאַנצן דעם מוט, און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל ווערן מעלאַנכאָליש. מיט אַ מאָל האָט אין אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק, און אָט דער געדאַנק, וועלכער האָט אים לכתחלה אויסגעוויזן פרעמד און ווילדלאַך, האָט אים סוף, סוף אויסגעלייזט פון מאָהילעוו.

אין אַ געוויסן טאָג אינדערפריה, אַז זיין פאָטער איז געקומען פון בית=מדרש, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַרומגעזעהן, דאָס ס׳איז קיין תכלית ניט אומצוגיין אַ בחור, און האָט דעריבער באַשלאָסן חתונה צו האָבן. דער פאָטער איז דערפון געווען מלא שמחה, און שוין אויף מאָרגן האָט ער זיך געזעהן מיט שדכנים. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און צוקערמאַן איז געוואָרן אַן איידים פון אַ מאָהילעווער רייכען בעל=הבית, וועלכער האָט אים גענומען צו זיך אויף קעסט. זיין בעשערטע איז געווען אַן איינפאַך מיידל גוט און פרום, טוט „וואָס גאָט הייסט און וואָס טאַטע און. מאַמע זאָגן", אַן אמת׳ע „ערליכע יידישע טאָכטער".

ביי זיין שווער אין שטוב האָט זיך צוקערמאַן געפילט אַ סך פרייער. קיינער האָט אים ניט נאָכגעקוקט און ניט געהיט, קיינער האָט אויף אים קיין השגחה ניט געגעבן און ניט געציילט זיינע טריט. און מער ווי דאָס האָט ער ניט געדאַרפט. אַ חדשים דריי נאָך דער חתונה האָט ער זיך גאָר פון דאָס ביי גענומען מכין זיין צום אַנטלויפן, און דעם מאָל האָט ער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיין פּלאַן פאַרווירקליכט. אין אַ געוויסן פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג איז ער אַרויס פון שטוב, און איז ניט געוואָרן. ער האָט מיט אַ כיון אויסגעקליבן דעם טאָג, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אום שבת וועט מען אים ניט לויפן נאָכיאָגן. און אַזוי איז טאַקי געווען.

מיט גאַנץ וועניג געלט אויף הוצאות איז צוקערמאַן אַוועק פון דערהיים. ער האָט זיך גלייך אַ קער געטאָן אויף וואָהלין. געגאַנגען איז ער צופוס; וואו ניט וואו פלעגט ער אונטערפאָרן אויף פויערשע וועגלאַך, אָדער מיט יידישע בעלי=עגלות, וועלכע פלעגן אים אַרויפנעמען צו זיך אין זייערע בוידן פּאַר

רחמנות. אין יעדער שטאָט און שטעטל פלעגט ער אויסרוהען, און איבערנעכטיגן, געוויינליך, אין בית־המדרש. אומעטום פלעגט ער זיך פונאַנדערעדן מיט די שטאָט־לומדים אין תורה, פלעגט באַווייזן זיינע עלוי׳שאַפט, און דאָס האָט אים געהאָלפן צו בעקומען כמעט אין יעדער אָרט קליינע געלט־שטיצעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעהאַלטן אין וועג. אַזוי איז ער אָנגעקומען ביז צום עסטרייכישען גרעניץ.

ביי דער לעצטער גרעניץ־שטעטל, אין פּאָדוואָלטשיסק, איז צוקערמאַן שיער ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער דאָרטיגער זשאַנדאַרמעריע. לויט דער עצה, וואָס עמיצער האָט אים געגעבן אין וועג, איז ער דאָרטן אַריין צו אַ יידן אין אַ שיינקל, וואו עס קומען זיך צונויף די מענשן, וועלכע באַשעפטיגן זיך מיט אַריבערפירן יונגע לייט דעם גרעניץ. ס׳איז געווען אַ דאָנערשטאָג אָוונט־צייט, און צוקערמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און אַרויסגענומען פון זעקל עפּיס וואָס צו עסן. גראָד איז דעמאָלט אַריין אין שיינקל דער שטעטלדיקער זשאַנדאַר, און דערזעהענדיג צוקערמאַנען, איז ער צו אים תיכף צוגעגאַנגען און געפרעגט אַ פּאַס. צוקערמאַן, וועלכער האָט ביי זיך געהאַט בלויז אַ רוסישן פּאַס, האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען אַהער קיין פּאָדוואָלאָטשיסק אויפצוזוכן אַלטע קרובים. דער זשאַנדאַר האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט ריכטיג, און האָט אים געוואָלט אַרעסטירן. דערזעהענדיג, דאָס ס׳איז שלעכט, האָט זיך צוקערמאַן געפּרובט ווענדן מיט אַ בקשה צום יידל דעם שיינקער, אַז ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און ראַטעווען פון „גוי׳אישע הענט״. די דאָזיגע בקשה האָט צוקערמאַן אויסגעדריקט אין העברעאיש, און האָט זיך דערביי באַנוצט מיט אַ תלמודישער מימרה וועגן דער גרויסער מצוה פון „פּדיון־שבוים״. דער שיינקער, וועלכער איז גראָד געווען אַ ייד אַ בר־אורין, האָט דערזעהן, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ יונגענמאַן אַ למדן, און דאָס האָט אים באַוואויגן אָפּצורופן דעם זשאַנדאַר אָן אַ זייט און דורכקומען מיט אים פאַר עטליכע רובל, אַז ער זאָל דעם יונגענמאַן לאָזן צורוה. אָט אַזוי איז צוקערמאַן ניצל געוואָרן פון סכנה אָפּגעשיקט צו ווערן מיטן עטאַפּ קיין מאָהילעוו. דער זעלביגער שיינקער האָט דאַן אָפּגעהאַלטן ביי זיך צוקערמאַנען איבער שבת, און שבת צו נאַכטס האָט ער באַשטעלט אַ באַקאַנטן פויער, וועלכער האָט אים פאַרטאָג אַריבערגעפירט אויף יענעם זייט גרעניץ.

אויפ׳ן זעלביגן שטייגער ווי אין רוסלאַנד האָט זיך צוקערמאַן אויך אין גאַליציע געלאָזן גיין צו פוס. אַ חדשים דריי האָט ער אַזוי געוואַנדערט איבער גאַליציע ביז ער איז צום סוף אָנגעקומען אין קראָקע. מיד און אויסגעמאַטערט און קוים מיטן לעבן האָט ער זיך פאַרשלעפּט קיין קראָקע. ער האָט געפילט, אַז מער קען ער שוין ניט גיין, און גייט ער, וועט ער געוויס פאַלן אין וועג. ער איז אַריין צום רב און האָט אים דערציילט, אַז אַזש פון רוסלאַנד פאָרט ער לערנען אין דער גרויסער פּרעסבורגער ישיבה פון חתם־סופר. דער רב האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט אין לערנען און האָט דערזעהן, אַז דער יונגער־

מאַן איז עלול צו ווערן אַ גדול בישראל. זייענדיג אַליין פון דעם חתם־סופר׳ס פאַמיליע, איז אים צוקערמאַנס פּלאַן וועגן פּרעסבורג זעהר געפעלן געוואָרן. דער רב האָט זיך משתדל געווען און האָט פאַר אים באַקומען פון דער קראָ־קער קהלה אַ געוויסע סומע געלט אויף די הוצאות פון דער נסיעה קיין פּרעסבורג דורך ווין. דערצו האָט ער נאָך אים אויך געגעבן אַ גאַנץ וואַרים אויפגעשריבענע רעקאָמענדאַציע צו זיין נאָהענטן קרוב דעם פּרעסבורגער ראש־ישיבה.

צוקערמאַן האָט גענומען דאָס געלט מיט דעם בריוו, און איז באַלד אַוועקגעפאָרן מיטן באַן קיין ווין, וועלכע איז געווען באמת דאָס ענד־ציל פון זיין נסיעה. אָנגעקומען קיין ווין איז ער גלייך פון וואָקזאַל אַוועק צו סמאָלענ־סקינען. ס׳איז דאַן געווען אַ שטיק אין דער נאַכט, און ביי סמאָלענסקינען האָט מען שוין לאַנג געשלאָפן. דעריבער איז צוקערמאַן מיט זיין פּעקל געבליבן זיצן אויף די טרעפּ ביז מאָרגן פריה.

סמאָלענסקין האָט אויפגענומען צוקערמאַנען זעהר פריינדליך, כאָטש אין האַרצן איז ער פון זיין קומען ניט גאַנץ צופרידן געווען. אַזעלכע רוסישע־יידי־שע יונגע לייט ווי צוקערמאַן זיינען דאַמאָלסט געווען אין ווין ניט ווייניג; איטליכער איז אַהין געקומען צו זוכן אַ צוועק אין לעבן, און קיינער פון זיי האָט דערווייל ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, און אַלע זיינען זיי געקומען צו סמאָלענסקינען, און פאַר אַלעמען האָט ער זיך געדאַרפט משתדל זיין, און ניט שטענדיג האָט זיין השתדלות געהאַט ערפאָלג, און אַנדע־רע יונגע לייט האָט ער געמוזט אָפּזאָגן, און דורך דעם זיינען זיי אים אומ־פריינד געוואָרן.

צוקערמאַן איז געקומען קיין ווין מיטן צוועק, צו נעמען זיך פאַר ביל־דונג. קיין ראַבינער האָט ער שוין ניט געוואָלט זיין. איצטער האָט ער געשטרעבט צו שטודירן אַ וועלכן ס׳איז פאַך. האַלטנדיג זיך פאַר באַזונדערס פייהיג צו מאַטעמאַטיק, האָט ער געהאַט בדעה צו שטודירן אינזשענער. סמאָ־לענסקין האָט דאַן פאַר אים פון ערגעץ־וואו באַקומען אַ מאָנאַטליכע סובסידיע און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען.

ניט לאַנג איז אָבער צוקערמאַן איינגעזעסן אויפ׳ן ביכל.

אין יענער צייט האָט זיך אין מאָהילעוו דער סאָציאַליזם שטאַרק פאַר־ברייטערט. פיל יידישע יונגע לייט זיינען צוגעשטאַנען צו דער אַזויגערופענער „נאַראָדאַוואָליער״ באַוועגונג. באַזונדערס זיינען דאָס געווען בחורים און מיידלאַך פון די רייכסטע פאַמיליעס. די מאָהילעווער פּאָליציי איז אויף דעם אויפמערקזאַם געוואָרן, און צווישן דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אַרעסטן. דאַן האָבן אָנגעהויבן די הויפּט־אָנפירער צו אַנטלויפן איינציגווייז פון מאָהילעוו. און געלאָפן זיינען זיי אַלע, לויט אַ פריער אָפּגערעדטן פּלאַן, קיין בערלין. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעקליבן אין בערלין אַ היבשע קאָלאָניע פון מאָהילעווער פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע

האָבן זיך דאָרטן באַשעפטיגט מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע. די דאָזיגע קאָלאָניע איז געשטאַנען אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרעסטע סאָציאַליסטישע טוער אין רוסלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער. אירע אינסטרוקציעס האָט זי דאַמאָלסט באַקומען פון ליבערמאַנען, וועלכער האָט נאָך דאַן געוואוינט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אָנגעפירט מיטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

אַז צוקערמאַן האָט דערהערט וועגן דער דאָזיגער מאָהילעווער עמיגראַנטנ־קאָלאָניע אין בערלין, האָט אים באַלד גענומען ציהען אַהין. צום סוף האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, האָט געוואָרפן די ביכער, און איז אַוועק אין בערלין. דאָרטן האָט מען אים גלייך אַריינגענומען אין סאָציאַליסטישן קרייזל. אויף איינער פון די באַראַטונגען איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צוקערמאַן זאָל אויפגעבן זיין פּלאַן וועגן שטודירן, און זאָל זיך זעהן בעסער אויסלערנען אַ וועלכע ס'איז מלאכה. ס'איז געבליבן, אַז ער זאָל זיך לערנען זעצעריי, מיט וואָס ער זאָל קענען נוצן דער זאַך, און ניט אין בערלין, וואו דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע קאָסטן, נאָר אין ווין, וואו סמאָלענסקין האָט אַ דרוק, און ער וועט אים געוויס זעהן העלפן צו דערגרייכן זיין ציל. אויסערדעם האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן באָהענט דערביי, אַז ליבערמאַן זאָל קומען קיין ווין אַרויסצוגעבן דאָרטן זיין העברעאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל, און דעריבער האָט מען פאַר אים געוואָלט באַשטעלן באַצייטנס אַ גוטן מיטאַרבעטער.

צוקערמאַן איז צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ווין. אַז ער האָט דערציילט סמאָלענסקינען, דאָס ער זאָגט זיך אָפּ פון שטודירן, און וויל זיך בעסער אויסלערנען אַן אַרבעט, האָט אים סמאָלענסקין ווילד אָנגעקוקט. פונדעסטוועגן האָט ער אים אַריינגענומען צו זיך אין דרוק, און האָט געטאָן אַלץ וואָס ס'איז מעגליך צו פאַרלייכטערן אים די פאַרווירקליכונג פון זיין שטרעבן. סמאָלענסקין האָט זיך אויך געסטאַרעט און האָט געפּועל'ט, אַז ס'זאָל אַרויסגעגעבן ווערן צוקערמאַנען זיין פריערדיגע סובסידיע ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס פון לכתחלה האָט מען אים באַשטימט די שטיצע אויף צוצוגרייטן זיך צו אַ וועלכן ס'איז שטודיום.

צוקערמאַן האָט זיך גענומען צו דער זעצעריי מיט גרויס פלייס, און האָט געמאַכט אין דער אַרבעט גרויסע פאָרטשריט. אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער שוין געווען פאַררעכנט ווי איינער פון די דרוק־זעצער, און האָט באַקומען וועכנטליכע שכירות גלייך מיט אַלעמען. דאַמאָלסט האָט ער מודיע געווען סמאָלענסקינען, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דער סובסידיע.

IV

מײן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט צוקערמאַנען.—ווי צוקערמאַן האָט דאַן אויסגעוויזן.—זײַנע באַציהונגען צו די דיספּוטן צווישן סמאָלענסקינען מיט ליבערמאַנען.—צוקערמאַנס באַזונדערע ליבע צו העברעאיש.—זײַנע העברעאישע עפּיגראַמען.—צוקערמאַנס י י ד י ש ע שירים.—זײַן פּאָעמע „מאָטל דער שומער".—זײַן שיר „די וועלט מוז איבערגעשאַפן ווערן נאָכאַמאָל".—אַ פּערל פון זײַנעם אַ דריטן יידישן שיר.—זײַן העברעאישע פּאַראָדיע צו נעקראַסאָווס "Контрасты„.—צוקערמאַנס אומגעדרוקט פאַרבליבענע כתבים.—צוקערמאַנס העברעאישע זײַן סאָציאַליסטישע סקיצע ווערט געדרוקט אין ,השחר".

אין יענער צייט—דאָס איז געווען אין יאָר 1876!—האָב איך געוואוינט אין ווין. זייענדיג אַן אָפטער איינגייער ביי סמאָלענסקינען, האָב איך מיך דאָרטן באַקאַנט מיט צוקערמאַנען. נאָך עד היום איז מיר פאַרבליבן זיין אויסזעהן אין זכרון. דאָס איז געווען אַ הויכגעוויקסיגער יונגערמאַן, אַ בלאָנדין, מיט טיפע, בלויע אויגן. אויף זיין פנים איז אָבער תמיד געלעגן אַ באַזונדער פאַרביסנקייט, באופן, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דער מענש טראָגט זיך אַרום מיט אַ כעס אויף דער גאַנצער וועלט. ביי סמאָלענסקינען איז ער שטענדיג געזעסן אַן אומצופרידענער, האָט כמעט קיינמאָל קיין אָנטייל ניט גענומען אין געשפּרעך. ביי די הייסע דיספּוטן, וואָס פלעגן אין זיין געגנוואַרט פאָרקומען צווישן סמאָלענסקינען מיט ליבערמאַנען, איז ער געווען נאָר אַ בלויזער צושויער, מער ניט ווי אָן זיינע מינעס איז לייכט געווען צו דערקענען, אַז ער איז אינגאַנצן מסכים מיט ליבערמאַנען, און אַז סמאָלענסקינס איינווענדונגען רופן ביי אים אַרויס אַ שטאַרקע ערביטערונג. איך געדענק, אַז בשעת די דאָזיגע שמועסן פלעגט ער זיצן מיט פאַרביסענע ליפּן; ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס וועלן אַרויסזאָגן אַ גאַנץ שטאַרקן וואָרט, נאָר ער האַלט זיך איין, און ער דערשטיקט עס אין זיך...

צוקערמאַן האָט דעמאָלט געוואוינט אין דער אויגאַרטן=שטראַסע אויף איין קוואַרטיר מיט זיינעם אַ בן=עיר, מ ש ה ק אַ מ י אָ נ ס ק י—אַ היינט באַקאַנטער העברעאישער זשורנאַליסט און ציוניסטיש=נאַציאָנאַליסטישער עסקן, אַ זון פון רייכע עלטערן, וועלכער האָט באַזוכט אין ווין אַ האַנדלס=שול, און האָט סימפּאַטיזירט מיט די סאָציאַליסטישע אידייען. באַקומענדיג פון זיינע עלטערן צום לעבן גרויסע געלט=סומעס, האָט ער געהאַט די מעגליכקייט צו שטיצן צוקערמאַנען, וועלכער האָט זיך תמיד זעהר באַנויטיגט, ווייל אַ טייל פון די שכירות, וואָס ער האָט באַקומען אין דרוק, האָט ער געשיקט זיין פרוי אין מאָהילעוו. איך פלעג צו קאַמיאָנסקין גאַנץ אָפט אַריינגיין און געדענק, אַז זיי האָבןביידע געלעבט ווי ברידער. פאַרבונדן צוזאַמען האָט זיי אויך זייער ביידנס שטאַרקע ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך. צוקערמאַן, שוין זיינע=

דיג אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט, האָט ניט אויפגעהערט צו שרייבן העברעאיש, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ לעדיגע שעה, איז ער געזעסן און געשריבן. אָם ליבסטן האָט ער געהאַט צו שרייבן עפּיגראַמען, דאָס רוב סאַרקאַסטיש-שפּיציגע מיט וועלט-ברעכערישע טענדענציעס. די מער געלונגענערע עפּיגראַמען פלעגט ער ברענגען סמאָלענסקינען ער זאָל זיי דרוקן אין „שחר". סמאָלענסקין האָט אָבער אָנגענומען נאָר גאַנץ ווייניג פון זיי, און אפילו די שוין אָנגענומענע עפּיגראַמען האָט ער פאַרעפנטליכט ניט אינ'ם „השחר" גופא, נאָר אין אַ הוספה, און אַמאָל אויך אויף דער צווייטער זייט פונ'ם שער*). צוקערמאַנען האָט דאָס זעהר אויפגעקאָכט, און האָט אויפגעהערט פאָרצולייגן סמאָלענסקינען זיינע עפּיגראַמען.

צוקערמאַן האָט דעמאָלט געשריבן ניט בלויז העברעאיש, נאָר אויך י י ד י ש. אין יידיש האָט ער געשריבן באַזונדערס שירים, וועלכע ער פלעגט געבן צוערשט איבערלייענען קאַמיאָנסקי'ן, און דערנאָך דעם מאָהילעווער קרייזל**). איך געדענק, אַז אַמאָל האָט צוקערמאַן פאַר דעם דאָזיגן קרייזל אי-בערגעלייענט זיינע אַ יידישע פּאָעמע, וועלכע האָט געהייסן „מ אָ ט ל ד ע ר ש ו ס ט ע ר". כ'האָב מיר ביי אים דאַמאָלסט די דאָזיגע פּאָעמע אָפּגעשריבן. ביי היינטיגן טאָג איז מיר געבליבן אין מיין געדעכעניש בלויז די פאָלגנדע ווייניגע פערזן פונ'ם ערשטן בית:

„ניט קיין מיוחס איז מיין העלד, ניט קיין בעל-הבית קיין יוסטער,
נאָר אַ געמיינער ייד: מאָטל דער שוסטער.
געהאָרעוועט כל ימיו ווי אַן אָקס אין דער סאָכע,
דאָס שטיקל ברויט צו פאַרדינען פאַר זיין משפּחה.
אַכט קינדערלאַך מיט אַ ווייב אַ חלושה,
אַ טשאַכאָטעצניצע — פון דער מאַמען בירושה.
געוואוינט האָט ער אין שכנות ביי יודל דעם שמש,
אין אַ דירה'לע אַ קליינס פון ד' אמות,
אויפן בוידים-שטיבל אין דער הויך;
תמיד פול מיט טשאַד און רויך,
וואו ווינטער האָט געגאָסן פון די ווענט
און זומער האָט געסמאַליעט און געברענט.
בקיצור: אַ פּאַלאַץ, אַ פּראַכט.
דאָרט פון גאַנץ פריה ביז אַ שטיק אין דער נאַכט
איז מאָטל צוגעשמידט צום שוסטער-שטול
געזעסן איינגעבויגן אין דרייען איבער'ן קאָפּול".

---

*) זעה, למשל, „השחר" 7 יאָרגאַנג אין דער הוספה צום 11-טן ביכל.

**) וועגן דעם דאָזיגן מאָהילעווער קרייזל אין ווין — זעה „דרויי ליטעראַרישע דורות" זייטל 65.

א צווייטן מאָל האָט צוקערמאַן אָנגעשריבן אַ שיר אונטערן נאָמען „די וועלט מוז איבערגעשאַפן ווערן נאָכאַמאָל". אויך פון דעם שיר געדענק איך נאָר דעם ערשטן בית:

„איך פרעג: וואָרום
איז אַזוי קרום
געבויט די וועלט?
פאַרוואָס דער בעל־מלאכה
מיט זיין גאַנצער משפחה
ליידט הונגער און קעלט?
און דער לעדיג־גייער, דער פּוסטשאַק,
דער הולטאַי, דער ליידאַק,
וואָס שלעפּט זיך אַרום אין גאַס
פּוסט און פּאַס
האָט רייכקייט, כבוד און גדולה?
פאַרוואָס האָט דער גאַרנישט, און יענער אַ פולע?
וואו איז די גערעכטיגקייט? וואו איז דער יושר?
דער אָרימאַן זאָל האָרעווען און שפּייזן דעם עושר?
שרייען דאַרף מען אָן אַן אויפהער אויפן קול:
„די וועלט מוז איבערגעשאַפן ווערן נאָכאַמאָל!"

איך געדענק אויך דאָס, אַז מיט די לעצטע צוויי שורות האָט זיך פאַרענדיגט יעדער בית.

און נאָך פון צוקערמאַנס אַ יידישן שיר, פון וועלכן איך האָב שוין פאַרגעסן דעם נאָמען, זיינען ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון די פאָלגנדע שורות:

„אַלץ דאַרף ווערן צובראָכן, צושטויסן,
און פון קאָסמאָס דעם גרויסן
דאַרף אַרויס אַ נייער בנין,
ניטאָ קיין קבצן, קיין גביר;
כ'ווייס ניט: וואו דער אויבנאָן, וואו די טיר.
ניטאָ קיין פּריצים, קיין שררות,
יחוס איז אויפ'ן בית־הקברות;
ניטאָ מיין, דיין, קיין אייביגער קנין.
נאָר אין פאַבריק, אין זאַוואָד,
ביי דער מאַשין, ביי דער ראָד,
פון דעם קוימען, פון דעם רויך
לעבט
און שוועבט
אין דער הויך" — — —

אַמאָל האָט צוקערמאַן אָנגעשריבן אויף העברעאיש אַ שיר, וועלכער

איז געווען אַ פּאַראָדיע צו נעקראַסאָווס „Контрасты“. פון דעם דאָזיגן שיר געדענק איך נאָך עד היום מער ניט ווי דעם ערשטן בית:

„על כל צעד בחיים לב אם נשימה—
זרות, תהפכות עינינו צופיות:
עולה פורחת, גם ראשה הרימה
ונכ"ה ואמת' ירדו תחתיות.
אם שנים יעשו עול ורמיה,
על אחד יתנפלו כשחל בדרך;
ולשני יביטו, יאלמו דומיה,
כי איש נכבד הנהו, איש רב-הערך.
מעשים כאלה מול עיני שתי,
לבי ילך תמם, גם רוחי סוערת,
וממעמקי לב כואב קול רם נתתי:
תהפכות-התבל, צרעת ממארת!“*)

צוקערמאַן האָט געהאַט גאַנצע העפטן אָנגעשריבענע אין העברעאיש און יידיש. צייטנווייז, ווען ער איז געווען אין אַ גוטע שטימונג, פלעגט ער זיך אַליין אָנשלאָגן פאָרצולייענען זיינע שריפטן פאַר באַקאַנטע, און פרעגן נאָך דעם אַ מיינונג. אַז די מיינונג פלעגט אויספאַלן גוט, פלעגט ער דערפון שטאַרק הנאה האָבן; ווען ניט, פלעגט ער פאַרבייסן די ליפּן און גאָרנישט ריידן. ווי מיר איז באַקאַנט זיינען זיינע כתבים פאַרבליבן אומגעדרוקט ביזן היינטיגן טאָג.

נאָר איין קליינע ריין סאָציאַליסטישע זאַך האָט צוקערמאַן אָנגעשריבן אין העברעאיש, און סמאָלענסקין, כאָטש זייענדיג אַ גרויסער געגנער פון סאָציאַליזם, האָט עס אָפּגעדרוקט אין „השחר“. די זאַך איז געווען אָנגעשריבן אין זעהר אַ גלענצנדן העברעאיש, און דאָס איז דער איינציגער טעם, וועלכער האָט דאַמאָלסט באַוואויגן סמאָלענסקינען צו פאַרעפנטליכן איר אין זיין זשורנאַל ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס ער איז ניט מסכים מיטן אינהאַלט.

די דערמאָנטע צוקערמאַנס העברעאישע סקיצע איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם, ווי די ערשטע יידישע משכילים-סאָציאַליסטן האָבן תופס

---

*) אין יידיש הייסט עס: „יעדער טריט אין לעבן אויב מיר באַטראַכטן, זעהן מיר אַלץ פאַרקערטע. ווילדע זאַכן: אומרעכט בליט, האַלט פאַררייסן דעם קאָפּ. און די אָרנטליכקייט מיט אמת ליגן אין דער ערד. אַז צוויי טוען אָפּ מעשיות רעים, פאַלט מען אויף דעם איינעם אָן ווי אַ לייב אין וועג, און וועגן דעם אַנדערן שווייגט מען, מ'שטומט ווי די וואַנט, ווייל ער איז אַ גרויסער, חשוב'ער מאַן. כ'האָב דערזעהן אַזעלכע מעשים און ס'איז דערביטערט געוואָרן מיין האַרץ און אויסגעקאָכט אין מיר האָט מיין גייסט, און פון דער טיפעניש פון מיין צו-ווייטאָגט האַרץ האָב איך אויסגעשריען: אַ פאַרקערטע וועלט! אַן אייביגע קרענק!“

געווען אין זייער צייט דעם סאָציאַליסטיש-מאַטעריאַליסטישן געדאַנק, און דעריבער געפין איך פאַר צוועקמעסיג צו ברענגען איר דאָ אין אַ יידישער איבערזעצונג.

IV

צוקערמאַנס העברעאישע סקיצע.—די צוויי תלמודישע מאַמאַס.—דער אינהאַלט פון דער סקיצע.—אַ דיאַלאָג צווישן אַ רייכן מיט אַן אַרבעטער.—אַ פרק פאָליטישע עקאָנאָמיע.

געהייסן האָט די סקיצע „רעיון מעולם הזה ומעולם הבא", ד. ה. אַ געדאַנקען וועגן דער וועלט און וועגן יענער וועלט. אַלס מאָטאָ האָט צוקערמאַן געבראַכט צוויי מימרה'ס, איינע פון מדרש רבה אויף שיר השירים, און די צווייטע פון דער גמרא בבא בתרא. די ערשטע מימרה זאָגט. „שחורה אני ונאוה (כ'בין שוואַרץ און שיין)—שחורה בעולם הזה ונאוה בעולם הבא: שוואַרץ אויף דער וועלט און שיין אויף יענער וועלט". די אַנדער מימרה זאָגט: „לא כחלוקה של עולם הזה חלוקה של עולם הבא"—ניט ווי ס'איז איינגעטיילט די וועלט, איז איינגעטיילט יענע וועלט".

„יעדעס מאָל ווען איך גיי אַרויף אויף מיין געלעגער, הויב איך אָן צו באַקלערן די פירונג פון דער וועלט. אין יענע מינוטן שווימען אַרויף אין מיין געדאַנקען פיל פראַגן און אַנטוואָרטן, איך וואַרף איין ווערטן און בוי אויף, איך וואַרף און בוי, בוי און וואַרף... „פאַרוואָס זייבען דאָס דאָ אַזוי פיל אומגליקליכע אויף דער וועלט?—וועגן דעם האָב איך נעכטן פיל געטראַכט—וועט דען תמיד אַזוי זיין? אויב יע, טאָ צו וואָס איז דאָס לעבן?!"... אַזוי האָב איך געטראַכט און געטראַכט ביז איך בין שטאַרק איינגעשלאָפן...

ערשט איך האָב דערזעהן פאַר מיר אַ גרויסן באַרג. אויפן שפיץ באַרג שטייט אַ געזונטער און אַ דיקער מאַן, זיין געזיכט איז רויט ווי בלוט, און זיין בליק דריקט אויס שטאָלץ; געקליידט איז ער זעהר רייך, מיט בריליאַנטענע פינגערלאַך, און עפּעס ווי אויף זיין שטערן וואָלט געווען אויסגעקריצט „עולם-הזה'ניק". גיין—גייט ער אַראָפּ באַרג... צו פוסן פון באַרג שטייט אַ שוואַכער, אומקרעפטיגער מענש, אַ דאַרער, אַ מאָגערער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און איינגעגראָבענע אויגן; אָנגעטאָן איז ער אין סמאַטעס, אויף זיינע אַקסלען טראָגט ער אַ שווערע משא, און זיין האַלז ווערט געדריקט פון אַ יאָך; אויפן שטערן איז ביי אים אויסגעקריצט „בן עולם-הבא'ניק". זיינע פיס זיינען געשמידט אין קייטן, אָבער ער שטאַרקט זיך און פויזעט באַרג אַרויף...

זיי האָבן זיךביידע באַגעגנט. דער „עולם=הזה'ניק" האָט געוואָרפן אויפ'ן „עולם=הבא'ניק" אַ שטאָלצן בליק, און יענער האָט אים געענטפערט מיט אַ בליק פון פאַראַכטונג. דער „עולם=הזה'ניק" האָט אַזש אויפגעציטערט פון צאָרן, און דער „עולם=הבא'ניק" האָט קוים אויפגעהויבן זיין קאָפּ און האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים.

— ווער ביסטו, דו אומפאַרשעמטער קנעכט?—האָט געפרעגט דער „עולם=הזה'ניק".

— און דו ווער ביסט? גאַלעגוטסקער האָן!

— איך? מיר געהערט די גאַנצע וועלט; אַלץ וואָס דו זעהסט, איז מיינס; איך בין אַן „עולם=הזה'ניק"!

— און איך—אויף דער וועלט פאַרמאָג איך גאָרנישט, אָבער עס דער־וואַרטן מיר גוטע טעג אין דער צוקונפט, ווייל איך בין אַן „עולם=הבא'ניק".

— זאָג! ווען איך וואָלט געוואָלט—איך וויל דאָס ניט, אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז איך וואָלט דאָס געוואָלט—וואָלטסט דו אויסגעביטן דיין וועלט אויף מיינע?

— דיין וועלט קען מיר ניט געפעלן.

— וואָרום?

— ווייל ס'איז אַ וועלט אַ דערווייליגע; אירע פונדאַמענטן זיינען שוואַך, און זי האַלטביים איינפאַלן...

— דו אוממענטש! די דאָזיגע פונדאַמענטן (ער ווייזט אים אַ פּעקל באַנקנאָטן) זיינען ניט קיין שוואַכע! איך קען פאַר זיי אָפּקויפן אי דיר אי דיין וועלט אויף אייביג!

— איך האָב אין דער וועלט קיין חלק ניט; אין איר ביסט דו דער הערשער, און דעריבער קענסטו מיר דריקן וויפל דיין האַרץ געלוסט, קענסט אויך אָפּקויפן מיר מיט מיין הויזגעזינד פאַר קנעכט און פאַר דינסטן, קענסט עסן אונזער פלייש און שמאָקצן אונזער בלוט. אָבער דערפאַר האָסט דו קיין חלק ניט אין יענער וועלט, ווייל אויף יענער וועלט קענען ניט און וועלן ניט זיין קיין מענשן פּיאַווקעס, וואָס זיינען דאָרשטיג צו מענשעסע בלוט, און יאָגן זיך נאָך נאַרישקייטן—

— מיר יאָגן זיך נאָך נאַרישקייטן? האָסטו דען קיין אויגן ניט צו זעהען, אַז וואָס אַ טאָג פאַרפּולקומען מיר זיך אַלץ מער אין אַלערליי וויסנשאַפטן? דו ווייסט דען ניט ווי עס ווערן וואָס ווייטער אַנטוויקלטער אונזערע געפילן? דו ווייסט ניט, אַז מיט יעדער מינוט לערנען מיר זיך זיין אַלץ מער בעסער צו לייטן?

— יאָ! איך זע טאַקי ווי איר פאַרפּולקומט זיך אויף יעדער שריט און טריט; איך זע די פאַרפּולקומונג פון אייער „בית=דין", ווי די זאַטע דיינים פאַרמשפּט'ן די הונגעריגע אָנגעקלאָגטע צו געפענגעניש; איך זעה אייערע פאָרטשריט אין „מעדיצין", ווי די דאָקטוירים פאַרשרייבן „רעצעפּטן" אָנשטאָט

צו פאַרשרייבן „ברויט און אַ בגד"; איך זעה אייערע פאָרטשריט אין „בוי-קונסט", אז אין די הייזער פון די אָרימע לייט פעלט די נויטיגע לופט, און די פאַבריקן און די זאַוואָדן, וואו עס זיינען אויפגעפּרעכט פיל אַרבעטער, זיינען נעסטן פון אַלערליי קראַנקייטן; איך זעה אייער פאָרטשריט אין דער „אינדוסטרי", אז א יין נייע מאַשין פאַרטרייבט אַ סך אַרבעטער צום הונגער... איך זעה אויף וויפל עס זיינען „אַנטוויקלט אייערע געפילן", אז איר יאָגט אייך נאָך גרויסע נדב'ען, און אויף די אָרימע לייט בייזערט איר זיך פאַרוואָס זיי האָבן חתונה; איך זעה אויף וויפל עס זיינען „אַנטוויקלט אייערע געפילן", אז איר צווינגט פרויען מיט קינדער פאַר אייך צו אַרבעטן, כדי איר זאָלט פאַרדינען מער געלט.. איך קען אייער „גוטסקייט צו לייטן", איך זעה אייערע פילע געפענגעניסן, אין וועלכע עס ווערן געפייניגט די הונגעריגע, וואָס זיינען געפאַלן אין דער מלחמה פאַר זייער עקסיסטענץ; איך קען אייער „גוטסקייט צו לייטן", איך זעה ווי איר ברענגט אויף דער וועלט מלחמות, ווי איינער דעם אַנדערן דערמאָרדעט איר, ווי איינער דעם אַנדערן עסט איר אויף...

— אַלץ, וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט איז, ליידער, ריכטיג; מ'קען דאָס אָבער ניט אומענדערן. דאָס איז אַ געזעץ אין דער וועלט-אָרדענונג פון דער ערשטער מינוט אָן, אַז דער שטאַרקער געוועלטיגט אויפ'ן שלאַפן, און אַז דער גבור באַהערשט דעם שוואַכן, דאָס איז אַ דאַרוויניש ער געזעץ, און אויף דעם שטייט און האַלט זיך די וועלט...

— נאָר די וועלט לויט איר סדר און פירונג, אָבער ניט יענע וועלט —

— די וועלט קען זיך אַנדערש ניט פירן.

— זי קען, זי קען —

— ברענג מיר ניט אַריין אין כעס, וואָרום איך וועל דיר צושפּאַלטן דעם קאָפּ —

— שלאָג מיך, פאַרוואונד מיך, שמיד מיך אין קייטן און שיק מיך אוועק צום טייוול, און איך וועל דיר אַלץ זאָגן דעם אמת, ווייל אַנדערש קען איך ניט, און דורך מיין אמת וועל איך זוכה זיין צו יענער וועלט.

— דו ביסט אַ טרוימער, אַ פאַנטאַזיאָר!

— אַזוי ווייז איך דיר אויס, ווייל דו ביסט ערצויגן געוואָרן אויף די פאַלשע פאַנטאַזיעס פון דער וועלט, און דיין געלט — אָט דאָס איז דיין וועלט; קיין אַנדער וועלט פאַרשטייסט דו ניט און דו קענסט ניט פאַרשטיין, און דיינע גאָלדענע געטער וועסטו ניט אוועקוואַרפן ביז דער לעצטער מינוט פון דיין לעבן. דעריבער איז דיין אָנפאַנג געלט און דיין סוף ווערים און מיט יענער וועלט ביסטו קיין מחותן ניט.

— דו ביסט אַ פוילער, און דעריבער ליגסטו אין הבלים.

— ניין, דו בעל העזה'ניק! די פוילער האָבן זיך אָפּגעקויפט די וועלט. לייג אַרויף די האַנט אויפ'ן האַרצן און זאָג מיר: דו האָסט עפּיס אין דיין

לעבן אַ סך געהאָרעוועט? אַ סך האָרעוועסט דו דיך אָן אַנטלייענדיג געלט אויף פּראָצענט, אָדער האַנדלענדיג מיט סיגגאַציעס און פאַרמאַטערנדיג דיינע אַרבעטער צום טויט?... און נאָכדעם האָסטו נאָך די העזה אָנצורופן „פוילער" אַ מענשן, וואָס פאַרברענגט אויף אַרבעט זיין גאַנצן לעבן, אַ מענשן אַן „עולם־הבא׳ניק"? הערנדיג דאָס ווערט מיין בלוט אין מיר אויפגעזאָדן. אָ, דו גאָט פון אמת! זיי זיך נוקם אָן די פוילער, פאַרטרייב זיי, פאַרלענד זיי, און לאָז קעניגן די אַ ר ב ע ט אויף יענער וועלט...

— דו אומפאַרשעמטער קנעכט! דו ביסט אַ קנעכט געבאָרן, און דו באַגערסט, אַז די קנעכטשאַפט זאָל פאַרבלייבן אויף אייביג!

— אָט דאָס האָב איך דאָך געזאָגט, אַז אַן אַנדער וועלט, אויסער דער וועלט פון געלט, קענסטו ניט פאַרשטיין... פון דער נאַטור בר̇ענגט די אַרבעט פאַרגעניגן דעם האָרעפּאַסניק, ווען ער האָרעוועט ניט מער ווי עס ערלויבן אים זיינע פיזישע קרעפטן, ווען די באַדינגונגען פון דער אַרבעט שטימען מיט די באַדינגונגען פון לעבן, ווען די לוין פון דער אַרבעט גיט דעם אַרבעטער די מעגליכקייט צו שפּייזן זיך ווי עס באַדאַרף צו זיין, צו וואוינען אין אַ געראַמער דירה, צו טראָגן אַ רעכטן מלבוש, צו זיין באַוואָרנט פון קעלט, צו האָבן צייט אויף רוהען, צו באַרייכערן זיינע ידיעות, צו לעבן און צו ערציהען די קינדער...

— און וואָס נאָך פאַרלאַנגסטו, איך זאָל דיר געבן?

— ד ו וועסט מיר געבן? איך פאַרלאַנג פון דיר ניט קיין מתנות, נאָר גערעכטיגקייט.

— לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויף דער „עפנטליכער מיינונג".

— די „עפנטליכע מיינונג" קויפט מען פאַר געלט, און די ליטעראַטור איז נאָר אַ מאַרק.

— אָט לאָמיר אונז, אדרבה, דורכטענה׳ן: קומט איר דען ניט אַרבעטן ביי אונז מיט אייער גוטן ווילן און ניט געצוואונגענערהייט פאַר דעם געצאָלט, וואָס מיר באַשטימען אייך! מ י ר קומען דאָך צו אייך ניט בעטן זיך, נאָר א י ר קומט צו אונז מיט תחנונים; און וויפל מאָל טרעפט אויך, אַז איר פאַרגיסט פאַר אונז טרערן ביז מיר באַוויליגן צו דערפילן אייער בקשה...

— די נויט און דער הונגער, אָט זיי זיינען דאָס די פאַרמיטלער צווישן אונז; איר אַליין עסט אויף דאָס גאַנצע גוטס פון דער וועלט, און זיי שיקט איר צו אונז פאַר מעקלערס אַרויסצושטויסן אונז פון אונזערע הייזער מיט גוואַלד... די נאַטור האָט אין אונז אַרויסגערופן פיל באַדערפענישן, און כל זמן מיר האָבן אין זיך אַ נשמה, דאַרפן מיר זי אויפהאַלטן ביי׳ם לעבן...

— אָבער אַז איך וועל דיר אַוועקגעבן מיינס און א י ך וועל ווערן ד ו ?! —

— [illegible] וועסט געבן? אַ מתנה? ווער פאַרלאַנגט דען פון ד י ר עפּיס? די נאַטור [illegible]אַגט אַ סך און קען געבן יעדערן אַלע זיינע נאַטירליכע באַדערפע־

נישן, און פיל מענשן זיינען דאָ אויף צו באַאַרבעטן די ערד... אָבער אויף דער וועלט זיינען די אומנאַטירליכע באַדערפענישן מערער פון די נאַטירליכע, און אַ סך הענט זיינען פאַרנומען מיט די אומנאַטירליכע באַדערפענישן, און דעריבער פעלן הענט אויף אויסצואַרבעטן די נאַטירליכע באַדערפענישן, און צוליב דעם זיינען דאָס דאָ אויף דער וועלט אַזוי פיל אומגליקליכע... וואָס איז אָבער די פּעולה פון די רייד? דו פאַרשטייסט, אַפּנים, וואָס איך זאָג? הערסטו זיך גאָר איין? זייענדיג פאַרזונקען אין דעם אָפּגרונד פון די ווילדסטע תאוות קענסטו דען זעהען די אמת'ע קלאָרע ליכט? קענסטו דען פאַרשטיין, אַז דאָס רוב מלאכות, וואָס מענשן טוען אויף דער וועלט, איז אויסער וואָס זיי זיינען אַן איבעריגער לוקסוס, טויטן זיי נאָך אויך אָפּ ביים מענשן דעם גייסט מיט דעם געפיל... דו פוצט דיך, דו קליידסט דיך שיין, דו טראָגסט בגדים פון די טייערסטע מאַטעריעס, איך זעה אויף דיר אויך גאָלד און דימענטן—איצטער נעם און באַרעכן זיך וויפל אומזיסטע מלאכות זיינען דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן דורך אַ סך אַרבעטער: דער פאַרבער—צו פאַרבן די מאַטעריע, דער וועבער—צו וועבן די פעדים ווי געהעריג, דער שניידער—צו נייען דעם בגד נאָך דער לעצטער מאָדע. אָט די אַלע מלאכות האָבן צו דער נאַטור פון בגד (אַלס צודעק און אַ באַשיצונג צום גוף) גאָרנישט צוגעגעבן, און דעריבער דאַרף דאָס באַטראַכט ווערן ווי אַ פולשטענדיגע מותרות. און דו האָסט אַוועקגעריבט אַרבעטנדע הענט פון די נאַטירליכע באַדערפענישן, און דורך דעם האָסטו שלעכץ געטאָן מענשן... און דאָס גאָלד? און די בריליאַנטן? וויפל מענשעסע ביינער זיינען שערבלאַך געוואָרן ביז זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אָט די דאָזיגע אַלע טייערע זאַכן?!... אַז דו וואָלסט געהאַט אויגן צו זעהן, וואָלסטו דאַן פופציג מיני אַרבעטן פון הונדערט געפונען פאַר לגמרי ניט נויטיג, פערציג—וועלכע מ'דאַרף אפילו האָבן, אָבער אויך אין זיי איז דאָ אַן איבעריגער עלעמענט, און נאָר די איבעריגע צעהן זיינען אַזעלכע סאָרטן אַרבעטן, אָן וועלכע מ'קען ניט אויסקומען. פופציג האָט באַשאַפן די תאווה, פערציג—די נאַרישקייט, און צעהן—דער נוצן. דעריבער פעלן אויס אַ סך נוצליכע זאַכן, און דורך דעם וואַקסן אויס די אָרימקייט און נויט... וואָלט איר קלוג געווען, וואָלט איר דאַן געזאָרגט צו מאַכן אַן אָרדענונג אין דער אַרבעט; פריער פאַר אַלץ האָט איר געדאַרפט באַשטעלן אַרבעטער פאַר נוצליכע זאַכן, עס זאָל אין זיי ניט זיין קיין מאַנגל, און ערשט נאָכדעם ווען די נויטיגע באַדערפענישן וואָלטן געווען גענוג פאַר אַלעמען, וואָלט איר די איבעריגע אַרבעטער פאַרנוצט צו אַנדערע מלאכות, און אויך דעמאָלט דאַרפט איר זיין תמיד באַרעכנט, איר זאָלט ניט אַראָפּקריכן אָן אַ זייט פון דער נאַטור, און זעהן אַז אַלע זאָלן האָבן אין אַלץ אַ גלייכן טייל, עס זאָלן ניט זיין קיין הערן און קיין קנעכט, ניט קיין בייסער און ניט קיין געביסענע, נאָר אַלע גלייך, אַלע פריינד און ברידער אויף דער וועלט...

דער „עולם=הזה׳ניק" האָט פאַרשטאָפּט די אויערן ניט וועלנדיג מער הערן די רייד פונ׳ם „עולם=הבא׳ניק", און איז גיך אַראָפּ פון באַרג...

— לויף, לויף—האָט נאָך אים נאָכגעשריען דער „עולם=הבא׳ניק"—לויף אַראָפּ באַרג, אין דער טיפעניש, אין גרוב אַריין, איך וועל גיין פּאַוואָליע, איך וועל מיך מיה געבן אַרויפצוגיין אויפ׳ן באַרג צום לעבן פון דער קומענדיגער וועלט...

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון דער סקיצע, וועלכע איז ווייניגער בילד פון דערווירקליכקייט און מערער אַ שטיק פּרק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

איך דאַרף דאָ נאָר באַמערקן, אַז צוקערמאַן האָט אויף דער סקיצע ניט אויסגעשטעלט זיין בפירוש נאָמען, נאָר דעם פּסעוודאָנים „ט ז ר י ב ן י ו ס פ א ל".

געוויס האָט ער אין דעם געהאַט זיינע טעמים.

V.

פּאַרוואָס צוקערמאַן האָט נ י ט געאַרבעט אין ליבערמאַנס „האמת".—צוקערמאַנס קאָנפליקט מיט סמאָלענסקינען.—די ווירקונג פון ליבערמאַנס אַרעסט אויף צוקערמאַנען.—צוקערמאַן גייט אַריבער אין דער ר ו ס י ש ע ר אָפּטיילונג פון דרוק.—צוקערמאַן ווערט פּלוצלונג געלט פון ווין.—ער אַרבעט אין אַ געהיימען דרוק פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" אין פּעטערבורג.—וואָס אַ רוסישע „נאַראָדאָוואָליקע" דערציילט אין אירע זכרונות וועגן צוקערמאַנען.—צוקערמאַן ווערט פאַר־משפּט אויף קאַטאָרגע—ער גייט אַראָפּ פון זין און דערטרינקט זיך.

אין מאַי 1877 האָט ליבערמאַן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ווין דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש=זשורנאַל „ה א מ ת". אַלע, וועלכע האָבן וועגן עס איז און וואו עס איז געשריבן וועגן „האמת", האָבן דערביי דערציילט, אַז צוקערמאַן איז געווען ליבערמאַנס הויפּט=מיטאַרבעטער. ווי מיר איז באַקאַנט, איז דאָס אָבער ניט ריכטיג. און די אַלע פיר נומערן „האמת", וואָס זיינען ערשינען, האָט צוקערמאַן קיין א י י ן זעלבסטשטענדיגן אַרטיקל ניט געשריבן. דער גאַנצער מאַטעריאַל פון „האמת", אַ חוץ די שירים, איז געווען ליבערמאַנס אַליין. די סבה דערפון איז געווען אַ גרויסע מיינונגס=פאַרשיידנהייט בנוגע דאָס פּראָגראַם פון זשורנאַל. צוקערמאַן איז געווען לויט זיינע אָנשויאונגען אַ סך עקסטרעמער פון ליבערמאַנען, און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די דאָזיגע עקסטרעמיטעט זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין „האמת", און ליבערמאַן האָט עס נאָך געהאַלטן פאַר פריצייטיג. דערפאַר אָבער האָט צוקערמאַן געהאָלפן ליבערמאַנען אַלס זעצער. דער גאַנצער זאַץ פון „האמת" איז געווען צוקערמאַנס אַרבעט.

אויפ'ן פערטן נומער, בשעת דער „האמת" איז פאַרבאָטן געוואָרן אין רוסלאַנד און האָט זיך צוליב דעם געמוזט פאַרמאַכן אינגאַנצן, האָט ליבערמאַן, ווי ס'איז באַוואוסט, אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין סמאָלענסקינס העברעאישן וואָכנבלאַט „המביט. צוקערמאַן האָט אין „המביט" ניט געשריבן, ווייל אין יענער צייט האָט ער אינגאַנצן איינגעריסן מיט סמאָלענסקינען, כאָטש ער האָט ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן ביי אים אין דרוק. צוקערמאַן האָט אין יענער צייט אָרגאַניש ניט געקענט פאַרטראָגן קיין „בעל-הבית", וואָס האַלט אַרבעטער, און אויף יעדן בעל-הבית האָט ער געקוקט ווי אויף אַן עקספּלואַטאַטאָר, און אַלס אַזעלכן האָט ער באַטראַכט אויך סמאָלענסקינען. ער האָט אויפגעהערט ניט בלויז צו באַזוכן סמאָלענסקינען, נאָר האָט אויך אויסגעווייכט אפילו צו ריידן מיט אים.

ליבערמאַנס אַרעסט אין פעוורואַל 1878 האָט אויף צוקערמאַנען געמאַכט אַ גוואַלדיג שרעקליכן איינדרוק. אויסער, וואָס ער האָט זיך דורכ'ן אַרעסט צושיידט מיט אַזאַ טרייען חבר, האָט ער נאָך מורא געהאַט, אַז ער זאָל אויך ניט כאַפּן ליבערמאַנס פּסק. יעדע נאַכט האָט ער זיך געריכט, אַז אָט קומט מען און מ'אַרעסטירט אים אויך. אויף אַ געוויסע צייט האָט ער אויפגעהערט צו גיין אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קרייזל און איז נאָכאַנאַנד געזעסן אויף זיין קוואַרטיר. ער האָט זיך געוועסט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנקען צו פאַרלאָזן ווין און אַריבערצוקלייבן זיך אין בערלין צו זיינע מאָהילעווער חברים, צו אַראָנסאָנען מיט גורעוויטשן, האָט ער אָבער מיט אַמאָל דערהערט, אַז זיי זיינען אויך אַרעסטירט.

אין יענער צייט האָט זיך אין סמאָלענסקינס דרוק געעפנט אַן אָפּטיילונג פאַר ר ו ס י ש. צוקערמאַן איז תיכף אַריבער אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג. ביי זיינע באַקאַנטע איז דאָס געווען אַ שטיקל חידוש, ווייל מ'האָט געוואוסט, אַז וועגן פאָרן קיין רוסלאַנד קלערט ער גאָר ניט, און זאָגן האָט ער תמיד געזאָגט, דאָס סוף-כל-סוף וועט ער לאָזן ווין און וועט זיך באַזעצן אין איינער פון די גרעסטע דייטשע שטעט, וואו ער וועט אַריינטרעטן אין אַ דייטשן דרוק.

אינמיטן ווינטער 1879 איז צוקערמאַן פּלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן פון ווין, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהין געקומען. אַנדערע האָבן געוואָלט גלויבן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ סאָציאַליסטישן ענין און איז אַרעסטירט געוואָרן; מ'האָט זיך אָבער גענומען נאָכפרעגן אין אַלע געהעריגע אינסטאַנציעס, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער האָט צוקערמאַנען ניט אַרעסטירט.

די זאַך איז ערשט אויפגעקלערט געוואָרן אין אַ יאָר אַנדערהאַלבן אַרום בשעת אין פּעטערבורג איז דורך סאָציאַליסטן-טעראָריסטן דערהרג'ט געוואָרן דער רוסישער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

אין יענער צייט זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דער געהיימער זשאַנדאַרמעריע אין פּעטערבורג גרויסע הויז־זוכונגען. ביי איינער פון די דאָזיגע הויז־זוכונגען האָט זיך די זשאַנדאַרמעריע אָנגעשטויסן אין דער סאָפאַרן־געסל אויף אַ געהיימען דרוק, אין וועלכן ס'האָט זיך געדרוקט דער אָרגאַן פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" „זעמליאַ אי וואָליאַ" (ערד און פרייהייט). איינער פון די אַמאָליגע זעצער, וועלכע מ'האָט געכאַפּט בשעת דער הויז־זוכונג אין יענעם דרוק, איז געווען — צוקערמאַן.

איינע אַ רוסישע פרוי, אַ געוועזענע נאַראָדאָוואָלקע, סאָפיאַ איוואַנאָוואַ באָריישאַ, וואָס האָט דאַן געאַרבעט צוזאַמען מיט צוקערמאַנען אין דעם דערמאָנטן דרוק און איז אינאיינעם מיט אים אַרעסטירט געוואָרן, האָט אין אַ צייט אַרום פאַרעפענטליכט אירע זכרונות וועגן דעם ערשטן דרוק פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"*), און צווישן אַנדערן דערציילט זי בנוגע צוקערמאַנען די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע פּרטים:

„צום סוף סעפּטעמבער, דאַכט זיך, איז געקומען צופאָרן אַ נייער זעצער — ל י י ז ע ר צ ו ק ע ר מ אַ ן. ער איז געווען אַ מייסטער אין דרוק־זאַכן און באַלד אויפן אַנדער טאָג האָט ער זיך שוין געשטעלט ביים קאַסטן. אים איז אויסגעקומען צו וואוינען אין דעם געהיימען דרוק אַלס אומלעגאַלער קוואַרטיראַנט, און זיצן שטענדיג אין דער היים. מיר האָבן אַפילו געקענט קריגן פאַר אים אַ פאַלשן פּאַס; מיר האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס, וואָס עס געפינען זיך ביי אונז עטליכע יונגע לייט, קען פאַרדעכטיג ווערן ביים דוואָרניק.

דער סדר־היום אין דרוק איז פאָרגעקומען אויפן פאָלגנדן אופן: באַלד אינדערפריה האָט מען זיך גענומען פאַר דער אַרבעט; איינע פון די פרויען, אַ קורסיסטקע, איז ביז מיטאָג געווען באַשעפטיגט מיט דער וואַרשטאַט. די מאַנסביל זיינען געווען זעהר אַרבעטזאַם אין זייער פאַך, אָבער זעהר נ י ט ג ע ר ן ה אָ ב ן זיי זיך פאַרנומען מיט וועלכע ס'איז הויזליכע אַרבעטן. אַן אויסנאַם איז געווען נאָר צוקערמאַן, וואָס האָט זיך, זייענדיג אַ גוטהאַרציגער פון דער נאַטור, פון קיין אַרבעט ניט אָפּגעזאָגט און זעהענדיג, אַז די דאַמען האָט שוין די קיך דערעסן, איז ער געווען מוכן ומזומן צו נעמען אויף זיך אויך די ראָל פון אַ קוכער. מיר האָבן אָבער די דאָזיגע גוטהאַרציגקייט זיינע ניט אויסגענוצט אָדער, ריכטיגער געזאָגט, מיר זיינען צופיל ניט געווען איינגעטרויט אין זיין קאָך־קונסט. אַזוי האָט מען געאַרבעט נאָכאַנאַנד ביז מיטאָג. נאָך מיטאָג האָט מען גערוהט. אין דער צייט פלעגט געוויינליך קומען ווער עס איז פון אונזערע געוויינליכע באַזוכער און האָט אונז געבראַכט ידיעות וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער ווייסער וועלט. ס'זיינען אָבער געווען אויך אַזעלכע טעג, ווען קיינער האָט אונז ניט באַזוכט, און דאַן איז אונז נאָך דער אַרבעט זעהר לאַנגווייליג און אומעטיג געווען. אַזוי זיינען ביי אונז אַוועק אַ טאָג פאַר אַ

---

*) „Былое" סעפּטעמבער־ביכל פון 1906.

טאָג, מיר האָבן ניט געוואוסט פון יום־טובים, פון רוה, פון פאַרווייַלונגען. דערצו זייַנען נאָך אונזערע חברים געווען כמעט אַלע מענשן תמיד שוויַיגעדיגע און אין זיך אייַנגעשלאָסענע.

„צום גליק האָט דער גורל צוגעשיקט אונזער שוויַיגעדיגער קאָמפּאַניע לייזער צוקערמאַנען, אָט דעם לעבעדיגן, באַרעדזאַמען און אומגעוויינליך גוט־האַרציגן מענשן. ער איז ניט געווען קיין פּלוידערזאַק, ער האָט זיך קיינעם ניט אָנגעשלאָגן מיט רייד; ער האָט אָבער ניט געקענט זיצן אין דער געזעל־שאַפט פון חברים און שוויַיגן. ווען אים פלעגט זיך ניט איינגעבן אַרויסצורופן ביי זייַנע חברים קיין שמועסן, האָט ער זיי געצוואונגען צו זינגען בשעת דער אַרבעט, און ער האָט אָנגעהויבן דער ערשטער. קיינער פון אונז האָט צוקער־מאַנען פריהער ניט געקאָנט; נאָר מיט איינמאָל איז ער אַריין אין פריינדליכע באַציהונגען מיט אונז אַלעמען, און מ'מוז מודה זיין, אַז זיין געגנוואַרט האָט באַלעבט אונזער גאַנצע געזעלשאַפט. ער איז געווען פיל עלטער פון אַלע זייַנע חברים, ער האָט אָבער באַזעסן אַ קינדערשע ריינע נשמה און איז געווען אַזוי איינפאַך, אַז יעדערן האָט זיך געדוכט עפּעס ווי ער קען לייזערן פון לאַנג.

„צוקערמאַן איז געווען אַ ייד פון מעריב־קאַנט. זיין פאַמיליע איז געווען זעהר אַ פאַנאַטישע, און אין דער היים האָט זיך אים געלעבט אַזוי שלעכט, דאָס נאָך גאַנץ יונג איז ער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ העלפט פון זיין לעבן. ניט האָבנדיג קיין מיטלען צום לעבן איז ער געוואָרן אַ זעצער, און האָט אָפּגעאַרבעט זיין גאַנצן לעבן דאָ אין דייטשע דרוקן און דאָ אין רוסישע—עמיגראַנטישע*).

„אים האָט אָבער געצויגן צוריקצוקערן זיך קיין רוסלאַנד, און בעת מ'האָט אים פאָרגעלייגט צו פאָרן קיין פּעטערבורג און אַריינצוטרעטן דאָרטן אין אַ געהיימען דרוק, האָט ער אַ סך ניט געקלערט, און איז מרוצה געוואָרן. זיין געבראָכענע רוסישע שפּראַך און זיין אומבאַקאַנטשאַפט מיטן רוסישן לעבן, באַזונדערס אין פּעטערבורג, וועלכע ער האָט פריהער ניט געקאָנט, האָבן גורם גע־ווען צו אַ סך קוריאָזן. אין די „דאָנערשטאָגס", בעת מ'האָט צוליב געוויסע קאָנ־ספּיראַטיווע סבות אין דרוק ניט געאַרבעט, פלעגט ער גיין באַזוכן זייַנע ווי־ניגע באַקאַנטע פון אויסלאַנד; דערנאָך פלעגט ער זיך לאָזן גיין איבער'ן שטאָט, אָדער ער פלעגט אַריינגיין אין דער עפנטליכער ביבליאָטעט. אַ היים פלעגט ער מיטברענגען אַ מאַסע ערציילונגען וועגן די מערקווירדיגע פּאַסירונ־גען, וועלכע האָבן אים פּאַסירט אַלס אויסלענדער, און אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער אונז אַמוזירן מיט זייַנע מעשיות.

*) די רוסישע פּרוי, די שרייבערקע פון די דאָזיגע מעמואַרן, איז, קענטיג, ניט גע־נוי אָריענטירט געווען אין צוקערמאַנס ביאָגראַפיע.

אין זיין רוה־צייט פלעגס ער פלייסיג לייענען צייטונגען און שטאַרק אינטערעסירן זיך מיט פּאָליטיק. דערנאָך פלעגט ער אויף דער טעמע אָנציהען אַלגעמיינע שמועסן, און פלעגט זיך משתדל זיין אַריינצושלעפּן אין זיי זיינע שווייגעדיגע חברים. יענע פלעגן אים גערן אין דעם אונטערהאַלטן, ווייל ס׳איז זיי געווען זעהר אינטערעסאַנט צו זעהען ווי צוקערמאַן פלעגט זיך מיט התלהבות פונאַנדערלאָזן אין פאַנטאַזיעס מכח דער אויסלענדישער פּאָליטיק און אַרויסזאָגן פּאַראַדאָקסאַלע מיינונגען וועגן דעם קומעדיגן גורל פון די אייראָפּייאישע מלוכות.

מיט לייב און לעבן האָט זיך צוקערמאַן צוגעבונדן צו זיינע חברים אין דרוק, און צו יענע, וועלכע פלעגן אָפּט קומען באַזוכן אונז. זיין באַוואוסטזיין, אַז ער ברענגט נוצן דער זאַך, האָט אים זעהר באַפרידיגט, און ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען צופרידן מיט זיין בייער לאַגע. זיין גוטסקייט און זיין רירנדיגע אויפמערקזאַמקייט צו אַלע אַרומיגע מענשן האָבן אים באַשאַפן אַסך פריינד אי דאָ אין דרוק, אי דערנאָך אין דער קאַריער קאַטאָרזשנער געפּענגעניש, וואָהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן צוליב דעם דאָזיגן דרוק. נאָכדעם ווי מ׳האָט לייזערן אַרעסטירט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון וועלכע עס זאָלן ניט זיין דערקלערונגען נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דורך אַ וועלכן עס איז אומפאָרזיכטיגן וואָרט קען ער שאָדן ברייינגען זיינע חברים. די אָנקלאָגע געגן אים איז גאָר ניט געווען אויף אַזוי פיל גרויס, אַז ס׳זאָל אים ניט האָבן געלוינט אָפּצוגעבן אַן ערקלערונג וועגן זיין ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי״.

* *
*

פאַר זיין אָנטייל אין דעם געהיימען רעוואָלוציאָנערן דרוק פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ איז צוקערמאַן פאַרמשפּט געוואָרן פאַרשיקט צו ווערן אויף פיר יאָר אין דער קאַריער קאַטאָרזשנער געפּענגעניש, וועלכע איז געווען באַקאַנט פאַר איינע פון די שרעקליכסטע לויט איר גרויזאַמען רעזשים.

לויט די ווייניגע און קאַרגע ידיעות, וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן וועגן צוקערמאַנס לעבן אויף דער קאַריער קאַטאָרגע, ווייס מען נאָר, אַז ער האָט זעהר פיל געליטן באַזונדערס מאָראַליש. ביסלאַכווייס איז ער געוואָרן בייסטיג געדריקט און פּעסימיסטיש געשטימט. זיין איינציגע טרייסט האָט ער געפונען אין תנכ׳ל, וועלכן ער האָט ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט ווי טאָג און ווי נאַכט.

אין שטאַרקע זעלישע יסורים זיינען אים אַריבער די פאָר יאָר פון זיין קאַטאָרגע. נאָכדעם האָט ער באַקומען די ערלויבניש צו באַזעצן זיך אַלס „פּאַסעלענעץ״ אין יעניסייער געגנט. ער איז אָבער שוין דאַן געווען אינגאַנצן צובראָכן און געריַרט פון מח. אין וועג צו דעם אָרט, וועלכן די סיבירער

אדמיניסטראַציע האָט פאַר אים באַשטימט, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין יעניסיי און האָט זיך דערטרונקען.

און עד היום איז פאַרבליבן אומבאַוואוסט, צי מ'האָט צוקערמאַנס קערפער ווען עס איז געפונען און צו איז ער געקומען צו קבר ישראל...

מ'ווייס נאָר, אַז נאָך זיין טויט האט מען ביי אים געפונען אַ פעקל שירים אין העברעאיש און יידיש, וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע פאָר יאָר אין דער קאַריער קאַטאָרגע, און אין וועלכע ער האָט באַקלאָגט די טראַגעדיע פון זיין יידישער נשמה...

העסי העלפמאַן.

(געבאָרן—1852; געשטאָרבן—1882).

העסי (אָדער: העני) געווען איינע פון די ערשטע יידישע קרבנות אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. נאָך זייענדיג גאַנץ יונג, כמעט אַ קינד, איז זי, אַדאַנק פאַרשיידענע השפעות, צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און דורך איר איז זי ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם גרויסן מעכטיגן רעוואָלוציאָנערישן שטראָם, וואו זי איז פאַרבליבן ביז איר לעצטער טראַגישער מינוט. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג מיט איר גאַנצן יוגנטפייער, און איז פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרן איינע פון אירע אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע טוערס. אירע רוסישע חברים און חברטעס, וואָס האָבן מיט איר געאַרבעט אויף איין געביט, האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן, פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען ביי דעם שוואַכן קליינשטעטלדיגן יידישן מיידל אַזויפיל ענערגיע מיט אַזאַ פעסטן מוט און מיט אַ גייסט, וועלכער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשראָקן, און איז תמיד געווען מוכן ומזומן צו אַלערליי יעפאַרן און מסירות-נפשן, ווען ס'האָט זיך נאָר גערעדט וועגן אויפטאָן דאָס אָדער יענץ לטובת דעם אַלגעמיינעם אידעאַל?

און אין אמתן איז העסי העלפמאַן געווען זעהר אַן אינטערעסאַנטע און אָריגינעלע פערזענליכקייט.

I.

מאָזיר אין 1852-טן יאָר.—העסי'ס עלטערן.—העסי'ס פריע גייסטיגע אַנטוויקלונג.—איר אומגעהויער גרויסער חשק צום לייענען.—איר ליבע צו פירן שמועסן און צו חקירה'נען זיך.—צו דרייצן יאָר קומט אין איר פאָר אַ גרויסע פאַרענדערונג.—זי ווערט שווייגעדיג און איינגעשלאָסן אין זיך.—די עלטערן האַלטן, אַז ס'איז אַ קאַפּריז.—העסי הויבט אָן צו שרייבן אַ טאָג-ביכל.

העסי העלפמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1852 אין מ אָ ז י ר, מינסקער גובערניע. אין יענער צייט איז נאָך דאָס ליטווישע יידנטום בכלל געווען אָפּגעשטאַנען און פאַרגליווערט אין אומוויסנקייט און פאַנאַטיזם, און באַזונדערס

אין אַזאַ שטאָט ווי מאָזיר, וואָס איז געווען אָפּגעריסן און דערווייטערט פון אַ וועלכן ס'איז צענטער, און נאָהענט צו אַזאַ פאַרגרעבטן קאַנט ווי פּאָלעסיע. אין אָנהויב 50=ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט האָט צווישן די מאָזירער יידן געהערשט ממש השכת=מצרים, ווילדע פאַנאַטישקייט און אָבערגלויבעריי. די אָפּגעלעבטע טראַדיציע איז געווען אַ מושלת בכפה אין יידישן הויז, זי האָט אָנגעפירט מיט דער יידישער אַלטעגליכקייט און האָט געזאָגט איר גרויס וואָרט אין דער יידישער קינדער=ערציהונג.

העסיס פאָטער, ר' מאיר העלפמאַן, איז געווען אַ ייד אַן עושר, לויט די דאַמאָלסדיגע השגות. ער איז געווען אַ האָלץ=סוחר, און זיין ווייב האָט געהאַלטן אַ מאַניפאַקטור=געשעפט. ביידע, אי דער פאָטער, אי די מוטער, זייענען אַלזוי געווען שטענדיג פאַרנומענע מענשן. ער פלעגט דאָס רוב פאַרברענגען אין וואַלד, און זי פלעגט גאַנצע טעג אָפּזיצן אין קראָם. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז העסי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אָן אַ שום השגחה מצד די עלטערן. קיין הסרון האָט מען אין דעם ניט געזעהן, ווייל די מיידלשע ערציהונג האָט אין יענער צייט ביי יידן בכלל ניט געשפּילט קיין ראָלע.

פריי פון יעדער השגחה, האָט זיך העסי גאַנץ פרי אָנגעהויבן גייסטיג צו אַנטוויקלען. שוין אויפן פערטן יאָר האָט זיך ביי איר געגומען מערקן אַ גרויסע נייגעריגקייט אַלץ צו וויסן און אַלץ צו פאַרשטיין. זי פלעגט פשוט ניט לאָזן לעבן קיין אייגענע און קיין פרעמדע, מ'זאָל איר דערקלערן די זאַך אָדער יענע זאַך. און די תירוצים, וואָס מען פלעגט איר געבן, פלעגט זי ניט אָננעמען גלאַט אין דער וועלט אַריין. וועגן יעדער זאַך האָט זי אַליין נאָכגעדאַכט, ניט פאַרלאָזן זיך אויפן צווייטן, און אַלץ נאָכגעפּרובט מיטן אייגענעם שכל.

אויפן ניינטן יאָר האָט העסי שוין געלייענט פליסיג יידיש און פויליש און אַלץ פון זיך אַליין, באַלד האָט איר אָנגענומען אַ שטאַרקער חשק צו לייענען ביכלאַך. די ערשטע צייט האָט זי געלייענט אַלץ, וואָס איר האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט. אָנגעהויבן האָט זי פון דער מאַמעס ליטעראַטור, און אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט איז זי באַהאַוועט געוואָרן אין „צאינה וראינה“ און אין „קב הישר“ און אין „מנורת=המאור“. אפילו די תחינות פון שרה בת=טובים האָט זי ניט אויסגעלאָזן. כמעט אַ גאַנצע וואָך פלעגט זי זיך מיט דער מוטער ווייניג וואָס זעהן. דערפאַר אָבער פרייטאָג צו נאַכט און דעם גאַנצן שבתדיגן טאָג פלעגט זי די מוטער ממש פאַרמאַטערן מיט אירע קשיות וועגן די אַלע מעשיות, וואָס ווערן געבראַכט אין די הייליגע ספרים. גאַנץ אָפט פלעגט איר די מוטער ניט וויסן, וואָס צו ענטפערן, און פלעגט קומען אין גרויס פאַרלעגנהייט. גאַנץ אָפט פלעגט איר די מוטער ענטפערן דעם באַוואוסטן תירוץ: „דו ביסט נאָך דערצו צו קליין; אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו וויסן“. העסי פלעגט זיך אָבער דורך אַזעלכע תירוצים

ניט לאָזן באַרוהיגן, און אַ טופּטאָנדיג נערוועאיש מיטן פּיסל פּלעגט זי אויסשרייען: „און איך וויל דאָס ש ו י ן וויסן!"

אַמאָל האָט אַ פּאַקנטרעגער אַריינגעטראָגן צו אירע עלטערן אין שטוב אַ גאַנצן קאָשיק מיט יידישע מעשה=ביכלאַך. פאַר העסין איז דאָס געווען אַ גרויסער געווינס. זי איז תיכּף מיטן פּאַקנטרעגער אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמען אין קראָם, און די מאַמע האָט פאַר איר געמוזט קויפן אַ צענדליג מעשהלאַך, מיט וועלכע העסי איז געפלויגן אַהיים. די ביכעלאַך זיינען געווען אַלערליי סאָרטן בבא=מעשיות, און צווישן זיי אויך די באַשרייבונג פון אַ רייזע, וואָס אַ דייטשער פּרינץ האָט אַמאָל געמאַכט מיט ווייב און קינדער אין מרחקים. די דאָזיגע רייזע=באַשרייבונג האָט אויף העסין געמאַכט אַ גוואַלטיגן אַיינדרוק. זי האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז אַחוץ איר געבורטס=שטעטל מאָזיר איז נאָך עפּעס דאָ אַ גרויסע וועלט מיט מענטשן, פון וועלכע זי האָט נאָך קיין בּרעקל השגה ניט, און דאָס האָט איר גענומען שטאַרק באַנג טאָן. בכלל האָבן די מעשה=ביכלאַך געגעבן פיל שפּייז איר גריבלענדיגן מח און אויך איר דערהיצטער פאַנטאַזיע.

קיין חברטעס איר גלייכן האָט העסי ניט געהאַט; האָט זי זיך באַין=ברירה פאַרשפּאַרט אין איר באַזונדער געדאַנקען=וועלטל. גאַנץ אָפט פלעגט זי אַריינפאַלן אין אַן אומעט, עפּעס ווי אַ מין מרה=שחורה וואָלט זי באַוועלטיגט. אין איר גאַנצן וועזן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרענדערונג. דיזעלביגע העסי, וואָס נאָך אָט דאָ ניט לאַנג פלעגט זי ליב האָבן אַריינצולאָזן זיך מיט יעדערן אין אַ שמועס און מיט איטליכן זיך ויכּוחענען און חקירענען אָן אַ שיעור, איז מיט אַמאָל, גאָר פון העלער הויט, ווי שטום געוואָרן. זי זוכט שוין גאָר קיינעם ניט מיט וועמען צו ריידן, און טאָמער רעדט ווער צו איר, ענטפערט זי אויף אַ צענטן וואָרט. אירע עלטערן האָבן קיין וועזן ניט געמאַכט דערפון: מאַלע וואָס אַ קינד קאַפּריזעט, — זי וועט עלטער ווערן, וועט דאָס איבערגיין.

ס'איז אַוועק אַ געוויסע צייט, און העסי האָט זיך גענומען פירן אַ טאָג=ביכל, אין וועלכן זי פלעגט זיך כּמעט טעגליך דורכריידן מיט זיך אַליין און אויסגיסן אירע געדאַנקען. געשריבן האָט זי אים בעת קיינער האָט ניט געזעהן; עפּעס ווי זי האָט ניט געוואָלט, אַז אַ פרעמדן מענשנס אויג זאָל אים מיטן בליק פאַרשוועכן...

II.

העסי פּאָרט קיין בערדיטשעוו.—איר בערדיטשעווער פּעטער.—בערדיטשעוו צו יענער צייט.—העסי נעמט זיך לערנען רוסיש.—זי דערזעט צום ערשטן מאָל דעם „קול מבשר“.—העסיס ערשטער אַרטיקל אין „קול מבשר“.—איר קאָרעס־פּאָנדענציע פון בערדיצעוו.

אַז העסי איז געוואָרן אַ מיידל אַ יאָר 15—16 האָבן איר די עלטערן אַמאָל געשיקט אויף אַ חתונה צו זייערן אַ קרוב קיין בערדיטשעוו. דער דאָזיגער קרוב איז געווען איינער פון די שענסטע בערדיטשעווער בעלי־בתּים: אַ ייד אַ למדן און דערצו אַ גוזעלשאַפטליכער טוער, אַ גבאי אין פאַרשיידענע צדקה־חברות און אַ מיטגליד פון דער תלמוד־תורה־פאַרוואַלטונג. ער האָט אפילו געפירט אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישן שטאַט, ער איז אָבער געווען אַ מעורב עם הבריות, אויסגעמישט מיט לייטן, און האָט פאַרקערט מיט די פאַרשיידנסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. צוליב קהלשע אינטערעסן פלעגן אים גאַנץ אָפט באַזוכן יונגע לייטלאַך פון די אַזויגערופענע „משכילים“ און אַנדערע פערזאָנען, וועלכע געהערן ניט צום פרומען קלאַס. אין דעם קרובס שטוב האָט זיך געעפנט פאַר דער יונגער העסין ווי אַ נייע וועלט. באַלד נאָך די ערשטע פאָר טעג איז איר פריערדיגער אומעט פון איר אָפּגענומען געוואָרן ווי מיט די הענט.

דער קרוב האָט געפועלט ביי אירע עלטערן, אַז זיי זאָלן איר ערלויבן פאַרבלייבן ביי אים אין בערדיטשעוו נאָך אַ געוויסע צייט. זי האָט זיך דערפילט ווי אַ פויגל, וואָס מ'האָט אָקאָרשט אַרויסגעלאָזן פון שטייגל. זי האָט פאַרפירט באַקאַנטשאַפטן אין פאַרשיידענע בערדיטשעווער הייזער מיט יונגע פריילינס אין אירע יאָרן, און דורך זיי אויך מיט יונגע לייט. אין יענער צייט האָבן שוין אין בערדיטשעוו אַריינגעדרונגען די ערשטע שטראַלן פון דער וואָלינער „השכלה“. בערדיטשעוו האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט אַ קאַזיאָנע שול. דער יונגער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט גרויס חשק אויף דער רוסישער שפראַך. עלטערע האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן אַ קאָרשול... דורך פיל געבעטע האָט זי פועל געווען ביי דעם קרוב, אַז ניט אָנפרעגנדיג ביי אירע עלטערן, זאָל ער איר ערלויבן לערנען רוסיש. אַדאַנק אירע גלאַנצנדיגע פעהיגקייטן איז זי אין משך פון אַ פּאָר חדשים געווען ביכולת גוט צו פאַרשטיין אַ רוסיש ביכל. מיט אַ באַזונדער חשק האָט זי זיך דאַמאָלסט גענומען צו דער רוסישער ליטעראַטור, האָט געלייענט אַלץ, וואָס איר האָט זיך נאָר געמאַכט, ביז איר איז איינמאָל אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ באַנד ביעלינסקי. דער דאָזיגער ספר האָט אין איר אויפגעוועקט מחשבות שוין גאָר פון אַן אַנדער מין...

איינמאָל האָט העסי דערזעהן ביי אַ באַקאַנטע אַ נומער פון דעם יידישן

וואָכנבלאַט „קול מבשר“, וואָס איז אין יענער צייט אַרויס אין אָדעס אונטער דער רעדאַקציע פון צעדערבוימען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס העסי האָט דערזעהן אַ ציישונג. זי האָט זיך מיטן „קול מבשר“ זעהר פאַראינטערעסירט און איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן זיינע אַ שטענדיגע לעזערין. אַמאָל איז איר אַרויף אויפן געדאַנק צו ווערן אַ קאָרעספּאָנדענטין פון „קול מבשר“. אַ היבשע צייט האָט זי געזוכט אַ טעמע וועגן וואָס צו שרייבן און האָט ניט געפונען. זי האָט געוועסט געוואָלט קריטיקירן די אָפּגעלאָזענע ערציהונג פון די בערדיטשעווער יידישע מיידלאַך. זי האָט אָבער מורא געהאַט פאַר איר פרומען קרוב, און נאָכמער האָט זי דערפון אָפּגעהאַלטן דער געדאַנק, טאָמער פאַלט דאָס בלאַט אַריין צו אירע עלטערן אין מאָזיר (אַז מ׳קען אויף דער קאָרעספּאָנדענציע ניט אונטערשרייבן דעם אמתן נאָמען,—דאָס האָט זי דאַמאָלסט נאָך ניט געוואוסט). האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, און זי האָט באַקומען אַ טעמע גאָר אומגעריכטערהייט. אין אַ נומער „קול מבשר“ האָט צעדערבוים אָפּגעדרוקט זייגעם אַן אייגענעם לייט־אַרטיקל, אין וועלכן ער רעדט אַרום באריכות, ווי ביי יידן זיינען פאַרשפּרייט אַלערליי אַבערגלויבערייען, און ווי ביי יידן האָט מען מורא פאַר שדים און פאַר טייוואָלים. געענדיגט האָט צעדערבוים זיין אַרטיקל מיט דעם, אַז נאָר דורך בילדונג וועט מעגליך זיין אויסצוראַמען פון יידישן פאָלק די אַלע מיני הבלים און שטותים, וועלכע נעמען זיך פון דער פינסטערניש. דאָס האָט העסין דערמאָנט די רייזע־באַשרייבונג פון דייטשן פרינץ, וואָס זי האָט אַמאָל געלייענט אין איינעם פון די מעשה־ביכלאַך. אין יענער באַשרייבונג איז געווען דערציילט, ווי דער פרינץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער רייזע איבערנעכטיגן ערגעץ־וואו אין אַ דאָרף אין אַן איינזאַמען פּאַלאַץ, און ווי די פּויערים האָבן אים געוועסט דערפון אָפּגעהאַלטן, זאָגנדיג, אַז אין פּאַלאַץ זיינען דאָ שדים, און וועלכער מענש ס׳גייט אַהין אַריין ביינאַכט, געפינט מען אים אויף מאָרגן אַ טויטן. דער פרינץ, וועלכער האָט געוואָלט אויפווייזן די פּויערים, אַז עס זיינען אויף דער וועלט קיין שדים נאָך ניטאָ במציאות, האָט דוקא איבערגענעכטיגט אין פּאַלאַץ, און איז פון דאָרטן אַרויס אויף מאָרגן אַ פרישער־אַ געזונטער. אויף די פּויערים האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי אויפגעהערט צו גלויבן אין שדים. שטיצנדיג זיך אויף דעם דאָזיגן ספור־המעשה, האָט זי אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל, וואו זי האָט אויפגעוויזן, אויף וויפל צעדערבוימס מיינונגען זיינען ריכטיג. זי איז אָבער געווען אַזוי וויט באַאיוו צו גלויבן, אַז אין אַ ציישונג האָבן רעכט צו שרייבן נאָר עלטערע מענשן, און באַזונדערס די, וואָס די וועלט קען זיי, אָבער ניט אַזאַ יונג מיידל, ווי זי איז. זי האָט זיך מישב געווען וועגן דעם מיט אירער אַ חברטע, און יענע האָט איר געגעבן אַן עצה, זי זאָל אין אַ באַזונדער פּריוואַטן בריוו שרייבן וועגן זיך דעם רעדאַקטאָר פון „קול מבשר“, אַז זי איז אַ דאַמע און אַ באַיאָרטע... העסי האָט אַזוי געטאָן, און אין אַ טאָג צעהן אַרום האָט

זי דערזעהן איר אַרטיקל אָפּגעדרוקט וואָרט ביי וואָרט אין „קול מבשר".

העסי איז ביי זיך געווען ווי אויפן זיבעטן הימל. פון דאַמאָלסט אָן האָט זי אָנגעהויבן עפטערס צו פּרובן די פּען אויף אַרטיקלען פאַרן „קול מבשר". די אַרטיקלען האָבן שוין אָבער קיין ערפאָלג ניט געהאַט, און זיינען געבליבן אין קאָרב פון רעדאַקציע. נאָר נאָך איין קליינע זאַך אירע האָט זיך אין אַ צייט אַרום אָפּגעדרוקט אין „קול מבשר". דאָס איז געווען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון בערדיטשעוו וועגן עפּעס אַ צדקה-חברה. אין דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענץ האָט זי דערמאָנט צו גוטן עטליכע פון די אָרטיגע כלל-טוער, און צווישן זיי אויך שלום-יעקב אַבראַמאָוויטשן (מענדעלי מוכר-ספרים), וועלכער האָט נאָך דאַן געוואוינט אין בערדיטשעוו, און מיט וועלכן זי איז, ווי עס ווייזט-אויס, שוין דאַמאָלסט געווען באַקאַנט.

III.

די עלטערן פאָדערן, אַז העסי זאָל קומען אַ היים.—זי לאָזט זיך בעטן, און קומט צום סוף צוריק קיין מאָזיר.--די מוטער זאָגט איר אָן די בשורה, אַז זי איז געוואָרן אַ כלה.—דער איינדרוק פון דער דאָזיגער בשורה אויף העסי'ן.—איר געשפּרעך מיט'ן פאָטער.—העסי ווערט פּאַסיוו.—די הכנות צו דער חתונה.—איר שלח-מנות פון חתן.—ס'איז שוין אָכטאָג צו דער חתונה.—העסי אַנטלויפט קיין קיעוו.

אין דעם משך צייט, וואָס העסי האָט פאַרבראַכט ביי איר קרוב אין בערדיטשעוו, האָבן איר אירע עלטערן וויפיל מאָל גערופן צוריקצוקומען אַהיים קיין מאָזיר. העסי האָט זיך אָבער פאַר דער צייט אַזוי איינגעלעבט מיט בערדיטשעוו און מיט אירע באַקאַנטע און מיטן „קול מבשר" און מיט אירע ביכער (זי האָט שוין באַוויזן איבערצולייענען די ווערק פון ביעלינסקען און פון דאָבראָליובאָוון און פון פּיסאַרעוון, און אויך טשערנישעווסקעס "Что дѣлать?", וועלכן זי האָט באַקומען בגנבה ביי אירער אַ חברטעס אַ ברודער), אַז זי האָט קנאַפּ וואָס חשק געהאַט צו פאָרן אַהיים. אַ געוויסע צייט האָט זיך איר איינגעגעבן אויסצודריידן זיך מיט פאַרשיידענע תירוצים פון די עלטערן. ס'זיינען אָבער אַריבער נאָך אַ פּאָר חדשים, און די פאָדערונגען פון אירע עלטערן, אַז זי זאָל זעהן וואָס צום גיכסטן קומען אַהיים, האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ דרינגענדיגער, באופן, אַז צום סוף האָט שוין העסי קעגן דעם גאַרנישט געקענט מאַכן, און זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. מיט אַ צווייטאָגטן און צובראָכענעם האַרצן האָט זי זיך געשיידט פון בערדיטשעוו און איז געקומען קיין מאָזיר.

דעם ערשטן טאָג נאָך איר קומען, דאָס איז געווען שפּעט ביי נאַכט,

בעת העסי איז שוין געלעגן אין בעט, איז צו איר אַריין די מוטער, האָט זיך לעבן איר אַוועקגעשטעלט און געזאָגט:

— כ'האָב פאַר דיר, מיין קינד אַ גוטע בשורה. דו ביסט זיך געזעסן אין דער פרעמד און האָסט וועגן טאַטע־מאַמען ניט געקלערט, אונז אָבער ביסטו גוט געלעגן אין זינען, און מיר האָבן דיך, גאָט צו דאַנקען, פאַרזאָרגט.

— מיך פאַרזאָרגט? — האָט העסי געפרעגט גאַנץ ערשטוינט — מיט וואָס?

— מיט אַ חתן, מיין קינד; דו ביסט מיט מזל אַ כלה געוואָרן...

— אַ כלה? אונטער די אויגן? מיט וועמען?...

דאָ האָט איר די מוטער גענומען דערציילן גאַנצע גליקן: ווי דער טאַטע האָט זיך אויפגעטראָפן אויף אַ יריד מיט נאָך איינעם אַ האָלץ־סוחר פון ערגעץ־וואו אַ קליין שטעטל הינטער באָברויסק, וועלכער האָט אַן איינציגן זון, וואָס זיצט יום ולילה און לערנט און שמ'ט אין גאַנצן קאָנט פאַר אַן עילוי, און זיי האָבן זיך ביידע צונויפגערעדט משדך צו זיין זיך אייבער מיט דעם אַנדערן, און תיכף דאָרטן אויפן אָרט אַ תקיעת כף געמאַכט. בקיצור: אַזאַ גליק אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן.

ווי אַ דונער האָט די ידיעה העסין געטראָפן. די ערשטע עטליכע מינוט האָט איר אַזוי פאַרקלעמט אין האַרצן, אַז זי איז ניט געווען ביכולת אויסצורייידן אַ וואָרט. צום סוף האָט זי זיך פונאַנדערגעכליפעט אויפן קול ווי אַ קליין קינד.

די מוטער האָט זי גענומען טרייסטן: סטייטש, אַזאַ קלוג מיידל, ווי קומט דאָס צו איר אַזאַ נאַרישקייט? אַלע מאַזירער מיידלאַך זיינען דאָך איר מקנא...

העסי האָט זיך געפרובט אָפּשלאָגן דער מוטער. זי האָט אָנגעהויבן צו־טענהן, אַז, ערשטנס, איז זי נאָך צו יונג חתונה צו האָבן; צווייטנס, האָט מען קיין חתונה ניט מיט אַ מענטשן, וואָס מ'קען אים ניט און מען האָט אים קיינ־מאָל אין די אויגן ניט אָנגעזעהן.

די מוטער האָט אָבער וויייניג וואָס פאַרשטאַנען, האָט איר געלאָזן צו רוה און איז אַוועק, זאָגנדיג, אַז דער טאַטע, וועלכער דאַרף די טעג קומען פון וואַלד, וועט איר די זאַך בעסער געבן פאַרשטיין, און געגן אים וועט זי, העסי, געוויס ניט האָבן וואָס צו ריידן.

העסי האָט שוין יענע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעטאָן. ווי פאַרמאַטערט זי איז געווען פון וועג, האָט איר פונדעסטוועגן קיין שלאָף ניט גענומען. זי איז געלעגן און געוויינט. זי האָט גוט געקענט איר טאַטן, וואָס פאַר אַ גרויסער עקשן ער איז, זי האָט געוואוסט, אַז אויף דעמזעלביגן משונה־ווילדן שטייגער האָט ער אויסגעגעבן אירע עלטערע שוועסטער און ברידער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז דער פאָטער איז געקומען פון וואַלד, און די מוטער האָט אים איבערגעגעבן איר געשפּרעך מיט דער טאָכטער וועגן שידוך, האָט ער גלייך אַריינגערופן העסין צו זיך, שטאַרק אויף איר אָנגעבייזערט זיך, פאַרוואָס זי לאָזט זיך בעטן, און האָט פאַרענדיגט זיין געשפּרעך:

— ציי דו ווילסט, ציי ניט, דיר וועט קיין זאַך ניט העלפן. די זאַך איז שוין אָן אָפּגעמאַכטע. אין אַ חודש אַרום וועט זיין חתונה.

דעם מאָל האָט שוין העסי קיין וואָרט ניט גערעדט. זי האָט געזעהן, ווי מ'הייבט אָן מאַכן הכנות צו דער חתונה, און האָט קיין קרומע מינע ניט געמאַכט. פּורים צו דער סעודה האָט זי באַקומען צוגעשיקט פון דעם חתנס עלטערן אַ שיינעם שלח-מנות: אַ גאָלדענעם זייגערל מיט אַ דימענטענע פּאָר אויררינגלאַך, דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דערפון שטאַרק הנאה געהאַט, און העסי האָט זיך אויך כלומרשט געפרייט, און האָט זיך ניט אויפגעהערט צו צאַצקען מיט די צירונג. די עלטערן און אַלע שטוביגע האָבן גערעכנט, אַז זי איז שטאַרק צופרידן מיט איר גליק...

ס'איז געקומען אַן אַכטאָג פאַר דער חתונה. אין שטוב האָבן זיך שוין פאַרענדיגט די לעצטע הכנות. העסיס אויסשטייער מיט איר גאַנצער גאַרדעראָבע איז געלעגן אַ פאַרטיגע אין קליידער-אַלמער. מ'האָט שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצושיקן אין שטאָט איינלאַדונגען צו קרובים און גוטע פריינד צו קומען אין דעם און אין דעם טאָג אויף דער חתונה...

העסי איז אָבער פאַר די לעצטע אַכטאָג ניט געזעסן ליידיג. זי האָט זיך צונויפגערעדט מיט זייערע אַ שכנה, אַ יונגע קריסטין, פאַר וועלכע זי האָט אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ, און יענע, מיטפילנדיג דער אומגליקליכער יידישער טאָכטער, האָט איר געהאָלפן אויספירן איר שוין פון לאַנג אָנגענומענעם באַשלוס צו אַנטלויפן.

אין דער לעצטער נאַכט פאַר דער חתונה, בשעת אַלע האָבן שוין געשלאָפן, האָט העסי צונויפגענומען איר גאַנצע גאַרדעראָבע מיט די צירונג און איז מיט פּאָסט-פערד אַנטלאָפן קיין קיעוו, וואו ס'הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין איר לעבן.

.IV

העסי זוכט פאַר זיך אַ תכלית.—זי קומט אָן אויף אַקושאָרן-קורסן.—איר באַקאַנטשאַפט מיט די יידישע סאָציאַליסטישע סטודענטן.—איר בן-עיר נ ת ן ג אָ ל ו ב אָ ו ו.—גאָלובאָוו לערנט מיט העסי'ן העברעאיש.—העסי'ס אַ בריוו צו ראַדקינסאָנען דעם רעדאַקטאָר פון „הקול".—העסי'ס קאָרעספּאָנדענציע אין ראַדקינסאָנס יידישן וואָכנבלאַט „קול לעם".—אין איר לעבן קומט פאַר אַ קריזיס.—זי ווערט אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרקע צווישן די אַרבעטער.—זי ווערט אַרעסטירט צוזאַמען מיט גאָלובאָון.—„דער פּראָצעס פון די 50".—העסי ווערט באַפרייט.—זי וואוינט אונטער דער השגחה פון פּאָליציי אין סטאַראַיאַ רוס.—העסי אַנטלויפט פון סטאַראַיאַ רוס.

אַז העסי איז געקומען אין קיעוו, האָט זי זיך גענומען אַרומקוקן נאָך אַ תכלית. זי האָט איינגעפונען, אַז יעדער מענטש, ווער ס'זאָל גיט זיין, דאַרף

זיך אויסלערנען אַ וועלכע ס'איז אומנות, וואָס זאָל איִם קאָנען מפרנס זיין. גראָד איז די טאָכטער פון דער בעל=הבית'טע, ביי וועלכער זי האָט געוואוינט, געווען אַ שילערין פון אַקושאָרן=קורסן, און דאָס האָט געווירקט אויף העסין, אַז זי זאָל אויך אָנקומען אויף די דאָזיגע קורסן. אַלס קורסיסטין, איז זי באַקאַנט געוואָרן מיט אייניגע סטודענטן פון קיעווער אוניווערסיטעט, וועלכע האָבן זי צוגעצויגן צו זייערע גרופּעס פאַר זעלבסט=אַנטוויקלונג און פרייע דיסקוסיעס.

אין יענער צייט — אין די ערשטע זיבעציגער יאָרן פונם פאָריגן יאָרהונדערט — איז דער קיעווער אוניווערסיטעט געווען אַ נעסט פאַרן פרייהייטליכן געדאַנק בכלל און פאַרן סאָציאַליזם בפרט. דער גרעסטער טייל סטודענטן איז געווען סאָציאַליסטיש געשטימט. די יידישע סאָציאַליסטישע סטודענטן האָבן זיך דאַמאָלסט געהאַט זייער באַזונדער צענטער אין הויז פון דעם באַקאַנטן העברעאישן דיכטער ד"ר יצחק קאַמינער (דער שווער פון דעם באַוואוסטן סאָציאַליסטישן טוער אַקסעלראָד). דאָרטן פלעגן זיי אָפּהאַלטן זייערע געהיימע זיצונגען.

איינער אַ שטענדיגער באַזוכער פון די סאָציאַליסטישע אָוונטן אין הויז פון ד"ר קאַמינער איז געווען אַ סטודענט פון צווייטן קורס מיטן נאָמען נתן גאָלובאָוו. גאָלובאָוו, וועלכער האָט געשטאַמט פון מאָזיר, האָט קינדווייז געשמט פאַר אַן עילוי און האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלע ישיבות פון מינסקער גובערניע. אונטער דעם איינפלוס פון די העברעאישע מליצה=ביכלאַך האָט ער זיך גענומען דערנאָך צו „השכלה", אַוועקגעוואָרפן לערנען און איז געוואָרן אַ עקסטערן; אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער זיך עקזאַמענירט און איז באַלד אַריין אין קיעווער אוניווערסיטעט. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם באַקאַנטן קריטיקער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון פּיסאַרעווס אידייען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, אורי קאָוונער. קאָוונער האָט דאַן אָקאָרשט=וואָס פאַרעפנטליכט אין „המליץ" זעהר אַ שאַרפע קריטיק אויף שלום יעקב אַבראַמאָוויטשעס העברעאישער איבערזעצונג פון לענצס געשיכטע פון נאַטורוויסנשאַפט. די דאָזיגע קריטיק האָט אַרויסגערופן אין „המליץ" קעגן=תשובות פון אַבראַמאָוויטשן אַליין און פון אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן זיך אָנגענומען זיין קריוודע. קאָוונער האָט געווירקט אויף גאָלובאָוון, אַז ער זאָל זיך אויך אַרויסזאָגן עפנטליך קעגן אַבראַמאָוויטשעס איבערזעצונג. גאָלובאָוו האָט דאָס געטאָן, און אויף אַזאַ אופן איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער העברעאישער פּובליציסטיק, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט צו פאַרשפּרייטן צווישן דעם יידישן פּובליקום די אידייען פון דער השכלה און, באַזונדערס, צו פאַרטיידיגן די רוסיפיקאַטאָרישע שטרעמונגען. מיטן סאָציאַליזם האָט נאָך גאָלובאָוו דאַמאָלסט גאַנץ ווייניג געהאַט צו טאָן, און דעריבער האָט ער ביי זיינע חברים, די סטודענטן, געהאַט די ערשטע צייט אַ שם פון אַ רעכטן... זייענדיג העסיס אַ בן=עיר, איז ער געוואָרן ביי איר אַ שטענדיגער אַריינגייער. זיין השפּעה האָט געבראַכט צו דעם, אַז כאָטש העסי איז שוין דאַמאָלסט געווען באַהאַוונט

אין די ווערק פון קאַרל מאַרקס און לאַסאַל, איז זי נאָך פונדעסטוועגן אַלץ ניט צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער שטודירנדיגער יוגנט און איז גע-בליבן שטיין פון ווייטן. אין יענער צייט האָט זי זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט ספּעציעל יידישע אָנגעלעגנהייטן. ס'איז אַ סברה, אַז גאָלובאָוו האָט געלערנט מיט העסין העברעאיש, און זי האָט ביי אים געהאַט אַ שטאַרקע פּעולה. דער שרייבער פון די דאָזיגע צײלן האָט אַמאָל אַליין געהערט פון גאָלובאָוון, אַז ער איז „העסי העלפמאַנס אַ רבי געווען". אַ ראיה דערצו, אַז אין די מיטעלע 70-ער יאָרן האָט זיך נאָך העסי אָפּגעגעבן מיט ספּעציעל יידישע אָנגעלעגנהייטן און אַז זי האָט דאַמאָלסט גאַנץ גוט געקענט תנ"ך און העברעאיש, איז דער פאָלגנדער פאַקט:

מ. ל. ראַדקינסאָן, וועלכער האָט אין די מיטעלע 70-ער יאָרן אַרויסגעגעבן אין קעניגסבערג דעם העברעאישן „הקול" און דעם יידישן וואָכנ-בלאַט „קול לעם", האָט מודיע געווען זיינע לעזער, אַז לויט דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט שלום-יעקב אַבראַמאָוויטשן; ווערט דער לעצטער זיינער אַ שותף אין „קול לעם", און אַז פון דעם קומענדיגן נומער אָן וועט שוין די צייטונג רעדאַקטירט ווערן פון מענדעלי מו"ס*).

העסי, וועלכע האָט זיך, קענטיג, שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידי-שער פּרעסע, האָט באַגעגנט די בייס, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין „קול-לעם", מיט גרויס התפּעלות. אירע העכסט באַגייסטערטע געפילן האָט זי אויס-געדריקט אין אַ קליינער קאָרעספּאָנדענץ אין „קול-לעם". די דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, און דעריבער גיב איך זי דאָ אי-בער ווערטליך (און אויך מיט איר אָרטאָגראַפיע).

די קאָרעספּאָנדענץ האָט פאַר אַ מאָטאָ דעם פאָלגענדיגן איבערגעזעצטן פּסוק פון ישעיה:

„דאַן עפפענען זיך דיא אויגען דער בלינדען, און די אָהרען דער טוי-בען ערשליססען זיך".

נאָכדעם קומט דער עצם-בריוו:

„געשעצטער רעדאַקטאָר הערר ראַדקינסאָהן!

נאָך דעם אַז איהר מיט אונזער גוטען בעקאַנטען לשון קודש מחבר און פראָסט יודעשען שרייבער, דעם וועלט בעריהמטען ה' אַבראַמאָוויץ, זענט נאָך דעם ערשטען בעזוך נור וואָס אַ וועק געגאַנגען, איז מיר באַלד אויף דיא גידאַנקען גיקומען דיא 5 צײלע פון דעם קאַפּיטעל 35 מספר ישעיה (אַ תּפקחנה) און אַן שטאַטט עורים (עבריים). דיא ווערטער האָב איך מיר גיטראַכט האָט אויך גאָט ב"ה אויף אייערע גידאַנקען פון דעם הימעל געשיקט, נעמלין צו פעראייניגען זיך מיט דעם הערר אַבראַמאָוויץ מיט אים צוזאַממען די ז... זייער גיטצליכע אונענטבעהרליכע יודעשע בלעטער „קול לעם" און „קול" צ...

*) פון דעם דאָזיגן אָפּמאַך האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזט.

בעאַרבייטען; ווער נאָך עמיצער אונטער אונז יודען ביי יעצטיגער צייט, חוץ אים, איז אין שטאַנד אַזוי פיהל גוצליכע ערקלערונגען און גוטע ריכטיגע לעהרע, אויס צו בעססערין — פיהל נאַרישע אַבערגלויבערייא (ניט קיין דינים חלילה) ווי למשל צום וועלטליכען לעבען, קינדער ערציאונג אד"ג, וועלכע עקשעסטירען נאָך גאַנץ גינוג אונטער אונזערע אונוויסענדע שוועסטער אונד ברידער וואָס מוזין, אונד ווי מיר שייענט ווינשען טאַקע שוין אַליין זיך אויס צו בעססערין, נור זיי ווייסין ניט דעם וועג, זענין נעביך בלינד און בענייטיגען זיך אין ערליכע ערנסטע גוטע לעהרער, פאָלקס פריינדע. בייא דיזען פאַלל אַז איהר מיט אַבראַמאָוויץ וועט ערענסט ענערגיש אַרבייטען לטובת הכלל, וועלין זיך באמת עפענען די אויגען דער בלינדען, און שטאַט קופער וועט איר בריינגען גאָלד, אונד שטאַט דעם אייזענס קופער, שטאַט דעם האָלצעס קופער, אונד שטאַט דער שטיינע אַייזען. אַלזאָ בין מיינער זייטע דאַפאָן זייער צו פרידען, און האָף אַז ניט נור איך בין די איינציגע, זאָנדערין אַללע יודעשע פריינדע וועללען פאָן דער בשורה זייער צוא פרידען בלייבען, ווייל אַזעלכע בלעטער קענען זייער פיהל נוצען בריינגען לאחב"י, וועלכע קענען נאָך דורך קיין אַנדערע שפראַכע גאָר ניט גיאיידילט און געהאָלפען ווערין.

העני העלפמאַן".

ווי געזאָגט, איז דאָס דאָזיג בריוול זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר העסיס דאַמאָלסטיגער שטימונג.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט נאָך העסי אָפּגעדרוקט אין דעמזעלביגן „קול לעם" אַ צווייטע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער עס הערן זיך שוין בייזע קלאַנגען. זי מוסרט די קיעווער כלל־טוער, פאַרוואָס זיי זיינען זיך ניט משתדל אַוועקצושטעלן ווי געהעריג איז די ערציהונגס־אַנשטאַלטן, ווי די תלמוד־תורה און אַנדערע בילדונגס־אינסטיטוציעס, באַזונדערס פאַרן המון־עם, פאַרוואָס זיי זיינען אַריינגעטאָן אין זייערע געלט־זעק און הייבן ניט אָן צו זאָרגן צו פאַר־בעסערן די לאַגע פון דער אָרימער און נויטבאַדערפטיגער יידישער מאַסע, און אַזוי ווייטער.

ז'איז אַוועק נאָך אַ געוויסע צייט, און ניט קיין לאַנגע, און אין העסיס גייסטיגן לעבן איז פאָרגעקומען אַ קריזיס, וועלכער האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף איר גאַנצן ווייטערדיגן לעבן. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען פריער ביי איר „רבי'ן", ביי גאָלו־באָוון, וואָס האָט זיך אַ שטאַרקן בראָך געטאָן פון רעכטס אויף לינקס. גאָלו־באָוו איז אַריבער צום עקסט ראַדיקאַלן פליגל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און האָט נאָך זיך נאָכגעשלעפּט אויך העסין...

די קיעווער ראַדיקאַלע סאָציאַליסטן האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט טע־אָריעס. זיי האָבן געפירט אַ גרויסע און אינטענסיווע אַגיטאַטאָרישע אַרבעט

אין גאַנץ דרום=רוסלאַנד. אונטער זייער אײַנפלוס האָבן זיך אויף פיל פאַבריקן בעגרינדעט געהיימע גרופּעס פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער. די געהיימע אַגענטן האָבן די זאַך אויסגעשפּירט, און אַ סך פון די אַגיטאַטאָרן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן, צווישן די אַרעסטירטע זײַנען געווען אויך גאָלובאָוו און העסי...*).

דער משפט פון די דאָזיגע אַרעסטירטע, אָדער, ווי ער האָט דאַן גע=הייסן, „דער פּראָצעס פון די 50" איז פאָרגעקומען אין די לעצטע טעג פון 77=טן יאָר, העסי איז פאַרמשפּט געוואָרן צו זיצן צוויי יאָר אין פּעטערבורגער אַרבעטער=הויז (Рабочій домъ). זומער 1879 איז זי באַפרייט געוואָרן פון אַרבעטער=הויז און אַרויסגעשיקט געוואָרן אונטער דער השגחה פון פּאָליציי קיין סטאַראָ=רוס. צום סוף יאָר 1879 איז העסי פון סטאַראָ=רוס אַנטלאָפן געוואָרן...

V.

העסי ווערט אַ „נאַראָדאָוואָלקע".—וואָס אַ רוסישע הבר'טע שרייבט וועגן איר.—העסי ווערט אַ מיטגליד פונ'ם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט.—זי ווערט אַ בעל-הבית'טע פון קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן.—דער אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.—העסי ווערט אַרעסטירט.—מ'לייגט אָפּ איר טויט-שטראָף.—זי געבוירט אין געפענגעניש אַ קינד.—איר טויט.

אַ הייסע צײַט איז דאַמאָלסט געווען אין רוסלאַנד. אין די סאָציאַליסטיש=רעוואָלוציאָנערישע קרייזן, און באַזונדערס אין זייער אָנפירנדיגן אָרגאַן, דעם קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט געקאָכט די אַרבעט. מ'האָט אָנגעהויבן צו מאַכן הכנות צו טעראָריסטישע אַקציעס. די בעסטע און אַקטיווסטע רעוואָלוציאָנערישע כחות האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פּעטערבורג.

צווישן די יונגע קרעפטן, וואָס האָבן זיך אײַנגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט פון דער נאַראָדאָוואָלישער פּאַרטיי, איז געווען אויך העסי העלפמאַן.

---

*) גאָלובאָוו איז אין אַ קורצער צײַט אַרום באַפרייט געוואָרן. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך אײַנגאַנצן געגומען צו ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין די מיטעלע 80-ער יאָרן האָט חברה „מפיצי-השכלה" אַרויסגעגעבן אויף איר חשבון גאָלובאָווס רוסיש ווערק וועגן דער יידישער באַדייטונג פון די ביבלישע „ערי-מקלט". אין יאָר 1886 האָט גאָלובאָוו פאַרעפנטליכט אין דעם ערשטן באַנד פון שפר'ס העברעאישן זאַמל-בוך „כנסת-ישראל" אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן יידישער סטאַטיסטיק. אין די סוף 80-ער יאָרן האָט גאָלובאָוו אָפּגעדרוקט אַ העברעאישע גראַמאַטיק.

די ערשטע צייט האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן אַריינצונעמען העסין אין קאָמיטעט. דעריבער איז זיי אין אָנהייב אַריין אין דעם דאַמאָלסט אַזויגערופענעם „רויטן־קרייץ", וועלכער האָט געדינט ווי אַ צוגרייטונס־קלאַס, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ווי אַ פּירהויז צום רעוואָלוציאָנערישן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

העסי העלפמאַן האָט די אַלע שווערע און געפערליכע פונקציעס פון „רויטן קרייץ" איבערגעטראָגן אויף אירע שוואַכע פּלייצעס. קיין זאַך איז איר ניט געווען צו שווער, פאַר קיין זאַך האָט זי זיך ניט אָפּגעשראָקן. איינע אירע אַ חברטע שרייבט אין אירע ערינערונגען וועגן העסי העלפמאַנס אַרבעט אין „רויטן־קרייץ" בזה הלשון: „כ'האָב זיך באַגעגנט מיט העסין נאָך דעם, ווי מ'האָט זי אַרויסגעלאָזן פון תפיסה. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי פילט זיך זעהר אָפּגעמאַטערט און אויסגעמוטשעט, און איר וואָלט זיך געוואָלט אַ ביסל אויסרוהען; באַר דאָס איז געווען אַזאַ הייסע צייט, אַלע זיינען געווען אַזוי מיטגעריסן פון דעם אָנגעשטרענגטן קאַמף, און העסי העלפמאַן איז אויך אַוועקגעשלעפּט געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם שטרוים... בכלל איז זי געווען אַ פּערזאָן זעער אַ נערוויייאישע און אַ היציגע, תמיד גרייט זיך מקריב צו זיין. איר גאַנץ לעבן איז געווען אַ קייט פון קרבנות... און ווי האָט זי געקענט ליבן!... (*

העסיס טעטיקייט האָט צו זיך איינגיכן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַראַנטוואָרטליכסטע רעוואָלוציאָנערישע טוער, און מ'האָט זי באַלד אַריינגענומען פאַר אַ מיטגליד אין עקזעקוטיט־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ־וואָליאַ". דאָרטן האָט זי זיך באַקאָנט מיט די גרעסטע רעוואָלוציאָנערישע פירערס פון יענער צייט, ווי: זשעליאַבאָוו, סאָפיא פעראָווסקאַיאַ, קיבאַלטשיטש און אַנדערע. זי האָט איבערגענומען אויף זיך אַ גאַנצע ריי געפערליכסטע רעוואָלוציאָנערישע פונקציעס, וואָס זי האָט, ווי איר שטייגער איז געווען, אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט.

אין יענער צייט האָט זיך אין די רעוואָלוציאָנערישע קרייזן אַרומגערעדט די פראַגע וועגן אויספירן אַזאַ טעראָריסטישע אַקציע, וואָס האָט געדאַרפט אויפטרייסלען גאַנץ רוסלאַנד און דעם גאַנצן רוסישן פאָלק. מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באַשלוס צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן לעבן פון דעם דאַמאָלסטיגן קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. כדי אויסצופירן דעם דאָזיגן פּלאַן האָט מען געמוזט מאָביליזירן די בעסטע כחות, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע האָט דאַן פאַרמאָגט, און צווישן זיי איז געווען אויך העסי העלפמאַן.

העסיס אָנטייל אין דעם פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגן טעראָריסטיש פּלאַן איז באַשטאַנען באַזונדערס אין דעם, וואָס זי האָט געדאַפט באַזאָרגן אין די פאַרשיידענע צענטערס פון פעטערבורג עטלעכע קאָנספּיראַטיווע קוואַר־

---

*) „Былое" יון־ביבל 1906.

טירן, וואו מ'זאָל קאָנען האַלטן געווער און אַלערליי אויפרייסונגס־מאַטעריאַלן, כדי צו באַקומען אַזעלכע קוואַרטירן, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך טאַקט, געניטקייט און גרויס פאָרזיכטיגקייט אין די אונטערהאַנדלונגען מיט די בעלי־בתים פון די הייזער. און אַחוץ דעם האָט מען דערצו געדאַרפט האָבן אַ פעסטן מוט מיט אַן אייזערנעם ווילן. די דאָזיגע אַלע מעלות האָט פאַרמאָגט העסי, און דורך דעם האָט זיך איר איינגעגעבן צו האָבן אין פעטערבורג עטליכע געהיימע קוואַרטירן, אין וועלכע ס'האָבן כלומרשט געוואוינט זי און איר מאַן (תמיד האָט זי איינעם אַ יונגן מענשן פון די חברים אָנגעגעבן דעם בעל־הבית פון הויז פאַר איר מאַן), און אין אמתן האָבן זיי, די וואוינונגען, געדינט פאַר דרוקערייען פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, פאַר סקלאַדן פון געווער וכדומה. אויף איינער פון העסיס קוואַרטירן האָט קיבאַלטשיטש פאַרפאַרטיגט די באָמבעס, מיט וועלכע מ'האָט נאָכדעם געטויט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן...

דעם ערשטן מערץ 1881 האָט זיך די טעראָריסטן איינגעגעבן זייער פלאַן צו דערהרגענען אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אַ פאָר פון די, וואָס האָבן אויף אים געוואָרפן די באָמבעס, האָט מען געכאַפּט און אַרעסטירט באַלד אויפן אָרט. נאָכדעם האָט מען זיך געלאָזט זוכן די איבעריגע פערזאָנען, וואָס האָבן דירעקט צי אומדירעקט אָנטייל גענומען אין אַטענטאַט. העסי האָט זיך געריכט פון טאָג צו טאָג אויף איר אַרעסט. איינע אַ רעוואָלוציאָנערין דערציילט אין „בילאָיע“ פאָלגנדעס וועגן העסיס שטימונג אין די דאָזיגע טעג: „שטענדיג אַ פרייליכע און אַ פריינדליכע, איז זי ד ע ם מאָל געווען אומעטיג און פאַרטרויערט; זי איז געווען צושטרייט און האָט ווייניג וואָס גערעדט. כ'האָב זיך מיט איר דאַן געטראָפן ביי אַ באַקאַנטע קורסיסטין, ביי וועלכער ס'האָט זיך אָנגעקליבן אויפן קוואַרטיר גאַנצע פעק אומלעגאַלע ליטעראַטור. פאָליציי האָט דאַמאָלסט געמאַכט מאַסן הויז־זוכונגען, און באַזונדערס אין די וואוינונגען פון סטודענטן און סטודענטינס. די קורסיסטין האָט מורא געהאַט פאַר אַ הויז־זוכונג און האָט געזוכט אַן אָרט ערגיץ־וואו אַהינצוטאָן די ליטעראַטור. העסי האָט ביי איר צוגענומען דעם גאַנצן פאַק מיט די ווערטער: „ביי מיר איז דאָ פון דאָזיגן גוטס אַזויפיל, אַז מיר איז שוין אַלץ איינס!“ מיר זיינען צוזאַמען אַרויס און האָבן זיך באַלד צושיידט. ביים געזעגענען זיך מיט מיר האָט זי מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און געזאָגט מיט אַ שווערן געפיל: זייט געזונט! וועלן מיר זיך נאָך זעהן?“—

אויף מאָרגן איז העסי אַרעסטירט געוואָרן אין איינער פון אירע קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן. דער יונגער מענטש (איר אַזויגערופענער „מאַן“), וועלכער האָט דאָרטן מיט איר צוזאַמען געוואוינט, סאַבלין האָט ער געהייסן, האָט, ווי פּאָליציי האָט נאָר אָנגעקלאַפּט אין טיר, זיך אַליין דאָס לעבן גענומען. העסי האָט זיך געשטאַרקט און געעפנט די טיר...

די אַלע, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דעם מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, זיינען פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, און דער דאָזיגער פסק־דין איז איינגיכן אויסגעפירט געוואָרן. צום טויט איז פאַרמשפט געוואָרן אויך העסי העלפמאַן; מ'האָט אָבער אָפּגעלייגט איר טויט־שטראָף אויף אַ געוויסער צייט, ווייל זי איז געווען שוואַנגער. העסי האָט פאַר זיך אַליין ניט געזאָרגט; געזאָרגט האָט זי נאָר וועגן דעם גורל פון דעם אומשולדיגן באַשעפעניש, וועלכן זי טראָגט אונטער איר האַרץ...

וועגן העסיס לעבן אין געפענגעניש אין משך צייט פון דער „אָסטראָטשקע" וואָס מ'האָט איר געגעבן ביז זי וועט געבוירן דאָס קינד, דערציילט אירע אַ חברטע די פאָלגנדע אינטערעסאַנטע פרטים.

„פינף חדשים האָט זי זיך געמוטשעט דורך דעם שרעק פון איר באַלדיגן טויט, און ערשט דעם לעצטן טאָג פאַר איר געבוירן דאָס קינד האָט מען איר געבראַכט די בשורה וועגן איר באַגנעדיגונג. מ'האָט איר געלאָזן געבוירן דאָס קינד, נאָר דערביי האָט מען איר געלאָזן אויסשטיין אַזעלכע שרעקליכע מאָ־ראַלישע יסורים, וואָס די היסטאָריע האָט נאָך ביז אַהער ניט געקאָנט זייער גלייכן. מ'האָט זי איבערגעפירט צו האָבן דאָס קינד אין דער טורמע אין וועל־כער מ'זעצט אַריין די פאַרשיידענע אַרעסטאַנטן איידער עס ווערט באַהאַנדלט זייער משפט. דאָרט האָט מען איר אָפּגעגעבן אַ גרויסן און אַ גערוימען צימער, מ'האָט אָבער ביי איר אין דעם דאָזיגן צימער אַוועקגעשטעלט סאָלדאַטן שומרים, וואָס פלעגן זיך בייטן יעדע שעה. ניט איין פרוי, און ניט דוקא אין אַזאַ צושטאַנד ווי העסי, איז משוגע געוואָרן, האָבנדיג נאָכאַנאַנד פאַר די אויגן אין צימער פון טורמע אָט די סאָלדאַטנפּאָסטנס... אַדאַנק די דאָזיגע מינ־שומרים איז, למשל, אַראָפּ פון זינען יעליסאַוועטאַ אָלאָוויאַניקאָוואַ. העסי איז פון זינען ניט אַראָפּ, איר אָרגאַניזם איז געווען זעהר אַ שטאַרקער. זי האָט געבוירן אַ לעבעדיג קינד, זי האָט אים אַפילו געקענט געבן די ברוסט. דאָס קינד איז געווען אירס; קיין געזעץ האָט אים ניט געקאָנט אָפּנעמען ביי איר. ווער האָט דאָס אָבער אין יענער צייט געקלערט וועגן היטן דאָס געזעץ? אין עטליכע טעג אַרום האָט מען איינמאָל ביי נאַכט אַוועקגענומען ביי איר דאָס קינד, און אויף מאָרגן פרי האָט מען עס אָפּגעפירט אין אַ „פריוט", און דאָרטן אים אַוועקגעוואָרפן, ניט אַרויסנעמענדיג ניט קיין נומער און ניט קיין קוויטאַנ־ציע, און דאָס האָט מען אָפּגעטאָן בעת ס'האָבן זיך געפונען אַ סך בעלנים, וועלכע האָבן פאָרגעלייגט נעמען צו זיך דאָס קינד און צו דערציהען עס.

דאָס האָט די מוטער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. פון גרויס האַרצווייטאָג האָט זי אָנגעהויבן שוואַך צו ווערן, ביז דער שטאַרקער אָרגאַניזם האָט עס שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן...

דעם 2 פעברואַר 1882 איז העסי העלפמאַן געשטאָרבן.

* *
*

אַזוי האָט זיך פאַרענדיגט דאָס יונגע ברויזנדיגע לעבן פון דער מאָזי־דער יידישער מיידל העסי העלפמאַן, איינע פון די ערשטע יידישע סאָציאַ־ליסטקעס רעוואָליוציאָנערקעס.

נאָך עטליכע ווערטער וועגן גאָלובאָוון:

גאָלובאָוו איז די סוף 70־ער יאָרן ווידער נכשל געוואָרן אין סאָציאַ־ליסטישער אַגיטאַציע און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. צוליבן מאַניפעסט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בשעת דער קרוינונג פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, איז ער געקומען צוריק קיין רוסלאַנד. ער האָט זיך דאַן באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער איז עטליכע יאָר נאָך דער ריי געווען אונטער דער השגחה פון פאָליציע.

מ. ל. לילנבלום.

(געבאָרן—1843; געשטאָרבן—1910).

I.

מיין באַשלוס צו שרייבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.—איך ווענד מיך צו לילנבלומען נאָך מאַטעריאַל.—לילנבלומס ענטפער.—לילנבלומס בריוו צו מרדכי בן הלל הכהן.—לילנבלומס ערקלערונג שטעלט מיך ניט צופרידן.

אין די באַקאַנטע „פרייהייטס=טעג" פון'ם יאָר 1905 איז מיר אַרויף אויפן געדאַנק אָנצושרייבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. כ'האָב געוואוסט, אַז צווישן די עלטערע העברעאישע שריפטשטעלער געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע האָבן אַליין אַנטייל גענומען אין דער באַוועגונג, אָדער זיינען געשטאַנען צו איר נאָהענט, און האָב מיך דעריבער געווענדט צו זיי מיט אַ בריוולעכער בקשה, צוצושיקן מיר אַלץ וואָס עס קאָן דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר מיין מאָנאָגראַפיע, דהיינו: ערינערונגען, בריוו, דאָקומענטן וכדומה.

איך האָב וועגן דעם געשריבן אויך מ. ל. לילנבלומען. פון מיין פריסטער יוגנט, זינט איך געדענק מיך אַלס העברעאישער לעזער, איז לילנבלום געווען דער צווייטער נאָך סמאָלענסקינען מיט וועלכן איך האָב מיך באַזונדערס אינטערעסירט. פון דאַמאָלסט אָן ביז איך אים באָגעגאַנגען טרייט ביי טריט אין די אַלע פאַרשיידענע גלגולים פון זיינע וועלט=אָנשויאונגען, אויף וויפיל זיי האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. גאָר פון אָנפאַנג האָב איך אים קענען געלערנט אין דער צייט, ווען ער האָט געקעמפט פאַר „רע=פאָרמעס אין „שלחן=ערוך". ס'זיינען אַריבער עטליכע יאָר און איך האָב גלייך תופס געווען די איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין געדאַנקנסגאַנג אונטער דער השפעה פון די רוסישע מאַטעריאַליסטישע שריפטשטעלער פון די 60=ער יאָרן, אויף דעם סמך פון איינצלנע אַרטיקלען, וואָס לילנבלום האָט פאַרעפנטליכט אין די מיטעלע 70=ער יאָרן, און פון פאַרשיידענע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין „חטאת נעורים", האָב איך אים געהאַלטן, און אַלס אַזעלכן האָבן אים געהאַלטן אויך אַנדערע, פאַר אַן אָנהענגער פון'ם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. דער דאָזיגער אַלגעמיינער איינדרוק איז גאָר ביי

מיר פיל שטאַרקער געוואָרן נאָכדעם ווי איך האָב אין געוויסע ליטעראַרישע קרייזן געהערט דערציילנדיק וועגן לילנבלומס באַציהונגען צו די רעדאַקטאָרן פון די צוויי דאַמאָלדיגע העברעאישע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן „האמת" און „אספת חכמים", און צו אייניגע פון דער קליינער כנופיא סאָציאַליסטישער „מנהיגים", וואָס זיינען געזעסן אין אויסלאַנד, און האָבן פון דאָרטן אָנגעפירט מיט דער גאַנצער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

נעמענדיג דאָס אַלץ אין אַכט האָב איך, דוכט זיך, גאָר ניט אַזוי קרום געטאָן מיט דעם, וואָס כ'האָב געבעטן ביי לילנבלומען מאַטעריאַל פאַר מיין געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, און האָב געהאָפט צו באַקומען באַזונדערס פון אים וויכטיגע ידיעות אין דעם פּרט. מיין האָפנונג איז אָבער ניט מקוים געוואָרן. ס'זיינען אַוועק העכער דריי חדשים, און לילנבלום האָט מיר ניט געענטפערט. זיין שווייגן איז פאַר מיר געווען זעהר אַ גרויסער וואונדער. שוין פריער האָב איך מיט לילנבלומען אַ לאַנגע צייט קאָרעספּאָנדירט וועגן ליטעראַרישע ענינים און מכּח פראַגן פון חבת־ציון, און קיין מאָל האָט זיך נאָך ניט געטראָפן, אַז ער זאָל מיר בלייבן שולדיג אַ תשובה. ער פלעגט נאָך מיר, פאַרקערט, תמיד ענטפערן כמעט מיט דער „ערשטער פּאָסט", און אַרויסווייזן מיר ביי איטליכער געלעגנהייט אַ הייסע חבר'שע באַציהונג. נאָר איין מאָל האָט ער זיך מיט מיר עפּענטליך צוווערטלט צוליב מיין אַרטיקל „וועגן דעם נייעם קורס אין דער העברעאישער ליטעראַ־טור" („על דבר המהלך החדש בספרות העברית"), וועלכער איז געווען געדרוקט אין 3־טן באַנד „פרדס" און וואָס ער, לילנבלום, האָט זיך דורך אים דערפילט עפּיס אָנגעגריפן, און האָט אים געפּרובט אָפּשלאָגן אין „המליץ". אָבער דער דאָזיגער ליטעראַרישער „אינצידענט" האָט ניט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף אונזערע געגנזייטיגע באַציהונגען. נאָך מעהר: דוקא אין יענעם יאָר פון אונ־זער פּאָלעמיק האָט ער מיר פאַרגעלייגט צו שרייבן לעוואַנדעס ביאָגראַפיע פאַר'ן לוח „אחיאסף" (3־טער יאָרגאַנג), וועלכן ער האָט רעדאַקטירט, און וועגן אייניגע פּרטים פון דער דערמאָנטער ביאָגראַפיע האָבן מיר זיך נאָך דעם דורכגעשריבן אין אַ גאַנצער ריי פון בריוו.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּיס ניט גלאַט, און איך האָב אים אָוועקגעשריבן צוויי פאַרסטראַכירטע בריוו איינער נאָך דעם אַנדערן מיט דער דרינגענדער בקשה, ער זאָל מיר ערקלערן די סבה פון זיין שווייגן. צום סוף איז מיר אָנגעקומען פון אים די פאָלגנדע קורצע תשובה (פון 14־טן יול 1905)*).

„ליידער האָט איר דעם מאָל ניט געפונען דעם ריכטיגן אַדרעס. כ'בין אויף מיין לעבן ניט געוועזן פון אונזערע וועלט־איבערמאַכער, וואָס איר קומט

*) דער דאָזיגער בריוו, ווי אויך די אַלע ווייטערדיגע בריוו, זיינען אין אָריגינאַל געשריבן העברעאיש.

די פאַראייביגן. אַ מאָל איז אפילו אויף מיר אַרויפגעפאַלן עפּיס אַ מין שכרות (אַ רעאַליסטישע און בשום אופן ניט קיין מאַטעריאַליסטישע), אָבער ווי יונה הנביא׳ס „קיקיון" איז דאָס דורכ׳ן נאַכט אַריבער. אין אַלץ, וואָס כ׳האָב וועגן ס׳איז געשריבן (דער קורסיוו איז לילינבלומס) וועט איר ניט געפינען קיין שום גרונד צו דעם טעות׳דיגן געדאַנק, אַן וועלכן איר האַלט זיך, אַז איך בין אין דער צי אין יענער צייט געווען אַ סאָציאַליסט פון קאַרל מאַרקס בית־מדרש. דעריבער איז לא די וואָס איך ערלויב אייך ניט צו שרייבן וועגן מיר וואָס עס איז, פאַרלאַנג איך נאָך פון אייך ניט צו דערמאָנען מיין נאָמען בכלל, און אפילו ברמז. און איך פאַרלאַנג דאָס ניט ווייל כ׳האָב מורא פאַר דער אַנטפּלעקונג פון מיין זינד (וועלכע כ׳האָב ניט געזינדיגט), נאָר צוליב דעם, וואָס איך האַלט דאָס גאָר ניט פאַר אַ באַזונדער גליק צו זיין פון די, וועלכע „מ׳איז חושד אומזיסט".

די דאָזיגע לילינבלומס תשובה האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, און ניט צוליב דעם וואָס ער האָט מיר ניט ערלויבט צו דערמאָנען אים אין מיין מאָנאָגראַפיע. פון דער מאָנאָגראַפיע האָב איך מיך שוין דאַמאָלסט סיי ווי סיי אָפּגעזאָגט, נאָכדעם ווי דער ווילנער יידישער צענזאָר, מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, (דאָס איז געווען דער באַוואוסטער שריפטשטעלער און געלערטער יהושע שטיינבערג) האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז לויט די „הערשענדע באַדינגונגען" וועט מיין בראָשור מוזן אַרויסגיין פון זיין האַנט אַ „צוקאַלעטשעטע"... מיין פאַרלעגנהייט האָט געשטאַמט גאָר פון אַן אַנדער סבה, און אַ פיל וויכטיגערע. איך האָב קיין מאָל ניט ערוואַרט, אַז לילינבלום, דער אמת אַליין און דער גרויסער ערליכער מאַן, זאָל ווען פאַרלייקענען דעם פאַקט, וועלכער איז אַלעמען באַקאַנט, דאָס אין אַ געוויסער צייט און אונטער דעם איינדרוק פון געוויסע השפעות איז ער געווען באַהערשט פון דער סאָציאַליסטישער אידייע. ס׳איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס אַזינס באַוועגט דאָס אים אָפּצופעקן דעם דאָזיקן קאַפּיטל פון זיין גייסטיגן לעבן; ווען מיר זאָלן אפילו אָננעמען, אַז אין דעם מאָמענט טוט ער אים, אפשר, באַנג און ער האָט אויף אים חרטה,—שעמען זיך מיט אים דאַרף ער דאָך אָבער אויף קיין פאַל ניט.

כ׳האָב מיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָב אַרויסגעזאָגט לילינבלומען אין אַ בריוו מיינע געדאַנקען. די פּרטים האָב איך שוין פאַרגעסן; איך געדענק נאָר דאָס, אַז קודם כל האָב איך אים אויסגעדריקט מיין גרויס צער זעהענדיק ווי ער אַליין מאַכט צו קליינגעלט אַזעלכע פון זיינע גייסטיגע שאַפונגען, וועלכע זיינען אין זייער צייט געווען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע אין אונזער ליטעראַטור. נאָכדעם האָב איך אים געפּרובט אויפווייזן, אַז גאַנץ אומזיסט באַמיט ער זיך אָפּצולייקענען היינט דאָס, וואָס עס איז שוין לאַנג באַוואוסט דער גאַנצער וועלט, און וואָס עס ווייזט זיך אַרויס אַזוי שאַרף בולט אין פילע פון זיינע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געשריבן אין די און אין יענע צייטונגען

און זשורנאַלן. אין מיינע טענות געגן אים האָב איך מיך געשטיצט אויף פאַר־שיידענע ציטאַטן, וועלכע כ׳האָב אַרויסגענומען באַזונדערס פון זיין „משנת אלישע בן אבויה“, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם סאָציאַליסטישן חדש־זשורנאַל „אספת־חכמים“. און איז איינגאַנצן אַ פּאַנעגיריק פאַר מאַרקס באַקאַנטע תורה וועגן „אַרבעט און קאַפּיטאַל“. איך געדיינק אויך דעם פאָלגענדן פּרט: מיין בריוו האָב איך פאַרענדיגט מיט דער פראַגע: פאַרוואָס האָט ער דאָס געלאָזן אָן אַ שום באַמערקונג דעם אַרטיקל, וואָס מרדכי בן הלל הכהן האָט געשריבן צו זיין 50־יאָריגן יובילײ אין ערשטן לוח „אחיאסף“, און אין וועלכן ער האָט וועגן אים געזאָגט אויסדריקליך, אַז אַ געוויסע צייט האָט ער שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג?.

דעם מאָל האָט מיך שוין לילענבלום ניט געלאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיין תשובה. תיכף האָט ער מיר געענטפערט פאָלגענדעס:

„כ׳וועל אָנהייבן מיט וואָס איר האָט פאַרענדיגט. איך דאַנק אייך פאַר דעם, וואָס איר האָט מיר דערמאָנט דעם אַרטיקל, וועלכן ה׳ מרדכי הכהן האָט וועגן מיר פאַרעפענטליכט אין לוח „אחיאָסף“. דורך דעם באַפרייט איר מיר פון אַן איבעריגער אַרבעט, — אַ זאַך וועלכע איז מיר אַנגענעם באַזונדערס איצטער, ווען כ׳בין אַזוי פיל פאַרמאַטערט פון האָרעוואַניע צווישן די לעבעדיקע און די טויטע *). וואָלט איר אין אייער בריוו ניט דערמאָנט מעשה כהן, וואָלט איך דעם מאָל, כדי צו דערקלערן אייך די זאַך ריכטיג, געדאַרפט אָנשרייבן אייך אַ גאַנצע מגלה. איצטער קען איך מיך באַגיין מיט ווייניגן, און אייך וועט אַלץ קלאָר ווערן. איך שיק אייך דאָ אַ קאָפּיע פון דעם בריוו, וועלכן איך האָב געשריבן כהנ׳ן באַלד ווי איך האָב נאָר דערזעהן דאָס, וואָס ער האָט וועגן מיר אַרויסגעזאָגט אין לוח „אחיאסף“. כ׳בין בטוח, אַז ווען איר וועט האָבן דורכגעלייענט מיין בריוו, וועט איר אין אים געפינען אַ תירוץ אויף אַלע אייערע קשיות. כ׳וואָלט נאָר דאָ געוואָלט מוסיף זיין איין זאַך, וועלכע איך האָב דורכ־געלאָזן אין מיין בריוו צו כהנ׳ן, כדי איר זאָלט אייך איבערצייגן, אַז ניט פון סאָציאַליזם אַליין, נאָר אויך פון זיין יסוד, דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, בין איך תמיד געווען ווייט. אפשר, דאָס איר האָט סתם ניט געלייענט, און אויב איר האָט יאָ געלייענט, קען זיין, אַז איר האָט שוין פאַרגעסן דאָס, וואָס כ׳האָב געשריבן אין מיין ספר „דרך תשובה“ וועגן דעם גוואַלטיגן איינדרוק, וועלכן ס׳האָט אויף מיר געמאַכט נאָך אין 1876־טן יאָר (היינו אין דערזעלבער צייט, וואָס נאָך אייער מיינונג און נאָך דער מיינונג פון ה׳ מרדכי כהן בין איך גע־ווען איינגאַנצן פאַרטרונקען אין די סאָציאַליסטישע אידייען) די ידיעה, וועלכע דער פּעטערבורגער „גאָלאָס“ האָט געבראַכט פון לאָנדאָן, אַז חיים גדליה (אַנ־דערע זאָגן, אַז ער איז אַ זון פון ר׳ משה מאַנטיפיאָרעס אַ שוועסטער) האַלט אָפּצוקויפן ביי׳ם סולטאַן גאַנץ ישראל. צי ווייסט איר, אַז איך, דער סאָציאַליסט,

---

*) זי ס׳איז באַקאַנט האָט לילינבלום געהאַט אַ שטעל אין דער אָדעסער חברה קדישא.

אָדער דער „ניהיליסט" (ווי מרדכי כהן רופט מיך אָן) האָב מיך תמיד מצער געווען טאָמער איז שוין ניטאָ קיין עצה צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק פון דער געפערליכער אַסימילאַציע, וועלכע דאַרף אָנשטיין, און דעריבער האָב איך מיך זהער דערפרייט לייענדיק די ידיעה פון „גאָלאָס", ווייל כ'האָב געגלויבט צו זעהען אין דעם אַ מאַטעריעלע און אַ גייסטיגע רעטונג, וועלכע איז געקומען אונזער פאָלק גאָר אומגעריכט? איר האָט ווען עס איז באַגעגנט אַ סאָציאַליסט, וואָס זאָל זיך אַרומטראָגן מיט נאַציאָנאַליסטישע אידייען?".

אַזוי האָט מיר געשריבן לילינבלום אין זיין בריף פון 2-טן אַוו־גוסט 1905.

כדי דעם לעזער זאָל ריכטיג אויפגעקלערט ווערן דער אינהאַלט פון לילינבלומס בריוו צו מרדכי בן הלל הכהן, געפין איך פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ עטליכע ערטער פון כהנ'ס אויבנדערמאָנטן אַרטיקל, וואָס איז געווען גע־דרוקט אין ערשטן לוח „אחיאסף".

„... אַ גרויסער גלאַטער, אומבאַשריבענער בלאַט שטעלט מיט זיך פאָר לילינבלומס לעבן פון יאָר 1873 ביז 1877. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ ייד, ער האָט אויך אויפגעהערט צו זיין אַ מענש. ער איז געוואָרן ווי אַ שטיק אַייז און ווי אַ בוים, פון וועלכן ס'זייגען אַראָפגעפאַלן די בלעטער. נאָר איין זאַך איז אים פאַרבליבן אין לעבן—שלילה".

„און דאַמאָלס איז אַראָפּ אַ גייסט איבער דער ערד, וועלכער האָט אויפ־געהויבן אויף זיינע פליגלען פיל פון אונזערע יידישע יונגע לייט, און זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פוסטע און נאַרעשע פאַנטאַזיעס און האָבן געטרוימט נישטיגע חלומות, און לילינבלום איז אויך געווען פון די טרוימער. ער האָט באַקומען צום לייענען דאָס באַקאַנטע רוסישע בוך „Что дѣлать?", און דער דאָזיגער ספר האָט אים צודולט זיין מח מיט זיינע נייע אידייען. נייע נביאים זיינען אָנגעשטאַנען פאַר דער מענשהייט! אַ נייע ערד מיט נייע הימלען זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר אים גאַנץ אומערוואַרט. אָנשטאָט פאַרוועלקטע בלעטער האָבן אויסגעשפּראָצט געדיכט באַצווייגטע צעדערבוימער. דער מענשליכער וואוילשטאַנד, די באַפרייטע פערזענליכקייט, די אַרבייט און דער קאַפּיטאַל, דאָס קעניגרייך פון דער נאַטור..."

„אַ פאַרטיי פון „ניהיליסטן" האָט זיך פאַרברייטערט צווישן דער יידישער יוגנט, און די ויכוחים און די פלפולים, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען צוליב די נייע אידייען, האָבן געשפייזט אויך לילינבלומס נשמה אָנשטאָט דער שפייז, וואָס ס'האָט איר געפעלט זינט ער האָט זיך געשיידט פון דער יידישער טע־אָלאָגיע, און די נייע אידייען האָבן שטאַרק אויפגעטרייסלט זיין פאַנטאַזיע, און האָבן אים אָפגעלעבט".

„און דעריבער אויסגייענדיג שרייבן העברעאיש פאַר זיינע ברידער האָט זיך די ווירקונג פון די נייע אידייען אַרויסגעוויזן גאַנץ שאַרף בולט אין זיינע אַרטיקלען. ניט אין דעם באַהעפטן פון דער רעליגיע מיט'ן לעבן זיינען

איצטער געלעגן זיינע געדאַנקען, נאָר אינ׳ם לעבן גופא, אין דער מאַטעריע פון לעבן, אין דעם אמת פונ׳ם לעבן, אינ׳ם לעבן לויט די נייע באַגריפן און דעם נייעם גייסט... די דאָזיגע אָנשויאונגען זיינע שטראַלן אָפּ צווישן אַלע שורות פון זיין גרויסן אַרטיקל „עולם התהו״, וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „השחר״ פאַר׳ן 1874=טן יאָר, און אויך פון זיינע איבעריגע קליינע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט אינ׳ם משך פון דער דאָזיגער תקופה, און וואָס דאָס וויכטיגסטע פון זיי איז זיין תשובה אויף דער פראַגע: „וואָס איז אַזוינס השכלה?״ אין „הצפירה״ 1876.

און דאָס איז וואָס לילינבלום האָט געשריבן (לויט דער קאָפּיע, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט) מרדכי כהנ׳ן דעם ערשטן טאָג חנוכה 1894:

„אויב אַ גרויסער בלאַט אין מיין לעבן, פון 1873 ביז 1877, גייט אַרויס אומבאַשריבן, איז דאָס געווען ניט ווייל איך האָב אויפגעהערט צו זיין מענש און ייד, נאָר דערפאַר, וואָס כ׳האָב ניט געהאַט קיין אָרט וואו צו שרייבן לויט מיין פאַרלאַנג. מיט דעם פאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פון „השחר״, מיט סמאָלענסקינען, האָב איך קיינמאָל ניט געשטימט בנוגע צו אידייען. ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט אָן אַ יסוד, אַ נאַציאָנאַליסט, וואָס הענגט אין דער לופט; ער האָט פאַרלאַנגט יידען זאָלען זיין פולשטענדיגע נאַציאָנאַליסטן מיט אַ נאַציאָנאַלער ערציהונג אין די אייראָפּעאישע לענדער, אַ זאַך, וואָס עס איז לגמרי אוממעגליך, און די פראַגע וועגן ישוב ארץ ישראל האָט נאָך דאַמאָלסט ניט געקאָנט אַרויף אויפ׳ן זין. דאָס בוך „Что дѣлат?״ האָב איך נאָך געלייענט אין 1871=טן יאָר, און מ׳קען אויך קיין פאַל ניט זאָגן, אַז ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַן׳ אַנדער מענשן. ריידנדיק וועגן דעם אין מיין ספר „חטאת נעורים״ (צווייטער טייל 69 זייטל) האָב איך ניט אָנגעהויבן אפילו צו דערמאָנען ניט וועגן אַרבייט און וועגן קאַפּיטאַל און ניט וועגן דאָס קעניגרייך פון דער נאַטור, פון וועלכער איך בין תמיד געווען גאַנץ ווייט. איך האָב נאָר דאָרטן גערעדט וועגן דער נויטיגקייט פון אַרבייט, וועגן דער פרייהייט פון געפיל און דאָס פערשטענדניש פון דעם ריכטיגן נוצן, און דאָרטן האָב איך מיך אויסגעדריקט: כמעט בין איך צום צווייטן מאָל אַריינגעפאַלן אין אַ שכרות, ווייל אין אמת׳ן בין איך פון די דאָזיגע אידייען גאָר ניט געווען פאַרשכורט, און דעראיבער האָט דער ניהיליסטישער גייסט ניט משפיע געווען אויך אויף מיינע אינעווייניגסטע אידייען. מיין אַרטיקל „משנת אלישע בן אבויה״, וועלכן איך האָב געשריבן לויט דער בקשה פון איינעם אַ ווינער שריפטשטעלער*), וואָס האָט זיך דערוויטערט לגמרי פון דער יודישער וויסנשאַפט, ווייזט, ווי ווייט מיר זיינען געווען ביידע איינער פונ׳ם אַנדערן. דעראיבער האָב איך, נאָך איידער ס׳איז אַרויפגעשוואומען דער נאַציאָנאַלער געדאַנק, געשריבן אין

*) דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת״, פון דער לעזער וועט זעהן ווייטער.

יאָהר 1878 וועגן דער רבנישער אסיפה, און דיסקוסירנדיג אין „הקול" מיט ה' א ו ר *), וועלכער האָט געוואָלט דוחה זיין אַלע פראַגן פאַר דער פראַגע וועגן אַרבייט און לוין, האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז די דאָזיגע פראַגע פאַרנעמט ביי מיר ניט קיין באַדייטנדן אָרט".

אָבער ליליענבלומס תשובות אי צו מרדכי בן הלל הכהן אי צו מיר האָבן מיר נאָך ניט באַפרידיגט. כ'האָב געפילט, אַז פיל מער פון דעם, וואָס ער האָט אונז געשריבן, איז פאַרבליבן באַהאַלטן ביי אים, און אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך, וועלכע דריקט אים אַרויסצורייסן פון זיין לעבנס-געשיכטע דעם משך צייט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פון דעם טאָג אָן ווען עס האָט זיך פאַרענדיגט זיין קאַמף פאַר די רעפאָרמעס אין דער רעליגיע ביז עס האָט זיך דערוועקט די חבת-ציון-באַוועגונג, באופן אַז זי זאָל פאַרזונקען ווערן אין אייביגער פאַרגעסנהייט, ווי קיין מאָל ניט געווען און קיין מאָל ניט עקסעסטירט...

II.

איך שרייב די געשיכטע פון דער העברעאישער פרעסע און זוך ידיעות וועגן דער פערזענליכקייט פון אַרטור פריימאַן (ליבערמאַן) דער רעדאַקטאָר פ'ון „האמת".—מיין באַגעגעניש אין ווין מיטן ד"ר מ. בערקאָוויטש.—די באַפרייטע ליבערמאַנס מיט 30 יאָר צוריק קאָנפיסקירטע כתבים.—מיין צוזאַמענטרעפן מיט אַן אונגאַרישן רב אויפן ווינער בית-עלמין.—ליבערמאַן און דער געלערנטער מאיר-איש-שלום.

ס'זיינען אַריבער עטליכע יאָר, און איך האָב ווידער אַ מאָל געדאַרפט זוכן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פונ'ם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד. און דעם מאָל האָב איך עס געדאַרפט האָבן ניט פאַר אַ באַזונדער מאָנאָגראַפיע אויפ'ן דאָזיגן געביט, נאָר צוליב מיינע „באַמערקונגען" צו דער געשיכטע פון דער העברעאישער פרעסע", וועלכע כ'האָב געדרוקט נאָך דער ריי אין „העולם". כ'האָב דערלאַנגט אין מיין שרייבן צו דעם ערשטן העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש-זשורנאַל „ה א מ ת", וואָס איז אַרויס אין ווין אונטער דער רעדאַקציע פון אַרתור פריימאַן (א. ש. ליבערמאַן), און צוליב דעם איז מיר אויסגעקומען צו זאַמלען פון פאַרשיידענע קוועלן ידיעות וועגן דעם רעדאַקטאָר אַליין, און וועגן די שריפטשטעלער, וואָס האָבן

---

*) די איניציאַלן פון א ל י ה ו ו ו אָ ל ף ר אַ ב י נ אָ ו ו י ץ, אַ העברעאישער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער אין די מיטעלע 70-ער יאָרן. פון די 80-ער יאָרן אָן וואוינט ער אין לאָנדאָן. אויפ'ן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָב איך אים געזעהן אַלס דעלעגאַט פון אַ לאָנדאָנער ציוניסטישער אגודה.

מיט אים מיטגעאַרבעט. גאַנץ אומערוואַרט האָט זיך מיר געמאַכט די געלעגנ־הייט צו באַקומען צווישן פאַרשיידענע אַנדערע מאַטעריאַלן, אַ פּעקל בריוו, וואָס אייניגע פון די גרעסטע העבּרעאישע שריפטשטעלער, און דעראונטער אויך לילינבלום, האָבן געשריבן ליבּערמאַנען בנוגע זיין „האמת".

די דאָזיגע געלעגנהייט האָט הינטער זיך אַ קליינע היסטאָריע, וועלכע איז אויך ווערט פאַרצייכנט צו ווערן צום אייביגן אָנדענקען.

אין די לעצטע זומער־טעג פונ'ם יאָר 1913 האָב איך מיך באַטייליגט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „הזמן" אינ'ם 11־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין. דאָרט האָב איך מיך באַקענט מיט אַ יונגן מאַן, אַ שריפטשטעלער און אַ גע־לערנטער, מיט'ן נאָמען ד״ר מיכל בערקאָוויטש. דער דאָזיגער בערקאָ־וויטש איז אַמאָל געווען דער סעקרעטער פונ'ם ד״ר הערצל און ער האָט אי־בערזעצט אין העבּרעאיש זיין באַוואוסטע בראָשור „יידענ־מלוכה"; דערנאָך איז ער אַ משך פון דריי יאָר צייט געווען אַלס פאַרטרעטער פון דער חברה „אחיאסף" אין קראָקע, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט אירע צוויי צייטונגען דער „הדור" און דער „יוד", וועלכע האָבן זיך דאָרטן געדרוקט. אין פאַרלויף פון מיין שמועס מיט אים איז געקומען צו רייד וועגן מיינע באַטיצן צו דער גע־שיכטע פון דער העבּרעאישער פּרעסע. הערנדיג פון מיר, אַז איך זוך מאַטע־ריאַל וועגן ליבּערמאַנען מיט זיינע מיטאַרבעטער אין „האמת", האָט ער אויס־געגערופן מיט גרויס צופרידנהייט:

— גראָד האָב איך די מעגליכקייט צו דינען אייך אין דער זאַך!

דערביי האָט ער מיר דערציילט פאָלגנדעס:

אינמיטן ווינטער פון יאָר 1878, בשעת די ווינער פּאָליציי האָט אַרעס־טירט ליבּערמאַנען פאַר סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט זי קאָנפיסקירט אַלע שריפטן און בריוו, וועלכע זי האָט ביי אים געפונען. אין ווינער געפענ־גניש איז ליבּערמאַן געזעסן עטליכע חדשים, דערנאָך איז ער אַרויסגעגעבן געוואָרן פּרייסן; דאָרט האָט מען אים געמשפּט אַרויסגעשיקט צו ווערן פון דייטשלאַנד. אַ געוויסע צייט נאָך דעם האָט ליבּערמאַן געוואוינט אין לאָנדאָן, דערנאָך איז ער אַוועק פיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. ווייל קיינער האָט ליבּערמאַנס קאָנפיסקירטע כתבים ניט געפאָדערט, זיינען זיי געבליבן ליגן אין דעם אַרכיוו פון דער ווינער פּאָליציי, און אַזוי האָבן זיי זיך דאָרטן געוואַלגערט אַ יאָר 30 אַן ערך. ערשט אין יאָר 1908 האָט זיך די פּאָ־ליציי דערמאָנט אָן די דאָזיגע כתבים, און האָט זיי אָפּגעגעבן דעם באַוואוסטן געלערנטן ר' מאיר איש־שלום (פרידמאַן), וועלכער האָט זיי אַוועקגע־שאָנקען דער ביבּליאָטעק פון דער קייזערליכער אוניווערזיטעט, וואו זיי געפינען זיך ביז היינטיגן טאָג.

אַזוי האָט מיר דערציילט דער ד״ר בערקאָוויטש. מער האָט ער ניט גע־וואוסט. פאַרוואָס האָט די ווינער פּאָליציי ביי זיך געהאַלטן ליבּערמאַנס פּעקל כתבים אַזאַ לאַנגע צייט און פאַרוואָס האָט זי זיי אָפּגעגעבן דווקא ר' מאיר

איש-שלומ׳ן, וועלכער האָט זיך שטענדיג באַשעפטיגט מיט ריין וויסנשאַפטליכע אינטערעסן און האָט, אין פלוג, קיינמאָל קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט סאָציאַליסטן ווי דער רעדאַקטאָר פון „האמת" און זיינע חברים — אויף די דאָזיגע פראַגן האָט ער מיר קיין ענטפער ניט געקאָנט געבן. אָבער אויך אין דעם איז מיר געקומען צו הילף אַן אומערוואַרטעטער צופאַל.

אין איינעם פון די קאָנגרעס-טעג, בשעת עס איז פאָרגעקומען די פּראָצעסיע פון די דעלעגאַטן צו דריי מענשן אין אַ שורה צו הערצלס קבר, איז מיר אויסגעקומען צו גיין צוזאַמען מיט צוויי רבנים. איינער איז געווען דער מאָסקווער ראַבינער ר׳ יעקב בן ישעיה מזא"ה, און דער צווייטער — איך האָב שוין פאַרגעסן זיין נאָמען — איז געווען ראַבינער און פריידיגער אין אַן אונגאַרישער פּראָווינציאַל-שטאָט. בשעת׳ן גאַנג האָט אונז דער אונגאַרישער רב דערציילט, אַז ער האָט געענדיגט דעם ווינער ראַבינער-סעמינאַר און איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ מאיר איש-שלום, וועלכער איז געווען דער אויבער-לערער אינ׳ם דערמאָנטן סעמינאַר. פּלוצלונג האָט אין מיין מח אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק: אַ קשיא אויף אַ מעשה? אפשר וועל איך דורך דעם דאָזיגן אונגאַרישן רב קענען כאָטש עפּיס וואָס דערגיין וועגן דעם, ווי אַזוי ליבערמאַנס כתבים זיינען מגולגל געוואָרן אין די הענט פון דעם סעמינאַר-לערער ר׳ מאיר איש-שלום?

נאָכדעם ווי מיר זיינען אַרויף אויפ׳ן דעבלינגער בית-עלמין און דער עולם האָט זיך צושפּרייט איבער די אַלייען, האָב איך דעם רב אָפּגערופן אָן אַ זייט און האָב אים גענומען אויספרעגן וועגן דעם ענין, און דאָס וואָס מיך האָט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן — האָב איך מיך דערוואוסט. אויף מיין עצם פראַגע, ווי אַזוי האָט עפּיס די פּאָליציי איבערגעגעבן ליבערמאַנס כתבים דוקא ר׳ מאיר איש-שלומ׳ן, האָט מיר אפילו דער רב גאָרנישט געקענט ענטפערן. ער האָט מיר אָבער דערציילט אייניגע אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס דורך זיי האָב איך מיך שוין אויף דעם אַליין אָנגעשטויסן, און עס איז שוין מער ביי מיר קיין וואונדער ניט געווען.

דער אונגאַרישער רב האָט אָנגעהויבן זיין ענטפער מיט אַ פראַגע:

— זאָגט מיר אָקאָרשט האָט דאָס אָט דער ליבערמאַן, וועגן וועלכן איר רעדט, אָנגעשריבן אַמאָל זעהר אַ שיינעם אַרטיקל וועגן די אונגאַרישע יידן בכלל און באַזונדערס וועגן דאָס לעבן פון די בחורים, וואָס לערנען אין די אונגאַרישע ישיבות?

נאָכדעם ווי איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז דערזעלביגער ליבערמאַן (כ׳האָב מיך בשעת מעשה דערמאָנט אָן דעם אַרטיקל „די יידן אין אונגאַרן", וועלכער איז געווען געדרוקט אין די ערשטע 2 נומערן פון „האמת"), האָט ער געזאָגט:

— אויב דאָס איז אַזוי, דאַן געדיינק איך גאַנץ קלאָר, אַז אונזער רבי איש-שלום פלעגט אים זעהר אָפט דערמאָנען פאַר אונז סעמינאַריסטן, און

תמיד מיט גרויס ליבע און כבוד. ביי איטליכער געלעגנהייט פלעגט ער זיך אָפּרופן מיט גרויס התפעלות וועגן דעם מאמר איבער דאָס לעבן פון די אונגאַרישע יידן. און דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט געמענדיג אין אַכט, אַז אונזער רבי איז געווען אַ געבאָרענער אַן אונגאַרער און זיין גאַנצע יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין די אונגאַרישע ישיבות. איך דערמאָן מיך, אַז אַמאָל האָט ער מיט אונז פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן די גרעסטע פייהיגסטע מענשן ביי יידן, און דאַן האָט ער געזאָגט, דאָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ מענשן, וואָס זאָל באַזיצן אַזאַ אומגעהייער גרויסע ערודיציע אין יידישער און וועלטליכער בילדונג ווי ליבערמאַן. אויף דעם האָט ער נאָך מוסיף געווען, אַז אַזאַ וואונדער-קינד האָט געקאָנט אויסוואַקסן נאָר אין דער ליטאָאישער געטע,—די וויגעלע פון די באַרימטעסטע גאונים און רבנים.

דער רב איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן קנייטשנדיג דערביי דעם שטערן עפּעס ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען אַ לאַנג פאַרגעסענע זאַך, און געזאָגט:

— הערט נאָר; אויב איך האָב קיין טעות ניט האָט ליבערמאַן אַ קורצע צייט געוואוינט ביי ר' מאירן אין שטוב.

— און אפשר האָט מען אים אין זיין וואוינונג אַרעסטירט?

— דאָס איז אויך מעגליך—האָט מיר געענטפערט דער רב—קוים וואָס איך געדענק, עפּיס אַזוי ווי דורכן חלום, אַז איינמאָל האָט אונז ר' מאיר דערציילט וועגן געוויסע אומאַנגענעמליכקייטן און עגמת-נפש'ן, וועלכע ער האָט געהאַט צוליב ליבערמאַנען, וועגן גאַנגען און השתדלות'ן, וואָס ער, ר' מאיר און זיין הויז-געזינט, האָבן זיך משתדל געווען פאַר אים ביי דער מאַכט.

— ס'קען גרייליך זיין—האָב איך געזאָגט—אַז דעריבער האָט דאָס די ווינער פּאָליציי אָפּגעגעבן ליבערמאַנס כתבים אונזער ר' מאיר'ן. די זאַך איז גאַנץ פשוט: זי האָט אָפּגעגעבן דאָס פּעקל כתבים אין יענעם אָרט, פון וואַנען זי האָט עס גענומען.

— דאָס לעגט זיך גאַנץ גוט אויפן שכל—האָט דער רב מיט מיר מסכים געווען—; מ'דאַרף משער זיין, אַז ס'איז טאַקי אַזוי די מעשה.

איך האָב מיר מישב געווען מיטן ד"ר בערקאָוויטש ווי אַזוי כ'זאָל קענען איבערקוקן ליבערמאַנס כתבים. ער האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אוממעגליכע זאַך, ווייל ס'האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיגט די צייט פון קאַניקול, און דער אוניווערזיטעט איז צוגעשלאָסן. ער האָט מיר אָבער מבטיח געווען, אַז באַלד ווי עס פאַנגט זיך אָן דאָס נייע לערניאָר און ס'וועט זיך עפענען דער אוניווערסיטעט, וועט ער איבערשרייבן די נויטיגע בריוו און וועט זיי מיר

צושיקן דורך פּאָסט קיין ווילנע. ער האָט אויך געהאַלטן וואָרט און האָט מיר צוגעשיקט די קאָפּיעס פון עטליכע בריוו, וועלכע פאַרשיידענע שריפטשטעלער האָבן געשריבן ליבערמאַנען וועגן דעם „האמת“, און אין וועלכע איך האָב געפונען פיל אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר מיינע נאָטיצן מכח דעם דערמאָנטן חדש־זשורנאַל, וואָס דאַרפן איבגיכן פאַרעפנליכט ווערן אין אַ באַזונדער אָרט.

III.

לילנבלומס בריוו צו ליבערמאַנען.—דער ויכוח צווישן לילנבלומען מיט ליבערמאַנען צוליב יום־כפור.—ווי אַזוי מ׳קען די זאַך ערקלערן.—ווי דער קומעדיגער היסטאָריקער פון דער ליטעראַטור וועט משפט׳ן לילנבלומען.

איך האָב שויך אויבן געזאָגט, אַז צוויי פון די דערמאָנטע בריוו זיינען געווען לילנבלומס. דער ערשטער בריוו, פון כ״א תמוז תרל״ז, איז קענטיג, געווען אַ תשובה אויף דער איינלאַדונג, וואָס ליבערמאַן האָט אים געשיקט מיטצואַרבעטן אין זיין „האמת“.

לילנבלום שרייבט:

„טרייער פריינד!

שוין לאַנג אַז מיר ווילט זיך וואָס עס איז אָנשרייבן פאַר אייך, אָבער איידער איך בין באַקאַנט מיט אייער פּראָגראַם קען איך מיין רצון ניט ערפילן, ווייל טאָמער שרייב איך וועגן אַזאַ ענין, וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר אייער זשורנאַל. איצטער זיינענדיג צייטווייליג פריי פון מיין פאַמיליע, האָב איך, אייגנטליך, פיל געקאָנט פאַר אייך אַרבעטן, אָבער מיין דאָזיגע פרייקייט (!) האָט גורם געווען, אַז איך זאָל איצטער נעמען אויף מיינע פּלייצעס די משא פון אַ סך גייסטיגע אַרבעטן, כדי מתקן צו זיין, אויף ווי ווייט מעגליך, מיינע יוגנט־זינד. פונדעסטוועגן זאָג איך מיך ניט אָפּ אויך פון אייער אַרבעט, וועלכע דאַרף נוצן ברענגען לייטן, און מיר זיינען גרייט צו פאַרשפּרייטן אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן, ווען זיי וועלן ערלויבט ווערן אָנצוקומען אַהער אין אונזער לאַנד.

זייט אַזוי גוט און געריסט פון מייגטוועגן אונזערע פריינד צוקערמאַן*) און קאַמיאָנסקין, און זייט זיי מודיע, אַז דעם פאַרגאַנגענעם חדש בין איך געווען אין ווילקאָמיר און אין קאָוונע, אין ווילקאָמיר האָב איך אויף אַ געוויסער צייט איבערגעלאָזן מיין פאַמיליע. און זיי זאָלן ניט פאַרבייטן ווילקאָמיר און

---

*) וועגן צוקערמאַנען זעה אויבן זייטלעך 72—50.

קאָוונע אויף לאָנדאָן און האַמבורג, ווייל אויף מיין לעבן איז מיין פוס ניט געווען אַ טריט ווייטער פון רוסלאַנד*).

איך פאַרבלייב מיט דער גרעסטער אַכטונג
צ ל פ ח ד"**).

דער דאָזיגער בריוו באַווייזט אונז קודם־כל, אַז אין די יאָרן 8—1877 איז לילנבלום געשטאַנען אין זעהר נאָהענטע באַציהונגען צו דעם באַשאַפער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד, אהרן שמואל ליבערמאַן, אָדער ווי ער האָט דאַן געהייסן: אַרתור פריימאַן, און אויך צו סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן ווי אליעזר צוקערמאַן און צו די אַנדערע פון זייערע חברים, וואָס האָבן געוואוינט אין ווין. ווייטער ווייזט דאָס אונז, אַז לילנבלום האָט געהאַלטן אַ סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל אין העברעאיש פאַר אַן אַלגעמיין־נוצליכע זאַך, וואָס פאַרדינט מ׳זאָל עס שטיצן און פאַרשפרייטן צווישן פאָלק, און דעריבער האָט ער אויסגעדריקט זיין ווילן צו שטיצן דעם „אמת" מיט ליטעראַרישער אַרבעט, און אויך צו פאַרשפרייטן אים אונטערן פאָלק.

דער צווייטער בריוו איז געווען געשריבן דעם פערטן אָקטאָבער 1878. כדי דער לעזער זאָל ריכטיג תופס זיין זיין אינהאַלט, געפין איך פאַר נויטיג צו געבן דאָ די פאָלגנדע ערקלערונג:

לילנבלומס באַקאַנטער אַרטיקל „משנת אלישע בן אבויה", וועלכער איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין העברעאישן חדש־זשורנאַל „אספת־חכמים" (אַרויס־געגעבן אין קעניגסבערג דורך ראַדקינזאָנען אונטער דער רעדאַקציע פון בן־נץ—ווינטשעווסקי), איז געשריבן געוואָרן לכתחלה לויט ליבערמאַנס בקשה

*) די דאָזיגע אומפאַרשטענדליכע ווערטער ווערן אונז דערקלערט דורך די פאָלגנדע שורות, וועלכע מיר געפינען אין איינעם פון די בריוו, וואָס לילנבלום האָט געשריבן צו זיין געליבטער („דרך תשובה" זייטל 12): „ה׳ ב"ד (ער מיינט מיט דעם: בר־דרורא—ליבערמאַן) שרייבט מיר פון ווין פאָלגנדעס: הערט זיך איין און איר וועט שטוינען: איידער איך האָב פאַרלאָזן לאָנדאָן האָב איך געהערט, אַז איר, דער מחבר פון „חטאת־נעורים" זייט אַהין געקו־מען; איך האָב אָבער געמוזט אָפּפאָרן און האָב אייך ניט געקאָנט זעהן. דערנאָך בין איך געקומען קיין האַמבורג׳ און דאָרטן אין האָטעל האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר האָט דאָרטן פאַרבראַכט עטליכע וואָכן און חתונה געהאַט מיט דעם בעל־אכסניא׳ס טאָכטער און אַוועקגע־פאָרן ניט באַצאָלנדיג אייערע חובות, וועלכע איר האָט צוגעזאָגט אָפּצושיקן פון לאָנדאָן. מ׳האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט וועגן אייך, צי איז דאָס אמת, אַז אייער צוועק איז צו פאָרן קיין אַפריקע אָדער קיין אַוסטראַליע אַנצוקלייבן דאָרט געלט און נעמען זיך פאַר רבנות. אייער ספר האָט ער ניט געהאַט; ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט קיין פרוי ניט, און אַז איר זייט נאָך קיין 30 יאָר ניט אַלט. ווילט איר מודיע זיין אין די ציישונגען, אַז איינער אַ מענש פאַנ׳צט זיך מיט אייער נאָמען? דורך דעם וועט איר באַשיצן אייער כבוד. דער מאַן קען העברעאיש.

**) לילנבלומס פסעודאָנים אויף זיין „חטאת־נעורים".

פאַר זיין „האמת“. אין זיין ספר „דרך־תשובה“ (זייטל 21) דערציילט לילנ־בלום: ה׳ ב״ד (די איניציאַלן פון די ווערטער בר־דרורא־פריימאַן — ליבערמאַנס פסעוודאָנים) האָט זיך צו מיר געווענדט מיט דער בקשה, אַז איך זאָל פאַר אים אָנשרייבן אַ מאמר וועגן אלישע בן אבויה׳ן. כאָטש איך בין געווען באַ־שעפטיגט מיט מיינע לימודים, האָב איך מיך פונדעסטוועגן ניט געקענט אָפּ־זאָגן פון אַ ליטעראַרישער אַרבעט, צו וועלכער איך בין געוואוינט געווען, און האָב פאַר אים אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל, לויט ווי ער האָט פון מיר פאַר־לאַנגט. ער האָט זיך אָבער אָפּגעדרוקט ניט דאָרטן, נאָר אין אַן אַנדער זשור־נאַל, וואָס איז אַרויס אין קעניגסבערג“.

כדי פאַרשטענדלעך צו מאַכן דעם ענין האָט לילנבלום אָנגעשריבן אַ הקדמה צו זיין „משניות“ אין דער פאָרם פון אַ בריוו, וואָס אלישע בן אבויה האָט געשיקט צו די יידישע יונגע לייט, וואָס רייבן זיך אַרום די תלמידי־חכמים און גרייטן זיך צו צו פאַרנעמען די שטעל פון פאָלקס־לערער. כדי שטאַרקער צו מאַכן דעם רושם האָט לילנבלום אָנגעמערקט פון אָנהויב בריוו, אַז ער איז געשריבן געוואָרן אום יום־כפור. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אַזוי פּאַסט פאַר אַ מענטשן ווי אחר, וועלכער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון תורה און מצוות און האָט געוואָלט דינען מיט דעם אַלס מוסטער פאַר אַנדערע. אָבער ליבערמאַן האָט בשום אופן ניט מסכים געווען צו דער דאַטע. דאַן האָט לילנבלום פאַר אים פאָרגעלעגט אַזאַ מין פשרה: ער וועט ניט שרייבן מפורש „יום־כפור“, נאָר ער וועט דאָס מאַכן דורך אַ וואונק, אויף וועלכן דער לעזער וועט זיך אַליין אָנשטויסן. ליבערמאַן האָט זיך אָבער איינגעעקשנ׳ט און האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין קיין שום פשרה, אין דאָס האָט, ווי עס ווייזט אויס, געווירקט אויף לילנבלומן איבערצוגעבן זיין „משניות“ בן נצ׳ן, דעם רע־דאַקטאָר פון „אספת־חכמים“, וועלכער האָט דערפון ניט געמאַכט קיין ווען און האָט פאַרעפנטליכט דעם הקדמה־בריוו אַזוי ווי ער איז מיט דער דאַטע „יום־כפור“ אין דער שפּיץ.

און דאָס איז, וואָס לילנבלום האָט געשריבן ליבערמאַנען וועגן דעם דאָזיגן ענין:

„מיין פריינד!

אייער בריוו האָבן מיר ערהאַלטן. וועגן דאַטום קענט איר אייך טאָן ווי איר ווילט. אויב איר ווילט, שרייבט: „יום בו היהודים דומים למלאכים זכים מעול“ (דער טאָג, אין וועלכן די יידן זיינען גלייך צו מלאכים, וואָס זיינען ריין פון זינד) לפ״ק, אָדער אָט דעם פּרט: „יום שהיהודים מדומים למלאכי־אל“ (דער טאָג ווען יידן זיינען געגליכן צו מלאכים), און דורך דעם וועט איר, ווי מיר דאַכט יוצא זיין געגן אייער חוב אופן בעסטן אויפן! דעם משניות וועל איך פאַרטיג מאַכן און איר קענט שרייבן „משנת“, און אויב איר ווילט, קענט איר צו דעם צולעגן: „וואָס געפינט זיך איצט אין די הענט פון די משנה־דערקלערער, כדי צו מאַכן אויף איר אַ פּירוש אויפן שטייגער פון דעם גרויסן

משניות, וועלכער געפינט זיך ביי אייך, ווייל די בית־מדרש לערנער ביי אייך זיינען ניט געוואוינט צו בעשעפטיגן זיך מיט הלכות, אויף וועלכע ס'איז ניטאָ קיין פרוש; אַזעלכע הלכות האָבן ביי זיי ניט קיין ממשות", אָדער אין אַנדערע אויסדרוקן.

דעם „משניות" וועל איך פאַרפאַרטיגן ווען כ'וועל באַקומען די מסכת „אבות דר' נתן" און אויך מסכת „קטנות", ווייל די אַנדערע גרויסע מסכתות געפינען זיך ביי מיר.

אייער פלאַן איז מיר געפעלן געוואָרן, און איך האָב אים ניט וואָס איבערצומאַכן אָדער וואָס מוסיף צו זיין אויף אים.

אייער פריינד
צלפחד".

און דאָ שטייען מיר פאַר אַ פסיכאָלאָגישער ערשיינונג, וועלכע פאַרדינט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. ליבערמאַן, וועלכער האָט אין יענער צייט איבערגעריסן זיינע באַציהונגען צום יידישן גלויבן און צו זיינע טראַדיציעס און האָט דאָס באַקאַנט געמאַכט עפענטליך אין זיינע אַרטיקלען, האָט פונדעסטוועגן ניט געוואָלט טאָן אין זיין סאָציאַליסטישן זשורנאַל אַזאַ זאַך, וואָס איז פיליכט אימשטאַנד צו באַליידיגן דעם רעליגיעזן געפיל פון דעם העברעאישן לערער, און לילנבלום, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט ביי יעדער געלעגנהייט צו באַטאָנען, אַז פון דער נאַטור איז ער אַ קאָנסערוואַטאָר, וועלכער בענקט נאָך דער טראַדיציע *), לילנבלום, וואָס אין זיין „חטאת־נעורים" דערציילט ער, אַז יום־כפור איז ביי אים געוועזן דער הייליגסטער טאָג, האָט געוואָלט אָפּטאָן אַזאַ פּראָפּאַנאַציע! און נאָכמער: ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז עס מוז אַזוי זיין אפילו נאָך דעם ווי דער רעדאַקטאָר פון „האמת" האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער ווילדער אומפּאַסיגקייט פון דער זאַך.

און עס איז מעגליך, אַז אָט אין דער ערשיינונג דאַרפן מיר זוכן דעם שליסל צו יענער שווערער רעטעניש: פאַרוואָס האָט לילנבלום אַזוי געוואָלט אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבן צו מאַכן פאַרגעסן לייטן דעם פאַקט, אַז אינ'ם משך פון אַ געוויסער צייט — און דאָס איז געוועזן באַלדעם, ווי ער האָט זיך מיאש געוועזן פונ'ם געדאַנק וועגן פאַראייביגן דעם גלויבן מיטן לעבן — איז ער געוועזן אַן אָנהענגער פון מאַרקסיזם און פון דער טעאָריע מכוח דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, און ער האָט אויך שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט די, וואָס זוכן דעם אידעאַל צו פאַרווירקליכן, און זיי אונטערשטיצט אין זייער אַרבעט. ס'איז צו גלויבן, אַז דער געדאַנק פון דער יידישער אויפלעבונג, וועלכער האָט אים פון די אָנפאַנג 80־ער יאָרן אָן און ווייטער אינגאַנצן באַהערשט, האָט אויף

*) די דאָזיגע באַטאָנונג קען מען געפינען אין פיל ערטער אין זיין ווערק „חטאת־נעורים". אַזוי שרייבט ער מפורש אין איינ'ם פון זיינע בריוו פונ'ם יאָר 1878 (זעה זיין ספר „דרך תשובה" זייטל 23): „און איך, זייענדיג זעהר קאָנסערוואַטיוו" א. אז. וו.

אים אַזוי פיל געווירקט, דאָס ער האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין דעם פאַקט, אַז אין אַ געוויסער צייט האָט ער געטאָן אַ זאַך, וואָס איז עלול צו וואַרפן אויף אים פאַר די קומענדיגע דורות אַ חשד, און ווען אפילו נאָר אַ שאָטן פון חשד, דאָס אין יענער און יענער צייט איז ער געווען אַ קאָסמאָפּאָליט מיט אַ גרויסן אָנהאַנג צו אַסימילאַציע, און דעראיבער האָט זיך אים געוואָלט, אַז דאָס, וואָס עס קען כאָטש עפּעס דערמאָנען זיינע אידייען אין יענע עטליכע יאָר, זאָל פאַרגעסן ווערן אויף אייביג. און ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז נאָר דאָס איז געווען די סבה פון דעם, וואָס אין זיינע „זעמטליכע ווערק", וועלכע ער האָט צורעכט געמאַכט צום דרוק אַ קורצע צייט פאַר'ן טויט, האָט ער אַרויסגעוואָרפן אַלע שאַרפע ווערטער און אויסדרוקן, וועלכע ער האָט באַנוצט אין זיינע ספרים אינ'ם פאַרלויף פון דער דערמאָנטער תקופה געגן די נאַציאָנאַלע הייליגטימער פונ'ם יידישן פאָלק, אָדער פאַרבייטן זיי אויף אַנדערע ווייכערע אויסדרוקן.

געוויס קענען מיר ניט האָבן קיין טענות געגן לילנבלומען פאַר די דאָזיגע פאַרענדערונגען. ס'איז דאָ אַ תלמודיש ווערטל: „דער רצון פון אַ מענשן — דאָס איז זיין כבוד". אויב ביי זיין לעבן איז ער געווען אויף אַזוי פיל באַאיוו צו גלויבן, אַז אים וועט זיך איינגעבן אָפּצולייקענען דאָס, וואָס ס'איז אַזוי שטאַרק בולט אין זיינע אַרטיקלען פון יעדער שורה, האָבן מיר ניט דאָס רעכט אים דערפאַר פאָרוואורפן צו מאַכן. מיר ווילן אָבער אויך ניט האָבן קיין טענות געגן דעם היסטאָריאָגראַף פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, אויב ער וועט קומען און אַרויסטראָגן אַ מיינונג וועגן לילנבלומען אַלס מענש און שריפטשטעלער ניט לויט לילנבלומס „זעמטליכע ווערק", נאָר לויט זיינע אַרטיקלען און ספרים פון דער ע ר ש ט ע ר אויסגאַבע...

די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור

.(1875—1880)

די ניי=העבּרעאישע ליטעראַטור—איך מיין מיט דעם יענע ליטעראַטור, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע מַשא פון דער מיטלאַלטערליכער סכאָלאַסטיק און טעאָלאָגיע און האָט אָנגעהויבּן צו באַקומען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט: האָט אָנגעהויבּן שטרעבּן צו באַקומען אַ וועלטליכן פּנים,—די דאָזיגע ליטעראַטור איז נאָך גאַנץ יונג בּערך. זי איז ערשט אַלט קאַרגע 80 יאָר. און אָט פאַר דעם משך צייט איז אויסער וואָס זי האָט בּאַוויזן אָפּצושפּיגלען אין זיך די פאַרשיידנסטע קינסטלערישע שאַפונגס=פאָרמען, אָנגעהויבּן פון ראָמאַנטיזם און געענדיגט מיט אימפּעססיאָניזם און דעקאַדאַנס, חוץ דעם האָבּן נאָך אויך תּמיד אין איר אָפּגעקלונגען כמעט אַ ל ע אידייען=שטרעמונגען פון די מאָדערנע ליטעראַטורן. ס׳גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון מיין אַרטיקל צו בּאַטראַכטן די פראַגע, אויף וויפיל די דאָזיגע אָפּשפּיגלונג איז געווען אין איר צייט אַ נאַטירליכע, און אויף ווי ווייט די אַלע עטאַפּן, וואָס די יונג העבּרעאישע ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט אין איר געשיכטליכן גאַנג, איז געווען „נאָרמאַל״, ד. ה. צוגעפּאַסט צו דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון דעם דורכשניטליכן העבּרעאישן לעזער. ס׳איז גרייליך מעגליך, דאָס געגרעכט זייבען יענע, וואָס ווילן האָבּן, אַז דאָס איז אַלץ געווען מער ניט ווי געקינצלט, איבּערגעבּיצעוועט און גענומען אויף פּראָקאַט בּיי פרעמדע, אָן קיין שום וואָרצל אין אייגענעם י י ד י ש ן בּאָדן. דער פאַקט בּלייבּט אָבּער, אַז ס׳איז נאָך בּיז אַהער ניט געווען קיין איין=איינציגע אייראָפּעאישע געזעלשאַפטליכע, סאָציאַלע, שטרעמונג, וועלכע זאָל ניט האָבּן געהאַט איר פאָרשטייער אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור.

דער ערשטער שטרוים פון אַ מאָדערנעם געדאַנק, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור, איז געווען דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם. די ערשטע טעאָרעטיקער און בּאַגרינדער פון דעם היסטאָרישן מא

רעאַליזם אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך באַוויזן אין דער העברעאישער לי=
טור. עטליכע פון זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן אָנפירער פון דער יידישער
סאָציאַליסטישער יוגנט; אַנדערע פון זיי זיינען אַריבער צום רעוואָלוציאָנערן
סאָציאַליזם און האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער אַלגעמיינער באַ=
וועגונג. אָבער כמעט אַלע האָבן זיי ניט געקאָנט לייכט אַריבערטראָגן דעם ריס
פון דער טראַדיציאָנעל=נאַציאָנאַליסטישער ש ט י מ ו נ ג (פון אַ יידיש=נאַציאָנאַלער
א י ד ע אָ ל אָ ג י ע האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט). אַנדערע האָבן גע=
זוכט צו מאַכן צו פשרות און געפינען אַ סינטעז צווישן דער קאָסמאָפּאָליטישער
שטרעמונג מיט דעם סבל=הירושה פון זייער יידישקייט, און ניט קענענדיג דאָס
דורכפירן, זיינען זיי אונטער דעם דרוק פון שטאַרקן אינווייניגסטן קאַמף אַרומ=
געגאַנגען כל ימיהם מיט פאַרביטערטע הערצער און צעבראָכענע נשמות, און
זיינען אַוועק פון דער וועלט אין גרויס בענקעניש נאָך דעם ז י י ד ע ן, דעם
סימבאָל פון גאַנצקייט און האַרמאָניע. נאָר אַ קליינער טייל, אויב ניט דער
קלענסטער, האָט זיך באַרוהיגט, אָפּגעשטעלט אויף דעם יידיש=נאַציאָנאַלן גע=
דאַנק, וועלכער האָט זיך פונאַנדערגעשפּראָצט אין אָנהויב 80=ער יאָרן פון פאָ=
ריגן יאָרהונדערט.

אין מיין אַרטיקל וויל איך דורכפירן פאַר די לעזער אַ קליינע גאַלעריי
פון די מער באַדייטנדערע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער
ליטעראַטור.

I.

פוונערס אַרויסטריט געגן דער ראָמאַנטיק אין דער העברעאישער ליטע-
ראַטור.—ל י ל י נ ב ל ו ם אַלס פּאָפּולאַריזאַטאָר פון פּיסאַרעוום אין טשערנישעוו-
סקים אידייען.—ש ל ו ם - י ע ק ב אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש אַלס קריטיק-רעאַליסט.

אינמיטן די 50=ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט, בעת די נייע העברע=
אישע ליטעראַטור איז נאָך געווען זעהר יונג, כמעט אָט ערשט פון די ווינדע=
לאַך אַרויס, האָט אין איר געוועלטיגט אַ אידעאַליסטיש ראָמאַנטישע שטימונג.
א ב ר ה ם מ אַ פּ ו, וועלכער האָט זיך געפונען אינגאַנצן אונטער דעם איינדרוק
פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטישער שול, האָט דאַמאָלט געשריבן זיינע היסטאָ=
רישע ראָמאַנען, וואָס האָבן אַריבער געטראָגן דעם לעזער אין דער בליהענדיג=
סטער עפּאָכע פון דעם יידישן זעלבסטשטענדיגן פּאָליטישן לעבן מיט דריי
טויזנט יאָר צוריק; אָ ד ם ה כ ה ן ל ע ב נ ס אָ ן האָט זיך געגריבלט אין די איי=
ביגע לעבנס=רעטענישן און פאַרטיפט זיך אין די סבות פון דעם גרויסן וועלט=
שמאַרץ; זיין טאַלענטפולער, צו יונג פאַרשטאָרבענער זון, מ י כ ה י ו ס ף, האָט

מיט אַ שטאַרקער לירישער התלהבות באַזונגען אונזערע היסטאָרישע פאָלקסהעלדן; קלמן שולמאַן און שמחה פּאָזנער האָבן מזכה געווען דעם העברעאישן לעזער=פובליקום מיט די איבערזעצונגען פון אייזען סיו׳ס בולוואַר=ראָמאַנען; יידישע פובליציסטן האָבן מיט גרויס היץ פּאָלעמיזירט מיט קליינשטעטלדיקע רב׳לאַך וועגן פת עכו״ם, און באַרימטע יידישע געלערנטע, ווי דער פּאַדוער פּראָפעסאָר שמואל דוד לוצאטא (שד״ל), האָבן זיך אָבגעגעבן מיט איינטייטשן שווערע פסוקים פון תנ״ך,—אין יענער צייט האָבן זיך מיט אַמאָל, גאָר פון העלער הויט, געגומען הערן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, פון אָנהויב אין גאַנץ שוואַכע טענער, אָבער וואָס ווייטער אַלס הילכיגער, אַלץ דרייסטער, אָט אַזעלכע סאָרטן טיראַדן: איר מענשן=שרייבער! איר מענשן=אויפקלערער! וואָרום זייט איר זיך עוסק אין אַזעלכע הבלים? ווי קומט איר צו האָבן וואָס צו טאָן מיט קברות=בלעטלאַך? וואָס טויג אונז דער טויטער עבר? גיט אונז עפּיס ניצליכס, ממשות׳דיגס, רעאַלס! לעבן גיט אונז! לעבן! פּאָפּולאַריזירט בעסער פאַרן פאָלק די פאַרשיידענע נאַטורוויסנשאַפטן, מאַכט אים באַקאַנט מיט די יסודות פון דער מאַטעריע. דורך דעם וועט איר אים לערנען לעבן פאַר זיך אַליין און פאַרן צווייטן. מיט די דאָזיגע פּאָדערונגען צו דער ניי=העברעאישער ליטעראַטור און צו אירע שרייבער איז דאַמאָלסט נעקומען דער ערשטער העברעאישער קריטיקער. אורי קאָוונער האָט ער געהייסן. דאָ האָט מען אָבער געהערט מער קאָוונערס קול. די הויפּט=געדאַנקען, און אפילו די ווערטער, אין וועלכע זיי זיינען אויסגעדריקט געוואָרן זיינען געווען ניט זיינע, נאָר דעם רוסישן קריטיקערס פון יענער צייט, פּיסאַרעווס, וואָס שטיצנדיג זיך אויף די טעאָריעס פון ביכנערן, פייערבאַכען, שליידענען און אַנדערע, האָט ער זיך געווענדט מיט דיזעלביגע טענות, און כמעט וואָרט ביי וואָרט, צו די רוסישע שריפטשטעלער אין זיין עפּאָכע.

מיט זעהר אַ שאַרפן פּראָטעסט געגן דעם ראָמאַנטיזם אין דער ניי=העברעאישער ליטעראַטור און געגן איר אָפּגעריסנקייט פון די ממשות׳דיגע לעבנס=פּראָבלעמען, איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַרויסגעטראָטן אויך לילינבלום. אין איינעם פון זיינע קריטישע אַרטיקלען האָט לילינבלום אויסגעשריען מיט גרויס ביטערניש: ס׳טייטש, ווי קומט דאָס, אַז אין דער צייט, וואָס אין דעם גאַנץ דיינקנדיג אינטעליגענטן רוסלאַנד קאָכט און רעש׳ט מיט די נייע אידייען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון פּיסאַרעוון און טשערנישעווסקין, ווי אַן ענטפער אויף דער גרויסער פּראָבלעם וועגן אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד,— אין דערזעלביגער צייט זיצן אונזערע בכבודע ליטעראַטן און פאַרנעמען זיך מיט הימלשע פאַנטאַזיעס און מיט שטותים. גיט אונז אַ שטיקל טרוקן ברויט! גיט אונז פרישע לופט! טראַכט וועגן דער רוה און דעם גליק פון אונזערע אומגליקליכע שוועסטער און ברידער! ראַטעוועט אונזער יוגנט פון אונטערגאַנג! ווייזט איר אָן דעם ריכטיגן לעבנס=וועג, זי זאָל ניט דאַרפן פטרן אירע כחות אין פינסטערן אַרומבליאַנדזעניש!

אין נאָך אַ פיל בולט'ערן אויפן האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אַיינפלוס פון פּיסאַרעוון און טשערנישעווסקען אויף לילענבלומען אין זיין קריטיק וועגן מאַפּוס האַלב רעאַליסטישן ראָמאַן „עיט צבוע". אין דער דאָזיגער קריטיק האָט זיך לילענבלום אַרויסגעזאָגט בפירוש קעגן די עסטעטיקער וואָס האַלטן, אַז די ריינע קונסט איז אַ צוועק אַליין פאַר זיך, און האָט אונטערגעשטיצט פּיסאַרעווס באַקאַנטן פּאַראַדאָקס, אַז „אַ פּאָר שטיוול האָט מער ווערט פון אַלע שעקספּירס שאַפונגען". קודם כל דאַרפן מיר—אַזוי האָט לילינבלום געשריבן—אַז אונזערע קינסטלער זאָלן שטעלן זייער בליק אויף דער רעאַלער ווירקליכקייט, אַז זיי זאָלן זעהן אַרויסרופן ביים לעזער אַ ניכטערן קוק אויפן לעבן, באופן, אַז ער זאָל אויפהערן צו בלאָנדזיען אין אַ וועלט פון פּוסטע חלומות און פאַנטאַזיעס, און אַז ער זאָל סוף כל סוף פאַרשטיין, דאָס ס'איז ניטאָ קיין אַנדער צוועק אין לעבן חוץ דעם לעבן אַליין, אַז דער יסוד און דער צענטער פון דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד איז נאָר דער יחיד, דער פּרט וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויף דער רעאַלער ערד און באַשעפטיגט זיך מיט נוצליכער אַרבעט, וועלכע ס'איז אים ליב און וועלכער ער איז טריי ערגעבן.

דעם באַקאַנטן פּיסאַרעווס טעזיס, אַז „דער מענטש פאַר זיך אַליין איז טייערער פון אַלץ אין דער וועלט" האָט לילנבלום טאַלענטפול און ענערגיש דורגעפירט אין אַ שורה אַרטיקלען. אין די זעלביקע אַרטיקלען האָט ער פאַרטיידיקט טשערנישעווקעס אידייע, אַז די מענטשליכע פערזענליכקייט, דער איג־ווידואום, מוז באַפרייט ווערן פון די אַלערליי קייטן, וועלכע ווערן אויף איר אַרויפגעלייגט הן מצד דער פאַמיליע, הן מצד דער געזעלשאַפט, און בכלל, מצד די אַלע פאַרשיידענע באַדינגונגען, וואָס שטערן איר פרייע אַנטוויקלונג. נאָר די פריי אַנטוויקלטע, נאָר די שטאַרקע מענטשליכע פערזענליכקייט קאָן לעבן מיט נוצן פאַר זיך אַליין און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט,—דאָס איז געווען די לעצטע מסקנה פון לילנבלומס קריטישע מאמרים אין סוף 60־ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט.

צו דערזעלביגער קאַטעגאָריע שריפטשטעלער דאַרף מען נאָך צורעכענען אויך שלום יעקב אבראַמאָוויטשען (מענדעלע מוכר ספרים), וועלכער האָט אין זיין צייט געשמ'ט ווי אַ בעלינסקי פון דער העבראַישער ליטעראַטור. אַבראַמאָוויטש האָט נאָך אַ געוויסע צייט פאַר קאָוונערן באַקעמפט דעם מליצה־זשאַנר און די פאַלשע באַגריפן וועגן דער אמת'ער השכלה, וועלכע האָבן זיך גענומען אַיינוואָרצלען אין דער העבראַישער ליטעראַטור, האָט שטאַרק אַגיטירט פאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פון די אוטיליטאַרע וויסענשאַפטן און האָט דאָס מקיים געווען בפועל ממש אין אַ ריי פאַרשיידענע אַרטיקלען, און באַזונדערס אין זיין זעהר פאָפּולערער העבראַישער באַאַרבעטונג פון לענצ'ס געשיכטע פון דער נאַטורוויסנשאַפט.

און די אַלע געדאַנקען וועגן קונסט און עסטעטיק, די אַלע מיינונגען וועגן דער גרויסקייט און דער וויכטיקייט פון „רעאַליזם" און וועגן דער נישטי־

קייט פון פוסטקייט פונ'ם „אידעאַליזם" צוזאַמען מיט די פאָדערונגען בנוגע דער באַפרייאונג פון דער מענטשליכער פּערזענלעכקייט, האָבן ביסלעכווייס פּאַרפּאַרטיגט און צוגעגרייט אין דער נייהעברעאישער ליטעראַטור דעם באָדן פאַר אַ פיל עקסטרעמערער אידייע, פאַרן — ס אָ צ י אַ ל י ז ם.

II.

די באַוועגונג פון „נאַראָדניטשעסטוואָ" אין רוסלאַנד. — דער אָנטייל פון יידישע סטודענטן אין דער באַוועגונג. — די ערשטע קליינע חברות פון יידישע סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן. — סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע דורך ה ע ב ר ע א י ש. — סמאָלענסקינס „ה ש ח ר" אַלס צענטער פון דער דאָזיגער אַגיטאַציע. — מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? — די דריי צענטערס פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.

ווי באַוואוסט האָט זיך אין די ערשטע 70־ער יאָרן פונם פאָריגן יאָרהונדערט אַנטוויקלט צווישן אַ געוויסן טייל פון דער רוסישער אינטעליגענטער יוגנט אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז באַקאַנט געווען אין איר צייט אונטערן נאָמען „נאַראָדניטשעסטוואָ". געציילטע יידישע סטודענטן, וועלכע זיינען מיט דער דאָזיגער רוסישער יוגנט געקומען אין אַ שטענדיגער באַרירונג און זיינען דורך איר שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן מיט די אידייען און פּראָבלעמען פון דעם רוסישן אולטראַ־פּראָגרעסיוון געזעלשאַפטליכן לעבן, זיינען אויך צוגעשטאַנען צו דער דערמאָנטער באַוועגונג. און בשעת צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ האָבן זיך אָנגעהויבן דאָס אַזוי־גערופענע „גיין אין פאָלק", זיינען מיט איר מיטגעגאַנגען אויך קליינע הייפלאַך פון יידישע געבילדעטע יונגע לייט. אין גרויסע צענטערס ווי ווילנע, קיעוו, מאָהליעוו און אַנדערע יידישע שטעט האָבן זיך געגרינדעט קליינע חברות פון יידישע סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן, וועלכע האָבן פאַר זייערע אידייען געזוכט צו פירן אַ שטילע אַגיטאַציע אונטערן פאָלק, און די ערשטע צייט באַזונדערס צווישן ישיבה־לייט און קלויזניקעס.

צו דעם צוועק האָבן זיך די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן געמוזט, באין ברירה, באַנוצן מיטן י י ד י ש ן וואָרט. האָבן אָבער די דאַמאָלסדיקע יידישע סאָציאַליסטן אַיינגעזאַפּט אין זיך פון דער משכיל'שער שול, אין וועלכער זיי זיי האָבן זיך כמעט אַלע ערצויגן, אַ שטאַרקע שנאה צו דעם „זשאַרגאָן". אגב איז אין יידיש דעמאָלט אַרויס נאָר די איינציגע וועכנטליכע צייטונג „קול מבשר", וואָס האָט געהאַט פאַר אַ רעדאַקטאָר צ ע ד ע ר ב וי מ ע ן, וועלכער איז געווען אַ פּאָליטיש שוין צופיל כשרער ייד, אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון יעדער ראַדיקאַלן געדאַנק, און דערצו האָבן נאָך בייזע צינגער אויף אים

מרבן געוועז, אַז ער נוצט אַמאָל אויס זיין לאָיאַליטעט אַלס אַ גוטן געשעפט. אָט האָט מען קיין אַנדער אויסוועג ניט געפונען ווי נאָר אָפּצושטעלן זיך אויף העברעאיש.

און אָט דאָ שטייען מיר פאַר זייער אַ כאַראַקטעריסטישער ערשיינונג. אין יענער צייט איז ביי די אָנהייבער פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק געוועזן פאַררעכנט אַלס הלכה פסוקה, אַלס אַקסיאָמע, אַז דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר שפּילט קיין שום ראָלע ניט אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, און זיי האָבן געזאָגט, אַז נאַציאָנאַליזם איז פּונקט דער היפּך, פּונקט דער קאָנטראַסט פון סאָציאַליזם. אין בעסטן פאַל האָבן זיי געקוקט אויפן נאַציאָנאַליזם ווי אויף אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה. דעריבער איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז די לאָגיק אַליין האָט געטריבן דעם יידישן סאָציאַליסט אָפּצוזאָגן זיך לגמרי פון נאַציאָנאַלן עלעמענט. דער אָנפירער פון דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער חברה אין ווילנע,—זונדעלעוויטש, דערציילט אין זיינע זכרונות בזה הלשון: „פאַר אונז אַלעמען האָט די יידישקייט אַלס נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם קיין ממשות ניט געהאַט; ביי אונז איז אויסגעקומען, אַז די יידישע נאַציאָנאַליטעט האָט ניט קיין שום עקסיסטענץ־באַרעכטיגקייט, האָט ניט קיין זכות־הקיום. דער הויפּט־עלעמענט, וואָס בינדט צונויף אַלע יידן צוזאַמען, די רעליגיע, איז פון אונז באַטראַכט געוואָרן אַלס אומבאַדינגט רעגרעסיווער פאַקטאָר; אויפן פּשוטן לשון הייסט דאָס, אַז די יידישקייט איז פון אונז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ הייקער, פון וועלכן מ'דאַרף זוכן מיט אַלע מיטלען פּטור צו ווערן. דער יידישער נאַראָדניק האָט געפונען פאַר זיין מאָראַלישן חוב מקריב צו זיין אַלע כחות פאַר דעם וואוילשטאַנד פון די אַרבעטנדיגע קלאַסן, און היות ווי זיין אייגן פאָלק, דאָס יידישע, איז דאָך אַ פאָלק פון לויטער קליינהענדלער און סרסורים, איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס פאַר אים, פאַרן יידישן נאַראָדניק, האָט דער דעוויז פון „גיין אין פאָלק אַריין" געהייסן אין „ר ו ס י ש ן פאָלק". נאָך איינער פון די ערשטע יידישע נאַראָדניקעססאָציאַליסטן, דער באַקאַנטער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער ו ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י, וועגן וועלכן איך רייד אויספירליך אין איינעם פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך,—שרייבט אין זיינע עראינערונגען: „מיר זיינען אַלע געוועזן נאַראָדניקעס, און די פריערים זיינען געוועזן אונזערע ברידער".

און די דאָזיגע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס אין זייער פּראָגראַם איז אַריין איבערצורייסן די לעצטע פעדים, וועלכע פאַרבינדן זיי מיט דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, און וואָס האָבן דאָס טאַקע אויך מקיים געוועזן בפועל ממש,—האָבן ניט געפונען קיין אַנדער אָרט פאַר זייער אַגיטאַציע ווי נאָר דווקא אין דעם העברעאישן חדש־זשורנאַל „ה ש ח ר", וועלכער איז געוועזן דער פלאַמענדיגסטער קעמפער ניט בלויז פאַרן אַ ב ס ט ר אַ ק ט ן יידישן נאַציאָנאַלגעדאַנק, נאָר אויך פאַר דער ר ע אַ ל ע ר יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. [*]

פון דער אַנדער זייט איז אין פלוג שווער צו פאַרשטיין, ווי קומט דאָס,

וואָס אַזאַ ברענענדיגער נאַציאָנאַליסט ווי סמאָלענסקין איז געווען, זאָל פראַנק און פריי פונאַנדערפּענען זיין „השחר" פאַר דער אַגיטאַציע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, וועלכער איז גרונד גענומען, געבויט אויף דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע, און גראָבט שוין דורך דעם ממילא אינגאַנצן אונטער דעם יידיש=נאַציאָנאַלן געדאַנק?—

די דאָזיגע, אין פלוג, רעטזעלהאַפטע טאַקטיק בנוגע צום ה„שחר" הן מצד די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן און הן מצד סמאָלענסקינען, ווערט אונז דערקלערט נעמענדיג אין אַכט די פאָלגנדע טעמים:

דער „שחר" זייענדיג אין זיין אַרט צערשטערעריש=רעוואָלוציאָנעריש, איז געווען דער באַליבטעסטער אָרגאַן פון דער יידישער אינטעליגענטישער יוגנט, און באַזונדערס האָט ער געהאַט אַן אומגעהייער שטאַרקן איינפלוס אויף די ישיבה=בחורים און וואוילערנער,—די מער דיינקענדערע עלעמענטן אין יידנטום, און דוקא זיי האָבן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן געזוכט צו געווינען פאַר זייערע אידייען. דערצו דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז כמעט דער גרעסטער טייל פון די דאַמאָלסדיגע יידישע סאָציאַליסטישע אָנפירער, אַליין נעכטיקע קלויזניקעס, האָבן אומבאַוואוסטזיניג סימפּאַטיזירט מיט העברעאיש, אַלס דעם לשון פון דער השכלה.

סמאָלענסקין ווידער האָט ערשטנס געהאַט אַ גרויסע חולשה צו אַ שיינער העברעאישער שפּראַך. צוליב דעם שיינעם לשון האָט ער גאַנץ אָפט מותר געווען אויפ'ן אינהאַלט. און גראָד איז געווען דער פאַל, אַז דוקא די העברעאישע אידעאָלאָגן פונ'ם מאַרקסיזם האָבן יעדערער געהאַט זעהר אַ פיין אויסגעאַרבעטן העברעאישן סטיל. צווייטנס איז סמאָלענסקין אַזוי געווען זיכער אין דער איבערצייגונגס=קראַפט פון זיינע אידייען,—אַ זאַך, מיט וועלכער ער האָט ליב געהאַט צו שטאָלצירן אין זיין אייגענעם „השחר"—אַז ער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר קיין שום פרעמדן געדאַנק, וואָס אַנדערע האָבן אַריינגעטראָגן צו אים אין זיין מחיצה.

אָבער ווי און פאַר וואָס די מעשה זאָל ניט זיין,—אַ פאַקט איז, אַז סמאָלענסקינס „השחר" איז געווען אין זיין צייט דער איינציגער אָרגאַן, מיט וועלכן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך באַנוצט אָנצופירן דורך אים זייער אַגיטאַציע צווישן דער יידישער יוגנט.

ווי איך האָב שוין דאָ פריער געזאָגט זיינען די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע חברות געווען צעוואָרפן איבער די דריי גרויסע צענטערס: ווילנע, קיעוו און מאָהילעוו. לויט דער אַיינטיילונג פון דער אַרבעט האָט איטליכער פון די דאָזיגע דריי צענטערס געהאַט אַ באַזונדער פאַרשטייער, וועלכער איז באַפולמעכטיגט געוואָרן פון זיינע חברים אָנצופירן מיט דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אין „השחר".

מיר וועלן פרובן איבערגיין צו יעדער איינציגן פון די דאָזיגע דריי צענטערס.

III.

ווילנער ראַבינער-שול אַלס נעסט פון ייִדיש-סאָציאַליסטישן צענטער.—י. ל. קאַנ-טאָרס סאָציאַליסטישער שיר אין „השחר".—ליבערמאַן.—זיין ערציילונג „חזות הכל".—דער איינדרוק פון דער ערציילונג אויף די העברעאישע לעזער.— י. ל. בן-דוד (דאַווידאָוויטש).

דער נעסט פונ'ם ווילנער סאָציאַליסטישן צענטער איז געווען די ראַבי-נער-שול. די מער אַנטוויקלטערע תּלמידים פון די עלטערע קלאַסן, וועלכע זיינען געווען שטאַרק באַהאַווונט אין דער רוסישער ראַדיקאַלער ליטעראַטור און האָבן זיך אָנגעזאַפּט ניט בלויז מיט די געדאַנקען פון פּיסאַרעוון און טשערני-שעווסקען, נאָר אויך מיט די גרונדאידייען פון דאַרווין, מאַרקס, לאַסאַל און די אַנדערע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, זיינען אַלע געווען איבערגעגעבן דעם סאָציאַליזם. די אַלע שמירה-מיטלען, וואָס די אַדמיניסטראַציע פון ראַבינער-שול האָט אָנגענומען צו פאַרהיטן דער אַנשטאַלט פון דער סאָציאַליסטישער געפאַר, האָבן צו קיין שום רעזולטאַטן ניט געפירט. אַפילו נאָך דעם ווי די פאַרוואַלטונג האָט ביי עטליכע תּלמידים אָפּגענומען זייער חדש'דיקע פּענסיע, און עטליכע, די מער פאַרדעכטיגערע, האָט זי פּשוט אַרויסגעטריבן, האָט די ראַבינער-שול ניט אויפגעהערט צו זיין דער מקום-מקלט פון דעם ווילנער יידישן סאָציאַליזם.

בשעת ס'איז אין אַלגעמיין אָנערקענט געוואָרן די נויטיגקייט פון דער העברעאישער אַגיטאַציע פאַר'ן סאָציאַליזם, האָט דער ווילנער צענטער דאַמאָלס דערצו באַפולמעכטיגט איינעם פון זיינע חברים די ראַבינער-שילער. דער דאָ-זיגער שילער איז געווען דער גוט באַקאַנטער העברעאיש-יידישער שריפטשטע-לער ד"ר ל. קאַנטאָר. מיר, אין אונזערע צייטן, האָבן שוין געקענט קאַנ-טאָרן אַלס העכסט כשר'ע, לאָיאַלע פערזענליכקייט; אין די מיטעלע 70-ער יאָרן אָבער, זייענדיק אַ תּלמיד פון דער ווילנער ראַבינער-שול, האָט ער געשמ'ט אַלס פאַרקאָכטער סאָציאַליסט, ווייל קאַנטאָר האָט שוין אין יענער צייט גע-האַט אַ נאָמען אַלס באַגאַבטער העברעאישער זשורנאַליסט, דעריבער האָט מען דאָס אים איבערגעגעבן צו אַגיטירן פאַר'ן סאָציאַליזם אין „השחר".

צוליב די זעהר שווערע צענזורישע באַדינגונגען פון יענער צייט איז קאַנטאָר ניט געגאַנגען מיט'ן גלייכן, אָפענעם וועג, און האָט זיין סאָציאַליסטי-שע אַגיטאַציע אַריינגעשמוגלט אין „השחר" צווישן די פערזן פון אַ שיר. אין דעם דאָזיגען שיר, וועלכער הייסט „מאמינים אנחנו" („מיר גלויבן") און איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַן אויפרוף צו דער יוגנט („קול לבני

הנעורים״), באַקלאָגט זיך דער דיכטער אויף דער שוואַכער, ביטערער לאַגע פון די אַרבעטער, וועלכע ווערן עקספּלאָאַטירט פון זייערע בעלי־בתּים די ברויטגעבערס. אויסערדעם האָט קאַנטאָר געזוכט אַריינגנב׳ענען אין דעם שיר ברעקלאַך כמעט פון אַלע סאָציאַליסטישע טענדעציעס: אַ פּראָטעסט געגן די זאַטע, די פּאַראַזיטן, וואָס לעבן אויפ׳ן חשבון פון דעם אָרימען אַרבעטער, אַ פּראָטעסט געגן דער אומגלייכקייט פון די פאַרשיידענע מענשן־קלאַסן און אַ פּראָטעסט געגן דער אומגערעכטליכער צוריקשטעלונג פון דער פרוי. און פאַרענדיגט האָט זיך דער שיר מיט׳ן פעסטן גלויבן, אַז גאָר אינגיכן וועט אָנשטיין די גאָלדענע תּקופה, ווען עס וועלן צובראָכן ווערן די קייטן פון קנעכטשאַפט, פון טיראַניי און דעספּאָטיזם, ווען די מענשליכע פּערזענליכקייט וועט באַפרייט ווערן פון אַלע אירע צוואַנגען, און עס וועלן מקוים ווערן די אידעאַלן פון ימות המשיח, ד. ה. פון דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז דער דאָזיגער שיר איז געווען קאַנטאָרס ערשטער און לעצטער דעביוט אַלס סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר. מער פון דעם האָט שוין קאַנטאָר אויפן דאָזיגן געביט גאָרנישט אויפגעטאָן. פון דאַמאָלס אָן האָט זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער.

דאַמאָלס האָט זיך דער ווילנער סאָציאַליסטישער צענטער אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער חבר, וועלכער איז אויך געווען אַ תּלמיד פון ראַבינער־שול. דער דאָזיגער תּלמיד איז נאָך אפילו דאַן ניט געווען באַקאַנט אַלס זשורנאַליסט, דערפאַר איז ער שוין אָבער געווען באַרימט פאַר אַ גרויסן העבראַיסט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך אָפּגעדרוקט אין עטליכע ביכלאַך פון „השחר״ אַן ערציילונג מיטן נאָמען „חזות הכּל״ פון אַ נייעם, נאָך גאַנץ אומבאַקאַנטן שריפטשטעלער, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן פּסעוודאָנים „דניאל איש חמדות״. די דערמאָנטע ערציילונג איז אַ מין קאַליידאָסקאָפּ, וואו עס לויפן פאַרביי איינער נאָך דעם אַנדערן בילדער פון די פאַרשיידנסטע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס פּאַסירן אין דער וועלט. דערצו איז נאָך די ערציילונג געווען געשריבן אין זעהר אַ שיינעם העבראַיש, אָן מליצות און אָן האַלבע צובראָכענע, צוקאַליעטשעטע פּסוקים, נאָר עפּיס אַזוי לייכט, אַזוי פאַרשטענדליך, אַזוי גלאַט, און אינגאַנצן געגומען אַזוי געשמאַק,—אַלץ אַזעלכע זאַכן, וועלכע זיינען ביי דעם דאַמאָלסדיגען העבראַישן לעזער געווען זעהר אַ גרויסע און אַן אָנגענעמע זעלטנקייט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אַז אפילו נאָך דעם גרויסן, שרעקליכן חורבן, וואָס דער רויטער בלייפעדער פונ׳ם רוסישן צענזאָר האָט אָנגעמאַכט אין דער דאָזיגער ערציילונג, האָט זי אין איר צייט געמאַכט אויפ׳ן העבראַישן לעזע־פּובליקום זעהר אַ גוואַלטיגן איינדרוק. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָט מען נאָך וועגן די נייע געדאַנקן, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין „חזות הכּל״, זעהר פיל גערעדט און שטאַרק געטאַמערט זיך ניט בלויז אין די דאַמאָלסדיגע ליטעראַרישע קרייזן, נאָר אויך

צווישן די בעלי־בתּישע לייענער, און באַזונדערס אין די ישיבות און די בתּי־מדרשים. דער מחבר פון דער דערמאָנטער ערציילונג וואָס האָט זיך, ווי איך האָב שוין דאָ געזאָגט, פאַרבאָרגן אונטער דעם פּסעוודאָנים „דניאל איש חמדות", איז געווען דער אמתער שעפער, און דער גרעסטער פעהיגסטער אַגיטאַטאָר פון דעם יידישן סאָציאַליזם, דער שפּעטערדיגער רעדאַקטאָר פון דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש־זשורנאַל „האמת"—אהרן שמואל ליבערמאַן, וועגן וועלכן איך האָב שוין אויבן גאַנץ אויספירליך גערעדט.

אויסער דער אַגיטאַציע דורכ'ן העברעאישן געדרוקטן וואָרט, האָט דער ווילנער יידישער סאָציאַליסטישער צענטער אָנגעפירט אין העברעאיש אויך אַ שריפטליכע אַגיטאַציע אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע אויפרופן, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער פּראָווינץ. בראש פון דער דאָזיגער העברעאישער שריפטליכער אַגיטאַציע איז געשטאַנען אויך איינער, וואָס ערשט אין אַ יאָר 15 אַרום, אין די מיטעלע 80־ער יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן נתפרסם צו ווערן אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַלס טיכטיגער פּובליציסט און קריטיקער. דאָס איז געווען: י. ל. בן־דוד (דאַווידאָוויטש).

V.

דער קיעווער צענטער.—ד"ר יצחק קאַמינער.—יהלל.—ווי אַזוי יהלל איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט.—זיין שטעל בוי'ם קיעווער מיליאָנער בראָדסקי.—זיין ערשטער סאָציאַליסטישער שיר „עבד עבדים".—דער קריזיס אין יהלל'ס ליטעראַרישער טעטיגקייט.—זיין באַציהונג צום נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק.

די קיעווער גרופּע פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן איז באַשטאַנען אין אַ קליינע צאָל סטודענטן פון דעם דאָרטיגן אוניווערזיטעט. פון דער דאָזיגער גרופּע זיינען מיט דער צייט אַרויסגעקומען אַזעלכע באַדייטנדע סאָציאַליסטישע פירער ווי לעאָ דייטש און אַקסעלראָד. די געהיימע אסיפות פון די קיעווער יידישע סאָציאַליסטן פלעגן פאָרקומען אין דער וואוינונג פונ'ם באַקאַנטן העברעאישן משורר ד"ר יצחק קאַמינער.

ס'איז כדאי אָפּצושטעלן זיך אַביסל אויף דער אינטערעסאַנטער פּערזענליכקייט פונ'ם דאָזיגן ד"ר קאַמינער.

אַליין אַ געבוירענער אין אַ וואָהלינער קליינשטעטל מיט אַן „עילוי'אישן" קאָפּ, איז ער דערצויגן געוואָרן פון זיינע אָרטאָדאָקסישע עלטערן אין דער וועג פון תורה און מצוות מיט דער האָפענונג, אַז ס'וועט פון אים אַרויסוואַקסן אַ „גדול בישראל", אַ רב אין אַ גרויסער יידישער שטאָט. איז אָבער זייער האָפענונג ניט מקוים געוואָרן. עפּיס ווי פון העלער הויט איז אין דעם יונגן קאַמינער פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. דער ביזאַהעריגער „מתמיד", וואָס

איז יום ול״ה נ״ט אַרויס פון בית־מדרש, האָט אינדערשטילן אָנגעהויבן צו לערנען וועלטליכע למודים. נאָכדעם איז מען דערגאַנגען, אַז צו דער דאָזיגער איבערקערעניש האָט אים געבראַכט אַן אָנגעפּאָרענער ליטווישער מלמד, וועלכער איז געווען אַ פאַרבאָרגענער „משכיל", דער דאָזיגער מלמד, וועלכער האָט תּיכּף דערקענט קאַמינערס גלענצנדע פעהיגקייטן, האָט אויף אים משפּיע געווען, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער רבנישער קאַריערע און זאָל זיך נעמען צו בילדונג.

קאַמינערס עלטערן האָט דאָס זעהר ניט געשמעקט און האָבן אים נאָכאַנאַנד געמוסרט. אַז זייער מוסר האָט ניט געווירקט, האָבן זיי גענומען דעם זעכצניאָריגן ייִנגל און האָבן אים מיט גוואַלט חתונה געמאַכט. דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן. דער יונגער בעל־הביתל האָט די „ספרים חיצונים" ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט. זיין יונגע פרוי לא די, וואָס זי האָט אים אין דעם ניט געשטערט, האָט נאָך אים פיל געשטיצט און געשטאַרקט אין זיינע שטרעבונגען. ער האָט אָבער פיל געהאַט אויסצושטיין פון זיין פאַנאַטישער פאַמיליע. לסוף האָט ער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אַ יאָר נאָך דער חתונה איז ער אַנטלאָפן געוואָרן פון זיין געבורטס־שטעטל און איז געקומען קיין ווילנע, וועלכע איז אין יענער צייט געווען אַ צענטער פון תורה און חכמה. די ווילנער משכּילים, מיט דעם באַוואוסטן געלערנטן ר' שמואל יוסף פין אין דער שפּיץ, האָבן דעם יונגן „בורח" זעהר מקרב געווען און געגעבן אים די מעגליכקייט צו לערנען זיך אום צו דערגרייכן זיין צוועק.

ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און זיין שווער האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרוואַרפן מיט בריוו און בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין עלנדער פרוי און קומען אַהיים. קאַמינער האָט ניט געקענט זעהן דעם צער פון זיין יונגער פרוי און האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין קליינשטעטל. דאָרטן האָבן זיך פאַר אים אָנגעפאַנגען שווערע צייטן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געמוזט אָפּגעבן מיט אוראָקן כּדי מפרנס צו זיין די פאַמיליע, און די איבעריגע צייט האָט ער פאַרבראַכט אויף לערנען זיך אום אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס לערער אין אַ קרוינישער שול, וואָס עס איז געווען זיין איינציגע שטרעבונג אין יענער צייט. ער האָט זיין ציל דערגרייכט, און באַקומענדיג פון דער זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע דעם געווינשטן אַטעסטאַט, איז ער אין אַ קורצער צייט אַרום באַשטימט געוואָרן אַלס לערער פון די העבּרעאישע למודים אין דער דאָרטיגער צוגרייטונגס־שול צום ראַבינערסעמינאַר.

קאַמינער האָט זיך נאָך אָבער מיט דעם ניט באַנוגנט. דאָס איז פאַר אים געווען צו ווינציג, און ער האָט גענומען שטרעבן צו עפּיס העכער, און אויך דעם מאָל האָט זיך אים זיין שטרעבונג איינגעגעבן. אין יאָר 1859, זייענדיג שוין אַ פאָטער פון פינף קליינע קינדער, איז ער אַוועק אין קיעוו, און דאָרט איז ער אריין אין אוניווערזיטעט, וואו ער האָט סטודירט מאַטעמאַ

טיק. אויפן צווייטן יאָר האָט ער זיך אָבער אויסגערעכנט, אַז פאַר אַ יידישן סטודענט, וועלכער איז אַ מטופּל מיט אַ ווייב און פינף קינדער איז בעסער צו סטודירן מעדיצין, אום צו לעבן דערנאָך פון דאָקטאָריי.

די ערשטע צייט האָט זיך קאַמינער זעהר ניט גוט געלעבט אין קיעוו. פון זיין געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט פון אוראַקן, האָט ער אַ טייל געמוזט שיקן דער ווייב קיין זשיטאָמיר, און מיט די איבעריגע דערנערן זיך אַליין. ער איז אָפּגעקומען מיט ברויט און זאַלץ און געוואוינט אין אַן ענגן פינסטערן צימער אויף אַ בוידים-שטיבל. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען צו פאַרקויפן אַ וועלכן ס'איז בוך און קויפן פאַר דאָס געלט ברויט און ליכט. שפּעטער האָט זיך אַביסל זיין לאַגע פאַרבעסערט, און דאַן האָט ער זיין פאַמיליע אַריבערגעבראַכט קיין קיעוו. אַזוי האָט ער געלעבט ביז ער האָט געענדיגט דעם אוניווערסיטעט. פון דאַמאָלסט אָן איז זיין מאַטעריעלער מצב געוואָרן גאַנץ פעסט. ער איז געוואָרן אַן אַסיסטענט פאַר אינעווייניגסטע קראַנקהייטן ביי'ם באַקאַנטן פּראָפעסאָר מעריגנג, און דורך דעם האָט ער געקריגן אין שטאָט אַ גרויסע פּראַקטיקע.

פופצען יאָר האָט קאַמינער געוואוינט אין קיעוו. די פרייע מינוטן פון זיין אומגעהייער גרויסער אַרבעט האָט ער אָפּגעגעבן דער ערציהונג פון זיינע קינדער, וועלכע זיינען געוועזן אויסערגעווייניליך גייסטיג געראָטן. זיין הויז איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע געבילדעסטע הייזער אין קיעוו. אַליין פון די אַלטע משכילים מיט אַ גרויסע ערודיציע אין העברעאיש, האָט ער זיך פונדעסט-וועגן געפונען מער אונטער דעם איינדרוק פון דער דאַמאָלסדיגער רוסישער ליטעראַטור, און איז געוואָרן אינגאַנצן באַהערשט פון די סאָציאַליסטיש-מאַרק-סיסטישע אידייען. אָבער בשעת זיינע יונגע קינדער זיינען אַוועק אין „רוסישן-פאָלק", איז ער, דער פאָטער, אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין פון הינטן. ער האָט אַביסל פאַרטראַכט, און תיכף געכאַפּט און אויך אַוועק „אין פאָלק", אָבער ניט אין רוסישן, נאָר אין י י ד י ש ן פאָלק. קאַמינער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן לעבן פון דער פינסטערער געדריקטער יידישער מאַסע, און איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער האָט באַוויינט איר עלנד אין דער העברעאישער ליטעראַטור. די שאַרפסטע פּראָטעסטן געגן די יידישע גבירים, וואָס עקספּלואַטירן די אָרימע שיכטן, זיינען געוועזן קאַמינערס. קאַמינער האָט געהאַלטן, אַז אַ פריהער דאַרף מען זעהן באַפרייען דעם יידן פון זיינע איי-גענע באַדריקער, אַז קודם-כל דאַרף מען אַראָפּשלאָגן די פליגלען דעם יידישן „גביר", ער זאָל זיך אַזוי ניט בלאָזן און זאָל ניט מיינען, אַז זיין געלט גיט אים דאָס רעכט צו רייטן אויף דער בידנער קליאַטשע. אין דעם פּרט האָט קאַמינער מקדים געוועזן מענדעלי מוכר-ספרים, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער האָט זיך דערצו באַנוצט מיט דער העברעאישער שפּראַך, די שפּראַך פון די דאַמאָלסטדיקע משכיל'שע שרייבער.

בשעת ליבערמאַן איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אין ווין דעם „ה א מ ת",

האָט קאַמינער דעם דאָזיגן אונטערנעמען באַגריסט מיט גרויס שמחה. קאַמינער האָט הויך געשעצט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, און האָט זעהר געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרשפּרייט ווערן צווישן דער יידישער יוגנט. ער האָט אָבער פאַרלאַנגט פון ליבערמאַנען, אַז ער זל זיך קליגן צו טאָן דאָס אויף אַזאַ אופן, דאָס די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע זאָל פאַרבייגייענדיג ניט פוגע בכבוד זיין קיין איינעם פון די יידישע הייליגטימער. קאַמינער האָט מורא געהאַט טאָמער פאַרוואַרפט דער יידישער וואויללערנער דורך דעם די נייע אידייען. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די סאָציאַליסטישע טעאָריעס קענען זיך פריינדלאַך צוזאַמענלעבן מיטן נאַציאָנאַלן געדאַנק, און אפילו מיט דער אמונה.

דער ערשטער נומער פונם סאָציאַליסטישן „האמת" האָט קאַמינערן זעהר באַגייסטערט. פון גרויס התפעלות האָט ער דעמאָלט געשריבן צו ליבערמאַנען: „אַ וואונדערבאַרע קראַפט באַזיצט איר! אַ נשמה יתרה איז דאָ אין אייך! גייט איר אין פייער, ווערט איר ניט פאַרברענט! גייט ווייטער מיטן זעלביגן כח, גיט אַרויס אייער „אמת", הילף וועט איר האָבן פון אַלע זייטן. מיר וועלן אייך אַלע שטיצן ווי ווייט מעגליך".

אין אַן אַנדער בריוו שרייבט קאַמינער צו ליבערמאַנען:

„איך וועל אייך שיקן אַרטיקלען און געלט אויך. אַלע מיינע כתב-יד'ן וועל איך אָפּדרוקן אויף מיינע הוצאות, און די עקזעמפּלאַרן וועל איך אייך אַוועקגעבן. דאָס געלט גיב איך אַוועק אויפן „האמת". די כתבים, וואָס איך האָב צוגעשיקט סמאָלענסקינען פאַרן „השחר", וועל איך אים הייסן אָפּגעבן דיר אייך.

אינטערעסאַנט איז קאַמינערס מיינונג וועגן „האמת". אָפּגעבנדיג פריער אַ קאָמפּלימענט ליבערמאַנען, אַז ער איז כמעט דער איינציגער העברעאישער סטיליסט, וועלכן ער קען און וועלכן ער געפינט פאַר העכסט פּאַסנדיג צו שטיין אָן דער שפּיץ פון אַ בלאַט, שרייבט ער:

... „נאָר אין איין זאַך גרייזט איר: איר ווייסט ניט וועד איר זייט און צו וועמען איר רעדט. ניט צו אייראָפּייער, ניט צו מענשן ווי איך און איר זייט איר געשיקט. צו יידישע בחורים רעדט איר! זייט איר אָבער רעדענדיג ניט גענוג פאָרזיכטיג און דורך דעם מאַכט איר נאָר אָן שונאים אונזער אידייע, וועלכע איז אונז טייער ווי דאָס לעבן...

... „צו וואָס רירט איר אָן אונזערע הייליגקייטן? ניט איצט איז די צייט און ניט דאָ איז דער אָרט. אין אַן אָנמערקונג טאַדלט איר דעם אַלטן און ביים פאָלק טיף איינגעוואָרצלטן געדאַנק, אַז יידן זיינען אַ באַזונדער פאָלק. ווייסט איר דען ניט, אַז דאָס איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע פראַגע, און זי מוז פיל און אויף פאַרשיידענע אופנים אַרומגערעדט און באַהאַנדלט ווערן, און איר גלויבט דאָס אָפּצופּטרן מיט איין וואָרט. און צו וואָס דאַרפט איר דאָס גלאַט אָנרירן אַזעלכע ענינים?

... „דורך דעם „פשט פון אַ פסוק", וואָס האָט קיין האַפט ניט, ווילט איר

מתּיר מאַכן בײַ יידן חתונה צו האָבן מיט קריסטן, און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן. ווען די פאַרענטפערונג פון די דאָזיגע פראַגן וואָלט אפילו געווען אונזער ציל, קען מען דאָן אויך ניט בטל מאַכן אײַנעם פון די היסטאָרישע ווערטן דורך הערות און דורך אײַנצלנע ווערטער. צו מלחמה דאַרף מען זיך באַנוצן מיט סטראַטעגיע און מיט קריגס־קונסט. קלײַבט צונויף אַן אַרמײ און גייט אַרויס אויפן פּלאַץ. דערווײַלע וואָס ווען קענט איר נאָר ברענגען צו דעם, אַז די לעזער זאָלן זיך באַציהען צו אײַך מיט חשד און ווייכן פון אײַער „האמת".

... „פראַגן, וועלכע זײַנען שייך צו דער יידישער אמונה טאָרט, איר ניט באַרירן אפילו מיט אַ שפּיץ פעדער. דאָס לאָזט אויף שפּעטער. אַלץ האָט זײַן צייט! איר האָט פאַר זיך צו באַהאַנדלען נאָר די עקאָנאָמישע פראַגן. און רירט איר אָן מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ ווונק דעם יידישן דת און די יידישע מנהגים, מאַכט איר שאָדן זיך און אונזער אַלעמעס זאַך. זײַט פאָרזיכטיג, ברודער, אין אײַערע ווערטער. מיר דאַרפן געפינען אַן אַרײַנגאַנג אין די הערצער פון אונזער יוגנט, און דעריבער טאָר מען צו זיי ניט קומען מיט אײַזערנע געווער"*).

אָט אַזוי האָט קאַמינער פאַרשטאַנען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע ער האָט געפונען פאַר זעהר צוועקמעסיג, און האָט איר פיל אונטערשטיצט מאַטעריעל און גייסטיג. דאָס איז געווען אַ באַזונדער באַשרענקטער און באַגרעניצטער עכט יידישער סאָציאַליזם.

בײַ קאַמינערן אין שטוב האָט מען אָבער דעם סאָציאַליזם גאַנץ אַנדערס פאַרשטאַנען. גאַנץ אַנדערש האָט אים פאַרשטאַנען אויך דער העברעאישער משורר יהודה ליב לעווין, וועלכער איז דעמאָלט מער געווען באַוואוסט אונטער זײַן פּסעוודאָנים יהל"ל. בײַ קאַמינערן אין שטוב האָט זיך יהל"ל באַקאַנט מיט די פירער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער גרופּע, וועלכע האָט אויף אים געהאַט זעהר אַ גרויסע השפעה.

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס יהל"ל אַליין דערציילט אין זײַן אַוטאָביאָגראַפיע ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט.

„אין יאָר 1872 — אַזוי שרײַבט יהל"ל — בין איך געווען ווי אַלע אַנדערע „משכילים" פון יענער צייט, אַ פאַנטאַזיאָר. פאַר די בעסטע ביכער האָב איך געהאַלטן די ווערק פון אײַזשען סיו, פון דיומאַ (דעם פאָטער) און דערגלייכן. אָבער צייט דעם יאָר 1872, נאָכדעם ווי איך האָב קענען געלערנט עטליכע יידישע סטודענטן פון דעם קיעווער אוניווערזיטעט, האָב איך איבערגעלייענט די קלאַסיקער און אַלע פּיסאַרעווס ווערק, וואָס האָבן אויף מיר געהאַט אַ גוואַלטיגע השפעה. די דאָזיגע ספרים האָבן אַרויסגעריסן פון וואורצל אַלע מײַנע ביזאַהעריגע געדאַנקען, און מײַנע אויגן האָבן דערזעהן אַ נײַע ליכט. איך האָב

*) זעה „הצפירה", תר"פ נומער 41.

ממש, געשלונגען די קריטישע ווערק פון בעלינסקי און דאָבראָליובאָוו, איך האָב געשטודירט מיט גרויס חשק פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מיט אַ באַזונדער אינטערעס האָב איך מיך פאַרטיפט אין די שריפטן פון אַדאַם סמיט, מיל און מאַרקס. באַזונדערס האָבן מיך אָבער ווי באַצויבערט די ווערק פון טשערנישעווסקי'ן. שפּעטער האָב איך געליינט אויך דאַרווין, באָקל, ספּענסער, דרעפּער און ביכנער.

נאָכדעם שטעלט אייך פאָר מיין לאַגע, אַז זייענדיג אָנגעזאַפּט מיט די אידייען פון פּיסאַרעוון און טשערנישעווסקין און אַ סאָציאַליסט פון קאָפּ ביז די פיס, בין איך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָנגעקומען אויף אַ שטעל צום קיעווער מיליאָנער לאַזאַר בראָדסקי! פאַר דעם געהאַלט פון 40 רובל אַ חודש האָב איך ביי'ם דאָזיגן מיליאָנער געדאַרפט אַרבעטן 11 שעה טעגליך און לעבן אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי קיעוו מיט אַ פרוי און פיר קינדער. אויף דער דאָזיגער שטעל האָב איך ערשט דערזעהן און דערפילט וואָס עס הייסט הער און וואָס הייסט קנעכט, וואָס עס הייסט שטאַרק און וואָס שוואַך, וואָס הייסט עקספּלואַטאַציע און וואָס הייסט קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. מאַרקס טעאָריע וועגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט מיר די דאָזיגע ערשיינונגען נאָך מער אויפגעקלערט. איך האָב מיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, און אַלץ וואָס ס'האָט מיר אין דער לעצטער צייט אויפגעקאָכט און אויפגעזאָדן אויף מיין האַרצן, האָב איך אויסגעגאָסן אין אַ שיר אונטערן נאָמען „עבד עבדים“, וועלכן איך האָב פאַרעפנטליכט אין „השחר“.

אין דעם דאָזיגן שיר באַקלאָגט זיך אַן אַרבעטער אויף דעם גרויזאַמען רעכט, וואָס הערשט אין דער וועלט. כדי רייך צו מאַכן דעם בעל־הבית דאַרף ער, דער אַרבעטער, האָרעווען טאָג און נאַכט ווי אַן אייזל, און דערביי איז ער אַליין עלול אויסצוגיין פון הונגער. ווען אַלע מענשן וואָלטן גלייך געהאָרעוועט אין איטליכער וואָלט גענאָסן די פרוכט פון זיין אַרבעט, וואָלטן דאַן אַלע גליקליך געווען; ס'וואָלט ניט געווען אויף דער וועלט קיין נויט און קיין ליידן, ווייל ברויט איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען, און די אַרבעט וואָלט אַלעמען געקאָנט מפרנס זיין.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט יהל״ל אָנגעשריבן אין דעמזעלביגן גייסט אַ נייע לענגערע פּאָעמע מיטן נאָמען „כּשרון המעשה“ (דער לוין פון דער אַרבעט), וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט אין „השחר“ און איז ביי'ם העברעאישן לעזער־פּובליקום זעהר פּאָפּולער געוואָרן.

די דאָזיגע שירים, אין וועלכע יהל״ל האָט דערקלערט די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, האָט אויף די לעזער אַזאַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט, דאָס די יידישע קיעווער סאָציאַליסטישע גרופּע האָט געפונען פאַר נויטיג צו איבערזעצן זיי אין רוסיש און פאַרשפּרייטן צווישן דער סטודירנדיגער יוגנט.

אין יענער צייט האָט אין יהל״לס ליטעראַרישער טעטיגקייט אויסגעבראָכן אַ קריזיס. נאָכדעם ווי ביז אַהער האָט ער זיך ווי אַלע העברעאישע שריפט=

שטעלער פון דער משכיל׳שער שול, באַשטעטיגט נאָר מיט דער פראַגע וועגן צופאַסן די רעליגיע צום לעבן, און האָט זיך אינטערעסירט איבערהויפט נאָר מיט אַזעלכע פראַגן, וועלכע זיינען נוגע באַזונדערס דאָס יידישע לעבן, האָט ער פון איצט אָן די דאָזיגע אַלע פראָבלעמען אַוועקגעוואָרפן. אַלע יידישע צרות און פלאָגן האָט יהל״ל איצטער באַטראַכט אַלס איינצלנע רינגעלאַך אין דער גרויסער קייט פון דער אַלמענשליכער נויט, וואָס איר סבה ליגט אין דער געזעלשאַפטליכער אומאָרדענונג, אין דער מלחמה צווישן אַרבעט און קאַפיטאַל. אין אַ גאַנצער סעריע פון אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט ניט בלויז אין „השחר״, נאָך אויך אין די אַנדערע העברעאישע צייטונגען פון יענער צייט, און באַזונדער אין סלאָנימסקי׳ס „הצפירה״, האָט ער געזוכט צו דערקלערן, אַז די יידן-פראַגע איז ניט קיין רעליגיעזע, נאָר אַ סאָציאַלע פראַגע, און נאָר מיט דער פאַרענטפערונג פונ׳ם סאָציאַלן וועלט-פראָבלעם וועט געלייזט ווערן אויך די יידישע פראַגע. אין איינעם פון זיינע שירים אין „השחר״ אונטערן נאָמען „שאלות-הזמן״ (צייט-פראַגן), האָט יהל״ל אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז די יידנפראַגע, די פרויען-פראַגע און די אַרבעטער-פראַגע זיינען, אייגנטליך, נאָר איינע און די זעלביגע פראַגע: די אונטערדריקונג פון דעם שוואַכן דורכ׳ן שטאַרקן. אין זיין גרויסער ניט פאַרענדיגט געבליבענער פאָעמע „אלחנן״, האָט ער דעם דאָזיגן געדאַנקן געגעבן אַ קינסטלערישן בילדליכן אויסדרוק.

וועגן זיין דעמאָלטיגער באַציהונג צום יידיש-נאַציאָנאַלן פראָבלעם דערציילט יהל״ל פאָלגנדעס:

„אין דער „השכלה״-צייט האָבן די משכילים אָפגעלאַכט פון תלמוד און געוועזן אויף אים שטאַרק אויפגעבראַכט, ווייל זיי האָבן אין אים געזעהן דעם פאַרדאַרבער פון זייער יוגנט. איך בין אויך געוועזן ברוגז אויף דער גמרא, אָבער די יידישקייט האָב איך האָלט געהאַט. ווי אַלע משכילים האָב איך אפילו דאַמאָלסט ניט געקאָנט איר ריכטיגע באַדייטונג און דעם גרויסן ליכט-קוואַל, וואָס זי אַנטהאַלט, און האָב איר באַטראַכט פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט. איך האָב איר אָבער זעהר געליבט אַלס גרויסאַרטיגע זעלטענע מתנה, וואָס געהערט אַ פאָלק, וועלכער דינט אַלס וואונדער מיט זיינע שיינע מדות — און איך בין אַ זון פונם דאָזיגן פאָלק! און מיין דאָזיגע ליבע איז געוועזן אַ נאַטירליכע ליבע. איך האָב ליב געהאַט מיין פאָטער און מוטער, כאָטש מיינע געדאַנקען שטימען ניט מיט זייערע, און כאָטש כ׳האָב פיל שמערצן פון זייער אומוויסנקייט און פאַנאַטיזם. איר מעגט אייך רופן אַזאַ ליבע ווי איר ווילט: נאַטירליכקייט אָדער, פשוט, געוויינהייט, אָבער זי איז געוועזן שטאַרק ווי דער טויט. איך האָב געהאַסט זייערע דרכים און זייערע מעשים, אָבער זיי, זיי אַליין, מיין פאָטער און מיין מוטער, האָב איך שטערבליך געליבט. און אַזוי איז געוועזן מיין ליבע צו דער יידישקייט. אָבער דעם יידישן נאַציאָנאַליזם האָב איך

ניט געקענט, ווייל די סאָציאַליסטישע טעאָריע האָט מיר געלערנט, אַז דאָס אײַנטיילן פון דער מענשהייט אין נאַציאָנען, איז אַ נאַרישקייט און אַ פאַר־ברעך"*).

בשעת ליבערמאַן איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם "האמת", איז יהל"ל געוואָרן פון זיינע מיטאַרבעטער, און האָט אויסערדעם מיטגעהאָלפן צו זיין פאַרשפּרייטונג אין רוסלאַנד.

V.

מאָהילעוו די וויגעלע פונם יידישן סאָציאַליזם.—מיט וואָס מאָהילעוו האָט זיך אונטערשיידט פון די איבעריגע סאָציאַליסטישע צענטערס.—גימנאַזיסטן אַלס פאַרשפּרייטער פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק.—לעוונטאַל און אַקסל־ראָד.—אליעזר צוקערמאַן פירט אָן מיט דער סאָציאַליסטישער אַגי־טאַציע אין "השחר".—די פרוכט פון דער העבּרעאישער סאָציאַליסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע.—מ'הויבּט אָן צו קלערן וועגן אַ באַזונדער העבּרעאישן אָרגאַן פאַר דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.—ליבערמאַן גרינדעט אין ווין דעם "האמת".

דער דריטער און גרעסטער צענטער פון די יידישע סאָציאַליסטן איז גע־ווען מאָהילעוו אויפן דניעפּר. מ'קען זאָגאַר זאָגן, אַז מאָהילעוו איז די וויג פונ'ם יידישן סאָציאַליזם. כמעט אַלע יונגע מאָהילעווער משכּילים, געוועזענע קלויזניקעס און ישיבה־בחורים, פון די 60־ער ביז די מיטעלע 70־ער יאָרן, זיינען געווען באַהערשט פונ'ם סאָציאַליסטישן געדאַנק. אין איין פּרט איז מאָ־הילעוו געווען אַן אויסנאַם פון די אַלע איבעריגע שטעט אין תחום, וואָהין דער סאָציאַליזם האָט אַריינגעדרונגן. בעת אומעטום איז דער סאָציאַליזם אי־בערגעגאַנגען פון די מיטעלע בעלי־בתי'שע שיכטן צו די העכערע, גביר'ישע, איז אין מאָהילעוו געווען פונקט פּערקערט. דאָרטן זיינען מיט די סאָציאַליסטישע טעאָריעס באַקאַנט געוואָרן צוערשט די אַזויגערופענע גאָלדענע יוגנט, די קינדער פון די רייכע, און באַזונדערס תּלמידים פון דער אָרטיגער גימנאַזיע, און זיי האָבן די דאָזיגע טעאָריעס ווייטער פאַרשפּרייט צווישן די מיטעלע און נידע־ריגערע פאָלקס־שיכטן. די רייכע גימנאַזיסטלאַך און גימנאַזיסטקעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן "פאַנגען" באַזונדער די ישיבה־לייט און וואוילערנער דורך אומזיסטע לעקציעס, און דערקלערנדיג זיי כּללים פון דער רוסישער שפּראַך און פון חשבּון, האָבן זיי זיך דערווייַלע מיט זיי איבערגעשמועסט וועגן דעם סאָציאַ־ליזם. און וואָס זיי האָבן ניט באַוויזן צו טאָן בשעת די לעקציעס, האָבן זיי

*) "ספר זכרון" זייטל 30.

פֿאַרענדיגט אין געהיימע פֿאַרזאַמלונגען, איטלעכער אין זיין וואוינונג, צו וועלכע זיי האָבן צוגעצויגן זייערע תּלמידים. כמעט יעדער גימנאַזיסט האָט זיך געהאַט זיין קרייזל תּלמידים, צווישן וועלכע ער האָט אַגיטירט פֿאַר׳ן סאָציאַליזם. צווישן די דאָזיגע גימנאַזיסטן זיינען דאַן געווען אויך פֿרעמדע געקומענע פֿון אַנדערע שטעט ווי די ברידער לעווינטאַל, אַקסלראָד*) און נאָך אַנדערע, וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרן די באַוואוסטעסטע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע טוער. פֿיל יונגע מיטגלידער פֿון די מאָהליווער רייכע פֿאַמיליעס זיינען אין געהיים אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, וואו זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע יידיש סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן-קרייזלאַך.

איינער פֿון די „גופֿאַנגענע" קלויזניקעס, פֿון וועלכע עס איז מיט דער צייט אַרויס אַ באַרימטער רעוואָלוציאָנער עסקן, איז געווען אויך אליעזר צוקערמאַן. אין יענער צייט איז שוין צוקערמאַן געווען אַ משכּיל און באַקאַנט אין מאָהילעוו אַלס אויסגעצייכנטער העברעאיסט. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז בשעת ס׳האָט זיך גענומען צו דער אָנפֿירונג מיט דער סאָציאַליסטישער אַגי-טאַציע אין העברעאיש, האָט מען דערצו באַשטימט צוקערמאַנען. זיצענדיג אין מאָהילעוו האָט אָבער צוקערמאַן פֿאַר דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע גאָרנישט באַוויזן אויפֿצוטאָן. געטאָן האָט ער עס ערשט אין ווין. אַרבעטענדיג אין ווין אַלס זעצער אין סמאָלענסקינס דרוק האָט ער פֿאַרעפֿנטליכט אין „השחר" צוויי זאַכן; איינע, געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ טאָג-ביכל, איז פֿול מיט גאַליגען פּראָטעסט געגן די הערשנדיגע יידישע לעבנס-אָרדענונג, געגן דאָס פֿאַרקנעכטן פֿון די קינדער דורך דעם ווילן פֿון די עלטערן; און די אַנדערע, אַ בילדל, איז געשריבן מיט עכט סאָציאַליסטישע טענדענציעס.

דאָס זיינען געווען די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאי-שער ליטעראַטור, וואָס זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט אין איר צייט געהאַט זעהר אַ גרויסע ווירקונג. אין אַלע גרעסערע און קלענערע שטעט פֿון ליטע און דרום-רוסלאַנד האָבן זיך געגרינדעט יידישע סאָציאַליסטישע חברות, וואָס זייערע מיט-גלידער האָבן אָנגעהערט דאָס רוב יענע קרייזן, וועלכע האָבן געצויגן זייער גייסטיגע יניקה נאָר פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור. געוויינליך זיינען דאָס אָבער געווען נאָר שטוב-סאָציאַליסטן, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אונטער-אויוונסאָציאַליסטן. זיי זיינען אָבער געווען אַלע מיט לייב און לעבן איבערגע-געבן דעם סאָציאַליזם. זיי זיינען געווען גוט באַהאַוונט אין די ווערק פֿון מאַרקס און לאַסאַל; אין פּיסאַרעווס און טשערנישעווסקיס ספֿרים זיינען זיי געווען קלאָר, ממש, ווי אַ ייד אין „אשרי". דאַן האָבן די סאָציאַליסטישע פֿירער פֿון דער דאָזיגער יידישער יוגנט אָנגעהויבן צו פֿילן, אַז דער „השחר" איז פֿאַר זיי צו ענג, און האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַרויסגעבן אַ באַזונדער

*) דער אַקסלראָד האָט זיינענדיג אַ סטודענט פֿון דעם קיעווער אוניווערזיטעט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פֿונ׳ם ד״ר קאַמינער.

אָרגאַן אין העברעאיש. די איניציאַטיוו צו דעם איז אַרויס פון דעם יידיש-סאָציאַליסטישן עמיגראַנטן-קרייזל, וועלכער האָט זיך געפונען אין בערלין און איז באַשטאַנען כמעט אינגאַנצן פון מאָהילעווער יונגע לייט. דער דאָזיגער קרייזל האָט אויך געפונען פאַר פאַסנדיג איבערצוגעבן די אָנפירונג מיטן העברעאישן אָרגאַן אין די הענט פון דעם דאַמאָלסט שוין זעהר פאָפולער געוועזענעם סאָציאַליסטישן עסקן אהרן שמואל ליבערמאַן.

וועגן דער געשיכטע פון „האמת" האָב איך שוין אויספירליך אַרומגערעדט אין מיין אַרטיקל אהרן שמואל ליבערמאַן*).

VI.

ביאָגראַפישע נאָטיצן פון ווינטשעווסקי'ס יוגנט.—ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט.—ווינטשעווסקי אונטער ליבערמאַנס השפעה.—וו. אין קעניגסבערג.—זיין באַקאַנטשאַפט מיטן רעדאַקטאָר פון „הקול".—וו. אלס פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „אספת-חכמים".—זיינע פסעוודאָנימען: „בן-נץ" און „יגלי איש הרוח".—זיינע טענדענציעז-סאָציאַליסטישע אַרטיקלען.—זיינע אָנפאַלן אויפן יידיש-נאַציאָנאַלן געדאַנק.—זיין קאַמף געגן סמאָלענסקינען.—די באַטייליגונג פון ד"ר קאַמינער און לילנבלום אין „אספת-חכמים".—דער „אספת-חכמים" באַקומט זיך אין רוסלאַנד אויף אַן אומלעגאַלן וועג.—ווינטשעווסקיס אַרטיקלען אין „הקול".—דער שטרענגער גזועץ וועגן דער סאָציאַליסטישער פרעסע אין דייטשלאַנד.—דער „אספת-חכמים" ווערט פאַרמאַכט.—ווינטשעווסקי ווערט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון קעניגסבערג.—זיינע בריוו פון וועג אין „הקול".—דער „הקול" ווערט פאַרבאָטן.

צו די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור קען מען צורעכענען נאָך צוויי שריפטשטעלער: מ. ווינטשעווסקי און א. וו. ראַבינאָוויטש (אור).

מאָריץ ווינטשעווסקי (זיין אמת'ער נאָמען איז: בן-ציון נאָוואָכאָוויץ) איז געבוירן געוואָרן אין דער קליינשטעטל יאַנעווע קאָוונער גובערניע. זיינע אָרטאָדאָקסישע עלטערן האָבן אים פיל געלערנט תלמוד. נאַכהער איז ער געקומען קיין קאָוונע, וואו ער האָט באַזוכט די שטאָטישע שול. פונם יאָר 1870 אָן האָט ער זיך אין ווילנע אָפּגעגעבן מיט וועלטליכע קענטעניש. אַ באַזונדערס טיפן איינדרוק האָבן אויף אים געמאַכט בערנעס ווערק. אין יאָר 1873 פלעגט ער גאַנץ אָפט דרוקן אין „המגיד" שירים אויף פאַרשיידענע טעמעס. דאָס זיינען אָבער געווען מער ניט ווי מליצה-שירים אָן אַ וועלכן ס'איז איבהאַלט לויט דער דאַמאָלסטיגער פּאָעטישער שאַבלאָנע. אָנקומענדיג אין קאָוונע

---

*) זעה דעם דאָזיגן באַנד זייטלאַך 30—1.

אויף אַ שטעל אין פיינבערגס קאָנטאָר, האָט זיך אים אַמאָל געמאַכט פאָרן צוליב געשעפטס־ענינים קיין אָריאָל. דאָרטן האָט ער זיך דורך אַ סעמינאַריסט באַקאַנט געמאַכט מיט דער דעמאָלטיגער רוסישער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. ליבערמאַנס באַוואוסטער מאַניפעסט צו דער יידישער יוגנט האָט אויף אים געהאַט זעהר אַ שטאַרקע ווירקונג. צוזאַמען מיט צוויי חברים האָט ווינטשעווסקי דאַן געגרינדעט אין קאָוונע אַ חברה „צו פאַרשפּרייטן מלאכה צווישן יידישע קינדער“. אין יאָר 1877 איז ווינטשעווסקי אַריבערגעגאַנגען אויף אַ שטעל אין דער קעניגסבערגער אָפּטיילונג פון פיינבערגס קאָנטאָר. אין יענער צייט איז אַרויס אין קעניגסבערג דורך מ. ל. ראַדקינסאָנען דאָס העברע־אישע וואָכנבלאַט „הקול“. דער דאָזיגער ראַדקינזאָן איז געווען אַ מענש אָן פּרינציפּן, האָט ניט מקפּיד געווען אויף דער ריכטונג פון זיין צייטונג, און דער עיקר איז ביי אים געווען גאָר צו מאַכן געשעפט און צו פאַרדינען געלט. דאָס האָט גאַנץ גוט באַנוצט ווינטשעווסקי און האָט אָנגעהויבן אויסצוניצן דעם „הקול“ פאַר זיינע סאָציאַליסטישע אידייען, ניט אָפן געוויינליך, נאָר ווי ווייט מעגליך פאַרשטעלט. אויף זיינע אַרטיקלען האָט ער זיך אונטערגעשריבן „בן־נץ“.

נאָכדעם ווי דער „האמת“ האָט אויפגעהערט צו ערשיינען און ליבערמאַן איז געוואָרן אַרעסטירט, האָט ווינטשעווסקי געווירקט אויף דעם וואַקלדיגן ראַדקינסאָנען, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט העבּרעאישן חדש־זשורנאַל, אין וועלכן עס זאָלן צווישן אַנדערע ענינים אַריינגעשמוגלט ווערן אויך סאָציאַ־ליסטישע אַרטיקלען. דעם דאָזיגן זשורנאַל האָט זיך ווינטשעווסקי אָנגענומען צו רעדאַקטירן אָן אַ שום באַלוינונג. ראַדקינסאָן האָט באַלד מסכּים געווען צו דעם פאָרשלאָג, און אין אָקטאָבער 1877, אַ חודש נאָכדעם ווי עס איז אַרויס דער לעצטער נומער „האמת“, איז אַרויס אונטער ווינטשעווסקיס פּאַק־טישער רעדאַקציע דער ערשטער נומער פון „א ס פ ת ח כ מ י ם“.

דעם דאָזיגן זשורנאַל האָט זיך ווינטשעווסקי איבערגעגעבן מיט דעם גאַנצן יוגנטליכן פייער פון זיין נשמה. דעם גרעסטן טייל פון יעדער העפט האָט ער אויסגעפילט מיט זיינע אייגענע מאַטעריאַלן. און ווינטשעווסקי אַלס שריפטשטעלער האָט זיך דאַן ניט קאָנצענטרירט נאָר אויף איין געביט. ער האָט געשריבן אַ ל ץ: אי פּובליציסטישע אַרטיקלען, אי נאָוועלן, אי קריטיק און אפילו שירים, און אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער אַריינגעבראַכט די מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישע טענדענצן. ער איז גיכער געווען מער פּאָפּולאַריזאַטאָר, קאָמפּילאַטאָר, און ווייניגער דענקער. און געשריבן האָט ער אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען: „בן־נץ“, „יגלי איש הרוח“ א. אַז. וו.

איך וועל דאָ ברענגען עטליכע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון ווינטשעווסקיס אַרטיקלען.

אין אַ שיר מיטן נאָמען „שומר, מה מלילה?“ רופט אויס ווינטשעווסקי

צו די אַרבעטנדיגע: „ווען זשע וועלן, ענדליך, פאַרשטיין אָט די וואָס קושן די הענט פון זייערע הערן, אַז נאָר די האַנט פונם אַרבעטער באַשאַפט דעם רייכטום און אַז דורך דער האָרעוואַניע פון די אַרבעטער זאַמלען אָן די עקספּלואַטאַטאָרן זייערע אוצרות, וועלכע זיי לאָזן איבער בירושה זייערע קינדער". באַלד נאָך דעם ווענדט זיך דער פּאָעט מיט אַ בקשה צו די רייכע: „ווען, ענדליך, וועלן שוין די רייכע באַלויכטן ווערן מיט דעם ליכט פון פאַרשטאַנד און וועלן פאַרשטיין, אַז אַלע מענשן זיינען ברידער!" אינם זעלביגן נומער איז געדרוקט אַ צווייטע זאַך פון ווינטשעווסקין אונטערן פּסעוודאָנים „יגלי איש הרוח", אַ פאַנטאַזיע, אין וועלכער דער מחבר מעלט אָפּ אַ האַלבמשוגענעם יידישן בטלן, וואָס האָט גאַנץ אָפט האָלט צו שמועסן פאַרבייגייענדיג וועגן טעגליכע סאָציאַלע טעמעס. אין די דאָזיגע שמועסן געפינען מיר, למשל, אַזעלכע געדאַנקען: „קנעכטשאַפט איז די מוטער פון אָרימקייט, אָרימקייט איז די טאָכטער פון רייכקייט, רייכקייט איז די טאָכטער פון רויב, און אַלע האַלטן זיי זיך אויף פאָראורטיילן און אומוויסנקייט"; „וואָס מער פאַבריקן, זיינען אַלץ דאָ מער רייכע און הונגעריגע, דאָס הייסט, הונגעריגע ווערן צוליב די רייכע, און רייכע ווערן דורך דעם, וואָס זיי באַרויבן די הונגעריגע".

אין אַ ערציילונג מיטן נאָמען „פנים חדשות" האָט זיך ווינטשעווסקי געפּרובט שילדערן די „נייע מענשן", וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער יידישער גאַס. די דאָזיגע נייע מענשן לויקענען אָפּ דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, האַלטן, אַז די העברעאישע שפּראַך האָט קיין צוקונפט ניט, און קומען צום אויספיר, ווען אפילו מיט אַ האַלבן מויל, אַז פאַר יידן איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר צו פאַראייניגן זיך מיט די איבעריגע פעלקער.

אין איינער פון זיינע וויטערדיגע פאַנטאַזיעס זעט יגלי אין חלום דעם שאָטן פון בערנען, וועלכער זאָגט צו אים: „אין מיינע שריפטן קענסטו געפינען פיל זאַכן, וועגן וועלכע מ'האָט געדאַרפט אַ סך אַריינריידן מיט דיין פאָלק"... אויף דעם ענטפערט אים יגלי: „צי ווייסט דו דען ניט, אַז מיין פאָלק איז טויב און פאַרעקשנ'ט, אַז זיינע באַדריקער האָבן אָפּגעטויט אין אים יעדעס געפיל, און ווען איך וועל צו זיי קומען מיט דיינע רייד וועט זיי קיינער ניט נעמען אין אַכט? ווייסטו דען ניט, אַז ווען איך וועל מיך פונאַנדעררײדן מיט מיין פאָלק וועגן זאַכן, וואָס האָבן קיין שייכות ניט מיט מסחר, וועט מיר גאָר קיינער ניט וועלן הערן?".

„דו ביסט גערעכט, מיין זון — האָט אויף דעם בערנע טרויעריג געענטפערט — נאָר פון מיינע שריפטן קענסטו דאָך זיך איבערצייגן, אַז מיר איז אויך אויסגעקומען צו טענה'ן מיט אַן איינגעשפאַרטן, האַרטנעקיגן פאָלק, וועלכער האָט טייער געהאַלטן נאָר דאָס, וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע עלטערן בירושה. איך אין מיין צייט האָב מיך געצײלט ערגיץ־וואו אַנדערש, דו אָבער ווענד זיך מיט דיינע רייד צו די נידערגעשלאָגענע אָרימע לייט, וואָס ווערן באַרויבט און עקספּלואַטירט פון די רייכע... הויב אויף, מיין זון, דיין

קול אָן אַן אויפהער אומעטום, וואו ס'איז נאָר מעגליך, ווייל ניט גלייך ביי'ם ערשטן מאָל וועלן דיר אויסהערן די קינדער פון דיין פאָלק. זאָג זיי, אַז ליגנער זייַנען יענע, וועלכע זאָגן, אַז גאָט האָט צוטיילט די מענשן אויף אַרבעטנדיגע און ליידיגגייער; ליגנער זייַנען יענע, וועלכע זאָגן, אַז די וועלט קען זיך האַלטן נאָר אויף רייכקייט און אָרימקייט; ליגנער זייַנען יענע, וועלכע טרייסטן די געדריקטע מיט פאַרשיידענע פאַלשע האָפענונגען און הבטחות. זיי לאַייגן ווען זיי זאָגן צו זיי: „זיצט זיך אייך רוהיג און וואַרט; די רעטונג וועט קומען אָן אַייערע סטאַראַניעס”. ליגנער זייַנען אַלע יענע, וואָס צו רייסן זיך לויבנדיג די מדה טובה פון געדולד; ליגנער און צבויאַקעס זייַנען יענע, וועלכע בויען אויס פאַר מענשן וואונדערליכע פאַלאַצן אויפן הימל, און חזירים-שטאַלן — אויף דער ערד... גיי זאָג די קינדער פון דיין פאָלק, אַז פאַר זיי איז שוין אויך צייט צו דערוואַכן זיך פון שלאָף און גיין האַנט ביי האַנט מיט די ברידער פון די אַנדערע פעלקער צו פאַרשפרייטן ליכט איבער דער וועלט. גיי זאָג דיין פאָלק, אַז ס'איז שוין צייט צו מאַכן אַן עק מיט דעם פראָצענט-געשעפט, מיט דער עקספּלואַטאַציע און מיט אַלע מינים רויב, וואָס באַפלעקן מיט שאַנד די מענשהייט. גיי זאָג זיי: ביי דער נאַטור זייַנען אַלע מענשן גלייך, ס'איז ביי איר ניטאָ ניט קיין האַרן און ניט קיין קנעכט, ניט קיין רייכע און ניט קיין אָרימע. ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ מענש, וועלכער זאָל קענען זאָגן: „איך האָב דאָס רעכט צו געניסן פון דעם אַנדערנס אַרבעט, הנאה צו האָבן פון די פרוכט פונם אַנדערנס הענט!”... אָ, בערנע, בערנע! — שרייט אויס יגלי — אומזיסט באַאומרוהיגסט דו מיר: שטאַרק שלאָפט מיין פאָלק אַ שלאָף פון אַ פאַר'שכור'טן, און ער וועט דיינע ווערטער ניט דערהערן”...

אין בן-נצ'ס אַ שיר „למי אני עמל?” (פאַר וועמען האָרעווע איך?) קלאָגט זיך אַן אַרבעטער: „איך האָב אויסגעבויט פאַלאַצן, און אַליין וואַלגער איך מיך אין אַ שמוציגן אַלקערל; איך באַשאַף רייכטימער, און האָב ניט מיט וואָס צוצודעקן מיין קראַנקע פרוי. אַלע אוצרות פון דער וועלט זייַנען באַשאַפן מיט מיינע הענט, און פאַר זיך אַליין האָב איך אויסגעשמידט נאָר קייטן!”

אין אַן אַנדער פאַנטאַזיע פאַלט אָן יגלי — דער יידישער נאַראָדניק פון די 70-ער יאָרן — מיט אַ באַזונדער ערביטערונג אויף דעם סוחרים-קלאַס, וועלכן ער האַלט פאַר אַ קלאַס פון מענשן רויבער.

„די סוחרים, זייַענדיג באמת מער ניט ווי פאַרמיטלער צווישן דעם באַשאַפער פון די פּראָדוקטן מיט דעם געברויכער, און וועלכע מ'דאַרף נאָר באַצאָלן פאַרן איבערשיקן די סחורה פון איין אָרט אויפן צווייטן, נעמען אַראָפּ פאַר זיך דעם גרעסטן חלק פון דעם אַרבעטערס פאַרדינסט, שרויפן הויך אַרויף די מקחים פון די סחורות; די דאָזיגע מענשן, וואָס אַליין טוען זיי גאָרנישט, נעמען צו פאַר זיך די שמאַלץ מיט די פלייש, און פאַר דעם אַרבעטנדיגן

פאָלק לאָזן זיי איבער נאָר די ביינער. דורך קיסלערייַ נעמען זיי אָפּ פון די אַרבעטער די פּרוכט פון זייער האָרעוואַניע..."

וועגן דער דאָזיגער טיראַדע האָט גאַנץ ריכטיג באַמערקט ה' ציגבערג אין "פערעזשיטאָיע"*), אַז זי איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציהונג פון די יידישע סאָציאַליסטן פון יענער עפּאָכע צו זייער פאָלק, אַ פאָלק כמעט פון—"לויטער סוחרים און פאַרמיטלער".

זייענדיג, ווי דאָס רוב פון די דאַמאָלסדיגע יידישע סאָציאַליסטן, אַ געגנער פון דעם יידיש-נאַציאָנאַלן געדאַנק, האָט ווינטשעווסקי פאַרפירט אין "אספפת-חכמים" אַ פאַרביטערטן קאַמף נעגן סמאָלענסקינען. אין אַן אַרטיקל וועגן בערנען האָט ווינטשעווסקי געשריבן אונטער אַנדערן:

"אָ, דו פאָלק, וואָס פיל שונאים זיינען אים רודף פון דרויסן און אינעווייניג איז ער איינגעפלאָכטן אין אַ נעץ פון פאָראורטיילן. דו, מיין פאָלק, האָסט ערשט אָקאָרשט-וואָס אָנגעהויבן צו עפענען די אויגן, אָבער דיינע שריפטשטעלער ווילן זיי איבעראַנייס פאַרמאַכן מיט גוואַלד און אַוועקפירן דיר אין אַ פאַלשן וועג. קער זיך אָפּ, מיין פאָלק, פון דיינע דאָזיגע בעלי-טובות, ניט פאַרלאָז זיך אויף זיי... כל-זמן עס געפינט זיך נאָך עפּעס לעבן אין דער שפּראַך פון דיינע אבות, פאַרלאַנג פון דיינע שרייבער אַ געזונטע שפּייז, ווייל יענע לעקעכלאַך, וואָס זיי טראָגן דיר אונטער, וועלן דיין הונגער ניט שטילן... בעסער לאָז זיך שוין גאָר ניט איינשמידן אין די ענגע ראַמען פון דער העברעאישער שפּראַך... באַנוגן זיך ניט מיט דיינע שרייבער, וואָס צוטרייסלען די יסודות פון חסידיזם און זינגען לויב-לידער לכבוד דער אפיקורסות... אויב דיינע "באַרימטהייטן" גיבן דיר פרישע, געזונטע שפּייז—איז גוט; ווען ניט, טאָ ווענד זיך צו דער דייטשער און צו דער רוסישער ליטעראַטור. לייען בערנע, היינע, שעקספּיר, געטע, שילער און לעסינג, לערן זיך ביי בעלינסקין, ביי פּיסאַרעוון און ביי דאָבראָליובאָוון".

וועגן דער יידישער שפּראַך האָט נאָך דעמאָלט קיינער פון די יידישע סאָציאַליסטן קיין טראַכט ניט געטאָן. די מסקנה איז געווען, אַז העברעאיש איז די שפּראַך פונם יידישן פאָלק נאָר אויף דערווייַלע; אויף ווייטער דאַרף זי פאַרביטן ווערן אויף דייטש, אויף רוסיש...

אויב אין דעם אַרטיקל איז נאָך סמאָלענסקין ניט דערמאָנט בפירוש, אָבער אין די ווייטערדיגע מאמרים זיינען בן-נצ'ס אָנפאַלן געווען געווענדט גלייך אויף אים, דעם ענערגישסטן פאַרטיידיגער פונ'ם נאַציאָנאַלן געדאַנק, לויט בן-נץ-ווינטשעווסקי איז אויסגעקומען, אַז סמאָלענסקין איז אַ פינסטערער רעאַקציאָנער, אַ "קרעבס", וואָס קריכט אַהינטן, וואָס פירט דעם יידישן פאָלק צוריק אין דעם מדבר פון פינסטערניש.

---

*) ערשטער באַנד.

דער פינפטער נומער פון „אספת חכמים" איז געווען דער לעצטער, ווײַלכער איז אַרײַן אין רוסלאַנד אויף אַ לעגאַלן וועג. ווינטשעווסקי'ס אַרטיקל וועגן די יידישע סוחרים, וועלכן איך האָב אויבן ציטירט, איז דעם צענזאָר שבאַרק ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן קרום אויפן „אספת-חכמים", און צום סוף האָט ער אים פאַרבאָטן אַרײַנצוקומען אין רוסלאַנד.

נאָכדעם זײַנען אַרויס נאָך דרײַ נומערן פון „אספת-חכמים", אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליגט אויך אַנדערע פון די באַוואוסטע העברעאישע שריפט-שטעלער ווי לילנבלום, ד"ר קאַמינער, שערשעווסקי. קאַמינער רעדט אין אַ שיר אונטערן נאָמען „עמק עכור" (דאָס טרויער-טאָל) מיט גרויס פאַרביטערונג און האַרץ-ווייטאָג וועגן די סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטן, וואָס הערשן אין דער וועלט. „איך זעה אַרום זיך"—אַזוי באַקלאָגט זיך קאַמינער—נאָר נויט, קראַנק-הייטן, פינסטערקייט און אומוויסנקייט. אומעטום רויבער, צבויאַקעס און בלוט-זויגער.—פון איין זייט הולטייסטוואָ, ניאוף, אַ לעבן כּון משוגע'נעם לוקסוס, און פון דער אַנדער זייט שטאַרבן מענטשן פון הונגער, האָבן ניט קיין לופט... און איך, אַ ביין פון זייערע ביינער און פלייש פון זייער פלייש, קען ניט שווייגן, איך שרײַ פון שמאַרץ און צאָרן... נאַט אײַך מײַן בלוט, מײַן נשמה, אָט האָט איר, אַ פייער פון כּעס, אָבער קילט עס ניט אָפּ! מײַן האַרץ, באַרוהיג דיך ניט! זיד און קאָך! שטיי פאַר'ן אמת און פאַרדעקט מיט שאַנד דעם ליגן!".

לילנבלום האָט פאַרעפּענטליכט אין „אספת-חכמים" זײַן סאַטירע „משנת אלישע בן-אבויה", וועלכע ער האָט גיוועסט געהאַט געשריבן פאַר ליבערמאַנס „האמת". פאַרפאַסט אין דעם עכט תּלמודישן סטיל ווערן אין איר דורכגעפירט די הויפּט-געדאַנקען פון מאַרקס „אַרבעט און קאַפּיטאַל". „יעדער מענטש איז מחויב צו פּראָדוצירן דורך זײַן אַרבעט אָדער דורך זײַנע וויסנשאַפטליכע ידיעות דעם ווערט פון יענער סומע פּראָדוקטן, וועלכע ער פאַרברויכט פאַר זײַנע באַ-דערפעניש". „ווער עס לעבט אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט, ווער עס איז זיך מפרנס מיט דעם פאַרדינסט פון פּראָצענט און פאַרנעמט זיך מיט אַ באַ-שעפטיגונג, וואָס ברענגט דער וועלט קיין נוצן ניט, דער צורויבט די רייכטי-מער פון פאָלק און ברענגט שאָדן דער געזעלשאַפט", א. אַ. וו.

בעת ס'איז אַרויס דער זיבעטער נומער פון „אספת-חכמים" (אין סעפּ-טעמבער 1878) איז אין דייטשלאַנד אָנגענומען געוואָרן אַ שטרענגער געזעץ וועגן דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. דער דאָזיגער געזעץ האָט מיט זיך געבראַכט אַ גזר-דין אויך פאַר יידיש-סאָציאַליסטישע צייטונגען. אויפ'ן „אסיפת-חכמים" האָבן זיך גענומען קלייבן וואָלקנס... אין לעצטן נומער האָט יגלי אין זײַן פאַנטאַזיע דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז די אַלע אַזויגערופענע „קראַנקע פּראַגן": די פרויען-פראַגע, די יידישע פראַגע, די פראַגע וועגן פאַרקלענערן די אָרימקייט א. א. קענען ביי דער איצטיגער וועלט-אָרדענונג ניט פאַרענטפערט ווערן.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַנשויאונגען פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן זיינען ווינטשעווסקיס פאָלגנדע אויספירונגען וועגן דער יידישער פראַגע:

„פיל באַרימטע מענשן באַשעפטיגן זיך מיט דער פאַרענטפערונג פון דער יידישער פראַגע; זיי זיינען עמפּערט איבער דעם, וואָס אין אונזער געבילדעטן יאָרהונדערט איז נאָך מעגליך אַזאַ ערשיינונג ווי דער אַנטיסעמיטיזם. זיי גרינדן חברות, זיי שיקן זייערע דעלעגאַטן אין אַלע עקן וועלט, זיי ווילן פאַרשפרייטן בילדונג און ברענגען מיט דעם נוצן זייער פאָלק. זייער כוונה איז געוויס אַן ערליכע, אָבער דאָס בלייבט אָן אַ שום רעזולטאַט. וואָס איז דערפון די סבה? די סבה איז, אַז די מלחמה פאַר דער עקסיסטענץ ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און די קריסטן, וועלכע האָבן פריהער געשלאָגן דעם יידן צוליב רעליגיעזע טעמים, האַסן אים איצטער און רודפ'ן אים מיט גרויס אכזריות פאַר דעם, וואָס ער פאַרמאָגט פיל רייכטום. ווי אַזוי קאָנט איר פאַרענטפערן די דאָזיגע פראַגע אין דער צייט, וואָס ביי די עקסעסטירנדע סאָציאַלע באַדינגונגען פירט אַ גרויסע מענשן־מאַסע זעהר אַ האַרטנעקיגן, פאַרעקשנ'טן קריג מיט דער נויט, און זעהט בשעת מעשה, אַז דער ייד איז ניט ער זייט און ניט ער שניידט, און ער עקספּלואַטירט דעם אַרבעטנדיגן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געלט? אמת, די דאָזיגע לייט פאַרגעסן, אַז זיי אַליין האָבן מיטגעהאָלפן צו דעם, אַז דער ייד זאָל ווערן אַן עקספּלואַטאַטאָר און זעהר געלט־גיריג. ס'איז קיין ספק ניט, אַז די קריסטן אַליין זיינען שולדיג; זיי האָבן אָפּגעשניטן דעם יידן פון דער גאַנצער וועלט, זיי האָבן אים געלאָזן אָן ערד, אָן אייגנטום, אָן יעדער רעכט צום לעבן. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, איצטער איז דער ייד פאַראַכט און זעהר פאַרהאַסט, און כל־זמן איר וועט ניט באַשאַפן קיין נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר דעם יידן אין דער פּראָדוקציע פון'ם לאַנד, וועט אייער גאַנצע מיה צו פאַרבעסערן אונזער מצב ניט ברענגען קיין שום נוצן. ניט איר וועט פאַרענטפערן די יידישע פראַגע!"

אין דערזעלביגער צייט האָט בן־נץ מיטגעאַרבעט אויך אין „הקול". אַ גרויסן רושם האָט אין איר צייט געמאַכט די סעריע פון זיינע אַרטיקלען וועגן דעם דייטשן פאַרלאַמענט, אין וועלכע ער האָט זעהר שאַרף קריטיזירט די באַוואוסטע ביסמאַרקס פּאָליטיק פון „בלוט און אַייזן" און די טאַקטיק פון די דייטשישע נאַציאָנאַל־ליבעראַלן און פּראָגרעסיסטן. דערביי האָט ער זעהר געלויבט די טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דער דאָזיגער אַרטיקל און אַנדערע אַרטיקלען פון בן־נצן, אין וועלכע די רוסישע צענזור האָט אָנגעמאַכט שרעקליכע חורבונות, האָט געבראַכט דערצו, אַז ראַדקינסאָן האָט אין אַ געוויכן טאָג דערהאַלטן אַ דעפּעשע פון זיין ווילנער אַגענט, אַז אויב עס וועט געדרוקט ווערן אין „הקול" נאָך אַן אַרטיקל פון בן־נצ'ן, וועט די צייטונג פאַרבאָטן ווערן. ראַדקינסאָן האָט זיך דערשראָקן און בן־נץ האָט שוין פון דעמאָלט אָן אין „הקול" מער ניט געשריבן.

דער אַכטער נומער פון „אספת־חכמים“ איז געווען דער לעצטער. ער איז דורך דער דייטשער רעגירונג פאַרמאַכט געוואָרן אויפן יסוד פון דעם נייעם סאָציאַליסטן־געזעץ, וועלכן איך האָב שוין פריהער דערמאָנט.

בשעת די ווינער פּאָליציי האָט אין 1878־טן יאָר אַרעסטירט ליבערמאַנען און קאָנפיסקירט זיינע כתבים, האָט מען צווישן זיי געפונען אויך זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ווינטשעווסקי׳ן. דעם 8־טן נאָוועמבער איז ווינטשעווסקי אַרעסטירט געוואָרן. אין אַ צייט אַרום האָט מען אים באַפרייט, און אַרויסגעשיקט פון פּרייסן. אַרומפאָרנדיג איבער פאַרשיידענע מדינות אין אייראָפּע האָט ווינטשעווסקי פאַרעפנטליכט אין „הקול“ קאָרעספּאָנדענציעס פון קאָפּנהאַגן, לאָנדאָן, און פּאַריז. פון צייט צו צייט האָט ער אויך געשריבן אַרטיקלען וועגן „די פרייקייט פון ווילן“, וועגן דער „פרויען־פראַגע“ א. א., אין וועלכע עס האָט זיך געסטאַרעט אַריינצושמוגלען סאָציאַליסטישע אידייען. אין יאָר 1879 איז דער „הקול“ געוואָרן פאַרבאָטן, און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיגט ווינטשעווסקיס ליטעראַרישע טעטיגקייט אין העברעאיש.

VII.

אליה וואָלף ראַבּינאָוויטשעס ערשטע אַרטיקלען אין „השחר“.— ער טרעט אַריין אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט.—ער ווערט אַן אָנהייגער פונ׳ם „וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם“.—ער גייט אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „הקול“.—זיינע אַרטיקלען אין „הקול“.—זיין אַרטיקל אין „אספת־חכמים“.—זיין מיינונג וועגן דער אַרבעטער־פראַגע.—ער ווערט אַ שאַרפער געגנער פון סמאָלענסקינען.—זיין לעצטער אַרטיקל אין „הקול“.—ער ווערט אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד און עמיגרירט קיין ענגלאַנד.—אַלע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור קומען צוריק צום יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

אליהו וואָלף ראַבּינאָוויטש, אַ געבוירענער אין רוסלאַנד און אַן ערצויגענער אויף תלמוד און פּוסקים, האָט זיך אין די ערשטע 70־ער יאָרן אַוועקגעלאָזן קיין אויסלאַנד סטודירן ראַבּינער. אַ געוויסע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין ברעסלוי. פון דאָרטן האָט ער געשריבן אַ פּאָר אַרטיקלען אין סמאָלענסקינס „השחר“ וועגן דער אומנאָרמאַלער קינדער־ערציהונג ביי די רוסישע יידן. דערנאָך איז ער אַוועק אין בערלין און איז אַריין אין דעם דאָרטיגן יידישן סעמינאַר. פון דאָרטן איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קעניגסבערג און איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט. אין דייטשלאַנד האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, און קומענדיג אין קעניגסבערג איז ער צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, און איז געוואָרן אַ גרויסער אָנהענגער פונ׳ם „וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם“.

אין קעניגסבערג האָט זיך ראַבינאָוויטש באַקאַנט מיט ראַדקינסאָנען, וועלכער האָט אים אַריינגענומען אַלס מיטאַרבעטער אין זיין „הקול". אין „הקול" האָט ראַבינאָוויטש געשריבן איבער פאַרשיידענע טעמעס: וועגן דער רוסישער ליטעראַטור, וועגן יאָהאַן יאַקאָבי, וועגן קאָמעטן און דערגליייכן, און כמעט אויף אַלע זיינע אַרטיקלען האָט ער זיך געחתמ'עט מיט זיין פסעוודאָנים „אור". אַ באַזונדער איינדרוק האָט געמאַכט זיין אַרטיקל „המעשה-וכשרונו" — אַ קריטיק אויף יהלל'ס פּאָעמע „כשרון-המעשה". פון דעם דאָזיגן אַרטיקל לאָזט זיך שוין גאַנץ בולט אַרויסזעהן אַ גרויסע סימפּאַטיע צום סאָציאַליסטישן געדאַנק.

בשעת ווינטשעווסקי האָט איבערגענומען אויף זיך די רעדאַקציע פון „אספת-חכמים" איז גראָד ראַבינאָוויטש אָפּגעפאָרן פון קעניגסבערג*), ער האָט אָבער סימפּאַטיזירט מיטן צוועק פון'ם העברעאיש-סאָציאַליסטישן זשורנאַל, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרבייטן דעם אָפּגעשטעלטן „האמת", און האָט אים מבטיח געווען ליטעראַריש צו אונטערשטיצן פון דערווייטן.

אינ'ם ערשטן נומער פון „אספת-חכמים" האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן או"ר'ס אַ גרויסער אַרטיקל, וועלכער איז פאַרבליבן אומפאַרענדיגט, אונטער'ן נאָמען „שאלת הפועלים באַמריקה" (די אַרבעטער-פראַגע אין אַמעריקע). אינ'ם דאָזיגן אַרטיקל באַהאַנדלט דער מחבר די אורזאַכן פון דעם גרויסן אייזנבאַן-שטרייק, וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין צפון-אַמעריקע אינ'ם יאָר 1877 און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן רעש אין דער גאַנצער וועלט. דערקלערנדיג אויספירליך די סבות, וואָס האָבן געבראַכט דעם שטרייק און אַלע איבערלעבענישן פון דער שטרייק-באַוועגונג, וועלכע האָט געטראָגן אַן עכט סטיכישן כאַראַקטער, קומט דער שרייבער צום אויספיר, אַז „ווען מיר ווילן באמת גרינגער מאַכן דעם מצב פון דער געדריקטער מאַסע, איז ביי אונז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר אומבייטן דעם יחיד'ישן אייגנטום אויפ'ן אייגנטום פון כלל".

נאָך זיצנדיג אין בערלין האָט זיך ראַבינאָוויטש, אונטער דעם איינפלוס פון די סאָציאַליסטישע טעאָריעס, אָפּגעזאָגט פונ'ם יידישן נאַציאָנאַל-געדאַנק. ממילא איז ער דורך דעם געוואָרן אַ שאַרפער געגנער פון סמאָלענסקינען, און איז געגן אים אַרויסגעטראָטן עפנטליך אין „הקול". בעת סמאָלענסקין האָט זיך אין „השחר" אָפּגערופן ניט אַזוי גינסטיג וועגן ליבערמאַנס „האמת", האָט ראַבינאָוויטש אין בריוו צו פריינד און באַקאַנטע אַגיטירט, אַז מ'זאָל זעהן אונטערגראָבן דעם רעאַקציאָנערן „השחר"*).

ראַבינאָוויטשעס לעצטע ליטעראַרישע אַרבעט אין העברעאיש איז געווען אַן אַרטיקל אין „הקול" וועגן דעם דייטשישן רייכסטאָג.

צוליב די דראַקאָנישע מיטלען, וועלכע מ'האָט אין די סוף 70-ער יאָרן

---

*) ער איז אָוועקגעפאָרן קיין צעריקאָוו, פּויזנער קרייז, וואו ער האָט באַקומען אַ לערער-שטעל.

*) זעה „הצפירה" תר"פ, נומער 42

אָנגענומען אין דייטשלאַנד געגן די אויסלענדישע סאָציאַליסטן, האָט ראַבינאָוויטש אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד און האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן.

* * *

עס מוז קאָנסטאַטירט ווערן דער פאַקט, אַז כמעט אַלע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט זייער פּראָפּאַגאַנדע אין העברעאיש, זיינען ניט פאַרבליבן ביי׳ם סאָציאַליזם.

ליבערמאַן איז אַרומגעגאַנגען זיין גאַנצן לעבן מיט אַ צובראָכענער נשמה. ער האָט זיך אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון די גייסטיגע נאַציאָנאַלע ווערטן, וועלכע ער האָט געליבט און נאָך וועלכע ער האָט שטאַרק געבייִנקט. ער האָט דעם ריס ניט געקענט אַריבערטראָגן, און אַריינפאַלנדיג צום סוף אין גרויס יאוש, האָט ער זיך אַליין דאָס לעבן גענומען.

יהל״ל איז אָפּגעשטאַנען פון די סאָציאַליסטישע קרייזלאַך נאָכ׳ן קיעווער פּאָגראָם פון 1881=טן יאָר, וועלכן ער האָט אַליין בייגעוואוינט. אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע דערקלערט ער די זאַך אויפ׳ן פאָלגנדן אופן:

„ס׳האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם און די מאַסע איז אָנגעפאַלן אויף יידן און האָט זיי צוראַבירט און געשלאָגן מכת=רצח. דאַמאָלס האָב איך גענומען ווייכן פון די סאָציאַליסטן, אָבער ניט פון דער אידייע, אָן וועלכער איך האַלט מיך נאָך פיל פעסטער ווי פריהער, ווייל זי איז די עצם יידישקייט און דער פונדאַמענט פון אונזער תורה. איך האָב געזעהן מעשים און האָב געלייענט כתבים, וועלכע האָבן מיך אויף ריכטיג איבערצייגט, אַז די פאָרשטייער פון׳ם סאָציאַליסטישן צענטעראַל=קאָמיטעט האָבן געהאָלפן העצן און אָנרייצן דער פאַרווילדעוועטער מאַסע אויף די יידן, כדי אַיינגעוואוינען איר דורך דעם אין רויב און רציחה, און דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז אָנהויבנדיג פון די יידן וועלן זיי פאַרענדיגן מיט די קאַפּיטאַליסטן. דאָס האָט מיך אין גאַנצן ערשיטערט. איך האָב געזעהן אויף וויפיל יידן דאַרפן זיך מתחבר זיין מיט די כלל=פאַרזאָרגער, און אַריינטראַכטנדיג זיך אין דער זאַך בין איך געקומען צו דער טיפער איבערצייגונג, אַז פאַר דעם יידישן פאָלק איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל און קיין אַנדער אויסוועג געראַטעוועט צו ווערן און אַיינצוהיטן זיין ווייטערדיגע עקסיסטענץ ווי נאָר צו ווערן אַ פרייע זעלבסטשטענדיגע פאָלק אויף זיין אייגענעם באָדן.

צוקערמאַן האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין תיכף נאָכדעם, ווי ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. טיף האָט ער דורכגעפילט די טראַגעדיע פון דער יידישער נשמה, וואָס צאַפּלט זיך צווישן אייגנס און פרעמדס, און די דאָזיגע געפילן האָט ער טרויעריג=ליריש באַזונגען אין העברעאישע און יידישע שירים. אייניגע פון זיי האָבן געפּלאַצט די סטרונעס פון

זיין לירע. ער איז געוואָרן צומישט, און האָט זיך אַליין אויסגעזוכט זיין גרוב אין די וועלן פון יעניסיי...

ד״ר יצחק קאַמינער איז געוואָרן איינער פון די באַגייסטערטע נאַציאָנאַל-דיכטער. אין זיין לעצטן שיר, וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט פאַרן טויט אין „השלח״ איז ער זיך מתודה אויף זיין אַמאָליגער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע, אויף דער ניט-יידישער ערציהונג, וואָס ער האָט געגעבן זיינע קינדער און וועלכע האָט זיי אַוועקגעפירט דינען פרעמדע געטער. זיין ווידוי פאַרענדיגט ער מיט אַ פייערליכן לויב-געזאַנג צום אידעאַל פון דער יידישער אויסלייזונג און ווידעראויפלעבונג.

לילנבלום האָט זיך עפנטליך אַוועקגעשטעלט אויפן „וועג פון תשובה״. ער האָט געזוכט אויסצומעקן פון זיין לעבנס-געשיכטע די עטליכע סאָציאַליסטישע בלעטלאַך. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן ווערן, ווי גאָר קיינמאָל ניט געוועזן.

ווינטשעווסקי, דער אַמאָליגער פאַרביטערטער באַקעמפער פונם יידישן נאַציאָנאַליזם, איז ביי היינטיגן טאָג אַ הייסער נאַציאָנאַליסט.

און אליהו וואָלף ראַבינאָוויטש (או״ר) איז פון דער ערשטער מינוט אָן צוגעשטאַנען צום חבת-ציון געדאַנק, און איז היינט אַן איבערגעגעבענער ציוניסט.

קיין קאָנסעקווענצן וועלן מיר דערפון ניט ציהען, אָבער —
דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט...

משה אַראָנסאָן.

(געבוירן—1853)

איך געדענק נאָך אַזוי ווי היינט: זייענדיק אין ווין איז מיר אויסגעקומען גאַנץ אָפט צו הערן פון צוקערמאַנען און קאַמיאָנסקי'ן דעם נאָמען פון זייער מאָהילעווער חבר—משה אַראָנסאָן. און תמיד האָבן זיי אים דערמאָנט מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט, און דערצו נאָך מיט גרויס באַגייסטערונג.

לויט מיינע זכרונות פון אַ ביסל אַ שפּעטערדיקער צייט איז דער דאָזיגער אַראָנסאָן באמת אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע פיגור צווישן זיינע חברים, די ניהיליסטן=סאָציאַליסטן פון די מיטעלע 70=ער יאָרן.

I.

אַראָנסאָן אַלס „מתמיד".—אַראָנסאָן גייט אַריבער פון „השכלה" צום סאָציאַליזם.—ער אַנטלויפט פון מאָהילעוו.—ער קומט אין בערלין.—אַראָנסאָן אין בערלינער אוניווערסיטעט.—אַראָנסאָן ווערט אַ מיטגליד פונם סאָציאַליסטישן עמיגראַנטן-קרייזל.—דער מהות פון דעם קרייזל.—אַראָנסאָן ווערט אַרעסטירט און נאָכדעם אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד.

אַראָנסאָן, אַ בן-יחיד ביי בעל=הבתי'שע אָרטאָדאָקסישע עלטערן, האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט אין חדרים, און האָט געשמ'ט פאַר אַ גרויסן „מתמיד". אין התמדה האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויך שוין זייענדיג פאַרכאַפּט אין דער „השכלה". גרויסע פאָרשריט האָט ער געמאַכט באַזונדערס אין דער דייטשישער שפּראַך. נאָך אין זיין פריסטער יוגנט האָט ער איבערגעלייענט אַלע ווערק פון מענדעלסאָנען און אַנדערע פילאָסאָפישע ביכער אין אָריגינאַל. אַלץ האָט ער געלערנט גרינדליך און טיף. די אויבערפלעכליכקייט פון לייענען האָט ער ניט געקאַנט.

ווי אַלע מאָהילעווער משכילים פון יענער צייט איז אַראָנסאָן אויך אַריינגעפאַלן אין דעם סאָציאַליסטישן שטראָם, איז געזעסן טאָג און נאַכט און געלייענט סאָציאַליסטישע ספרים, און האָט אָנגעפאַנגען צו שטרעבן צו אַ נייעם לעבן. צוזאַמען מיט צוקערמאַנען איז ער אַנטלאָפן געוואָרן פון מאָהילעוו. אָבער בעת צוקערמאַן איז נאָכגעיאָגט געוואָרן פון זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אים בעכאַפּט אין האָמעל און אָפּגעפיר'דט צוריק מיט גוואַלד קיין מאָהילעוו, האָט

זיך אַראָנסאָן פון דאָרטן אַליין דערשלעפּט ביז אַלט-ביכאָוו, פון וואַנען ער איז אַוועק ווייטער, איז אַריבער דעם גרעניץ און געקומען קיין בערלין. דאָרטן איז ער אַריין אין אוניווערזיטעט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט.

אין בערלין איז אַראָנסאָן באַלד געוואָרן אַ מיטגליד פונם דאָרטיגן סאָציאַליסטישן עמיגראַנטן-קרייזל, וועלכער איז באַשטאַנען פון יידישע סטודענטן און סטודענטקעס אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. דער דאָזיגער קרייזל האָט געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדער דירה, וואו עס האָבן געוואוינט אַלע זיינע מיטגלידער צוזאַמען אויפן יסוד פון קאָמונע.

אין מיינע זכרונות וועגן דינעזאָנען*) האָב איך שוין אַ ביסל אַרומגערעדט די אַנטלויפונגס-עפּידעמיע, וועלכע האָט אָנפאַנג די 70-ער יאָרן אויסגעבראָכן צווישן אַ טייל פון דער יידישער יוגנט אין מאָהילעוו. די דאָזיגע אַנטלאָפענע, בחורים און מיידלאַך, באַזונדערס פון רייכן קלאַס, וועלכע זיינען געפאָרן דאָס רוב אין דער שווייץ צו סטודירן דאָרט מעדיצין, פלעגן פאַרבייפאָרנדיג אַראָפּ אין בערלין און דאָרטן פאַרבלייבן עטליכע חדשים: איינע פלעגט דאָ זיצן און וואַרטן אויף איר געליבטן, די אַנדערע אויף איר פריינדין, דער דריטער פלעגט מען אַן עצה געבן שרייבן דעם פאָטער, אַז זי האָט דאָ, כלומר'שט, געפונען איר באַשערטן און זי וויל מיט אים חתונה האָבן, כדי אַרויסצוקריגן פון אירע רייכע עלטערן איר גרויסן נדן און אַריינטראָגן דאָס געלט אין דער קאַסע פון דער פאַרטיי. די דאָזיגע אַלע עמיגראַנטן און עמיגראַנטקעס פלעגן זיך די גאַנצע צייט אויפהאַלטן אין דער בשותפות'דיגער וואוינונג פונ'ם סאָציאַליסטישן קרייזל.

אַנדערע פון די דאָזיגע עמיגראַנטן פלעגן אַרבעטן אין די בערלינער פאַבריקן און זאַוואָדן אַלס טאָג-לוינער, אום צו באַקאָנען זיך מיט דעם פאַקטישן מצב פון דעם אַרבעטער און אויך צוגעוואוינען זיך צו מלאכה, כדי זיי זאָלן קענען צוריקקערנדיג זיך קיין רוסלאַנד, אַגיטירן צווישן די אַרבעטער און פאַרשפּרייטן אונטער זיי די סאָציאַליסטישע אידייען. אַלע פלעגן זיי טראָגן פּראָסטע לייוונטענע רובאַשקעס און האָבן געהאַט אַ שרעקליכן אויסזעהן: לאַנגע, אומפאַרקעמטע, צושויבערטע האָר, צוריסענע און פאַרלאַטעטע שטיוול, ניט קיין איינגעוואַשענע פּנימ'ער און די הענט שמוציג פון אַרבעט. ביז פאַרנאַכט פלעגן זיי אַרבעטן אויף די פאַבריקן, און נאַכהער פלעגן זיי קומען פאַרמאַטערטע אין דער אַלגעמיינער וואוינונג, דאָרטן פלעגן זיי לעזן און שרייבן און אויסהערן נייס פון רוסלאַנד פון די אַנטלאָפענע, וואָס פלעגן קומען טאָגטעגליך קיין בערלין**), און פון דאָרטן פלעגן זיי אָנפירן מיט דער גאַנצער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע צווישן דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד.

גראָד האָט זיך געדאַרפט מאַכן אַז צווישן די כתבים, וועלכע מ'האָט

---

*) זעה ערשטער באַנד פין מווינע זכרונות זווטלאַך 61—65.

**) זעה „השלח", 17-ער באַנד זווטל 260.

קאָנפיסקירט ביי ליבערמאַנען, און וואָס זיינען פון ווין איבערגעגעבן געוואָרן דער בערלינער פּאָליציע, זיינען געווען אויך עטליכע בריוו פון אַראָנסאָנען. לויט די דאָזיגע בריוו האָט די בערלינער פּאָליציי דערגאַנגען, אַז אַראָנסאָן איז אַ מיטגליד פון אַ אומלעגאַלער חברה, און האָט אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט זיינעם אַ מאָהילעווער חבר גורעוויטש, וועמעס בריוו מ'האָט אויך געפונען ביי ליבערמאַנען. אַראָנסאָן איז פאַרמשפט געוואָרן אויף פיר חדשים געפענגעניש, און איז נאָכדעם אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד*).

II.

אַראָנסאָן קומט אין ציריך און סטודירט מעדיצין.—עס דערוועקט זיך אין אים זיין אַלטע התמדה.—לעגענדעס וועגן זיין פלייס צום לערנען.—אַראָנסאָן ווערט געשטרויכלט ביים לעצטן עקזאַמען.—ער ווערט מעלאַנכאָליש און וויל זיך נעמען דאָס לעבן.—זיינע חברים עדואַרד בערנשטיין און קאַרל קויטסקי באַמערקן דאָס.—מיט וואָס פּראָפעסאָר פראַנקשטיין באַרוהיגט אַראָנסאָנען.—אַראָנסאָן באַקומט דעם דאָקטאָר-דיפּלאָם און פאָרט אַרויס קיין ניו-יאָרק.

פון בערלין איז אַראָנסאָן אַוועק קיין ציריך, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיינע מעדיצינישע למודים ביים באַרימטן פּראָפעסאָר פון פרויען-קראַנקייטן פראַנקענשטיין. אין ציריך האָט זיך דערוועקט אין אַראָנסאָנען דער אַלטער אַמאָליגער מתמיד. ער האָט זיך אַלץ אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ און זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער וויסנשאַפט. וועגן אַראָנסאָנס דאַמאָלסטדיגע פלייסיגקייט זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן זיינע חברים און באַקאַנטע געוויסע לעגענדעס. מ'האָט דערציילט, למשל, אַז אין יאָר 1880—דאָס איז שוין געווען דער לעצטער סעמעסטער פון זיין געפינען זיך אין ציריכער אוניווערזיטעט—בעת ער האָט געהאַלטן דעם לעצטן עקזאַמען פאַר'ן ענדיגן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, איז ער עפּיס דורכגעפאַלן אין אַ געוויסן לימוד. ער האָט זיך דאָס זעהר געגומען צום האַרצן און איז געוואָרן מרה-שחורה'דיג. ער האָט אויפגעהערט צו עסן און צו טרינקן, האָט זיך פאַרשפּאַרט אין זיין צימער און אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען. אין ציריך האָט אַראָנסאָן דאַן געוואוינט אין איין דירה מיט די שפּעטערדיגע באַרימטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער אין דייטשלאַנד עדואַרד בערנשטיין און קאַרל קויטסקי. באַמערקנדיג, אַז ער איז מעלאַנכאָליש און פירט זיך עפּיס אויף ניט ווי דער סדר, האָבן זיי אים גענומען נאָכשפּירן. ערשט זיי האָבן געפונען ביי אים אין צימער

*) וועגן דעם דאָזיגן משפט איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערציילן אויספירליכער אין מיין אַרטיקל וועגן ליבערמאַנען (זעה דעם ערשטן אַרטיקל אין דעם באַנד).

פאַרשטעקט אין אַ ווינקל אַ שאַרפן סם מיט אַ שטריק. איין טאָג האָבן זיי אים דערזעהן גייענדיג אַליין אונטערן שטאָט לעבן אַ גרויסן בוים פאַר וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אים געמומען גוט באַטראַכטן, עפּיס אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אַויסצוקלייבן פאַר זיך אַן אָרט וואו אויפצוהענגען זיך. די חברים האָבן אים אָנגענומען און האָבן מיט גוואַלד אַרויסגענומען ביי אים פון קעשענע דאָס גיפט, און דערנאָך זייגען זיי אַוועק צום פּראָפעסאָר פּראַנ־קענשטיין און זייגען צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער מוז זעהן ראַטעווען זיין תלמיד. דער פּראָפעסאָר איז תיכף געקומען צו אַראַנסאָנען אויף זיין קוואַרטיר און האָט אים געגומען טרייסטן און אויפמונטערן און האָט געזאָגט, אַז נאָר אומזיסט עסט ער זיך אָפּ דאָס האַרץ, און אַז זיין דיסערטאַציע איז אַן אויס־געצייכנטע, און ער האָט אים מבטיח געווען, אַז גאָר איגגיכן באַקומט ער דעם דאָקטאָר־אַטעסטאַט. דערביי האָט אים דער פּראָפעסאָר געצוואונגען, אַז ער זאָל תיכף פאַר אים אין די אויגן נעמען עפּיס עסן, ווייל ער האָט שוין פון דריי טעג קיין זאַך אין מויל ניט געהאַט. דעם פּראָפעסאָרס רייד האָבן אויף אַראָנסאָנען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. ביסלעכווייס איז ער געקומען צו זיך, האָט זיך צוריקגעקערט צו זיינע למודים, האָט זיך עקזאַמענירט און אַרויס פון עקזאַמען בשלום און האָט באַקומען אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם פון דער העכסטער מדרגה. ער איז נאָך אָבער ווייטער פאַרבליבן אין ציריך.

ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז אַראָנסאָן אַוועקגעפאָן פון ציריך קיין ברעמען. דאָרטן האָט ער אָנגענומען די שטעל פון אַ דאָקטאָר אין אַ שיף, וואָס קורסירט פון ברעמען קיין ניו־יאָרק און צוריק. נאָכדעם האָט ער זיך באַ־זעצט אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שוועסטער פון עדואַרד בערנשטיין, און וואו ער וואוינט עד היום אַלס פּראַקטיצירנ־דער דאָקטאָר. צייטנווייס פלעגט אַראָנסאָן פאַרעפנטליכן אַרטיקלען אין דער ניו־יאָרקער „אַרבעטער־צייטונג“. די לעצטע יאָרן האָט מען שוין וועגן אים אין דער עפנטליכקייט גאָרנישט געהערט*).

---

*) אין די צייטונגען איז נאָך געווען אַ ידיעה, אַז ער האָט ערפונדן אַ געווּיסן זעהר װיכטיגן מעדיצינישן מיטל, וועלכער ווערט גערופן אויף זיין נאָמען.

XII.

א באַראַטונג פון ציריכער יידישע עמיגראַנטן נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד.—דער אַלגעמיינער באַשלוס אויסצוואַנדערן קיין ארץ-ישראל.—אַראָנסאָן האַלט ביים עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע.—די באַגייסטערטע מיינונג זײַן א"י פון אַ קריסטליכן טעאָלאָג.—פּראָפעסאָר ר ע ק ל י י צושלאָגט דעם גאַנצן פּלאַן וועגן דער עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל.—אַמעריקע אָנשטאָט פּאַלעסטינע.

טרעפנדיג זיך אין די מיטעלע 90-ער יאָרן מיט דעם אויבנדערמאָנטן קאַמיאַנסקן אין סובאַלק; האָט ער מיר דערציילט וועגן אַראָנסאָנען דעם פאָלגנדיגן זעהר אינטערעסאַנטן פאַקט:

אין די ערשטע 80-ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד, האָבן זיך אין ציריך צונויפגעקליבן אַלע יידישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן כדי צו באַראַטן זיך וועגן דעם מצב פון די רוסישע יידן. נאָכדעם ווי אַלע זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד איז שרעקליך אָן אַ שום גוטע האָפענונג אויף דער צוקונפט, האָבן אַלע אָנגענומען דעם באַשלוס, צו עמיגרירן קיין ארץ-ישראל, גרינדן דאָרטן אַ קאָלאָניע פון ערד-אַרבעטער און צוצוציהען אַהין די מאַסן אויסוואַנדערער. צווישן די, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ-ישראל זיינען געווען אויך די סאָציאַליסטן אַ ר אָ נ ס אָ ן, אַ ק ס ל ר אָ ד און ג ו ר ע ו ו י ט ש.

אין ציריך האָט דאַמאָלסט געוואוינט איינער אַ באַוואוסטער קריסטליכער טעאָלאָג, וועלכער האָט געמאַכט פיל רייזן אין די מזרח-לענדער און האָט פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אויך אין פּאַלעסטינע, און איז געווען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן קענער פון די דאָזיגע געגנטן. זיינען צו אים געקומען אַראָנסאָן מיט זיינע חברים און האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי זאָגן זיין מיינונג וועגן ארץ-ישראל. נאָכדעם ווי דער לוטעראַנישער פּאַסטאָר האָט דערהערט זייער באַשלוס, וועגן פאָרן קיין ארץ-ישראל, האָט ער זיך זעהר דערפרייט און האָט צו זיי געזאָגט: „געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט! איך זעה, אַז איר זייט געבליבן טרייע קינדער צום יידישן פאָלק. גייט און טרעט אויס די וועג פאַר אייער גרויסן פאָלק און איר וועט באַגליקן. גייט און באַלעבט דאָס הייליגע לאַנד, וועלכע וואַרט אויף אייך שוין צוויי טויזנט יאָר, און וועט אייך באַשיינקען מיט אַל דאָס גוטס. דער ירדן-טאָל איז זעהר אַ פרוכטבאַרע געגנט מיט אַ גרויסע שפע פון אַלערליי מינים שפּייז פאַר די, וואָס וועלן באַאַרבעטן זיין ערד".

כמעט אַלע זיינען שוין געשטאַנען געגרייט אַוועקצולאָזן זיך אין וועג אַריין. האָט זיך דאַן אָפּגערופן אַראָנסאָן: מ'דאַרף נאָך אַריינגן זיך מישב זיין אויך מיטן באַרימטן פּראָפעסאָר ר ע ק ל י י. רעקליי האָט צוזעטערט זייער גאַנצן

פלאַן און האָט זיי געוואָרנט, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו טראַכטן וועגן ארץ־ישראל, וואו אַלע ייִדן זיינען פוילער, ליידיגגייער, וועלכע לעבן אויפן חשבון פון דער חלוקה, פאַנאַטיקער, רכילות־טרייבער און באַנאַוולער, וועלכע וועלן האָבן אויף די נייע אייננוואַנדערער אַ דעמאָראַליזירנדיגן איינפלוס. די חלוקה'־ניקעס, וועלכע ער האָט קענען געלערנט אין ירושלים און אין צפת וועלן זיי ניט לאָזן אַרבעטן די ערד אָדער צו פאַרנעמען זיך מיט אַ וועלכער ס'איז מלאָכה; זיי וועלן זיי בויטן גיין אין זייערע דרכים, און די אייננוואַנדערע וועלן דאָרטן קיין שום תקומה ניט האָבן.

רעקליי'ס ווערטער האָבן אויף די יונגע לייט געהאַט זעהר אַ שטאַרקע ווירקונג. תיכף האָבן זיי אומגעביטן דעם באַשלוס וועגן ארץ־ישראל, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. דאָן זיינען אַ סך פון די ציריכער צוגעשטאַנען צו דער אין יענער צייט באַקאַנטער סטודענטן־גרופּע „עם־עולם", וועלכע איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אַקסלראָד און גורעוויטש זיינען פאַרבליבן אַרבעטן אין אייראָפּע אויפ'ן סאָציאַליסטישן באָדן, און אַראָנסאָן איז אַוועק מיטן שטראָם קיין אַמעריקע.

יהודה ליב דאַווידאָוויטש (בן=דוד).

(געבוירן—1855; געשטאָרבן—1898).

צו דעם יידיש=סאָציאַליסטישן קרייזל, וועלכער האָט עקסיסטירט אין
ווילנע אָנפאַנגס די 70=ער יאָרן פונ׳ם פאָריגן יאָרהונדערט און האָט זיך
געפונען אונטער ליבערמאַנס השפּעה, האָט געהערט אויך איינער אַ דאַווי=
דאָוויטש. דער דאָזיגער דאַווידאָוויטש, וועלכער איז נאָך דאַן געווען גאַנץ
יונג בערך, אַ יאָר 17—16 און נאָר אָקאָרשט=וואָס אַראָפּ פון דער ישיבה׳שער
באַנק, האָט אין קרייזל קיין באַזונדערן אָרט ניט פאַרנומען; גיכער האָט ער
זיך נאָר געריבן אַרום קרייזל, און דעריבער ווערט זיין נאָמען אין די
אַנאַלן פון די ערשטע יידיש=סאָציאַליסטישע קרייזלאַך אין ליטע כמעט ווי גאָר
ניט דערמאָנט. אינאמת׳ן האט שוין אָבער דער יונגער, זעהר פייהיגער און באַ=
גאַבטער דאַווידאָוויטש, נאָך דאַמאָלסט אין זיך געהאַט פיל רעוואָלוציאָנערן
אימפּאָטענץ, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין בולט׳ע מעשים ערשט מיט
עטליכע יאָר שפּעטער. ווען די דאָזיגע מעשים האָבן אָבער אין זייער צייט
געוואוסט נאָר איינצלנע מענשן. די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועֿ=
גונג האָט זיי ניט פאַרצייכנט...

אין די לעצטע 80=ער יאָרן איז דאַווידאָוויטשעס נאָמען מיט אַמאָל ארויפ=
געשוואומען אין דער יידישער ברייטער עפנטליכקייט, אָבער ניט אַלס רעוואָ=
לוציאָנערער עסקן, נאָר אַלס טאַלענטפולער העבּרעאישער שריפטשטעלער, באַ=
זונדערס אויפ׳ן געביט פון קריטיק און פעדאַגאָגיע. אָנגעהויבן זיין ליטעראַ=
רישע טעטיגקייט האָט ער נאָך מיט עטליכע יאָר פריהער און אונטער פאַר=
שיידענע פּסעוודאָנימען, וועלכע האָבן באַלד צוגעצויגן צו זיך די אַלגעמיינע
אויפמערקזאַמקייט. אין די דעמאָלטיגע העברעאישע ליטעראַרישע קרייזלאַך האָבן
זיך אַרום דער פּערזאָן פון די דאָזיגע פּסעוודאָנימען גענומען שפּינען אַלערליי
לעגענדעס. דעם ריכטיגן נאָמען פון שרייבער האָט מען זיך ערשט דערוואוסט אין
עטליכע יאָר שפּעטער, און דורך אים אַליין, בעת ער האָט זיך אָנגעהויבן אונ=
טערשרייבן אויף זיינע אַרטיקלען: „בן=דוד״, אָדער אַמאָל מפורש: י. ל. דאַ=
ווידאָוויטש. דאַן האָט מען אויך דערגאַנגען, אַז דער מענש האָט הינטער
זיך אַ געשיכטע פון זעהר אינטערעסאַנטע איבערלעבענישן. קיין פּרטים האָט
אָבער קיינער ניט געקאָנט דערציילן, און ער, דאַווידאָוויטש, אַליין, האָט אין

שמועסן אפילו מיט פריינד און באַקאַנטע געזעהן ווי ווייט מעגליך אויסצומיידן צו רעדן וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט. בכלל איז בן=דוד געווען לויט זיין כאַראַקטער ווייניג אָפנהאַרציג, פאַרביטערט און גאַליג, און מיר האָט תמיד אויסגעוויזן, אַז ער דערווייטערט זיך פון מענשן מער ווי ער איז זיך צו זיי מקרב. אפשר האָבן אים מענשן שלעכטס געטאָן, געררודפ'ט אין לעבן, ווער ווייסט?

מיר פערזענליך איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט בן=דוד'ן עטליכע מאָל און אין פאַרשיידענע שטעט. דעם ערשטן מאָל האָב איך מיך מיט אים באַקאָנט אין וואַרשע. דאָרטן האָבן מיר זיך ביידע צוזאַמענגעטראָפן אין דער בוכהאַנדלונג פון אליעזר יצחק שפירא. איך געדענק, אַז בן=דוד האָט דאַן גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן בן=אביגדור'ס אונטערנעמונג מיט זיינע וואָלוועלע העבּרעאישע אויסגאַבן, די אַזויגערופענע „ספרי=אגורה".
אַ צווייטן מאָל האָב איך מיך מיט אים געזעהן אין מינסק. ער איז דאַמאָלס געפאָרן אין דער נאָהענטער קליינשטעטל סמאָלעוויטש, וואו ער האָט אָנגענומען אַ לערער=שטעל אין דער הויז פון דעם אין יענער צייט ווייט און בּרייט באַקאַנטן גביר בּער סוטין. נאָכדעם האָב איך מיך מיט אים באַגעגנט אין ווילנע אָקאָרשט=וואָס ער איז דאָרטן אָנגעקומען אַלס לערער אין דער שטאָטישער תלמוד=תורה.

אַ פערטן מאָל האָט מיך מיט בן=דוד'ן צוזאַמענגעפירט אַ זעלטענער צופאַל. דאָס איז געווען אינמיטן ווינטער אין איינעם פון די מיטעלע 90=ער יאָרן. איך האָב דאַן געוואוינט אין סובאַלק און בין געפאָרן פון דאָרטן קיין וואַרשע דורך ביאַליסטאָק. אַרויספאָרנדיג מיטן אָוונט=צוג פון ביאַליסטאָק האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקליכער שטורמווינט, ס'איז געוואָרן אַ זאַווירוכע מיט אַ שניי, וועלכער האָט פאַרשאָטן די גאַנצע וועג. אין אַ שעה דריי אַרום האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט ניט קענענדיג גיין ווייטער. מיר זיינען אַזוי אָפּגעשטאַנען אינמיטן וועג אַ שעה פינף אַן ערך. ס'איז געוואָרן זעהר קאַלט, דער עולם האָט אָנגעהויבן אונטערצופרירן... און דאָ איז אַריין דער קאָנדוקטאָר און האָט געזאָגט, אַז וואו מ'וועט ניט אָפּראַמען דעם שניי ביז דער נאָהענטער סטאַנציע, וועט זיך דער צוג ניט קענען רירן פון אָרט, און דאָס וועט נאָך געוויס דאַרפן געדויערן עטליכע שעה. דערביי האָט ער אונז געגעבן אַן עצה, אַז היות ווי גאַנץ נאָהענט פון דאַנען געפינט זיך אַ דאָרף, זאָלן מיר אַהין אַראָפּגיין צו דערוואַרימען זיך אַביסל. מיר האָבן גלייך גענומען די פעקלאַך און האָבן זיך געלאָזן גיין איבער די ריעלצעס. דערווייל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. שלעפּנדיג זיך אַזוי אין שניי האָב איך מיט אַמאָל דערזעהן ווי פון לעצטן וואַגאָן קריכט אַראָפּ בן=דוד, וועלכער איז אויך מיט דעמזעלביגן צוג געפאָרן קיין וואַרשע. באַגעגנדיג זיך אומגעריכטערהייט און ביי אַזאַ לאַגע האָבן מיר זיך איינער מיט דעם אַנדערן דערפרייט... אָפּגייענדיג צוואַנציג מינוט אַן ערך האָבן מיר דערזעהן דעם דאָרף. דאָס ערשטע הייזל איז גראָד געווען אַ יידישע. דאָרט האָט געוואוינט דער שמיד פון דאָרף. איך מיט בן=

דוד'ן זיינען אַהין אַריין, און האָבן אונז גלייך אַ וואָרף געטאָן צום גרויסן וואַרימען אויוון... מיר האָבן געבעטן דער בעל-הבית'טע און זי האָט פאַר אונז געמאַכט דעם סאַמאָוואַר. זיצנדיג אַזוי צוזאַמען און טרינקענדיג טיי אין דער דאָזיגער אומגעוויינליכע סביבה, האָט דאָס ביי אונז אַרויסגערופן אַ היימליכע, אינטימע שטימונג. מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין אַ שמועס, וועלכער איז אַרי-בערגעשפּרונגען פון טעמע צו טעמע, פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע ענינים צו פּערזענליכע. בשעת-מעשה איז מיר אויסגעקומען צו דערציילן אים, אַז מיט עטליכע יאָר צוריק האָב איך חתונה געהאַט אין סובאַלק, און אַז מיין פרוי איז אַ שוועסטער-קינד פון גם באַוואוסטן סאָציאַליסטישן עסקן און שריפטשטע-לער ליבערמאַן.

דערהערנדיג דאָס האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פון שטול און מיט גרויס געשפּאַנטקייט אַ פרעג געטאָן:

— ליבערמאַן, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „האמת"?

נאָכדעם ווי איך האָב אים דערקלערט, אַז דאָס איז אַזוי, האָט ער מיך גענומען פאַרוואַרפן מיט פראַגן: אפשר ווייס איך, וואָס עס איז געוואָרן מיט ליבערמאַנס פאַמיליע, אפשר ווייס איך די ריכטיגע סבה פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, אפשר ווייס איך, צי עס זיינען פון אים געבליבן וועלכע ס'איז כתבים און וואו זיי געפינען זיך.

איך האָב אים דערציילט וועגן ליבערמאַנען אַלץ וואָס איך האָב דענסט-מאָל וועגן אים געוואוסט. דערנאָך האָב איך מיך צו אים אָפּגערופן:

— פון אייער שטאַרקן אינטערעסירן זיך מיט ליבערמאַנען ווייזט אויס, אַז איר האָט זיך מיט אים געקאָנט.

אויף דעם האָט מיר בן-דוד געענטפערט:

— געקאָנט איז נאָך ווייניג; איך בין געוועזן ליבערמאַנס אַ תלמיד מובהק און אַ שטענדיגער איינגייער ביי אים אין שטוב.

— זייט איר, הייסט עס, אַמאָל אויך געוועזן אַ סאָציאַליסט?

— נאָך וואָס פאַר אַ סאָציאַליסט?! „מיט אַלע קליפּערלאַך", מיט קאָנספּי-ראַציע, מיט געפענגעניש, מיט מסירת-נפש...

מיט די ווערטער האָט ער מיר זעהר פאַראינטערעסירט, און צווישן איין גלעזל טיי מיט דער אַנדערער האָב איך אים אַזוי פיל „געצויגן פאַרן צונג", דאָס אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט האָט ער מיר איבערגעגעבן עטליכע זעהר אינטע-רעסאַנטע עפּיזאָדן פון זיין לעבנס-געשיכטע.

פון יענער צייט זיינען שוין אַריבער באַלד פינף און צוואַנציג יאָר; איך געדענק נאָך אָבער די דאָזיגע עפּיזאָדן גלייך ווי איך וואָלט זיי ערשט נעכטן פון אים געהערט.

I.

בן-דוד'ס ערשטע ערציהונג.—ער גרייט זיך צו אריין אין ראַבינער-שול.—ער פאַלט דורך ביי די עקזאַמענס.—ער ווערט אַ העברעאישער לערער.—ער ווערט אַ מיטגליד אין ווילנער סאָציאַליסטישן קרייזל.—זיין ראָל אין קרייזל.—אַ קאָנ-פליקט וועגן דער אַגיטאַציאָנס-שפּראַך.—בן-דוד געגן ליבערמאַנען.—בן-דוד איז זיך מרחיק פון זיינע חברים.—ער ווערט אָפּגעקילט צום סאָציאַליזם.—ער נעמט זיך צוריק פאַר זיין זעלבסט-אויסבילדונג.

אַ זון פון אַ ווילנער מלמד אַ פאַרבאָרגענער האַלבער „משכיל“, האָט שוין בן-דוד צו צען יאָר געקאָנט גאַנץ גוט העברעאיש. צו עלף יאָר האָט ער שוין זעהר פליסיג געלייענט דייטש, און דאַן איז ער אַליין דורכגעקראָכן כמעט גאַנץ תנ"ך מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג. בר-מצוה איז ער געוואָרן אין ראַמיילעס ישיבה, וואו ער האָט זיך גערעכנט צווישן די בעסטע תלמידים. זייענדיג פערצן יאָר אַלט האָט ער געלערנט פאַר זיך אין גאונס קלויז. איז יענער צייט האָט ער זיך באַקאָנט געמאַכט מיט דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, האָט פיל געלייענט די נייע „השכלה-ביכלאַך“ און זיך גענומען לערנען רוסיש, כדי אַריינצוטרעטן אין ראַבינער-שול. נאָכדעם ווי ער איז דורכגעפאַלן ביי די ערשטע צוויי עקזאַמענס, איז ער שוין צום דריטן עקזאַמען ניט געקומען, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער בכלל אַרויסגעשלאָגן זיך פון קאָפּ דעם געדאַנק וועגן ראַבינער-שול און האָט באַשלאָסן צו באַשעפטיגן זיך מיט זעלבסט-בילדונג. דאַן איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין פאָטער, און ער האָט זיך שוין געדאַרפט אַליין דערנערן. ער האָט באַקומען אַ פאָר גראָשענע העב-רעאישע לעקציעס, פון וועלכע ער האָט מפרנס געווען אויך זיין אַלטע מוטער די אלמנה.

צו ניינצען יאָר איז שוין בן-דוד געווען באַהאַוונט כמעט אין דער גאַנצער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור פון די זעכציגער יאָרן. יעמאָלט האָט אים זיינער אַ חבר אַריינגעפירט אין אַ געוויסן טאָג אינ'ם אָקאָרשט-וואָס געגרינדעטן יידישן סאָציאַליסטישן קרייזל, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון ליבערמאַנען. אַ קורצע צייט נאָך דעם איז שוין בן-דוד געווען אינגאַנצן באַהערשט פונ'ם סאָציאַליסטיש-מאַרקסיסטישן געדאַנק, איז געוואָרן אַ מיטגליד פון קרייזל, און אַ באַזוכער פון אַלע זיינע געהיימע אַסיפות. ניט זייענדיק פון דער נאַטור קיין רעדנער, האָט אים דער קרייזל צו מונדליכער אַגיטאַטאָרישער אַרבעט ניט געקאָנט באַנוצן, און דעריבער האָט ער געהאַט בדעה אָפּצולייגן זיך באַזונדערס אויף אומלעגאַלער שריפטליכער אַגיטאַציע, צו וועלכער ער האָט ביי זיך גע-פילט די געהעריגע פייהיגקייט. איז אָבער דאַמאָלסט אַרויס אַ קאָנפליקט צווישן די חברים וועגן דער שפּראַך, מיט וועלכער מ'דאַרף זיך באַנוצן צו דער סאָ-

ציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. ליבערמאַן, און צו אים נאָך עטליכע האָבן געזאָגט, אַז וויבאַלד דער קאָנטינגענט מענשן, וועלכע מ׳דאַרף אַגיטירן, באַשטייט הויפּטזעכליך פון ישיבה-לייט און וואוילערנער, מוז מען דערצו געברויכן נאָר העברעאיש. אַנדערע ווידער האָבן געטענה׳ט, אַז היות ווי די אַגיטאַציע דאַרף געמאַכט ווערן אויך צווישן דער מאַסע, מוז מען מיט איר רעדן נאָר אויפ׳ן לשון, וועלכן זי פאַרשטייט. צווישן די לעצטע איז געווען אויך בן-דוד. נאָכדעם ווי ליבערמאַנס מיינונג האָט פאַר זיך געהאַט די מערהייט און מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף העברעאיש, איז ממילא דורך דעם בן-דוד׳ס ראָל אין קרייזל געוואָרן ניט קיין באַזונדערס וויכטיגע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום, נאָך דעם ווי צווישן די מיטגלידער פון קרייזל האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן, און ליבערמאַן איז צוליב דעם אַנטלאָפן געוואָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער זיך אָנגעהויבן מרחיק זיין פון זיינע חברים, האָט זיך געסטאַרעט אויסצומיידן מיט זיי יעדער באַגעגעניש, און אַזוי אַרום איז ער אָפּגעקילט געוואָרן צום סאָציאַליזם. דאַן האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט גרויס התמדה צו זיין זעלבסט-אויסבילדונג.

II.

בן-דוד פילט זיך אַלס עכטער רוס.—ער סימפּאַטיזירט מיט די סלאַוון.—ער גייט אַוועק אַלס פרייוויליגער צו קעמפן פאַר די סערבן געגן די טערקן.—זיין באַגעגעניש מיט זוסמאַנען.—בן-דוד פילט זיך אַנטוישט.—ער ווערט צוריק אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט.—ער גיט זיך אָן אויף אַ פאַלשן נאָמען אין מיליטער-דינסט.—ער ראַטעוועט פון געפענגעניש אַ פּאָליטישן פאַרברעכער.—ער קומט קיין זשיטאָמיר.

שוין לאַנג פאַרענדיגט אַלע זיינע חשבונות מיט העברעאיש און מיט דער „השכלה״, האָט זיך בן-דוד אין יענער צייט געפילט ווי אַן עכטער רוס, וועמעס ליטעראַטור איז בלויז די רוסישע און וועמענס אידעאַלן ס׳זיינען נאָר די פּראָגרעסיווע אידעאַלן פון דער רוסישער אינטעליגענץ. ביסלאַכוויים האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו סימפּאַטיזירן מיט די „סלאַווישע ברידער״, און אין יאָר 1876, בעת עס האָט אויסגעבראָכן דער סערביש-טערקישער קריג, און אין רוסלאַנד האָט מען אָנגעהויבן צו קלייבן פרייוויליגע פאַר די מיליטער-אָפּטיילונגען פונ׳ם גענעראַל טשערנייעוו, האָט זיך בן-דוד תיכף אָנגעשלאָסן צו דער גרופּע פּעטערבורגער יידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען אַוועק קיין סערביע אַלס פרייוויליגע סאָלדאַטן צו פאַרגיסן זייער בלוט אויף די באַלקאַנישע בערג לטובת די אונטערדריקטע סלאַוון.

אין סערביע האָט זיך בן-דוד צוגעקוקט צו די אויפפירונגען און מעשים

פון די יידישע „סלאַוויאַנאָפילן", און איז ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן. ער האָט דערזעהן, אַז דאָס רוב זיינען דאָס ניט מענשן פון וועלכע ס'איז אידייען, נאָר קאַריערעריסטן, וואָס האָבן אין זינען בלויז פּרנסה. אַ באַזונדער שווערן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט איינער פון זיינע חברים אינ'ם פּריוווילינגן כאַטאַליאָן, אַ משומד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער ציניק און האָט גאַנצענע טעג געשכור'ט. דער דאָזיגער משומד איז דאָס געווען דער שפּעטערדיגער צענזאָר פון יידישע ביכער אין פּעטערבורג, זוסמאַן. אָט דער זוסמאַן, בעת ער פלעגט בלייבן אליין מיט בן-דוד'ן, האָט ניט אויפגעהערט צו שיטן פעך און שוועבל אויף די סלאַוון און אויף די רוסן בכלל, און האָט זיך גאַנץ אָפנהאַרציג אַרויסגעזאָגט, אַז „דאָס יידיש בלוט, וואָס פליסט אין זיינע אָדערן דערלאָזט אים ניט צו שלאָגן זיך מיט די טערקישע ברידער". אלא וואָס טוט ער דאָ ביי טשערנייעוון? ער זוכט נאָר דעם קערבל. פון דער צווייטער זייט האָט בן-דוד באַמערקט, אַז די קריסטליכע וואָלאָנטערן באַציהען זיך מיט חשד און מיט פאַראַכטונג צו זייערע יידישע חברים. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז צום סוף האָט זיך בן-דוד לגמרי אָפּגעטרייסלט פון דעם „סלאַוויאַנאָפילנטום", און ס'האָט זיך אין אים דערוועקט דער אַלטער סאָציאַליסט.

פון סערביע איז בן-דוד אַוועק קיין דרום-רוסלאַנד, און אין קיעוו איז ער צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, אין וועלכער ער איז געוואָרן איינער פון די פלייסיגסטע אַרבעטער, וועלכן מ'האָט אָנגעטרויט די שווערסטע און די פאַראַנטוואָרטליכסטע מיסיעס. אַזוי האָט אַמאָל פּאַסירט, דאָס די גרופּע האָט באַדאַרפט באַפרייען איינעם אַ פּאָליטישן פאַרברעכער, וועלכער איז געזעסן אין געפענגעניש אין אַ שטאָט ניט ווייט פון קיעוו (דעם נאָמען פון דער שטאָט איז מיר היינט אַרויס פון זינען). די דאָזיגע מיסיע האָט די גרופּע איבערגעגעבן בן-דוד'ן, וועלכער האָט זי גאַנץ געלונגען אויסגעפירט אויף זעהר אַ מערקווירדיגן אופן. ער איז גלייך אַוועק אין דער שטאָט, וואו עס איז געזעסן אַרעסטירט דער „פאַרברעכער". דאָרט איז ער אַריין צום „סטאַראָסטע" פון „מעשטשאַנסקע אופּראַווע" און האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל נאָכקוקן ווער פון די יידישע יונגע לייט, האָט זיך ניט געשטעלט צום לעצטן פּריזיוו. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די ביכער, אַז ס'האָט געפעלט צום פּריזיוו אַ ייד מיט דעם פאַמיליען-נאָמען „קיבריק". בן-דוד איז תיכף אַוועק אין דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, דאָרטן האָט ער געזאָגט, אַז ע ר איז דאָס דער „קיבריק" און האָט געבעטן מ'זאָל אונטערזוכן דעם מצב פון זיין געזונטהייט, צו טויג ער צום מיליטער-דינסט. באַלד האָט מען בן-דוד'ן צוגענומען צום מיליטער, און מ'האָט אים די ערשטע צייט געלאָזן דינען אין דעם שטאָטישן גאַרניזאָן. אין איין אָוונט האָט מען אים אַוועקגעשטעלט אויפ'ן פּאָסטן ביי דעם אָרטיגן געפענגעניש. מיט דעם האָט ער זיך באַנוצט און שפּעט אין דער נאַכט האָט ער אונטערגעצונדן אויפ'ן הויף פון געפענגעניש אַ הילצערנעם שפּייכלער. בשעת דער פּלוצלונדיגער מהומה, וואָס איז געוואָרן ביי די אַרעס-

טאַנטן אין די קאַמערן, האָט זיך דער „פּאָליטישער" אין דער שטיל אַרויסגע־מאַכט און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

נאָך דער רעטונג פונ'ם רעוואָלוציאָנער האָט זיך בן־דוד אָפּגעשטעלט דינען אין מיליטער ווי געווען. מ'האָט אים דאַמאָלט אַריבערגעפירט קיין קאַזאַן, וואו מ'האָט אים באַשטימט אויף די קורסן פון די מיליטער־פעלדשערס, און אַלס אַזעלכער האָט ער פאַרענדיגט זיין דינסט. נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפרייט פון מיליטער—דאָס איז געווען אין די אָנפאַנג אַכציגער יאָרן—האָט ער זיך באַזעצט אין זשיטאָמיר.

III.

די ווירקונג פון די ערשטע פּאָגראָמען אויף בן־דוד'ן.—ער ווערט נאַציאָנאַליסטיש געשטימט.—ער ווערט אַ קאָרעספּאָנדענט אין „רוסקי יעווריי" און „המליץ".—בן־דוד באַזעצט זיך אין אָדעס.—ער גיט זיך אַליין איבער אין געריכט.—ער ווערט באַפרייט.—ער רופט זיך צוריק מיט זיין אַלטער פאַמיליע.—זיין ליטעראַריש־ערציהערישע טעטיגקייט.—בן־דוד וועגן זיין עבר.

די דאַמאָלסדיגע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד האָבן אין אים אַרויסגערופן אַ גרויסע אידייאישע איבערקערעניש. ביסלעכווייז האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעוואָלוציאָנערער־אידעאָלאָגיע, און האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. ער האָט זיך אומגעקערט אויף צו העברעאיש, וועלכע ער האָט מיט דער צייט איינגאַנצן פאַרגעסן. ער האָט געפּרובט שרייבן רוסישע קאָרעספּאָנדענציעס אין „רוסקי יעווריי" מיט דער אונטערשריפט „קיבריק" און העברעאישע קאָרעספּאָנדענציעס אין „המליץ" און „היום" מיט דער חתימה „קול עברי".

אין אַ יאָר דריי אַרום איז בן־דוד אַריבערגעפאָרן קיין אָדעס, וואו ער איז געוואָרן אַ פּריוואַט־לערער פון אַלגעמיינע למודים. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ער אַריין צום פּראָקוראָר, האָט אים דערציילט, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ פרעמדן נאָמען און האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים ערלויבן אָנצונעמען צוריק זיין אַלטע, ריכטיגע פאַמיליע „דאַווידאָוויטש". דער פּראָקוראָר האָט תיכף איבערגעגעבן בן־דוד'ן צום געריכט אינ'ם אָדעסער „אָקרוזשנאַי סוד". ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגענומען אַ פרעמדע פאַמיליע, איז לא די וואָס ער האָט זיך קיין שום נוצן ניט געבראַכט, האָט ער נאָך דערפילט אַ פרעמדע התחייבות און זעהר אַ שווערע, ווי מיליטערדינסט, האָבן אים די געשוואָרענע ריכטער פריי געשפּראָכן און צוריקגעקערט אים זיין אמת'ע ערשטע פאַמיליע „דאַווידאָוויטש".

אין אָדעס האָט בן־דוד זיין רעוואָלוציאָנערן עבר איינגאַנצן ליקווידירט און איז געוואָרן אַ הייסער יידישער נאַציאָנאַליסט. דאַן האָט ער זיך גענומען

צו דער ליטעראַרישער טעטיגקייט, באַזונדערס אין העברעאיש, און האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער ערציהונג פון דער יידישער יוגנט, און אויף דעם באָדן איז ער צווישן דעם העברעאישן לעזע-פּובליקום פון די מיטעלע אַכציגער ביז דעם סוף נײַנציגער יאָרן געוואָרן אײנער פון די פּאָפּולערסטע שריפטשטעלער.

* * *

די דאָזיגע עפּיזאָדן, וועלכע בן-דוד האָט מיר דערציילט אין יענעם ווינטערדיגן פאַרטאָג, האָט ער פאַרענדיגט מיט די פאָלגנדע ווערטער:

— פיל האָב איך געגרייזט אין מיין לעבן, פיל פעלערן האָב איך אָפּגעטאָן. אויף קיין זאַך האָב איך קיין חרטה ניט. אַלץ שטעל איך אַוועק אויפ'ן חשבון פון דער ברויזנדיגער יוגנט. נאָר איין זאַך קען איך מיר בשום אופן ניט מוחל זיין, מיין „סלאַוויאַנאָפילנטום“. מיט וועמען האָב איך מיך געחבר'ט? פאַר וועמען בין איך נעגאַנגען פאַרגיסן מיין בלוט? פאַר דם-שונאים! פאַר פּאָגראָמשציקעס? אָט מיט דעם וועל איך מיך תמיד שעמען.

א. ווייטער (אײַזיק מאיר דעווענישקי).

(געבוירן—1880; געשטאָרבן—1919).

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט ווייטערן איז געווען אין די באַוואוסטע „פרייע טעג" פונם יאָר 1905. דאַמאָלסט בין איך געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „הזמן", וואוהין ער פלעגט גאַנץ אָפט קומען באַזוכן זיין געוועזענעם ישיבה־חבר שמואל טשערנאָוויטש (ספוג), וועלכער האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין דעם דערמאָנטן העברעאישן בלאַט. איך געדענק, אַז טשערנאָוויטש האָט אים מיר דאַן פאָרגעשטעלט מיט זיין פאַמיליע־נאָמען ד ע־וו ע נ י ש ק י. און אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. דעם פסעוודאָנים „ווייטער" האָט ער ערשט אָנגענומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, בשעת ער האָט פאַר־עפנטליכט זיין ערשטע דראַמע „פ אַ ר ט אָ ג".

I.

ווייטער אַלס פעליעטאָניסט אין ווילנער „סעוועראָ־זאַפּאַדני גאָלאָס".—ווייטערס ראָל אין „בונד".—זיין אומצופרידנקייט מיטן „קליינעם בונד".—ווייטער אַנטי־קעגן די אַרויסטרעטונגען אין די בתי־מדרשים.

אין דער צייט, וואָס כ'האָב מיך באַקאַנט מיט ווייטערן, האָט ער צוזאַמען מיט ש. גאָרעליקן געאַרבעט אין דעם אָרטיגן פּראָגרעסיוון „סעוועראָ זאַפּאַדני גאָלאָס", אין וועלכן ער פלעגט שרייבן טעגליכע קורצע פעליעטאָנען מעניני דיומא, און באַזונדערס וועגן שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט שוין דענסטמאָל אָפיציעל אָנגעהערט צום „בונד", אָבער פון זיינע פעליעטאָנען האָט זיך דאָס ניט אַרויסגעוויזן. אין געגנזאַץ צו דעם שטענדיג נערוועאישן און אויפגערעגטן גאָרעליקן, איז ווייטער געווען אין זיין שרייבן רוהיג און געלאַסן, דערפאַר אָבער ברייטער און טיפער.

אין „בונד" האָט ווייטער דאַמאָלסט פאַרנומען זעהר אַ חשובן, אויב ניט דעם חשובסטן אָרט. ער איז ניט געווען פון די פייערדיגע אַגיטאַטאָרן, ער איז אויך ניט געווען פון די איבערהיצטע עסקנים, און דאָך האָט ער געפירט אין דער באַוועגונג אַן אָנפירנדיגע ראָל. אין די בונדיסטישע קרייזן האָט מען

געהאַלטן ווייטערן פאַר דעם מער זאַכליכער און מיושבדיגער און דעריבער האָט מען זיך תמיד מיט זיינע מיינונגען זעהר גערעכנט. ווייטערס אַ וואָרט האָט געהאַט אַ באַדייטונג.

איך געדענק אַ זאַ פאַקט:

דאָס איז געווען אינמיטן אָקטאָבער 1905. אין ווילנע האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָליטישע שטרייקן מיט דער באַטייליגונג פון „בונד". אין אַ געוויסן טאָג זיינען אין רעדאַקציע פון „הזמן" אריינגעקומען עטליכע פערצן-פופצן יאָריגע יינגלאַך, מיטגלידער פון „קליינעם" בונד, אַראָפּצוטרייבן אונז פון דער אַרבעט. האָט זיך דאַן פאַרגעלוסט דעם סעקרעטאַר פון רעדאַקציע, דעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער, י. בערשאַדסקי, אַביסל אָפּצושפּאַסן פון די קליינע אַגיטאַטאָרן, און האָט זיי קאַטעגאָריש מודיע געווען, אַז דער „זמן" האַלט ניט פון שטרייקן, און אַז די צייטונג מוז אַרויסגיין אויף אַלע פאַלן. דאָ האָבן זיך די יינגלאַך צוקאָכט, און האָבן גענומען סטראַשען מיט טעראָר... אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר, און עס איז אַריינגעגאַנגען ווייטער. ווי די קליינע „חברים" האָבן אים נאָר דערזעהן, זיינען זיי תיכף צעלאָפן, ווי דער רוח וואָלט זיי גענומען...

ווי מיר האָבן נאָכהער דערגאַנגען האָט ווייטער דעם קליינעם „בונד" קיינמאָל ניט געקענטליידן, און האָט אים פיינט געהאַט שנאת-מות. פלעגט מיט אים ווער נעמען אַמאָל רעדן וועגן דער דאָזיגער „אָרגאַניזאַציע", איז ער דערפון זעהר אומצופרידן געווען, און תמיד האָט ער געזעהן ווי ווייט מעגליך אויסצומיידן אַזעלכע שמועסן. לאָזט מיך צורוה — אַזוי פלעגט ער געוויינטליך ענטפערן — די ווילדע גראָז, וואָס איר זעהט, איז אויסגעוואַקסן אָן מיר...

נאָר אייניגע האָבן געוואוסט וויפיל ווייטער האָט אין „יענע טעג" מאָראַליש געליטן דורך די חוצפּהדיקע אַרויסטרעטונגען פון געוויסע אומפאַראַנטוואָרטליכע „חברים" אין די קלויזן און בתי-מדרשים. גאַנץ אָפט פלעגט ער קומען צו אונז אין רעדאַקציע אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. אַז הלל צייטלין איז אַמאָל אַרויס אין „הזמן" געגן דעם דאָזיגן חלול-הקודש מיט זעהר אַ שאַרפן פעליעטאָן, איז אויף מאָרגן געקומען ווייטער און האָט אים אויסגעדריקט דערפאַר אַ גרויסן יישר-כח.

ס'איז נאָך צו באַמערקן, אַז מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט פלעגט ווייטער אויפנעמען די ידיעה, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס דעם צי יענעם סקאַנדאַל אין דעם צי אין יענעם בית-מדרש האָט געמאַכט ניט קיין בונדיסט, נאָר אַ ס"סאָוועץ אָדער אַ איסקראָוועץ...

ט.

דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק אין ווילנע.—וויטערס אימפּראָוויזירטע רעדע אויפן ערשטן מיטינג.—זיין פאָרגעלייגטע רעזאָלוציע.—סאָלדאַטן שיסן אויפן עולם.—עס ווערן דערהרגעט עטליכע יידן.—וויטער דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער לויה.—די מוסטערהאַפטע פּראָצעסיע.

נאָך אַ אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון פון וויטערס געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט אַלס בונדיסטישער עסקן.

דעם 16־טן אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן אין ווילנע אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק. דעם ערשטן סיגנאַל צו דעם שטרייק האָבן געגעבן די אַרבעטער און די אָנגעשטעלטע פון באַן און פון זיי האָט ער זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. באַלד האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן, און ווילנע איז געוואָרן ווי אויסגעשטאָרבן. זייגער 9 אינדערפריה איז אימפּראָוויזירט געוואָרן דער ערשטער מאַסנמיטינג אונטערן פרייען הימל. ס'זיינען אַרויסגעטראָטן רעדנער פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צווישן זיי איז געווען אויך וויטער. וואָס האָט ער גערעדט, זיין קול האָט אים ניט געדינט, אָבער מיט האַרץ. איך געדענק, אַז ער איז דאָס געווען, וועלכער האָט זיינע רייד פאַרענדיגט מיט אַ פאָרגעלעגטע רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט אַראָפּצונעמען תיכף־ומיד פון שטאָט די שמירה פון די קאָזאַקישע פּאַטרולן, כדי עס זאָל ניט קומען צו קיין בלוט־פאַרגיסונג. די רעזאָלוציע איז די מינוט גיך אויפגעכאַפּט געוואָרן פונם טויזנט־קעפּיגן עולם איינשטימיג, און באַלד האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן איבערגעבן איר דער מאַכט. אַ פּראָוואָקאַטאָרישער שאָס ביי דער שטאָט־דומע האָט געבראַכט דערצו, אַז סאָלדאַטן האָבן גענומען שיסן אויפן עולם, און עטליכע מענשן זיינען געפאַלן דערהרגעט. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען יידן.

די בונדיסטן האָבן באַשלאָסן אויסצוניצן די לויה פון די הרוגים פאַר אַ דעמאָנסטראַציע געגן דעם צאַרישן רעזשים. די מאַכט האָט אָבער קיין צופיל עפנטליכע לויה ניט געוואָלט ערלויבן, מורא־האָבנדיג, אַז דאָס קען ברענגען צו צוזאַמענשטויסונגען און עקסצעסן, סיידן אַ געוויסע פערזאָן זאָל איר גאַראַנטירן פאַר דער פולשטענדיגער רוה און אָרדענונג. צו נעמען אויף זיך די דאָזיגע גרויסע אחריות האָט זיך געפונען נאָר איין בעלן. דאָס איז געווען— וויטער. און די דאָזיגע שווערע מיסיע, באַזונדערס לויט די דאַמאָלסדיגע באַדינגונגען, ווען די לופט האָט געשמעקט מיט פולווער, האָט וויטער אויסגעפירט גלאַנצעדיג, ממש קינסטלעריש. ס'האָט זיך פאַר אַלעמען צנטפּלעקט, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ געוואַלדיגע אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט.

וויטער אַליין האָט דאַמאָלסט אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן וועגן דעם סדר פון דער לויה. ער אַליין האָט באַשטימט די אָרדנערס, האָט איט־

ליכן פון זיי אַרויסגעגעבן די נויטיגע אָנווייזונגען און דירעקטיוון, און האָט זיך ניט באַרוהיגט ביז ער איז געוואָרן זיכער, אַז אַלץ וועט אויסגעפירט ווערן מיט דער גרעסטער גענויאיגקייט און פינקטליכקייט. קאָלאָסאַלע, און מ'קען זאָגן ניט קיין מענשליכע כחות האָט ווייטער אַריינגעלייגט אין דער אָרגאַניזירונג פון דער לויה, וועלכע איז אַרויס גאַנץ געלונגען, און איבער אַלע פאַר־שטעלונגען.

מ'האָט דאַמאָלסט געזאָגט, אַז אַן ערך פון דרייסיג טויזנט מענשן האָבן זיך באַטייליגט אין דער לויה. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן היבשע עטליכע שעה. די גאַנצע צייט איז די קייט אַרום איר געבליבן אַייזן־פעסט; קיין איינציגן מאָל האָט זי זיך ניט איבערגעריסן. ווייטער אַליין איז געגאַנגען בראש. מינוטנווייז פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, אומקערן זיך מיטן פנים צום עולם, און מיט אַ רויטער טיכל אין האַנט האָט ער געגעבן די נויטיגע, פון פריער באַשטימטע סיגנאַלן וואָס צו טאָן און ווי מ'דאַרף זיך האַלטן.

גאַנץ פריה האָט זיך די לויה געענדיגט, ווען ערשט פאַר־נאַכט איז זי אָנגעקומען אויפן בית־עלמין. דאָרטן האָבן מיטגלידער פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מספיד געווען די הרוגים, און נאָכדעם איז זיך דער עולם גאַנץ רוהיג צוגאַנגען. צוריק אין שטאָט איז מען געקומען שפּעט אין דער נאַכט.

אַזוי איז די לויה, וועלכע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן, אימפּאָזאַנטן אייַנדרוק, אַריבערגעגאַנגען בשלום, אין דער גרעסטער רוה און אָרדענונג, אָן אַ שום אינצידענט.

III.

דעם „הזמנם" טרויער־לענטע אויף די אָרונות פון די הרוגים.—דער ויכוח וועגן דעם נוסח פון דער טרויער־לענטע.—דער אָנגענומענער נוסח.—ווייטער'ס מורא פאַר ד"ר קאַנטאָרס הספד.—דער אייַנדרוק פון קאַנטאָרס הספד־דרשה.—פּאָליציע וויל אַרעסטירן ווייטערן.—ווייטער אַנטלויפט אין שלום־עליכמ'ס היטל.

און נאָך אַ פּאָר פּרטים וועגן ווייטערן, וואָס האָבן אַ געוויסע שייכות צו דער דערמאָנטער לויה, דאַרפן דאָ איבערגעגעבן ווערן.

אין דער לעצטער נאַכט פאַר דעם טאָג פון דער לויה איז ווייטער אַריינגעקומען צו אונז אין רעדאַקציע און האָט פאָרגעלעגט, אַז דער „זמן" זאָל אויך אַרויפלעגן אַ טרויער־לענטע אויף די אָרונות פון די הרוגים. דער פאָרלעג איז תיכף אָנגענומען געוואָרן. באַלד האָבן מיר, די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, גענומען באַקלערן, וואָס פאַר אַ נוסח מ'זאָל געבן דער אויפ־

שריפט. איטליכער פון אונז האָט זיך פאַרגעלעגט זיינס: איינער — אַ געוויסן פסוק פון תנ"ך, דער צווייטער האָט אַרויסגעפונען אַ ווערטל פון פייטן; טאַוויאָוו, אונזער פרייטאָגדיגער פעליעטאָניסט, האָט זיך גאָר גענומען ווינצלען מיט קאַלאַמבורען. ס'איז אַוועק אַ שיינע ווײַלע, און מ'איז צו קיין טאָלק ניט געקומען. דאָ איז ווייטער ווי אַרויס פון געדולד און האָט אויסגערופן: חברים! וואָס מאַרודעט איר? וואָס רייבט איר די צייט? ס'דאַרף זיין דער עיקר קורץ און שאַרף, און ווייטער גאָרניט!

„קורץ און שאַרף" — דאָס איז געווען איינער פון ווייטערס כאַראַקטערי-סטישערע דעוויזן הן אין טעגליכן לעבן, הן אין דער ליטעראַטור.

ווייטערס אויסרוף האָט געמאַכט אַ רושם. בן-אביגדור האָט געכאַפּט און פאָרגעשלאָגן אַ נוסח, אויף וועלכן מיר האָבן זיך אַלע תיכף אָפּגעשטעלט.

דער נוסח איז גראָד אַרויס גאָר ניט קיין געלונגענער, און זעהר ניט קיין סטיליסטיש-ליטעראַרישער.

אויף דער טרויער-לענטע, וואָס די רעדאַקציע פון „הזמן" האָט אַוועקגעלעגט אויף די ארונות פון די הרוגים, זיינען געווען אָנגעשריבן די פאָלגנדע ווערטער.

„להקרבנות הנקיים של שרירות לב הפוליציה" (צו די אומשולדיגע קרבנות פון דער פאָליציי-אישער ווילקיר").

מיר מיט טאַוויאָוון אי'ז גראָד אויסגעקומען צו פאָרן אויף דער לויה פון די הרוגים צוזאַמען אין איין דראָזשקע מיט'ן דאַמאָלסדיגן ווילנער ראַבינער ד"ר קאַנטאָר.

אונזער דראָזשקע האָט זיך פאַרבייפאָרנדיג אויסגעגלייכט מיט דער פראָצעסיע. ווייטער האָט אונז באַמערקט.

אויפ'ן בית-עלמין אינמיטן טומל איז צו מיר עמיצער צוגעלאָפן זאָגן, אַז ווייטער זוכט מיר. כ'האָב באַלד אויפגעזוכט ווייטערן. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אין אַ ווינקל, און ער האָט מיר ווי איינגעראַמט אין אויער:

— ביי די ארונות פון די הרוגים קלייבן מיר זיך אַרויסצוטראָגן פאַר דער וועלט אַ גרויסן און אַ שאַרפן פראָטעסט וועגן דעם הערשנדיגען מצב. דער מאָמענט איז אַ דערהויבענער און אַ הייליגער. דער איינדרוק, וואָס ער וועט איבערלאָזן, דאַרף אויך פאַרבלייבן הייליג. אַייער ד"ר קאַנטאָר וועט דאָך דאָ געוויס דרשה'נען. זעהט מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז ער זאָל אונז למען השם ניט קאַליע מאַכן, חלילה, דעם רושם...

אויף דעם האָב איך דאַמאָלסט ווייטערן אומגעפער געענטפערט:

— איך וועל וועגן דעם מיט קאַנטאָרן ניט ריידן; איך האַלט דאָס פאַר איבעריג. איר קענט זיך פולקום פאַרלאָזן אויף קאַנטאָרס טאַקט.

און איך האָב געטראָפן.

קאַנטאָר האָט געהאַלטן זעהר אַ געראָטענע הספד-דרשה. פאַרבייגייענדיג

האָט ער, גאַנץ פאָרזיכטיג אפילו, אויך עטליכע שיינע שפּילקעס אַריינגעלאָזן דער ביוראָקראַטיע, און דער עולם האָט ביטערלאַך געוויינט.

* *
*

עס זיינען אַריבער עטליכע טעג. ס'איז שוין געווען „לאחר מתן קאָנסטי־טוציע", ד. ה. נאָכן באַוואוסטן אָקטאָבער־מאַניפעסט. אין די פּעטערבורגער היגע ספערן האָט מען שוין דאַמאָלסט באַשלאָסן צו דערטרינקען די רעוואָלו־ציע אין בלוט, און באַזונדערס אין יידיש בלוט...

איינמאָל, דאָס איז געווען שבת בייטאָג, בין איך מיר אַזוי געזעסן אין דער רעדאַקציע פון דעם העברעאישן קינדער־זשורנאַל „החיים והטבע", (וועלכע האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אין איין וואוינונג מיט דער רעדאַקציע פון „הזמן"), און געשמועסט מיט דעם רעדאַקטאָר י. לעווינער און מיט שלום־עליכמ'ן, וואָס איז גראָד דאַמאָלסט דורכגעפאָרן ווילנע, און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי לעווינערן אויף נאַכט־לעגער.

מיט אַמאָל איז אַריינגעפלויגן ווייטער ניט טויט ניט לעבעדיג און בלאַס ווי אַ טוך, און הייזעריג ווי די וואַנט האָט ער קאָם אויסגערעדט:

— אפשר האָט איר, יידן, אַ היטל, איך מוז ווי דעם לעבן האָבן אַן אַנדער היטל!...

מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּיס ניט קיין גלאַטע זאַך, און שלום־עליכם האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן:

— אָט נעמט און טוט אָן מיין היטל; איך האָב אין טשעמאָדאַן אַן אַנדערע...

ווייטער האָט תיכף געכאַפּט און אָנגעטאָן שלום־עליכמ'ס קאַראַקולענע היטל, און איז די מינוט ניט געוואָרן.

ווי מיר האָבן זיך נאָכדעם דערוואוסט, האָט די אָרטיגע פּאָליציי באַקומען דעם באַפעל וואָס גיכער צו אַרעסטירן ווייטערן. ווייטער איז דערפון באַצייטנס דערגאַנגען און האָט געמאַכט פליטה.

IV.

דער „הזמן" אַ שכן פון דער בונדיסטישער „פאָלקס צייטונג".—די ווגלאַך פון די בוידע רעדאַקציעס.—יהושע שטיינבערג'ם טעותים.— אַ כאַראַקטע־ריסטישער פאַקט. — ניקאָלײַ דעם צווייטנס מאַניפעסט. — בחסד עול אַנשטאָט בחסד אל'.—שטיינבערג סטראַשעט מיט קאַטאָרגע.—דער טעות ווערט אויפגע־קלערט. — מ'צושווידט די ווגלאַך.

אין די יאָרן 1905—6 האָבן זיך געדרוקט אין ווילנע ביי ראָמ'ען צוויי־יגליכע בלעטער: די יידישע סאָציאַליסטישע „פאָלקסצייטונג", אַ גלגול פון

„וועקער“, און דער העברעאישער דעמאָקראַטיש=בורזשואַזער „הזמן“. הגם די רעדאַקציעס פון די דאָזיגע ביידע צייטונגען האָבן זיך געפונען ביי דער זעלבער מאַנטער דרוקעריי אויף איין טרעפּ, האָבן זיי פונדעסטוועגן איינע מיט דער אַנדערער קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט; יעדערער פון זיי איז זיך געווען ווי אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך, מיט אירע באַזונדערע אינטערעסן און מיט אירע באַזונדערע דאגות. אין נאָהענטע באַציהונגען זיינען געשטאַנען נאָר די יינגלאַך פון די צוויי רעדאַקציעס, וועלכע פלעגן אַלע אָוונט ביידע צוזאַמען אַוועקטראָגן די גראַנקעס צום צענזאָר און פאַרברייגען דאָרטן אַ צוויי, דריי שעה. ניט איינמאָל האָט דער דאָזיגער צוזאַמענגיין פון די יינגלאַך געבראַכט צו זעהר פאַרדריסליכע אינצידענטן. דער צענזאָר, יהושע שטיינבערג, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן פון אַ בן=שמונים, און האָט תמיד געברענט ווי אַ פייער אי אויף דער „פאָלקסצייטונג“ אי אויפן „הזמן“ פאַר זייער „שוין צו העזה'דיגן טאָן“ קעגן דער ביוראָקראַטיע, האָט געהאַט כמעט יעטווידער טאָג צו מאַכן אַ וואָסער עס איז שטרייכגע באַמערקונג דעם צו יענעם בלאַט. דאָס רוב פלעגט ער אָבער פאַרבייטן די יינגלאַך, און דעריבער פלעגט גאַנץ אָפט טרעפן, אַז דאָס, וואָס ער האָט געמיינט איבערגעבן דער רעדאַקציע פון „הזמן“, האָט ער, על פי טעות, איבערגעגעבן דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס=צייטונג“, און אַזוי אויך פאַרקערט, באופן, אַז אין ביידע רעדאַקציעס פלעגט מען זיך יעדן מאָל דאַרפן ברעכן דעם מוח אום צו פאַרשטיין וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און צוליב דעם פלעגט אויף אַ ווײַלע ווערן אַ געלאַפעריי פון איינער אין דער אַנדערער...

אַזעלכע „טרויעריגע“ צופאַלן האָבן פּאַסירט אַ סך מאָל. איך וועל דאָ אָבער ברייגען בלויז איינעם, וועלכער איז מער כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַדינגונגען פון דער העברעאיש=יידישער פרעסע אין די דאַמאָלסטדיקע אַזוי=גערופענע „פרייע טעג“.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער „הזמן“ געבראַכט אַ מאַניפעסט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. לויט דעם סטערעאָטיפּישן נוסח פון אַלע מאַניפעסטן, האָט זיך אויך יענער אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „בחסד אל“ (ד. ה. מיט גאָטס=גנאָד). דורך אַ פאַרזעהען, אַ פריער פון זעצער און נאָכדעם פון קאָרעקטאָר, האָט זיך אָבגעדרוקט אין בלאַט „בחסד עול“, וואָס ס'האָט לייכט געקאָנט ווערן געלייענט: „בחסד עָוֶל“, ד. ה. מיט דער גענאָד פון אַ פאַרברעכער. אין אָוונט, ווען די יינגלאַך פון די ביידע רעדאַקציעס זיינען געקומען מיט די גראַנקעס, האָט זיך שטיינבערג גלייך אַרויפגעוואָרפן אויף איינעם פון זיי — און מעשה=שטן איז דאָס גראָד געווען דער יינגל פון דער „פאָלקס=צייטונג“ — מיט קולות און מיט געשרייען: סטייטש, בייסער קיין מאַניפעסטן דאַרף מען צו מיר ניט טראָגן, האָט מען דאָס געדאַרפט אָפּטאָן אַזאַ מין אַקט? דאָס שמעקט דאָך ניט בלויז מיט צומאַכן דאָס בלאַט, נאָר אויך מיט סיביר, מיט קאַטאָרגע! זאָל שוין, אָט די מינוט, קומען צו מיר דער רעדאַקטאָר! דערהערנדיג אַזעלכע דבורים, האָ-

שווין דער יינגל ניט געפּרעגט וואָס און ווען, און איז גלייך אַוועקגעלאָפן אָנ־זאָגן די גוטע בשורה אין רעדאַקציע. ס'איז אַריבער נאָר אַ קליינע ווײַלע, און ניט טויט ניט לעבעדיג איז אַריינגעפלויגן צו שטיינבערגן דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער „פאָלקסצייטונג". ערשט דאַן האָט זיך אויפגעקלערט אַז דאָס האָט שטיינבערג פאַרביטן די יוצרות...

פון דאַמאָלסט אָן האָט מען די ייִנגלאַך צושיידט. מ'האָט געמאַכט, אַז זיי זאָלן טראָגן די גראַנקעס צום צענזאָר אין באַזונדערע צייטן. אָבער דורך דעם האָט זיך דערווײַלע איבערגעריסן די איינציגע שייכות, וואָס איז נאָך געווען צווישן די ביידע רעדאַקציעס, און די געגנזייטיגע פרעמדקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן.

אַן אויסנאַם האָבן געמאַכט נאָר צוויי מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקס־צייטונג": ב. צביון און א. ווייטער, וועלכע האָבן געהאַט שטענדיגע פאַרבינדונגען מיט די מיטאַרבעטער פון „הזמן", און ניט זעלטן באַזוכט די רעדאַקציע.

צביון און ווייטער אַלס אָפטע אײַנגײער אין דער רעדאַקציע פון „הזמן" — ווייטערס תקונים אין בערשאַדסקי'ס לשון.

צביון האָט אין דערזעלבער צייט מיטגעאַרבעט (אונטער זיין נאָמען בן־ציון האָפמאַן) אויך אין „הזמן", אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטליכט אויסער אייניגע וויסנשאַפטליכע פעליעטאָנען, באַזונדערס וועגן עלעקטראָ־טעכניק, אויך אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די פאַרשיידענע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז כמעט איטליכעס מאָל ווען ער איז געזעסן אונטן אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס צייטונג", פלעגט ער פון דאָרטן אַרויפלויפן אויבן אין „הזמן", און איז אַזוי אַרום געוואָרן ביי אונז אַן אייגענער מענש. בשעת ס'האָט מיט אַ צייט שפּעטער אויסגעבראָכן אַ גרויסער געלט־סכסוך צווישן די מיטאַרבעטער פון „הזמן" מיט די פאַרלעגער, האָבן מיר דאַן אויסגעקליבן פאַר אַ בורר פון אונזער צד ניט קיין אַנדערן ווי צביונען.

אויך ווייטער פלעגט כמעט תמיד פון דער „פאָלקס־צייטונג" אַרויפ־גיין צו אונז אין „הזמן", און שטענד'ג מיט דער איינציגער פראַגע אויף די ליפּן. „וואָס הערט זיך עפּיס, חברים, אין יידישקייט?" קענטיג, אַז די

„יידישקייט״ פון „פאָלקס־צייטונג״ איז אים שוין דאַמאָלסט געוואָרן צו ענגליך און ער האָט אים ניט באַפרידיגט, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די שעה, וועלכע מיר לעבן איבער און פאַר וועלכער מיר ברענגען אַזוי פיל קרבנות, איז דאָס די שעה פון „פּאַרטאָג״, וואָס זאָגט אָן אַ ליכטיגן פרימאָרגן אָט דאָ אויף אַן אָרט...

כדי צו געבן ווייטערן די מעגליכקייט צו דערגיין וואָס עס „הערט זיך אין יידישקייט״, פלעגן מיר אים דערלאַנגען, לויט זיין בקשה, דעם לעצטן ביטל העברעאישע זשורנאַלן און בראָשורן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין רעדאַקציע. ווייטער פלעגט זיך מיטן פעקל פאַררוקן אין אַ ווינקל, כדי קיינעם ניט צושטערן אין דער אַרבעט, און פלעגט זיך אַזוי אַ געוויסע צייט זיצן און לייענען, ניט אויסריידנדיג מיט קיינעם קיין וואָרט, און אַזוי אומבאַמערקט זיך אַוועקגיין...

נאָר איינינע מאָל, געדענק איך, האָט ווייטער מפסיק געווען אינמיטן זיי לייענען, און האָט געבראָכן זיין שווייגן, און אָט צוליב וועלכער סבה:

דער דאַמאָלסטיגער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, דער יונג־פאַר־שטאָרבענער שריפטשטעלער בערשאַדסקי, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער רובריק „פון דער רוסישער פרעסע״, איז געווען אַ גרויסער פעדאַנט בנוגע דער ריכטיגקייט פון דער איבערזעצונג, און האָט זיך תמיד אָנגע־שטרענגט אויסצוגעפינען דעם העברעאישן וואָרט, וועלכער זאָל מיט זיך אויסדריקן אַלע ניואַנסן פונם רוסישן וואָרט. טאָמער האָט זיך דאָס אים ניט איינגעגעבן, האָט ער שוין געהאַט די טבע צו ווענדן זיך צו די אַנדערע מיטאַרבעטער מיט דער פראַגע: אפשר קענט איר מיר ווער אויס־העלפן אין דעם און אין דעם העברעאישן וואָרט? אָט אויף דער דאָזיגער פראַגע האָט זיך ווייטער פון זיין ווינקל וויפיל מאָל אָפּגערופן: ווי מיר דאַכט, וואָלט דאָ געפאַסט דער און דער וואָרט, און בערשאַדסקי, וועלכער האָט באַזעסן אַ שאַרף אַנטוויקלטן שפּראַכליכן געשמאַק, פלעגט תמיד מסכים זיין מיט ווייטערן און זיך באַנוצן מיט זיינע ווערטער. דערביי האָט ער זיך אַמאָל אויסגעדריקט:—אָט זעהט וואו עס ליגט העברעאיש: ביי אַ מיטאַרבעטער פון „סיעוועראָ־זאַפּאַדני־גאָלאָס״... קיינער פון אונז האָט דאַן ניט געוואוסט, אַז ווייטער כאַפּט אַמאָל אונטערשרייבן העברעאיש, און אַז ער האָט שוין אויך געפּרובט שיקן אַ שיר דעם „השלח״, און אחד־העם האָט אים ניט אָפּגעדרוקט נאָר מחמת מורא פאַר דער צענזור...

IV.

בן־ישראל אַלס מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „הזמן".—זיין כאַראַקטעריסטיק.—ווייטער ווערט אויפמערקזאַם אויף בן־ישראל׳ן.—זייערע דיסקוסיעס.—די השפּעה פון בן־ישראלס אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען אויף ווייטערס קומענדיגע ווערק.—צוויי אַרומבליאָנדזשענדיגע נשמות.—די סימבאָלישע ענליכקייט פון זייער ביידנס טויט.

ריידעווודיג בשעת זיינע באַזוכן אין „הזמן" איז ווייטער ערשט געוואָרן נאָכדעם ווי עס איז אַריין צו אונז אין רעדאַקציע אַלס מיטאַרבעטער דער שריפטשטעלער בן־ישראל (י. ל. פּופּס). דער דאָזיגער בן־ישראל האָט אין כמה פּרטים געהאַט פיל ענליכעס מיט ווייטערן. אויך בן־ישראלס יונגע נשמה האָט זיך תמיד אין אים געצאַפּלט און געפלאַטערס פון גייסטיגער אומצופרידנהייט; אויך זיין מוח איז געווען אַ צועקבערטער און אַ צונאָגטער פון פאַרשיידענע ספיקות, פון גריבלעריי, פון זוכעניש... אין „הזמן" האָט מען אים אָפּגעגעבן די אָפּטיילונג „פון דער העברעאישער פּרעסע". ער, בן־ישראל, וועלכער האָט שוין אין זיך איבערגעטראָגן און איבערגעווייטאָגט די אַלע פון פאַרשיידענע זייטן דאַמאָלסט אין דער יידישער גאַס אַריינגעוואָרפענע טעאָריעס און לאָזונגען, און קיין איינציגע האָט אים ניט געשטעלט צופרידן, און קיין איינציגע האָט אים ניט באַרוהיגט,—ער האָט געדאַרפט ציטירן פרעמדע מיינונגען, דאָס רוב אויסגעדראָשענע און פיל מאָל איבערגעקייטע, און באַלייכטן זיי לויט דעם שטאַנדפּונקט פון דער רעדאַקציע, וועלכע איז געווען געצוואונגען דורך אירע עקסיסטענץ־באַדינגונגען תמיד צו לאַווירן און צו שווימען מיטן שטראָם...

איז זיך בן־ישראל אַזוי געשטאַנען טאָג־טעגליך ביים פּולט, דאָס רוב אַן אויפגערעגטער און אַ בלאַסער, און האָט געשריבן; דערביי פלעגט ער גאַנץ אָפט איראָניש־ביטער אונטערשמייכלען, און אַ מאָל אויך עפּיס פּרובן אַ רעד טאָן צו זיך אַליין...

און ווייטער האָט אָט דעם בן־ישראלן ניט געקאָנט פאַרבייגיין; ער האָט עס אָרגאַניש ניט געקאָנט. אויב הערצער האָבן אַ שפּראַך, איז זי דאָס געווען יענע שפּראַך, דורך וועלכע זיי האָבן זיך ביידע, ווי אינסטינקטיוו, צוזאַמענגערעדט. פיל מאָל פלעגט זיך ווייטער אויפהויבן און צוגיין צו בן־ישראלס פּולט, זיך אַוועקשטעלן לעבן אים, עפּיס פּרובן אים אַ פרעג טאָן, און אַזוי אַרום פאַרפירן אַ שמועס, וועלכער פלעגט באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הייסע דיסקוסיע. בן־ישראל פלעגט רעדן מיט היץ, מיט טעמפּעראַמענט, און ווייטער—אַ ביסל אַיינגעהאַלטענער, געלאַסענער, און דאָס אינטערעסאַנטעסטע און מערקווירדיקסטע איז געווען, אַז ווי זיי האָבן זיך געמעגט פונאַנדערגיין אין זייערע מיינונגען, איז דאָך געלעגן פיל געמיינזאַמעס און בשותפותדיגעס

אין זייער גאַנצער דענקונגס־אַרט, אין דער גאַנצער קאָנצעפּציע פון זייערע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

נאָך עד היום זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון עטליכע פון בן־ישׂראלס פראַזן בשעת זיינעם אַ געשפּרעך מיט ווייטערן:

— מ'זאָל בויען, זאָגט איר, אָט שוין דאָ אויף די אַלטע בערוועגעס? ניין! אין רויך דאַרף דאָס אַ פייער אַלצדינג אַוועקגיין, אין פייער מוז דאָס אַלץ כלה ווערן, קיין שריד ופליט דאַרף ניט בלייבן; ערשט יעמאָלט וועט מען קענען צוטרעטן צו דער אַרבעט, צום רענעסאַנס...

בשעת איך האָב אין אַ יאָר פיר אַרום, בערך, איבערגעלייענט ווייטערס „אין פייער", האָט זיך מיר געדאַכט ווי כ'וואָלט עפּיס געהערט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג פון יענע בן־ישׂראלס פראַזן...

און ווען איך דערמאָן מיך נאָך דערצו, ווי אַמאָל האָט זיך בן־ישׂראל פונאַנדערגעשריען אינמיטן שמועס מיט ווייטערן:

— אין דער מדבר מוז מען אַוועקגיין, אָפּגעוואוינען זיך פון מענשן דאַרף מען, מיט קיינעם ניט האָבן וואָס צו טאָן, שטומען דאַרף מען און מיט קיינעם ניט רעדן,—דערוועקט זיך אין מיר דער געדאַנק, ווער ווייס, צי האָט זיך אַקאָרשט ניט אָט די פראַזע פאַרוואַלגערט ערגעץ־וואו ביי ווייטערן אין מוח, און האָט אים אין עטליכע יאָר אַרום ניט געדינט פאַר אַ ציגל אין דעם בנין פון זיין דראַמע „דער שטומער"?

וואָרום עס איז לא יתכן, אַז ווייטערס אָפּטע טעאָרעטישע שמועסן מיט בן־ישׂראל'ן זאָלן אין אים עפּיס ניט האָבן איבערגעלאָזן.

* * *

ווייטער מיט בן־ישׂראל'ן—צוויי יונגע אַרומבלאָנזשענדיגע נשמות זיינען דאָס געווען. אַרומבלאָנדזשעט האָבן זיי און געזוכט דעם אמת. און איידער זיי האָבן באַוויזן צו געפינען וואָס זיי האָבן געזוכט, האָט זיי אומברחמנות־דיג אַוועקגעריבט דער טויט.

אַ סימבאָליסטישע ענליכקייט האָבן זיי ביידע געהאַט אויך אין זייער טראַגישן סוף, ביידע זיינען זיי אין דעם רעכטן פונאַנדערבליהען זיך פון זייערע טאַלענטן אויף אַן אומנאַטירליכן אופן געשטאָרבן.

בן־ישׂראל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בערנער טייך, און האָט זיך דערטרונקען. ווייטער איז פאַראַיאָרן אום שביעי של פסח אַ „קדוש" געוואָרן דורך דער קול פון אַ פוילישן לעגיאָנער...

VII.

מײן לעצטע באַגעגעניש מיט װײטערן.—װײטער פילט זיך עלנט.—זײן באַציהונג צו דער פּראָיעקטירטער אויסגאַבע פון אַ ייִדישער ענציקלאָפּעדיע. — װײטער װעגן די תקונים אין זײן ייִדיש. — מײן צוזעגענען זיך מיט אים אויפ׳ן „היס-טאָרישן" בערגל.

װײטער איז דערהרג׳ט געװאָרן אום שביעי של פּסח 1919. דאָס לעצטע מאָל האָב איך מיך מיט אים געטראָפן דעם צװײטן טאָג פּסח ביי דער בעט פון׳ם קראַנקען אַנ—סקי׳ן. מיר זײנען דאַן בײדע צוזאַמען אַװעק. בשעת אונ-זער געשפּרעך אויף דער גאַס האָב איך אים געפרעגט, צי ער האָט זיך שוין געזעהן מיט זײן פאַמיליע אין דװױנישאָק.

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שטילן זיפץ:

— ס׳איז שוין פאַר מיר דאָרטן מער ניטאָ מיט װעמען צו זעהן זיך. מײן מוטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און מײן פאָטער ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אינמיטן דער דײטשער אָקופּאַציע. טאָמער האָב איך נאָך געהאַט אַ ברודער, האָט ער געדאַרפט קומען צו מיר אין סיביר, און איז דאָרטן געשטאָרבן.

דערבײ איז ער אַנטשװיגן געװאָרן. אין אַ קלײנער װײלע אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן װי צו זיך אַלײן:

— אַזוי איז מען דאָס עלנט אין גאָטס װעלט. און מערקװירדיג! צװעלף יאָר אַ ייִנגל בין איך אַװעק פון מײן שטעטל, הײנט װער רעדט אין סיביר — דאָרטן בין איך דאָך געװען אָפּגעריסן פון אַלעמען לגמרי, און פונדעסטװעגן האָב איך מיך נאָך קײנמאָל עלנט ניט געפילט. עלנט, װײזט אויס, איז אַ היים-זאַך...

נאָך אַ קלײנער פּויזע האָט ער געזאָגט:

— דאָך װעל איך מיך פּרובן נאָך פּסח אַראָפּכאַפּן אַ הײם... כאָטש זעהן זיך מיט די מצבות...

איך האָב אים געװאָלט אַרױספירן אויף אַן אַנדער טעמע און האָב אים געפרעגט, צי ער האָט זיך שוין געזעהן מיט׳ן שליח מיוחד, װעלכער איז געקו-מען פון פּעטערבורג צו אַנגאַזשירן ייִדישע שריפטשטעלער מיטצואַרבעטן אין דער פּראָיעקטירטער גרויסער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע.

— ניט פאַר מיר! — איז געװען זײן תשובה קורץ און שאַרף.

כ׳האָב אָן אים פאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט קאָנטעט פון׳ם גאַנצן ענין, און האָב שוין מער די פראַגע װעגן דער ענציקלאָפּעדיע ניט געװאָלט באַרירן. האָט זיך אָבער װײטער אַלײן צו דעם צוריקגעקערט. ער האָט זיך אָפּגערופן:

— פ ר ע מ ד ע זאָלן טראָגן אויף די פּלײצעס מ ײ ן קולטור? איך האַלט דאָס ניט פאַר פּאַסיג.

— וואָס הייסט „פּרעמדע"?—האָב איך אים געפרעגט פאַרוואונדערט— די מלוכה!

— אַך די מלוכה! כ'האָב גאָר פאַרגעסן...

און אין זיין שטים האָט זיך געהערט אַ ביטערע איראָניע.

און מער האָט ער שוין וועגן דעם ניט גערעדט.

אונזער געשפּרעך איז אַריבער צו דער „נ י י ע ר וו ע ל ט". איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר געפעלט זעהר זיין איבערזעצונג פון גאָרקי'ס „קינדהייט".

— האָט איר אָבער געזעהן ווי מ'האָט מיר „געפּראַוועט"?—האָט ער מיר געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— איך האָב געזעהן*)—האָב איך אים געענטפערט—; איך ווער אָבער דערפון ניט שטאַרק נתפּעל. ווי א י ר האָט געשריבן בלייבט דאָך ריכטיגער.

— כ'מיין אויך אַזוי...—האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ—איר זייט אָבער, אַפּנים, קיינמאָל קיין רעדאַקטאָר ניט געוועזן.

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס?

— ווייסט איר דען ניט, אַז אַ רעדאַקטאָר דאַרף „פּראַוועון"?..

ריידינדיק אַזוי מיט ווייטערן האָב איך אים דאַמאָלסט אונטערגעפירט כמעט ביז זיין קוואַרטיר. ער האָט דאַן געוואוינט ביי נ י ג ע ר ן.

איך דערמאָן מיך הייגט, אַז איך האָב מיך מיט אים דעמאָלט פונאַנדער־געזעגנט אויפ'ן בערגל, ניט ווייט פון זיין וואוינונג, אויף וועלכן מ'האָט אים אין עטליכע טעג אַרום דערהרג'ט.

זיינע לעצטע ווערטער זיינען געוועזן:

— הייגט איז געוואָרן פאַרטיג ל י ב ע ר מ אַ נ ס בילד; ער איז אַרויס זעהר געלונגען. די פאָטאָגראַפיע ביי אַייער אַרטיקל דאַרף מאַכן אַן אַיינדרוק**).

ביי דעם האָבן מיר זיך צושיידט.

און קיינער פון אונז ביידן האָט אין יענער מינוט ניט געקאָנט טראַכטן, אַז דאָס צושיידן מיר זיך א ו י ף א י י ב י ג...

---

*) מיר איז דאַן אויסגעקומען צו האַלטן די הגהה פון דער דאָזיגער איבערזעצונג.

**) געמיינט האָט ער מיין אַרטיקל וועגן ליבערמאַנען אינ'ם צווייטן ביכל פון דער „נייער וועלט".

אינהאַלט.

I. א. ש. ליבערמאַן . . . . 3—50
II. אליעזר צוקערמאַן . . . . 50—73
III. העסי העלפמאַן . . . . 73—89
IV. מ. ל. לילנבלום . . . . 89—104
V. די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער
העברעאישער ליטעראַטור . . . . . . 104—133
VI. משה אַראָנסאָן . . . . 133—139
VII. י. ל. דאַווידאָוויטש (בן־דוד) . . . . . . 139—147
VIII. א. ווייטער (א. מ. דעווענישקי) . . . . . 147—160